STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07744

GEVEHLTE VERK

Leo Tolstoy

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גראף לעא טאלסטאי.

געוועהלטע ווערק

פערטער באנד.

1923

היברו פאבלישינג קאמפאני
52-50 עלדרידזש סט., ניו יארק.

קריעג און פריעדען.

פון גראף לעוו טאלסטאי.

ערסטער טהייל.

I.

— וואס זאגט איהר פירסט דערצו, גענוא און לוקקא*) זיינען געווארען ניט מעהר וויא גיטער פון דער פאמיליע באנאפארטע. ניין, איך מוז אייך ווארנען, אויב איהר זאגט מיר ניט, אז מיר וועלען האבען קריעג, אויב איהר וועט זיך נאך אלץ ערלויבען צו פערענטפערן און גלאט מאכען דיא אלע גרוילען און שאנדטהאטען פון דעם רויבער און מערדער באנאפארטע, וויל איך אייך מעהר ניט קענען, איהר זיט מיינער ניט קיין פריינד, ניט קיין איבערגעגעבענער קנעכט, וויא איהר זאגט. נון, וואס מאכט איהר, וואס מאכט איהר? איך זעה, אז איך האב אייך אנגעשראקען, זעצט זיך און דערצעהלט.

אזוי האט גערעדט דיא בעוואוסטע פריילין און האף־דאמע אננא פאוולאוונא שערער, אין מאנאט יולי 1805, ארויסגעהענדיג בעגעגנען א וויכטיגען בעאמטען, דעם פירסט וואסילי, וועלכער איז געקומען דער ערשטער אויף איהר אבענד. אננא פאוולאוונא האט געהוסט שוין פון עטליכע טעג, זיא האט געהאט דיא ג ר י פ, וויא זיא האט געזאגט און אין דיא קארטלאך וואס זיא האט צושיקט צו איהרע בעקאנטע, האט זיא געשריעבען, אז אויב זיי שרעקען זיך ניט אב צו פערברענגען א'ן אבענד ביי א קראנקע, וועט זיא זיין זעהר צופריעדען צו זעהן זיי פון זיעבען ביז ניין א זייגער.

— פריהער פון אלץ זאגט מיר, וויא פיהלט איהר זיך אין געזונד? האט דער פירסט געזאגט, א קוש טהוענדיג איהר אין האנד. ער האט גערעדט מיט א געקליעבענע פראנצויזישע שפראך מיט א ווייכע, בעשיצענדע בעטאנונג, וויא עס רעדט

*) גענוא און לוקקא — צוויי מעכטיגע איטאליענישע ר

געוועהנליך א וויכטיגע פערזאָן, וואָס האָט זיך געעלטערט אין דער הויכער וועלט און ביים האָף.

— וויא קען מען זיין געזונד.... ווען דיא זעעלע ליידעט? קען מען זיין רוהיג אין אונזער צייט, ווען א מענש האָט נאָר א געפיהל? האָט געזאָגט אננא פאַוולאָוונא. איך גלויב, אז איהר וועט ביי מיר פערבלייבען דעם גאנצען אָבענד?

— היינט איז א יום טוב ביים ענגלישען געזאנדטען, היינט איז מיטוואָך און איך מוז זיך דאָרטען ווייזען, האָט דער פירסט געענטפערט. מיין טאָכטער וועט קומען נאָך מיר און וועט מיך אָוועקפיהרען.

— איך האָב געדענקט, אז מען האָט דעם יום טוב אָבגעלעגט. איך זאָג אָפען, אז דיא אַלע קנאַקעריגע ימים טובים ווער: אונערטרעגליך.

— ווען מען זאָל וויסען, אז איהר פערלאַנגט אזוי, וואָלט מען דעם יום־טוב אָב־געלעגט, האָט דער פירסט געזאָגט, אזוי וויא אַן אָנגעדרייטער זייגער, רעדענדיג אזעלכע זאכען, אין וועלכע ער האָט אפילו ניט געוואָלט, אז מען זאָל גלויבען.

— זאָגט מיר, איהר ווייסט דאָך אַלץ, וואָס האָט מען בעשלאָסען וועגען נאָוואָ־סילצעוו'ס דעפעשע?

— וויא זאָל איך אייך זאָגען? האָט דער פירסט געזאָגט מיט א קאַלטען און לאַנגווײלען טאָן. מען האָט בעשלאָסען, אז באָנאַפּארטע האָט פערברענט זיינע שיפען און מיר, דוכט זיך, הייבען אָן צו פערברענען אונזערע.

פירסט וואסילי האָט אימער גערעדט פויל, וויא אַן אַקטיאָר רעדט דיא ראָליע פון אַן אַלטער פּיעסע. און, פערקעהרט, אננא שערער האָט אימער גערעדט מיט וואַרעמקייט, ניט קוקענדיג, וואָס זיא איז שוין אַלט געוועזען פערציג יאָהר.

נאָך א לאַנגען פּאָליטישען געשפּרעך, האָט זיך אננא שערער צוהיצט.

— אַח, רעדט מיר ניט וועגען עסטרייך! האָט זיא געזאָגט, עס קען זיין, אז איך פערשטעה גאָר ניט, נאָר עסטרייך, האָט קיין מאָל ניט געוואָלט און וויל ניט קיין קריעג. רוסלאַנד אַליין דאַרף ראַטעווען גאַנץ אייראָפּא. אונזער וואָלטהעטער ווייס, וואָס פאַר א מיסיאָן, וואָס פאַר א שליחות ער האָט אויסצופיהרען און ער וועט בלייבען טריי זיין בערוף. אונזער גוטען קעניג שטעהט פאַר אויסצופיהרען א גרויסע ראָליע אין דער וועלט און גאָט וועט איהם העלפען צו דערשטיקען דיא שלאַנג פון רעוואָלוציאָן, וועלכע איז נאָך איצט געוואָרען שרעקליכער אין דער גע־שטאַלט פון דעם מערדער און רויבער באָנאַפּארטע.... אויף וועמען קענען מיר

האפען, אויף ווענען קענען מיר זיך פערלאזען ? ענגלאנד מיט איהר ענגען סוחרישען גייסט וועט ניט און קען ניט פערשטעהען דיא ערהאבענע זעעלע פון אונזער קעניג. ויא איז אונז חושד, אז מיר האבען דאביי עפעס א מיין, אז מיר ווילען דא אונ־טערשטעלען עפעס א פיסעל. וואס האבען זיי נאוואסילצעוו'ן געענטפערט ?.... גאר ניט ! און וואס האבען זיי פערשפראכען צו טהאן ? גאר ניט. און אויב זיי האבען עפעס פערשפראכען, וועלען זיי דאס ניט טהאן. פרייסען האט שוין ער־קלערט, אז גאנץ אייראפא וועט גאר ניט קענען מאכען געגען באנאפארטע. נור איך גלויב, אז אונזער קעניג וועט רעטען אייראפא. זיא האט זיך פלוצים אבגע־שטעלט און האט א שמייכעל געטאן, וואס זיא האט זיך אזוי צוהיצט.

— איך דענק, אז ווען מען וואלט אייך געשיקט צום פרייסישען קעניג, וואלט איהר ביי איהם מיט געוואלט ארויסגעריסען זיין צושטיממונג, אזוי שיין רעדט איהר, האט דער פירסט געזאגט, שמייכלענדיג. וועט איהר מיר געבען טהיי ?

— באלד. נאר איך האב אייך פערגעסען צו זאגען, איך וועל היינט האבען צווי אינטערעסאנטע געסט, איינער איז וויקאנט מארטעמאר, ער שטאמט פון איינע פון דיא בעסטע פאמיליען פון פראנקרייך און דער צווייטער איז א גייסטליכער מאריא : ער איז געוועזען עמפפאנגען ביים קעניג.

— אה, איך וועל זיין זעהר צופריעדען

— איהר ווייסט, האט אננא שערער געזאגט נאך א קורצען שטילשווייגען; איהר ווייסט, אז איך טראכט אפט, פאר וואס קומט אייך, איהר זאלט האבען אזעלכע צוויי אויסגעצייכענטע קינדער ? איהר ווייסט ניט וויא צו שעצען זיי און איהר זייט דערפאר ניט ווערטה צו זיין זייער פאטער. נאר דערפאר, בין איך אונצופריעדען מיט אייער איינגסטען זוהן. ביי דער קעניגין האט מען וועגען איהם גערעדט און מען האט אייך בעדויערט.

דער פירסט האט ניט געענטפערט. נור דיא האט געווארט אויף זיין ענטפער און ער האט ענדליך געזאגט :

— וואס ווילט איהר, זאל איך טהאן? איך האב געטאן אלץ, וואס איך האב געקענט, אום צו געבען זיי א גוטע ערציהונג און ביידע זיהן זיינען ארויס נאראנים. איפאליט איז ווייניגסטענס א שטילער נארר און אנאטאל א שרייענדער. דאס איז דער איינציגער אונטערשיעד צווישען זיי, האט ער געזאגט מיט אן אונגאטירליכען שמייכעל און דערביי ארויסגעוויזען אין דיא קנייטשען, וואס האבען זיך געלעגט ארום זיין מויל, עפעס אונערווארטעט רויהעס און אונאנגענעהמעס.

— איהר האָט קיין מאָל ניט נעדענקט חתונה צו מאַכען אייער פעראירטען זוהן אנאַטאָל. מען זאָגט, אז אַלטע מאַדען האָבען אַ משוגעת צו רעדען שידוכים, איך פיהל ניט דיעזע שוואַכקייט, נור איך האָב אַ פּערזאָן, וואָס איז זעהר אונגליקליך מיט איהר פאָטער, אונזער פערוואַנדטע, דיא פירסטען באָלקאָנסקאַיא.

וואַסילי האָט ניט נעענטפּערט, צוואר וויא אַ מאַן פון דער הויכער געזעלשאַפט, וואָס איז געוואוינט פלינק צו איבערלעגען זיך, האָט ער מיט אַ שאָקעל פון קאָפּ געוויזען, אז ער וועט דאָס האָבען אין זינען.

— ער קאָסט מיר 40 טויזענד אַ יאָהר און אויב עס וועט אזוי געהן ווייטער, ווייס איך ניט, וואָס עס וועט זיין. איז זיא רייך דיא באָלקאָנסקאַיא?

— דער פאָטער איז זעהר רייך און קאַרג. ער וואוינט אין דאָרף. ער איז זעהר אַ קלוגער מאַן, נאָר ער האָט זיינע שגעונות. דיא אָרימע איז נעבאָך אונגליקליך מיט איהם. זיא האָט אַ ברודער, וואָס האָט ניט לאַנג חתונה געהאַט מיט ליזא מעינען, ער איז איצט אדיוטאַנט ביי קוטוזאָוו'ן, ער וועט דאָ היינט זיין.

— הערט, ליעבע אַננעט, האָט פירסט וואַסילי געזאָגט, אָננעהמענדיג איהר פלוצים פאַר דער האַנד און אַרונטערבויגענדיג איהר. פיהרט מיר אויס דיא זאַך, און איך וועל זיין אייער איבערגעבענסטער קנעכט. זיא איז פון אַ גוטע פאַמיליע און רייך, און דאָס איז וואָס איך דאַרף האָבען.

און ער האָט מיט זיינע פרייע און גראַציעזע בעוועגונגען, וואָס האָבען איהם אזוי אויסגעצייכענט, אָנגענומען איהר פאַר דער האַנד און אַ קוש געטאָן און דערנאָך געצויגען זיך אין אַ פאָטעל און געקוקט אָן אַ זייט.

— איך וועל נאָך היינט ריידען מיט ליזען (דיא פרוי פון דעם יונגען באָלקאָנסקי) און פיעלייכט וועט דאָס אונז געלינגען אויסצופיהרען. אין אייער פאַמיליע וועל איך אָנהויבען צו לערנען דיא קונסט פון אַלטע מאַדען.

II.

אננא פּאוולאוונאַ'ס סאַלאָן האָט זיך אָנגעהויבען אָנצופילען מיט געסט. דאָ איז צוזאַמענגעקומען דער העכערער אַדעל פון פּעטערבורג, פערשיעדען אין יאָהרען און נאָך דיא כאַראַקטערען, אָבער אַלע גלייך נאָך זייער שטאַנד אין געזעלשאַפט. געקומען איז וואַסילי'ס טאָכטער, דיא שיינע עלען, געקומען איז דיא יונגע און קליינע פירסטין ליזע באָלקאָנסקאַיא, וואָס איז געוועזען בעוואוסט אַלס דיא בעצויבערנדסטע פרוי אין גאַנץ פּעטערבורג. געקומען איז פירסט איפּאָליט, וואַסילי'ס זוהן, מיט דעם פראַנצויז מאָרטעמאַר און נאָך און נאָך.

— האט איהר נאך ניט געזעהען דיא טאנטע? האט זיך אננא פאװלאװנא גער װענדט צו יעדע נאסט און האט איהם מיט אן ערנסטע מינע צוגעפיהרט צו א קליינע אלטעטשקע און אלע האבען איהר געמוזט בעגריסען, כאטשע ניט קיינער האט זיך דא מיט איהר אינטערעסירט און ניט קיינער האט איהר דא געדארפט און יעדער האט דערפיהלט, וויא א בארג א שווערער האט זיך אראב־געקייקעלט פון הארצען, ווען ער האט זיך אבגעפערטיגט מיט דער בעגריסונג און איז אבגעטראטען פון איהר ניט איילענדיג זיך, אויס העפליבקייט צו דער ווירטהין.

דיא יונגע פירסטין באלקאנסקאיא האט מיט זיך געבראכט אן ארבייט אין א סאמעטענעם זעקעלע אויסגענייט מיט גאלד. איהר שייניגקע אויבערשטע ליפ מיט קוים בעמערקבארע שווארצע הערעלאך איז געווען צו קורץ פאר דיא צייהנער, נאר דיעזער פעהלער, וויא עס איז דאס רוב ביי אנציהענדע פרויען, האט אייגענטליך געשיינט צו זיין איהר אייגענע זאנדערבארע שעהנהייט. זיא איז געווען טראגעדיג און יעדען איז געווען פרעהליך צו קוקען אויף דיעזע לעבעדיגע, פרייליכע, שיינע און געזונטע צוקינפטיגע מוטער, וואס האט אזוי גרינג איבערגעטראגען איהר לאגע. אלטע און אומעדיגע יונגע לייט, וואס האבען געקוקט אויף איהר, האבען געפיהלט, אז זיי ווערען אויך אזוי פרייליך און לעבעדיג וויא זיא, ווען זיי האבען א ווײלע מיט איהר פערבראכט.

— זעהט, אנעט, האט זיא זיך געווענדעט צו דער ווירטהין, זעצענדיג זיך אויף דער סאפא, טרייבט נאר ניט קיין שפאס מיט מיר. איהר האט מיר געשריעבען, אז היינט וועלען ביי אייך זיין וועניג געסט. זעהט וויא וואכעדיג איך בין געקליידעט.

און זיא האט פערנאנדערגעשפרייט דיא הענד, אום צו ווייזען איהר גרויע עלעגאנטע קלייד מיט שפיצען, וואס איז געווען ארומגעגארטעלט מיט א ברייטען באנדעטוואס ניעדריגער פון דיא בריסט.

— זייט רוהיג, איהר וועט דאך זיין שעהנער פון אלעמען, האט געענט־פערט אננא פאװלאװנא.

— איהר ווייסט, האט זיא געזאגט מיט דעם זעלבען טאן, מיין מאן ווארפט מיך אוועק, ער געהט צום טוידט. זאגט מיר, צו וואס דארף מען דיא העסליבע מלחמה? האט זיא זיך געווענדעט צו וואסיליע.

— וויא שיין זיא איז! האט פירסט וואסילי געזאגט אין דער שטיל צו אננא פאװלאװנא.

באלד נאָך דער קליינער פירסטין איז אין סאלאָן אריינגעקומען א הויכער און פולער יונגער מאן מיט א געשאָרענעם קאָפּ, אין ברילען, מיט העלע הייזען, מיט א ברייטען האלזטוך און אין א ברוינעם פראק. דיעזער דיקער יונגער מאן איז געווען א לינקער זוהן פון דעם בעריהמטען מאגנאט, גראף בעזוכי, וועלכער האָט איצט געהאלטען ביים שטארבען אין מאָסקווע. ער איז איצט געקומען פון אויסלאנד, וואו ער איז ערצויגען געוואָרען און איז היינט דאָס ערשטע מאָל געווען אין געזעל-שאַפט.

דיא ווירטהין אננא פּאוולאָוונא האָט איהם אויפגענומען מיט אזא בעגריסונג, וויא זיא פלעגט בעגעגנען דיא קלענסטע, נאָר ניט-חשוב'ע געסט. נאָר ניט קוקענ-דיג אויף דיעזע בעגריסונג, האָט זיא ארויסגעוויזען א אונרוהיגקייט און שרעק, ווען זיא האָט דערזעהען דעם גרויסען און אונגעלומפּערטען פּיער'ן.

— זעהר שיין פון אייער זייט, הערר פּיער, וואָס איהר זייט געקומען געוואָר ווע-רען צו א קראַנקע, האָט אננא פּאוולאָוונא געזאָגט, איבערקוקענדיג זיך צושראָקען מיט דער אַלטע טאנטע.

פּיער האָט עפּעס א מורמעל געטהאָן אונטער דער נאָז און האָט גענומען עפּעס זוכען מיט דיא אויגען. ער האָט א פרייליכען שמייכעל געטהאָן צו דער פירסטין, וויא צו א נאָהענטע בעקאַנטע און איז צוגעגאנגען צו דער טאנטע. אננא פּאוו-לאָוונא האָט זיך געשראָקען ניט אומזיסט, ווייל פּיער האָט ניט אויסגעהערט, וואָס זיא האָט איהם, וויא יעדען איינעם, דערצעהלט וועגען דעם געזונד פון איהר מאַ-יעסטעט, און איז פון איהר אַבגעטראָטען. אננא פּאוולאָוונא האָט איהם אָבגע-שטעלט מיט צושראָקענע אויגען און געפרעגט, צו ער ווייס פון דעם גייסטליכען מאָריאָ? ער איז אַן אינטערעסאנטע פּערזאָן.

— יאָ, איך האָב געהערט פון זיין פּלאַן וועגען אייביגען פריעדען. דאָס איז זעהר אינטערעסאנט, אָבער מיר דוכט, אז דאָס איז אונמעגליך אויסצופיהרען.

— אזוי דענקט איהר. האָט אננא פּאוולאָוונא געזאָגט, אום עפּעס צו זאָגען און האָט געוואָלט נעהמען זיך ווידער צו איהרע בעשעפטיגונגען אלס ווירטהין פון הויז, נאָר פּיער איז ווייטער בעגאנגען אַ'ן אונהעפליכקייט. פריהער האָט ער ניט אויסגעהערט, וואָס דיא אַלטע טאנטע האָט גערעדט און איצט האָט ער פערהאַל-טען מיט זיין געשפּרעך דיא ווירטהין, וועלכע האָט געדאַרפט אוועקגיין פון איהם. אנבויגענדיג דעם קאָפּ און פערנאנדערשטעלענדיג זיינע גרויסע פיס, האָט ער גע-נומען דערווייזען אננא פּאוולאָוונא'ן, פאַר וואָס ער דענקט, אז מאָריאָ'ס פּלאַן ווע-

נען אויבינען פריעדען איז נאר א פאנטאזיע, וואס קען קיין מאל ניט פערווירק־ליכט ווערען.

— מיר ווערען שפעטער ריידען, האט דיא ווירטהין געזאגט מיט א שמייכעל.

און ארויסמאכענדיג זיך פון דעם יונגען מאן, וואס ווייס ניט, וויא צו האלטען זיך אין געזעלשאפט, האט זיא זיך צוריקגעקעהרט צו איהר בעשעפטיגונג אלס ווירטהין און האט גענומען צוקוקען זיך און צוהערען זיך, זייענדיג גרייט צו קומען צו הילף אין יענע פונקטען, וואו דאס געשפרעך ווערט שוואך. ווען זיא האט בעד מערקט, אז אין סאלאן ווערט דאס געשפרעך אבגעשוואכט אין איין גרופע אדער אז עס ווערט צו שרייעדיג אין דער צווייטער, האט זיא מיט א ווארט לעבעדינער געמאכט דאס געשפרעך אדער זיא האט אבגעפיהרט א פערזאן צו א צוויי־טער גרופע און דאמיט געבראכט דיא רייד־מאשין אין ארדנונג. נאך דער שרעק פאר פיער'ן איז איהר ניט אריבער. זיא האט אונרוהיג נאכגעקוקט, וויא ער איז אבגעטראטען פון איין גרופע און איז צוגעגאנגען צו דער צווייטער. פאר פיער'ן איז דאס געווען דער ערשטער אבענד, וואס ער האט געזעהן אין רוס־לאנד. ער האט געוואוסט, אז דא איז פערזאמעלט דיא גאנצע אינטעליגענץ פון פעטערבורג און ביי איהם, וויא ביי א קינד, וואס געהט אריין אין א שפיעלצייג מאגאזין, זיינען זיך צולאפען דיא אויגען. ער האט אלץ מורא געהאט, אז ער וועט דא פערפעהלען צו הערען א קלוגען געשפרעך. ענדליך איז ער צוגעגאנגען צום גייסטליכען מאריא. דאס געשפרעך האט איהם אויסגעוויזען צו זיין אינטער־עסאנט און ער האט זיך דא אבגעשטעלט, ווארטענדיג אויף א געלעגענהייט, ער זאל קענען ארויסזאגען זיין מיינונג, וויא דאס האבען ליעב צו טאן יונגע לייט.

III.

דיא אבגעשטעלטע מאשין פון אבענד האט זיך אנגעהויבען צו בעוועגען מיט איהר גלייכמעסיגען און אתאויפהערליכען גערויש. אויסער דער טאנטע, נעבען וועלכער עס האט זיך געפונען א בעיאהרענטע פרוי מיט א'ן אויסגעוויינטען, מאגערן געזיכט, וועלכע איז דא אין דעם גלענצענדען סאלאן געווען עטוואס פרעמד, האט זיך דיא געזעלשאפט צוטהיילט אין דריי גרופען. אין איין גרופע איז דיא הויפט פערזאן געווען דער גייסטליכער מאריא; אין דער צווייטער, וואו עס האבען זיך געפונען מעהר יונגע לייט, האבען געשיינט דיא שיינע עלען, וואסיליי'ס טאכ־טער און דיא קליינע פירסטען באלקאנסקאיא; אין דער דריטער גרופע איז געווען דער פראנצויזישער עמיגראנט מארטעמאר און דיא ווירטהין אננא פאולאוונא.

מאָרטעמאר האָט דערצעהלט אן אנעקדאָט, וואָס האָט געשטערט נאַפּאָלעאָנען אין זעהר א שוואַרצע ליכט. דיא צוהערער זיינען געווען פעראינטערעסירט. כאָר אננא פאוולאָוונא האָט פון צייט צו צייט געוואָרפען אן אונרוהיגען בליק אויף דעם אונגעלומפערטען פיער'ן, און בעמערקענדיג, אז ער הויבט אָן צו ריידען צו הויך און היציג, איז זיא געשווינד צוגעגאנגען צום געפעהרליכען אָרט. פיער'ן האָט אין דער ווירקליכקייט געלונגען צו פערבינדען א געשפרעך מיט מאָריאָ וועגען א פאָליטישער גלייכגעוויכט. זיי האָבען ביידע גערעדט וואַרעם און דאָס איז ניט געפעלען געוואָרען דער ווירטהין אננא פאוולאָוונא.

— עס דארף נאָר איין מעכטיגע קעניגרייך, וויא רוסלאנד, וועלכע האָט זיך בעריהמט געמאכט מיט איהר בארבאַריזם, שטעלען זיך אין דער שפּיצע פון א בונד, וואָס וויל איינפיהרען פריעדען אין אייראָפּא, און זיא וועט רעטען דיא וועלט! האָט דער איטאַליענער מאָריאָ געזאָגט.

— נאָר וויא קען מען דאָס אויספיהרען? האָט פיער אָנגעהויבען, נאָר אין דער מינוט איז צוגעקומען אננא פאוולאָוונא און א קוק טהוענדיג שטרענג אויף פיער'ן, האָט זיא געפרעגט דעם איטאַליענער מאָריאָ, וויא ער טראָגט איבער דעם הינען קלימאַט.

דעם איטאַליענער'ס געזיכט האָט זיך פלוצים געענדערט און האָט אָנגענומען א בעליידיגענד־זיסען אויסדרוק, וויא זיין געזיכט פלעגט שטענדיג אָננעהמען, ווען ער האָט גערעדט מיט פרויען, און ער האָט געענטפערט:

— איך בין אזוי בעצויבערט פון דער קלוגער און געבילדעטער געזעלשאַפט, הויפּטזעכליך פון דיא פרויען, אין וועלכע איך האָב געהאַט די עהרע צו ווערען עמ־פאַנגען, אז איך האָב נאָך קיין צייט ניט געהאט צו דענקען וועגען דעם קלימאַט.

נאָר אום בעסער צו קענען בעאָבאַכטען פיער'ן, האָט אננא פאוולאָוונא נענר מען זיי ביידען און צוגעפיהרט צו איהר גרופּע.

אין דער צייט איז אין סאלאָן אריינגעקומען אנדריי באַלקאָנסקי, דער מאַן פון דער קליינער און שיינער פירסטין. אנדריי באלקאנסקי איז געווען זעהר א שיינער יונגער מאַן פון נידריגען וואוקס מיט טרוקענע געזיכטס־ציעגע. ער מיט זיין לאַנג־וויילען בליק מיט זייַע שטילע טריט איז געווען א שאַרפער קאָנטראַסט פון זיין קליינע פריילינע און בעלעבטע ווייב. וויא עס האָט געשיינט, זיינען דיא אַלע פון סאַלאָן ניט נאָר געווען בעקאנט, זאָנדערן זיי האָבען איהם שוין אזוי דער־עסען, אז איהם איז געווען אומעדיג צו קוקען אויף זיי און צו הערען וואָס זיי ריידען.

נאָר פון דיא אלע בעקאַנטע געזיכטער, האָט איהם, וויא עס האָט געשיינט, מעהר דערעסען דאָס געזיכט פון זיין שיינע ווייב. ער האָט א קוש געטאָן אננא פאַוולאָוונא אין האַנד און האָט בעקוקט דיא אַנצע געזעלשאַפט.

— איהר קלייבט זיך פירסט, אין מלחמה אריין? האָט איהם געפרעגט אננא פאַוולאָוונא.

— גענעראַל קוטוזאָוו איז איינגעפאַלען צו נעהמען מיר פאַר אַן אַדיוטאַנט, האָט אַנדריי געענטפערט.

— און אייער פרוי ליזע?

— זיא פאָהרט אין דאָרף.

— דאָס איז א זינד צו רויבען אונז פון איהר געזעלשאַפט.

— אַנדריי, האָט געזאָגט צו איהם דאָס ווייב מיט דעם זעלבען קאָקעטישען טאָן, מיט וועלכען זיא האָט גערעדט צו זייטיגע מענשען, דוא האָסט בעדאַרפט הערען, וואָס וויקאָנט מאָרטעמאַר האָט אונז דערצעהלט וועגען נאַפּאָלעאָנען און דיא אַק־טריסע ושאָרוש!

אַנדריי האָט א בלינצעל געטאָן מיט דיא אויגען און האָט זיך אָבגעקעהרט. פּיער האָט צייט אַנדריי איז אריינגעקומען אין סאַלאָן ניט אַראָבגענומען פון איהם זיינע פריילִיבע און פריינדליכע אויגען און איז איצט צוגעגאַנגען צו איהם און אָנגענומען איהם פאַר דער האַנד. אַנדריי האָט געמאַכט א פערדראָסענע מינע, וואָס עמיצער ריהרט איהם ביי דער האַנד, נאָר דערזעהענדיג פּיער'ן, האָט ער צו איהם א פריינדליכען שמייכעל געטהאָן.

— אַזוי נאָר! ... דוא ביזט אויך אין דער גרויסער וועלט! האָט אַנדריי גע־זאָגט.

— איך האָב געוואוסט, אַז איהר וועט דאָ זיין, האָט פּיער געענטפערט. איך וועל קומען צו אייך צום אָבענד־מאָהלצייט, האָט ער געזאָגט שטיל, אום ניט צו שטערען דעם וויקאָנט אין זיין ריידע. קען איך?

— ניין, האָט אַנדריי געענטפערט לאַכענד, נאָר מיט א דריק אין האַנד האָט ער איהם געגעבען צו פערשטיין, אַז אַזא פראַגע איז גאָר איבריג. ער האָט געוואָלט זאָגען נאָך עפּעס, נאָר אין דער מינוט האָט זיך אויפגעהויבען פירסט וואַסילי מיט זיין טאָכטער. ווען עלען איז דורכגעגאַנגען פערביי פּיער'ן, האָט ער אויף איהר גע־קוקט במעט מיט דערשראָקענע, ענטציקענדע אויגען.

— זעהר א שיינע, האָט אַנדריי געזאָגט.

— זעהר, האָט פיער צוגעגעבען.

וואסילי האָט אָנגעבאָפט פיער'ן פאר דער האנד און האָט זיך געווענדעט צו אננא פּאוולאָוונא:

— הובעלט מיר ארום אביסעל דיעזען בער, האָט ער געזאָגט. ער וואָהנט שוין ביי מיר א מאָנאט צייט און היינט איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער איז אי"ן אין דער וועלט. קיין זאך איז ניט אזוי גוטהיג פאר א יונגען מאן וויא דיא געזעלשאפט פון קלוגע פרויען.

IV

אננא פּאוולאָוונא האָט א שמייכעל געמהאן און פערשפראָכען צו בעשעפ־טיגען זיך מיט פיער'ן, וועלכער איז געווען וואסילי'ס א קרוב. דיא בעיאָהרענטע פרוי, וואָס איז פריהער געזעסען מיט דער טאנטע, האָט זיך געשווינד אויפגעהויבען און האָט אָנגעיאָגט פירסט וואסילי אין פאָרצימער. איהר געזיכט האָט איצט אויסגעדריקט אונרוה און שרעק.

— אלזאָ, וואָס זאָגט איהר מיר, פירסט, וועגען מיין באָריס'ן. איך קען לענגער ניט פערבלייבען אין פּעטערבורג. זאָגט מיר, וואָס פאר א נאכריכט איך קען ברענגען מיין אָרימען אינגעל?

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער פירסט וואסילי האָט איהר אויסגעהערט אונגעדולדיג און האָט זאָגאר ארויסגעוויזען אונהעפליכקייט, האָט זיא צו איהם גע־שמייכעלט זעהר פריינדליך און האָט איהם אָנגענומען פאר דער האנד, אום ער זאָל ניט אוועקגעהן.

— וואָס איז אייך אזוי שווער צו זאָגען א וואָרט דעם קעניג, און מיין באָריס וועט גלייך אריבערטרעטען אין גוואַרדיע, האָט זיא געבעטען.

— גלויבט מיר, אז איך וועל טאָהן, וואָס איך וועל קענען, נאָר מיר איז שווער צו בעטען דעם קעניג. איך וואָלט אייך געראַטהען איהר זאָלט זיך ווענדען צו רו־מיאַנצעוו'ן דורך פירסט גאליצין. דאָס וואָלט געווען פיעל קלינער.

דיא בעיאָהרענטע פרוי האָט געהייסען פירסטין דרובעצקאיא, איינע פון דיא בעסטע פאמיליען אין רוסלאנד, נאָר זיא איז געווען אָרם און איז לאנג ארויס פון דער הויבער וועלט און האָט פערלאָרען אלע איהרע פריהערדיגע בעקאנטע. זיא איז איצט געקומען אין פּעטערבורג, אום אויסצופיהרען דורך פּראָטעקציע, אז איהר זוהן זאָל אריינטרעטען אין גוואַרדיע, און נאָר צוליב דעם, אז זיא זאָל דאָ טרעפען וואסי־לי'ן, האָט זיא זיך אָנגעשלאָגען צו קומען אויף דעם אבענד צו אננא פּאוולאָוונא און

נאר צוליעב דעם איז זיא נעזעסע׳ מיט דער טאנטע און האט נ׳ מאכט א מינע, אז זיא איז זעהר פינטערעסירט צו הערען, וויא יענע דערצעהלט איהר, וואס זיא מאכט, און וואס איהר מאיעסטעט מאכט. זיא האט זיך דערשראקען פון וואסילי׳ס ענטפער. אויף איהר נעזיכט, וואס איז א מאל נעוועזן א שיינע, האט זיך בעוויזען א בייזער אויסדרוק, נאר דאס האט נעדויערט בלויז איין סעקונדע. זיא האט ווידער א שמייכעל נעטהאן און האט נאך שטארקער אנגענומען וואסילי׳ן פאר דער האנד.

— הערט מיך אוים, פירסט, האט זי נעזאגט. איך האב זיך קיין מאל ניט נעווענדעט צו אייך מיט קיין ביטונס, איך וועל זיך מעהר קיין מאל ניט ווענדען צו אייך, איך האב אייך קיין מאל ניט ערמאנערט אן מיין פאטער׳ס פריינדשאפט צו אייך. נאר איצט בעט איך, וויא נאט איז אייך ליעב, אז איהר זאלט דאס טאן פאר מיין זוהן, און איך וועל אייך רופען מיין וואהלטהעטער. ניין זייט ניט בייז או פערזינבערט מיר דאס צו טהאן. איך האב שוין נעבעטען נאליצין, נאר ער האט מיר ענטזאגט. זייט דער זעלבער גוטער מענש, וויא איהר זייט א מאל נעוועזען, האט זיא נעזאגט און נעפרובט שמייכלען, ווערענד אין דיא אוינען זיינען ביי איהר נעוועזן טרערען.

— פאפא! מיר וועלען פערשפעטינען האט נעזאגט עלען א קעהר טהוענדינג איהר שיינעם קאפ אויף איהרע אלטערטהימליכע אקסלען, ווארטענדינג ביי דער טהיר.

פירסט וואסילי האט נעוואוסט, אז דער איינפלוס, וואס ער האט, איז א קאפיטאל, וואס מען דארף אבהיטען, און אז אויב ער וועט נעהמען בעטען פאר יעדען, וואס בעט איהם, וועט ער באלד ניט קענען בעטען פאר זיך אליין, ער האט דעריבער זעהר זעלטען נעברויכט זיין איינפלוס. נאר איצט האט ער דערפיהלט א שטאך פון נעוויסען ווען דיא פירסטין דרובעצקאיא האט איהם דערמאנט וועגען איהר פאטערס פריינדשאפט צו איהם. זיא האט נעזאגט אמת, ווייל דיא ערשטע טריט אין זיין דיענסט האט ער נעהאט צו פערדאנקען איהר פאטער. אויסער דעם, האט ער נעזעהען, אז זיא איז איינע פון יענע מוטערס וואס ווען זיי האבען זיך עפעס אריינגענומען אין קאפ, וועלען זיי שוין ניט אבטרעטען, ביז זייער וואונש וועט ערפילט ווערען.

— ליעבע אננא מיכאילאווא, האט ער נעזאגט מיט זיין נעוויינליכע צוטרוליכקייט און לאנגווייליע אין זיין שטימע, — פאר מיר איז כמעט אונמעגליך צו טהאן,

וואס איהר פערלאנגט פון מיר, נאר אום צו ווייזען אייך וויא ליעב איך האב אייך און וויא איך עהרע דעם אנדענקען פון אייער פאטער, וועל איך טהאן אונמעגליכעס ; אייער זוהן וועט זיין אין גווארדיע. נאט אייך מיין האנד. זייט איהר צופריעדען ?

— איהר זייט מיין וואלטהעטערין מעהר האב איך ניט פערלאנגט פון אייך, איך האב געוואוסט, וויא גוט איהר זייט.

ער האט געוואלט ארויסגעהן.

— נאך א פאר ווערטער, האט זיא איהם אבגעהאלטען. קוים איז ער שוין אין גע־וואַרדיע... זיא האט אנגעהויבען צו שטאמלען. — איהר זייט גוט מיט קוטוזאוו'ן, רעקאמענדירט איהם מיין באָריס'ן פאר אן אדיוטאנט.

פירסט וואסילי האט א שמייכעל געטהאן.

— דאס פערשפרעך איך אייך ניט. איהר ווייסט, וויא מען איז בעפאלען קוטר זאָוויץ, צייט מען האט איהם בעשטימט פאר'ן פעלד־מארשאל. ער אליין האט מיר געזאגט, אלע מאסקווער דאמען האבען זיך צונויפגערעדט אוועק געבען איהם אלע זייערע זיהן פאר אדיוטאנטען.

— ניין, איהר מוזט מיר פערשפרעכען, איך וועל אייך ניט אבלאזען, מיין וואלטהעטער...

— פאפא, מיר וועלען פערשפעטיגען, האט ווידער געזאגט דיא שיינע עלען מיט דעם זעלבען טאן.

— זייט געזונד. איהר זעהט מען טרייבט מיך.

— אלזא מארגען וועט איהר ריידען מיט'ן קעניג ?

— בעשטימט ; נאר וועגען קוטוזאוו פערשפרעך איך ניט.

— ניין, זאגט מיר צו באזיל, האט זיא צו איהם געזאגט מיט'ן שמייכעל פון א יונגע קאקעטע, וואס איז איצט זעהר ניט געגאנגען צו איהרע יאהרען און צו איהר געזיכט. זיא האט, וויא עס שיינט פערגעסען איהרע יאהרען און האט געוואלט ברויכען דיא אלטע מיטלען.

נאר וויא ער איז ארויסגעגאנגען, איז איהר געזיכט ווידער געווארען קאלט, וויא עס איז געוועזען פריהער. זיא האט צוריקגעקעהרט צו דער גרופע, וואו דער וויקאנט האט פארטגעזעצט זיינע ערציילונגען און געמאכט א מינע, אז זיא הערט זיך צו אויפמערקזאם, אבווארטענדיג דיא צייט, זיא זאל קענען אוועקפאהרען, אזוי וויא איהר זאך איז שוין געטאן געווארן.

— נאָר וויא געפעהלט אייך די לעצטע קאָמעדיע פון דער קרוינונג אין מילאַן? האָט געזאָגט אננא פּאוולאָוונא. און איצט האָבען מיר געהאַט נאָך א קאָמעדיע: דיא פעלקער פון גענוא און לוסקי שפּרעכען אויס זייער וואונש פאַר דעם הערר באַנאַפּאַרטע, און דער הערר באָנאַפּאַרטע זיצט אויפ'ן טהראָן און ערפילט דעם וואונש פון דיא פעלקער. אַ! דאָס איז דאָך אַ'ן אַנטיק! ניין, איך זאָג, אַז מען קען דערפון פערריקט ווערען עס ווייזט אויס, וויא דיא גאַנצע וועלט האָט פערלאָרען דעם קאָפּ.

פירסט אנדריי האָט אריינגעשמייכעלט אננא פּאוולאָוונא'ן גלייך אין געזיכט אריין און געזאָגט:

— גאָט האָט מיר געגעבען א קרוין און וויה ווער זיין צו יענעם, וואָס וועט איהר א ריהר טהאָן (באָנאַפּאַרטע'ס ווערטער ביים אָנטהאָן דיא קרוין). מען זאָגט, אַז ער איז געוועזען זעהר שיין, ווען ער האָט געזאָגט דיא ווערטער.

— איך האָף, האָט אננא פּאוולאָוונא געזאָגט, אַז דאָס איז ענדליך געוועזען דער לעצטער טראָפּען, וואָס פילט איבער דאָס גלאָז. דיא קיסרים קענען לענגער ניט דולדען דיזען מאַן, וועלכער דראָהט אַלעמען.

— דיא קיסרים! איך רייד ניט וועגען רוסלאַנד, האָט דער וויקאָנט געזאָגט, נאָר וואָס האָבען זיי געטהאָן פאַר לודוויג דעם XVIII, פאַר דער קעניגין, פאַר יעליזאַוועט'ן? גאָר ניט. און גלויבט מיר, אַז זיי האָבען זייער שטראָף פאַר זייער פעררעטהע צו דיא זאַך פון דיא בורבאָנען (דיא קעניגליכע דינאַסטיע פאַר נאַפּאָלעאָנען.) דיא קיסרים! זיי שיקען איצט געזאַנדטע צו בעגריסען דעם רויבער פון דעם טהראָן.

ער האָט א פעראַכטליכען זיפץ געטהאָן און געזאָגט ווייטער.

— אויב דאָס וועט נאָך אָנהאַלטען איין יאָהר, וועט דיא פראַנצויזישע געזעלשאַפט, איך מיין דיא גוטע געזעלשאַפט אין גאַנצען פערניכטעט ווערן.

ער האָט א ציה געטהאָן מיט די אַקסלען און א מאַך געטהאָן מיט דיא הענד. פּיער האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, דאָס געשפּרעך האָט איהם פעראינטערעסירט, נאָר אננא פּאוולאָוונא, וואָס האָט איהם געהיט, האָט איהם פערכאַפּט.

— אונזער קעניג אַלעקסאַנדער, האָט זיא געזאָגט מיט אַן אומעדיגען קול, וויא זיא פלעגט געוואו[illegible]ליך טהאָן, ווען זיא האָט גערעדט וועגען דער קעניגליכער פאַמיליע, — האָט ערקלערט, אַז ער וועט איבערלאָזען פאַר דיא פראַנצויזען, אַז זיי אַליין זאָלען אויסקלייבען א פאָרמע פון רעגיערונג, ווי זיי וועט געפעלען ווערען. און

איך רענק אז דיא גאנצע נאציאָן וועט זיך אריינוואָרפען דעם נעזעצליכען קעניג אין דיא הענד האָט אננא פאוולאָוונא געזאָגט וועלענדיג זיך ארויסווייזען ליעבענסווירדיג צום פראנצויזישען עמיגראנט און ראָיאַליסט.

— דאָס איז צווייפעלהאפט האָט אנדריי געזאָגט. דער הערר וויקאָנט דענקט זעהר ריכטיג, אז דיא זאך איז שוין אוועק צו ווייט און עס וועט זיין שווער אומצוקעהרען זיך צום אלטען.

— ווִיא ווייט איך וויס, האָט זיך ווידער אריינגעמישט פיער, רויט ווערענדיג, איז כמעט דער גאנצער אדעל איבערגעגאנגען אויף באנאפארטע'ס זייט.

— אזוי זאָגען דיא באנאפארטיסטען, האָט דער וויקאָנט געזאָגט, ניט קוקענדיג אויף פיער'ן. איצט איז זעהר שווער אויסצוגעפינען דיא עפענטליכע מיינונג פון פראנקריך.

— דאָס זיינען באנאפארטע'ס ווערטער, האָט געזאָגט פירסט אנדריי מיט א שמייכעל עס איז געווען קענטיג, אז דער וויקאָנט געפעלט איהם ניט און צוואָר ער האָט ניט געקוקט אויף איהם, האָט ער זיינע ווערטער געווענדט צו איהם). „איך האָב זיי געוויזען דעם וועג צום רוהם: האָבען זיי ניט געוואָלט" האָט ער געזאָגט נאָך א קורצען שטילשווייגען, ווידערהאָלענדיג נאפּאָלעאָנ'ס ווערטער. איך האָב פאר זיי געעפענט מיינע פּאָרצימערן: זיינען זיי אריינגעלאָפען מחנות וויז...." איך וויס ניט, וויא ווייט ער האָט געהאט רעכט צו זאָגען אזוי.

— קיין רעכט ניט, האָט דער וויקאָנט געענטפערט. נאָכדעם וויא ער, נאפּאָלעאָן, האָט ערמאָרדעט דעם הערצאָג ענגיענסקי האָבען אפילו זיינע חסידים אויפגעהערט צו זעהן אין איהם א העלד.

אננא פאוולאָוונא האָט קוים צייט געהאט אָבצושעצען מיט א שמייכעל דעם וויקאָנטס ווערטער, ערסט פיער איז אריינגעפאלען אין געשפּרעך, און כאָטשע אננא פאוולאָוונא האָט געוואוסט, אז ער וועט זאָגען אן אונאנשטענדיגע זאך, האָט זיא איהם שוין אָבער ניט געקענט אָבהאלטען.

— די טוידטעס-שטראפע פון דעם הערצאָג ענגיענסקי, האָט פיער געזאָגט, איז געווען א נאָטווענדיגקייט, און מיט דעם האָט נאפּאָלעאָן געוויזען דיא ערהאבענהייט פון זיין זעעלע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען דיא פעראנטוואָרטליכקייט פאר דיעזע האנדלונג.

— מיין גאָט! מיין גאָט! האָט אננא פאוולאָוונא געמורמעלט מיט שרעק.

— איך געפעלט מאָרד? וויא, איהר געפינט אין אן ערמאָרדונג ערהאבענהייט

פון דער זעעהען! האט געזאגט די קליינע פירסטין מיט א שמייכעל, צורוקענדיג צו זיך איהר ארבייט.

— אה! א! האבען זיך געהערט פערשיעדענע קולות!

— דאס איז אויסגעצייכענט! האט פירסט איפאליט געזאגט און גענומען קלאפען זיך מיט דיא הענד איבער דיא קניע.

דער וויקאנט האט נאר א ציה געטאהן מיט דיא אקסלען.

פיער האט אלעמען בעקוקט און פארטגעזעצט:

— איך זאג דאס דארום, ווייל דיא בורבאנען זיינען אנטלאפען פון דער רעוואלוציאן און האבען דאס פאלק איבערגעלאזען אין אזא שרעקליכער אנארכיע; איין נאפאלעאן נאר האט פערשטאנען די רעוואלוציאן און האט איהר בעזיעגט און פאר דאס פאלק׳ס טובה ווענען האט ער געמוזט אומרבענגען דעם הערצאג.

— ווילט איהר ניט איבערגעהן צו יענעם טיש? האט אננא פאוולאוונא געזאגט.

נאר פיער האט איהר ניט געענטפערט און האט ווייטער גערעדט:

— ניין, נאפאלעאן איז גרויס, ווייל ער האט זיך געשטעלט העכער פון דער רעוואלוציאן און האט געקענט דערשטיקען דאס שלעכטע און איינהאלטען דאס גוטע, גלייכהייט, פרייהייט צו ריידען און צו שרייבען וואס מען וויל, און נאר דארום האט ער ערוואָרבען אזא מאכט.

— א, יא, ווען ער זאל נעהמען דיא מאכט און איבערגעבען דעם געזעצליכען קעניג, דאן וואלט איך געזאגט, אז ער איז א גרויסער מאן, האט דער וויקאנט געזאגט.

— ער האט עס ניט געקענט טהאן. דאס פאלק האט דיא מאכט איבערגעגעבען אין זיינע הענד נאר דארום, ווייל עס האט געוואלט ערלייזט ווערן פון דיא בורבאנען און ווייל עס האט אין איהם געזעהן א גרויסען מאן. דיא רעוואלוציאן איז געווען א גרויסע זאך, האט פיער פארטגעזעצט ארויסווייזענדיג מיט זיינע לעצטע ווערטער זיין גרויסע יוגענד און וואונש ארויסצוזאגען וואס ער האט, דרייסטער.

— רעוואלוציאן און קייזערמארד איז א גרויסע זאך?...... נאכדעם.... ווילט איהר ניט איבערגעהן צו יענעם טיש? האט אננא פאוולאוונא ווידערהאלט.

— איך זאג ניט ווענגען קייזערמארד. איך רייד ווענגען אידעען.

— יא, אידעען פון ראבעווען, מארדען, קייזערמארד, האט איהם ווידער איבער־געשלאגען אן איראנישע שטימע.

— דאס איז א ביסעל איבערטריבען, נאר ניט אין דעם איז דיא זאך, דיא זאך

איז אין דיא רעכטע פאר מענשען, אין דיא בעפרייאונג פון פאראורטהיילע, אין גלייכהייט פון דיא בירגער און דיזע אלע אידעען האט נאפאלעאן אויפגעהאלטען אין זייער פולער קראפט.

— פרייהייט, גלייכהייט, האט דער וויקאנט געזאגט מיט פעראכטונג, וויא ער וואלט זיך ענדליך בעשלאסען צו דערוויזען ערנסט דעם איננעל וויא נאריש זיינע רייד זיינען,—דאס זיינען אלץ הויכקלינגענדע ווערטער, אונטער וועלכע מען האט געברויכט אלע שענדליכע זאכען. ווער וויל דאס ניט קיין פרייהייט און גלייכהייט? אונזער גואל האט שוין לאנג פראפאגאנדירט פרייהייט און גלייכהייט. זיינען מיר דען נאך דער רעוואלוציאן געווארען גליקליכער? פערקעהרט, מיר האבען געוואלט פרייהייט און באנאפארטע האט דיא פרייהייט פערניכטעט.

אננא פאוולאוונא איז דיא ערשטע צייט געווען א צושראקענע, נאר דערזעהענדיג, אז זיינע שרעקליכע ווערטער האבען דעם וויקאנט שיער ניט ארויסגעבראכט פון זיך און אז זיא קען מיט פיער'ן נאר ניט מאכען, האט זיא זיך פעראייניגט מיט'ן וויקאנט און איז אויף פיער'ן אנגעפאלען.

— נאר, ליעבער הערר פיער, וויא קענט איהר ערקלערען דיא האנדלונג פון דעם גרויסען מאן, וועלכער האט געלאזט טויטען דעם הערצאג אהן א געריכט און אהן שולד, זאל דער הערצאג זיין ניט מעהר וויא א געוויינליכער מענש.

— איך וואלט געפרעגט, האט דער וויקאנט געזאגט, וויא וועט דער הערר ערקלערען דעם 18טען ברומער? איז דאס ניט געווען קיין שווינדעל? אזוי האנדעלט ניט קיין גרויסער מאן.

— און דיא געפאנגענע אין אפריקא, וועלכע ער האט ערמארדעט? האט זיך אנגערופען די קליינע פירסטין. דאס איז דאך שרעקליך! און זיא האט א ציח געטהאן מיט דיא אקסלען.

פיער האט ניט געוואוסט וועמען פריהער צו ענטפערן און האט אלעמען בעקוקט און א שמייכעל געטהאן. ווען ער האט א שמייכעל געטהאן, איז ביי איהם אין איין אויגענבליק פערשוואונדען געווארען דיא ערנסטע און בייזע מינע און עס איז ערשינען א קינדערשע גוטמוטהיגע און זאגאר נארעשעוואטע געזיכט.

דער וויקאנט האט פיער'ן דאס ערשטע מאל געזעהען און איהם איז גלייך קלאר געווארען, אז ער איז ניט אזוי שרעקליך, וויא זיינע ווערטער.

— וויא מיינט איהר, אז ער זאל אייך אלעמען מיט א מאל ענטפערן? האט גע-

זאַגט פירסט אנדריי, וועלכער האַט דיא גאַנצע צייט געקוקט מיט א שמייכעל דאַ אויף פיער'ן, דאַ אויף אננא פּאוולאָוונא און דאַ אויפ'ן וויקאָנט. אין דיא האַנדלונגען פון א שטאאטסמאן דארף מען שטענדיג אונטערשיידען דיא האַנדלונג פון דעם מענשען, פון דעם פעלדהערר אָדער פון דעם קעניג. אזוי שיינט מיר.

— יא, יא, פערשטייט זיך אזוי, האַט אונטערגעכאַפּט פּיער, דערפרייהענדיג זיך, וואָס אנדריי איז איהם געקומען צו הילף.

— מען קען ניט פערלייקענען, אַז נאפּאָלעאָן אלס מאַן איז גרויס און ערהאַבען אויף דעם ארקאָלסקען בריק, אין האָספּיטאל אין יאפּע, וואו ער גיט דיא האַנד דיא פערפּעסטעטע קראַנקע.... נאָר עס זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע האַנדלונגען, וועלכע מען קען שווערליך פערענטפערן.

פירסט אנדריי האַט מיט דעם געוואָלט ווייטער מאַכען דיא אומגעלומפּערטקייט פון פּיער'ס ווערטער און ער האָט זיך אויפגעהויבען אוועקצופאָהרען און האַט גענעבען א צייכען זיין ווייב.

V.

דיא געסט האָבען בעדאַנקט אננא פּאוולאָוונאַ'ן פאַר איהר אבענד און האָבען זיך גענומען צוגיין.

פּיער איז געוועזען אונגעלומפּערט. דיק, הויך און ברייט, מיט גרויסע, רויטע הענד. ער האָט ניט געוואוסט וויא מען גייט אריין אין א סאַלאָן, און נאָך מעהר האָט ער ניט געקענט ארויסגיין פון דאָרטען, דאָס הייסט, זאָגען עפּעס אנגענעהמעס פאַר'ן ארויסגאַנג. אויסער דעם איז ער געוועזען צערשטרייט. אנשטאָט זיינע האָט ער ביים אויפהויבען זיך געכאַפּט א גענעראַל'ס דריי עקיגען הוט מיט א פעדער און האָט איהם געדרייט אין דיא הענד אזוי לאַנג, ביז דער גענעראַל איז צו איהם צוגעגאַנגען און געבעטען, ער זאָל איהם אָבגעבען זיין הוט. נאָר דאָס אַלץ האָט ער אויסגעקויפט מיט זיין גוטמוטהיגקייט, איינפאַכהייט און בעשיידענהייט.

— איך האָף צו זעהען אייך, האָט צו איהם געזאָגט אננא פּאוולאָוונא, נאָר מעהר איך האָף אויך, אַז איהר וועט אייערע מיינונגען בייטען.

ער האָט נאָר ניט געענטפערט, ער האָט זיך נאָר פערנייגט און ווידער א מאָל א שמייכעל געטאָן, וואָס האָט אזוי גוט, וויא בעדייטעט: „מיינונגען זיינען ניט וויא מיינונגען, נאָר איהר זעהט, וואָס פיר א גוטער יונג איך בין“.

אין פאָרצימער האָט זיך אנדריי גלייכגילטיג צוגעהערט, וויא זיין פרוי פּלאַפּעלט מיט פירסט איפּאָליט, וועלכער האַט פון איהר ניט אראָבגענומען זיין לאָרנעט.

— נעהם, אננעט, (אננא פאוואלאוונא), איהר וועט זיך נאך צוקיהלען, האט ליזע נעזאגט צו דער ווירטהין. אזוי בלייבט עס, האט זיא צו איהר נעזאגט אין דער שטיל.

אננא פאוואלאוונא האט שוין צייט נעהאט דורכצוריידען זיך מיט ליזע'ן וועגען דעם שדוך, וואס זיא האט נעוואלט צנויפפיהרען צווישען אנאטאל און ליזע'ס שוועגערין.

— איהר שרייבט איהר וועגען דעם און זאגט מיר, וויא איהר פאטער וועט קוקען אויף דעם. צום ווידערזעהען.

איפאליט איז צוגעגאנגען צו דער קלייגער פירסטען און אנבויגענדיג זיך נאהענט צו איהר נעזיכט, האט ער איהר נענומען דערצעהלען עפעס אין דער שטיל. ווען דער לאקיי איז צוגעגאנגען מיט איהר שאל, האט איפאליט ביי איהם דיא שאל ארויסגעכאפט און האט איהר נענומען אנטהאן אויף דער פירסטין. ער האט לאנג געהאלטען זיינע הענד איבער איהרע אקסלען, כאטשע דיא שאל איז שוין געווען אנגעטהאן און מען האט ניט געקענט וויסען צו דאס איז פון אונגעלומפערטקייט אדער בכיון.

זיא האט זיך גראציעז אויסגעדרייט פון זיינע הענד און האט א קוק געטהאן אויפ'ן מאן. ביי אנדריי זיינען דיא אויגען געווען פערמאכט, אזוי שלאפעדיג און פערמאטערט האט ער אויסגעוויזען.

— זייט איהר פארטיג? האט ער געפרעגט און זיי זיינען ארויס אויפ'ן גאנעק.

ווען זיי זיינען אריין אין קארעטע, האט ער געזאגט צו פיער'ן מיט א צערטליכען קול:

— איך ווארט אויף דיר.

פיער איז אנגעקומען פאר זיי און וויא א היימישער מענש איז ער אריין צו אנדריי אין קאבינעט און האט זיך אויסגעצויגען אויף דער סאפע מיט א בוך אין האנד.

— וואס האסט דו געטאן מיט פרייליין סערער (אננא פאוולאוונא)? זיא וועט דאך איצט קראנק ווערען פון דיר, האט אנדריי געזאגט, אריינקומענדיג אין קאבינעט און רייבענדיג זיינע קליינע און ווייסע הענד.

פיער האט זיך א קעהר געטאן מיט'ן גאנצען קערפער און דיא סאפע האט א קרעכץ געטאן.

— ניין, מאריא איז זעהר אינטערעסאנט, נאר ער פערשטעהט דיא זאך ניט

ריכטיג ... מיר שיינט, אז דער אויבינער פרידען איז מעגליך, נאר נים מים פאלי־טיק קען מען דאס אויספיהרען.

פירסט אנדריי האט זיך נים אינטערעסירט, וויא עס האט געשיינט, מיט אזעלכע פראגען.

— מען קען נים, מיין פריינד ארויסזאגען אלץ, וואס מען דיינקט. נאר וואס הערט זיך וועגען דיין קאריער? האסטו זיך שוין בעשלאסען? וואס דענקסטו, אריינצוטרע־טען אין מיליטער־דיענסט אדער ווערען דיפלאמאט.

פיער האט זיך געזעצט אויף דער סאפע און האט אונטערגעלייגט אונטער זיך דיא פיס.

— איך וויים נאך אליין נים. מיר געפעלען נים ביידע זאכען.

— נאר מען מוז זיך דאך אויף עפעס בעשליסען. דיין פאטער ווארט.

פיער האט פון צעהן יאהר אן פערבראכט אין אויסלאנד. ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט אין מאסקווע, האט איהם דער פאטער געזאגט אז ער זאל פאהרען אין פעטערבורג און אויסקלייבען א קאריערע. ער האט איהם געגעבען א בריעף צו פירסט וואסילי און געלד און געבעטען איהם ער זאל איהם שרייבען, וויא ער וועט בעשליסען. נאר פיער האט שוין דריי מאנאט געקליבען א קאריער און נאר נים גע־טאן. וועגען דעם האט דאס אנדריי איהם דערמאנט. פיער האט א ריב געטאן דעם שטערן.

— ער מוז זיין א מאסאן, האט ער געזאגט, מיינענדיג מאריאן, וועלכען ער האט היינט געזעהן ביי אננא פאוולאוונא.

— דאס זיינען פוסטע חלומות, האט איהם איבערגעשלאגין אנדריי. נאמיר בע־סער ריידען וועגען דער זאך. ביזטו היינט געווען אין גוואררדיע?

— ניין, נאר מיר איז עפעס אריין אין קאפ און איך וויל דאס אייך זאגען. איצט איז א קריעג געגען נאפאלעאנען. ווען דאס זאל זיין א קריעג פאר פרייהייט, וואלט איך דער ערסטער אריין אין דיענסט. אבער העלפען ענגלאנד און עסטר־רייך געגען דעם גרעסטען מאן אין דער וועלט.... דאס איז נים גוט.

— ווען מען זאל געהן אין קריג בלויז נאך דיא איבערציינונגען, וואלט נאר קיין קריעג נים געווען, האט אנדריי געזאגט.

— דאס וואלט געווען זעהר פיין, האט פיער געזאגט.

— אנדריי האט א שמייכעל געטאן.

מעגליך, אז דאס וואלט געווען א פיינע זאך, נאר דאס וועט קיין מאל נים זיין

— פאר וואס געהט איהר אין קריעג ? האט פיער געפרעגט.

— פאר וואס ? איך וויים ניט. אזוי מען דארף. אויסער דעם.... איך געה.... ער האט זיך אבגעשטעלט. —איך געה, דאס לעבען, וואס איך פיהר דא געפעהלט מיר ניט.

VI.

אין צווייטען צימער האט זיך דערהערט א גערויש פון א פרויענצימערשע קלייד. אנדריי האט וויא ערוואכט פון א דרעמיל און זיין געזיכט האט אנגענומען דעם זעל-בען אויסדרוק, וואס ער האט געהאט ביי אננא פאוולאוונא אין סאלאן. פיער האט אראבגעלאזט דיא פיס פון דער זאפע. די קליינע פירסטין איז אריינגעקומען. זיא איז איצט געוועזן אנגעטאן אין א'ן אנדער סלייד, אין א שטובינע אבער פרישע און עלעגאנטע. אנדריי האט זיך אויפגעהויבען און צוגערוקט פאר איהר א פאטעל.

— איך קען קיין מאל ניט בעגרייפען, האט זיא אנגעהויבען צו ריידען, ווי איהר געוואהנהייט איז געוועזן, אין דער ניך, אריינזעצענדיג זיך אין פאטעל, פאר וואס האט אננא פאוולאוונא ניט חתונה געהאט? וויא נארעש איהר זייט אלע, וואס איהר האט מיט איהר ניט חתונה געהאט. איהר וועט מיך פערצייהען, ווע: איך וועל אייך זאגען, אז איהר זייט גאר קיין מבינים ניט אויף פרויען. איך האב גאר ניט געוואוסט, אז איהר קענט אזוי דעבאטירען, הער'ר פיער.

— איך האלט אין איין דעבאטירען מיט אייער מאן; איך פערשטעה ניט, פאר וואס וויל ער געהן אין קריעג, האט פיער געזאגט, אונגעשטערט, וויא יונגע לייט האלטען זיך געוויינליך מיט יונגע פרויענצימער.

דיא פירסטין האט זיך א צאפעל געטאן. עס איז געוועזן קענטיג, אז פיער'ס ווערטער האבען אנגעריהרט ביי איהר א שוואכע זייט.

— אך, דאס רייד איך דאך מיט איהם! האט זיא געזאגט. איך פערשטיי ניט, פאר וואס קענען מענער ניט לעבען אהן קריעג? פאר וואס ווילען מיר, פרויענצי־מער, קיין זאך ניט און פערלאנגען קיין זאך ניט. זאגט איהר א״ין. איך טענה מיט איהם: דא איז ער אדיוטאנט ביים פעטער, אלע קענען איהם און אלע שעצען איהם. ער קען זעהר לייכט ווערן פליגעל אדיוטאנט. איהר ווייסט דאך, דער קעניג האט גערעט זעהר פריינדליך מיט איהם און איך האב שוין גערעדט מיט אננא, אן דאס וואלט געוועזן לייכט אויסצופיהרען. וואס זאגט איהר?

פיער האט א קוק געטאן אויף זיין פריינד אנדריי און בעמערקענדיג אז איהם געפעלט ניט דאס געשפרעך, האט ער גאר ניט געענטפערט.

— ווע: פאהרט איהר? האט ער נעפרעגט.

— אה, רעדט מיר ניט וועגען פאהו׳ען! רעדט ניט, איך וויל גאר ניט הערען וועגען דעם, האט דיא פירסטען גענומען ריידען מיט דעם זעלבען קאפריזנעם שפילענדען טאן, מיט וועלכען זיא האט גערעדט מיט איפאליט׳ן אין סאלאן. ווען איך האב היינט א טראכט געטאן, אז איך דארף צורייסען דיא אלע טייערע פערהעלטניסע מיט גוטע פריינד...... אויסער דעם, איז מיר שרעקליך, שרעקליך! דו ווייסט, אנדרע, האט זיא געזאגט און א שוידער איז איהר איבערגעגאנגען איבער׳ן רוקען.

— וואס האסטו מורא, ליזע? איך קען ניט פערשטעהן, האט אנדרע געזאגט

— אלע מענער זיינען עגאאיסטען, אלע, אלע! צוליעב עפעס א שגעון ווארפט ער מיך אוועק און פארשפארט מיר אין א דארף.

— פערגעס ניט, אז דו וועסט דארטען זיין מיט מיין פאטער און שוועסטער, האט אנדרע געזאגט שטיל.

— דאס איז אלץ איינס, איך וועל אבער ניט האבען מיינע פריינד, און דו ווילסט, אז איך זאל זיך ניט שרעקען?

איהר טאן איז געווען א בייזער, איהר ליפ האט זיך אויפגעהויבען, נאר זיא איז אנשווינגען געווארען, געפינענדיג, אז עס איז ניט אנשטענדיג צו ריידען פאר א זייטיגע פערזא: וועגען איהר טראגעדיגקייט, ווערהענד דאס איז געווען דיא הויפטזאך פון איהר געשפרעך.

— דאך פערשטעה איך אלץ ניט פאר וואס דו שרעקסט זיך, האט אנדרע געזאגט, ניט אראבלאזענדיג פון איהר דיא אויגען.

דיא פירסטין איז רויט געווארען און האט גענומען פערצווייפעלט מאכען מיט דיא הענד.

— ניין, ניין, אנדריי, דו האסט זיך אין גאנצען אומגעביטען.

—דער דאקטאר הייסט דיר געהן וואס פריהער שלאפען, האט אנדרע געזאגט. געה זיך לייגען.

דיא פירסטען האט גאר ניט געענטפערט, און פלוצים האט איהר אויבערסטע ליפ מיט דיא שווארצע הערלאך אנגעהויבען צו ציטערען. פירסט אנדרע האט זיך אויפגעהויבען, האט א ציה געטאן מיט דיא אקסלען און גענומען געהן איבער׳ן צימער.

— וואס געהט מיר אן, וואס דא געפינט זיך הערר פיער, האט פלוצלונג גע־

זאָגט דיא קליינע פירסטין און איהר שיינע געזיכט האָט אָנגענומען א וויינענדיגע מינע. איך האָב זיך שוין לאנג געקליבען צו זאָגען דיר: פאר וואָס האָסטו זיך צו מיר אומגעביטען? וואָס האָב איך דיר געטהאָן? דו פאָהרסט אין דער אַרמיע און האָסט אויף מיר קיין רחמנות ניט, פאר וואָס?

— ליזא!

דאָס איז געווען דאָס איינציגע וואָרט, וואָס אנדריי האָט ארויסגערעדט, נאָר אין דעם וואָרט האָט זיך געהערט א געבעט, א דראָהונג, אז זיא וועט חרטה האָבען אויף איהרע ווערטער. נור זיא האָט פאָרטגעזעצט:

— דו בעגייסט זיך מיט מיר וויא מיט א גרויסע אָדער וויא מיט א קינד. איך זעה אַלץ. מיט א האלב יאָהר צוריק ביזטו ניט אזוי געוועזן.

— ליזא, איך בעט אייך, איהר זאָלט אויפהערען, האָט אַנדריי געזאָגט נאָך שארפער.

פיער איז אַלץ מעהר און מעהר ערגעט געוואָרען און ענדליך האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צו דער פירסטין. ער האָט קיין טרערען ניט געקענט אריבערטראָגען און איז געווען פערטיג אליין זיך פערנאנדערצוואויינען.

— בערוהיגט זיך, פירסטין. איך דוכט זיך אזוי, ווייל, גלויבט מיר, איך האָב שוין אליין דורכגעלעבט.... ווייל.... ווארום... ניין, פערצייהעט.... איך בין דאָ גאנץ איבעריג.... ניין.... בערוהיגט זיך.... א גוטע נאכט.

אַנדריי האָט איהם אָבגעהאלטען פאר דער האנד.

— וואַרט, פיער. דיא פירסטין איז אזוי גוט, אז זיא וועט ניט וועלען רויבען מיר דאָס פערגניגען צו פערברייינגען מיט דיר אַן אבענד.

— ער האָט נאָר זיך אין זינען, האָט זיא געענטפערט בייז.

— ליזא האָט ער געזאָגט מיט אזא טאָן, וואָס האָט געוויזען, אז ביי איהם האָט געפלאצט דיא געדולד.

פלוצלונג איז איהר בייזער אויסדרוק פערשוואונדען פון איהר געזיכט און האָט זיך פערביטען מיט א צושראָקענעם. זיא האָט פון אונטערן שטערען א קוק געטהאָן מיט איהרע שיינע אויגען אויפ'ן מאן.

— מיין גאָט! מיין גאָט! האָט זיא געזאָגט און אונטערהויבענדיג מיט איין האנד א פאלד פון קלייד איז זיא צוגעגאנגען צום מאן און האָט איהם א קוש גע־טהאָן אין שטערן.

ער האָט איהר העפליך א קוס געטהאָן אין האנד, וויא ביי א פרעמדע.

דיא פריינד האָבען געשוויגען. קיינער האָט ניט אָנגעהויבען צו ריידען. פיער האָט געוואָרפען פון צייט צו צייט א בליק אויף אנדריי, און אנדריי האָט זיך גע־ווישט דעם שטערן מיט זיין קליינע הענטעל.

— קום צום אבענד־ברויט, האָט אנדריי געזאָגט, אָבזיפצענדיג זיך.

זיי זיינען אריינגעגאנגען אין א רייכען עסס־צימער. דאָ איז יעדע זאך געווען ניי, וויא ביי א יונגע פאָר פאָלק. אין מיטען עסען האָט זיך אנדריי אָנגעשפארט און עלענבויגען און האָט גענומען אויסריידען, וואָס ער האָט געהאַט אויפ׳ן הארצען, מיט א נערוועזע עררעגונג.

— דו זאָלסט קיין מאָל ניט, קיין מאָל ניט חתונה האָבען, מיין פריינד. דאָס איז מיין ראַטה: האָב ניט התונה אזוי לאנג, כל זמן דו קענסט ניט זאָגען צו זיך, אז דו האָסט געטהאָן אלץ, וואָס דו האָסט געקענט, כל זמן דו וועסט ניט קענען די פרוי, וואָס דו האָסט אויסגעקליבען דורך און דורך, אז ניט וועסטו מיאוס אריינפאַלען און דו וועסט טייער בעצאָהלען. האָב התונה, ווען דו וועסט שוין זיין אלט, און דו וועסט שוין צו קיין זאך ניט טויגען. אז ניט וועט פערלאָרען גיין אלץ, וואָס אין דיר איז פאראן גוטעס. קוק ניט אויף מיר אזוי פערוואונדערט. אויב דו האָסט נאָך שטרעבונגען און האָפנונגען, וועסטו אויף יעדען טריט פיהלען, אז פאר דיר איז אלץ געענדיגט, אלץ פערמאכט, אויסער א סאלאָן וואו דו וועסט שטעהן אויף איין ברעטעל מיט א האָף־לאקיי און אידיאָט.... יא, אזוי איז דאָס.

פיער האָט אויסגעטהאָן דיא ברילען און זיין געזיכט האָט איצט אויסגעדריקט נאָך מעהר גוטסקייט און ער האָט פערוואונדערט אָנגעקוקט זיין פריינד.

— מיין פרוי האָט אנדריי פאָרטגעזעצט, איז א פראכטפאָלע פרוי. זיא איז איינע פון יענע זעלטענע פרויען, מיט וועלכע מען קען זיין רוהיג פאר דיין עהרע, נור גאָט מיינער, פיעל וואָלט איך איצט אָבגעגעבען, אום צו זיין פריי! דאָס זאָג איך נאָר דיר אליין, ווייל איך ליעב דיך.

איצט איז אנדריי גאָר ניט געווען עהנליך אויף יענעם קאַלטען באלקאנסקי וואָס איז געזעסען ביי אננא פאוולאָוונא אין סאלאָן און געזייט פראנצויזישע פראזען דורך דיא ציינער. יעדער מוסקול אין זיין געזיכט האָט איצט נערוועז געציטערט, זיינע אויסגעלאָשענע אויגען האָבען איצט געפינקעלט.

— דוא פערשטעהסט ניט פאר וואָס איך רייד אזוי, האָט ער פאָרטגעזעצט. דוא זאגסט באָנאפארטע און זיין קאריער (פיער האָט גאָר ניט דערמאָנט וועגען באָנאפארטע), נאָר באָנאפארטע איז געווען א פרייער מענש. ער איז געגאנגען

טריט פאר טריט צו זיין ציעל און האָט קיין זאך ניט געהאט אין זינען אויסער זיין ציעל און ער האָט דערגרייכט צו זיין ציעל. נאָר ווען דו פערבינדסט זיך מיט א פרוי, ביזטו שוין געשמידט אין קייטען און דוא קענסט זיך ניט א ריהר טאָהן. איך געה איצט אין א קריעג, אין דעם גרעסטען קריעג וואָס איז נאָר ווען געוועזען, און איך ווייס, אז איך טויג צו קיין זאך ניט. איך בין שאַרפזיניג און ביי אננא פאוולאָוונא הערט מען זיך צו, ווען איך רייד. נאָר דיא נארעשע געזעלשאפט, אָהן וועלכע מיין ווייב קען ניט לעבען, און דיעזע פרויען.... ווען דוא זאָלסט נאָר וויסען, וואָס דיא וועלטליכע פרויען זיינען און איבערהויפּט פרויען! מיין פאָטער איז גערעכט. אייגענליעבע, גאוה, נארעשקייט, הבל הבלים — דאָס זיינען פרויענצימער, ווען זיי ווייזען זיך אין זייער אמת'ע פארב. ווען דוא זעהסט זיי אין א סאלאָן, ווייזט דיר אויס, אז זיי זיינען עפּעס, נאָר דאס איז א בלענדענים, גאָר ניט, גאָר ניט! האָב ניט חתונה, מיין ליעבער, האָב ניט חתונה.

— מיר קומט אויס קאָמיש, וואָס איהר רעכענט זיך פאר אונפעהיג און אייער לעבען פאר איבערגעפיהרט. אייך ערוואַרטעט א גרויסע צוקונפט און איהר....

פיער האט ניט געזאָגט, „וואָס איהר“, נאָר זיין טאָן האט שוין געוויזען, וויא הויך ער שעצט זיין פריינד און פיעל מען ערוואַרטעט פון איהם אין דער צוקונפט.

ביי דיא בעסטע, איינפאכסטע, פריינדליכסטע פערהעלטניסע איז חניפה אדער אריינלויבונג אזוי נויטהיג, וויא שמירעכץ פאר רעדער, אום זיי זאָלען פאָהרען.

— איך בין שוין א פערפאלענער, האָט פירסט אנדריי געזאָגט. וואס איז פאראן צו רעדען וועגען מיר? לאָמיר בעסער ריידען וועגען דיר.

— און וואָס איז פאראַן צו רעדען וועגען מיר? האָט פיער געזאָגט מיט א פרייליכען, זארגלאָזען שמייכעל. וואָס בין איך? אן אונגעזעצליכער זוהן! ער איז רויט געוואָרען וויא צונטער און עס איז געוועזען קענטיג, אז ער האָט געדארפט אָנטאָן איבער זיך א גרויסען כח, אום ארויסצוזאָגען די ווערטער. איך בין אָהן א נאָמען און אָהן א פערמעגען.... דערווייל בין איך פריי און איך פיהל זיך גוט. איך ווייס נאָר ניט, וואָס אָנצוהייבען און האָב געוואָלט בעראַטען זיך מיט אייך.

— דו ביזט מיר טהייער, איבערהויפּט ווייל דו ביזט דער איינציגער לעבעדיגער מענש אין אונזער גאנצען קרייז. דיר איז גוט. קלייב אויס וואָס דו ווילסט, דאָס איז קיין אונטערשיעד ניט. וואָס דו וועסט טאָן וועט זיין גוט. נאָר איין זאך: הער אויף צו פאָהרען צו דיא קוראגינס און פיהרען אזא לעבען. פאר דיר פּאסט עס גאָר ניט;

דאָס זויפען, דאָס בושעווען.

— וואָס קען מען טהאָן, מיין פריינד, האָט פּיער געזאָגט ציהענדיג מיט דיא אקסלען, פרויען, מיין פריינד, פרויען!

— איך בעגרייף ניט, האָט אנדריי געענטפערט. אנשטענדיגע פרויען איז עפּעס אנדערש, נאָר קוראגינס א פרויענציממער, פרויען און וויין, דאָס בעגרייף איך ניט.

פּיער האָט געוואוינט ביי פירסט וואַסילי קוראגין און האָט אנטהייל גענומען אין דעם צובושעוועטען לעבען פון זיין זוהן אנאַטאָל, דער זעלבער אנאַטאָל, וועלכען מען האָט זיך געקליבען חתונה צו מאַכען מיט אנדריי׳ס שוועסטער, אום ער זאָל זיך אויסבעסערן.

— ווייסט איהר וואָס, האָט פּיער זיך פלוצים אָנגערופען, פיהרענדיג אזא לעבען, וועל איך קיין מאָל ניט קענען ניט דענקען וועגען א קאַריער און ניט בעשליסען זיך אויף עפּעס. דער קאָפּ טהוט וועה און קיין געלד איז ניטאָ, היינט האָט ער מיך גערופען צו זיך, נאָר איך וועל ניט פאָהרען צו איהם.

— גיב מיר דיין עהרען־וואָרט, אז דו וועסט צו איהם ניט פאָהרען.

— איך גיב אייך מיין עהרען־וואָרט! האָט פּיער געזאָגט.

עס איז געווען צוויי א זייגער ביי נאַכט, ווען פּיער איז ארויסגעגאַנגען פון אנדריי׳ס הויז. דיא נאַכט איז געווען א זומערדיגע און מעהר עהנליך אויף א פריהמאָרגען אָדער אבענד. וויט ארום האָט מען געקענט זעהען אין דיא לעדיגע גאַסען. זיר האָט געדונגען א קאַרעטע און איז געפאָהרען א היים, נאָר וואָס־נעהענטער ער איז צוגעפאָהרען צו זיין וואָהנונג, האָט ער אלץ מעהר געפיהלט, אז ער וועט היינטיגע נאַכט ניט קענען איינשלאָפען. ער האָט זיך דערמאָנט, אז היינט ביי נאַכט האָט זיך געדארפט צונויפקלייבען ביי אנאַטאָל קוראגין דיא געוויינליכע געזעלשאפט צו שפּיעלען אין קאָרטען און נאָכ׳ן שפּיעלען האָט זיך געוואוינליך אָנגעהויבען א טרינקעריי, וואָס האָט זיך געענדיגט זעהר לוסטיג.

„עס וואָלט געווען זעהר גוט אריבערצופאָהרען צו קוראגינען", האָט ער געטראַכט. נאָר גלייך האָט ער זיך דערמאָנט, אז ער האָט געגעבען זיין עהרען־וואָרט אנדריי׳ען, ניט צו פאָהרען מעהר צו אנאַטאָל׳ען.

נאָר באַלד האָט זיך איהם אזוי שרעקליך פערגלוסט כאָטש נאָך איין מאָל א לעבען טהאָן, וויא ער האָט געלעבט דיא לעצטע צייט, אז ער האָט זיך בעשלאָסען צו פאָהרען. און ער האָט גלייך געפונען א פשט׳יל, אז זיין וואָרט, וואָס ער האָט געגעבען אנדרייען, האָט קיין ווערטה ניט, וויל נאָך פריהער האָט ער זיין וואָרט גע־

נעבען דעם פירסט אנאטאל, אז ער וועט היינט קומען צו איהם.

צופאָהרענדיג צום גאנעק פון דעם גרויסען הויז, וואו אנאטאל האָט געוואָהנט, האט ער זיך אויפגעהויבען אויף דיא טרעפ און איז אריין אין דער אָפענער טהיר. אין פאָרצימער איז קיינער ניט געווען; עס האבען זיך געוואלגערט לעדיגע פלעשלאך, מאנטלען, קאלאָשען; עס האָט זיך געהערט א גערוף פון וויין, און א ווייטער געשפרעך און געשריי.

דאָס שפיעלען און דאָס עססען האָט זיך שוין געענדיגט, נאָר דיא געסט זיינען זיך נאָך ניט צופאָהרען. פיער האָט אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם מאנטעל און איז אריין אין ערסטען צימער, וואו עס האָבען זיך געפונען דיא שיריים פון דעם אבענדברויט און א לאקיי, דענקענדיג, אז קיינער זעהט איהם ניט, האָט אויסגעלעדיגט דיא גלעזער, אין וועלכע עס איז פערבליעבען וויין. פון דריטען צימער האָט זיך געהערט א גערודער, א געלעכטער, אויסגעמיישטע קולות און א געבריל פון א בער. א מענשען אכט האָבען זיך ארומגעשטעלט ארומאָ'ן אָפענעם פענסטער.

— איך האלט הונדערט פאר סטיווענס'ן, האָט געשריען איינער.

— איך פאר דאָלאָכאָוו'ן!

— לאָזט דעם בער צורוה. דאָ איז א וועט.

— אָבער מיט איין אטהעם, אז ניט איז פערשפיעלט.

— יאקאָוו! דערלאנג א פלעשעל, יאקאָוו! אָט איז פעטרושא! האָט אויסגעשריען אנאטאָל, וועלכער איז געשטאנען אין מיטען צווישען זיינע חברים אין איין דינעם העמד מיט א'ן אָפפענעם בוזום.

א צווייטע שטיממע פון פענסטער, דיא איינציגע שטיממע וואָס האָט אי־בערגעשט צווישען אללע שכור'ע קולות מיט איהר ניכטערקייט, האָט אויסגעשריען צו איהם:

— קום אהער און הער אוים אונזער וועט.

דיא שטימע איז געווען דאָלאָכאָוו'ס, א'ן אָפיציער און בעוואוסטער שפיעלער.

— איך הייב ניט אָן צו פערשטעהן, וואָס דאָ טהוט זיך, האָט פיער געזאָגט, קוקענדיג פרייליך ארום זיך.

— ווארט, ער איז ניט שכור. דערלאנגט א פלעשעל, האָט געזאָגט אנאטאָל און נעהמענדיג א גלאָז פון טיש איז ער צוגעגאנגען צו פיער'ן.

— פריהער פון אלץ טרינק.

פיער האט גענומען טרינקען א גלאז נאך א גלאז. אנאטאל האט איהם דער־וייל דערצעהלט, אז דאלאכאוו האלט א וועט מיט א׳ן ענגלישען, סטיווענס, אז ער, דאלאכאוו וועט אויסטרינקען א פלעשעל ראם, זיטצענדיג אויף׳ן פענסטער פון דעם דריטען שטאק מיט ארויסגעהאנגענע פיס אין דרויסען.

— טרינק נאך דאס גלאז, האט אנאטאל געזאגט, אז ניט לאז איך דיך ניט אב.

— מעהר וויל איך ניט, האט פיער געזאגט, אבשטופענדיג אנאטאל׳ן און איז צוגעגאנגען צום פענסטער.

דאלאכאוו איז געווען אלט א יאהר פינף און צוואנציג, פון מיטעלען וואוקס, מיט א שטייפען, פרעכען און קלוגען בליק. ער איז ניט געווען רייך און האט ניט געהאט קיינע פערבינדונגען, און דאך האט ער געוואוינט צוזאמען מיט אנאטא־לען און געקענט זיך שטעלען אזוי, אז אלע האבען אויף איהם געקוקט מיט מעהר אכטונג, וויא אויף אנאטאלען. עס איז ניט געווען א שפיעל, אין וועלכע דאלאכאוו האט ניט געשפיעלט און ער האט כמעט שטענדיג געוואונען. פיעל ער האט ניט געטרונקען, איז ער קיין מאל שכור ניט געווארען און ער און אנאטאל זיינען געווען דאמאלס בעריהמט אין דער וועלט פון הולטאיעס אין פעטערבורג.

מען האט דערלאנגט א פלעשעל ראם. דער ראם פון פענסטער האט געשטערט צו זעצען זיך אויף דעם דרויסענדען אבהאנג פון פענסטער און צווי לאקאיען הא־בען זיך געמאטערט ארויסצורייסען דעם ראם. אנאטאל איז צוגעגאנגען צום פענס־טער, האט אבגעשטופט דיא לאקייען און האט אליין געוומען רייסען. נאר זיין אר־בייט איז געווען אומזיסט. ער האט נאר אויסגעבראכען א שויב.

— נו, גבור, האט זיך אנאטאל געווענדט צו פיער׳ן. לעג דו צו א האנד.

פיער איז צוגעגאנגען צום פענסטער און עס האט ניט געדויערט קיין צווי מינוט און דער גאנצער דובאווער ראם איז מיט א קראך ארויסגעשפרונגען.

— רייס ארויס אין גאנצען, מען זאל ניט מיינען, אז איך האלט זיך אין עפעס, האט דאלאכאוו געזאגט.

— איך האלט א וועט, האט דאלאכאוו געזאגט אויף פראנצויזיש, אום דער ענג־לענדער זאל איהם פערשטיין, איך האלט א וועט אויף פופציג אימפעריאלען ; ווילט איהר אפשר אויף הונדערט ? האט ער געזאגט, ווענדענדיג זיך צום ענגלענדער.

— ניין, פופציג איז גענוג, האט געענטפערט דער ענגלענדער.

— גוט, אויף פופציג אימפעריאלען, אז איך וועל אויסטרינקען א גאנצע פלעשיל ראם, אהנע אבצונעהמען דאס פלעשיל פון מויל, זיטצענדיג אט דא (ער האט געוויזען

אויף א משופע׳דיגען אבהאנג פון דער וואנד אונטערן פענסטער) און ניט אנהאל־טענדיג זיך אין קיין זאך ... אזוי?....

— גוט, האט געזאגט דער ענגלענדער.

אנאטאל האט זיך געווענדט צום ענגלענדער און האט איהם ווידערהאלט אין ענגליש אלע בעדינגונגען פון דעם וועט.

— ווארט! האט דאלאכאוו א געשריי געטהאן, סקאפענדיג מיט׳ן פלעשיל אין פענסטער. הערט מיך אויס. אויב עמיצער וועט טהאן דאס זעלבע, צאהל איך יענעם הונדערט אימפעריאלען.

דער ענגלענדער האט געשאקעלט מיט׳ן קאפ און מען האט ניט געקענט פער־שטיין, צו ער וועט אננעהמען דעם נייען וועט צו ניט. א יונגער איננעל, א לייב־הוזאר, וואס האט היינטיגע נאכט פערשפיעלט זיין גאנצע געלד, איז ארויפ־געקראכען אויפ׳ן פענסטער און האט ארונטערגעקוקט אונטען.

— או־או־או! האט זיך ביי איהם ארויסגעריסען פון האלז.

— שטיל! האט דאלאכאוו א געשריי געטהאן און האט אבגעשטויסען דעם יונגען אפיציער פון פענסטער.

דאלאכאוו האט אוועקגעשטעלט דאס פלעשיל אויפ׳ן פענסטער, אום איהם זאל נאכדעם זיין גרינגער צו בעקומען עס און האט פארזיכטיג גענומען זעצען זיך אויפ׳ אבהאנג פון דער וואנד, איינשפארענדיג זיך מיטביידע הענד אן דיא זייטען פון פענסטער. ער האט זיך א רוק געטאן רעכטס, דערנאך לינקס, א דריי גע־טאן אהער און דערנאך אהין און האט אבגענומען די הענד פון פענסטער און גענו־מען דאס פלעשיל. אנאטאל האט געבראכט צוויי ליכט און האט אוועקגעשטעלט אויפ׳ן פענסטער, כאטשע אין דרויסען איז שוין געווען ליכטיג. דאלאכאוו׳ס רוקען אין א ווייסע העמד און זיין געקרייזעלטער קאפ זיינען געווען בעלויכטען פון ביידע זייטען. אלע האבען זיך פערזאמעלט ארום פענסטער. פאראויס איז געשטאנען דער ענגלענדער. פיער האט געשמייכעלט און גאר ניט גערעדט. איינער פון דיא אנוועז־זענדע מיט א צושראקענע און בייזע געזיכט האט זיך א רוק געטהאן און האט גע־וואלט א כאפ טהאן דאלאכאוו׳ן פאר דער העמד.

— מיינע הערן, דאס איז זעהר נארעש; ער וועט זיך נאך דערהרג׳ענען צום טוידט.

אנאטאל האט איהם אבגעהאלטען.

— ריהר איהם ניט אן, דו וועסט איהם נאך דערשרעקען און ער וועט זיך דער־

חרג'ענען. אי וואס וועט זיין דאמאלס? אה?

דאלאכאוו האט זיך אומגעווענדעט ווייטער אנשפארענדיג זיך מיט דיא הענד.

— ווען יעמאנד וועט אהער רוקען זיין נאז, האט ער געזאגט, דורכזייענדיג דיא ווערטער דורך זיינע דינע און צוזאמענגעפרעסטע ליפען, וועל איך איהם אראבלאזען אהער. נו!....

ער האט זיך אבגעווענדט צוריק, האט אבגעלאזט די הענד, גענומען דאס פלעשיל און צוגעטראגען עס צום מויל, פערווארפענדיג דעם קאפ אהינטער און אויפהויבענדיג דיא פרייע האנד אין דער לופטען, אום איינצוהאלטען דאס גלייכגעוויכט. איינער פון דיא לאקייען, וואס האט אנגעהויבען אויפצוקלייבען די צובראכענע גלאז, איז געבליבען שטעהן אין א'ן איינגעבויגענעם צושטאנד, ניט אראבנעהמענדיג דיא אויגען פון פענסטער און פון דאלאכאוו'ס רוקען. אנאטאל איז געשטאנען גלייך מיט אפענע אויגען. דער ענגלענדער האט אויסגעשטעלט די ליפען און האט געקוקט פון א זייט. דער וואס האט ניט געוואלט לאזען דאלאכאוון זעצען זיך אויף'ן פענסטער, איז אוועקגעלאפען אין א ווינקעל און האט זיך געלייגט אויף דער זאפע מיט'ן געזיכט צו דער וואנד. פיער האט פערשטעלט דאס געזיכט און זיין שמייכעל איז פערגליווערט געווארן און האט איצט אויסגעדריקט שרעק און מורא. קיינער האט ניט ארויסגעבראכט א ווארט פון מויל. פיער האט אראבגענומען דיא הענד פון דיא אויגען: דאלאכאוו איז נאך אלץ געזעסען אין דעם זעלבען צושטאנד, נאר זיין קאפ איז געווען אנגעבויגען אהינטער אזוי, אז זיינע געקרייזעלטע האר פון דער פאטיליציע האבען בעריהרט דעם קראגען פון דער העמד, און דיא האנד מיט'ן פלעשעל האט זיך אלץ געהויבען העכער און העכער, ציטערנדיג און מאכענדיג אנשטרענגונגען. וויא עס האט געשיינט, האט זיך דאס פלעשעל אלץ מעהר אויסגעליידיגט.

— פאר וואס געדויערט עס אזוי לאנג? האט פיער געטראכט. איהם האט אויסגעוויזען, אז עס איז שוין אריבער מעהר וויא א האלבע שטונדע.

פלוצים האט דאלאכאוו געמאכט א בעוועגונג אהינטער מיט'ן רוקען און זיין האנד האט נערוועז אנגעהויבען צו ציטערן; דאס ציטערן איז געווען גענוג אראבצורוקען דעם גאנצען קערפער פון דעם משופע'דיגען אבהאנג פון פענסטער. ער איז געווען אין גאנצען אראבגערוקט און נאך שטארקער האבען געציטערט זיין האנד און קאפ, מאכענדיג גרויסע אנשטרענגונגען. איין האנד האט זיך אויפגעהויבען, אום אנצוכאפען זיך אן דעם פענסטער ברעט, נאר זיא האט זיך צוריק אראבגעלאזט.

פיער האט צוריק פערמאכט דיא אויגען און האט צו זיך געזאגט, אז ער וועט די שוין מעהר ניט עפענען. פלוצלונג האט ער דערפיהלט, אז ארום איהם איז געווארען א גערודער. ער האט געעפענט דיא אויגען: דאלאכאוו איז געשטאנען אויפ׳ן פענסטער ברעט און זיין געזיכט איז געוועזען בלייך און פרייליך.

— לעדיג!

ער האט א ווארף געטאן דאס פלעשיל צום ענגלענדער, וועלכער האט עס פינק א כאפ געטהאן. דאלאכאוו איז ארונטער געשפרונגען פון פענסטער און פון איהם האט זיך שטארק געהערט דער גערוך פון ראם.

— אויסגעצייכענט!

— א העלד!

— דאס הייסט א וועט!

— דער שווארץ יאהר זאל אייך נעהמען.

האבען זיך געהערט געשרייען פון אלע זייטען.

דער ענגלענדער האט בעקומען זיין פארטמנע און האט געצאהלט דאס געלד. דאלאכאוו האט אנגערוקט דיא ברעמען און האט געשוויגען. פיער איז ארויפגע־שפרונגען אויפ׳ן פענסטער.

— מיינע העררען! ווער וויל האלטען א וועט מיט מיר? איך טהו אויך דאס זעלבע האט ער א געשריי געטהאן. איך דארף קיין וועט אויך ניט. הייס דער־לאנגען א פלעשעל.

— זאל ער, זאל ער! האט דאלאכאוו געזאגט, שמייכלענדיג.

— וואס ביזטו משוגע צו וואס? ווער וועט דיר דערלאזען טהאן אזא זאך? ביי דיר ווערט דער קאפ פערדרייט, ווען דו געהסט ארויף אויף טרעפ, האבען זיך דערהערט קולות פון אלע זייטען.

— איך וועל אויסטרינקען: דערלאנגט א פלעשיל! האט פיער געשריען, דער־לאנגט א פלעשיל!

מען האט איהם אנגעכאפט פאר דיא הענד, נאר ער איז געוועזען אזוי שטארק, אז ער האט אלעמען אבגעשטויסען פון זיך.

— אזוי וועט מען מיט איהם גאר ניט אויספיהרען, האט אנאטאל געזאגט.ווארט, איך וועל איהם אבנארען.

און ער האט זיך געווענדעט צו פיערן:

— הער, איך האלט מיט דיר א וועט, נאר מארגען, היינט אבער פאהרען מיר

אַלע צו ג....

— מיר פאָהרען! האָט פּיער אויסגעשריען, מיר פאָהרען!...... און דעם בער נעהמען מיר אויך מיט....

און ער איז אראָבגעשפּרונגען פון פענסטער און האָט געכאפּט דעם בער, האָט איהם ארומגענומען און אויפגעהויבען און גענומען זיך דרייען מיט איהם איבער'ן צימער.

VII.

פירסט וואסילי האָט געהאלטען זיין וואָרט, וואס ער האָט געגעבען דער פירסטין דרובעצקאיא ביי אננא פּאוולאָוונא אויף'ן אבענד. ער האָט געמעלדעט וועגען איהר זוהן דעם קייזער און מען האָט איהם גלייך אריבערגעפיהרט אין גווארדיע אין סעמיאָנאָווסקי פאָלק. נאָר צו מאַכען איהר זוהן פאר אדיוטאנט ביי קוטוזאָוו'ן איז דער פירסטין נים געלונגען.

פון פעטערסבורג איז פירסטין דרובעצקאיא אוועקגעפאָהרען אין מאָסקווע און זי איז פערפאָהרען צו איהרע רייכע פערוואנדטע, דיא ב'נוואוסטע אין גאַנץ מאָסקווע ראָסטאָווס, וואו זיא פלעגט זיך אויפהאַלטע', וועהרענד זיא האָט זיך געפונען אין מאָסקווע און וואו איהר באָריס האָט זיך ערצויגען און איז אויסגעוואַקסען. די גווארדיע איז שוין ארויסגעגאַנגען פון פעטערסבורג דעם 10טען אויגוסט און באָריס איז נאָר פערבליבען אין מאָסקווע צו בעקליידען זיך און ער האָט געדארפט אָניאָגען זיין פאָלק אין ראדזיווילאָוו.

ביי דיא ראָסטאָוו'ס איז געוועזן דער געבורטס טאָג פון דער מוטער און דער יונגערער טאָכטער און פון אין דער פריה זיינען אָהן אויפהער צוגעפאָהרען צום הויז קארעטען. די גרעפין און איהר שיינע עלטערע טאָכטער זיינען געזעסען אין גאסטצימער און האָבען עמפּפאַנגען דיא געסט.

דיא פירסטין דרובעצקאיא וויא א שטובינגער מענש, איז אויך דא געזעסען און האָט געהאָלפען צונעהמען דיא געסט. די יונגע קינדער האָבען זיך געפונען אין דיא הינטערסטע צימערן. דער גראף ראָסטאָוו האָט בעגעגענט און בעגלייט דיא געסט און איינגעלאַדען יעדען צום מיטאָג.

— מאריא לוואָוונא קאראגינא מיט דער טאָכטער! האָט געמעלדעט דער לאַקיי, אריינקומענדיג אין דער טיר פון דעם גאסטצימער.

דיא גרעפין האָט גענומען א שמעק טאבאק פון א גאָלדענע טאבאקערקע, געטראַכט א רגע און געזאָגט:

— איך בין שוין טוידט־מיעד פון דיא וויזיטען, נאָר איהר נעהם איך צו די לעצ־טע. היים אריינקומען! האָט זיא געזאָגט מיט אזא טרויעריגען קול, וויא זיא וואָלט געזאָגט: „נו, נו, דערהרג'עט מיך שוין אין גאנצען!"

אין גאסט צימער איז אריינגעקומען א הויכע און פולע דאמע מיט א שטאָלצען אויסדרוק און מיט איהר צוזאמען איז אריין איהר טאכטער מיט א קיילעבדיג געזיכט און מיט א שמייכעל אויף דיא ליפּען, רוישענדיג מיט דיא קליידער.

עס האט זיך פערצויגען איינער פון יענע געשפּרעכען, וועלכען מען קען שטענדיג איבערהאקען אין מיטען און אויפהייבען זיך און אוועקגעהען. מען האָט גערעדט וועגען דיא הויפּט נייעס פון דער שטאָדט, וועגען דער קראנקהייט פון דעם בעוואוסטען מאגנאט און פארשוין פון יעקאטערינעס צייטען, פון דעם אלטען גראף בעזוכי און וועגען זיין אונגעזעצליכען זוהן פּיער, וועלכער האָט זיך אזוי ניט אנשטענ־דיג געהאלטען ביי אננא פּאוולאָווני שערער אויפ'ן אבענד.

— איך האָב מיטלייד מיט דעם אלטען גראף, האָט געזאָגט קאראגינא. ער איז אזוי אויך זעהר קראנק און איצט דיא קלעמענים צוליעב זיין זוהן, דאָס וועט איהם דערהרג'ענען!

— וואָס איז? האָט דיא גרעפין געפרעגט, גראדע וויא זיא וואָלט ניט גע־וואוסט, וועגען וואָס דאָ רעדט זיך, הגם זיא האָט שוין היינט א מאָל פופצעהן גע־הערט, וואָס איז דיא אורזאכע פון דעם גראף בעזובי'ס קלעמענים.

— נאט אייך היינטיגע ערציהונג! און נאָך אין אויסלאנד, האָט קאראגינא גע־זאָגט. דער יונגער מאַן האָט אין פּעטערסבורג אָבגעטהאָן אזעלכע שפּיצלאך, אז דיא פּאָליציי האָט איהם פון דאָרט ארויסגעשיקט.

— וואָס רעדט איהר! האָט דיא גרעפין געזאָגט.

— ער האָט אויסגעקליעבען שלעכטע בעקאנטע, האָט זיך אריינגעמישט פירס־טין דרובעצקאיא. ער און פירסט וואסילי'ס א זוהן און איינער דאָלאָכאָוו — עס איז געוועזן מיט זיי א לעבעדיגע וועלט. זיי האָבעןביידע בעצאָהלט דערפאר. דאָ־לאָכאָוו איז אראָבגעוואָרפען געוואָרן פון אָפיציר און איז איצט א פּראָסטער סאָל־דאט און בעזובים זון האָט מען ארויסגעשיקט נאָך מאָסקווע. אנאטאָל קוראגין איז לייכט אָבגעקומען, דער פאָטער האָט די זאך פערשטיקט, און דאָך האָט מען איהם אויך ארויסגעשיקט פון פּעטערסבורג.

— וואָס אזוינס האבען זיי געטאָן? האָט געפרעגט דיא גרעפין.

— דאס זיינען אמת'ע רוצחים, איבערהויפּט דאָלאָכאָוו, האָט געזאָגט קאראגי־

נא. זיין מוטער איז א גאנץ פיינע פרוי, נאָר זעהט וואָס פאר א זוהן דאס איז! שטעלט זיך פאָר, זיי דריי האָבען ערגעץ געקראָגען א בער, האבען איהם גענומען מיט זיך אין קארעטע און זיינען אוועקגעפאָהרען צו אקטריסעס און האָבען גע־מאכט א סקאנדאל. דיא פאָליציי איז אָנגעלאָפען און האָט זיך אריינגעמישט. זיי האָבען געכאפט דעם קווארטאלנעם און האבען איהם צוגעבונדען רוקען צו רוקען צום בער און האָבען זיי אריינגעלאָזען אין דעם טייך מאָיקע. דער בער שווימט און דער קוואַרטאַלנער אויף איהם.

— ער האָט געדארפט פיין אויסזעהן! האָט דער גראף אויסגעשריען, קייבענ־דיג זיך פון געלעכטער.

— וואָס פאר א שרעק! וואָס איז דאָ צום לאכען, גראף?

נאָר דיא דאמען אליין האָבען אויך ניט ווילענדיג געלאכט.

— מען האָט קוים אָבגעראטעוועט דעם אונגליקליכען, האָט פאָרטגעזעצט קאראַ־גינא. און אזוי קלוג האָט זיך דאָס אויפגעפיהרט פירסט קיריל בעזוכים זוהן! און געזאָגט האָט מען, אז ער איז אזוי גוט ערצויגען און קלוג. אָט צו וואָס דיא אויס־לענדישע ערציהונג האָט געבראכט! איך האָף, אז דאָ וועט איהם קיינער ניט וועלען עמפפאנגען, ניט קוקענדיג אויף זיין רייכקייט. מען האָט איהם געוואָלט פארשטעל־לען פאר מיר, נאָר איך האָב זיך אָבגעזאָגט: איך האָב טעכטער.

— פאר וואָס זאָגט איהר, אז דער יונגער מאן איז רייך? האָט דיא גרעפין גע פרעגט, אָבקעהרענדיג זיך פון דיא מיידלאך, וועלכע האָבען גלייך געמאכט א מינע, אז זיי הערען ניט. ער האָט דאָך נאָר אונגעזעצליכע קינדער. דוכט זיך.... און פיער איז אויך אן אונגעזעצליכער.

קאראגינא האָט א מאך געטהאָן מיט דער האנד.

— איך רעכען, אז ער האָט א צוואנציג קינדער אונגעזעצליכע.

דיא פירסטין דרובעצקאיא האָט זיך אריינגעמישט:

— דיא זאך איז אזוי, האָט זיא אויך געזאָגט שטיל. גראף קיריל בעזוכי׳ס רעפוטאציע איז בעוואוסט.... ער ווייס אליין ניט פיעל קינדער ער האָט, נאָר דער פיער איז זיין ליעבלינג.

— וויא שיין דער אלטער איז געווען, נאָך פאריגען יאָהר, האָט געזאָגט דיא גרעפין. א שעהנערען מאנספערזאָן האָב איך ניט געזעהען.

— איצט האָט ער זיך זעהר געענדערט, האָט דרובעצקאיא געזאָגט. פון דער ווייבס צד איז דער גלייכער יורש פון אלע גיטער פירסט וואסילי, נאָר פיער איז

געוועזען דעם אלטען'ס ליעבלינג און האָט זיך בעשעפטיגט מיט זיין ערציעהונג און האָט געשריעבען צום קייזער.... און אויף אזא אופן וויים קיינער ניט, וועד וועט איהם ירש'ענען, אויב ער וועט שטארבען, צו וואסילי צו פיער (ער איז אזוי קראַנק, אז מען ערווארט יעדע מינוט זיין טוידט). פיערציג טויזענד פאנסטשיזניקעס און מיליאָנען געלד. איך וויים דאָס זעהר גוט, ווייל פירסט וואסילי אליין האָט דאָס מיר געזאָגט. אויסער דעם איז קיריל בעזוכי מיינער א עלטער־עלטער פעטער פון דער מוטערס צד. ער איז דער גאָטפּאָטער ביי מיין באָריס'ן.

— פירסט װאסילי איז נעכטען אָנגעקומען אין מאָסקווע. ער פאָהרט אויף א רעוויזיע, האָט מען מיר געזאָגט, האָט געזאָגט קאראגינא.

— דאָס איז, צווישען אונז זאָל עס בלייבען, נאָר אַ'ן אויסרייד. ער איז געקומען זעהן, וואָס הערט זיך מיט'ן קראַנקען.

— דאָך איז דאָס געווען א פיינער שפּיצעל, האָט דער גראף געזאָגט, און בעמערקענדיג, אז דער עלטערער גאסט הערט איהם ניט, האָט ער זיך געווענדעט צו דיא פריילינס: איך שטעל זיך פאָר, וויא דער קווארטאלנער האָט אויסגעזעהען.

און ער האָט גענומען פאָרשטעלען, וויא דער קווארטאלנער האָט געמאכט מיט דיא הענד און האָט זיך ווידער צולאכט מיט א הילכיגען א באסאָווען געלעכטער, וואס האָט געטרייסעלט זיין גאנצען פולען קערפּער, וויא עס לאכען געוועהנליך מענשען וואָס עסען גוט און איבערהויפּט וואָס טרינקען גוט.

VIII.

אלע זיינען אנשווייגען געוואָרען. דיא גרעפין האָט געקוקט אויף דיא געסט מיט א'ן אנגענעהמען שמייכעל. און דאָך האָט זיא ניט געזוכט צו בעהאלטען, אז זיא וועט זיך שטארק ניט קלעמען, ווען די געסט וועלען זיך אויפהויבען און אוועקגעהן. דיא טאָכטער האָט פראגענד א קוק געטאָן אויף דער מוטער, ערסט אין דער מינוט האָט זיך דערהערט א געלאף צו דער טהיר און א דרייצעהניאָהריגע מיידעל איז אריינגעלאָפען, פערבעהאלטענדיג עפּעס מיט איהר קליידעל און איז געבליעבען שטעהען אין מיטען צימער. עס איז געווען קענטיג אז זיא איז פערלאָפען צו ווייט. אין דער מינוט האָבען זיך אין טהיר געוויעזען א סטודענט, אן אָפיציר פון גווארדיע, א פופצען־יעהריגע מיידעל און א איינגעל מיט רויטע בעקלעך.

דער גראף איז אויפגעשפרונגען, האָט וויט פערנאנדערגעשפּרייט דיא הענד און האָט דאָס מיידעל א כאַפּ געטאָן.

— אט איז זיא! האָט ער אויסגעשריען מיט א געלעכטער. אט איז זיא!

— מיין ליעבע, אויף אלץ איז פאראן א צייט, האט געזאגט דיא גרעפין, מאַכענדיג א שטרענגע מינע. עלי, דוא צולאזט איהר נאר, האט זיא געזאגט צום מאן.

— איך גראטוליר אייך מיט אייער געבורטס-טאג! האט געזאגט קאראגינא צום מיידעל. וואס פאר א שיין קינד! האט זיא זיך געווענדט צו דער גרעפין.

נאטאשא איז געווען ניט קיין שיינע, נאר א לעבעדיגע מיידעל מיט שווארצע אויגען, מיט א גרויסען מויל און איז געווען אין יענעם וואוקס, ווען דאס מיידעלע איז ניט קיין קינד און דאס קינד איז ניט קיין מיידעל. זיא האט זיך ארויסגעדרייט פון דעם פאטער'ס הענד און איז צוגעלאפען צו דער מוטער, פערבעהאלטען איהר ערראטעטע געזיכט אין דיא שפיצען פון דער מוטער'ס קלייד און האט זיך צולאכט.

— איהר זעהט?.... מימי...... דיא פופע.... און נאטאשא האט מעהר ניט געקענט ארויסריידען. זיא האט זיך צולאכט אזוי הויך, א פאל טהוענדיג אויף דער מוטער, אז אלע האבען געגען זייער ווילען אנגעהויבען צו לאכען.

— געה, געה אוועק מיט דיין פערזעהעניש! האט די מוטער געזאגט, מאכענדיג א בייזע מינע און אבשטופענדיג נאטאשא'ן, דאס איז מיין קלענערע טאכטער, האט זיא געזאגט צום גאסט.

קאראגינא האט געפונען פאר נייטיג אריינצושטעלען א ווארט, און זיא האט זיך געווענדעט צו נאטאשא'ן:

— זאגט מיר, מיין ליעבע, איז דיא פופע אייערע א טאכטער?

נאטאשא'ן איז ניט געפעלען געווארען, וואס מען רעדט מיט איהר וויא מיט א קינד, און האט גאר ניט געענטפערט.

דיא יונגע לייט, בארים א'ן אפיציער, דיא פירסטין דרובעצקאיא'ס זוהן, ניקאלאי, א סטודענט, דעם גראף'ס עלטערער זוהן, סאניא, א פופצעגיעהריגע מיידעל, דעם גראף'ס א פלימעניצע, און דער קליינער פעטרושא, דעם גראף'ס איננסטער זוהן, וואס זיינען אריינגעקומען צוזאמען מיט נאטאשא און הגם זיי האבען געזוכט צו האלטען זיך אנשטענדיג, האבען זיי זיך קוים איינגעהאלטען פון לאכען. עס איז געווען קענטיג, אז איידער זיי זיינען אהער אריינגעקומען האבען זיי געהאט א פרייליכען געשפרעך. אלע יונגע לייט האבען זיך פערלארען און האבען ניט געוואוסט וואס צו זאגען, אויסער בארים, וועלכער האט גלייך געזאגט א וויץ וועגען נאטאשא'ס פופע. נאטאשא האט א קוק געטהאן אויף איהר איננערן ברודער, וועלכער האט זיך געטרייסעלט פון אן איינגעהאלטענעם געלכטער, און איז ארויסגעלאפען פון גאסט-צימער אזוי געשווינד, וויא דיא פיס האבען איהר געטראגען.

IX.

באריס איז ארויסגעגאנגען הייסען צוגרייטען א קארעטע פאר דער מוטער, און אין גאסט־צימער זיינען פון דיא יונגע קינדער נאך פערבליבען ניקאלאי, דיא פלימע־ניצע־סאניא און זשולי קאראגיא, מיט רעכענעודיג דעם גראפ׳ס עלטערע טאכטער.

— יא, האט דער אלטער גראף געזאגט זיך ווענדענדיג צום גאסט און ווייזענדיג אויף ניקאלאיען. זיין פריינד באריס איז ארייגעטראטען אין מיליטער־דיענסט און ער פון פריינדשאפט ווענען וויל פון איהם ניט אבשטעהן און ער ווארפט אוועק דעם אוניווערזיטעט און מיך. אט דאס הייסט פריינדשאפט.

— נאר ניט פון פריינדשאפט וועגען, האט ניקאלאי געענטפערט און איז אויפגעפלאמט געווארען. איך פיהל אז דיא מיליטער־דיענסט איז מיין בערוף.

ער האט א קוק געטאן אויף זיין קוזינע און אויף זשולי: זיי האבען ביידע אויף איהם געקוקט מיט א שמייכעל, וואס האט געוויזען, אז זיי געפעלט זיין ענטפער.

— איך האב אייך שוין געזאגט, פאטער, אז אויב איהר ווילט, וועל איך פערבלייבען דא. נאר איך וויים, אז איך טויג צו קיין זאך ניט אויסער צו מיליטער־דיענסט. איך בין ניט קיין דיפלאמאט און קען ניט זיין קיין בעאמטער.

— גוט, גוט! האט דער אלטער גראף געזאגט. באנאפארטע האט אלעמען פערדרייט דעם קאפ. יעדער דענקט, ווי אזוי איז ער פון אן איינפאכען אפיציר געווארן א קייזער. פאר וואס ניט, זאל גאט געבען!

דיא גרויסע האבען אנגעהויבען צו ריידען וועגען באנאפארטע. זשולי האט זיך געווענדעט צו ניקאליען:

— מיר טהוט לייד, וואס איהר זייט ניט געווען דאנערסטאג בי דיא ארבאראווס. מיר איז געווען אומעדיג אהן אייך.

דיא חניפה האט ביי איהם ארויסגערופען א קאקעטישען שמייכעל פון יונגעד געזעצט זיך נעהנטער צו איהר און פערצווינגען מיט איהר א געשפרעך. ניט בעמערקענדיג אז דיזער שמייכעל האט געשניטען מיט א מעסער פון אייפערזוכט דאס הארץ פון סאניא, ביי וועלכע האבען זיך געביטען דיא פארבען אין געזיכט און וועלכע האט געצוואונגען זיך צו שמייכלען. אין מיטען געשפרעך האט ער אויף איהר א קוק געטאהן. סאניא האט אויף איהם א ווארף געטהאן א בייזען בליק און האט קוים איינגעהאלטען דיא טרערען אין דיא אויגען, נאר מיט א געמאכטען שמייכעל אויף די ליפען האט זי זיך אויפגעהויבען און איז ארויס פון צימער. ניקאלאי׳ס גאנצע בעלעבטקייט איז פערשוואונדען געווארן. ער האט קוים אויסגעווארט א פאר

מינוט און איז ארויס פון צימער.

— וואס פאר א אפענע סודות ביי יונגע מענשען זיינען! האט געזאגט ווער בעצקאיא, ווייזענדיג אויף ניקאלאיען, ווען ער איז ארויסגעגאנגען.

X.

ווען נאטאשא איז ארויסגעלאפען פון גאסט-צימער איז זיא אוועקגעלאפען ביזן בלומען-צימער. דא איז זיא געבליעבען שטעהען און האט געווארט ביז באריס וועט ארויסגעהן. און אזוי וויא ער איז גלייך ניט ארויסגעגאנגען איז זיא געווארען אונגעדולדיג, האט א טופע געטאן מיט'ן פיסעל און האט זיך שוין געוואלט צואויינען. דאן האבען זיך דערהערט ניט קיין שטילע, ניט קיין האסטיגע נאר אנ-שטענדיגע טריט פון דעם יונגען מאן. נאטאשא האט זיך געשווינד אווארף גע-טאן צווישען דיא בלומען און האט זיך בעהאלטען.

באריס איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער, האט זיך ארומגעקוקט, האט אראבגענומען א שטויב פון דעם ארבעל פון דעם ראק און איז צוגעגאנגען צום שפיגעל א קוק טאן אויף זיין שיינע געזיכט. נאטאשא האט ארויסגעקוקט פון איהר בעהעלטעניס און געווארט וואס ער וועט טהאן ווייטער, ער איז א מינוט גע-שטאנען פארן שפיגעל האט א שמייכעל געטאן און האט זיך געלאזט געהן צו דער טהיר. נאטאשא האט איהם געוואלט א רוף טאן, נאר זיא האט זיך בע-דענקט: זאל ער זוכען. וויא באריס איז ארויסגעגאנגען איז אהער אריינגעקומען פון א צווייטע טיר סאניא, מיט א רויטע געזיכט און האט מיט טרערען אין דיא אויגען עפעס געמורמעלט זעהר בייז. נאטאשא האט גלייך געוואלט ארויסלויפען צו איהר, נאר זיא האט זיך אבגעהאלטען. סאניא האט געמורמעלט און גע-קוקט אויף דער טיר פון גאסט-צימער. פון דיעזער טהיר איז אריינגעקר מען ניקאלאי.

— סאניא! וואס איז דיר? פאר וואס? האט ניקאלאי געזאגט, צולויפענדיג צו איהר.

— גאר ניט, גאר ניט, לאזט מיך אב! האט סאניא געזאגט און האט זיך צר וויינט.

— זאג מיר ניט, איך וויים וואס.

— נו, אז איהר ווייסט איז גאנץ גוט און געהט צו איהר.

— ס—א—ניא! איין ווארט! פאר וואס זאלסטו מיך פלאגען און זיך פלאגען צוליעב א פאנטאזיע? האט ניקאלאי געזאגט, נעהמענדיג איהר פאר דער האנד.

סאָניא האָט דיא האַנד ניט ארויסגעריסען און האָט אויפגעהערט צו וויינען.

נאטאשא איז געזעסען אין איהר בעהעלטעניס אָהן אָן אָטהעם און האָט מיט בליצענדע אויגען געקוקט אויף דיא צוויי יונגע מענשען און האָט זיך געפרעגט: „וואָס וועט זיין איצט?"

— סאָניא! דיא גאַנצע וועלט איז פאר מיר גאָר נישט! דוא איינע ביזט פאר מיר אַלץ! האָט ניקאָלאַי גערעדט. איך וועל דיר דאָס דערווייזען.

— איך האָב ניט ליעב צו הערען, ווען דו רעדסט אזוי.

— נו, שוין מעהר ניט, מעהר ניט! פערצייהע, סאָניא! ער האָט איהר א ציה געטהאָן צו זיך און האָט איהר א קוש געטהאָן.

— אח, וויא גוט דאָס איז! האָט נאטאשא געזאָגט צו זיך, און ווען סאָניא מיט ניקאָלאַיען זיינען ארויס פון צימער, איז זיא ארויס גלייך נאָך זיי און האָט אריינגערופען באָריסען.

— באָריס, קומט אהער, האָט נאטאשא געזאָגט מיט א לוסטיגע מינע. איך דאַרף אייך זאָגען א זאַך, אהער, אהער, און זיא האָט איהם צוגעפיהרט צום פּלאַץ, וואו זיא איז געזעסען בעהאלטען.

— וואָס איז דאָס פאר א זאַך? האָט באָריס געפרעגט.

זיא האָט זיך א רגע פערלאָרען, האָט זיך ארומגעקוקט ארום צימער און דער־זעהענדיג איהר פּופּע, וואָס זיא האָט דאָ פריהער אוועקגעוואָרפען, האָט זיא איהר גענומען אין דיא הענד.

— ניט איהר א קוש, האָט זיא געזאָגט.

באָריס האָט אויפמערקזאם געקוקט אויף איהר בעלעבטע געזיכט און האָט גאָר ניט געענטפערט.

איהר ווילט ניט? קומט אהער, האָט זיא געזאָגט און האָט איהם נאָך טיעפער אריינגעפיהרט צווישען דיא בלומען און האָט א וואָרף געטהאָן דיא פּופּע. — נעהענטער! נעהענטער! האָט זיא געמורמעלט. זיא האָט איהם מיט דיא הענד אָנגעכאפּט פאר די לאַצען און אויף איהר געזיכט וואָס האָט זיך בעדעקט מיט א רויטקייט, האָט זיך אָבגעטונקט א פייערליכקייט און שרעק.

— און מיך ווילט איהר א קוש טהאָן? האָט זיא געשעפּטשעט זעהר שטיל. קו־קענדיג אויף איהם פון אונטערן שטערען, שמייכלענדיג און כמעט וויינענדיג פון ער־רעגונג.

באָריס איז רויט געוואָרען.

— וויא קאָמיש דאָס איז! האָט ער געזאָגט, אָנבוינענדיג זיך צו איהר, נאָך מעהר רויט ווערענדיג, נאָר אַליין האָט ער זיך ניט פאַרגענומען עפּעס צו טהאָן.

זיא אִי. ארויפגעשפּרונגען אויף א בלומען־פעסעל און האָט איהם מיט איהרע דינע בלויזע הענד ארומגענומען ביין האלז, האָט מיט א בעוועגונג פון קאָפּ פערוואָרפען דיא האָר אהינטער און האָט איהם א קוס געטהאָן אין דיא ליפּען.

זיא האָט זיך דורכגעגליטשט דורך דיא טעפּ בלומען און איז ענדליך געבליעבען שטיין מיט אַ'ן אראָבגעלאָזטען קאָפּ.

— נאַטאַשאַ, האָט ער געזאָגט, איהר ווייסט, אז איך האָב אייך ליעב, נאָר....

— איהר זייט אין מיר פערליעבט? האָט זיא געפרעגט.

— יאָ, פערליעבט, נאָר איך בעט אייך, מיר זאָלען מעהר ניט טאָן וואָס איצט... נאָך פיער יאָהר ... דאַן וועל איך בעטען אום אייער האַנד.

נאַטאַשאַ האט זיך פערטראַכט.

— דרייצעהן, פיערצעהן, פופצעהן, זעכצעהן .. האָט זיא געזאָגט, צייהלענדיג איבער איהרע דינינקע פינגערלעך. גוט! איז אזוי אָבגעמאַכט?

און א שמייכעל פון פרייד און בערוהיגונג האָט בעלוכטען איהרע בעלעבטע געזיכט.

— אָבגעמאַכט! האָט באָריס געזאָגט.

— אויף אייביג? האָט נאַטשאַ געפרעגט. ביז'ן טויט?

און זי האָט איהם גענומען אונטער דער האַנד און איז מיט א גליקליכע געזיכט ארויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט איהם.

XI.

דיא גרעפין ראָסטאָווא איז אזוי מיעד געוואָרען פון דיא וויזיטען, אז זיא האָט אָנגעזאָגט מעהר קיינעם ניט צו עמפּפאַנגען און נאָר פערבעטען צום מאָהלצייט. זי האָט געוואָלט אונטער פיער אויגען דורכריידען זיך מיט איהר יוגענד פריינדין פירסטין דרובעצקאַיאַ.

— מיט דיר וועל איך ריידען גאַר אָפען, האָט געזאָגט פירסטין דרובעצקאַיאַ. אונזערע אַלטע פריינד האָבען זיך שוין וועניג אָבגעשטעלט, און דאריבער איז ביי מיר אזוי טייער דיין פריינדשאַפט.

זיא האָט א קוק געטהאָן אויף דער גרעפינ'ס עלטערע טאָכטער, וועראַ, און האָט זיך אָבגעשטעלט.

— וועראַ, האָט זיך דיא גרעפין געווענדעט צו דער עלטערער טאָכטער,

העלבע, וויא עס האָט נעשיינט, איז ניט נעוועזן דיא ליעבּלינג אין הויז, — פיהלסטו רען ניט, אז דוא ביזט דאָ איבּריג ?

דיא שיינע ווערא האָט א פעראכטליכען שמייכעל נעטהאָן און וויא עס האָט אויסגעוויזען האָט זיא ניט נעפיהלט דיא מינדעסטע בעליידיגונג.

— ווען איהר וואָלט דאָס מיר פריהער נעזאָגט וואָלט איך שוין לאַנג ארויסגעגאַנגען, האָט ווערא נעענטפערט און איז ארויס פון צימער.

— אח, מיין פריינד, האָט דיא נרעפין נעזאָגט. אין מיין לעבען האָבען אויך ניט נעוואקסען דורכאויס ראָזען. וואָס מיינסטו, איך זעה ניט, אז אונזער פערמעגען וועט לאַנג ניט נעדויערן ביי אזא ארט לעבען ? דער קלוב און זיין גוטסקייט, און אפילו ...ין דאַרף רוהט מען ניט אָב ; דאָרטען זיינען טהעאַטערע, נעיענ און נאָט ווייס וואָס. נאָר וואָס איז פאראַן ווענען מיר צו ריידען. איך בעוואונדער דיך, וויא דוא און דיינע יאָהרען שפּרינגסט ארום אליין אין א ווענעל אין מאָסקווע, אין פעטערבורג, צו אלע מיניסטאָרען. וויא האָסטו עס אויסגעפיהרט אריינצוּבּריינגען באָריס'ן אין נווארדיע? איך טויג דערצו נאָר ניט.

— אח, מיין נשמה! מען לערנט זיך אויס אלץ, ווען מען בלייבּט א'ן אלמנה, אָהן שטיצע און מיט א זוהן, פאר וועלכען דו וואָלסט דיין נשמה אוועקנעגעבען. מיין פּראָצעס האָט מיך אויסגעלערנט אלץ. מיינע אומשטענדען זיינען אָבער איצט אזוי שלעכט, אז איך נעפין זיך אין זעהר א טרויעריגע לאַגע. מיין אונגליקליכער פּראָצעס האָט אויפגענעסען, וואָס איך האָב פערמאָגט און ער ריהרט זיך ניט פון ארט. איך האָב ניט קיין גראָשען ביים לייב און זעעלע און איך ווייס ניט וויא אזוי איך וועל בעקליידען באָריס'ן. איך דאַרף האָבען 5 הונדערט רובעל און איך האָב אויף דעם פינף און צוואַנציג. מיין גאַנצע האָפנונג ליעגט איצט אויף קיריל בעזוכי'ן. אויב ער וועט פאר זיין סנדק גאָר ניט וועלען טאָן, איז מיין גאַנצע מיה ארויסגעווארפען. איך וועל ניט האָבען פאר וואָס צו קויפען פאר איהם קליידער.

— וואהרשיינליך וועט ער פאר איהם עפּעס איבערלאָזען.

— ווער ווייס! דיא רייכע און דיא מאַגנאַטען זיינען אזעלכע עגאָאיסטען. נור איך פאָהר גלייך צו איהם, און זאָל מען פון מיר דענקען, וואָס מען וויל. איצט איז צוויי א זייגער און ארום פיער וועל איך זיין צוריק.

— איהר פאָהרט צו קיריל בעזובי'ן, האָט דער נראף צו איהר נעזאָגט אין פאָרצימער, וואו דיא נרעפין איז איהר ארויס בעגלייטען. אויב איהם איז בעסער, רופט פיער'ן ער זאָל קומען צו אונז צום מיטאָג. ער איז ביי מיר נעוועזן און האָט געטאַנצט

מיט דיא קינדער. רופט איהם אונבעדינגט.

XII.

— מיין זוהן, האָט פירסטין דרובעצקאיא געזאָגט צו איהר זוהן, צופאָהרענדיג אין גראף ראָסטאָווים קארעטע צו גראף בעזוכי'ס הויז, — זיי צארט און אויפמערקזאַם, וויא דוא קענסט זיין. געדענק, מיין זוהן, אז דיא גאנצע צוקונפט הענגט אָפּ פון גראף קירל בעזוכי.

— ווען איך זאָל וויסען, אז דערפון קען עפּעס ארויסקומען, אויסער ערנידערונג, האָט באָרים געענטפערט קאלט. נאָר איך זאג אייך צו, אז איך וועל דאס טהאָן אייך צוליעב.

דער טהיר שטעהער האָט אָבגעמאָסטען דיא פירסטין מיט א בליק און בעקוקט איהר אָבגעטראָגענעם מאנטעל און געפרעגט איהר, וועמען זיא דארף, און אויסגעפינענדיג, אז זי וויל זעהן דעם אלטען גראף, האט ער געענטפערט, אז מען לאזט קיינעם ניט צו צום קראנקען.

— מיר קענען אוועקפאָהרען, האָט באָרים געזאָגט אין פראַנצויזיש.

— מיין פריינד, האָט זיא צו איהם געזאָגט מיט א קול פון געבעט און האָט זיך צוגעריהרט צו זיין האנד.

באָרים האט אויף איהר פראַגענד א קוק געטהאָן.

— טייבעלע, האָט זיא זיך געווענדעט צום טיהר-שטייער, איך וויים אז דער גראף איז זעהר קראנק און איך בין דעריבער געקומען...... איך בין א קרובה... איך וויל קיינעם ניט בעאונרוהיגען, טייבעלע.... איך האָב נאָר געוואָלט זעהען פירסט וואסילי'ן.

דער טיהר-שטייער האָט א ציה געטאָן א גלעקעל און האָט געהייסען מעלדען; אז דיא פירסטין דרובעצקאיא וויל זעהען וואסילי'ן.

זיא האָט זיך דערווייל געלאָזט גיין ארויף אויף דיא טרעפּ און דער זוהן נאָך איהר. זיי זיינען אריינגעקומען אין א זאל, פון וואנען א טיהר האָט געפיהרט צו פירסט וואסילי'ס צימערן.

ווען זיי זיינען אריין אין מיטען זאאל, האט זיך א טהיר געעפענט און וואסילי א זארוים מיט'ן דאָקטאָר. ער האָט מיט איהם גערעדט א פּאָר ווערטער און בעמערקענדיג דיא גוטער מיט'ן זוהן, האט ער זיך פערנייגט פאר דאָקטאָר און איז מיט א פראַגענדע מינע צוגעגאנגען צו זיי. באָרים האָט בעמערקט, וויא אין זיין מוטער'ס אויגען האָט זיך פּלוצים אָבגעטונקט א טיעפער קומער.

פירסט וואסילי האט אויף איהר געקוקט קאלט, בעליידיגענד קאלט, נאר זיא האט זיך דערפון געמאכט ניט וויסענדיג.

— וואס זאגען דיא דאקטוירים? האט זיא געפרעגט.

— ווייניג האפנונג, האט וואסילי געענטפערט.

— אהה, איך וואלט וועלען נאך א מאל בעדאנקען דעם פעטער פאר אלע וואלטהאטען, וואס ער האט געטאהן מיט מיר און מיט מיין זוהן.

פירסט וואסילי האט אנגערוקט דיא ברעמען. זיא האט פערשטאנען, אז ער האט מורא צו געפינען אין איהר נאך א פרעטענדענטין אויף א שטיקעל ירושה אין גראף בעזוכי'ס צואה און זיא האט זיך געאיילט צו בערוהיגען איהם, אז נאר איהר אמת'ע ליעבע און איבערגעגעבענהייט צום אלטען טרייבען איהר צו זעהען איהם, און האט דערווייל געפרעגט, צו דער גראף האט שוין געזאגט וידוי. וואסילי האט וויא עס שיינט פערשטאנען, אז פון איהר וועט מען זיך ניט אזוי גרינג ניט ארויסמאכען און האט איהר געענטפערט.

— ווען פאר'ן קראנקען זאל ניט זיין שווער צו זעהן יעצט יעמאנדען. מיר וועלען אבווארטען ביז אבענד. דיא דאקטוירים זאגען, אז עס וועט זיין א קריזיס.

— נאר מען טאר מיט אזא זאך ניט ווארטען אין אזעלכע מינוטען! פערגעסט ניט, פירסט, אז דא האנדעלט זיך וועגען רעטען זיין זעלע. אך דאס אי שרעקליך.

א טהיר האט זיך געעפענט און דעם גראפ'ס א פלימעניצע איז ארויסגעקומען מיט א בעזע און קאלטע געזיכט. וואסילי האט זיך צו איהר געווענדעט מיט דער פראגע:

— וואס הערט זיך?

— דאס זעלבע. נאר דער גערויש.... האט זיא געזאגט און האט א קוק געטהאן אויף דיא פירסטין דרובעצקאיא, וויא אויף אן אומבעקאנטע.

— אך, מיין פריינד, איך האב אייך כמעט ניט דערקענט, האט דרובעצקאיא געזאגט צו איהר מיט א גליקליכען שמייכעל. איך בין נאר וואס געקומען און איך קען אייך צוהעלפען אין נעהען ארום דעם פעטער, איך שטעל זיך פאר, וויא איהר האט זיך אויסגעמארטערט, האט זיא געזאגט פערגלאצענדיג דיא אויגען.

דיא פלימעניצע האט גאר ניט געענטפערט און איז גלייך ארויסגעגאנגען, דרובעצקאיא האט דערווייל אויסגעטהאן דיא האנדשוה און געמאכט זיך היימיש אין איהר ערובערטע פאזיציאן און געזאגט צו באריסען:

— איך וועל געהן צום פעטער און דו געה דערווייל צו פיער'ן, נאר פערגעס ניט איבערצוגעבען איהם דיא ראסטאוו'ס איינלאדונג צום מיטאג. איך דענק, אז ער וועט ניט פאהרען? האט זיא זיך געווענדעט צום פירסט.

— אין געגענטהייל, האט וואסילי געענטפערט מיט א פערלארענעם מוטה. איך וואלט געוועזען זעהר צופריעדען, ווען איהר זאלט מיך בעפרייען פון דעם יונגען מאן. דער גראף האט נאך קיין איינציגען מאל ניט געפרעגט וועגען איהם.

דער דיענער האט אוועקגעפיהרט באריסען צו פיער'ן.

XIII,

פיער האט טאקע קיין צייט ניט געהאט אויסצוקלייבען א קאריער אין פעטער-בורג און מען האט איהם ווירקליך ארויסגעשיקט נאך מאסקווע פאר בושעווען. דיא געשיכטע וואס מען האט דערציילט ביים גראף ראסטאוו, איז געווען אמת. פיער האט אנטהייל גענומען ביים פערבינדען דעם קווארטאלנעם מיט'ן בער. ער איז גע-קומען אהער מיט עטליכע טעג צוריק און איז פערפאהרען, וויא שטענדיג צו זיין פא-טער אין הויז. הגם ער האט געוואוסט, אז דיא געשיכטע איז שוין בעוואוסט אין מאסקווע, און די דאמען וואס געפינען זיך ארום זיין פאטער וועלען ניט פערפעהלען אזא געלעגענהייט אויפצורייצען דעם אלטען גראף געגען איהם, איז ער דאך ביי זיין אנקומען געגאנגען זעהן דעם פאטער. ווען ער איז אריין אין גאסט-צימער, וואו עס ...לעגען זיך געפינען דעם גראף'ס פלימעניצעס, האט ער בעגריסט די דריי פרייליינס וואס זיינען געזעסען און האבען אויסגענייט און איינע האט געהאלטען א בוך און געלייענט אין דער הויך. דיא עלטערע מיט א לאנגע טאליע, דיא זעלבינע, וואס איז ארויסגעגאנגען צו פירסטען דרובעצקאיא, האט געלייענט; דיא אינגערע צוויי, ביידע רויטינקע און שייניגקע, וואס האבען זיך אונטערגעשיידעט איינע פון דער צווייטער נאר מיט דעם, וואס ביי איינער איז געווען א חנ'עוודיגע מוטערמאל איבער'ן לופ, האבען אויסגענייט. דיא עלטערע האט איבערגעריסען דאס לייענען און האט אויף איהם א קוק געטהאן מיט צושראקענע אויגען, וויא זיא וואלט דערזעהן א פער-פעסטעטען אדער א מת. דיא אינגערע אהן דער מוטערמאל האט אויף איהם גע-קוקט מיט דיא זעלבינע אויגען. גאר נאר דיא אינגסטע זעהר א פרייליכע און לאבע-דיגע נאטור, האט זיך אנגעבויגען איבער איהר אויסנייאונג, אום צו פערבארגען דעם שמייכעל

וואס מאכט איהר, קוזינע, האט געזאגט פיער. איהר דערקענט מיך ניט?

— איך קען אייך שוין זעהר גוט, זעהר גוט

— וואס מאכט דער גראף ? קען איך איהם זעהן ?

— דער גראף ליידעט פהיזיש און מאראליש או וויא עס שיינט זארגט איהר שוין דערפאר אז איהם זאלען ניט פעהלען מאראלישע ליידען.

— קען איך זעהן דעם גראף ? האט פיער ווידערהאלט.

— הא אויב איהר ווילט איהם דער׳הרג׳ענען, קענט איהר איהם זעהען. אלגא, געה גיב א קוק צו דער בולאן איז פארטיג פאר׳ן פעטער, שוין באלד צייט צו געבען איהם, האט געזאגט דיא עלטערע, אום צו ווייזען איהם, אז זיי זיינען פערנומען און פערנומען זיינען זיי נאר מיט זארג וויא צו בערוהיגען דעם אלטען גראף, וועהרענד ער, דער זוהן, טהוט וואס ער קען, אום נאר צו צורייצען דעם פאטער.

— אלגא איז ארויסגעגאנגען. פיער איז געשטאנען א וויילע, האט געקוקט אויף דיא שוועסטער און געזאגט:

—אויב אזוי, געה איך אוועק. ווען מען וועט איהם קענען זעהן, זאגט מיר אן. ער איז ארויסגעגאנגען און דיא איינגערע מיידעל מיט דער מוטערמאל האט אויסגעשאסען אין א געלעכטער.

אויף׳ן צווייטען טאג איז געקומען פירסט וואסילי און איז אויך פערפאהרען צו דעם גראף אין הויז. ער האט געשיקט רופען פיער׳ן און געזאגט צו איהם:

— מיין פריינד, אויב איהר וועט זיך דא אזוי אויפפיהרען וויא אין פעטערבורג, וועט איהר ענדיגען זעהר שלעכט. מעהר האב איך אייך ניט וואס צו זאגען. דער גראף איז זעהר, זעהר קראנק: דו דארפסט איהם ניט זעהן.

פון יענער צייט האט מען פיער׳ן ניט בעאונרוהיגט און ער האט דעם גאנצען טאג פערבראכט אויבען אין זיין צימער.

ווען באריס איז געגאנגען צו איהם, איז פיער ארומגעגאנגען איבערן צימער, נאר זעלטען אבשטעלענדיג זיך אין א ווינקעל און מאכענדיג דראהענדע בעוועגונגען צו דער וואנד, וויא ער וואלט דורכגעשטאכען מיט א שווערד דעם אונזיכטבארען פיינד און דערנאך איז ער ווייטער געגאנגען אויף און אב, מאכענדיג מיט דיא הענד און רעדענדיג צו זיך:

— ענגלאנדס סוף איז געקומען! האט ער געזאגט, ווייזענדיג אויף עמיצען מיט פינגער.... פיטט וועט פערמשפט ווערן וויא א פעררעטהער......

ער האט ניט צייט געהאט ארויסצוזאגען זיין אורטייל איבער פיטט׳ן, פארשטעלענדיג זיך אין דער מינוט, אז ער איז נאפאלעאן אליין און איז שוין מיט זיין ליעבען תלד אריבערגעפאהרען פא־דע־קא־לע און איינגענומען לאנדאן, און ער האט דער־

זעהען וויא צו איהם אין צימער איז אריינ־געקומען א יונגער, שלאנקער און שיינער יונגער אפיציר. פיער איז געבליבען שטעהן. ער האט באריס'ן איבערנעראזען, ווען ער איז אלט געווען פיערצעהן יאהר און האט איהם ניט געדענקט און ניט דערקענט. נאר ניט קוקענדיג אויף דעם, האט ער איהם נוטמוטהיג אנגענומען פאר דער האנד און האט א שמייכעל געטאן.

— איהר געדענקט מיך? האט באריס געזאגט מיט א'ן אנגענאהמען שמייכעל. איך בין געקומען מיט דער מוטער צום גראף, נאר, עס שיינט, אז ער איז ניט געזונד.

— יא, דוכט זיך, ניט געזונד. מען לאזט איהם ניט צו רוה, האט פיער געזאגט, און האט זיך געמאטערט דערמאנען, ווער איז ער דער יונגער מאן.

— גראף ראסטאוו בעט אייך צו זיך היינט אויף מיטאג, האט באריס געזאגט נאך א קורצען שטילשווייגען.

— א! גראף ראסטאוו! האט פיער אויסגעשריען פרייליך, זייט איהר זיין זוהן איליא. שטעלט זיך פאר, אז איך האב אייך דיא ערסטע פאר מינוט ניט דערקענט. איהר געדענקט, וויא מיר זיינען געפאהרען אויף דיא וואראבייער בערג צוזאמען מיט מאדאם זשאק.

— איהר האט א טעות, האט באריס געענטפערט בעזאכט מיט א לייכטען שפאסהאפטען שמייכעל. מיין נאמען איז באריס, איך בין פירסטין דרובעצקאיא'ס זוהן דעם אלטען ראסטאוו רופט מען איליא און דעם זוהן ניקאלאי, און קיין מאדאם זשאק האב איך ניט געקענט.

פיער האט גענומען מאכען מיט דיא הענד און מיט'ן קאפ, וויא בינען וואלטען איהם בעפאלען.

— אך, איך האב אין גאנצען צופלאנטערט. מיר האבען דא אזוי פיעל פער־וואנדטע אין מאסקווע. איהר זייט באריס. איצט ווייסען מיר שוין. וואס דענקט איהר איבער דער בולאנער עקספעדיציאן? דיא ענגלענדער וועלען האבען א ביטערן סוף, אויב נאפאלעאן וועט דורכגייען דעם קאנאל.

באריס האט קיין זאך ניט געוואוסט דערפון און האט געזאגט מיט זיין רר הינען, אבלאכענדיגען טאן:

— אין מאסקווע זיינען מיר מעהר פערנומען מיט מאלצייטען און מיט רכילות וויא מיט פאליטיק. וועגען דעם ווייס איך גאר ניט. איך ווייס נאר, אז גאנץ מאסקווע רעדט איצט פון אייך און פון דעם גראף.

פיער האָט א שמייכעל געטהאָן מיט זיין נוטען שמייכעלע און האָט מורא געהאַט פאר זיין באָריס'ן, אז ער זאָל זיך ניט אויסריידען מיט עפּעס א זאַך, פאר וועלכע ער זאָל נאָכדעם דארפען חרטה האָבען. נאָר באָריס האָט גערעדט קלאָר און טרוקען און האָט גלייך געקוקט אין דיא אויגען פיער'ן.

— מאָסקווע האָט ניט מעהר צו טהאָן, וויא צו טרייבען רכילות, האָט באָריס פאָרטגעזעצט. און אלע זיינען שטאַרק בעשעפטיגט מיט דעם, וועמען וועט דער גראף אבזאָגען זיין פערמעגען, הגם עס קען גרייליך זיין, אז ער זאָל איבערלעבען אלעמען, וואָס איך ווינש פון גאנצען הארצען.

— יא, דאָס איז זעהר טרויעריג, האָט פיער געזאָגט, און האָט אלץ מורא, אז דער אפיציער וועט ניט ווילענדיג פערקריכען אין א געשפּרעך, וואָס וועט פאר איהם אליין זיין אונאנגענעהם.

— און אייך מוז שיינען, האָט באָריס געזאָגט, עטוואס רויט ווערענדיג, נאָר ניט ענדערענדיג זיין קול און זיין פּאָזע, אז אלע זיינען נאָר פערנומען מיט דעם, וויא ארויסצוקריגען עפּעס פון דעם מאגנאט.

„אזוי איז דאָס" איז פיער'ן דורכגעלאָפען א געדאנק אין קאָפּ.

— און איך וויל אייך זאָגען, אום אויסצומיידען מיספערשטענדניס, אז איהר וועט האָבען א גרויסען טעות, ווען איהר וועט דענקען, אז איך און מיין מוטער בעלאנגען אויך צו דעם צאָהל מענשען. מיר זיינען זעהר אָרים, נאָר איך רייד פאר זיך אליין, ווייל אייער פאָטער איז אזוי רייך, רעכען איך זיך ניט פאָר זיינעם קיין קרוב און ניט איך און ניט דיא מוטער ווילען ביי איהם עפּעס בעטען אָדער נעהמען.

פיער האָט לאנג ניט געקענט פערשטעהן, וואָס ער רעדט, נאָר ווען ער האָט פערשטאַנען, איז ער אויפגעשפּרונגען פון דער זאָפע, האָט אנגעכאַפּט באָריס'ן פאר דער האנד פון אונטען און גענומען ריידען מיט בושה און פערדרוס.

— מערקווירדיג! האָב איך אייך דען... וועמען איז דאָס גאָר אריין אין קאָפּ.... איך ווייס זעהר גוט.......

— איך בין זעהר צופריעדען, וואָס איך האָב ארויסגעזאָגט אלץ. עס קען זיין, אז אייך איז דאָס אונאנגענעהם, נאָר איך האָף, אז איך האָב אייך ניט בע־ליידיגט, מיין רעגעל איז צו ריידען אָפען, וואָס איך דענק. אלזאָ וויא זאָל איך איבערגעבען דיא ראָסטאָווס? וועט איהר קומען צום מיטאָג?

— ניין, הערט מיך אוים, האָט פיער געזאָגט בערוהיגענדיג זיך. איהר זייט א

וואונדערבארער מענש. פערשטעהט זיך, איהר קענט מיך ניט.... מיר זיינען נאך געוועזן קינדער...... איהר מיך רעכענען... איך פערשטעה אייך...... איך, איך וואלט דאס ניט געקענט טהאן.... איך וואלט ניט געהאט דעם מוטה.... נאר דאס איז אויסגעצייכענט. איך בין זעהר צופריעדען, וואס איך האב זיך מיט אייך בעקאנט. מערקווירדיג, אז איהר האט מיך געקענט רעכנען.... האט זיך פיער צר לאכט, נאר מיר וועלען זיך בעסער בעקענען.

— איהר ווייסט, איך בין נאך איין מאל ניט געוועזן ביים גראף, צייט איך בין געקומען. ער האט נאך מיר ניט געשיקט.... איך האב מיטלייד מיט איהם, וויא מיט א מענשען.... נאר וואס זאל מען טהאן?

— און איהר דענקט, אז נאפאלעאן וועט קענען אריבערפיהרען זיין ארמיע? האט בארים געפרעגט.

פיער האט פערשטאנען, אז בארים וויל געבען דעם געשפרעך א'ן אנדער ווענדונג און ער האט גענומען ריידען וועגען דער בולאנער עקספעדיציאן.

א לאקיי איז געקומען רופען באריס'ן צו דער פירסטין. זיין מוטער האט זיך געקליבען אבצופאהרען. פיער האט פערשפראכען צו קומען צום מיטטאג, אום נעהענטער צו בעקענען זיך מיט באריס'ן און האט איהם שטארק געדריקט דיא האנד, קוקענדיג אויף איהם צערטליך איבער דיא ברילען. און ווען בארים איז ארויסגעגאנגען, איז פיער נאך א לאנגע צייט ארומגעגאנגען איבער'ן צימער און האט געשמייכעלט ביי דער עראינערונג וועגען דעם ליעבען און קלוגען און שטייפען יונגען מאן. ער האט נעפיהלט צו איהם אן אונערקלערליכע צערטליכקייט און האט צו זיך נעזאגט, אז ער מוז זיך מיט איהם בעפריינדען.

ווען פירסטין דרובעצקאיא איז אוועקגעפאהרען מיט'ן זוהן צו קיריל בעזוכוי, איז גרעפין ראסטאוו א לאנגע צייט געזעסען אליין און האט געווישט מיט א טיכעל דיא אויגען. ענדליך האט זיא אנגעקלונגען.

— וואס איז מיין ליעבע, האט זיא נעזאגט בייז צו דער דיענסט, וועלכע האט אויף זיך געלאזט ווארטען עטליכע מינוט, איהר ווילט ניט דיענען? וועל איך פיר אייך אבזוכען א שטעלע.

דיא גרעפין איז געוועזן צוקלאפט פון דער ערניעדערנדע ארעמקייט פון איהר פריינדין און איז דעריבער געוועזן אין א שלעכטען מוטה, וואס האט זיך ביי איהר אויסגעדריקט אין דעם, וואס זיא האט די דיענסט גערופען „מיין ליעבע“ און געזאגט צו איהר „איהר“.

— פ רצייהעט, גרעפין, האָט געזאָגט דיא דיענסט.

— זאָגט דעם גראַף, אז איך וויל איהם זעהען.

דער גראַף איז צו איהר באלד צוגעגאנגען מיט א שולדינער מינע.

— איך דארף האָבען געלד, האָט דיא גרעפין געזאָגט, און איהר געזיכט איז וואָרען אומעדיג.

— אה, גרעפין !.... און ער האָט גענומען זוכען זיין געלד־בייטעל.

— איך דארף האָבען א היבשע סומע, פינף הונדערט רובעל.

— גלייך, גלייך, עי ! ווער איז דאָרטען ? האָט ער א געשריי געטהאָן מיט אזא קול, מיט וועלכען עס שרייען נאָר אזעלכע מענשען, וואָס ווייסען זיכער, אז דער, וועמען מען רופט, וועט קומען גלייך צולויפען אָהן א נשמה. שיקט מיר ארייז מישענקא׳ן.

מישענקא איז געוועז דער פעטרוואָלטער פון זיינע געשעפטען און ווען ער איז אריינגעקומען מיט שטילע טריט, האָט זיך צו איהם דער גראַף געווענדעט.

— אָט וואָס איך וועל דיך בעטען, ברענג מיר ארייז.... דער גראַף האָט זיך פערטראכט.—יא זיבען הונדערט רובעל, יא. נאָר זעה, טראָג ניט אריין אזעלכע פערשמירטע און צוריסענע וויא יענסמאָל. זעה זיי זאָלען זיין נייע, פאר דער גרעפין.

— יא, מישענקא, זעה זיי זאָלען זיין ריינע, האָט געזאָגט דיא גרעפין, אָבזיפצענדיג זיך.

— ווען זאָל איך דאָס אייך אריינטראָגען? האָט מישענקא געפרעגט. ערלויבט מיר צו מעלדען אייך אז... איבעריגענס, בעאונרוהיגט זיך ניט, האָט ער געאיילט צו צוגעבען, בעמערקענדיג, וויא דער גראַף האָט שוין אָנגעהויבען שווער און אָפט צו אָטהעמען, וואָס האָט געוויזען, אז ער ווערט אין כעס. איך האָב פערגעסען.... זאָל איך גלייך אריינטראָגען ?

— יא, יא, גלייך און גיב איבער דער גרעפין.

— מישענקא איז ביי מיר געלד, האָט דער גראַף געזאָגט מיט א שמייכעל, ווען דער יונגער מאַן איז ארויסגעגאנגען. ניטאָ איז קיין תירוץ ניט, איך קען אזא ענטפער ניט פערטראָגען. מען קען אלץ.

ווען דרובעצקאיא האָט זיך צוריקגעקעהרט פון בעזוכי׳ן, האָט שוין דיא גרעפין געהאט דאָס געלד אָנגעגרייט אונטער א טיכעל אויף׳ן טיש.

— וואָס הערט זיך? האָט דיא גרעפין געפרעגט.

— אָך, מען קען איהם שוין גאָר ניט דערקענען. איך בין דאָרט געוועז איין מי־

נוט און האב מיט איהם קיין ווארט ניט געקענט ריידען.

—אנעט, אום גאטעס ווילען, ענטזאג מיר ניט, האט פלוצים געזאגט די גרעפין רויט ווערענדיג און האט בעקומען דאס געלד פון אונטערן טישעל. דרובעצקאיא האט אין דעם זעלבען אויגענבליק פערשטאנען, וואס דא טהוט זיך און האט זיך אנגעבויגען און צו קענען ארומנעהמען דיא גרעפין אין דער ריכטיגער מינוט.

— דאס וועט זיין פאר באריס'ן צו בעקליידען זיך....

דרובעצקאיא האט איהר שוין געהאלטען ארומגענומען און האט געוויינט. דיא גרעפין האט אויך געוויינט. זיי האבען געוויינט פון דעם, וואס זיי זיינען בעפריינדעט און פון דעם, וואס זיי זיינען גוט, און פון דעם, וואס זיי, יונגענד־פריינדינען, דארפען זיך בעשעפטיגען מיט אזא נידריגע זאך ווי געלד.... און פון דעם וואס זייער יוגענד איז אריבער.... נאר ביידענס טרערען זיינען געוועזען אנגענעהם....

XV.

ווערענד ביים גראף ראסטאוו האבען די איינגעלאדענע געסט צום מיטאג, צוויי־שען וועלכע עס האט זיך אויך געפונען פיער, געהאלטען אין טאנצען, איז מיט גראף בעזוכי געשעהן א זעקסטער אפאפלעקטישער שלאג. מען האט פאר איהם געזאגט וידוי און מען האט יעדע מינוט ערווארטעט, אז אט שטארבט ער.

דאס עמפאנגס צימער איז געוועזען פול מיט מענשען וואס זיינען געקומען אויסגע־פינען, וואס מאכט דער קראנקער. פירסט וואסילי איז אריין אין זאל און האט זיך געזעצט אויף א שטול מיט פערלייגטע פיס און האט פערמאכט מיט דער האנד די אויגען. ער איז אזוי אבגעזעסען עטליכע מינוט, דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבען האט זיך ארומגעקוקט מיט צושראקענע אויגען און האט זיך געלאזט געהן צום גראפ'ס עלטערע פלימעניצע אין צימער.

אין צימער ביי איהר איז געוועזען האלב פינסטער, נאר צוויי לעמפלאך האבען געברענט פאר דיא היילינע בילדער. ביי וואסילי'ס אריינקומען האט דאס הינטעל אנגעהויבען צו בילען.

— אח, דאס זייט איהר, מיין קוזין!

זי האט זיך אויפגעהויבען און האט פעררינכט דיא האאר, וואס זיינען ביי איהר אלע מאל און איצט אויך געוועזען אזוי גלאט, וויא זיי וואלטען געוועזען געמאכט פון איין שטיק צוזאמען מיט'ן קאפ און בעדעקט מיט לאק.

— וואס איז עפעס געשעהן? האט זיא געפרעגט. איך בין שוין אזוי אנגע־שראקען.

— נאָר ניט, איך בין נאָר אריין דורכריידען זיך מיט דיר, קאַטיש, האָט גע־זאָגט וואַסילי, זעצענדיג זיך פערמאַטערט אויפ'ן שטול. — זעץ זיך!

זיא האָט זיך געזעצט אנטקעגען איהם מיט איהר געוויינליכען פערגליווערט־שטרענגען אויסדרוק פון געזיכט און האָט געזאָגט:

— איך האָב געוואָלט איינשלאָפען אויף א ווײַלע, נאָר איך קען ניט.

— און דו מיינסט, אז מיר איז גרינגער, איך האַלט זיך קוים אויף די פיס, נאָר איך מוז זיך מיט דיר דורכריידען און זעהר ערנסט.

פירסט וואַסילי איז אנשווינגען געוואָרען און זיינע באַקען האָבען נערוועז אָנגע־הויבען צו צופּען דאָ אויף איין זייט און דאָ אויף דער צווייטער, וואָס האָט געגעבען זיין געזיכט אן אונאנגענעהמען אויסדרוק. זיינע אויגען זיינען אויך ניט געווען, וויא שטענדיג. דאָ האָבען זיי געקוקט פרעך און שפּאַסהאַפט און דאָ צושראָקען.

קאַטיא האָט געהאַלטען מיט איהרע דאַרע הענד דאָס הינטעל ביי זיך אויפ'ן שויס און האָט אויפמערקזאַם געקוקט וואַסילי'ן אין די אויגען. זיא האָט געשווינגען און עס איז געווען קענטיג, אז זיא וועט שווייגען אפילו ביז מאָרגען און וועט זיין שווייגען ניט איבעררייסען מיט קיין פראַגע.

— איהר זעהט, מיין ליעבע קוזינע, האָט פירסט וואַסילי ווייטער געזאָגט ניט אָהן אן אינערליכען קאַמפף, — אין אַזעלכע מינוטען וויא איצט דאַרף מען וועגען יעדער זאַך איבערטראַכטען. מען דאַרף דענקען וועגען דער צוקונפט, וועגען אייך.... איך האָב אייך אַלעמען ליעב וויא מיינע אייגענע קינדער, דו ווייסט עס.

זיא האָט אויף איהם געקוקט דונקעל און אונבעוועגט.

— ענדליך דאַרף מען דענקען וועגען מיין פאַמיליע, האָט וואַסילי געזאָגט אָב־שטופּענדיג מיט בעס דעם טישעל און ניט קוקענדיג אויף איהר. דו ווייסט דאָך, קאַ־טיש, אז דו און דיינע צוויי שוועסטער און מיין פרוי זיינען גלייכע יורשים פון דעם גראַף. איך ווייס, איך ווייס, וויא שווער דיר איז צו דענקען און ריידען וועגען אַזא זאַך. נאָר מיר איז אויך ניט גרינגער. איך בין שוין באַלד זעכציג יאָהר און מען דאַרף זיין גרייט אויף אַלץ. דו ווייסט, אז איך האָב געשיקט נאָך פּיער'ן און אז דער גראַף, אָנווייזענדיג אויף פּיער'ס בילד, האָט געפאָדערט, מען זאָל איהם אריינשיקען צו איהם?

פירסט וואַסילי האָט א קוק געטהאָן אויף זיין קוזינע און האָט ניט געקענט פער־שטעהן, צו האָט זיא בעגריפען, וואָס ער האָט איהר איצט געזאָגט צו ניט ...

— איך הער ניט אויף צו בעטען גאָט, האָט געזאָגט דעם גראַפ'ס עלטערע

פלימעניצע, אז ער זאל זיך אויף איהם דערבארעמען און זאל....

— יא, דאס איז אלץ ריכטיג, האט פארטגעזעצט פירסט וואסילי, רייבענדיג זיי פליך און ווייטער צורוקענדיג צו זיך דעם טישעל, וואס ער האט פריהער אבגעשטופט,— נאר . נאר די זאך איז אין דעם, דו ווייסט אליין, אז פארינגען ווינטער האט דער גראף געמאכט א צואה און האט זיין גאנצען פערמעגען אבגעזאגט פיער'ן, ניט אכטענדיג וואס מיר זיינען דיא גלייכע און געזעצליכע יורשים....

— קארג צוואות האט ער געשריבען! האט זיא געזאגט רוהיג. פיער'ן האט ער ניט געקענט אבשרייבען זיין פערמעגען, פיער איז אן אונגעזעצליכער.

—מיין ליעבע, האט פלוצלונג געזאגט וואסילי בעלעבט, צורוקענדיג צו זיך דעם טישעל און אנהויבענדיג צו ריידען גיכער, — נאר אויב דער בריעף איז אנגעשריבען צום קייזער און דער גראף בעט איהם ער זאל אנערקענען פיער'ן פאר א זוהן? דער קייזער וועט טאן דעם גראפ'ס ביטע......

זיא האט א שמייכעל געטאן, וויא עס שמייכלען מענשען, וועלכע דיינקען, אז זיי ווייסען א זאך בעסער, וויא דיא, מיט וועלכע זיי ריידען.

— איך וועל דיר זאגען נאך מעהר, האט וואסילי פארטגעזעצט, אנכאפענדיג איהר ביי דער האנד: דער בריעף איז אנגעשריבען כאטשע ער איז נאך ניט אבגעשיקט געווארען, און דער קייזער ווייס פון איהם. דיא פראגע איז יעצט צו דער בריעף איז פערניכטעט געווארען. אויב ניט, איז גלייך וויא דא ענדיגט זיך אלץ — וואסילי האט א קרעכץ געטאן און מיט דעם געגעבען צו פערשטיין, וואס ער מיינט מיט דיא לעצטע ווערטער — און מען וועט עפענען דעם גראף'ס פאפירען וועט מען דיא צואה צוזאמען מיט דיא פאפירען איבערגעבען דעם קייזער און זיין ביטע וועט אהן צווייפעל געטאן ווערן. פיער, אלס געזעצליכער זוהן, וועט בעקומען דיא גאנצע ירושה.

— און אונזער טהייל? האט געפרעגט דיא פלימעניצע מיט אן איראנישען שמייכעל, וואס האט געוויזען, אז אלץ אין דער וועלט קען פאסירען אבער ניט אזא זאך.

— מיין טייערע קאטיש, דאס איז קלאר, וויא דער טאג. פיער אליין וועט דאן זיין דער געזעצליכער יורש און איהר וועט גאר ניט קריגען. דו מיין ליעבע, דארפסט וויסען, צו דיא צואה און דער בריעף זיינען אנגעשריבען און צו זיי זיינע פערניכטעט. און אויב מען האט אן זיי פערגעסען, דארפסטו וויסען, וואו זיי זיינען און געפינען זיי, וויל . .

— נאָר דאָס איז אָבגעגאַנגען! האָט איהם קאַטיש איבערגעשלאָגען מיט א שפּעטישען שמייכעל. איך בין א פּרויענצימער, נאָך אייער מיינונג זיינען מיר אַלע נאַראָנים; נאָר אַזוי פיעל ווייס איך, אַז אַ'ן אונגעזעצליכער זוהן קען ניט ירש'ענען...

— דוא ביזט דאָך אַזוי קלוג און וויא דוא פערשטעהסט דאָ גאָר ניט, קאַטיש! אויב דער גראַף האָט געשריעבען א בריעף צום קייזער און האָט איהם געבעטען, ער זאָל אנערקענען פּיער'ן פאַר זיין געזעצליכען זוהן, וועט שוין פּיער ניט הייסען מעהר פּיער, זאָנדערן גראַף בעזוכי און דאַן בעלאַנגט דיא גאַנצע ירושה צו איהם. און אויב דיא צוואה מיט'ן בריעף איז ניט פערניכטעט, וועט דיר נאָר בלייבען דיא טרייסט, אַז דו ביזט געווען טוגענדהאַפט, אָבער ווייטער גאָר ניט.

— איך ווייס, אַז דיא צוואה איז אָנגעשריעבען און איך ווייס אויך, אַז זיא האָט קיין מאַכט ניט און מיר דאַכט, אַז איהר רעכענט מיך פאַר א גרויסע נאַר: האָט זיא געזאָגט.

— מיין ליעבע קאַטערינא סעמיאָנאָווא, האָט וואַסילי געזאָגט אונגעדולדיג. איך בין צו דיר ניט געקומען זאָגען דיר שטעכווערטלאַך, נאָר איך וויל מיט דיר ריידען וויא מיט אַן איי.ענע וועגען דיינע אינטערעסען. איך זאָג דיר שוין צום צעהנטען מאָל, אַז אויב צווישען דעם גראַפ'ס פּאַפּירען געפינט זיך די צוואה און דער בריעף, ביזטו מיין טייבעלע מיט דיינע שוועסטער קיין יורשתעס ניט. אויב דו גלויבסט מיר ניט זאָלסטו גלויבען מענשען, וואָס פערשטייען זיך אויף דעם: איך האָב איצט גערעדט מיט דמיטרי'ן (דאָס איז געווען דער אדוואָקאַט פון הויז) און ער האָט געזאָגט דאָס זעלבע.

וויא עס האָט געשיינט, האָט זיך פּלוצים עפּעס געענדערט ביי איהר אין דיא געדאַנקען. איהרע דינע ליפּען זיינען בלייך געוואָרען (דיא אויגען זיינען געבליבען דיא זעלבע) און איהר שטימע, ווען זיא האָט אָנגעהויבען צו ריידען, האָט אזא הילך געטאָן, אַז איהר אַליין האָט זיא אויסגעוויזען פרעמד.

— דאָס וואָלט געווען פיין, האָט זיא געזאָגט. איך האָב קיין זאַך ניט געוואָלט און וויל ניט.

זיא האָט אראָבגעוואָרפען דאָס תינטעל פון שויס און פערריכט דיא פאַלדען פון קלייד.

— אָט דאָס איז דער דאַנק, וואָס מען בעקומט פאַר זיך איבערגעבען מיט לייב און זעעלע, האָט זיא ווייטער געזאָגט. זעהר גוט! זעהר גוט! איך וויל קיין זאַך

ניט, פירסט!

— יא, אָבער דו ביזט ניט אליין, דו האָסט שוועסטער, האָט פירסט וואסילי געזאָגט.

נאָר זיא האָט איהם ניט געענטפערט און האָט ווייטער גערעדט:

— יא, איך האָב דאָס לאַנג געוואוסט, אַז אויסער נידערטרעכטיגקייט, פאַלש־קייט, קנאה, אינטריגען, אויסער אונדאַנקבאַרקייט, מיאוסע אונדאַנקבאַרקייט, האָב איך נאָר ניט צו ערוואַרטען אין דיזען הויז...

— ווייסטו אָדער דו ווייסט ניט, וואו דיא צוואה ליגט? האָט וואסילי גע־פרעגט און דיא באַקען האָבען איהם געצופּט נאָך מעהר וויא פריהער.

— יא, איך בין געווען נאַריש, איך האָב געגלויבט אין מענשען, און האָב זיי ליעב געהאַט און האָב זיך פאַר זיי געאָפּפערט. נאָר ערפאָלגרייך זיינען נאָר יענע, וואָס זיינען ניעדערטרעכטיג. איך ווייס, וועמעס ארבייט דאָס איז.

זיא האָט געוואָלט אויפשטעהן, נאָר וואסילי האָט איהר אָבגעהאַלטען פאַר דער האַנד. זיא האָט איצט אויסגעזעהען וויא איינער, וואָס האָט זיך פּלוצים ענטוישט אין דער גאַנצער מענשהייט. זיא האָט בייז געקוקט אויף'ן פירסט.

— עס איז נאָך פאַראַן צייט, מיין פריינד. געדיינק, קאַטיש, אַז דאָס איז געטהאָן געוואָרען אין אַ מינוט פון צאָרן, ווען דער גראַף איז געווען קראַנק און דערנאָך האָט ער וועגען דעם פערגעסען. אונזער פּפליכט איז צו פער־ריכטען זיין פעהלער, צו פערגרינגערען זיינע לעצטע מינוטען מיט דעם, וואָס מיר וועלען ניט דערלאָזען איהם צו בעגעהען אזא אונרעכט, ניט לאָזען איהם שטאַרבען מיט דיא געדאַנקען, אַז ער האָט אומגליקליך געמאַכט יענע מענשען....

— יענע מענשען, וואָס האָבען זיך פאַר איהם אויפגעאָפּפערט, האָט אונטערגע־כאַפּט קאַטערינאַ, רייסענדיג זיך אויפצוהייבען זיך, נאָר דער פירסט האָט איהר ניט געלאָזט. ניין, קאָזין, איך ווער איצט געדענקען, אַז אויף דער וועלט קען מען ניטערוואַרטען ניט קיין בעלוינונג, ניט קיין אָרענטליכקייט. מען דאַרף נאָר זיין לוסטיג און שלעכט.

— נו, נו, בערוהיג זיך. איך ווייס וואָס פאַר אַ וואוילע האַרץ דו האָסט.

— אָ, ניין, איך האָב אַ שלעכטע האַרץ.

— איך ווייס, וואָס פאַר אַ האַרץ דו האָסט, איך שעץ דיין פריינדשאַפט און וואָלט וועלען דו זאָלסט פון מיר האָבען די זעלבע מיינונג. בערוהיג זיך און לאָמיר רעדען צו דער זאַכע; דערווייל איז נאָך פאַראַן צייט.

דערצעהל מיר, וואס דא ווייסט פון דער צואה, און דיא הויפט זאך וואו זיא נע־פינט זיך, דוא דארפסט עס וויסען. מיר וועלען איהר איצט נעהמען און וויזען דעם גראף. ער האט שוין וועגען איהר געוויס פערגעסען און ער וועט וועלען פערניכטען איהר. דו פערשטעהסט דאך, אז מיין איינציגער וואונש איז צו טהאן נאר זיין ווילען. נאר צוליעב דעם בין איך אהער געקומען.

— איצט האב איך אלץ פערשטאנען. איך וויים, וועמעס ארבייט דאס איז גע־ווען, האט זיא געזאגט; דאס איז זיא, דיא ליעבע דרובעצקאיא, וועמען איהר פראטעזשירט און וואלט ניט וועלען האבען אפילו פאר א דיענסט.

— לאמיר קיין צייט ניט פערלירען.

— אזוי רעדט גאר ניט! פארינגען ווינטער האט זיא זיך אהער אריינגעמאכט און האט אויף אונז אנגערעדט אזעלכע מאוסע זאכען, אז דער גראף איז קראנק געווארען און האט אונז צוויי וואכען ניט געוואלט זעהן. דאמאלס האט ער דאס אנגעשריבען דעם מיאוסען פאפיער. נאר איך האב געדענקט, אז דאס פאפיר האט קיין שום ווערטה ניט.

— אט דאס איז דאך דיא גאנצע זאך, פאר וואס האסטו מיר פריהער וועגען דעם ניט געזאגט.

— אין דער מאזאאיקענער שריפט־טאשע ליעגט דאס פאפיער און ער האלט עס צוקאפענס. איצט וויים איך, האט זיא ווייטער גערעדט, יא, אויב איך האב א זינד, א גרויסע זינד, איז דאס מיין האס צו דער ניעדערטרעכטיגער פרוי! האט זיא כמעט אויסגעשריען. נאר איך וועל דאס איהר זאגען. דיא צייט וועט נאך קומען.

XVI.

ווערענד דיעזער געשפרעך איז פארגעקומען ביי׳ם גראף׳ס פלימעניצע אין צימער, איז אריינגעפאהרען א קארעטע, וואו עס איז געזעסען פיער מיט פירסטין דרובעצקאיא, צום גראף בעזוכי אין הויף. דיא קארעטע האט מען געשיקט נאך פיער׳ן און פירסטין דרובעצקאיא האט געפונען פאר נייטהיג צו פאהרען מיט איהם. ווען דיא רעדער האבען זיך גענומען קייקלען מיט א ווייכען גערויש איבערן שטרוי, וואס איז געווען אויסגעבעט פאר דיא פענסטער פון דער הויז, האט זיך דיא פירסטין געווענדעט צו פיער׳ן מיט טרייסט־ווערטער, נאר דא האט זיא אויס־געפונען, אז ער שלאפט און זיא האט איהם אויפגעוועקט. איצט ווען פיער האט זיך אויפגעכאפט און איז ארויסגעשטיגען פון דער קארעטע, איז איהם אריין דער געדאנק וועגען דער בענעגעניש מיט׳ן שטארבענדען פאטער, וואס האט

איהם ערוואַרטעט. ער האָט בעמערקט, אַז זיי זיינען ניט צונעפאָהרען צו דעם הויפט איינגאַנג, זאָנדערן צו דעם הינטערשטען. וועהרענד ער איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר, זיינען צוויי מענשען אָנגעטהאָן אין פּראָסטע קליידער אָבגעשפּרונגען פון דיא טרעפ און געשטעלט זיך אין דעם שאָטען פון דער וואַנד. באַלד האָט ער בעמערקט נאָך עטליכע אַזעלכע מענשען נאָר אַזוי וויא די פירסטין דרובעצקאַיא און דער קוטשער, און דער לאַקיי האָבען זיך ניט אומגעקוקט אין זייער זייט, האָט ער בעשלאָסען, אַז מסתמא דאַרף אַזוי זיין. פירסטין דרובעצקאַיא איז געגאַנגען פאָראויס מיט שנעלע טריט און האָט געיאָגט פיער'ן ער זאָל האַלטען מיט איהר טריט און ניט אָבשטיין. פיער האָט ניט פערשטאַנען, פאַר וואָס דאַרף ער איבערהויפּט גיין זעהן דעם גראַף און נאָך וויינינגער, פאַר וואָס דאַרף ער גיין דורך דעם הינטערסטען גאַנג. נאָר ער האָט זיך פערלאָזען אויף דיא פירסטין, אַז אַזוי דאַרף זיין און אַנדערש קען ניט זיין. אויפ'ן וועג האָבען זיי אָנגעגעגנט עטליכע מענשען מיט עמער, וועלכע האָבען זיך צוגעשטופּט צו דער וואַנד, אום צו מאַכען פאַר זיי אַ וועג.

— אפשר האָט דער גראַף נאָר ניט געשיקט נאָך מיר, האָט פיער געזאָגט, ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער טיר. איך וואָלט געגאַנגען אין מיין צימער.

פירסטין דרובעצקאַיא האָט זיך אָבגעשטעלט.

— אַח, מיין פריינד, האָט זיא געזאָגט און האָט זיך צוגעריהרט צו זיין האַנד. גלויבט מיר, אַז איך לייד ניט וויינינגער פון אייך, נאָר זייט אַ מאַנספּערזאָן.

— זאָל איך טאַקי גיין? האָט פיער געפרעגט און האָט צערטליך אַ קוק געטאָן אויף דער גרעפין איבער דיא ברילען.

— פערגעסט, מיין פריינד, אַז מען איז געווען נעגען אייך אונגערעכט. האָט אין זינען, אַז ער איז אייער פאָטער... פיעלייכט ליעגט ער ביים שטאַרבען. — זיא האָט אַ זיפץ געטאָן. — איך האָב אייך ליעב געקראָגען, וויא מיין זוהן. פערלאָזט זיך אויף מיך. איך וועל אייערע אינטערעסען ניט פערגעסען.

פיער האָט נאָך ניט פערשטאַנען און איהם האָט נאָך שטאַרק אויסגעוויזען, אַז דאָס אַלץ דאַרף אַזוי זיין און איז וויא אַ שעפעלע נאָכגעגאַנגען נאָך דער פירסטין, וועלכע האָט שוין געעפענט דיא טיר.

זיי זיינען אריין אין דיא צימערן, וועלכע האָבען פערוואָהנט דעם גראַף'ס פּלימעניצעס. זיי איז אויסגעקומען פאַרבייצוגעהן דאָס צימער, וואו פירסט וואַסילי איז געזעסען און האָט גערעדט מיט דער עלטערער פּלימעניצע. דיא טיר איז געווען

אָפען און זיי האָבען, ניט ווילענדיג, אריינגעקוקט אהין. וואס זי האט געמאכט אן אונגעדולדיגע בעוועגונג, און קאטערינא (דיא עלטערע פרינצעסין) איז אויפגעשפרונגען און האט א זעץ געטאָן מיט דער טיר און פערמאכט איהר.

דאָס איז געווען אזוי ווייט ניט עהנליך אויף קאטערינא׳ס שטענדיגע רוהיגקייט, און דער שרעק אויף וואסיליי׳ס געזיכט איז געווען אזוי אין ווידערשפרוך מיט זיין שטענדיגע ערהאבענע מינע, אז פיער האט זיך אָבגעשטעלט און האט פראגענד א קוק געטאָן אויף זיין פיהרערקע. דיא פירסטין האט ניט ארויסגעוויזען קיין שום פערוואונדערונג, זיא האט נאָר א לייכטען שמייכעל געטאָן און האט זיך אָבגעזיפצט, וויא ווילענדיג וויזען מיט דעם, אז זיא האָט עס ערווארט.

— זייט א מאַנספערזאָן און איך וועל שוין אויפפאסען אויף אייערע אינטערעסען, האָט זיא געזאָגט און איז נאָך גיכער געגאנגען צום קארידאָר.

פיער האט ניט פערשטאנען, אום וואָס דא האנדעלט זיך אז נאָך ווענינגער האט ער פערשטאנען, וואָס בעדייטען איהרע ווערטער, אז זיא וועט אויפפאסען אויף זיינע אינטערעסען, נאָר פערשטאנען האָט ער, אז אזוי דארף זיין.

זיי זיינען אריינגעקומען אין דעם גראפ׳ס עמפפאנגס - צימער, וואו צוויי איטאַליענישע פענסטער זיינען ארויסגעקומען אין דעם ווינטער־גארטען און וואו עס האָט זיך געפונען א ביוסט און א פאָרטרעט פון דער קייזערין יעקאטערינא אין איהר גאנצען וואוקס. אלע, וואָס האָבען זיך געפונען אין דעם צימער, זיינען אנשוויגען געוואָרען און האָבען גענומען קוקען אויף דיא אריינקומענדע פרינצעסין דרובעצקאיא מיט איהר בלייכע און פערוויינטע געזיכט און אויף דעם דיקען און גרויסען פיער׳ן, וועלכער איז איהר נאָכגעגאנגען מיט א׳ אראָבגע אָזטען קאָפּ.

דרובעצקאיא איז איצט אריין אין צימער מיט מעהר דרייסטקייט, וויא אין דער פריה. זיא האָט איצט געפיהלט, אז אזוי וויא זיא פיהרט מיט זיך יענעם, וועמען דער גראף וויל זעהן, איז איהר עמפפאנג זיכער. מיט א פלינקען בליק האָט זיא בעקוקט אלע אנוועזענדע און דערזעהענדיג דעם גראף׳ס בייכט־פאטער איז זיא צו איהם צונעשוואומען, פלוצים ווערענדיג קלענער אין געוואוקס און געזאָגט:

— א דאנק גאָט, וואָס איהר זייט געקומען צו דער צייט. מיר דיא קרובים, האָבען אזוי מורא געהאט. דיעזער יונגער מאן, איז דעם גראפ׳ס זוהן, האָט זיא געזאָגט שטילער.

ארויסרייידענדיג דיעזע ווערטער, איז זיא צוגעגאנגען צום דאָקטאָר:

— ליעבער דאָקטאָר, האָט זיא געזאָגט צו איהם, — דיעזער יונגער מאן איז

דעם גראף'ס זוהן ... איז נאך פאראן א האפנונג?

דער דאקטאר האט נאר א ציה געטהאן אין דער הויך דיא אקסלען און פער־ריסען דיא אויגען. דיא פרינצעסין האט אויך א ציה געטהאן מיט דיא אקסלען, האט כמעט פערמאכט אויף א רגע דיא אויגען און איז מיט א זיפץ אבגע־טראטען.

— פערלאזט זיך אויף גאט'ס בארמהערציגקייט, האט זיא געזאגט מיט א טרויעריג־צערטליכען קול און געוויזען איהם מיט דיא אויגען אויף דער זאפע, אז ער זאל זיך צוזעצען, און אליין איז זיא צוגעגאנגען צו דער טהיר, אויף וועלכע אלע האבען געקוקט, און איז באלד פערשוואונדען געווארן הינטער איהר.

פיער האט זיך בעשלאסען צו פאלגען זיין פיהרערקע, וואס זיא וועט איהם הייסען און ער האט זיך געלאזט גיין צו דער זאפע, אויף וועלכע זיא האט איהם געוויזען מיט דיא אויגען. יעצט האבען זיך אלע אויגען געווענדעט אויף איהם, און ער האט בעמערקט, אז מען גיינט אויף איהם אזא כבוד, וואס מען האט פריהער גאר ניט ארויסגעוויזען: אן אונבעקאנטע דאמע האט זיך אויפגעהויבען פון איהר אורט און האט איהם אנגעבאטען, ער זאל זיך זעצען. אן אפיציר האט אויפגעהויבען דיא האנדשוה, וואס פיער האט פערלארען און האט איהם דערלאנגט; דיא דאקטוירים זיינען אנשווייגען געווארען, ווען ער איז פערביי זיי דורכגעגאנגען און האבען פאר איהם געמאכט א גרויסע ווארע, ער זאל קענען דורכגעהן. פיער האט אנפאנגס געוואלט זעצען זיך אויף אן אנדער ארט, אום ניט צו שטערען דיא דאמע, האט געוואלט אליין אויפהויבען דיא האנדשוה און פערבייגעהן דיא דאקטוירים, וועלכע זיינען איהם גאר ניט געשטאנען אין וועג; נאר ער האט דערפיהלט, אז דאס וועט זיין ניט אנשטענדיג; ער האט דערפיהלט, אז היינטיגע נאכט איז ער א פערזאן, וועלכע דארף דערוויזען עפעס א שרעקליכע און אונער־ווארטעטע זאך און דאריבער דארף ער פון יעדען אנגעהמען דיא חסדים, וואס מען ווייזט איהם ארויס. ער האט אהן ווערטער צוגענומען דיא האנדשוה פון דעם אפיציר, האט זיך געזעצט אויף דער דאמע'ס פלאץ, האט אוועקגעלייגט זיינע גרויסע הענד אויף די קניע און האט אנגענומען א נאאיווע פאזע פון אן עגיפטישע סטאטוע, און האט ביי זיך בעשלאסען, אז אזוי דארף זיין, און אום ער זאל היינ־טיגע נאכט ניט אבטהאן עפעס א נארישקייט, דארף ער זיין אייגענעם שכל לאזען צורוה און לאזען זיך אין גאנצען פיהרען פון אנדערע.

צוויי מינוט זיינען אריבער אן פירסט וואסילי איז אריין אין צימער, האלטענדיג

דעם קאפ הויך אויפגעהויבען. ער האט אויסגעוויזען, ווי ער איז איינגעפאלען פון איין דער פריה; זיינע אויגען זיינען געווען גרעסער, וויא געוואוינליך, ווען ער האט בעקוקט דאס צימער און האט דערזעהען פיערן. ער איז צו איהם צוגעגאנגען, האט איהם אנגענומען ביי דער האנד, וואס ער האט ביז איצט קיין מאל ניט געטאן, און האט איהר א שלעפ געטאן ארונטער, וויא ער וואלט וועלען אויספרובען, צו זיא האלט זיך פעסט.

— זייט מעגליך, מיין פריינד. ער האט געהייסען שיקען נאך אייך. דאס איז גוט... האט וואסילי געזאגט און געוואלט אוקגעהען, נאר פיער האט געפונען פאר נויטיג צו פרעגען:

— וואס מאכט......ער האט ווייטער ניט געוואוסט, וואס צו זאגען: איהם האט אויסגעוויזען, אז עס איז ניט שעהן צו רופען דעם שטארבענדען גראף און צו זאגען פאטער האט ער זיך געשעמט.

— ער האט געהאט א נייען אנפאל פון אפאפלעקסיע מיט א האלבע שטונדע צוריק.

וואסילי איז פון איהם אבגעטראטען און פערבייגייהענדיג האט ער געזאגט א פאר ווערטער און האט גענומען גיין אויף דיא שפיץ פינגער צו דער טהיר. ער האט אויף דיא שפיץ פינגער ניט געקענט געהן און איז אונגעלומפערט אונטערגעשפרונגען מיט'ן גאנצען קערפער. נאך איהם איז אריין דורך דער טהיר דעם גראפ'ס עלטערע פלימעניצע, דערנאך דיא גייסטליכע. גלייך נאכדעם איז ארויסגעלאפען פירסטין דרובעצקאיא און האט איהם אריינגערופען אהין.

XVII.

פיער האט גוט געקענט דיעזעס צימער מיט דיא זיילען, מיט'ן געוועלב, מיט דיא פערסישע טעפיכע. א טהייל צימער הינטער דיא זיילען, וואו פון איין זייט איז געשטאנען א הויכע בעט פון רויטען האלץ אונטער זיידענע פארהאנגען, און אין דער צווייטער זייט האבען זיך געפונען דיא הייליגע בילדער און זיינען געווען רויט און העל בעלויכטען. אונטער דיא הייליגע בילדער אויף א לאנגען פאטעל איז געלעגען גראף בעזוכי, אונטערגעבעט מיט שניי־ווייסע קישענס און פערדעקט ביז העלפט מיט א העל־גרינע דעקע, מיט דיא גרויע גרויזע האר, וואס האט דערמאנט א לייב, איבערען גרויסען שטערען, מיט דיא טיעפע קנייטשען אויף זיין שיינעם רויטגעלבען געזיכט. זיינע גרויסע הענד זיינען געלעגען אויף דער דעקע און אין דער רעכטער האנד, וואס איז געלעגען מיט'ן דאליאן ארונטער צווישען דעם

גרויסען און ציינג־פינגער, איז געוועזן אריינגעשטעלט א וואקסענע ליכט, וועלכער און אלטער דיענער, שטעהענדיג אנגעבויגען איבערן פאטעל, האט צוגעהאלטען. ארום דעם פאטעל זיינען געשטאנען די נייסטליכע; זייערע העלע, פינקעלדיגע קליי־דער, מיט אנגעצונדענע ליכט אין דיא הענד און לאנגזאם געזאגט דיא תפלות. פון הינטען זיינען געשטאנען דיא פלימעניצעס, וואסילי, דרובעצקאיא, דיא דאק־טוירים און די דיענער.

אלע אנוועזענדע האבען געשוויגען און גע׳צלמ׳ט זיך. פירסטין דרובעצקאיא איז צוגעגאנגען צו פיערן מיט א מינע, וואס האט געוויזען, אז זיא ווייס וואס זי טהוט און האט איהם דערלאנגט א ליכט. ער האט דאס ליכט אנגעצונדען און זייענדיג צערשטרייט האט ער גענומען זיך צלמ׳ען מיט דער זעלבער האנט, אין וועלכער ער האט געהאלטען דאס ליכט.

דיא אינגסטע פלימעניצע סאפי מיט׳ן מוטרעמאל האט אויף איהם געקוקט. זיא האט א שמייכל געטאן, בעהאלטען איהר געזיכט אין טיכעל און האט א לאנגע צייט נים אויפגעהויבען דעם קאפ, נאר גלייך ווי זי האט א קוק געטאן אויף פיער׳ן האט זיא זיך צולאכט. וויא עס האט געשיינט האט זי אויף איהם ניט געקענט קוקען אהן א געלעכטער און ווי אויף צו להכעים האט ער צוגעצויגען איהרע אויגען וויא מיט א מאגנעט, און אום אויסצומיידען א נסיון איז זיא איבערגעגאנגען אויף א צווייטער זייט.

אין מיטען די תפלות זיינען די נייסטליכע פלוצים אנשווינגען געווארען. דער אל־טער דיענער וואס האט געהאלטען דעם גראף פאר דער האנט, האט זיך אומגעווענדעט צו דיא דאמען. פירסטין דרובעצקאיא איז געשווינד צוגע־גאנגען און האט זיך איבערגעבויגען איבערן קראנקען און האט מיט׳ן פינגער א רוף געטהאן דעם הויפט־דאקטאר. דער דאקטאר איז מיט שטילע טריט צוגעגאנגען צום קראנקען האט איהם מיט זיינע ווייסע און דינע פינגער ארומגענומען ביי דער פרייער האנד און געטאפט דעם פולס און האט זיך א רגע פערטראכט. דערנאך האט מען דעם קראנקען עפעס געגעבען צום טרינקען און דיא תפילות האבען זיך ווידער אנ־געהויבען.

פיער האט בעמערקט, אז וועהרענד דער דאקטאר איז געזעסען נעבען קראנקען האט זיך פירסט וואסילי אויפגעהויבען פון זיין ארט, און אנשטאט צוצוגיין צום גראף, איז ער צוגעגאנגען צום גראפס עלטערע פלימעניצע אוןביידע צוזאמען האבען זיי זיך געלאזט גיין צום הויכען בעט אונטער דיא זיידענע פארהאנגען. פון

דארטען זיינען זיי באלד פערשוואונדען דורך א הינטערסטע טהיר. זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט אין שלאף-צימער איינער נאך דעם צווייטען, ווען דיא גייסטליכע האבען שוין געהאלטען ביים ענדיגען זייערע תפלות.

פיער האט אויף דיזער אנגעלעגענהייט געקוקט ווי אויף אנדערע, בעשליסענדיג איין מאל פאר אלע מאל, אז היינט דארף אזוי זיין און עס טאר גאר אנדערש ניט זיין.

XVIII.

ווען דיא לעצטע קלאנגען פון זינגען און בעטען זיינען שטיל געווארען איז געווארען א שטילער גערויש אין צימער. עס האבען זיך געהערט טריט און א מורמעל. דער קראנקער איז געלעגען אונבעוועגט און לעבלאז.

— מען דארף איהם אונבעדינגט איבערטראגען אויפ'ן בעט. דא וועט מען פאר קיין פאל ניט קענען... האט פיער געהערט פירסטין דרובעצקאיא'ס איינגעהאלטענע שטימע.

אלע אנוועזענדע האבען אזוי ארומגערינגעלט דעם קראנקען, אז פיער האט שוין מעהר ניט געקענט זעהן דעם רויט-געלבען קאפ מיט דיא שיווע גריווע. נאך דער פארזיכטיגער בעוועגונג פון דיא מענשען, וואס האבען ארומגערינגעלט דעם פאטעל, האט ער פערשטאנען, אז מען הויבט אויף דעם שטארבענדען און מען טראגט איהם אריבער.

עס האט געדויערט עטליכע מינוט, איידער מען האט דעם קראנקען אריינגעלעגט אין בעט. דיא מענשען, וואס האבען איהם אריבערגעטראגען, זיינען ארויסגעגאנגען. פירסטין דרובעצקאיא האט א ריהר געטהאן פיער'ן פאר דער האנד און האט צו איהם געזאגט: „קומט". פיער איז צוזאמען מיט איהר צוגעגאנגען צום בעט. ווען פיער איז צוגעגאנגען, האט דער גראף געקוקט גלייך אויף איהם, נאר וואס האט זיין בליק בעדייטעט, האט קיין מענש ניט געקענט פערשטעהן. עס קען זיין, אז דער בליק האט נאר ניט געזאגט, דער גראף האט געקוקט, ווייל כל זמן מען האט אויגען מוז מען קוקען, אדער עס קען זיין, אז ער האט געוואלט זעהר פיעל. פיער איז געבליבען שטעהן, ניט וויסענדיג וואס צו טהאן און האט פראגענד א קוק געטהאן אויף זיין פיהרערקע. דרובעצקאיא האט איהם געשווינד מיט דיא אויגען אנגעוויזען אויפ'ן קראנקענס האנד און מיט דיא ליפען האט זיא געמאכט א צייכען אויף א קוס. פיער האט אויסגעצויגען דאס האלז, אום ניט צו פערטשעפען דיא דעקע און האט געפאלגט איהר ראטה און האט זיך מיט דיא ליפען צוגעלעגט

צום קראנקענס ברייטע און דיקע האנד. ניט דיא האנד און ניט קיין מוסקול ביים גראף אין געזיכט האט א ציטער געטהאן. פיער האט איבערפראגענד א קוק געטהאן אויף זיין פיהרערקע: וואס זאל ער איצט טהאן? דרובעצקאיא האט איהם מיט דיא אויגען געוויזען אויף א פאטעל, וואס איז געשטאנען הינטערן בעט. פיער האט זיך אריינגעזעצט און מיט דיא אויגען געפרעגט צו ער טהוט ריכטיג, וואס מען דארף, זיא האט צו איהם א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ אויף א צייכען, אז אזוי איז גוט. פיער האט ווידער אנגענומען א סימעטרישנאאיווע פאזע פון אן עגיפטישער סטאטוע און וויא עס שיינט האט איהם לייד געטאן וואס זיין אונ עלומפערט גרויסער קערפער פערנעהמט אזוי פיעל פלאטץ און ער האט אנגעווענדעט אלע זיינע גייסטיגע קרעפטען צו ווייזען זיך וואס קלענער. ער האט געקוקט אויפ'ן גראף, און דער גראף האט דיא אויגען ניט אראבגענומען פון דעם ארט וואו פיער איז פריהער געשטאנען. דאס האט געדויערט א פאר מינוט, וואס האבען פיערן געשיינט א גאנצע שטונדע. פלוצים האט זיך בעוויזען ביים גראף אין געזיכט א ציטער, דער ציטער איז אלץ געוואר שטארקער און זיין שיינער מויל האט זיך פערקרימט (איצט נאר האט פיער פערשטאנען, וויא קראנק דער פאטער זיינער איז) און פון דעם פערקרימטען מויל האט זיך דערהערט אן אונדייטליכער הייזערינגער קלאנג. דרובעצקאיא האט געקוקט דעם קראנקען אין דיא אויגען און האט זיך געמאטערט צו פערשטעהן, וואס דער קראנקער וויל און זיא האט געוויזען אויף פיער'ן, אויף די געטראנקען, אויף דער דעקע, האט אנגערופען וואסילי'ס נאמען, נאר דעם קראנקען'ס אויגען און געזיכט האבען ארויסגעוויזען אונגעדולד. ער האט געמאכט אן אנשטרענגונג א קוק צו טאן אויפ'ן דיענער, וועלכער איז ניט אבגעטראטען פון זיין צוקאפענס.

— זיי וויכען זיך אומקעהרען אויף דער צווייטער זייט, האט א שעפטשע געטאן דער דיענער און האט זיך אויפגעהויבען, אום אומצוקעהרען דעם גראף מיט'ן געזיכט צו דער וואנד.

פיער האט זיך אויפגעהויבען אום צו העלפען דעם דיענער.

ווערענד מען האט דעם גראף אומגעקעהרט אויף דער צווייטער זייט, האט זיך איין האנד זיינע אראבגערוקט און ער האט זיך אומזיסט געמאטערט אויפצוהויבען איהר. צו האט דער גראף בעמערקט דעם שרעק, וואס האט זיך אבגעטונקט אייף פיער'ס געזיכט, ווען ער האט געקוקט אויף דיא אבגעשטארבענע האנד אדער עפעס אן אנדער געדאנק איז דורכגעלאפען אין זיין קאפ, נאר ער האט א קוק געטהאן אויף זיין ניט געהארכזאמע האנד, דערנאך אויף פיער'ס געזיכט און דערנאך

ווידער אייף דער האנד און אויף זיין געזיכט האט זיך בעוויזען א שוואכער ליידענ־דער שמייכעל, וואס האט אויסגעדריקט א שפאט אויף זיין אייגענע שוואכקייט.

ווען פיער האט דערזעהן דיזען שמייכעל האט איהם א ציטער געטאן אין הארצען, אין נאז האט איהם א צופ געטהאן און טרערען האבען זיך געשטעלט אין זיינע אויגען.

דעם קראנקען האט מען איבערגעקערט מיט'ן געזיכט צו דער וואנד און ער האט א קרעכץ געטאן.

— קומט, האט דרובעצקאיא געזאגט צו פיער'ן, און פיער איז איהר נאכגעגאנגען.

XIX.

אין עמפפאנגס־צימער איז אויסער וואסילי און קאטיש, קיינער שוין נים געווען. די האבען געפיהרט א ווארעמען געשפרעך, נאר ווי זיי האבען דערזעהן פיער'ן מיט זיין פיהרערקע, זיינען זיי אנשווייגען געווארען. קאטיש האט עפעס בעהאלטען, וויא פיער'ן האט אויסגעוויזען און זיא האט ארויסגעמורמעלט:

— איך קען דיזע פרוי נים אנקוקען.

— קאטיש האט געהייסען געבען טהיי אין דעם קליינעם גאסט־צימער, האט וואסילי געזאגט צו פירסטין דרובעצקאיא. געהט אריין אהין און ערפרישט א ביסעל אייערע קרעפטען, אז נים וועט איהר נים אויסהאלטען.

פיער'ן האט ער גאר נים געזאגט. ער האט איהם נאר א ווארעמען דריק געטאן דיא האנד אונטערן אקסעל. פיער און דרובעצקאיא זיינען אוועק אין קליינעם גאסט־צימער.

די אלע וואס האבען די נאכט פערבראכט אין גראף בעזוכי'ס הויז האבען זיך איצט פערזאמעלט אין'ם קליינעם גאסט צימער ארום טיש און האבען זיך ערקוויקט מיט טהיי און א קאלטען צובייסען. פיער האט אין מויל גאר נים גענומען, חגם ער האט געוואלט עסען. ער האט פראגענד גענומען קוקען אויף זיין פיהרערקע און האט דערזעהען, אז זיא געהט צוריק אויף דיא שפיץ פינגער אין עמפפאנגס־צימער, וואו עס איז פערבליבען וואסילי מיט קאטיש'ן. פיער האט גערעכענט, אז מסתמא דארף דאס אזוי זיין און אבווארטענדיג א רגע, איז ער איהר נאכגעגאנגען.

ווען ער איז ארויסגעקומען אין עמפפאנגס צימער האט ער געטראפען די פירסטין דרובעצקאיא שטעהן נעבען קאטיש, און ביידע האבען אין איין צייט גערעדט מיט אן אויפגערעגטען געפליסטער.

—ערלויבט מיר, פירסטין, איך מעג וויסען, וואס מען דארף און וואס מען דארף ניט, האט געזאגט קאטיש מיט דער זעלבער אויפרעגונג, אין וועלכער זיא האט זיך געפונען, ווען זיא האט א האק געטהאן מיט איהר טהיר ביי פיער אין דרובעצקא-יא'ס אריינקומען.

— נאר דענקט איהר ניט, האט דרובעצקאיא געזאגט מיט א מילדער און אי-בערציינענדער שטימע, פערשטעלענדיג איהר דעם וועג פון דעם שלאף-צימער, און ניט לאזענדיג איהר זעהן, אז דאס וועט זיין צו שווער פארן ארימען אנקעל אין אזא מינוט, ווען ער דארף האבען רוהע? ריידען מיט איהם וועגען וועלטליכע זאכען, ווען זיין נשמה איז שוין צוגעגרייט...

וואסילי איז געזעסען אין פאטעל מיט הויך פערריסענע פיס. זיינע באקען האבען שטארק אונטערגעשפרונגען, נאר די מינע זיינע איז געוועזען פון א מענשען, וואס איז וועניג פעראינטערעסירט מיט'ן געשפרעך פון דיא צוויי דאמען.

— ליעבע אננא מיכאילאוויא (דרובעצקאיא), פערלאזט זיך אויף קאטיש, אז דיא וויים, וואס זיא טהוט. איהר ווייסט, וויא דער גראף האט איהר ליעב, האט וואסילי געזאגט.

— איך וויים ניט, וואס אין דעם פאפיער געפינט זיך, האט קאטיש געזאגט, ווענדענדיג זיך צו וואסיליין און ווייזענדיג איהם אויף דער אויסגענייטער שריפט-טאשע, וואס זיא האט געהאלטען אין דיא הענט. איך וויים נאר, אז דיא אמתע צוואה געפינט זיך אין דער שאפע און דאס איז נאר א פאפיער, וואס ער האט פערגעסען......

זיא האט געוואלט אויסמיידען דיא פירסטין דרובעצקאיא און אריינגעהען אין שלאף-צימער, נאר דיא פירסטין איז ווידער צוגעשפרונגען און האט איהר פער-שטעלט דעם וועג.

— גוטע, ליעבע פיינע, האט דרובעצקאיא געזאגט, אנכאפענדיג מיט דער האנד די שריפט-טאשע אזוי שטארק, אז מען האט געקענט זעהן, אז זיא וועט שוין אזוי גיך ניט אבלאזען, — איך וויים, אז דאס איז וויא איהר זאגט, נאך איך בעט אייך האט רחמנות מיט'ן שטארבענדען.

קאטיש האט געשוויגען. מען האט נאר געהערט דיא קלאנגען פון דעם רייסען זיך פאר דער שריפט-טאשע. מען האט געזעהן אז אויב זיא וועט עפעס זאגען, וועט דאס זעהר ניט שמעקען דער פירסטין דרובעצקאיא. דיא פירסטין האט געהאלטען זעהר שטארק, נאר ניט קוקענדיג אויף דעם איז איהר שטימע געבליבען אזוי

ניהעדריג־זיס און ווייך.

— פיער, קומט צו אהער, מיין פריינד, האט דיא פירסטין געזאגט. איך דענק, אז ער איז ניט איבעריג אין אזא פאמיליען־ראטה; ניט וואהר, פירסט וואסילי?

— וואס שווייגט איהר? האט קאטיש פלוצים א געשריי געטאן אזוי הויך, אז מען האט דעם קול דערהערט אין גאסט־צימער און דערשראקען זיך פאר איהם וואס שווייגט איהר, ווען איהר זעהט, אז ווייס־איך־ווער ערלויבט זיך ארייננצומישען זיך אין פרעמדע זאכען און מאכען סצענעס אויפ'ן שוועל פון א גוסס? אינטריגאנטען! האט זיא ארויסגעזייט דורך דיא ציינער און האט א ריס געטאן דיא שריפט־טאשע אזוי שטארק, אז דרובעצקאיא האט געמוזט מאכען עטליכע טריט, אום ניט אבצורייסען זיך פון דער שריפט־טאשע

— אח, האט וואסילי געזאגט מיט פארוואורף און האט זיך אויפגעהויבען. דאס איז דאך לעכערליך. לאזט ביידע אב. איך זאג אייך, לאזט אב.

קאטיש האט איהרע הענד אבגעלאזען.

— איהר אויך!

דרובעצקאיא האט ניט געפאלגט.

— איך זאג אייך, לאזט אב. איך נעהם דיא פעראנטווארטליכקייט אויף זיך. איך אליין וועל גיין און פרעגען איהם. איך אליין...... דאס איז פאר אייך גענוג.

— אבער לאזט איהם נאך אזא גרויסע צערעמאניע אברוהען א מינוט. זאגט, פיער, אייער מיינונג, האט זיא זיך געווענדעט צום יונגען מאן, וואס איז געשטאנען נעבען זיי און האט פערוואונדערט אנגעקוקט קאטיש'ס בייזע געזיכט און וואסילי'ס צופענדע באקען.

— געדענקט, אז איהר נעהמט אויף זיך א שווערע פעראנטווארטליכקייט, האט געזאגט פירסט וואסילי. איהר ווייסט ניט, וואס איהר טהוט.

— אבשייליכע פרוי! האט קאטיש אויסגעשריען, אווארף טהוענדיג זיך אויף דער פירכטין דרובעצקאיא און ארויסרייסענדיג דיא שריפט־טאשע.

אין דער מינוט האט זיך דיא שרעקליכע טהיר, אויף וועלכע פיער האט אזוי לאנג געקוקט, האסטיג געעפענט און דיא מיטעלסטע פלימעניצע איז ארויסגעלאפען און האט א פאטש געטהאן מיט דיא הענד.

— וואס טהוט איהר! האט זיא אויסגעשריען פערצווייפעלט. ער גייט אויס און איהר לאזט מיך אליין.

דיא שריפט־טאשע איז ארויסגעפאלען פון קאטיש'ס הענד. דרובעצקאיא האט

זיך געשווינד איינבויגען און האט א כאפ געטאן דיא שריפט-טאַשע און איז אריינ־געלאפען אין שלאף-צימער. קאטיש און וואסילי זיינען באלד געקומען צו זיך און זיינען אויף אהין אריין. אין עטליכע מינוט ארום איז פון דאָרטען ארויס דיא ערשטע קאטיש מיט א בלייכע און טרוקענע געזיכט און מיט א פערביסענע לופ. דערזעהענ־דיג פיער'ן, האט זיא זיך ניט געקענט איינהאלטען ניט ארויס צואווייזען איהר כעס צו איהם.

— יא, בלאזט זיך איצט, האט זיא געזאגט. איהר האט אויף דעם געווארט.

זיא האט זיך צוואויינט און פערשטעלענדיג דאס געזיכט מיט'ן טיכעל, איז זיא ארויסגעלאפען פון צימער.

באלד איז פון שלאף-צימער ארויסגעקומען פירסט וואסילי. ער איז וואנקענדיג צוגעגאנגען צו דער סאפע און האט זיך ארונטערגעלאזט, פערדעקענדיג דיא אויגען מיט דיא הענד. פיער האט בעמערקט, אז ער איז בלייך און אז זיין קינבאק איז גע־שפרונגען און האט זיך געטרייסעלט וויא אין קדחת.

— אח, מיין פריינד, האט ער געזאגט אננעהמענדיג פיער'ן פאר'ן ארם, און אין זיי קול האט זיך געהערט א שוואכקייט און אויפריכטיגקייט, וואס פיער האט אין איהם ביז איצט קיין מאל ניט בעמערקט. פיעל מיר זינדיגען, פיעל מיר נארען או פרעג פאר וואס? מיר געהט שוין דיא זעקסטע צעהנדליג.... מיין פריינד. באלד.... דער סוף איז דער טוידט. דער טוידט איז שרעקליך.

און ער האט זיך צוואויינט.

פירסטין דרובעצקאיא איז ארויס דיא לעצטע. זיא איז מיט שטילע טריט צוגע־גאנגען צו פיער'ן און געזאגט:

— פיער!....

פיער האט פראגענד א קוק געטאן אויף איהר. זיא האט איהם א קוש געטאן אין שטערן. א וויילע האט זיא געשוויגען און דאן געזאגט:

— ער איז געשטארבען...

פיער האט אויף איהר געקוקט איבער דיא ברילען.

— קומט, איך וועל אייך בעגלייטען. זעהט, וויינט זיך אויס, ווייל קיין זאך מאכט ניט אזוי גרינג אויפ'ן הארצען וויא טרערען.

זיא האט איהם אריינגעפיהרט אין דעם פינסטערן גאסט-צימער, און פיער איז געווען צופריעדען, וואס קיינער זעהט ניט זיין געזיכט. פירסטין דרובעצקאיא איז אויף א וויילע ארויסגעגאנגען און ווען זיא האט זיך צוריקגעקעהרט, האט זיא געפר־

נען, וויא ער ליגט אָנגעשפּארט מיט'ן קאָפּ אויף דער האנד און שלאָפט געשמאק.

XX.

אין די „קאהלע בערג", וויא עס האָט זיך גערופען דאָס גוט פון פירסט ניקאָלאַי אנדרייעוויטש באלקאנסקי, האָט מען יעדען טאָג ערוואַרט דאָס אָנקומען פון דעם יונגען פירסט אנדריי מיט זיין פרוי. נאָר דאָס האָט אויף איין האָר ניט געענדערט די אָרדנונג, וואָס איז געווען איינגעפיהרט ביי דעם אלטען פירסט אין הויז. דער גענעראל-אַנשעף, פירסט ניקאָלאַי אנדרייעוויטש אָדער דער „פּרייסישע קעניג" וויא מען האָט איהם גערופען אין דער געזעלשאַפט, איז ניט ארויסגעפאָהרען פון זיין גוט, צייט ער איז פערשיקט געוואָרען אין זיין דאָרף ווען עס האָט נאָך געקעניגט פּאַוועל, און צוזאמען מיט איהם האָט דא געוואוינט זיין טאָכטער מאריא מיט איהרע א קאָמפּאַניאָנקע, מאַמזעל בוריען. און אָבוואָהל דער נייער קייזער האָט איהם ערלויבט אריינצופאָהרען אין די הויפּט-שטעדט, איז ער אָבער נאָך אלץ געבליבען איינגעשפּארט אין זיינע „קאהלע בערג" און ער האָט געזאָגט, אז אויב עמיצער דאַרף איהם האָבען, וועט יענער טרעפען דעם וועג פון מאסקווע צו איהם (דאָס איז געווען א קיימא לן פון אָנדערטהאלבען הונדערט ווערסט) און ער דאַרף קיינעם ניט.

ער האָט געהאַט א שפּרוך, אז אלע חטאים שטאַמען פון ליידיג געהן און אבערגלויבען און אז אויף דער וועלט זיינען נאָר פאראן צוויי גוטע זאַכען: טהעטיגקייט און שכל. ער אליין האָט זיך בעשעפטיגט מיט זיין טאָכטער'ס ערציהונג און אום צו ענטוויקלען אין איהר דיזע צוויי גוטע איינענשאַפטען, האָט ער מיט איהר גערערנט אלגעברא און געאָמעטריא און האָט געזעהן, אז זיא זאָל שטענדיג זיין בעשעפטיגט.

ער אליין איז געווען שטענדיג בעשעפטיגט, דאָ האָט ער געשריעבען זיינע עראינערונגען, דאָ מיט מאטהעמאטיק, דאָ איז ער געשטאנען ביים ווערסטאַט און געמאכט טאַבאַקערקעס, דא האָט ער געהאַט א'ן ארבייט אין גאָרטען און דאָ האָט ער געדאַרפט אכטונג געבען אויף די געביידעס, וואָס מען האָט ניט אויפגעהערט צו בויען אין זיין גוט. און אזוי וויא די ערשטע בעדינגונג פון טהעטיגקייט איז אָרדנונג, האָט ביי איהם די אָרדנונג דערגרייכט די העכסטע פּינקטליכקייט. צום טיש פלעגט ער ארויסקומען ניט נאָר אין איינע און דער זעלבער שטונדע, זאָנדערן אויך אין איינע און דער זעלבער מינוט. מיט די מענשען, וואָס האָבען איהם ארומגערינגעלט, פון דער טאָכטער ביז'ן דיענער, איז ער זיך בעגאנגען

שטרענג און האט ביי אלעמען ארויסגערופען מורא און עהרע.

דעם טאג ווען אנדריי האט געדארפט אראבקומען מיט זיין פרוי איז מאריא אריינ־געקומען צו דער בעשטימטער צייט אין פארצימער און האט זיך מיט שרעק גע־צלם׳ט און אין דער שטיל געבעטען גאט, אז איהר בעגעגעניש מיט׳ן פאטער זאל אב־גיין גלאט. יעדען טאג איז זיא אזוי אריינגעקומען און יעדעס מאל האט איהר דאס הארץ אזוי געשראקען.

דער אלטער אנגעפודערטער דינער, וואס איז דא געזעסען, האט זיך שטיל אויפ־געהויבען און נאך שטילער ארויסגערעדט: „ביטע“.

הינטער דער טהיר האט זיך געהערט דער גערויש פון ווארסטאט. מאריא איז אריינגעקומען און איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר. פירסט באלקאנסקי האט געארבייט ביים ווארסטאט און ביי איהר אריינקומען, האט ער זיך ארומגעקוקט און האט פארטגעזעצט זיין ארביים.

דער גרויסער קאבינעט איז געווען אנגעפילט מיט נעגענשטענדע, וואס דער פירסט האט אלע ווייל געברויכט. דיא ביכער און פלאנען אויף׳ן גרויסען טיש, דאס אפענע העפט אויף׳ן הויכען שרייב טיש, דיא הויכע גלעזערנע שאפעס פאר ביכער מיט דיא שליסלען אין דיא טהירען, דער טאקערשער ווארסטאט מיט דיא אויסגעלעגטע אינסטרומענטען און מיט דיא סטרוזשקעס ארום, האבען גע־וויזען, אז ער הערט נים אויף צו ארבייטען און וויא פערשיעדענארטיג זיין אר־ביים איז.

באלד האט דער אלטער פירסט אוועקגעווארפען די ארבייט ביים ווארסטאט און איז צוגעגאנגען צום טיש. ער האט צוגערופען די טאכטער און אונטערגעשטעלט זיין באק, וואס איז נאך היינט נים געווען ראזירט, און געזאגט שטרענג אבער צו דער זעלבער צייט האט ער אויף איהר געקוקט מיט א צערטליכען בליק: „וואס מאכסטו?.... נו, זעץ זיך!“ ער האט גענומען א העפט פאר געאמעטריע און האט מיט׳ן פוס א שלעפ געטהאן זיין פאטעל.

— דאס איז אויף מארגען! האט ער געזאגט, געשווינד אבזוכענדיג דאס זייטעל און פערצייכענדיג מיט זיין הארטען נאגעל פון וואנען ביז וואנען זיא האט צו לערנען.

דערנאך האט ער צוגערוקט זיין פאטעל נעהנטער צו איהרען און אנ־שפארענדיג זיך מיט איין האנד אויף׳ן רוקען פון פאטעל, אין וועלכען זיא איז געזע־סען, אזוי אז זיא איז געווען ארומגערינגעלט פון אלע זייטען מיט׳ן בייסענדען טא־

באק געראָך וואָס האָט זיך געהערט פון איהם, און ער האָט איהר גענומען ערקלערן א געאָמעטרישע אויפגאבע.

זיא איז געזעסען און האָט צושראָקען געקוקט אויף דעם פאָטערס פינקעלדיגע אויגען און רויטע פלעקען זיינען ארויסגעטראָטען אויף איהר געזיכט. עס איז געוועזען קענטיג, אז זיא פערשטעהט גאָר ניט, וואָס ער רעדט צו איהר און זיא שרעקט זיך אזוי, אז דער שרעק אליין וועט איהר שוין ניט לאָזען פערשטעהן ווייטער. איהר איינציגער געדאנק איז געווען, וואָס גיכער ארויסצוטאַכען זיך פון דעם קאבינעט און בעטראכטען דיא אויפגאבע ביי זיך אין צימער. דער אלטער איז ארויס פון זיך, האָט אָבגערוקט און צוגערוקט צוריק דעם פאָטעל און האָט אנגעטהאָן איבער זיך א כח, ער זאָל ניט פערלירען דיא געדולד.

זיא האָט געענטפערט פאַלש.

— נו, ביזטו ניט קיין נאַר! האָט ער א געשריי געטאָן און א שליידער געטאָהן פון זיך דאָס העפט. נאָר ער האָט זיך גלייך אויפגעהויבען, איז זיך א פאָר מאָל דורכגעגאנגען איבערן צימער, איז צוגעגאנגען צו דער טאָכטער און א פיהר־טהוענדיג מיט דיא הענד איבער איהרע האָר, האָט ער זיך ווידער געזעצט. מען קען אזוי ניט, מען קען אזוי ניט, האָט ער געזאָגט, ווען זיא האָט גענומען איהרע העפטען און געוואָלט ארויסגעהן, — מאטהעמאטיק איז א גרויסע זאך און איך וויל ניט, אז דו זאָלסט זיין עהנליך אויף אונזערע נאַרעשע דאמען.

ער האָט איהר א גלעט געטאָן איבער דער באק און זיא האָט זיך שוין געקליבען ארויסצוגעהן, נאָר ער האָט איהר אָבגעהאלטען און געזאָגט:

— דיין עלאָאיזא האָט דיר צוגעשיקט א בוך און א בריעף. דאָס בוך האָב איך דורכגעקוקט, עס איז א רעליגיעזעס.... נור איך מיש זיך ניט אין קיינעמס גלויבען. נור דיא בריעף וועל איך נאָך צוויי אזעלכע דורכלאָזען און דעם דריטען וועל איך דורכלעזען. איך האָב מורא, איהר קענט פיעל נאַרעשקייטען אָנשרייבען.

— לעזט דורך דיזען בריעף, פאָטער, האָט זיא געזאָגט, רויט ווערענדיג און דערלאנגט איהם דעם בריעף.

— איך האָב געזאָגט דעם דריטען, האָט דער פירסט א גע־שריינעטהאָן און האָט אוועקגעשטופט דעם בריעף. געה! געה! האָט ער געזאָגט און האָט איהר א גלעט געטהאָן איבערן רוקען.

מאריע האָט זיך צוריקגעקעהרט אין איהר צימער מיט א'ן אומעדיגען און צר שראָקענעם אויסדרוק וואָס האָט קיין מאָל ניט פערלאָזען איהר געזיכט און וואָס האָט

געמאכט איהר קראנקע און ניט שיינע געזיכט נאך מעהר ניט שיין. ביי איהר און צימער איז געוועזן גראדע אזא אונארדנונג וויא ביי איהר פאטער א'ן ארדנונג. זיא האט א ווארף געטהאן דיא העפטען אויף'ן טישעל און האט געעפענט דעם בריעף.

דער בריעף איז געוועזן פון איהר פריינדין זשולי קאראגינא; אין דעם בריעף האט איהר די פריינדין אויסגעשריבען אלע נייעס פון מאסקווע; זיא האט איהר געשריעבען וועגען גראף בעזוכי'ס טוידט, און אז פיער איז געווארען דער יורש פון א גוואלדיג גרויסען פערמעגען, און אז פיעל מאמעס ווילען איהם איצט כאפען פאר א חתן פאר זייערע טעכטער, און אז די שטאדט-מומע דרובעצקאיא האט איהר פערטרויט א סוד, אז פאר מאריע באלקאנסקאיא האט מען אבגעזוכט א חתן און אז דער חתן איז אנאטאל, פירסט וואסילי'ס זוהן, זעהר א שיינער אבער א גרויסער שארלאט אן.

מאריע האט זיך גלייך געזעצט צום שרייב־טיש און האט אנגעשריבען אן ענט־פער. ווען זיא האט געהאט איהר בריעף פארטיג איז צו איהר אין צימער ארייג־געקומען איהר סאמפאניאנקע מאמזעל בוריען. דיא לעצטע האט מיט זיך ארייגגע־בראכט אין דיא אומעדיגע און דונקעלע אטמאספערע, וואס האט ארומגערינגעלט מאריען, לייכטזיניג - פרייליכע און א צופריעדענע ווערטיל.

— א, איהר האט ערשט אנגעשריבען אייער בריעף און איך האב שוין מיינעם אוועקגעשיקט, האט זיא געזאגט צו מאריען. איך דארף אייך ווארנען, האט זיא ווי־דער געזאגט, ארובלאזענדיג איהר שטימע, דער פירסט האט איצט אויסגעזי־דעלט.... מיכאאיל איוואניטשען. ער איז איצט אין זעהר א שלעכטע לוינע, און איהר זאלט וויסען...

— אח, ליעבע פריינדין! האט מאריא געענטפערט. איך האב אייך געבעטען, איהר זאלט מיר ניט דערצעהלען, אין וואס פאר א מוטה דער פאטער געפינט זיך. איך ערלויב זיך ניט צו אורטהיילען איהם און איך וויל ניט, אז אנדערע זאלען דאס טהאן.

מאריע האט א קוק געטהאן אויף'ן זייגער און בעמערקענדיג, אז זיא האט שוין פערשפעטיגט אויף פינף מינוט דיא צייט, ווען זיא האט געדארפט געהן זעצען זיך שפיעלען פיאנע, איז זיא מיט א צושראקענע געזיכט אריינגעגאנגען אין צימער, וואו דיא פיאנע איז געשטאנען. פון צוועלף ביז צוויי האט דער פירסט גערוהט און מאריע האט דיא צייט געשפיעלט.

XXI

דער אלצער קאמערדיענער איז געזעסען און האט זיך צוגעהערט דרעמלענדיג, ווי דער פירסט האט געשנארעט אין גרויסען קאבינעט. דורך די פערמאכטע טהירען פון א וויטען צימער האבען דערגרייכט די קלאנגען פון א סאנאטע.

אין דער צייט איז צום גאנעק צוגעפאהרען א קארעטע און א וועגעל. פון דער קארעטע איז ארויסגעשטיגען פירסט אנדריי און האט געהאלפען ארויסשטייגען זיין קליינע פרוי און געלאזט איהר געהען פאראויס. דער אלטער קאמעדינער טיכאן האט זיך ארויסגערוקט פון פארצימער און געמעלדעט, שעפטשענדיג, אז דער פירסט שלאפט און האט געשווינד פערמאכט די טהיר. טיכאן האט געוואוסט, אז קיין אונגעוואוינליכע ערשיינונג האט ניט ביכלות צו ענדערן די ארדנונג וואס איז איינגעפיהרט אין הויז. פירסט אנדריי האט עס אזוי גוט גע־וואוסט, ווי טיכאן; ער האט א קוק געטאן אויף'ן זייגער, ווי וועלענדיג זיך אי־בערצייגען, צו דעם פאטער'ס געוואהנהייטען האבען זיך ניט געענדערט אונטער דער צייט, וואס ער האט איהם ניט געזעהען און איבערצייגענדיג זיך, אז די רגילות זיינען געבליעבען די זעלבינע, האט ער זיך געווענדעט צום ווייב:

— אין צוואנציג מינוט ארום וועט ער זיין אויף. לאמיר דערווייל געהען צו דער שוועסטער.

די קליינע פירסטין ליזא איז פולער געווארען פאר די לעצטע צייט, נאר די אויגען און די אויבערסטע לופ מיט די שווארצע הערעלאך האבען זיך אויפגע־הויבען אזוי פרעהלעך און מילד ווי א מאל.

— דאס איז דאך א פאלאץ, האט זי געזאגט און האט א שמייכעל געטהאן צום מאן, צו טיכאנען און צו א צווייטען דיענער וואס זיינען געגאנגען בעגלייטען זיי.

פון א זייטען טהיר פאר'ן צימער, פון וואנען עס האט זיך געהערט מאריעס שפילען, איז ארויסגעשפרונגען מאמזעל בוריען און זי האט געשיינט צו זיין אויסער זיך פאר שמחה.

— אח, וואס פאר א פרייד דאס וועט זיין פאר מאריע. איך וועל איהר לויפען אנזאגען.

— ניין, ניין, מען דארף נים, האט פירסטין ליזא געענטפערט, קושענדיג זיך מיט איהר. איהר זיים מאמזעל בוריען. איך ווייס אייך שוין פון דער פריינדשאפט, וואס מיין שוועגערין פיהלט צו אייך.

זיי זיינען צוגעגאנגען צום צימער, וואו מאריע איז געזעסען און האט געשפילט.

פירסט אנדריי האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט אָנגערוקט דיא ברעמען, וויא ערוואַרטענדיג עפּעס אונאַנגענעהמעס.

דיא פירסטען ליזא האָט געעפענט דיא טהיר און איז אריין. דאָס שפּילען האָט זיך פּלוצים איבערגעריסען. עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי, מאַריעס שווערע טריט און די קלאַנגען פון קוסען. ווען פירסט אנדריי איז אריינגעקומען האָבען זיך ליזא און מאַריע, וואָס האָבען זיך נאָר געזעהן אַ מאָל אויף אנדריי׳ס חתונה געהאַלטען ארומגענומען מיט דיא הענד און צוגעפּרעסט זיך מיט די ליפּען צו יענע ערטער, וואו זיי זיינען אין דער ערסטער סעקונדע געפאַלען. מאַמזעל בוריען איז געשטאַנען נעבען זיי, די הענד צוגעפּרעסט צום הארצען, מיט אַ פרומען שמייבעל און איז געווען גרייט פערנאַנדערלאַכען זיך אָדער צו וויינען זיך. פירסט אנדריי האָט אַ ציה געטהאָן מיט דיא אַקסלען אין האָט זיך אַ קרים געטהאָן וויא עס גיט זיך אַ קרים אַ ליעבהאָבער פון מוזיק, ווען ער הערחערט אַ פאַלשע סאָנאַטע. ביידע פרויען האָבען אָבגעלאָזט איינע דיא צווייטע; און דערנאָך האָבען זיי זיך ווידער אָנגעכאַפּט פאַר דיא הענד, וויא מורא האָבענדיג, אַז זיי זאָלען ניט פערזאַמען, און גענומען זיך קוסען, און דערנאָך ווייטער אָבגעלאָזט די הענד און ווייטער געקוסט זיך און דערנאָך נאָר אונערוואַרטעט האָבען זיי זיך צואווײנט און ווייטער גענומען זיך קוסען. מאַמזעל בוריען האָט זיך אויך צוואויינט. פירסט אנדריי האָט זיך געפיהלט אונבעקוועם. נאָר דיא 2 פרויען האָבען זיך געפיהלט גאַנץ נאַטירליך, וויא זייער בעגעגניס האָט גאָר אַנדערש ניט געקענט זיין.

— אַך, מיין ליעבע!.... אַך מאַריע!... האָבען ביידע פרויענצימער אָנגעהויבען פּלוצים צו ריידען און האָבען זיך צולאַכט. האָט איהר אונז גאָר ניט ערוואַרטעט!... אַך, מאַריע, איהר זייט אַראָב פון געזיכט.

— און איהר זייט אַזוי פול געוואָרען... אַך, אנדריי, איך האָב דיך גאָר ניט בעמערקט.

אנדריי האָט זיך צוקוסט מיט דער שוועסטער און האָט איהר געזאָגט, אַז זיא איז נאָך אַזאַ קלאָג-מוטער וויא זיא איז אַלע מאָל געווען. זיא האָט אויף איהם געקוקט מיט אַ ליעבען מילדען און וואַרעמען בליק. די פירסטין ליזא האָט ניט אויפגעהערט צו ריידען. זיא האָט דערציילט, וויא זיי האָט שיער ניט געטראָפען אַ׳ן אונגליק אויפ׳ן וועג, און אין דער זעלבער מינוט האָט זיא דערציילט, אַז אַלע איהרע קליידער האָט זיא איבערגעלאָזט אין פּעטערבורג און זיא וויים ניט אין וואָס זיא וועט דאָ געהן, און אַז פאַר מאַרי׳ן איז פאַראַן אַ חתן, נאָר ווענען

דעם ווען מען ריידען שפעטער.

— און דוא נעהסט טאקע אין קריעג? האט זיך דיא שוועסטער געווענדעט צו אנדריי מיט א זיפץ. ליזא האט אויך א זיפץ געטהאן.

— זאגאר מארגען, האט אנדריי געענטפערט.

—ערווארפט מיך דא אוועק און איך וויים ניט פאר וואס, ער האט זיך איצט געקענט דעררייענען צו א העבערע שטעלע.

מאריע האט ניט געהערט וואס די שוועגערין רעדט, זיא האט אויף איהר גע־קוקט מיט ליעבענדע אויגען און ווייזענדיג אויף איהר בויך האט זיא געפרעגט:

— זיכער?

— יא, האט ליזא געענטפערט. אח, וויא שרעקליך דאס איז.

ליזא'ס ליפ האט זיך אראבגעלאזט, זיא האט צוגערוקט איהר געזיכט צו מארים און האט זיך צוואויינט.

— זיא דארף זיך אברוהען, האט אנדריי געזאגט מיט איין אונצופריעדענע מינע. פיהר איהר אריין צו זיך, און איך וועל געהן צום פאטער. איז ער נאך אלץ דער זעלבער?

— דער זעלבער, דער זעלבער, האט מאריע געענטפערט פריילייך, נאר איך וויים ניט, וויא דו וועסט איהם געפינען

— דיא זעלבע שטונדען און דיא זעלבע שפאציער-גאנגע אין דיא אלעען? דער זעלבער ווארסטאט? האט אנדריי געפרעגט מיט א שמייכעל וואס מען האט קוים גע־קענט בעמערקען, און וואס האט געוויעזען, אז ניט קוקענדיג אויף זיין ליעבע און אכטונג צום פאטער, וויים ער אבער זיינע שוואכקייטען.

—די זעלבע שטונדען און דער ווארסטאט, אויך מאטהעמאטיק און מיינע לעק־ציאנען אין געאמעטריע, האט מאריע געענטפערט פרייליך, גראדע וויא די לעקציאנען פון געאמעטריע וואלטען פאר איהר געווען דיא פרייליכסטע איינדריקע אין איהר לעבען.

ווען דיא צוואנציג מינוט, וואס דער אלטער פירסט האט נעהאט צו שלאפען זיינען אריבער, איז טיכאן אריינגעקומען רופען דעם יונגען פירסט צום פאטער. לכבוד דעם זוהנ'ס קומען האט ער געמאכט איין אויסנאחמע: ער האט געהייסען אריינלא־זען דעם זוהן, וועהרענד ער האט זיך איבערגעטהאן צום מיטאג.

— א, מיין סאלדאט! ווילסט ניין שלאגען באנאפארטען? האט דער אלטער פירסט געזאגט און האט א טרייסעל געטאן מיט זיין אנגעפורעמטע קאפ, וועהרענד

טיכאן האט איהם פערפלאכטען דיא האר, וויא דאמאלס איז געווען דיא מאדע

— נאר נעהם זיך צו איהם גוט, האט ער ווייטער געזאגט, אז ניט וועט ער נאך אונז אויך מאכען פאר זיינע אונטערטאנען. וואס מאכסטו? און מיט דיא ווערטער האט ער איהם אונטערגעשטעלט זיין באק.

דער אלטער פירסט האט זיך געפיהלט זעהר גוט נאכ'ן פאר-מיטאג-שלאף (נאך מיטאג איז דער שלאף זילבער און פאר מיטאג — גאלד, פלעגט ער זאגען) אנדריי איז צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם א קוש געטאן אין באק וואו ער האט איהם אנגעוויזען. וועגען באנאפארטע האט ער איהם גאר ניט געענטפערט, ווייל איהם איז ניט געווען געפעלען, וואס דער פאטער מאכט חוזק פון דיא איצטיגע סאלדאטען און איבערהויפט פון נאפאלעאנען.

— יא, איך בין צו אייך געקומען מיט א טראגעדיגע פרוי האט פירסט אנדריי געזאגט, נאכקוקענדיג יעדע מינע פון פאטער. וואס מאכט איהר?

— קראנק זיינען נאר, ברודער, נאראנים און אויסגעלאסענע: איך בין אבער בעשעפטיגט פון פריה ביז אבענד, לעב איינגעהאלטען און בין געזונד.

— א דאנק גאט, האט דער זוהן געענטפערט, שמייכלענדיג.

— גאט האט דא גאר ניט וואס צו טהאן. נו, איצט דערצעהלט, וואס פאר א נייע תורה אין דיא תכסיסי מלחמה האבען אייך דיא דייטשען אויסגעלערנט, אום איהר זאלט זיך קענען שלאגען מיט באנאפארטען?

— לאזט מיר קומען צו זיך, האט אנדריי געענטפערט מיט א שמייכעל. איך בין נאך ניט אויף אן ארט.

— דו זאגסט א ליגען, א ליגען, האט דער אלטער געזאגט און אנגעכאפט דעם זוהן פאר דער האנד. א הויז פאר דיין ווייב איז פארטיג. מאריע וועט איהר שוין ווייזען וואו און וועט מיט איהר אנפלוידערן א גאנצען וואגען. איך בין צופריעדען, וואס זיא איז געקומען. זעץ זיך און דערצעהל.

אנדריי האט פאר איהם גענומען אויסלעגען דעם פלאן פון דער מלחמה, פריהער ניט ווילענדיג און דערנאך האט ער זיך אליין אריינגעצויגען און גענומען ריידען ווארעמער. דער אלטער האט ניט ארויסגעוויזען קיין אינטערעס ביי דעם און וויא עס האט געשיינט האט ער ווייניג געהערט, און ווען אנדריי האט געענדיגט, האט דער אלטער איינגעזונגען מיט א פאלשען נגון אין פראנצויזיש: מאלברוק איז אוועק אין מלחמה און גאט ווייס, ווען ער וועט זיך צוריקקעהרען.

XXI,

צו דער בעשטימטער צייט איז דער אלטער פירסט אנגעפודערט און ראזירט אריינגעקומען אין עסס־צימער, וואו עס האבען אויף איהם געווארט די שנור, די טאכטער, מאמזעל בוריען און דער ארכיטעקטאר, וועלכער האט געגעסען מיט איהם ביי איין טיש, און וועלכער האט נאך זיין שטאנד קיין מאל ניט געקענט ערווארטען אזא עהרע. דער פירסט האט זעלטען צוגעלאזען צו זיין טיש זאגאר וויכטיגע בע־אמטע פון דער גובערניע און האט פון גלייכהייט ניט געהאלטען. ער האט אלעמען בעקוקט מיט זיינע פינקעלדיגע, שטרענגע אויגען און האט זיך אבגעשטעלט אויף גרעפין ליזא. די יונגע גרעפין האט געהאט דעם זעלבען געפיהל, וואס האפלייט האבען ווען דער קייזער בעוויזט זיך, דאס איז געווען א געפיהל פון שרעק און עהר־עפורכט. ער האט די גרעפין א גלעט געטאן איבער דעם קאפ און האט געזאגט:

— איך בין צופריעדען.

און אריינקוקענדיג איהר נאך א מאל שארף אין די אויגען, איז ער אבגעגאנגען און געזעצט זיך אויף זיין פלאץ ביים טיש. ליזא'ן האט ער געוויזען א פלאץ נע־בען זיך.

— הא־הא! האט ער געזאגט, ארומקוקענדיג איהר פיילעבדיגע טאליע. אביסעל צוגעאיילט, דאס איז ניט גוט!

ער האט זיך צולאכט מיט א טרוקענעם קאלטען און אונאנגענאהמען געלעכטער, וויא ער האט שטענדיג געלאכט בלויז מיט'ן מויל און ניט מיט די אויגען.

די קליינע גרעפין האט ניט געהערט, וואס ער רעדט אדער זיא האט ניט גע־וואלט הערען. זיא האט זיך געפיהלט עפעס נישט היימיש. נאר באלד האט זי זיך צורעדט און האט איבערגעבען אלע פאסטען פון פעטערבורג. נאר וואס מעהר זיא איז געווארען בעלעבט, איז דער פירסט געווארען אלץ שטרענגער און שטרענגער, און פלוצים האט ער זיך געווענדעט צום ארכיטעקטאר:

— וואס זאגט איהר, מיכאילא איוואניטש. אונזער באנאפארטע וועט כאפען א פסק. פירסט אנדריי האט מיר דערצעהלט, אז שרעקליך גרויסע ארמעען געהען אנק־געגען איהם. און איך מיט אייך האבען איהם גערעכענט נאר פאר א פוסטען מענש'ל!

דער ארכיטעקטאר האט אבסאלוט ניט געוואוסט, ווען ער האט דאס מיט איהם גערעדט וועגען באנאפארטען, נאר ער האט פערשטאנען, אז דער פירסט דארף דאס האבען אלס א פאררעדע צו זיין געשפרעך.

— ער איז ביי מיר א גרויסער קענער אין די תכסיסי מלחמה, האט דער אלטער

פירסט געזאָגט צו אנדרייען, אָנווייזענדיג דעם זוהן אויפ'ן ארכיטעקטאָר, און האָט ווידער פערפיהרט א געשפרעך וועגען קריעג, וועגען באָנאפּארטע, וועגען היינטיגע גענעראַלען און שטאאטס-לייט. דער אַלטער פירסט איז געווען איבערציינט, אז דיא היינטיגע גענעראלען זיינען ניט מעהר וויא איינגלאך און אז נאפּאָלעאָן איז א פראַנ־צויזיל א גאָר־נישט און זיינע ערפאָלגען האָט ער נאָר צו פערדאנקען דעם, וואָס מיר האָבען ניט מעהר קיין פּאָטעמקינס און סואוואָראָווס. אויסער דעם איז ער געווען איבערציינט, אז קיין קריעג איז גאָר ניט געווען אין אייראָפּא, אז עס קומט פּאָר עפּעס א קאָמעדיע און ווייטער גאָר נישט.

אנדריי האָט אויסגעהערט פריילעך, וויא דער פאָטער לאכט אָב פון היינטיגע מענשען און ענדליך האָט ער בעמערקט:

—וואָס פריהער איז געוועו, שיינט צו זיין גוט, ניט אמת? און דאָך איז דען סר וואָראָוו ניט אריינגעפאַלען אין א פּאסטקע, וואָס מאָרא האָט איהם אונטערגע־שטעלט?

— ווער האָט דאס דיר געזאָגט? האָט דער אַלטער פירסט אויסגעשריען או האָט א שליידער געטאָן א טעלער וועלכען טיכאָן האָט פלינק אונטערגעכאפּט. פירסט אנדריי! נאָר צוויי גרויסע מענער זיינען געוועו פרידריך און סואוואָראָוו — זיי האָבען געוואוסט, וויא צו פיה[ר]ן א קריעג. אָבער מאָרא? מאָרא וואָלט געווען געפאנגען, ווען סואוואראוו זאָל האָבען פרייע הענד, און ער האָט אָבער אויף זיינע הענד געהאט האָפס-קריעגס-וואורסט-שנאַפּס-ראטס. איהר וועט איצט געהן אין קריעג, וועט איהר אויסגעפינען וואס בעדייטען דיעזע האָפּס-קריעגס־וואורסט־ראטס! אז סואוואָראָוו האָט גאָר ניט געקענט מאכען, טאָ וואָס וועט קענען מיכאאיל קוטוזאָוו מאכען, ניין, ברודער, ענטוועדער זיי זיינען דארטען אַלע אראָב פון זינען אָדער איך בין פערריקט. באָנאפּאר טע איז געוואָרען א גרויסער קריעגס־פיהרער! הם....

— לאכט פיעל איהר ווילט, נאָר באָנאפּארטע איז א גרויסער קריעגס־פיהרער, האט אנדריי געענטפערט.

— מיכאיכא איוואניטש! האָט דער אלטער פירסט א געשריי געטאָן צום אר־כיטעקטאָר, וועלכער איז געווען בעשעפטיגט מיט'ן בראטען און האט געהאַפּט, אז מען האָט שוין אָן איהם פערגעסען. האָב איך אייך ניט געזאָגט, אז באנא־פּארטע איז א גרויסער טאקטיקער? מיין זוהן זאָגט אויך דאס זעלבע.

— געוויס, אייער עקסעלענץ, האָט דער ארכיטעקטאָר געענטפערט.

דער אלטער פירסט האט זיך צולאכט מיט זיין קאלטען געלעכטער. דערנאך האט ער גענומען אויסרעכענען אלע פעהלערען, וואס באנאפארטע האט געמאכט סיי אין זיינע מלחמות און סיי אלס שטאאטסמאן. אנדריי האט זיך צוגעהערט און האט נאר ניט געענטפערט. עס איז געווען קענטיג, אז וואס מען זאל איהם ניט ריידען, וועט מען זיין מיינונג ניט ענדערן. נאר געוואונדערט האט ער זיך, פון וואנען וויים ער דער אלטער מאן, וואס זיצט אזא צייט מיט יאהרען איינגעשפארט אין זיין דארף, דיא אלע איינצעלהייטען פון דיא פאליטישע אומשטענדען אין אייראפא.

— דו מיינסט, אז איך בין אלט און פערשטיי ניט, וואס עס טהוט זיך איצט אין דער וועלט, האט דער אלטער געענדיגט. איך שלאף ניט קיין נעכט איבער דעם. נו, זאג מיר איצט, וואו איז דיין גרויסער קריעגס-פיהרער? מיט וואס האט ער זיך אויסגעצייכענט?

— דאס וואלט געווען לאנג צו ריידען, האט אנדריי געענטפערט.

— געה צו דיין באנאפארטע, האט דער אלטער פירסט געזאגט און האט ווייטער אויסגעזונגען: „גאט וויים ווען ער וועט זיך צוריקקעהרען". ער האט א לאף געטאן און איז ארויס פון טיש.

דיא קליינע פירסטין האט גענומען איהר שוועגערין פאר דער האנד און ארייג־פיהרענדיג איהר אין א צווייטען צימער, האט צו זיא איהר געזאגט:

— וואס פאר א קלוגער מאן אייער פאטער איז. אפשר דערפאר האב איך פאר איהם מורא.

— אך, איהר ווייסט ניט, וויא גוט ער איז! האט מאריע געזאגט.

אנדריי איז מיט פערלעגטע הענד אהינטער געגאנגען אויף און אב איבערן צימער מיט ניכע טריט און האט פערטראכטערהייד געשאקעלט מיט'ן קאפ. צו איז איהם געווען שרעקליך צו געהען אויף מלחמה אדער אומעדיג איבערצולאזען זיין ווייב, איז שווער צו וויסען. עס איז זעהר מעגליך אז ביידע געפיהלען האבען זיך געשטויסען אין זיין הארצען. ער האט פלוצים דערהערט שווערע טריט און האט געשווינד בעפרייט זיינע הענד און צוגעהענדיג צום טיש, וואו ער האט פריהער איינגעפאקט די זאכען צום אבפאהרען, האט ער עפעס גענומען פערבינדען און האט אנגענומען א רוהיגען און קאלטען אויסדרוק. אין צימער איז אריין מאריע.

— מען האט מיר געזאגט, אז דוא האסט שוין געהייסען שפאנען, האט זיא גע־זאגט קוים אבכאפענדיג דעם אטהעם, און איך האב געוואלט ריידען מיט דיר אונ־

טער פיער אויגען. נאָט ווייסט, וויא לאַנג מיר וועלען דארפען זיין געשיידעט. דו ביזט דאָך ניט אין כעס, וואָס איך בין אריין צו דיר?

— זאָג מיר, מארי, וויא קומסטו אויס מיט'ן פאָטער. מיר שיינט, אז די לעצטע יאָהרען קומט דיר אויס איבערצוטראָגען פון איהם א סך.

— וויא קענסטו זאָגען אזא זאַך! דו האָסט א געוויסען שטאָלץ אין דיינע גע־דאנקען און דאָס איז א גרויסע זינד. קען מען דען אזוי ריידען וועגען א פאָטער? איך בין אזוי צופריעדען און גליקליך מיט איהם. איך וואָלט נאָר געוואונשען, אז איהר אלע זאָלט זיין אזוי גליקליך, וויא איך.

אנדריי האָט מיסטריאיש געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— איין זאַך נאָר איז מיר שווער, איך וויל דיר זאָגען דעם אמת, וואָס דער פאָטער איז ניט רעליגיעז. איך קען ניט פערשטעהן, וויא אזוי א מענש מיט אזא גרויסען שכל, וויא זיינער, קען זיך אזוי פערבלאָנדזשען און ניט זעהען וואָס איז קלאָר, ווי דער טאָג. נאָר די לעצטע צייט מאַכט ער שוין ניט אזוי פיעל חוזק וויא א מאָל, און דאָ איז פאראן א מאַנך, וועלכען ער האָט צוגעלאָזט צו זיך און מיט וועלכען ער האָט א לאַנגע צייט זיך אונטערגעהאלטען.

—נו, מיין פריינד, איך האָב מורא, אז איהר מיט אייער מאַנך שיסט אויס נאָר אומזיסט אייער פולווער, האָט אנדריי געזאָגט לאַבענד.

נאָך א קורצען שטילשווייגען האָט דיא שוועסטער געזאָגט צו אנדרייען:

— איך האָב צו דיר א גרויסע ביטע.

— וואָס, מיין פריינד.

— ניין, דוא פערשפרעך מיך פריהער, אז דו וועסט מיר מיין ביטע ניט אָבזאָ־גען. דאָס וועט דיר ניט קאָסטען קיין מיה און וועט דיר ניט פערשאפען קיין אומ־כבוד פאר מיר נאָר וועט דאָס זיין א טרייסט.

— ווען דאָס זאָל מיר זאגאר קאָסטען פיעל מיה.... האָט אנדריי געענטפערט.

— דוא קענסט דענקען וואָס דוא ווילסט! איך וויים, דוא ביזט אזא וויא דער פאָטער. נאָר טהו דאָס פאר מיר.... אונזער זיידע האָט איהם געטראָגען אין אלע מלחמות. זאָגסטו מיר צו?

— געוויס, נאָר וואָס איז דאָס?

אנדריי איך וועל דיר געבען א קליין היילינ בילד און דו פערשפרעך מיר, אז דו וועסט עס פון האלז ניט אראָבנעהמען. פערשפרעכסטו מיר?

—אויב עס וועגט ניט קיין צוויא פוד וועל איך דיר טאָן דאָס פערגנינגען, האָט

אנדריי געזאָגט, נאָר זעהענדיג, וויא זיין שוועסטערס געזיכט איז געוואָרען טרויעריג פון דעם שפּאַס, האָט ער באַלד חרטה געהאָט און געזאָגט : איך בין זעהר צופרידען, זעהר צופרידען.

— נעגען דיין ווילען וועט ער דיך רעטען און וועט דיך ווענדען צו זיך, ווייל אין איהם אליין איז די וואהרהייט און רוה, האָט זיא געזאָגט מיט א ציטערדיג קול. זיא האָט ארויסגענומען פון איהר האנד-בייטעלע א קליין בילד, האָט עס א קוש געטאָן און דערלאַנגט דעם ברודער.

— איך בעט דיך, טהו עס מיר צוליעב....

אנדריי האָט געוואָלט נעהמען דאָס בילד, נאָר זיא האָט איהם אָבגעהאַלטען. אנדריי האָט פערשטאַנען, האָט זיך איבערגעצלם'ט און א קוש געטאָן דאָס בילד. זיין געזיכט איז געווען צערטליך און שפּעטיש.

— איצט קום צו ליזאַ'ן. מען דארף זיך געזעגענען האָט ער געזאָגט. אָדער גערה דו בעסער אַליין און אויב זיא שלאָפט וועק איהר אויף.

ווען דיא שוועסטער איז ארויסגעגאַנגען, האט ער זיך געווענדעט צום דיענער און געזאָגט איהם וואָס און וויא ער זאָל זיינע זאַכען איינפּאַקען. דערנאָך איז ער אוועק צו זיין שוועסטער אין צימער. אין קאָרידאָר האָט ער זיך אָנגעשטויסען אָן מאַמזעל בוריען און דאָס איז שוין געווען דאָס דריטע מאָל אין דיזען טאָג וואָס זיא איז צו איהם ארויסגעקומען אין איינזאַמע דורכגענגע און האָט געשמייכעלט צו איהם נאַאיוו.

— אַך, איך האָב גערענקט, אַז איהר זייט ביי זיך, האָט זיא געזאָגט און האָט אַראָבגעלאָזט דיא אויגען.

אנדריי האָט אויף איהר א בייזען קוק געטאָן. ער האָט קיין זאַך ניט געזאָגט, ער האָט נאָר א קוק געטאָן אויף איהר שטערן מיט אזא פעראַכטונג, אַז זיא איז רויט געוואָרן און איז אוועקגעגאַנגען.

ווען ער איז אריין אין די שוועסטער'ס צימער, האָט ער געטראָפען ליזע'ן, וויא זיא האָט גערעדט מיט חשק און געלאַכט. ער איז צו איהר צוגעגאַנגען, האָט איהר א גלעט געטהאָן איבער'ן קאָפּ און געפרעגט, צו זיא האָט זיך אָבגערוהט פון דעם וועג. זיא האָט איהם געענטפערט און האָט פאָרטגעזעצט איהר שמועס.

א איינגעשפּאַנטע קארעטע מיט זעקס פערד איז שוין געשטאַנען ביים אריינגאַנג. אין דרויסען איז געוועזען א פינסטערע נאַכט. אויף'ן גאַנעק האָבען זיך מענ-

שען ארומגעדרייט מיט לאנטערנעס. די פענסטער פון דעם גרויסען הויז זיינען געווען באלויכטען. אין פארצימער האבען זיך פערזאמעלט די דיענער פון הויף, אום צו זעגעגען זיך מיט'ן יונגען פירסט. און זאאל האבען זיך פערקליעבען אלע שטובינגע: דער ארכיטעקטאר, מאמזעל בוריען, מאריע און דיא פירסטין ליזא. דער אלטער פירסט האט געשיקט רופען אנדרייען אום צו זעגענען זיך מיט איהם אונטער פיער אויגען. איצט האבען אלע געווארט ביז זיי וועלען ארויסקומען.

ווען פירסט אנדריי איז אריין אין קאבינעט, איז דער אלטער פירסט געזעסען פאר'ן טיש אין א ווייסען כאלאט מיט ברילען, וואס אלטע לייט טראגען, און האט געשריעבען. ביים זוהן'ס אריינקומען האט ער זיך אומגעקוקט....

— דוא פאהרסט? האט ער געפרעגט און האט ווייטער געשריעבען.

— איך בין געקומען זעגענען זיך.

— קום דיא — האט ער געוויזען דיא באק — איך דאנק דיך, איך דאנק דיך.

— פאר וואס דאנקסט איהר מיך?

— פאר וואס די ביזט פינקטליך און האלטסט זיך ניט אן ווייבערשע קליידלאך. דיענסט איז פריהער פון אלץ. און ער האט פארטגעזעצט זיין שרייבען אזוי, אז דיא פעדער האט געשפריצט. אויב דו האסט עפעס צו זאגען — זאג. איך קען שרייבען און הערען.

— וועגען אייך.. . מיר איז אזוי אויך מיאוס, וואס איך לאז איהר אייך איבער אויף דיא הענד....

— מאך ניט אזעלכע שטיק! רייד וואס דו דארפסט.

— ווען מיין פרוי וועט זיין אויף דער צייט, שיקט אין מאסקווע נאך אן אקושער... זאל ער זיין ביים האבען.

דער אלטער פירסט האט זיך אבגעשטעלט אין שרייבען און האט אויסגעשטעלט זיינע שטרענגע אויגען אויפ'ן זוהן, וויא ער וואלט ניט פערשטאנען וואס ער מיינט.

— איך וויים, אז קיינער קען ניט העלפען, ווען דיא נאטור אליין העלפט ניט, האט געזאגט פירסט אנדריי אין פערלעגענהייט. איך גיב צו אז פון א מיליאן פעלע איז נאר איינער אן אונגליקליכער, נאר דאס איז איהר פאנטאזיע און מיינע. מען האט איהר אנגעשראקען און זיא האט מורא.

— הם.... הם ... האט דער אלטער פירסט א מורמעל געטאן אונטער דער נאז, שרייבענדיג ווייטער. איך וועל שיקען. ער האט אונטערגעשריעבען זיין אונטער-

שריפט און האָט זיך פּלוצים א קעהר געטאָן צום זוהן און זיך צולאכט. ניט גוט, הא?

— וואָס איז ניט גוט, פּאָטער?

— א ווייב! האָט דער אלטער פירסט געענטפערט קורץ.

— איך פערשטעה ניט, האָט אנדריי געזאָגט.

— נאָר פערפאלען, מיין פריינד. זיי זיינען אלע אזעלכע און שיידען זיך סען מען ניט. נאָר האָב קיין מורא ניט, איך וועל קיינעם ניט זאָגען, און דו אליין ווייסט גאנץ גוט.

ער האָט איהם אָנגעכאַפּט פאר דער האנד, האָט איהם אריינגעקוקט גלייך אין געזיכט מיט זיינע שארפע אויגען, וואָס האָבען, וויא עס האָט אויסגעוויזען, געקענט זעהן א מענשען דורך און דורך, און האָט זיך ווידער צולאכט מיט זיין קאלטען גע-לעכטער.

אנדריי האָט א זיפץ געטאָן, געשטעהענדיג מיט דעם זיפץ, אז דער פּאָטער האָט איהם פערשטאנען. דער אלטער האָט צונויפגעלייגט געשווינד דעם בריעף, האָט איהם אין דער גיך פער'חתמ'עט, זאָגענדיג:

— וואָס קען מען טהאָן? זיא איז שעהן! דו זיי רוהיג, איך וועל טהאָן אלץ.

אנדריי האָט געשוויגען. איהם איז געווען אי אנגענעהם אי אונאנגענעהם, וואָס דער פּאָטער האָט איהם פערשטאנען. דער אלטער האָט זיך אויפגעהויבען און האָט איהם דערלאנגט דעם בריעף.

— הער, האָט ער געזאָגט, וועגען דיין ווייב זאָלסטו ניט זאָרגען. וואָס מען קען נאָר טאָן, וועט ווערן געטאָן. איצט הער, דעם בריף גיב אָב מיכאילא אילאריאָנאָ-וויטש'ן (קוטוזאָוו). איך שרייב איהם, אז ער זאָל דיך ברויכען אין גוטע ערטער און זאָל דיך לאנג ניט האלטען פאר א'ן אדיוטאנט: א נגיאוסע אמט! זאָג איהם אז איך געדענק איהם און האָב איהם ליעב. דו זאָלסט מיר שרייבען וויא ער וועט דיך צונעהמען. וועט ער זיין גוט, וועסטו דיענען. ניקאָלאי אנדרייאיטש באלקאנסקי'ס זוהן וועט ביי קיינעם ניט דיענען אוים מיטלייד. איצט קום אהער.

ער האָט גערעדט אזוי גיך, אז דיא ווערטער זיינען ארוים ניט געענדיגט, נאָר דער זוהן איז שוין געווען געוואָהנט צו פערשטעהען זיין שפּראך. ער האָט דעם זוהן צוגעפיהרט צו א ביורא, ארויסגעצויגען א שופלאַד און ארויסגענומען א העפט, וואָס איז געווען פערשריבען מיט זיין האנדשריפט.

— איך וועל מסתמא שטארבען פאר דיר. זיי זשע וויסען, אז דא זיינען מיינע כתבים, און נאך מיין טוידט גיב זיי איבער דעם קייזער. ווייטער, איז דא א בילעט פון א לייה־באנק און א בריעף: דאס איז א פרעמיע פאר יענעם, וועלכער וועט אנשרייבען די געשיכטע פון סואוואראווס מלחמות. דאס זאל מען איבערשיקען אין דער אקאדעמיע. דא זיינען מיינע נאטיצען, נאך מיין טוידט לעז זיי דורך, זיי וועלען דיר בריינגען נוצען.

אנדריי האט ניט געזאגט, אז װאהרשיינליך וועט ער, דער פאטער, נאך לעבען לאנג. ער האט פערשטאנען, אז דאס דארף מען ניט זאגען.

— איך וועל טאן אלץ, וואס דו הייסט, האט ער געזאגט.

— איצט פאהר געזונד! ער האט געלאזט דעם זוהן, ער זאל איהם א קוש טהאן אין האנד און האט איהם ארומגענומען. — געדיינק איין זאך, פירסט אנדריי, אויב מען וועט דיך דער׳הרג׳ענען, וועט מיר, דיין אלטען פאטער, זיין וויה . . . ער איז אונערוואַרטעט אנשווייגען געווארען און פלוצים האט ער מיט א שרייענדען קול פארטגעזעצט: — און ווען אבער איך וועל אויסגעפינען, אז דוא האסט זיך אויפגעפיהרט ניט וויא ניקאלאי באלקאנסקי׳ס א זוהן, וועט מיר זיין... מיאוס.

דאס לעצטע ווארט האט ער אויסגעשריען מיט א בייזען קול.

— דערפאר האט איהר ניט בעדארפט מורא האבען, האט אנדריי געענטפערט מיט א שמייכעל.

דער אלטער איז געבליבען שטיל.

— איך האב אייך געוואלט בעטען נאך עפעס, האט אנדריי געזאגט, אויב מען וועט מיך דער׳הרג׳ענען און אויב מיין ווייב וועט האבען א זוהן, זאלט איהר איהם פון זיך ניט אבלאזען. איך פערלאנג, אז ער זאל זיך ערציהען ביי אייך.

— און דעם ווייב ניט געבען? האט דער אלטער געזאגט און זיך צולאכט.

זיי זיינען געשטאנען שטיל איינער קעגען דעם אנדערן. דעם אלטען׳ס ריהרענדיגע אויגען זיינען געווען אויסגעשטעלט גלייך אין דעם זוהן׳ס אויגען. און דער אונטערסטער העלפט פון דעם אלטען׳ס געזיכט האט עפעס א ציטער געטאן.

— געזעגענט—גיעה! האט ער פלוצים א געשריי געטהאן מיט א הויכען און בייזען קול. עפענדיג דיא טהיר פון דעם קאבינעט.

— וואס, וואס איז געשעהן? האט געפרעגט ליזא און מאריע, דערזעהענדיג אנדרייען און די פיגור פון דעם אלטען פירסט אין א ווייסען כאלאט, אהן א פארוק, און

ספעקולע, וואס האט זיך אויף א מינוט געוויזען אין טהיר און געשריען מיט א בי־זען קול.

פירסט אנדריי האט זיך אבגעזיפצעט און גאר ניט געענטפערט.

— נו, האט ער געזאגט ווענדענדיג זיך צום ווייב און דאס האט אזוי גוט, ווי א געהייסען: איצט ווייזט אייערע שטיק.

— וואס? שוין! האט די קליינע פירסטין געזאגט, ווערענדיג בלייך און קר־קענדיג מיט שרעק אויף׳ן מאן.

ער האט איהר ארומגענומען און זי האט ארויסגעלאזט א געשריי און איז מאבט־לאז ארויסגעפאלען אויף זיין אקסעל.

ער האט פארזיכטיג אבגעווענדעט זיין אקסעל, האט אריינגעקוקט אין געזיכט און בעהוטזאם אריינגעזעצט אין פאטעל.

— זיי געזונד, מאשא, האט ער געזאגט שטיל צו דער שוועסטער און האט זיך מיט איהר צוקוסט האנד אין האנד און איז מיט שנעלע טריט ארויס פון צימער.

בתריען איז געשטאנען א זייט און האט געווישט די אויגען, מאריע האט געקוקט אויף דער טהיר, פון וואנען אנדריי איז ארויסגעגאנגען און האט זיך גע׳צלמט. די טהיר פון קאבינעט האט זיך געעפענט גלייך נאך אנדריי׳ס ארויסגעהען, און דער אלטער האט זיך געוויזען.

— אוועקגעפאהרען? האט ער געפרעגט. גוט!

ער האט א ווארף געטהאן א בייזען בליק אויף דער קליינער פירסטין וואס איז געלעגען אין פאטעל א גע׳חלש׳טע, האט א דריי געטהאן מיט׳ן קאפ און א האק געטהאן מיט דער טהיר.

צווייטער טהייל.

I.

אין אָקטאָבער 1805 האָבען זיך דיא רוסישע חיל נעפונען אין עסטרייך, אַרום דער פעסטונג בראַאונאַאו, און נאָך נייע פאָלקען זיינען אָנגעקומען פון רוסלאַנד. אין בראַאונאַאו, איז געשטאַנען דער אָבערפעלדהערר קוטוזאָוו.

דעם עלפטען אָקטאָבער איז אָנגעקומען א נייער פאָלק פעכאָטע און איז געבליבען שטעהן א האַלבע מייל פון שטאָט, ערוואַרטענדיג, אז קוטוזאָוו וועט זיי קומען בעקוקען.

נעכטען נאָך אין וועג האָט דער פאָלק בעקומען א בעפעהל, אז דער אָבערפעלדהערר וועט זעהען, וויא דער פאָלק וועט דורכגעהן. דער קאָמאַנדיר פון פאָלק האָט ניט נעוואוסט, וויא צו פערשטעהן דעם בעפעהל, צו זאָל דער פאָלק ערשיינען וויא ער נייט אין וועג אָדער אויסגעפוצט. און דער קאָמאַנדיר מיט זיינע ראַטגעבער האָבען בעשלאָסען, אז עס איז בעסער צו מאַכען א טיעפערע פערנייגונג איידער ניט דערנייגען זיך, און דיא סאָלדאַטען האָבען דיא גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען און נעפוצט זיך און אויסגעשטעלט זיך אין גלייכע צייַלען, וויא אָנגעצווינגענע סטרונעס.

דער קאָמאַנדיר פון פאָלק, א הויכער און ברייטער מאַן, איז מיט א גליקליכע מינע נעגאַנגען פאַר דיא צייַלען און האָט געקליבען נחת פון זיין פאָלק.

— אונזער פאָלק איז דוכט זיך ניט פון דיא ערגסטע? וואָס זאָגט איהר? האָט ער זיך געווענדעט צו א באַטאַליאָנעם קאָמאַנדיר.

אין דער מינוט האָבען זיך בעוויזען צוויי רייטער אויפ'ן וועג, וואָס האָט נעפיהרט פון שטאָדט. דאָס איז געוועזען אן אדיוטאַנט מיט א קאָזאַק.

דער אדיוטאַנט איז געשיקט געוואָרען פון דעם הויפט שטאַב צו בעשטעטינען, וואָס דער נעכטינער בעפעהל האָט געזאָגט ניט דייטליך, דאָס הייסט אז דער פאָלק זאָל ערשיינען פונקט וויא ער נייט אין שינעלען און אָהן שום הכנות.

א מיטגליעד פון האָף-קריעגס-ראַטה איז אָנגעקומען פון וויען צו קוטוזאָוו'ן מיט א פאָרשלאַג און פאָדערונג אז די רוסישע סאָלדאַטען זאָלען גיין וואָס גיכער און פער־

איינינען זיך מיט דער ארמיע פון דעם ערץ־הערצאָג פערדינאנד און מאַק ; קוטוזאָוו אָבער האָט נערעכענט, אז פאר איהם קוינט זיך ניט אזא פעראייניגונג און ער האָט געוואָלט ווייזען דעם עסטרייכישען גענעראל אין וואָס פאר א טרויעריגען צושטאנד דיא רוסישע סאָלדאטען געפינען זיך, אום דאָס זאָל איהם דיענען אלס איינע פון די אורזאכען פאר וואָס ער קען זיך ניט פעראייניגען, און אויף אזא אופן וואָס ערגער דער צושטאנד פון די סאָלדאטען זאָל זיך ווייזען, וואָלט איהם אלץ געווען אנגענעהמער. דער אדיוטאנט האָט ניט געוואוסט די איינצעלהייטען נאָר דעם בעפעהל האָט ער איבערגעגעבען פינקטליך.

דער קאָמאנדיר פון פאָלק האָט באלד געגעבען א בעפעהל, אז מען זאָל זיך אי־בערטאָן און אין א האַלבע שעה ארום איז דער פאָלק ווידער געווען אין אָרדנונג, נור אנשטאָט דעם וואָס פריהער האָבען דיא ציילען מענשען אויסגעזעהן שווארץ, האָבען זיי איצט אויסגעזעהען גרוי. דער קאָמאַנדיר פון פאָלק איז ארויסגעטראָטען פאָר־אויס און האָט בעקוקט פון דערווייטענס די סאָלדאטען.

— וואָס איז דאָס אזוינס ? וואָס איז דאָס ? האָט ער אויסגעשריען : דער קאָ־מאנדיר פון דער דריטער ראָטע !

— דער קאָמאנדיר פון דער דריטער ראָטע צום גענעראל ! דער קאָמאנדיר צום גענעראל, פון דריטער ראָטע צום קאָמאנדיר ! .... האָבען זיך געהערט קולות צווי־שען דיא ציילען, און ביז די שטימען האָבען דערגרייכט צו דער דריטער ראָטע, האָט מען שוין געשריען : „דער גענעראל צו דער דריטער ראָטע".

דער קאַפּיטאן פון דער דריטער ראָטע האָט זיך געלאָזט לויפען צום גענעראל און האָט אויסגעזעהען ווי א שילער, וואָס האָט ניט אויסגעלערנט זיין לעקציאָן, ווען דער לעהרער רופט איהם אויס. דער גענעראל האָט איהם בעקוקט פון קאָפּ ביז דיא פיס (דיא נאָז ביים קאַפּיטאן איז געווען רויט, וואָס האָט געוויזען, אז ער האָט ניט פיינד דעם טרונק).

—איהר וועט שוין באלד אייערע סאָלדאטען אָנטהאָן אין קליידלאַך ! האָט דער גענעראל אויסגעשריען. וואָס איז דאָס ? און ער האָט אָנגעוויזען אויף א סאָלדאט פון דער דריטער ראָטע וואָס האָט געטראָגען א בלויליכען שינעל וועהרענד אלע אַנ־דערע האָבען געטראָגען גרויע. איך וועל אייך ווייזען, וויא אָנצוטאָן סאָלדאטען אין קליידלאַך.

דער קאַפּטאן פון דער דריטע ראָטע האָט שטייפער צוגעדריקט זיינע צוויי פינ־גער צום ברישעק, וויא אין דעם וואָלט בעשטאנען זיין גאנצע רעטונג.

— וואס שווינט איהר? ווער איז דאס ביי אייך אנגעטאן אזוי וויא א וועגנער?

— אייער עקסעלענץ....

— נו, וואס „אייער עקסעלענץ"? אייער עקסעלענץ! אייער עקסעלענץ! און וואס אייער עקסעלענץ — ווייס קיינער נים.

—אייער עקסעלענץ, דאס איז דאלאכאוו, וואס איז אראבגעזועצט געוואָרן....

— וואס איז, מען האט איהם אראבגעזועצט פאר א פעלדמארשאל אדער פאר א סאלדאט? און אויב א סאלדאט דארף ער געהן, וויא אלע.

— אייער עקסעלענץ, איהר האט איהם אליין ערלויבט.

— ערלויבט? ערלויבט? אבער אלע מאל איז מיט אייך דיא זעלבע זאך, האט דער גענעראל געזאגט, ווערענדיג קיהלער. מען זאגט אייך עפעס, און איהר נעהמט און.... טהוט אן מענשען, וויא געהעריג איז.

דער גענעראל האט זיך געלאזט געהן צום פאלק און האט אויפ'ן וועג גע־ווכט צו וועמען נאך אויסצולאזען זיין כעס. צוגעהענדיג צו דער דריטער ראטע, האט ער א געשריי געטהאן:

— וויא שטעהסטו? וואו איז דער פוס, דער פוס איז וואו?

דאלאכאוו האט לאנגזאם אויסגעגלייכט זיין אויסגעבויגענעם פוס און האט מיט זיין ליכטיגען און פרעכען בליק געקוקט גלייך דעם גענעראל אין דיא אויגען.

— פאר וואס עפעס א בלויער שינעל? אראב!.... פעלדפעבעל! טהוט איהם איבער דעם.

דער גענעראל האט אנגעהויבען צו זאגען א שיםפ־ווארט, נאר דאלאכאוו האט איהם איבערגעריסען.

— גענעראל, איך דארף פאלגען דיא בעפעהלע, אבער איך בין נים פערפפליכ־טעט אויסצוהערען....

— נים גערעדט! נים גערעדט! נים גערעדט! האט דער גענעראל געשריען.

— איך בין נים פערפליכטעט אויסצוהערען א בעליידיגונג, האט דאלאכאוו ארויסגערעדט הויך און שארף.

זייערע אויגען האבען זיך בעגעגענט. דער גענעראל איז אנשווייגען געווארען און אבגעהענדיג האט ער געזאגט:

— איך בעט אייך, טהוט זיך איבער.

II.

— ער פאהרט! האט אויסגעשריען דער סיגנאל־געבער.

דער קאָמאנדיר פון פאָלק איז צוגעלאָפען צו זיין פערד, האָט מיט ציטערנדע הענד אָנגענומען זיך פאר'ן זאָטעל און געזעצט זיך רייטענדיג. דער פאָלק האָט זיך א צאפעל געטהאָן און איז וויא פערשטאָרבע.

— ררר־ו־היג! האָט דער קאָמאנדיר פון פאָלק אויסגעשריען.

איבער'ן ברייטען וועג, וואָס איז געוועזן אויסגעזעצט מיט בוימער איז ניך געפאָרען א חויכע קארעטע. צוזאמען מיט קוטוזאָוו'ן איז געזעסען דער עסטרייכישער גענעראל אין א ווייסען ראָק. פון הינטען האָט געריטען דיא גאנצע סוויטע. דיא קאָרעטע איז געבליבען שטעהן ביים פאָלק.

קוטוזאָוו איז ארויסגעשטיגען פון דער קארעטע מיט'ן ווייסען גענעראל און בעגריסענדיג דיא סאָלדאטען, האָט ער זיך געלאָזט געהען צווישען דיא צייכען און דער קאָמאנדיר פון פאָלק איז איהם נאָכגעשפרונגען און האָט זיך אויסגעצויגען ביי יעדען וואָרט אָדער בעוועגונג, וואָס דער אויבערפעלדהערר קוטוזאָוו האָט געזאָגט אָדער געמאכט.

קוטוזאָוו איז געגאנגען לאנגזאם און פויל און האָט זיך דאָ און דאָרטען אָבגעשטעלט נעבען אן אָפיציער, וועלכען ער האָט געדענקט נאָך פון דעם טערקישען קריג. פון הינטען זיינען געגאנגען א מענשען צוואנציג פון דער סוויטע. נעהנטער פון אלעמען איז געגאנגען דער אדיוטאנט פירסט אנדריי. נעבען איהם איז געגאנגען זיין פריינד נעסוויצקי. נעבען נעסוויצקי'ן איז געגאנגען אן אָפיציר פון דיא הוזארען. דיעזער אָפיציער האָט דיא אויגען ניט אראָבגענומען פון דעם רוקען פון דעם קאָמאנדיר פון פאָלק און וואָס פאר א בעוועגונג יענער האָט געמאכט האָט דיעזער אָפיציר איהם אָכגע קרימט.

ווען קוטוזאָוו איז צוגעקומען צו דער דריטער ראָטע, האָט ער זיך פלוצים אָבגעשטעלט. דיא סוויטע האָט עס ניט פאָראויסגעזעהן און האָט זיך ניט ווילענדיג אָנגערוקט אויף איהם.

— א, טימאָכין! האָט קוטוזאָוו געזאָגט, דערקענענדיג דעם קאפיטאן פון דער דריטער ראָטע מיט זיין רויטע נאָז.

דער קאפיטאן איז שוין פריהער געשטאנען אויסגעצויגען, וויא א סטרונע, נאָר איצט ווען קוטוזאָוו האָט זיך צו איהם געווענדעט מיט דער פריינדליכער בעגריסונג האָט ער זיך אויסגעצויגען אזוי, אז דער אָבערפעלד הערר האָט איינגעזעהען, אז ווען ער לאָזט איהם שטעהן אזוי נאָך א קורצע ווייל, וועט ער ניט אויסהאלטען, און ער האָט זיך געשווינד אָבגעקעהרט פון איהם. איבער קוטוזאָווס אָנגעשוואָלענע און צר

קאלעטשעטע פון א וואגד געזיכט איז דורכגעלאָפען א לייכטער שמייכעל.

— נאָך א חבר פון דעם טערקישען קריעג האָט ער געזאָגט. א מוטהינער אָפיציער! ביזט מיט איהם צופרידען? האָט קוטחאָוו געפרעגט ביים קאָמאַנדיר פון פאָלק.

און דער קאָמאַנדיר פון פאָלק, אָבשפּילענדיג זיך אין דעם חוזארען - אָפי-ציער וויא אין א שפּיעגעל, האָט א ציטער געטאָן און פערלויפענדיג דעם וועג געענטפערט:

— זעהר צופריעדען, אייער האָהע-עקסעלענץ.

— יעדער האָט זיינע שוואכקייטען האָט קוטוזאָוו געזאָגט מיט א שמיי-כעל. ער האָט ניט פיינד געהאַט דעם טראָפּען.

דער קאָמאַנדיר פון פאָלק האָט זיך דערשראָקען: איז דאָס ניט זיין שולד? און ער האָט גאָר ניט געענטפערט.

דיא דריטע ראָטע איז געוועזען דיא לעצטע און אנדריי איז ארויסגעטראָטען פון דער סוויטע, און האָט שטיל געזאָגט צו קוטוזאָוו'ן:

— איהר האָט געהייסען, איך זאָל אייך דערמאָנען אין דעם אראָבגעזעצטען דאָלאָכאָוו'ן.

— וואו איז דאָ דאָלאָכאָוו? האָט קוטוזאָוו געפרעגט.

דאָלאָכאָוו האָט ניט געוואַרט, אז מען זאָל איהם ארויסרופען. ער איז ארויסגע-טראָטען פון פראָנט און איז צוגעגאַנגען צו קוטוזאָוו'ן.

— א קלאָגע? האָט קוטחאָוו געפרעגט מיט אָנגערוקטע ברעמען.

— דאָס איז דאָלאָכאָוו. האָט אנדריי געזאָגט.

— אה! האָט קוטחאָוו געזאָגט: איך האָף, אז דאָס וועט פאַר דיר זיין א גוטע לעהרע. דיען גוט. דער קייזער איז גנעדיג. און איך וועל דיך ניט פערגעסען אויב דו וועסט דיענען גוט.

— איך בעט נאָר איין זאַך, אייער האָהע עקסעלענץ, האָט דאָלאָכאָוו געזאָגט מיט זיין שטייפע שטימע און האָט געקוקט אזוי פרעך אויף קוטוזאָוו'ן וויא אויף דעם קאָמאַנדיר פון פאָלק. איך בעט נאָר צו געבען מיר דיא מעגליכקייט איך זאָל קענען פערגלעטען מיין זינד און דערוויזען דעם קייזער און מיין פאָטערלאַנד מיין איבערגעבענהייט.

קוטוזאָוו האָט זיך אָבגעווענדעט און אין זיינע אויגען האָט זיך געוויזען דער זעל-בער שמייכעל, וויא פריהער ווען ער האָט זיך אָבגעווענדעט פון דעם קאַפּיטאַן טר-

מאַכין, און האָט זיך געלאָזט געהן צו זיין קאַרעטע.

III.

צוריקקעהרענדיג פון דעם בעקוקען דיא סאַלדאַטען, איז קוטוזאָוו מיט דעם עסטרייכישען גענעראַל אריין צו זיך אין קאַבינעט און האָט געהייסען אנדרייען, ער זאָל אריינטראָגען געוויסע פאַפּיערען און דיא בריעף, וואָס זיינען אָנגעקומען פון דעם ערץ־הערצאָג פערדינאַנד. אנדריי האט דיא בריעף און דיא פאַפּיערען אריינגעטראָגען.

קוטוזאָוו האָט ערקלערט דעם עסטרייכישען גענעראַל, אז ער וואָלט מיט'ן גרעסטען פערגניגען איבערגעגעבען דיא רוסישע ארמיי אין די הענד פון אַ'ן עסטרייכישען גענעראַל, וואָס פערשטעהט מעהר צו פיהרען א מלחמה וויא ער, קוטוזאָוו, און וואָלט מיט דעם אראָבגעוואָרפען א שווערע פעראַנטוואָרטליכקייט פון זיך, נאָר דאָס איז ביי דיא איצטיגע אומשטענדען אונמעגליך. און ווידער, וויא די לעצטע נאַכריכטען ווייזען, האָט מאַק'ס ארמיע געהאלטען איצט א גרויסען זיעג, און זיי וועלען דעם שונא זיכער צושלאָגען.

דער עסטרייכישער גענעראַל האָט איהם געזוכט איבערצוציינען, אז עס איז בעסער צו זיין גרייט אויף אלץ און מען דאַרף שטענדיג אויסרעכענען אויף'ן ערגערן פאַל.

דערווייל האָט זיך קוטוזאָוו געווענדעט צו אנדרייען און האָט איהם געהייסען ער זאָל מאַכען א צעטעל און פערצייכנען דיא הויפּט נאַכריכטען, וואָס זיי האָבען בעקומען פון דער עסטרייכישער ארמיע.

פירסט אנדריי איז ארויסגעגאַנגען פון קאַבינעט מיט די פּאַפּירען און איז צוגעגאַנגען צום אדיוטאַנט קאזלאָווסקי, וואָס איז געווען היינט דעזשורנער און איז געזעסען מיט א בוך ביים פענסטער.

— נו, וואָס, פירסט? האָט קאזלאָווסקי געפרעגט.

— א בעפעהל צונויפשטעלען א צעטיל, פאר וואָס מיר געהען ניט פאָרווערטס.

— און פאר וואָס?

אנדריי האָט א ציה געטהאָן מיט דיא אַקסלען.

— און פון מאַק'ן ניטאָ קיינע נאַכריכטען? האט קאזלעווסקי געפרעגט.

— קיינע.

— אויב עס איז אמת, אז ער איז צושלאָגען, וואָלט שוין געווען א נאַכריכט.

— וואהרשיינליך, האט אנדריי געזאָגט און איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר.

ווען אנדריי איז צוגעגאנגען צו דער טהיר, האט זיך דיא טהיר א עפען געטהאן מיט א גערויש און אין עמפפאנגס-צימער איז אריין א הויכער עסטרייכישער גענע־ראל, וויא עס האט אויסגעוויזען, אקארטט געקומען פון וועג, אין א ראק, דער קאפ פערבונדען מיט א שווארץ טיכעל און מיט אן ארדען מאריא-טערעזא אויפ'ן האלז. אנדריי האט זיך אבגעשטעלט.

— גענעראל — אנשעף קוטוזאוו ? האט דער גענעראל ארויסגערעדט אין דער ניך מיט א שארפע דייטשע אויסשפראכע, ארומקוקענדיג זיך אין ביידע זייטען און ניט אבשטעלענדיג זיך האט ער זיך געלאזט געהען צו דער טהיר פון קאַ־בינעט.

קאזלאווסקי, דער דעזשורירענדער אדיוטאנט איז געשווינד צוגעלאפען צו דער טהיר און פערשטעלענדיג איהם דעם וועג, האט ער געזאגט :

— דער גענעראל-אנשעף איז פערנומען. וויא וועט איהר בעפעהלען צו מעלדען אייך ?

דער אונבעקאנטער גענעראל האט אבגעמאסטען מיט א פעראכטליכען בליק דעם אדיוטאנט, וויא וואונדערענדיג זיך, אז מען זאל איהם ניט קענען.

— דער גענעראל-אנשעף איז פערנומען, האט קאזלאווסקי ווידערהאלט רוהיג.

דעם גענעראל'ס געזיכט איז געווארען בייז, דיא ליפען האבען איהם א צופ גע־טהאן און אנגעהויבען צו ציטערן. ער האט ארויסגענומען א נאטיץ־ביכעל, האט עפעס אין דער גיך אנגעשריבען און דאס אויסגעריסענע בלעטיל האט ער דערלאנגט דעם אדיוטאנט. דערנאך איז ער געשווינד צוגעגאנגען צום פענסטער, האט זיך א ווארף געטהאן אויף א שטוהל און האט בעקוקט דיא אנוועזענדע אין צימער, וויא פרעגענדיג : וואס קוקען זיי אזוי אויף איהם ? דערנאך האט דער גענעראל אויפגעהויבען דעם קאפ, אויסגעצויגען דאס האלז, וויא ער וואלט זיך געקליבען עפעס צו זאגען, נאר ער האט ארויסגעלאזט א זעלטזאמען קלאנג און האט זיך איבערגעהאקט. דיא טהיר האט זיך געעפענט און אויפ'ן שוועל האט זיך בעוויזען קוטוזאוו. דער גענעראל מיט'ן פערבונדענען קאפ איז אנגעבויגען מיט גרויסע און שנעלע טריט צוגעגאנגען צו קוטוזאוו'ן.

— איהר זעהט דעם אונגליקליכען מאק, האט ער ארויסגערעדט מיט א צובראָ־כענעם קול אין פראנצויזיש.

קוטוזאוו'ס געזיכט איז עטליכע אויגענבליק געבליבען אונבעוועגט. דערנאך איז דורכגעלאפען איבער זיין געזיכט א קנייטש. ער האט אנגעבויגען דעם קאפ, פאר

מאכט דיא אויגען, שטיל דורכגעלאזט מאק'ן און האט אליין פערמאכט דיא טהיר.

אלזא איז דער קלאנג, וואס איז שוין פריהער ארומגעגאנגען, אז דיא עסטרייכישע ארמיע איז צושלאגען און האט זיך אונטערגעגעבען אין ריכטיג. אין א האלבע שטונדע ארום זיינען אלע אדיוטאנטען פערנאנדערגעשיקט געווארען מיט בעפעהלען, וואס האט געוויזען, אז דיא רוסישע סאלדאטען, וואס האבען נאך ביז איצט קיין אנטהייל ניט גענומען אין קריעג, וועלען אויך דארפען בעגעגענען זיך מיט'ן פיינד.

IV.

קוטוזאוו האט זיך צוריקגעצויגען נאך וויען, פערניכטענדיג הינטער זיך די בריקען אויף דיא טייכען איננ און טראאון. דעם 23טען אקטאבער זיינען דיא רוסישע חיל איבערגעגאנגען דורך דעם טייך ענס. דער טאג איז געווען א ווארימער פאר יעסען-צייט און א רעגענדיגער. אויף א בערגעל זיינען געווען אויסגעשטעלט דיא רוסישע קאנאנען צו בעשיצען דעם בריק, וועהרענד דיא רוסישע סאלדאטען זיינען איבערגע-גאנגען, און פון דאנען האט מען געקענט זעהן, ווען דער רעגען האט אויפגעהערט, דאס שטעדטעל וואס איז געלעגען אונטער דיא פיס מיט דיא ווייסע הייזער און רויטע דעכער.

צווישען די קאנאנען אויפ'ן בערגעל איז געשטאנען דער פארשטעהער פון דעם אריערגארד א גענעראל מיט א'ן אפיציער פון דער סוויטע און האבען דורך א רעהר בעקוקט דיא געגענד.

— א וי איז דאס, אזוי איז דאס, האט דער גענעראל געזאגט ביים אראבלאזענ-דיג דעם רעהר פון דיא אויגען און א ציה טהוענדיג מיט דיא אקסלען. א שיסעריי וועט ווערען, וועהרענד דער איבערפאהרט. און וואס געדויערט עס אזוי ביי אונזערע סאלדאטען אריבערצוגעהן דעם בריק?

מיט'ן געוואוינליכען אויג האט מען שוין געקענט זעהן פון דער צווייטער זייט דעם פיינד און זיין קאנאנענוואל, פון וואנען עס האט זיך געוויזען א מילך-ווייסער קליינער רויך. גלייך נאך דעם רויך האט זיך דערהערט א וויטער שאס און מען האט געזעהן, וויא דיא רוסישע סאלדאטען האבען אנגעהויבען צוצואיילען זיך ביי דער איבערפאהרט.

נעסוויצקי איז דא אויך געווען, איהם האט אהער געשיקט קוטוזאוו צו זעהען, וואס דא טהוט זיך. ער האט זיך אויפגעהויבען און איז מיט א שטייבעל צוגעגאנגען צום גענעראל.

— וועט אייער עקסעלענץ פיעלייכט עפּעס צובייסען? האָט ער געזאָגט.

— ניט גוט, ניט גוט, האָט דער גענעראַל געזאָגט, ניט ענטפערענדיג איהם, אונזערע האָבען זיך אביסעל פערשפּעטיגט.

— זאָל איך פיליכט אריבערפאָהרען אהין? האָט נעסוויצקי געזאָגט.

— יאָ, פאָהרט אריבער, איך בעט אייך, האָט דער גענעראַל געזאָגט, און זאָגט דאָרטען, אז דיא הוזארען זאָלען איבערגעהן דיא לעצטע און פערברענען הינטער זיך דעם בריק, וויא איך האָב שוין געגעבען מייז בעפעהל, אויך זאָל מען ארומקוקען דיא ברענבארע מאטעריאלען אויף דעם בריק.

— זעהר גוט, האָט נעסוויצקי געזאָגט.

ער האָט זיין שווערען קערפּער ארויפגעוואָרפען אויפ'ן פערד און האָט א רוף געטהאָן זיין קאזאק און האָט זיך אראָבגעלאָזט פון בארג.

— קאפּיטאַן, ניט זיך א ביסעל א שפּיעל פון לאנגווײלע, האָט זיך דער גענעראַל געווענדעט צום ארטילעריסט.

— צום געוועהר! האָט דער קאפּיטאן א קאָמאנדעווע געטהאָן און אין א מינוט ארום זיינען דיא ארטילעריסטען פרייליך צוגעלאָפען צו דיא קאנאָנען און האָבען גענומען אָנשטעלען.

— דאָס ערסטע! האָט זיך דערהערט א בעפעהל.

לעבעדיג איז אָפּגעשפּרונגען דיא ערשטע נומער. א גראנאט־קוגעל איז מיט א פייפעריי איבערגעלאָפען איבער אלעמענס קעפּ אונטען און האָט געפּלאצט ניט דערלויפענדיג צום פיינד.

ביי דיא סאָלדאטען און אָפיציערען זיין יינען דיא געזיכטער פרייליכער געוואָרן פון דעם קלאנג.

V.

איבער'ן בריק זיינען שוין דורכגעפלויגען צוויי קוגלען פון דעם פיינד'ס לאגער און אויפ'ן בריק איז געווען א שרעקליכע שטופּעניש. אין מיטען בריק איז נעסוויצקי אראָבגעקראָכען פון זיין פערד און איז געשטאנען צוגעשפּארט צו דיא פּארענצען. ער האָט לאכענדיג געקוקט אויף זיין קאָזאק, וועלכער איז געשטאנען עטליכע טריט פון איהם און האָט געהאלטען ביידע פערד. וויא נאָר נעסוויצקי האָט זיך געוואָלט א ריהר טאָן פאָרווערטס, האָבען ווידער דיא סאָלדאטען און דיא פוהרען א שפּאר געטאָן אויף איהם און צוגעדריקט איהם ווידער צו די פּארענצען און איהם איז נאָר געבליבען ווידער צו שמייכלען.

וואס פאר א מענש דו ביזט! האט דער קאזאק געזאגט צו א סאלדאט, וואס האט נעפיהרט א פוהר און וואס האט זיך געשטופט אויף דער פעבאטע, קענסט נים אבווארטען א ווייל! דו זעהסט דער נענעראל דארף דורכפאהרען.

נאר דער סאלדאט מיט דער פוהר האט זיך וויינינ געקימערט וועגען דעם נענע־ראל און האט געשריען אויף דיא סאלדאטען, וואס האבען איהם פערשטעלט דעם וועג:

— עי! ברידער! נעהמט זיך אראב לינקס! לאזט דורכפאהרען!

נאר דיא סאלדאטען זיינען געשטאנען צוגעקוועטשט איינער צום צווייטען און האבען זיך נים געריהרט וויא א'ן אויסגעגאסענע מאסע.

— ווען ער (דער פיינד) זאל זיך איצט נעהמען צילעווען צום בריק, האט גע־זאגט א'ן אלטער סאלדאט מיט א בייזען געזיכט, וועט מען אפילו פערגעסען צו קראצען זיך.

דיא גאנצע מאסע איז פלוצים געבליבען שטיין. ביי'ם סוף בריק האבען זיך די פערד מיט דיא וועגען פון רעגימענט איינגעהאקט איינער אין צווייטען און די גאנצע מעננע האט געדארפט ווארטען.

— וואס שטייען זיי דארטען? ניטא קיין ארדנונג. וואו שפארסטו? צום שווארץ יאהר! קענסט נים אבווארטען. ווען ער וועט דעם בריק אונטערצינדען וועט איהר האבען צו זינגען און צו זאגען.

— זעהט, אן אפיציער האט מען אויך צוגעשפארט, האט מען גערעדט פון אלע זייטען.

נעסוויצקי האט ארונטערגעקוקט אונטערן בריק אויפ'ן וואסער און ער האט פלוצים דערהערט אן אונבעקאנטען קלאנג, וואס איז געשווינד צוגעקומען נעהענ־טער... דער קלאנג איז געוועזען פון עפעס אונגעהייערעס און איז אריינגעזונ־קען אין וואסער.

— א־א, וויא ער ציעלט זיך, האט געזאגט א סאלדאט, ארומקוקענדיג זיך פון וואנען דער קלאנג איז געקומען.

— מען וויל אונז אנטרייבען, מיר זאלע געהן גיכער, האט א צווייטער געזאגט אונרוהיג. דיא מעננע האט זיך ווידער א ריהר געטאן. נעסוויצקי האט פערשטא־נען, אז דאס איז געוועזען א קויל פון א קאנאנע.

— עי, קאזאק, גיעב מיר מיין פערד! האט ער א געשריי געטהאן. מאכט מיר א וועג! א וועג!

ער האט זיך קוים דורכגעשטופט צו זיין פערד און ניט אויפהערענדיג צו שרייען האט ער זיך געלאזט רייטען פארוועדטס. דיא סאלדאטען האבען זיך צונויפגעדריקט אום צו מאכען פאר איהם א וועג, נור מען האט ווייטער גענומען שפארען אויף זיי און זיי אויף איהם.

— נעסוויצקי! נעסוויצקי! האט זיך דערהערט פון הינטען א הייזעריגער קול.

נעסוויצקי האט זיך ארומגעקוקט און האט דערזעהען דעם קאמאנדיר פון א'ן עסקוואדראן הוזארען, ראטמיסטער דעניסאוו.

— הייס זיי, דיא שדים, דיא שווארץ-יאהרען מאכען א וועג האט געשריען דע־ניסאוו.

דעניסאוו האט זיך געפונען אפופצעהן טריט פון איהם און צווישען זייביידע איז געשטאנען א לעבעדיגע וואנד.

— איך קען ניט דורכגעהען מיט מיין עסקאדראן האט דעניסאוו געשריען און האט מיט דיא שפארען געקלאפט זיין פערד. וואס איז דאס?

אזוי וויא שעפסען! וויא וואהרע שעפסען!.... מאכט א וועג!.... עי! דוא, שווארציאהר, מיט דעם פוהר שטעה! איך וועל דיך צו פיצלען מיט מיין שווערד! האט ער געשריען און האט ווירקליך ארויסגעכאפט זיין שווערד פון שייד.

דיא סאלדאטען מיט צושראקענע געזיכטער האבען זיך אבגעשפארט א הינטער און געמאכט א וועג פאר דעניסאוו'ן ביז ער איז צוגעקומען צו נעסוויצקי.

— וואס איז דאס, דו ביזט נאך היינט ניט שכור? האט נעסוויצקי געזאגט, ווען דעניסאוו איז צוגעקומען צו איהם.

— זיי האבען אפילו קיין צייט ניט געגעבען אנצושיכורן זיך, האט דעניסאוו געענטפערט. א גאנצען טאג שלעפט מען דעם פאלק ארום דא אהער, דא אהין. שלאגען זיך זאל זיין געשלאגען, אבער וואס איז דאס?

דעניסאוו האט א שמייכעל געטהאן, האט ארויסגענומען א טיכעל פון וואנען עס האט זיך געהערט א ריח פון פארפיומע און האט עס צוגעטראגען צו נעס־וויצקי'ן צו דער נאז.

— מען קען אנדערש ניט, מען געהט אין קאמפף! איך האב זיך אבגעראזירט, אויסגערייניגט דיא ציינער און בעשפריצט זיך מיט פארפיומע.

נעסוויצקי'ס פיינע פאסטאציע און דעניסאוו'ס ענטשלאסענהייט און געשרייען האבען אזוי פיעל געווירקט, אז זיי האבען זיך דורכגעשטופט דורך דיא סאלדאטען און האבען דערגרייכט דעם עק בריק. נעסוויצקי האט דא געטראפען דעם פאלקאור

ניק און האט איהם איבערגעגעבען דעם בעפעהל און איז אוועקגעפאהרען צוריק.

VI.

ענדליך זיינען דיא פוהרען אלע אריבער און דיא שטופענים איז געוואָרען קלע־נער. אויפ'ן בריק איז ארויף דער לעצטער באטאליאָן. פון יענער זייט בריק זיינען נאָר געבליבען דיא הוזארען פון דעניסאָוו'ס עסקאדראָן אנטקעגען דעם פיינד. פון בריק האט מען דעם פיינד נאָך ניט געקענט זעהען. נאָר פלוצים האבען זיך פון דערווייטענס אויף א העכערען אָרט בעוויזען סאָלדאטען אין בלויע שי־נעלען און אַרטילעריע. דאָס זיינען געווען פראַנצויזען. דיא קאזאקען וואָס האָ־בען זיך ראָ נאָך געפונען, זיינען געשווינד אוועק אונטערן בערגיל. דיא אָפיצירען און סאָלדאטען פון דעניסאָוו'ס עסקאדראָן האָבען געזוכט צו ריידען וועגען זייטיגע זאכען און קוקע אָן א זייט, נאָר אלע זייערע געדאנקען זיינען געווען פערנומען מיט דעם, וואָס טהוט זיך דאָרטען, וואו דער פיינד איז, און האָבען אלע ווילע א קוק געטהאָן אהין, פון וואנען דער פיינד איז אָנגעקומען. דאָס וועטער איז געוואָרען שעהן, דיא זון האָט זיך גענומען ארונטערלאָזען איבער דעם דונאי און דיא בערג, וואָס רינגלען ארום דעם טייך. עס איז געווען שטיל און פון יענעם בארג, וואו עס האָבען זיך געזעהן שווארצע פלעקען פון דעם פיינד האָט זיך געהערט א טרומיי־טערן און געשרייען. צווישען דעם עסקאדראָן און דעם פיינד איז שוין קיינער ניט געווען און האָבען זיך געפונען א דריי הונדערט קלאפטער איינער פון צווייטען. דער פיינד האָט אויפגעהערט צו שיסען און דאריבער האָט זיך נאָך מעהר געפיהלט יע־נער שטרענגער, שרעקליכער און אונערפאסבארער שטריך, וואָס טהיילט אָב צוויי פיינדליכע לאַגערן.

אויפ'ן בארג ביים פיינד האָט זיך בעוויזען א רויך פון א שאָס, און א קול איז פייפענדיג איבערגעפלויגען איבער דיא קעפ פון דעם עסקאדראָן הוזארען. דיא אָפי־ציערען, וואָס זיינען געשטאנען צוזאמען, זיינען זיך צו פאָהרען צו זייערע ערטער. דיא הוזארען האָבען גענומען אויסגלייכען די פערד און עס איז געוואָרען שטיל. אלע האָבען געקוקט פאָרווערטס אויפ'ן פיינד און אויף דעם קאָמאנדיר פון דעם עסקא־דראָן, ערוואַרטענדיג א בעפעהל. דערווייל איז דורכגעפלויגען א צווייטער און דריי־טער קויל. עס איז געווען ארויסצוזעהן, אז מען שיסט אויף דיא הוזארען, נאָר דיא קוילען זיינען פערפלויגען ווייטער. אלע הוזארען האָבען יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך דערהערט דער קלאנג פון אפליהענדען קויל, איינגעהאלטען דעם אָטהעם, אויפגעהויבען זיך אין זאָטעל און דערנאָך אראָבגעלאָזט זיך צוריק.

דיא סאָלדאַטען האָבען פון דער זייט ניט אָבווענדענדיג דעם קאָפּ געוואָרפען בליקען איינער אויפ'ן צווייטען אום צו זעהן וואָס פאר אַן איינדרוק דאָס מאכט אויף יענעם. אויף יעדענס געזיכט פון דעניסאָוו'ן ביז'ן מוזיקאנט האָט זיך בעוויזען ארום דיא ליפען און קינבאק א צורייצטקייט און עררעגונג. דער וואכמייסטער האָט בייז ארומגעקוקט דיא סאָלדאטען. גראף ראָסטאָוו האָט געהאט דאָס גליקליכע אויסזעהען פון א יונגען שילער, וועלכען מען רופט ארויס צום עקזאמען פאר א גרויסע פובליקום אין וועלכער איז זיכער, אז ער וועט זיך אויסצייכענען. ער האָט מיט העלע און ליכטיגע אויגען געקוקט אויף זיינע חברים, וויא ער וואָלט זיי וועלען בעטען, זיי זאָלען איהם שיינקען זייער אויפמערקזאמקייט און א קוק טהאָן, וויא ער שטייט רוהיג אונטער דיא קוילען. נאָר ניט קוקענדיג אויף דעם, האָט זיך געליינט ארום זיינע ליפען און קינבאק יענער אויסדרוק, וואָס איז געווען ביי יעדען איינעם.

דעניסאָוו מיט א בלאנקען שווערד אין האנד האָט דורכגעריטען פון איין זייט עסקאדראָן ביז'ן צווייטען און האָט א געשריי געטאָהן, אז אלע זאָלען דורכקוקען דיא פיסטאָלעטען. דער שטאב־ראָטמייסטער איז איהם לאנגזאם געפאָהרען אנטקעגען.

— צו קיין געשלעגן וועט ניט קומען, האָט ער געזאָגט, — דו וועסט זעהען, אז מיר וועלען זיך אומקעהרען צוריק.

— דער שווארץ־יאָהר ווייסט זיי, וואָס זיי טהוען! האָט דעניסאָוו א ברום געטהאָן. אַ! ראָסטאָוו! האָט ער א געשריי געטהאָן צום יונגען גראף ראָסטאָוו, דערזעהענדיג זיין פריילכע געזיכט. איצט האָט איהר זיך דערוואַרט!

דעניסאָוו האָט צו איהם צופריעדען א שמייכעל געטהאָן, פרייהענדיג זיך פאר'ן יונקער. ראָסטאָוו האָט זיך דערפיהלט פאָלשטענדיג גליקליך. אין דער צייט האָט זיך אויפ'ן בריק בעוויזען דער קאָמאנדיר פון פאָלק, קארל באָגדאנאָוויטש שובערט.

— אייער עקסעלענץ! ערלויבט אונז צו אטאקירען! איך וועל פון זיי מאכען א תל.

— וואָס פאר אטאקירען, האָט געזאָגט גענעראל שובערט, קנייטשענדיג זיך וויא פון א פליג וואָס דערעסט צופיעל. און פאר וואָס שטעהט איהר דאָ? פיהרט דעם עסקאדראָן צוריק.

דער עסקאדראָן איז איבערגענאנגען דעם בריק און איז ארויס פון אונטער דיא קוילען, ניט פערלירענדיג איין מענשען. גלייך נאָך זיי איז איבערגענאנגען דער צווייטער עסקאדראָן און די לעצטע קאָזאקען זיינען אויף אָבגעטראָטען און דארטען

איז מעהר קיינער נים פערבליבען.

דיביידע עסקאדראָנען פאוולאָגראַדצעס האָבען זיך צוריק געצויגען צום בערגיל. צוזאַמען מיט זיי געבען דעניסאָוו'ן האָט געריטען דער גענעראַל שובערט. דאָ איז צום גענעראַל צוגעפאָהרען זשערקאָוו דער זעלבער אָפיציער וואָס האָט זיך פריהער געפונען אין קוטוזאָוו'ס סוויטע און וואס האָט אזוי שיין גאָכגעקרימט יעדען איינעם. פון דאָרטען האט מען איהם ארויסגעטריבען און ער האט שוין געדיענט אין דיזען פאָלק אונטער שובערט'ן, נאָר אונטער דער צייט האט ער אוספייעט צו ווערן אָר־דאָנאָנץ ביי פירסט באגראַטיאָן, וועלכער איז איצט געווען דער קאָפּ פון דעם אריערנארד) און האט געבראכט א בעפעהל פון באגראַטיאָן:

— גענעראל, א בעפעהל צו פערברענען דעם בריק, האָט זשערקאָוו געזאָגט.

— ווער האט געהייסען? האט שובערט געפרעגט מיט א פינסטערע געזיכט.

— מיר האָט דער פירסט געהייסען פאָהרען צו אייך און זאָגען אייך, אז דיא תחארען זאָלען זיך צוריקקעהרען און פערברענען דעם בריק.

גלייך נאָך זשערקאָוו'ן איז געקומען אַ'ן אָפיציער פון דער סוויטע מיט דעם זעלבען בעפעהל, און גלייך נאָך'ן אָפיציר איז געקומען נעסוויצקי.

— וואָס איז דאָס מיט אייך, האָט נעסוויצקי געשריען, נאָך איידער ער איז צוגעקומען צו שובערט'ן. איך האָב אייך געזאָגט, איהר זאָלט דעם בריק אונטער־צינדען און עמיצער האָט דאָ צודרייט. דאָרטען געהט מען אראָב פון זינען.

שובערט האָט נים איילענדיג אָבגעשטעלט דעם פאָלק און האָט זיך געווענ־דעט צו נעסוויצקי'ן:

— איהר האָט מיר נאָר געזאָגט וועגען ברענבארען שטאָף, אָבער אונטערצינדען האָט איהר מיר נים געזאָגט.

— וויא אזוי, פאָטערל, האָט נעסוויצקי געזאָגט, אָבהאַלטענדיג דאָס פערד און אראָבנעהמענדיג דאָס היטעל האָט ער מיט זיין דיקע און ווייכע האנד אָבגעווישט דעם שוויס פון די האָר,—וויא אזוי האָב איך אייך נים געזאָגט, מען זאָל דעם בריק פערברענען, ווען מען האָט ארויפגעלעגט ברענבארען שטאָף?

— איך בין אייך נים קיין „פאָטערל" העדר שטאב־אָפיציער און איהר האָט מיר נים געזאָגט, אז איך זאָל דעם בריק אונטערצינדען. איך וויים מיין דיענסט און פילל אוים פינקטליך, וואָס מען הייסט מיר. איהר האָט געזאָגט, אז דעם בריק וועט מען אונטערצינדען — ווער וועט אונטערצינדען? קען איך מיט'ן רוח הקודש נים וויסען....

— דאָס איז שוין אַלע מאָל אזוי, האָט נעסוויצקי געזאָגט, א מאַך טהוענדיג מיט דער האנד. וויא קומסטו אהער? האָט ער זיך געווענדעט צו זשערקאָוו׳ן.

— מיט דעם זעלבען בעפעהל. דו ביזט דאָך עפּעס גאָר צוגאָסען געוואָרען, גיב, איך וועל דיר א ביסעל אויסקוועטשען.

— איהר האָט געזאָגט, הערר שטאַב-אָפיציר.... האָט אָנגעהויבען שובערט מיט א בעליידיגטען טאָן.

— פּאָלקאָווניק, האָט איהם איבערגעריסען דער אָפיציער פון דער סוויטע, מען דאַרף זיך צו איילען, אז ניט וועט דער פיינד אָנשטעלען דיא קאַנאָנען און מען וועט דאַרפען געהן אונטערן פייער.

שובערט האָט א קוק געטאָן אויף דעם אָפיציר, אויף נעסוויצקי׳ן, אויף זשערקאָוו׳ן און האָט אָנגערוקט דיא ברעמען.

— איך וועל דעם בריק אונטערצינדען, האָט ער געזאָגט מיט א פייערליכען טאָן, וויא ער וואָלט מיט דעם וועלען זאָגען, אז ניט קוקענדיג אויף דיא אַלע אונאַנגענעהמליכקייטען, וואָס מען מאַכט איהם, וועט ער דאָך טהאָן, וואָס ער דאַרף.

א זעץ טהוענדיג זיין פערד מיט זיינע לאנגע פיס, וויא דאָס פערד וואָלט געוועזען שולדיג אין דעם אַלעם, און האָט א קאָמאַנדעווע געטהאָן דעם צווייטען עסקאַדראָן, אין וועלכען ראָסטאָוו האָט געדיענט אונטער דעניסאָוו׳ן, אז ער זאָל געהן צוריק צום בריק.

פערטשעפּענדיג זיך מיט דיא שווערדען און רוישענדיג מיט דיא שפּאָרען, זיינען דיא הוזארען אראָבגעקראָכען פון די פערד, אליין ניט וויסענדיג, וואָס זיי דאַרפען טהאָן. דיא הוזארען האָבען זיך גע׳צלמ׳ט און אויף זייערע געזיכטער האָט זיך געוויזען יענער ערנסטער אויסדרוק, וואָס זיי האָבען געהאַט, ווערהרענד זיי זיינען געשטאַנען אונטער דיא קוילען. ראָסטאָוו האָט מיט א פערשטאַרבענעם הארצען מורא געהאַט, אז ער זאָל ניט אָבשטעהן פון דיא הוזארען. זיין האנד האָט געציטערט, ווען ער האָט דאָס פערד איבערגעגעבען צו א פערד-פיהרער און ער האָט געפיהלט, וויא דאָס בלוט פליסט אריין אין זיין הארצען מיט א קלאַפּעריי. דעניסאָוו איז פערביי איהם דורכגעפאָהרען און האָט עפּעס געשריען. נאָר ראָסטאָוו האָט קיין זאַך ניט געזעהן אויסער דיא הוזארען וואָס האָבען זיך געדרייט ארום איהם און געקלאַפּט מיט דיא שפּאָרען און שווערדען.

— טראַנבּרעטער! האָט יעמאַנד געשריען הינטער איהם.

נאָר ראָסטאָוו האָט ניט פערשטאַנען וואָס בעדייט דיא פאָדערונג פון טראַנ-

ברעטער; ער איז געלאָפען און האָט נאָר געזוכט צו פערלויפען פריהער פון אלע־מען, נאָר שוין אָנקומענדיג צום בריק האָט ער זיך אויסגעגליטשט אין א זומפיגען אָרט און איז געפאלען אויף דיא הענד. דערווייל האָבען איהם אנדערע איבער־געיאָגט.

— פון ביידע זייטען, ראָטמיסטער, האָט ער דערהערט דיא שטימע פון דעם קאָ־מאנדיר פון פאָלק, וועלכער איז געשטאנען ניט ווייט פון בריק מיט א פרייליכע גע־זיכט.

ראָסטאָוו האָט אָבגעווישט דיא הענד און האָט זיך געלאָזט לויפען ווייטער, דענקענדיג, אז וואָס ווייטער ער וועט פערלויפען, וועט אלץ זיין בעסער, נאָר דער קאָמאנדיר האָט צו איהם א געשריי געטהאָן.

— ווער לויפט עס איבער'ן מיטען בריק? רעכטס! יונקער, צוריק! האָט ער געשריען און געווענדט זיך צו דעניסאָוו'ן, וועלכער האָט זיך געוואָלט בריה'ן און איז רייטענדיג ארויפגעפאָהרען אויף דיא ברעטער פון דעם בריק.

— צו וואָס אומזיסט ריזיקירען! קריכט בעסער אראָב, האָט געזאָגט דער קאָ־מאנדיר פון פאָלק.

— ע, אז עס איז בעשערט, וועט אָנקומען, האָט דעניסאָוו געענטפערט, א דריי־טהוענדיג זיך אין זאָטעל.

נעסוויצקי, זשערקאָוו און דער אָפיציער פון דער סוויטע זיינען געשטאנען פון דער ווייטענס און געקוקט, וויא פון דער זייט זיינען געלאָפען דיא הוזארען און פון יענער זייט איז נעהנטער צוגעקומען דער פיינד מיט קאנאָנען.

— וועלען זיי צייט האָבען אונטערצוצינדען דעם בריק צו ניט? ווער וועט זיין פריהער? האָט יעדער געפרעגט און געקוקט מיט א פערשטאָרבענעם הארצען.

— אח, דיא הוזארען וועלען קריגען! האָט נעסוויצקי געזאָגט. דיא קאנאָנען וועט זיי איצט דערגרייכען.

— אומזיסט האָט ער אזוי פיעל מענשען געשיקט, האָט געזאָגט דער אָפיציר פון דער סוויטע.

— ריכטיג, צוויי סאָלדאטען וואָלט געווען גענוג, האָט נעסוויצקי געזאָגט.

— אח, אייער ערלויכט, האָט זשערקאָוו געזאָגט אזוי נאאיוו, אז מען האָט ניט געקענט וויסען צו ער מיינט ערנסט אָדער ניט, — וואָס רעדט איהר צוויי מענשען! און ווער וועט אונז געבען א וולאדימיר (אָרדען) מיט א באנט; אזוי אָבער וועט מען אביסעל צושלאָגען אָבער דערפאַר קען מען ארויסשטעלען א

נאנצ ! עסקאדראָן און אַליין אויף בעקומען א באנט. אונזער שובערט ווייסט וואָס ער טהוט.

— נו, דאָס איז שוין א שיסעריי פון קאַנאָנען, האָט נעזאָנט דער אָפיציער פון דער סוויטע

אויף יענער זייט, וואו דיא פראַנצויזישע קאַנאָנען זיינען געשטאַנען, האָט זיך בעוויזען א קליינער ר יך, באלד א צווייטער, א דריטער כמעט אין איין צייט און אין דעם מאָמענט ווען עס האָט דערגרייכט דער קלאַנג פון דעם ערסטען שאָס האָט זיך בעוויזען א פיערטער רויך.

א, אח ! האָט א קרעכץ געטהאָן נעסוויצקי ווי ער וואָלט דערפיהלט א שאַרפען ווייהטאָג און האָט אָנגעכאַפּט דעם אָפיציר פון דער סוויטע פאַר דער האַנד. ועהט, איינער איז געפאַלען, געפאַלען געפאַלען !

— דוכט זיך צוויי.

— ווען איך זאָל זיין א קייזער, וואָלט איך קיין מאָל קיין מלחמות נים גע־פיהרט, האָט נעסוויצקי געזאָגט און האָט זיך אָבגעקעהרט.

דיא פראַנצויזישע קאַנאָנען זיינען ווידער אָנגעלאַדע געוואָרען. דיא פעכאָטע און בלויע שינעלען האָבען זיך געלאָזט לויפען צום בריק. קוילען זיינען ווייטער גע־פ־ויגען, נאָר וואָס האָט זיך געטאָן אויף'ן בריק האָט מען שוין נים געקענט זעהען, וויל פון דאָרטען האָט זיך אויפגעהויבען א געדיכטער רויך. דיא חוזארען האָבען אוספייעט אונטערצוציגדען דעם בריק, און דיא קאַנאָנען פון דעם פראַנ־צויזישען לאַגער האָבען איצט נאָר געשאָסען דארום וויל זיי זיינען געוועזן אָנגע־לאַדען און עס איז געווען אויף וועמען צו שיסען.

ראַסטאָוו איז געבליעבען שטעהן אויף'ן בריק און האָט נים געוואוסט, וואָס צו טהאָן. האַקען (וויא ער האָט זיך פאָרגעשטעלט א מלחמה) איז נים געווען וועמען, העלפען אונטערצוינדען דעם בריק האָט ער נים געקענט, וויל ער האָט נים גענומען מיט זיך קיין שטרוי, וויא אנדערע סאָלדאַטען. ער איז געשטאַנען און האָט זיך ארומגעקוקט ערסט פלוצים האָט א קנאַק געטהאָן איבער'ן בריק, וויא צושאָטענע ניס און איינער פון דיא הוזארען, וואָס איז געשטאַנען נעבען איהם האָט מיט א קרעכץ א פאַל געטהאָן אויפ'ן פאַרענץ. ראַסטאָוו און נאָך עטליכע זיינען צו איהם צוגעלאָפען. איינער האָט ווייטער א געשריי געטהאָן : „טראַג־בעטער !" און פיער מענשען האָבען איהם גענומען אויפהייבען.

— אָ־אָ־אָ, לאָזט מיך איבער, אום גאָט'ס ווילען ! האָט געקרעכצט דער פערזאָנ־

רעטער, נאר מען האט איהם אויפגעהויבען און אניעדערגעלעגט אויף'ן טראג-ברעט.

ניקאלאי ראסטאוו האט זיך אבגעקעהרט און וויא זוכענדיג עפעס מיט דיא אויגען, האט ער גענומען קוקען אויף'ן וואסער פון דעם דונאי, אויף'ן הימעל, אויף דער זון. וויא בלוי, וויא רוהיג און וויא טיעף דער הימעל האט איצט אויסגעוויזען, וויא העלל און וויא פייערליך זעהט אויס דיא פערגעהענדע זון, וויא צערטליך-גלאנציג האט געשיינט דאס וואסער ווייט אויף'ן דונאי! און נאך שעהנער האבען אויסגעזעהען דיא ווייטע, בלוי ווערענדע בערג ארום דעם דונאי, דיא קלויסטער און דער סאסנאווער וואלד, וואס איז געווען פערוויקעלט אין א נעבעל. דארטען איז שטיל און גוט.... און דא זיינען קרעכצען פון יסורים, שרעק, און דיעזע אונקלארהייט, דיעזע איילעניס.... אט שרייט מען ווייטער, און אט איז מען ווידער אוועקגעלאפען עפעס צוריק, און איך וועל אויך לויפען נאך זיי, און אט איז ער אליין דער טוידט ארום מיר.... איין אויגענבליק און איך וועל שוין מעהר דיא ליכטיגע שיין ניט זעהן. אין דער מינוט האט זיך דיא זון בעהאלטען הינטער א וואלקען, פאר איהם האט מען אוועקגעטראגען א טראג ברעט. און דער שרעק פאר'ן טוידט, פאר דיא טראג-ברעטער און דיא ליעבע צו דער זון, צום לעבען האבען זיך צונויפגעגאסען אין קראנקליך-אונרוהיגען איינדרוק.

— גאט אין הימעל, האב רחמנות, פערגיב מיר און בעשיץ מיך! האט ער געמורמעלט א תפלה.

דיא הוזארען זיינען צוגעלאפען צו זייערע פערד, דיא שטימען זיינען געווארען העכער און רוהיגער, דיא טראגברעטער זיינען פערשוואונדען פון דיא אויגען.

— וואס, ברודער, האסטו שוין א שמעק געטהאן פולווער? האט איהם איבער'ן אויער א געשריי געטהאן דעניסאוו.

— וואס איז דאס געווען — א שיסעריי פון קאנאנען?

— נאך וואס פאר א שיסעריי! האט דעניסאוו געענטפערט. חברה האט געארבייט גוט. און דיא ארבייט איז א מאוסע. אטאקירען איז א גוטע זאך און דו אבער שטעהסט וויא א פלאקען און מען שיסט אין דיר.

און מיט דיא ווערטער איז דעניסאוו צוגעפאהרען צו דער גרופע, וואו עס איז געשטאנען דער קאמאנדיר פון פאלק, נעסוויצקי, זשערקאוו און דער אפיציר פון דער סוויטע.

— מעלדעט דעם פירסט, אז איך האב דעם בריק אונטערגעצונדען, האט געזאגט דער קאמאנדיר פריילידך.

VIII.

נעיאָגט פון א הונדערט - טויזענדינגער אַרמעי אונטער דער לייטונג פון נאפאָלעאָנען, בעגעגענט פיינדליך פון דיא עסטרייכער אונטערטהאנען, וועלכע האָבען מיסטרויאיש געקוקט אויף דיא רוססישע און האָבען זיי מעהר ניט געגלויבט, אויסגעהונגערט און אָבגעריסען, איז די רוסישע אַרמיע פון פינף און דרייסיג טויזענד מאַן אונטער דער לייטונג פון קוטוזאָוו'ן געשווינד אָבגעטראָטען ארונטער צום דונאי, אָבשטעלענדיג זיך נאָר דאָרטען, וואו דער פיינד האָט איהר אָנגעיאָגט און לאָזענדיג דעם אריער־גאַרד צו פיהרען א געשלעג אזוי ווייט, וויא דאָס איז געוועזען נייטהיג, אז דיא אַרמיע זאָל קענען אָבטרעטען ווייטער און ניט פערלירען קיין לאַדונג. בעשיצען לענגער וויען, וויא עס איז פריהער געוועזען אויסגעאַרבייט א פּלאַן, האָט שוין איצט קיין רייד ניט געקענט זיין; דיא איינציגע זאַך, וואָס קוטוזאָוו האָט בעצוועקט, איז בעשטאַנען אין דעם, אז ער זאָל זיין אַרמיע ניט פערלירען, וויא מאַך און זאָל אזוי לאַנג אויסמיידען א קאַמפּף מיט דעם פיינד, ביז ער וועט זיך פעראייניגען מיט די חיל, וואָס איז צו איהם געגאַנגען פון רוסלאַנד.

דעם 28 אָקטאָבער איז קוטוזאָוו מיט דער אַרמיע איבערגעגאַנגען אויף דער לינקער זייט דונאי און צום ערשטען מאָל האָט ער זיך אָבגעשטעלט, מאַכענדיג דעם דונאַי פאַרן מיטען צווישען איהם און דיא פראַנצויזען. דעם 30 האָט ער אטאַקירט מאָרטיעס דיוויזיאָן, וואָס האָט זיך געפונען דאָ אויף דער לינקער זייט און האָט איהר צו שלאָגען. דאָס איז געוועזען דער ערשטער זיעג, וואָס זיי האָבען ערהאַלטען און זיי האָבען פערנומען דעם פיינד'ס א פאָהנע, געוועהר און צוויי געגעראַ־

דיא פראַנצויזען זיינען אַנטלאָפען פון דאַנען, און דאָס האָט אריינגעבלאָזען ...זת אין דיא סאָלדאַטען.

פירסט אַנדריי האָט זיך געפונען אין דער צייט פון דעם קאַמפּף נעבען אַ'ן עסטרייכישען גענעראַל שמיט, וועלכער איז דאָ דערשאָסען געוואָרען. אונטער אַנדריי'ען איז געפאַלען א פערד און א קויל האָט איהם א קראַץ געטהאָן אין האַנד. אַלס בעגנאַדיגונג האָט איהם קוטוזאָוו גלייך אוועקגעשיקט מיט דער נייעס וועגען דעם זיעג צום עסטרייכישען האָף. דאָס האָט בעדייטעט א וויכטיגער טריט פאָרווערטס אין זיין קאַריער.

דיא נאַכט איז געוועזען א פינסטערע און אַ'ן אויסגעשטערנטע. אַנדריי האָט זיך געפיהלט וויא איינער, וואָס האָט ענדליך זיך דערוואַרט אויף'ן אָנהייב פון א געווינשטען גליק. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם איינדרוק, וואָס ער וועט מאַ־

בען, ווען ער וועט ברייגנען דיא נייעס וועגען דעם זיעג. וויא נור ער האט פער־מאכט דיא אויגען, האט איהם אין דיא אויערן אנגעהויבען צו קלינגען א שיסעריי פון ביקסען און קאנאנען, וואס האט זיך צוזאמענגעגאסען מיט'ן געררויש פון דיא רעדער און דעם איינדרוק פון זיעג. דא האט זיך איהם אויסגעדוכט, אז דיא רוסישע אנטלויפען, אז ער אליין איז דערהרג'עט, נאר ער האט זיך גלייך אויפגעכאפט און האט מיט א שמחה אויסגעפונען, אז אנטלאפען זיינען נאר דיא פראנצויזען.

ער איז געפאהרען א גאנצען מעת לעת און עס איז געווען פינסטערלאך, ווען ער איז אריינגעפאהרען אין ברין וואו דער האף האט זיך געפונען און ער האט זיך דערזעהען ארומגערינגעלט מיט הויכע הייזער, מיט בעלויכטענע מאגאזינען, מיט פיינע עקיפאזשען און מיט דער גאנצער אטמאספערע פון א גרויסער שטאדט, וואס איז אזוי צוציהענד פאר איינעם פון מיליטער נאך א לאגער. פירסט אנדריי ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער האט פערבראכט א שלאפלאזע נאכט און אין וועג, האט זיך געפיהלט נאך מעהר בעליעבט, ווען ער איז צוגעפאהרען צום האף. אין קאפ זיינען ביי איהם דורכגעלאפען אלע איינצעלהייטען וועגען דעם קאמפף און אלע פראגען, וואס מען קען איהם שטעלען און וואס ער קען ענטפערן. ער האט געדענקט, אז גלייך וועט מען איהם פארשטעלען פארין קייזער. נאר ווען ער איז צוגעפאהרען צום הויפט איינגאנג, איז ארויסגעלאפען א בעאמטער, און אויסגעפינענדיג וואס זיין שליחות איז, האט ער איהם בעגלייט צו א צווייטען אויסגאנג.

— פון קארידאר רעכטס וועט איהר געפינען דעם דעזשורירענדען פליגעל־אדיוטאנט, האט צו איהם געזאגט דער בעאמטער. ער וועט אייך אריינפיהרען צום קריעגס־מיניסטער.

דער דעזשורירענדער פליגעל אדיוטאנט וואס האט בעגעגענט אנדרייען, האט איהם געבעטען, ער זאל אויפווארטען און אליין איז ער אריין צום קריעגס־מיניסטער אין קאבינעט. אין פינף מינוט ארום האט זיך דער פליגעל אדיוטאנט צוריקגעקעהרט און פערניינענדיג זיך זעהר איידעל, האט ער איהם דורכגעלאזט פאראויס און אריינגעפיהרט צום מיניסטער אין קאבינעט. דער פליגעל אדיוטאנט האט, וויא עס האט געשיינט, מיט זיין איבריגע העפליכקייט געוואלט בעשיצען זיך פון דעם רוסישען אדיוטאנט'ס פערטרויליכקייט. אנדריי'ס פרייליכקייט איז א היבשע ביסעל אבגעקיהלט געווארען, ווען ער איז אריין צום מיניסטער

אין קאבינעט. ער האט זיך געפיהלט בעליידיגט און דיעזער געפיהל האט זיך באלד פערוואנדעלט אין א געפיהל פון האס. נאר באלד האט ער זיך א ביסעל בערוהיגט פון דעם געדאנק, אז זיי מוז אויסוויזען זעהר גרינג צו ערהאלטען א זיעג, ניט שמעקענדיג קיין פולווער. ער האט פעראכטליך צוגעפּנעצוינגען דיא אויגען און איז לאנגזאם אריין אין קאבינעט. דיזער געפיהל איז נאך שטארקער געווארען, ווען ער האט דערזעהן וויא דער מיניסטער זיצט מיט זיין קאהלען קאפ צווישען צוויי וועקסענע ליכט און מאכט צייכענס אויף פאפירען מיט בלייפעדער און גיט ניט א קוק אין זיין זייט. א צוויי מינוט איז דער מיניסטער געוועזן אזוי בעשעפטיגט ניט אבגעקעהרענדיג דעם קאפ. דיא טהיר האט זיך געעפענט און עס האבען זיך דערהערט טריט.

— נעהמט עס און גיט איבער, האט דער מיניסטער געזאגט צו זיין אדיוטאנט, דערלאנגענדיג איהם דיא פאפירען און נאך אלץ ניט קוקענדיג אויף אנדרייען.

ענדליך האט ער זיין אריגינעלען און קלוגען קאפ אומגעווענדט צו אנדרייען, נאר אין דיעזען אויגענבליק איז דער קלוגער און שטייפער אויסדרוק פון געזיכט פערשוואונדען געווארען און האט זיך פערביטען מיט א געמאכטען נארעשען שמייכעל אופן מענשען, וואס עמפפאנגט איין בעזוכער נאך'ן צווייטען.

— פון גענעראל-אבער-פעלד-הערר קוטוזאוו? האט ער געפרעגט. איך האף, איהר האט געבראכט גוטע נייעס. א געשלעג מיט מארטיע? א זיעג? שוין צייט!

ער האט גענומען דיא דעפעשע, וואס איז געווען אדרעסירט אויף זיין נאמען און האט איהר גענומען לייענען מיט א'ן אומעדיגען אויסדרוק.

— אך, מיין גאט! שמיט! האט דער מיניסטער געזאגט אין דייטש. וואס פאר א'ן אונגליק, וואס פאר א'ן אונגליק! דורכלויפענדיג דיא דעפעשע, האט ער איהר אנידערגעלייגט אויף'ן טיש און געקוקט אויף אנדרייען נאכדענקליך.

— אך, וואס פאר א'ן אומגליק! איהר זאגט דער זיעג איז א פאלשטענדיגער און דאך האט מען מארטיע ניט גענומען

א רגע האט ער זיך פערטראכט און דאן ווידער געזאגט:

— זעהר צופריעדען, וואס איהר האט געבראכט גוטע נייעס, צוואר שמיט'ס טויט איז א טייערער פרייז פאר דעם זיעג. זיין מאיעסטעט וועט אייך זיכער וועלען זעהען, נאר ניט היינט. איך דאנק אייך, מארגען נאכ'ן פאראד זאלט איהר זיין ביי'ם אויסגאנג, איבריגענס, איך וועל אייך שוין געבען צו וויסען.

דער נארעשער שמייכעל, וואס איז פערשוואונדען געוואָרען פון זיין געזיכט, ווטהרענד ער האָט גערעדט, האָט זיך ווידער געוויזען.

— צום ווידערזעהן, האָט ער געזאָגט, איך דאנק אייך זעהר. דער קייזער האָט אייך געוויס וועלען זעהן, האָט ער ווידערהאָלט און האָט אַ נייג געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

ווען אנדריי איז ארויס פון פּאלאַץ, האָט ער דערפיהלט, אז דער גאנצער אינטערעס און גליק, וואס דער זיעג האָט איהם פערשאפט, האָט ער איצט איבערגעלאָזט אין גלייכגילטיגע הענד פון דעם קריעגס-מיניסטער און דעם העפליכען פליגעל-אדיוטאנט. זיין גאנצער ארט דענקען האָט זיך איצט גע־ענדערט; דער קאמפף איז איהם פאָרגעקומען וויא אַ ווייטע עראינערונג.

VIII.

פירסט אנדריי איז אין בּביון פערפאָהרען צו זיינעם אַ בעקאַנטען דיפּלאָמאַט ביליבען.

— אח, מיין ליעבער פירסט, אנגענעהמער וויא אַ גאסט איז גאָר ניטאָ, האָט איהם ביליבען בעגעגענט. פראנץ! טראָג אריין דעם פירסט'ס זאכען אין מיין שלאָף צימער! האָט ער זיך געווענדעט צום דיענער. וואס געקומען מיט אַ בשורה וועגען אַ זיעג? זעהר שעהן.

פירסט אנדריי האָט זיך ארומגעוואשען או איבערגעטהאָן און איז אריין אין קאבינעט, וואו פאר איהם איז שוין געשטאנען אָנגעגרייט אַ מיטאג. ביליבען האָט זיך געזעצט נעבען קאמין.

ביליבען איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָהר פינף און דרייסיג, ניט בעווייבט און פון דער זעלבער געזעלשאפט וואס אנדריי. זיי האָבען זיך נאָך געקענט פון פּעטערסבורג און נאָך נעהנטער האָבען זיי זיך בעקענט, ווען אנדריי איז דאס לעצטע מאָל דורכ־געפאָהרען וויען צוזאמען מיט קוטוזאָוו'ן. אזוי וויא אנדריי האָט געגעבען פיעל האָפ־נונגען, אז ער וועט ווייט אוועק אויפ'ן מיליטארישען וועג, האָט ביליבען נאָך מעהר האָפנונג געגעבען צו געהען ווייט אויף'ן דיפּלאָמאטישען. ער איז נאָך געווען אַ יונגער מאַן, נאָר ער איז שוין ניט געווען קיין יונגער דיפּלאָמאט, ווייל פון זעכצעהן יאָהר אָן האָט ער געדיענט און ער איז שוין געווען אין פּאריז, אין קאָפּענ־האגען און איצט אין וויען האָט ער פערנומען אַ פיינעם אָרט.

זיין מאָגערע געלבליכע געזיכט איז געווען פערדעקט מיט קניימשען און ווען ער האָט גערעדט, האָבען זיך ביי איהם דיא קניימשען געשפּיעלט. דאָ האָבע

זיך אויף'ן שטערן אויסנעלייגט טיעפע פאלדען, דיא ברעמען האבען זיך אויפגע־הויב'ן אין דער הויך און דא האבען זיך דיא ברעמען ארונטערגעריקט און ארום דיא באקען האבען זיך אויסגעלייגט טיעפע קנייטשען.

— נון, איצט דערצעהלט אונז וועגען אייערע זיענע, האט ער געזאגט.

באלקאנסקי האט דערצעהלט גאנץ בעשיידען, ניט דערמאנענדיג וועגען זיך קיין ווארט, וויא דער זיעג איז צוגעגאנגען און וואס פאר אן עמפפאנג ער האט געהאט ביים קריעגס מיניסטער.

ביליבען האט א שמייכעל געטהאן און האט צולאזט דיא קנייטשען פון געזיכט.

— דאך, מיין ליעבער, האט ער געזאגט, בעקוקענדיג זיין נאגעל פון דער־ווייטענס, ביי מיין גאנצער אכטונג צו דיא „רעכטגלויביגע ראססיאר חילות" רעכען איך, אז דער זיעג איז ניט איינער פון דיא גלענצענדסטע. א גרויסען קונץ האט איהר געוויזען ווען דיא גאנצע ארמיע האט זיך ארויסגעווארפען אויפ'ן אונ־גליקליכען מארטיע, וועלכער האט געהאט איין דיוויזיאן, און דיעזער מארטיע פערשווינדעט פון אונטער אייערע הענד. וואו איז דא דער זיעג!....

— דאך. איך מיין גאנץ ערנסט אהן א שום בעריהמעריי, אז מיר האבען בעוויזען עפעס בעסערס, וויא מאק ...

— נאר פאר וואס האט איהר ניט גענומען באטש איין מארשאל?

— ווייל מען קען ניט אויס־רעכענען פריהער, מיר האבען געדענקט צו אטא־קירען זיבען א זייגער אין דער פריה און אנגעקומען זיינען מיר ניט פריהער וויא פינף אבענד.

— איך וויס, האט איהם ביליבען איבערגעשלאגען, איהר דענקט אז עס איז גרינג צו נעהמען געפאנגען מארשאלען, ווען מען זיצט אויף א זאפע נעבען קאמין. דאס איז אמת, נאר פארט פאר וואס האט איהר מארטיען ניט געכאפט? און וואונדערט זיך ניט, וואס ניט נאר דער קריעגס־מיניסטער זאנדערן וואס דער קייזער אליין וועט זיך ניט פיהלען בעגליקט פון אייער זיעג? און אפילו איך, דער אונגליקליכער סעקרעטאר פון דער רוסישער געזאנדשאפט, פיהל נישט קיין איבריגע שמחה....

— איצט איז מיין רייהע צו פרעגען, האט זיך אנגערופען באלקאנסקי. איך בין זיך מודה, אז איך פערשטעה דא גאר ניט, פיעלייכט איז דא פאראן אזא די־פלאמאטישע טינקייט, וואס מיין שוואכער שכל קען ניט בענעהמען, ערקלערט מיר, איך בעט אייך: מאכ פערליערט א גאנצע ארמעע, ערץ־הערצאג פערדי־

נאנד און ערץ־הערצאָג קאָרל ווייזען ניט ארויס קיין צייכען פון לעבען און מאַכען איין פעהלער נאָכ'ן צווייטען, ענדליך קומט קוטוזאָוו און האלט אָב א וואהרען זיעג און דערווייזט אז די פראנצויזען זיינען ניט מעהר וויא מענשען און מען קען זיי אויך צוקלאַפּען, און דער קריגס מיניסטער אינטערעסירט זיך זאָגאר ניט צו וויסען די איינצעלהייטען.

— טאַקע דערפאַר, מיין ליעבער. איהר זעהט, הורא פאַר'ן צאַר, פאַר ראַסיי, פאַר'ן גלויבען! דאָס איז אַלץ זעהר שיין; נאָר וואָס האָבען מיר, זאָג איך, דער עסטרייכישער האָף, צו טהאָן מיט אייערע זיעגע? ברייננט אונז א גוטע נאָכ־ריכט, אז דער ערץ־הערצאָג קאָרל אָדער פערדינאַנד האָט געזיעגט, זאָל זיין כאָטש איבער א ראָטע פון באָנאָפּאַרטע'ס פּאָזשארנע קאָמאַנדע, דאַן וואָלט גע־ווען עפּעס אנדערש, דאַן וועלען מיר מיט הארמאַטען אויספּויקען דעם זיעג. אָבער דאָ וויא אויף צו להכעיס קומט איהר צו רייצען אונז. ערץ־הערצאָג קאָרל טהוט גאָר ניט, ערץ־הערצאָג פערדינאַנד בעדעקט זיך מיט שאַנדע, ווין ווארפט איהר אוועק, איין גענעראַל שמיט האָבען מיר, וועלכען מיר ליעבען אַלע, שטעלט איהר איהם אונטער די קוילען און נאָכהער קומט איהר אונז גראַטולירען מיט א זיעג. גיט צו, אז דאָס אַלץ איז וויא אויף צו להכעיס. נאָר אויסער דעם, ווען דאָס זאָל אפילו זיין א גרויסער זיעג, וואָס קען דאָס העלפען. איצט איז שוין שפּעט, ווען דער פיינד איז שוין אריין אין ווין.

— איז דער פיינד שוין אין ווין? האָט אנדריי געפרעגט פערוואונדערט.

— יאָ, היינט אין דער פריה איז דאָ געווען גראף ליכטענפעלז, האָט ביליבין פאַרטגעזעצט און האָט מיר געוויזען א בריף וואו מיט אַלע איינצעלהייטען איז געווען בעשריעבען דער פאַראַד, וואָס די פראַנצויזען האָבען געהאַט ביים אריינגעהן אין ווין.... איהר זעהט, אז אייער זיעג איז זעהר קיין פריילכע בשורה און מען קען אייך ניט עמפּפאַנגען וויא א מלאך הגואל.

ווען אנדריי איז געגאַנגען שלאָפען אין א ווייכע, וואַרעמע בעט, האָט ער דערפיהלט, אז דער קאַמפּף, וועגען וועלכען ער האָט געבראַכט א נאָכריכט, איז געווען ווייט, ווייט פון איהם. ער האָט פערמאַכט די אויגען און אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט איהם אָנגעהויבען צו רוישען אין די אויערן א שיסעריי פון האַר־מאַטען, א קלאַפּעריי פון ביקסען, פון רעדער און אָט זעהט ער וויא די פראַנצויזען לאָזען זיך ארונטער פון בארג און שיסען און ער פיהלט, וויא זיין הארץ ציטערט, ער פאָהרט פאָראויס מיט שמיט'ן און די קוילען פייפען פריילעך ארום איהם און

ער איז אזוי פריילעך, אויפגעראמט וויא ער איז ניט געוועזן פון זיין קינדהייט אן.

— יא, דאס אלעס איז געוועזן! האט ער געזאגט מיט א גליקליכען קינדער־שען שמייכעל און איז איינגעשלאפען מיט א פעסטען שלאף.

XI.

אנדריי האט זיך אויפגעכאפט שפעט. ער האט זיך פריהער פון אלץ דערמאנט, אז היינט דארף ער ערשיינען פאר'ן עסטרייכישען קייזער. ער האט אנגעטהאן זיינע בעסטע קליידער און איז אריין אין קאבינעט.

אין קאבינעט האט ער געטראפען פיער יונגע לייט, וואס האבען בעלאנגט צו דעם דיפלאמאטישען קארפוס און איינעם פון וועלכע ער האט דער־קענט, דאס איז געוועזן איפאליט קוראגין. זיי האבען פערצויינגען א געשפרעך פון פרויען. נאר אנדריי האט א קוק געטהאן אויפ'ן זייגער און געזאגט, אז פאר איהם איז שוין צייט צו פאהרען.

— וואוהין?

— צום קייזער.

— א! א! א!

— זעהט צו ריידען וואס מעהר, האט ביליבין געזאגט. ער האט זעהר ליעב צו מאכען אאודיענציעס, נאר ריידען קען ער ניט.

אנדריי איז אוועקגעפאהרען צום בעשטימטען פלאץ און האט זיך געשטעלט צווישען עסטרייכישע אפיציערען. ווען דער קייזער האט זיך בעוויזען האט ער איהם אויפמערקזאם אריינגעקוקט אין געזיכט און האט צו איהם א נייג געטהאן מיט'ן קאפ. נאר באלד איז צו אנדרייען צוגעגאנגען דער געכטיגער פליגעל־אדיו־טאנט און האט איהם העפליך געמעלדעט, אז דער קייזער ווינשט צו שפרעכען מיט איהם.

קייזער פראנץ האט איהם אויפגענומען, שטעהענדיג אין מיטען צימער. אנדרייען האט איבערראשט, וואס איידער דער קייזער האט אנגעהויבען צו ריידען, האט ער זיך עפעס וויא פערלארען, ניט וויסענדיג וואס צו זאגען און איז רויט געווארען.

— זאגט מיר, ווען האט זיך דער קאמפף אנגעהויבען? האט ער ארויסגערעדט אין איילעניש.

אנדריי האט געענטפערט. נאך דער פראגע האבען געפאלגט ווייטער אזעלכע איינפאכע פראגען. ער האט גערעדט מיט אזא אויסדרוק, וויא זיין גאנצער צוועק איז בעשטאנען נאר אין דעם צו מאכען א געוויסע צאהל פראגען. דיא אנטווארטען

אויף דיזע פראגען האבען איהם נאר ניט אינטערעסירט.

— אין וועלכע שטונדע איז גענעראל שמיט דערשאָסען געוואָרען?

— מיר שיינט, זיעבען א זייגער

— זיעבען א זייגער? זעהר טרויעריג! זעהר טרויעריג!

דער קייזער האט געזאגט, אז ער דאנקט איהם זעהר און האט זיך פערנייגט. פירסט אנדריי איז ארויסגעגאנגען און פון אלע זייטען האבען איהם ארומגערינגעלט דיא האפלייט. פון אלע זייטען האבען איהם געקוקט צערטליכע אויגען און עס האבען זיך געהערט צערטליכע ווערטער. דער נעכטיגער פליגעל-אדיוטאנט האט איהם געמאכט פארווירפע, פאר וואס ער איז ניט פערבעליבען אין פאלאץ און האט איהם אנגעבאטען זיין הויז. דער קריעגסמיניסטער איז צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם גראטולירט מיט אן אָרדען מאריא-טערעזא פון דער דריטע שטופע, מיט וועלכען דער קייזער האט איהם בעגנאדיגט. דער קייזערינע'ס קאמערהער האט איהם איינגעלאדען צו איהר מאיעסטעט. ער האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפער און איז עטליכע סעקונדען געשטאנען און געטראכט. דער רוסישער געזאנדטער איז צו איהם צוגעגאנגען, האט איהם גענומען פאר'ן אקסעל און צוגעפיהרט איהם צום פענסטער און גענומען מיט איהם ריידען.

ביז פינף א זייגער איז אנדריי געווען פערנומען מיט וויזיטען צו דיא העכסטע עסטרייכישע בעאמטע און ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט א היים צו ביליבינען, אי פאר דער טהיר געשטאנען א וועגעל און דער דיענער פראנץ האט איינגעפאקט דיא זאכען.

— וואס אזוינס איז געשעהען? האט געפרעגט פירסט באלקאנסקי.

— אח, אייער עקסעלענץ, האט פראנץ געזאגט, מיר מוזען געהען ווייטער. דער רויבער איז שוין ווייטער הינטער דיא פלייצעס.

ביליבין איז ארויסגעגאנגען אנדרייען אנטקעגען. זיין שטענדיג רוהיג געזיכט איז איצט געווען עררעגט.

— וואס טהוט זיך דא אזוינס? האט אנדריי געפרעגט.

— א פיינע זאך, כ'לעבען, האט ביליבין געזאגט, דיא פראנצויזען זיינען אריבער דעם בריק נאר נישט געשטערט און היינט מארגען זיינען זיי שוין געווען דא.

— נאר וויא אזוי האט מען דעם בריק ניט איפגעריסען? ער איז דאך געווען געמינעוועט?

— אָט דאָס פרעג איך אייך. דאָס ווייס אפילו באָנאפּארטע אליין ניט.

— נאָר אויב זיי זיינען אריבער דעם בריק, איז דיא ארמיע פערלאָרען, דער שונא וועט איהר אָבשניידען דעם וועג, האט אנדריי געזאָגט און האָט זיך אויפגעהויבען.

— וואוהין ווילט איהר געהן? האָט ביליבען געפרעגט.

— איך פאָהר.

— וואוהין?

— אין דער ארמיע.

— איהר האט דאָך געוואָלט נאָך פערבלייבען א פּאָר טעג?

נאָר איצט פאָהר איך גלייך, און אָנזאָגענדיג דעם דיענער, ער זאָל פערפּאַקען זיינע זאכען, איז אנדריי אריין צו זיך אין צימער.

דיעזע נאכריכט איז פאר אנדרייען געווען א טרויעריגע, נאָר צו דער זעלבער צייט איז זיא איהם געוועזן אנגענעהם. וויא נאָר ער האָט דערהערט, אז דיא רוסישע ארמיע געפינט זיך אין אן האָפנונגסלאָזען צושטאנד, איז איהם אריין אין קאָפּ, אז איהם וועט דאָס זיין בעשערט ארויסצופיהרען דיא ארמיע פון דיעזען צושטאנד און ער וועט ארויס פון דיא רייהען פון אונבעוואוסטע אָפיצירען און וועט מאכען דעם ערשטען שריט צו רוהם. ער האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט, וויא ער וועט ביים קריעגס-ראטה געבען אן עצה, וואָס וועט רעטען דיא ארמיע און וויא מען וועט איהם איבערגעבען, אז ער זאָל זיין פּלאן אויספיהרען.

— איהר ווייסט וואָס, מיין ליעבער, האָט געזאָגט ביליבען, אריינסומענדיג צו איהם אין צימער. איך האָב וועגען אייך געדענקט. צו וואָס זאָלט איהר איצט פאָהרען?

פירסט אנדריי האט אויף איהם פראגענד א קוק געטהאָן און האָט נאָר ניט געענטפערט.

— צו וואָס זאָלט איהר איצט פאָהרען. איך ווייס, איהר דענקט, אז אייער פפליכט איז צו לויפען איצט אין דער ארמיע, ווען זיא געפינט זיך אין א געפאהר. נאָר איהר זייט א פילאָזאָף און בעטראכט דיא זאך פון דער אנדער זייט און איהר וועט זעהען, אז אייער פפליכט איז צו היטען זיך אליין. לאָזט איבער דיא זאך פאר אנדערע, וואָס טויגען ניט צו עפּעס אנדערס. אייך האָט מען ניט געהייסען, איהר זאָלט זיך צוריק קעהרען, און דאָ האָט מען אייך נאָך ניט אבגעלאָזט און איהר קענט פאָהרען מיט אונז, וואוהין אונזער ווייסטער מזל וועט אונז

פערפיהרען.

— הערט אויף צו שפּאַסען, האָט געזאָגט באַלקאָנסקי.

— איך רייד ערנסט און וויא אַ פריינד. אייך ערוואַרטעט איינס פון דיביידע: ענטוועדער איהר וועט ניט דערפאָהרען צו דער אַרמיע און עס וועט געשלאָסען ווערען אַ שלום, אָדער דיא גאַנצע קוטוזאָוו׳ס אַרמיע וועט פערדעקט ווערען מיט אַ שאַנדע.

— איך קען אַזוי ניט דענקען, האָט אַנדריי געענטפערט קאַלט און פאַר זיך האָט ער געטראַכט: „איך פאָהר צו רעטען דיא אַרמיע“.

— איהר זייט אַ העלד, מיין פריינד, האָט ביליבען געזאָגט.

X

אין דער זעלבער נאַכט האָט אַנדריי גענומען אַבשיעד פון דעם קריעגס-מיניס־טער און איז אַוועקגעפאָהרען אין דער אַרמיע, אַליין ניט וויסענדיג, וואו ער וועט איהר געפינען.

אַרום עצעלס דאָרף האָט אַנדריי אָנגעטראָפען די רוסישע סאָלדאַטען וואָס האָ־בען זיך געאיילט פאָרווערטס אין אַ גרויסער אומאָרדנונג. דער וועג איז געוועזען אַזוי פערשפּאַרט מיט וועגען, אַז עס איז געווען אוממעגליך דורכצופאָהרען אין אַ קאַרע־טע. ער האָט גענומען ביי אַ קאָזאַצקען אָפיציער אַ פערד מיט אַ קאָזאַק און איז געפאָהרען זוכען דעם אָבער-פעלד-העהר.

פון אַלע זייטען פון פאָרענט און פון הינטען האָט זיך געהערט אַ געוויש פון רעדער. אַ קלאַפּעריי פון וועגען, פון בייטשען, געשרייען, זידלעריי פון דיא אָפיציר־רען און סאָלדאַטען. קריכענדיג ביז דיא קניע אין בלאָטע, האָבען דיא סאָל־דאַטען אַרויף באַרג אָדער אַראָב באַרג מיט דיא הענד אונטערגעהאַלטען דיא האַרמאַטען און דיא פוהרען דיא אָפיצירען, וואָס האָבען געהאַט אויפצופּאַסען אויף דיא בעוועגונג, זיינען אַרומגעפאָהרען הין און צוריק צווישען דיא וועגען. זייערע קולות האָבען זיך כמעט וויא נישט געהערט און נאָך זייערע געזיכטער איז געווען צו זעהען, אַז זיי האָבען אויפגעגעבען יעדע האָפנונג צו מאַכען וועלכע עס איז אָרדנונג.

— דאָס זיינען דיא ליעבע „ראַסייער חילות“ האָט באַלקאָנסקי געזאָגט צו זיך, דערמאָנענדיג זיך ביליבען׳ס ווערטער.

צופאָהרענדיג צו אַ דאָרף, איז אַנדריי אַראָב פון פערד און האָט זיך געלאָזט געהען צו דער ערסטער שטוב, אום אָבצורוהען אַ ווייַלע און קריגען עפּעס צו צוביי־

טען. א בעקאַנטע שטימע האט איהם אנגערופען ביים נאָמען.

ער האט זיך ארומגעקוקט. פון א קליין פענסטערעל האט זיך ארויסגערוקט נעסוויצקי'ס שיינע געזיכט. האלטענדיג עפּעס אין מויל און קייענדיג, האט ער צו איהם געשריען:

באלקאנסקי! באלקאנסקי וואס איז דו הערסט ניט? קום גיכער!

אריינקומענדיג אין שטוב, האט אנדריי דערזעהען, וויא נעסוויצקי און נאך איין אדיוטאנט האבען עפּעס צוגעביסען. זיי האבען איילענדיג געפרעגט איהם, אויב ער וויים ניט עפּעס נייעס. אויף זייערע געזיכטער האט אנדריי איבערגעלייענט און אונרוהיגקייט.

— וואו געפינט זיך דער אָבער־פעלד־הערר? האט אנדריי געפרעגט.

— דאָ, אין יענעם הויז, האט געענטפערט דער אדיוטאנט.

— איז אמת, אז מען האט זיך אונטערגעבען און עס ווערט שלום? האט נעסוויצקי געפרעגט.

— איך פרעג ביי אייך. איך וויים נאָר אז איך האב זיך קוים דערקליבען צו אייך.

— א שרעק! האט נעסוויצקי געזאָגט. איך בין זיך מודה, אז אומזיסט האָבען מיר געלאכט פון מאק'ן, מיר וועלען אָבשניידען נאך ערגער.

— וואו איז דיא הויפּט־קווארטיר?

— מיר וועלען נעכטיגען אין צנאים.

— און וואס טהוט דאָ דער אָבערפעלדהעררי? האט אנדריי געפרעגט.

— איך פערשטעה גאָר ניט, האט נעסוויצקי געזאָגט.

— איך וויים נאָר איין זאך, אז אלץ איז אבשיילין, אבשיילין, אבשיילין, האט אנדריי געזאָגט און איז אוועק צום הויז, וואו דער אָבער־פעלדהעררר איז געשטאַנען.

נעבען שטיבעל זיינען געשטאַנען אויסגעמאַטערטע פערד פון דער סוויטע און קאַזאַקען האָבען גערעדט אין דער הויף. אנדריי איז אריין אין פאָרהויז. קוטוזאָוו אליין איז געווען אין שטוב נופא צוזאמען מיט פירסט באגראַטאָן איין עסטרייכישען גענעראל. אין פאָרהויז איז קאזלאָווסקי געזעסען אויף דיא שפּיץ פינגער. דיא פּאָ־נים פון ראָק פערקאַסערט און האָט אין דער גיך דיקטירט צו א שרייבער. דער שרייבער האט געשריבען אויפ'ן דעק פון אן איבערגעקעהרטער פעסיל. קאזלאָווסקי'ס געזיכט איז געווען אויסגעמאַטערט, עס איז געווען קענטיג, אז ער האט דיא גאנצע נאכט ניט געשלאָפען.

אנדריי האט עפעס געפרעגט ביי קאזלאווסקי׳ן.

— באלד, פירסט, האט קאזלאווסקי געענטפערט און האט דיקטירט ווייטער.

— אונטערגענעבען? האט אנדריי ווידער געפרעגט.

— ניין, א בעפעהל ארויסצוטרעטען אין קאמפף.

פירסט אנדריי איז צוגעגאנגען צו דער טהיר פון וואנען עס האבען זיך געהערט די קולות. נאר אין דער מינוט ווען ער האט געוואלט עפענען דיא טהיר, זיינען די שטימען אין שטוב אנשווייגען געווארען און דיא טהיר האט זיך געעפענט און אויפ׳ן שוועל האט זיך בעוויזען קוטאזאוו. פירסט אנדריי איז געשטאנען גלייך אנטקעגען איהם, נאר עס איז געווען צו זעהן, אז ער איז אזוי פערקלערט און פערזארגט, אז ער זעהט נים, וואס עס טהוט זיך פאר איהם, ער האט געקוקט אנדרייען גלייך אין געזיכט און האט איהם נים דערקענט.

— געענדיגט? האט ער זיך געווענדט צו קאזלאווסקי׳ן.

— גלייך, אייער עקסעלענץ.

באגראטיאן, נים קיין הויכער, מיט א פעסטע, אונבעוועגטע אריענטאלישע גע־זיכט איז ארויס נאך איהם.

— איך האב דיא עהרע צו מעלדען זיך האט אנדריי געזאגט אין דער הויך, דערלאנגענדיג א קאנווערט.

— א! פון ויען? גוט. שפעטער, שפעטער!

קוטוזאוו איז ארויס מיט באגראטיאן אויפ׳ן גאניק.

— נו, פירסט, לעבעווארט, האט קוטוזאוו געזאגט. גאט זאל דיר העלפען. איך גיב דיר מיין ברכה צו א גרויסען טהאט.

קוטוזאוו׳ס געזיכט איז ווייך געווארען און טרערען האבען זיך געוויזען אין זיינע אויגען. ער האט מיט דער לינקער האנד צוגעצויגען צו זיך באגראטיאנען און מיט דער רעכטער איבערגע׳צלמ׳ט איהם און אונטערגעשטעלט זיין ווייכע באקע, נאר באגראטיאן האט איהם א קוש געטהאן אין האלדז.

— זאל דיר גאט ביישטעהן! האט ער געזאגט און איז צוגעגאנגען צו זיין קארע־טע. זעץ זיך מיט מיר! האט ער זיך געווענדעט צו באלקאנסקי׳ן.

— איך וואלט וועלען זיין ניצליך דא, אייער האהע עקסעלענץ, האט אנדריי געזאגט. ערלויבט מיר צו פערבלייבען אין באגראטיאנ׳ס רעגימענט.

— זעץ זיך, האט קוטוזאוו געזאגט, גוטע אפיציערען וועלען מיר אליין נויטהיג, מיר אליין.

די האָבען זיך אריינגעזעצט אין קאַרעטקע און זיינען עטליכע מינוט געפאָהרען שטיל.

— עס שטעהט נאָך פאַר גענוג, גענוג, האָט קוטוזאָוו געזאָגט. ווען פון זיין רעגי־מענט זאָל מאָרגען נאָר קומען צוריק איין צעהנטער, וועל איך גאָט דאנקען.

אנדריי האט ניט ווילענדיג א קוק געטאָן אויפ'ן שראם, וואָס איז געווען ביי קוטוזאָוו'ן אויפ'ן שלייף פון א טירקישען קויל, וואָס איז איהם אריין אין קאָפּ און בלינד געמאַכט אויף איין אויג, און האט געזאָגט צו זיך: „יא, ער האָט רעכט אַזוי רוהיג צו ריידען וועגען דער פערניכטונג פון אזוי פיעל מענשען".

— און דארום בעט איך, איהר זאָלט מיך אָבשיקען אין דיזען רעגימענט, האָט אנדריי געזאָ

קוטוזאָוו האָט ניט געענטפערט. ער האָט שוין פערגעסען, וויא עס האָט געשיינט, וועגען דעם, וואָס ער האט געזאָגט און איז געזעסען פערקלערט. אין א פינף מינוט ארום האט ער זיך געווענדעט צו אנדרייען. אויף זיין געזיכט איז שוין ניט פערבליבען קיין צייכען פון אונרוהיגקייט. ער האָט מיט א קוים בעמערקבארע איראָניע נאָכגעפרעגט דיא איינצעלהייטען פון דער אודיענץ מיט'ן קייזער און וועגען בעקאנטע פרויענצימער.

XI.

קוטוזאָוו האָט דעם ערסטען נאָוועמבער בעקומען פון זיין שפּיאָן א נאַכריכט, וועלכע האָט געשטעלט זיין ארמיע אין א קריטישע לאגע. דער שפּיאָן האט געמעלדעט, אַז א גרויסע ארמיע פראנצויזען איז אריבער דעם וויענער בריק און געהט אָבהאקען קוטוזאָוו'ס ארמיע פון דיא פרישע חיל, וואָס געהט איהר צו הילף פון רוסלאנד. ווען קוטוזאָוו זאָל בעשליסען צו פערבלייבען אין קרעמס, וואָלט נאפּאָלעאָנ'ס אונגעהייערע ארמיע פון הונדערט פופציג טויזענד מאן ארומגערינגעלט זיין קליינע אויסגעמאטערטע ארמיע פון פיערציג טויזענד מאן און ער וואלט זיך געפונען אין דער זעלבער לאגע וואס מאק. און ווען ער זאל זיך אראָבנעהמען פון דעם וועג, וואָס האָט געפיהרט צו דעם פונקט, וואו ער האָט זיך געקענט פעראייניגען מיט דיא חיל וואָס געהט איהם צו הילף פון רוסלאנד, וואלט ער בעדארפט אָהן א וועג אריין אין א פרעמדע געגענד פון די באָהעמישע בערג, פערפאָלגט פון א פיינד מיט מעהר קרעפטען. און ווען קוטוזאָוו זאָל זיך בעשליסען אָבצוטרעטען פון קרעמס נאָך אָלמיוץ און אויף אזא אופן האָבען נאָך פאר זיך דעם וועג, וואָס האָט איהם געזעגנט ברענגען צו דיא חיל וואָס איז איהם געגאנגען צו הילף פון רוסלאנד, האָט ער

ריזיקירט, אז דיא פראנצויזען זאָלען דעם וועג ניט פערכאפּען און ער זאָל דארפען אריינטרעטען אין קאמפף מיט א מעכטיגערען פיינד, וועלכער רינגעלט איהם ארום פון צוויי זייטען און זיין געצוואונגען צו פיהרען דעם קאמפף אין דעם פעלדצוג. קרטוזאָוו האָט אויסגעקליעבען דעם לעצטען וועג.

וויא דער שפּיאָן האָט געמעלדעט, האָבען די פראנצויזען זיך געאיילט נאָך צנאים, וואָס האָט זיך געפונען א הונדערט ווערסט פון קוטוזאָוו'ן. ווען קוטוזאָוו'ן זאָל געלינגען אָנצוקומען אין צנאים פאר דיא פראנצויזען, וואָלט געהייסען קריגען א גרעסערע האָפנונג, אז דיא ארמיע זאָל זיין גערעטעט נאָר אויב דיא פראנצויזען זאָלען אוספייען אָנצוקומען פריהער אין צנאים וואָלט בעדייטעט א פערניכטונג פון דער גאנצער קוטוזאָוו'ס ארמיע אָדער אן אָבשניט וויא מאק האָט געהאט. נאָר אָנצוקומען מיט דער גאנצער ארמיע פאר דיא פראנצויזען אין צנאים איז געווען אונמעגליך. דער וועג פון וויען נאָך צנאים איז געווען א קירצערער און א בעסערער אָלס דער וועג וואָס דיא רוסישע האָבען געדארפט געהן פון קרעמס נאָך צנאים.

אין דער נאכט ווען קוטוזאָוו האט בעקומען די נאכריכט, האָט ער אוועקגעשיקט באגראטיאנ'ס אוואנגארד פון פיער טויזענד מאן מיט דעם קרעמס־צנאימער וועג צום וויען־צנאימער וועג. באגראטיאן האט געמוזט אהן אן אָבשטעל מאכען דעם וועג און שטעלען זיך מיט'ן געזיכט צו וויען און מיט'ן הינטען צו צנאים. און ווען איהם געלינגט אָנצוקומען פאר דיא פראנצויזען, זאָל ער זיי זעהען פערהאלטען, וויא לאנג ער וועט נאָר קענען. און קוטוזאָוו מיט דיא גאנצע משא האט זיך גערירט אין וועג צו צנאים.

דורכגעהענדיג איבער בערג מיט הונגעריגע און באָרפוסע סאָלדאטען אין א ווינטיגע נאכט פינף און פיערציג ווערסט, איבערלאָזענדיג אויפ'ן וועג א דריטעל סאָלדאטען, וואס האבען ניט געקענט אזוי גיך מיטגעהן, איז באגראטיאן אָנגעקומען אויפ'ן וויען־צנאימער וועג מיט עטליכע שעה פריהער פון די פראנצויזען, וואָס זיינען אהער נעגאנגען פון וויען. ביי קוטוזאָוו'ן האָט נאָך געדארפט געדויערן א גאנצער מעת לעת אום אָנצוקומען אין צנאים, און דעריבער האט באגראטיאן, אום צו רעטען דיא ארמיע, געדארפט מיט פיער טויזענד אויסגעהונגערטע און אויסגעמוטשעטע סאָלדאטען אָבהאלטען א גאנצען מעת לעת דעם פיינד'ס ארמיע, וואָס האָט זיך דאָ מיט איהם בעגעגענט. דאָס איז געווען אַ'ן אונמעגליכע זאך. נאָר דער זעלטזאמער שיקזאל האט געמאכט פון אונמעגליך מעגליך.

דעם וויענער בריק, וואָס איז געווען גענומען זייען דיא פראנצויזען אריבער

דורך א בעטרוג און האבען ניט געדארפט פיהרען קיין קאמפף. דער רפאלג פון יענעם בעטרוג איז געווען, מיט איצט ערוועקט מאט'ן ער זאל ברויכען נאך אזא בעטרוג מיט קוטוזאוו. מוראט האט אנגענומען באגראטיאנ'ס שוואכען אוואנגארד פאר די גאנצע רוסישע ארמיע. אום זיכער צו דערשטיקען די ארמיע, האט ער געוואלט אבווארטען די פראנצויזישע חיל וואס איז ווייטער געבליבען אויף'ן וועג און מיט דעם צוועק האט ער פארגעשלאגען באגראטיאנען א וואפען־רוהע אויף דריי טעג, מיט די בעדינגונג, אז ניט דיא רוסישע און ניט פראנצויזישע סאלדאטען זאלען זיך ביז דאן ניט ריהרען פון ארט. מ'האט איהם פערזיכערט, אז עס גייען שוין פערהאנדלונגען וועגען א שלום און ער זעהט ניט איין פאר וואס זאל מען אומזיסט פערגיסען בלוט. באגראטיאן האט געענטפערט, אז ער האט ניט דאס רעכט אנצונעהמען אדער ניט אנצונעהמען א וואפען־רוהע און האט אוועקגעשיקט זיין אדיוטאנט צו קוטוזאוו'ן.

א וואפענרוהע איז פאר קוטוזאוון געווען דער איינציגער מיטעל צו געווינען צייט געבען באגראטיאנ'ס סאלדאטען צייט צו אפרוהען און דורכצולאזען די משא פון דער ארמיע (דאס איז געטהאן געווארען אין דער שטיל אז דיא פראנצויזען זאלען דאס ניט בעמערקען) כאטש איין איבריגען דורכגאנג צו צנאים. דיעזער פארשלאג איז געווען דער איינציגער מיטעל צו רעטען דיא ארמעי. ווי קוטוזאוו האט ערהאלטען דיעזע נאכריכט, האט ער גלייך אוועקגעשיקט צום פיינד דעם גענעראל אדיוטאנט ווינצענגעראדע וועלכער האט ניט נאר געדארפט אננעהמען דעם פארשלאג פון וואפען־שטילשטאנד, זאנדערן אויך פארצושלאגען בעדינגונגען פון אונטערגעבען זיך, און דערווייל האט קוטוזאוו צוגעשיקט זיינע אדיוטאנטען זיי זאלען צואיילען די בעוועגונג פון דער ארמיע און פון דער משא צו צנאים. באגראטיאן מיט זיינע סאלדאטען האט געדארפט פערשטעלען דיזע בעוועגונג פון דער גאנצער ארמעי און בלייבען אליין אונבעוועגט אנטקעגען דעם פיינד וואס איז געווען אכט מאל שטארקער פון איהם.

מוראט האט באלד אויסגעפונען דעם פעהלער וואס ער האט געמאכט. ווי נאפאלעאן, וועלכער האט זיך געפונען 25 ווערסט ווייט פון איהם, האט בעקומען דעם בעריכט וועגען וואפענשטילשטאנד און דעם פראעקט וועגען אונטערגעבען זיך, האט ער גלייך דערזעהן דעם בעטרוג און האט אנגעשריבען צו מוראט'ן זעהר א שטרענגען בריעף און האט איהם געהייסען צושלאגען דיא רוסישע ארמיע און צונעהמען איהר ארטילעריע.

נאפאלעאנ׳ס אדיוטאנט איז געפלוינגען רייטענדיג מיט ארע בחות צו מוראט׳ן מיט דיזען בייזען בריעף. נאפאלעאן אליין, ניט פערלאזענדיג זיך אויף זיינע געגערא־לען, האט זיך מיט דער גאנצער גווארדיע גערוקט צום קאמפף-פעלד, מורא האבענדיג, אז פון זיינע הענד זאל ניט אנטלויפען א פארטיגער אפפער, און באגראטיאנ׳ס פיער-טויזעדיגע אבטהיילונג סאלדאטען האט געמאכט פייער׳ן אויפ׳ן פעלד, האט זיך געווארעמט און געטריקענט און דאס ערסטע מאל נאך דריי טעג געקאכט א קאשע און קיינער האט ניט געוואוסט און געדענקט, וואס איהר שטעהט פאר.

XII

ארום פיער א זייגער נאך האלבען טאג האט אנדריי אויסגעפירט וואס ער האט געוואלט און קוטוזאוו האט איהם אבגעשיקט צו באגראטיאן. באנאפארטע׳ס אדיו־טאנט איז נאך ניט אנגעקומען מיט דעם בייזען בריעף צו מוראטן, און דער קאמפף האט זיך נאך ניט אנגעהויבען.

וויסענדיג אז באלקאנסקי איז א בעליעבטער אדיוטאנט, האט איהם באגרא־טיאן צוגענומען מיט א בעזאנדערע אויסצייכנונג און האט איהם ערקלערט, אז היינט אדער מארגען וועט וואהרשיינליך זיין א געשלעג און האט איהם געגעבען די פולע פרייהייט צו געפינען זיך נעבען איהם אין דער צייט פון דעם קאמפף אדער צו זיין אין דיא לעצטע רייהען און אבטונג געבען אויף דער ארדנונג, ווען מען וועט דארפען צוריקטרעטען, „וואס איז אויך זעהר וויכטיג".

— איבריגענס, היינטיגעס טאג וועט נאך אריבערגעהן רוהיג, האט באגרא־טיאן געזאגט, וויא בערוהיגענדיג אנדרייען.

— אויב ער איז איינער פון יענע פראנטלאך, וואס דרייהען זיך ארום אין שטאב אום צו בעקומען א׳ן ארדען, וועט ער דעם ארדען בעקומען, ווען ער וועט אפילו זיין אין דיא לעצטע רייהען, און אויב ער וויל זיין נעבען מיר זאל ער זיין.... ער וועט צו נוטץ קומען, אויב ער איז א מוטהיגער אפיציער, האט באגראטיאן געטראכט.

אנדריי האט גאר ניט געענטפערט, ער האט נאר געבעטען דיא ערלויבניס צו בעקוקען דיא פאזיציאן און אויסגעפינען וויא דיא סאלדאטען זיינען אויסגעשטעלט, אום צו וויסען, וויא זיך צו ווענדען, ווען מען וועט איהם מיט עפעס בעאויפטראגען. דער דעזשורירענדער אפיציער, א פיינער מאנספערזאן מראנטיש אנגעטאהן, האט זיך ארויסגערופען צו פאהרען בעגלייטען אנדרייען.

פון אלע זייטען האבע זיך גנזעהען דורכגעווייקטע אפיצירען מיט טרויערינע געזיכטער, וואס האבען וויא געזוכט עפעס און סאלדאטען וואס האבען געשלעפט פון דארף טהירען, בײנק און פלעקער.

— דיא קאמאנדירען צולאזען זיי, האט דער דעזשורירענדער אפיציער געזאגט. אט דא קלייבען זיי זיך צונויף און זיטצען, האט ער געזאגט, ווייזענדיג אויף א געצעלט פון דעם מארקיטאנט. היינט אין דער פריה האב איך זיי פון דאנען ארויסגעטריבען און איצט איז דא ווייטער פול. מען דארף זיי א שרעק טאן. איין מינוט נאר.

— איך וועל אויך צופאהרען און וועל נעמען א בולקע און קעז האט אנדריי געזאגט.

— פאר וואס האט איהר, פירסט, פריהער ניט געזאגט. איך וואלט אייך עפעס אנגעבאטען צום עסען.

זיי זיינען אראפ פון דיא פערד און זיינען אריין אין דעם געצעלט פון דעם מאר־קיטאנט. עטליכע אפיצירען זיינען געזעסען ארום דיא טישען און האבען געגעסען און געטרונקען.

— נו, זאגט אליין, מיינע העררן, האט זיך דער שטאב - אפיציער געווענדעט מיט פארוואורף. מען קען אזוי ניט, דער פירסט האט פערבאטען. נו אט זייט איהר, האט ער זיך געווענדט צו א נידריגען, מאגערען און פערשמוציגטען אפיציר פון אר־טילעריע, וועלכע איז געשטאנען אין איילע זאקען (די שטיוועל האט ער אבגעגעבען דעם מארקיטאנט צום טריקענען) אהן שטיוועל.— ווי איז אייך דאס ניט מאוס, קא־פיטאן טושין? איהר אלס ארטילעריסט האט בעדארפט געבען א ביישפיעל פאר אנדערע אום צום סוף שטעהט איהר אהן שטיוועל. מען וועט געבען א סיגנאל או איהר וועט א בארפוסער זיין זעהר שיין. איך בעט אייך, מיינע הערען, געהט צו אייערע ערטער.

פירסט אנדריי האט ניט ווילענדיג א שמייכעל געטאן, קוקענדיג אויפ'ן שטאבס־קאפיטאן טושין. איבערשטעלענדיג זיך פון איין בארפוס'ען פוס אויפ'ן צווייטען, האט ער מיט זיינע קלוגע און גוטע אויגען געקוקט דא אויף אנדרייען און דא אויפ'ן דעזשורירענדען אפיציער. ער האט געוואלט זאגען אן המצאה, נאר דיא המצאה איז ניט ארויסגעקומען און ער האט זיך פערלאדען.

— געהט צו אייערע ערטער, האט נאך א מאל געזאגט דער אפיציער און איז מיט אנדרייען ארויסגעגאנגען.

זיי האָבען זיך ארויפגעזעצט אויף דיא פערד און זיינען אוועקגעפאָהרען ווייטער.

ארויספאָהרענדיג פון דאָרף, האבען זיי דערזעהן, וויא דיא סאָלדאטען מאַכען א בעפעסטיגונג. עטליכע באטאליאָנען סאָלדאטען אין איינע העמדער ניט קוקענדיג אויף די קעלט האבען זיך דאָ ארומגעדרייט ווי ווייסע מוראשקעס. פון אונטער דעם ערדוואל האבען זיך אָהן אויפהער גשאָטען רידלען ליים זיי זיינען צוגעפאָהרען צו דער בעפעסטיגונג, האבען איהר בעקוקט און זיינען אוועקגעפאהרען ווייטער.

— דאָ שטעהט אונזער באטאריי, האָט דער אָפיציער געזאָגט, ווייזענדיג אויף א הויכען פונקט. דער קאפיטאן פון דיזער באטארייע איז דער זעלבינער, וועלכען מיר האָבען פריהער געזעהען אָהן שטיוועל. נאָמיר צופאָהרען אהער, פירסט, פון דאָנען זעהט מען אלץ.

— איך דאנק אייך, האט אנדריי געזאָגט, איצט וועל איך פאָהרען אליין.

וואָס עהנ[illegible]ר ער איז צוגעפאָהרען צום פיינד, איז אַלץ מעהר אָרדנונג געווען צווישען די סאָלדאטען און אלץ פרייליכער האבען זיי אויסגעזעהן. דאָ האט מען גע־רעדט און געלאכט, זיצענדיג ביי פערנאנדער־געלייגטע פייערען. אנדערע האָבען גע־טריקענט זייערע קליידער, העמדער, אנדערע האָבען געלאָטעט דיא שינעלע און פעררייכט די שיך. אין האָטע האָט פארטיג געמאכט דעם מיטאָג און דיא סאָל־דאטען האבען געוואַרט מיט זשעדנע פנים'ער, ביז דער אָפיציר וועט פערזוכען דאָס עסען און ווידער אנדערע האָבען ערגעץ געקראָגען א פעסל בראָנפען און דער פעלד־פעבעל האָט יעדען אויסגעטהיילט צו גלעזעל.

צופאָהרענדיג צו דער ערסטע רייהע האָט פירסט אנדריי געזעהן, אז אונזער קיים און זייערע האָבען זיך געפונען ווייט איינע פון דער אנדערע אויף רעכטען און לינ־קען פליגעל פון דער ארמעע. נאָר וואו ער איז איצט געשטאנען, האָבען זיי זיך גע־פונען אזוי נאָהענט, אז מען האָט געקענט זעהען איינער דעם צווייטענס געזיכט און דורכריידען זיך צווישען זיך.

אבוואָהל עס איז געווען פערבאָטען צו צוגעהן צום קיים, זיינען אהער פון אין דער פריה געקומען נייגיעריגע און האָבען אָנגעקוקט דעם פיינד. אנדריי האָט זיך דאָ אָבגעשטעלט און האָט בעקוקט דיא פראנצויזען.

— זעה, זעה, האָט איין סאָלדאט געזאָגט צום צווייטען, ווייזענדיג אויף א רו־סישען מושקאטיר־סאָלדאט, וועלכער איז מיט זיין אָפיציער צוגעקומען צום קיים און האָט עפּעס ווארעם געגעדט מיט א פראנצויזישען גרענאדיר — זעה, וויא פלינק ער פלאפּלט! דער פראנצויז קען איהם ניט נאָכהאלטען. נו, סידאָראָוו, וויז וואָס דו

קענסט!

— ווארט, אייל נים. זעהסט, ווי פלינקן האט געענטפערט סידאראוו, וועלכער האט זיך גערעכענט פאר א בריה צו ריידען פראנצויזיש.

דער מושקאטיר־סאלדאט וואס האט אזוי פלינק גערעדט מיט דיא פראנצויזען איז געווען דאלאכאוו. אנדריי האט איהם דערקענט און האט זיך צוגעהערט צו זיין געשפרעך. זיי האבען גערעט ווענען דער מלחמה. דער פראנצויז האט פערמישט די רוסישע אויף דיא עסטרייכישע און האט געזאגט, אז דיא רוסישע האבען זיך שוין אונטערגעגעבען אין אולם. דאלאכאוו האט געזאגט, אז דיא רוסישע האבען זיך נים נור נים אונטערגעגעבען, זאנדערען האבען געשלאגען דיא פראנצויזען.

דיא פראנצויזען האבען זיך צולאכט.

— מען וועט אייך נאך מאכען צום טאנצען, אזוי וויא איהר האט געטאנצט פאר סואוואראוו'ן, האט דאלאכאוו געזאגט.

— וואס זינגט ער דארטען? האט געפרעגט א פראנצויז.

— אן אלטע געשיכטע, האט געענטפערט א צווייטער, וועלכער האט פערשטאנען, אז דאלאכאוו גיט אנצוהערענים ווענען פערגאנגענע מלחמות. אונזער קייזער וועט אייער סואוואר'ן אנלערנען אזוי וויא ער האט אנדערע אנגעלערנט....

— באנאפארטע ... האט דאלאכאוו אנגעהויבען, נאר דער פראנצויז האט איהם איבערגעשלאגען.

— ניטא קיין באנאפארטע. א קייזער איז פאראן! צום שווארץ יאהר!.... האט דער פראנצ' וויז אויסגעשריען בייז.

— א שווארץ־יאהר אויף אייער קייזער! האט דאלאכאוו געזאגט און האט געמאכט א רוסישען מי שברך און איז אבגעטראטען פון דער קיים.

— קומט! האט ער געזאגט צו זיין אפיציר.

— אט דאס הייסט פראנצויז! האבען דיא רוסישע סאלדאטען גערעדט. איצט, סידאראוו, וויז, וואס דו קענסט.

סידאראוו האט זיך געווענדעט צו דיא פראנצויזען און האט אנגעהויבען צו פלאפלען אין דער גיך אונפערשטענדליכע ווערטער:

— קארי, מאלא, טאפא, סאפי מוטער קאסקא....

— אח - הא - חא! אוח! אוח! האט זיך דערהערט צווישען דיא סאלדאטען א שאס פון א געזונטען און פרייליכען געלעכטער, וואס האט זיך נים ווילענדיג אנגעשטעקט צו דיא פראנצויזען און עס האט אויסגעוויזען, אז נאך דעם האט מען

בעדארפט אויסלאָדען דיא ביקסען און צו נעהן זיך א חיים. נאָר דיא ביקסען זיינען געבליבען אָנגעלאָדען און דיא הארמאטען פוןביידע לאַגערע האָבען געקוקט ביזן איינע אויף דיא אנדערע.

XIII.

פירסט אנדריי איז ארומגעפאהרען די גאנצע ליניע חיל פון׳ם רעכטען ביזן לינקען פליגעל און האט זיך אויפגעהויבען אויף דער באטאריע פון וואנען, ווי דער דעזשורירענדער אָפיציער האט איהם געזאָגט, מען האט געזעהן דאס גאנצע פעלד. דאָ איז ער אראָב פון פערד און האט זיך אָבגעשטעלט ביי איינעם פון דיא הארמאטען, וואס זיינען דאָ געווען אויסגעשטעלט. פאר דיא הארמאטען איז ארומגעגאנגען א ארטילעריסט אויף דער וואך.

ווירקליך, פון דער באטארייע האט מען געקענט זעהן דאס גאנצע רוסישע חיל און א גרויסען טהייל פון׳ם פיינד. דער רעכטער פליגעל פון דיא רוסישע איז געווע אויסגעשטעלט אויף א משופעדיגען בארג, דארטען זיינען געווען די פעבאטע; לינקס האבען זיך דיא סאָלדאטען צושפרייט ביז א וואלד. דיא ליניע פון דיא פראנצויזען איז געווען ברייטער און עס איז געווען ארויסצוזעהען, אז זיי האבען געקענט בעפאַקען דיא רוסישע פון ביידע זייטען. הינטער דער פאָזיציאָן וואס דיא רוסישע האָבען פערנומען האט זיך דער בארג אראָבגעלאָזט משופעדיג אין א טיפען גרוב, וואס האט געמאכט שווער פאר דער ארטילעריע און קאוואלעריע אָבצוטרעטען.

אנדריי האט זיך אָנגעשפארט אָן אן הארמאט און האט מיט א בלייפעדער פערצייכענט דעם פלאן, ווי דאס חיל איז אויסגעשטעלט. דיא גאנצע צייט וואס ער איז דאָ געשטאנען האָט ער געהערט שטימען פון אפיצירען וואס האָבען געשמועסט אין א געצעלט ניט ווייט פון איהם, נאָר ער האָט ניט פערשטאנען איין וואָרט פון דעם, וואס זיי האָבען גערעדט. נאָר פלוצים האט איהם איבעראשט א שטימע, וואָס האָט גערעדט מיט אזא ערנסטקייט, אז ער האָט ניט ווילענדיג גענומען זי צו הערען.

— ניין, טייבעלע, האָט גערעדט אן אנגענעהמע שטימע און ווא אנדרייען האט אויסגעוויזען א בעקאנטע, — איך זאָג, אז ווען עס זאָל זיין מעגליך צו וויסען, וואס נאָכ׳ן טוידט וועט זיין, וואלט קיינער קיין מורא ניט געהאַט פאר׳ן טוידט.

א צווייטע אינגערע שטימע האָט איהם איבערגעריסען.

— האָב יא מורא, האָב ניט מורא, דאָס איז אלץ איינס, דו וועסט דעם טוידט ניט אויסמיידען.

— און דאך האסטו מורא! עך, איהר געלעהרטע ליט, האט זיך אנגערופען א דריטע שטימע. איהר זייט א טיכעריסטען ן זעהר געלערענט און דאריבער מענט איהר פיהרען מיט זיך אי בראנפען אי פערבייסען... און דער וואס האט געזאגט דיא ווערטער האט זיך צולאכט.

— און דאך שרעקט דאס הארץ, האט פארטגעזעצט דיא ערסטע בעקאנטע שטימע. דו האסט מורא פאר דער אונבעוואוסטקייט. זאגט אייך, וואס איהר ווילט, אז דיא נשמה נעהמט ארויף אויף'ן הימעל, נאר מיר ווייסען דאך, אז קיין הימעל איז נישטא.

— זייט מכבד מיט אייער בראנפען, טושין, האט געזאגט דיא דריטע שטימע.

„א, דאס איז דער זעלבער קאפיטאן, וואס איז געשטאנען אהן שטיוועל ביים מארקיטאנט", האט אנדריי געזאגט צו זיך.

— א ביסעל בראנפען קען מען נעהמען נאר בעגרייפען יענע וועלט.... ער האט ניט דערערעט.

אין דער מינוט האט זיך אין דער לופט דערהערט א פייף; אלץ נעהנטער און לויטער, לויטער און נעהנטער איז דער פייף צוגעקומען, און א קויל האט זיך מיט א געוואלדיגע מאכט א זעץ געטהאן אין דער ערד, ניט ווייט פון דעם געצעלט. דיא ערד האט וויא א קרעכץ געטהאן פון דעם קלאפ. אין דעם אויגענבליק איז פון דעם געצעלט ארויסגעלאפען טושין מיט א פיפקע אין ווינקעל מויל. זיין גוטע און קלוגע געזיכט איז געווען בלייכלאך. נאך איהם איז ארויסגעקומען א פעכאטער אפיציר און האט זיך געלאזט לויפען צו זיין ראטע, פערשפיכענדיג זיך, לויפענדיג.

דער קאמפף האט זיך אנגעהויבען.

נאפאלעאנ'ס אדיוטאנט האט איצט געבראכט דעם בייזען בריעף צו מוראט'ן און וועלענדיג פערגלעטען זיין פעהלער, האט מוראט גלייך געגעבען דעם בעפעהל ארויסצוטרעטען אין קאמפף. האפענדיג צו דערשטיקען דיא קליינע אבטהיילונג רוסישע סאלדאטען, וואס זיינען געשטאנען אנטקעגען איהם ביז אבענד און ביז דער קייזער וועט אנקומען.

דורכפאהרענדיג איצט דורך דיא ראטעס, וואו מען האט פריהער געגעסען קא־שע און געטרונקען בראנפען, האט ער איצט בעמערקט, וויא אלע האבען זיך גע־שווינד בעוועגט און געכאפט זיך פאר דיא ביקסען און אויף אלעמענס געזיכטער איז געווען דער אויסדרוק: „אנגעהויבען! דאס איז שרעקליך און פריילין!"

ניט ווייט פון דער בעפעסטונג האט ער אין דער דונקעלהייט פון א אסענדיגען

פארנאכט דערזעהן רייטער, וואס זיינען געפאָהרען צו איהם אנטקעגען. פאראויס איז געפאָהרען אויף א ווייסען פערד פירסט באגראטיאָן. אנדריי האט זיך אבגעשטעלט און אָבגעוואַרט אויף איהם. פירסט באגראטיאן האט אָבגעהאַלטען דאס פערד און דערקענענדיג אנדרייען, האט ער צו איהם א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאפּ. ער האט אלץ געקוקט פאָרווערטס, וועהרענד אנדריי האט איהם דערצעהלט, וואס ער האט געזעהען.

דער אויסדרוק: „אָנגעהויבען! אט דאס איז עס!" האט זיך זאָגאר געמערקט אויף באגראטיאָן'ס געזונטען און ברוינעם געזיכט, מיט זיינע האלב-פערמאכטע, וויא ניט אויסגעשלאָפענע אויגען.

— גוט, האט באגראטיאָן געזאָגט מיט אזא מין קול, אזוי וויא דאס אלץ, וואס איז איצט פאָרגעקומען און וואס מען האט איהם געזאָגט, איז ווירקליך געווען דאס, וואס ער האט פאָראויס געזעהען. געדעדט האט ער זעהר לאנגזאם, אזוי וויא ער וואָלט מיט דעם וועלען ווייזען, אז עס איז ניטא וואס צו איילען זיך. דאך האט ער זיין פערד א ציה געטאָן און האט גענומען פאָהרען ניכער אין דער ריכטונג צו טושין'ס באטאריע. אנדריי או דיא גאנצע סוויטע זיינען געפאָהרען נאך איהם. אין דער סוויטע האבען זיך געפונען זיינער א פערזענליכער אדיוטאנט, דער דעזשורירענדער שטאב-אָפיציער, זשערקאָוו, א'ן אָרדאָנאנץ און א ציוויל בעאמ־טער, וועלכער האט פון נייגירדע געבעטען דיא ערלויבניס צו פאָהרען אין קאמפף.

— עס ווילט זיך איהם זעהן א מלחמה, האט זשערסאָוו געזאָגט צו באָלקאנסקי'ן, נאָר אונטערן לעפעלע טהוט איהם שוין וועה.

ווען זיי זיינען צוגעפאהרען צו דער באטאריע, איז נעבען זייערע פיס אנידערגע־פאלען א קויל.

— וואס איז דאס געפאלען? האט דער ציוויל - בעאמטער געפרעגט מיט א נאאיווען שמייכעל.

— דאס זיינען דיא פראנצויזען מכבד מיט קאָרושעס, האט זשערקאָוו געזאָגט.

— הייסט עס מיט דעם הרג'עט מען? האט דער בעאמטער געפרעגט. א שרעק! און עס האט אויסגעוויזען, אז ער צוניסט זיך אין גאנצען פון פערגניגען. נאָר קוים האט ער אַרויסגערעדט דאס לעצטע וואָרט, האט זיך דערהערט א שרעק־ליכער פייף און האט זיך פלוצים פערוואנדעלט אין דעם קלאנג, וואס הערט זיך, ווען מען גיט א קלאפּ איבער א שיטערע אָך—א קאזאק וואס איז געפאָהרען היג־טער איהם, איז מיט'ן פערד געפאלען אויף דער ערד. זשערקאָוו און דער שטאב

בעאמטער איז געבליבען שטעהן נעבען קאזאק און האט איהם מיט נייגיערדע בעקוקט. דער קאזאק איז געווען טוידט און דאס פערד איז נאך ניט געווען אין גאנצען דערשאסען.

באנראטיאן האט זיך אומגעקוקט, צו זעהען פאר וואס האט זיך דיא סוויטע אבגעשטעלט, און האט זיך גלייכגילטיג בגעקעהרט, וויא זאגענדיג: לוינט זיך דען אבצושטעלען אויף אזעלכע נאררישקייטען! זיי זיינע צוגעפאהרען צו דער באטארייע, וואו באלקאנסקי איז פריהער געשטאנען.

— ועמעס ראטע איז דאס? האט באנראטיאן געפרעגט ביי דעם פייערווערקער, וואס איז געשטאנען ביי דיא קעסטלאך. אין דער ווירקליכקייט אבער איז זיין פראגע געווען: שרעקט איהר זיך דא ניט? און דער פייערווערקער האט איהר פערשטאנען.

— דעם קאפיטאן טושינ׳ס, אייער עקסעלענץ, האט געענטפערט דער פייערווערקער מיט א פרייליכען קול.

באנראטיאן איז צוגעפאהרען צום הארמאט, וואס איז געשטאנען פון ברעג און פון וואנען עס האט איצט א הילך געטהאן א שאס וועלכער האט פערטויבט אלעמען. טושין האט דעם גענעראל ניט בעמערקט און האט פון אונטער זיין קליינע הענטעל ארויסגעקוקט אין פיינד׳ס לאגער.

— רייס, מעדוועדיעוו! האט ער א געשריי געטאן מיט א דין קולכ׳ל.

באגאראטיאן האט איהם צוגערופען. טושין איז צוגעקומען ציטערנדיג און אונגעלומפערט. איהם האט קיינער ניט געזאגט, וואו ער זאל שיסען און בעראטהענדיג זיך מיט זיין פעלדפעבעל זאכארטשענקא, האט ער בעשלאסען, אז עס וואלט געווען ניט קיין שלעכטע זאך אנצוציגדען דאס דארף, וואס האט זיך געזעהן אנטקעגען און וואו עס האבען זיך בעוועגט גרויסע מאסען פראנצויזען.

— גוט, האט באנראטיאן געזאגט, ווען טושין האט אבגעגעבען דעם ראפארט.

פון דער רעכטער זייט איז געווען דיא גאנצע שיסעריי; באנראטיאן מיט דער סוויטע האבען זיך געלאזט אהין, נאר וויא זיי זיינען אבגעפאהרען פון דער באטארייע, האט זיך אויך דערהערט א שיסעריי פון דעם לינקען פליגעל, און באנראטיאן האט אוועקגעשיקט אהין זשערקאוו׳ן זאגען דעם גענעראל, אז ער זאל אבטרעטען וואס ניבער מיט זיין פאלק הינטערן גרוב, ווייל דער רעכטער פליגעל וועט וואהרשיינליך לאנג ניט קענען געגענשטעהען געגען דעם פיינד.

ווען זיי האָבען זיך אראָבגעלאָזט פון בארג צום רעכטען פליגעל האָט אנדריי בעמערקט, אז דאָ קומט פאָר דער רעכטער קאמפף. א מאָגערער און שוואכער גענעראל, מיט אן אנגענאהמען שמייכעל איז צוגעפאָהרען צו באגראטיאָנען און האָט געמעלדעט, אז דיא פראנצויזישע קאוואלעריע האט אטאקירט זיין פאָלק און ער האט פערלאָרען מעהר וויא א העלפט מענשען פון פאָלק. נאָר דערפאר האט ער דיא אטאקע אָבגעשלאָגען; באגראטיאָן האט א נייג געטאָן מיט׳ן קאָפּ אויף א צייכען, אז ער האט געהאנדעלט גראדע אזוי, וויא ער האָט געוואונשען. ווענדענדיג זיך צום אדיוטאנט, האט באגראטיאָן געהייסען, ער זאָל ברייגגען פון בארג צוויי באטאליאָנען פארביי וועלכע זיי זיינען איצט פארבייגעפאָהרען. אין דער מינוט האט אנדרייען איבערראשט דיא ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין באגראטיאָנען. זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט א קאָנצענטרירענדע ענטשלאָסענהייט; ער האט שוין מעהר ניט געהאט ניט דיא האלב פערמאכטע, ניט־אויסגעשלאָפענע אויגען און ניט דעם געמאכטען טיעפזיניגען אויסזעהן. זיינע קייַלעכדיגע, הארטע שפּארבערישע אויגען האָבען מיט א פעראכטליכקייט געקוקט פאָרווערטס, אָבוואָהל זיינע בעוועגונגען זיינען געבליבען אזוי אויסגעמאָסטען און ראַנגזאם.

ווען דיא צוויי באטאליאָנען זיינען אָנגעקומען, האט ער זיי געהייסען אָבשטעלען זיך און אראָבנעהמען דיא ראנצעס. באגראטיאָן איז צוגעפאָהרען ביז איבער דיא [ע]רשטע רייהען און איז אראבגעקראָכען פון פערד. ער האט פון זיך אראָבגעוואָרפען [ד]ין פעלציל, האט אויסגעגלייכט דיא פיס און א ציה געטאָן דעם ברילעק אויף׳ן [ה]יטעל. פון אונטער׳ן בארג האט זיך געוויזען דער ערשטער צייל פון דיא פראנצויזישע [ס]אלדאטען.

— מיט גאט! האט באגראטיאָן ארויסגערעדט מיט א שטייפען קול און האָט [ג]עמאטערט געהן פאראויס טריט אין טריט מיט דיא סאָלדאטען איבער׳ן ניט [ג]לייכען פעלד.

שוין נאָהענט זיינען צוגעקומען דיא פראנצויזען; פירסט אנדריי, וואָס איז [ג]עגאנגען גלייך מיט באגראטיאָן, האָט שוין געקענט זעהן דיא רויטע עפּאָלעטען [או]ן זאָגאר דיא געזיכטער פון דיא פראנצויזען. באגראטיאָן האָט קיין נייעם בע[פ]עהל ניט געגעבען און איז געגאנגען שטיל פאָראויס. פּלוצים האָט צווישען דיא [פ]ראנצויזען א קלאפּ געטהאָן איין שאָס, א צווייטער א דריטער.... און דורך אלע [א]ונגאנדער געוואָרפענע צייל[ע]ן פון פיינד האָט ארויסגעשפּארט א רויך און עס האָט

אָנגעהויבען צו קנאַקען מיט א שיסערייַ. עטליכע רוסישע סאָלדאַטען זיינען אנידערגעפאַלען, נאָר אין דעם אויגענבליק, ווען דער ערשטער שאָס האָט זיך דערהערט, האָט זיך באַגראַטיאָן ארומגעקוקט און אויסגעשריען: הוראַ!

— הור־ר־אַ אַ־אַ! האָט זיך דערהערט א לאַנגער געשריי איבער דער גאַנצער ליניע פון דיא רוסישע סאָלדאַטען, און איבעריאָגענדיג באַגראַטיאָנען און איינער דעם צווייטען, האָבען זיי זיך לעבעדיג און פריילִיך, אראָבגעלאָזט אונטערן באַרג אויף דיא פראַנצויזען.

XVII.

דער אָנפאַל פון דיא צוויי באַטאַליאָנען אויף דיא פראַנצויזען האָט זיכער געמאַכט דאָס צוריקציהען זיך פון דעם רעכטען פליגעל. פון צענטר, וואו טושין'ס באַטאַרייע האָט זיך געפונען, איז אויסגעקומען צוריקצוציהען זיך דורך א גרוב. דאָס חיל האָט זיך צוריקגעצויגען פון דאַנען אין אייַלעניש און מיט א געפילדער, דאָך האָבען זיך דיא רעגימענטען ניט צומישט. טושינען איז געלונגען אָנצוצינדען דאָס דאָרף און דאָס האָט אָבגעהאַלטען דיא בעוועגונג פון דיא פראַנצויזען. זיי האָבען געהאַט צו לעשען דאָס פייער און דערווייַלע האָבען זיי געגעבען צייט אָבצוטרעטען. נאָר געליטען האָט שטאַרק דער לינקער פליגעל.

באַגראַטיאָן האָט אוועקגעשיקט זשערקאָוו'ן צום גענעראַל פון דעם לינקען פליגעל מיט א בעפעהל גלייך אָבצוטרעטען און כאָטש זשערקאָוו האָט אָנפאַנגס העלדיש א טריב געטהאָן זיין פערד, האָבען איהם אָבער דיא כחות באַלד פערלאָזען און אויף איהם איז אָנגעפאַלען א שרעק און ער האָט ניט געקענט פאָהרען אַהין, וואו עס איז געווען געפעהרליך.

צוקומענדיג צו דיא חיל פון דעם לינקען פליגעל, איז ער ניט געפאָהרען צו דיא ערשטע רייהען, וואו עס איז געווען א שיסעניש, זאָנדערען ער האָט גענומען זוכען דעם גענעראַל אין אַזעלכע פלעצער, וואו ער האָט ניט געקענט זיין און דעריבער האָט ער דעם בעפעהל ניט איבערגעגעבען.

קאָמאַנדירען מיט'ן לינקען פליגעל האָט געדאַרפט דער קאָמאַנדיר פון יענעם פאָלק, וואו דאָלאָכאָוו האָט געדיענט, נאָר אויף א געוויסען טהייל פון דעם פליגעל האָט געהאַט צו זאָגען דער קאָמאַנדיר פון דעם פּאַוולאָגראַדסקען פאָלק, וואו עס האָט געדיענט ראָסטאָוו. דיעזע ביידע קאָמאַנדירען זיינען געווען צורייצט איינער געגען דעם צווייטען און וועהרענד דיא פראַנצויזען האָבען זיך שוין אָנגעהויבען צו צורוקען זיך, האָבען דיא ביידע קאָמאַנדירען געהאַט נאָר אין

ויתען איינער דעם צווייטען צו בעליידיגען.

דער קריעג צווישען דיא קאמאנדירען, (איינער האט געזאגט, אז מען זאל אב־טרעטען און דער צווייטער אז מען זאל אטאקירען) האט אנגעהאלטען אזוי לאנג, ביז דיא פראנצויזען האבען זיי אבגעשניטען דעם וועג און די רוסישע האבען געמוזט אטאקירען, אום צו מאכען פאר זיך א וועג.

דער עסקאדראן, וואו ראסטאוו האט געדיענט, איז געשטאנען מיט'ן געזיכט צום פיינד. דער קאמאנדיר האט געגעבען א בעפעהל און אלע האבען ארויסגעצויגען דיא שווערדען, נאר קיינער האט זיך נאך ניט געריהרט. דיא סאלדאטען, סיי דיא קאוואלעריע און סיי דיא פעכאטע, האבען געפיהלט אז דיא קאמאנדירען אליין ווייסען ניט וואס צו טאן און זיי אליין זיינען אויך געווארען אונענטשלאסען.

— ניכער, גיכער זאל דאס זיין, האט ראסטאוו געטראכט, פיהלענדיג, אז ענד־ליך איז אנגעקומען דיא צייט פון אטאקירען, וועגען וואס ער האט זיך אנגעהערט פון דיא חברים, דיא הוזארען, אזוי פיעל.

— מארש! האט זיך דערהערט דעניסאוו'ס שטימע.

אין דער ערסטער רייהע האבען זיך א ריהר געטאן דיא פערד. ראסטאוו'ס פערד האט זיך אליין א ציה געטאן.

רעכטס האט ראסטאוו געזעהען דיא ערסטע רייהען פון דיא הוזארען און פאר־אויס האט זיך נאר געזעהען א שווארצער פאס, וועלכען ער האט אנגענומען פאר'ן פיינד. א שיסעריי האט זיך נעהערט אבער פון דער ווייטענס.

— ניכער! האט זיך דערהערט א בעפעהל, און ראסטאוו האט דערפיהלט, וויא זיין פערד לאזט זיך מיט א גאלאפ. איהם איז געווארען אלץ פרייליכער און פריילי־כער. זיי זיינען דורכגעגאנגען יענעם שווארצען פאס און דא איז ניט נאר קיין זאך שרעקליכער ניט געווען, זאנדערן עס איז געווארן לעבעדינער און פרייליכער. „אח, ווער איך איהם א האק טהאן" האט ער געטראכט, דריקענדיג פעסטער דאס הענטעל פון דעם שווערד.

— הור־ר־א! האבען זיך דערהערט קולות.

„נו זאל זיך מיר איצט ווער טרעפען אויפ'ן וועג", האט ראסטאוו געטראכט, אנטרייבענדיג זיין פערד מיט דיא שפארען און איבעריאגענדיג דיא אנדערע, האט ער געלאזט דאס פערד לויפען, וויא דיא פיס האבען איהם געטראגען. אנטקעגען האט זיך שוין געזעהן דער פיינד. פלוצים האט עפעס וויא מיט א ברייטען בעזים א שמיץ געטהאן איבערן עסקאדראן. ראסטאוו האט אויפגעהויבען דעם שווערד.

צינדרייטענדיג זיך צו האקען, נאר אין דער מינוט האט ער דערפיהלט, וויא אין שלאף, אז ער טראגט זיך רייטענדיג מיט אן אוננאטירליכער געשווינדקייט און דאך שטעהט ער אויף אן ארט. פון הינטען איז א בעקאנטער הוזאר אפגעשפרונגען אויף יהם און האט אויף איהם א בייזען קוק געטהאן. דער הוזאר האט אבגעקעהרעוועט דאס פערד און איז אוועקגעשפרונגען ווייטער.

„וואס איז דאס? איך ריהר זיך ניט? איך בין אראבגעפאלען, בין דער׳הרג׳עט.... האט ער זיך געפרעגט און געענטפערט אין איין אויגענבליק. ער איז שוין געווען איינער אליין אין מיטן פעלד. אנשטאט די פערד און די רוקענס פון די הוזארען האט ער נאר געזעהן דיא ערד און דיא זאנגען פון פעלד. אונטער זיך האט ער דערפיהלט ווארמע בלוט. ניין, איך בין פערוואונדעט און דאס פערד דערהרגעט. דאס פערד האט זיך געפרובט א הייב טאן אויף דיא פעדערסטע פיס, נאר ער איז אנידערגעפאלען צוריק, צוקוועטשענדיג דעם רייטער׳ס פוס. ביים פערד פון׳ם קאפ האט גערונען בלוט. דאס פערד האט זיך געמאטערט, געמאטערט און האט זיך ניט געקענט אויפהייבען. ראסטאוו האט זיך געוואלט אויפהייבען און איז אויך אנידערגעפאלען, פערטשעפענדיג זיך אן דעם זאטעל. וואו זיינען געווען אונזערע און וואו דיא פראנצויזען, האט ער ניט געוואוסט.

בעפרייענדיג זיין פוס, האט ער זיך אויפגעהויבען. וויא, פון וועלכער זייט איז איצט געווען דער פאס, וואס האט אזוי שארף אבגעטיילט די צוויי לאגערן? „האט עפעס שלעכטעס פאסירט מיט מיר? פאסירען אזעלכע זאכען און וואס דארף מען טאן אין אזעלכע פעלע?״ האט ער זיך געפרעגט, אויפהייבענדיג זיך. אין דער מינוט האט ער דערפילט, אז עפעס איבריגעס הענגט אויף זיין לינקער אבגענומענער האנד. ער האט איהר בעקוקט און געזוכט אויף איהר בלוט נור ער האט נאר ניט געפונען.

„נאר אט זיינען מענשען״ האט ער געזאגט צו זיך, דערזעהנדיג עטליכע מענשען, וואס זיינען געלאפען צו איהם. „זיי וועלען מיר העלפען״. פארויס איז געלאפען איינער אין א מאדנע היטעל און בלויען שינעל, א שווארצער, פערברענטער מיט א האר־בינער נאז. נאך צוויי און נאך פילע זיינען געלאפען פון הינטען. איינער האט עפעס געזאגט ניט אויף רוסיש. צווישען דיא מענשען, וואס האבען זיך געפונען פון הינטען און וואס זיינען געווען פונקט אזוי אנגעטאן וויא דער שווארצער, איז געשטאנען א הוזאר. מען האט איהם געהאלטען אויף דיא הענד און הינטער איהם האט מען געהאלטען זיין פערד.

„דאס איז אונזערער געפאנגען..... יא. וועט מען דען מיך אויך געהמען גע־

פאנגען? וואס זיינען דאס פאר מענשען? האט ראסטאוו געטראכט, ניט גלויבענדיג זיינע אויגען. „זיינען דאס פראנצויזען?“ ער האט געקוקט אויף דיא פראנצויזען, וואס זיינען צוגעקומען נעהענטער צו איהם, און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס מיט עטליכע סעקונדען צוריק איז ער אזוי פרייליך געשפרונגען, אום נור אנצויאגען דיזע פראנצויזען און צוהאקען זיי, האט ער זיך איצט פאר זייער נאהענטקייט אזוי דערשראקען, אז ער האט ניט געוואלט גלויבען זיינע אויגען. „לויפען זיי דאס צו מיר? נאך וואס? דערשלאגען? מ י ך דערשלאגען, מיך, וועמען אלע האבען אזוי ליעב?“ ער האט זיך דערמאנט וויא איהם האט ליעב דיא מוטער, דיא הויז-געזינד, פריינד און איהם האט אויסגעוויזען אונמעגליך, אז דער פיינד זאל איהם וועלען דערהרג'ענען. „און פיליכט יא!“ ער איז מעהר וויא צעהן סעקונדען אזוי געשטאנען ניט ריהרענדיג זיך פון ארט און ניט פערשטעהענדיג זיין לאגע. דער שווארצער פראנצויז, מיט דער הארביגער נאז איז שוין צוגעלאפען אזוי נאהענט, אז מען האט שוין געזעהן דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט. יענעמס צוהיצטע געזיכט האט איהם דערשראקען. ער האט ארויסגעכאפט זיין פיסטאלעט און אנשטאט צו שיסען, האט ער איהם א שליידער געטאן אויפ'ן פראנצויז און אליין האט ער זיך געלאזט לויפען צו די קוסטען מיט אלע זיינע כחות. אין גאנצען איז ער געווען ארומגעכאפט מיט א געפיהל פון שרעק פאר זיין יונג און גליקליך לעבען. ער איז געלאפען אהן אטהעם, זעלטען אומקוקענדיג זיך אהינטער און א קעלט איז איהם איבערגעלאפען איבערן רוקען. דערווייל איז איהם די לינקע האנד געווארען אזוי שווער, אזוי ווי אויף איהר וואלט געהאנגען א משא פון צוויי פוד. ער האט מעהר ניט געקענט לויפען. ער האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהען, אז דער פראנצויז האט זיך אויך אבגעשטעלט און האט זיך גענומען צילעווען. ראסטאוו האט אנגעהויבען צו פינטלען מיט דיא אויגען און האט זיך איינגעבויגען. איין קויל נאכן צווייטען איז פערביינגעלאפען פערביי איהם. ער האט צוזאמענגענומען זיינע לעצטע כחות, געכאפט זיין לינקע האנד מיט דיא רעכטע און איז צוגעלאפען צו דיא קוסטען. אין דיא קוסטען זיינען געווען דיא רוסישע סאלדאטען.

XVIII.

ווען דיא פראנצויזען האבען זיך אזוי אונערווארטעט בעוויזען און האבען אבגעשניטען דיא פעכאטע פון דער קאוואלעריע, האט זיך דיא פעכאטע געלאזט לויפען פון וואלד מיט א ווילדען געשריי.

— אבגעשניטען! מיר זיינען פערפאלען!

דער קאָמאַנדיר האט דערהערט א שיסעריי און דעם ווילדען געשריי און ער האָט פערשטאַנען, אז עפּעס שרעקליכעס איז געשעהן מיט זיין פּאָלק און דער געדאַנק, אז ער האָט אזוי פיעל יאָהרען אָבגעדינט, איז קיין מאָל אין קיין זאַך געווען שולדיג, קען איצט בעשולדיגט ווערן אין אונפּאַרזיכטיגקייט, האָט איהם אזוי איבערראַשט, אז ער האט פערגעסען זיין געגנער דעם צווייטען קאָמאַנדיר, האָט פערגעסען די געפאהר, ארויפגעכאַפּט אויף זיין פערד, האט זיך אונטער א רעגען פון קוילען געלאָזט רייטען צו זיין פּאָלק. ער האָט נאָר געוואָלט איין זאַך ! אויסגעפינען, וואָס איז דער מעהר און פעררייכטען זיין פעהלער, אויב דער פעהלער איז געשעהען פון זיין זייט, צוליעב דעם קריעג מיט'ן צווייטען קאָמאַנדיר.

ער איז גליקליך דורכגעשפּרונגען דורך די פּראָנצויזען, איז ארויס פון וואַלד און האט זיך געלאָזט צום פעלד, איבער וועלכען זיין פּאָלק איז געלאָפען ארונטער דעם בארג. דיא סאָלדאטען האָבען איצט ניט געהערט קיין שום בעפעהל. ניט קוקענדיג, וואָס דעם קאָמאַנדיר'ס געזיכט איז איצט געווען אָנגעגאָסען מיט בלוט, ניט קוקענדיג, וואָס ער האט געשריען מיט א פערצווייפעלטען קול, זיינען דיא סאָלדאטען געלאָפען און געלאָפען, שיסענדיג אין דער לופט.

דער גענעראל איז געבליבען שטיין אין פערצווייפלונג, הוסטענדיג פון זיינע קולות און פון דעם שטויב פון'ם פולווער. איצט איז אלץ פערלאָרען. נאָר אין דער מינוט האָבען די בעפאָלענדע פראָנצויזען פּלוצים זיך געלאָזט לויפען צוריק און אין וואַלד האָבען זיך געוויזען רוסישע סאָלדאטען. דאָס איז געווען די איינציגע ראָטע וואָס איז געבליבען אין אָרדנונג און זיא האָט זיך פערשטעקט אין א גראָבען ביים וואַלד און האָט פּלעצליך אטאקירט די פראַנצויזען. די ראָטע האָט זיך א וואָרף געטהאָן מיט אזעלכע פערצווייפעלטע קולות, מיט אזא ווילדע ענטשלאָסענהייט, אז די פּראָנצויזען האָבען ניט בעדענקטערהייד אוועקגעוואָרפען די געווער און געלאָזט זיך לויפען צוריק. דיא אנטלאָפענע פּעכאָטע האָט זיך אומגעקעהרט צוריק, דיא באטאליאָנען האָבען זיך גיך צונויפגעקליבען.

ווען דער גענעראל האָט געגעבען עפּעס א בעפעהל, איז צו איהם צוגעגאַנגען א סאָלדאט אָהן א היטעל און אָהן דעם ראַנעץ, מיט א פערבונדענעם קאָפּ.

— אייער עקסעלענץ, האט דער סאָלדאט געזאָגט. איך האָב גענומען געפאַנגען א'ן אָפיציר און האָב אָבגעהאַלטען דיא ראָטע. דיא גאַנצע ראָטע קען עדות זאָגען.

דאָס איז געווען דאָלאָכאָוו.

— נוט, נוט, האָט געזאָגט דער קאָמאַנדיר.

XIX.

ווענען טושין'ס באַטאַרייע האָט מען פערגעסען, און ערסט גאָר צום סוף האָט באַגראַטיאָן, הערענדיג אַ שיסעריי פון צענטר, געשיקט אַהין דעם שטאַב־אָפיציר און דערנאָך אַנדרייען מיט'ן בעפעהל, אַז טושין זאָל זיך ציהען צוריק מיט דער באַטאַרייע. דיא סאָלדאַטען, וואָס האָבען בעדאַרפט בעשיצען דיא באַטאַרייע האָבען נאָך גאָר פון אָנפאַנג פון עמיצען געקראָגען אַ בעפעהל אַוועקצוגעהען און זיי זיינען אַוועק נאָר דיא באַטאַרייע איז דיא גאַנצע צייט ניט אָנשווינען געוואָרען און אויב די פראַנצויזען האָבען איהר ניט גענומען, איז דאָס ניט געוועזן דערפאַר, וואָס זיי האָט בשום אופן ניט געקענט איינפאַלען אַז דאָ געפינען זיך פיער אונבעשיצטע האַרמאַטען. אין גענ.נטהייל, נאָך דער ענערגישער ארבייט פון דער באַטאַרייע, האָט דער פיינד גערעכענט, אַז דאָ זיינען קאָנצענטרירט דיא הויפט רוסישע קרעפטען או צוויי מאָל האָט מען דעם פונקט אַטאַקירט און ביידע מאָל האָט דער פיינד געמוזט אָבטרעטען צוריק.

נאָכדעם וויא דעם קאַפּיטאַן טושין איז געלונגען אָנצוצינדען דאָס דאָרף אין דעם פיינד'ס לאַגער, האָבען אַלע האַרמאַטען געקלאַפט אין דער ריכטונג פון דעם פייער. דער ווינד האָט דאָס פייער צוטראָגען ווייטער און די פראַנצויזישע סאָלדאַטען, וואָס זיינען ארויס פון דאָרף האָבען זיך געמוזט אומקעהרען צוריק און דער פיינד האָט אַוועק געשטעלט רעכטס פון דאָרף צעהן האַרמאַטען און האָט גענומען קלאַפען אויף טושינס באַטאַרייע.

צוליעב דיא קינדערשער פרייד, וואָס דאָס פייער האָט ארויסגערופען האָבען דיא אַרטעלעריסטען דערזעהן דעם פיינדס באַטאַרייע נאָר דאַן, ווען צוויי קאַנאָנען קוגלען און גלייך נאָך זיי אַנדערע פיער האָבען אַ קלאַפּ געטהאָן צווישען דיא האַרמאַטען. צוויי פערד זיינען געפאַלען, ביי איין אַרטילעריסט האָט אָבגעריסען אַ פוס, נאָר דיא מונטערקייט, וואָס האָט דאָ געהערשט ביז איצט, איז דערפון ניט געמינדערט געוואָרען. דיא פערד זיינען פערביטען געוואָרן מיט אַנדערע, דיא פערוואונדעטע האָט מען אָבגעפיהרט אין אַ זייט און דיא פיער האַרמאַטען זיינען אָנגעשטעלט געוואָרען גענגען יענע צעהן.

דער קליינער טושין איז אַלע ווייַע ארויסגעשפרונגען פאָראויס, האָט צוגעשטעלט זיין קליינע הענטיל צו דיא אויגען און געקוקט אויף דיא פראַנצויזען.

— קנאַקט, קינדער ! האָט ער געזאָגט און האָט אַליין געהאָלפען אונטערכאַפּען

דיא רעדער און אבשרויפען דיא שרויפען.

צוליעב דער טהעטיגקייט און אויפמערקזאמקייט, וואס דיא ארבייט האט געפאדערט און צוליעב דעם רעש און געפילדער האט טושין ניט געפיהלט דעם מינדסטען שרעק און דער געדאנק, אז מען קען איהם דער'הרג'ענען אדער פערוואונדען, איז איהם גאר אין קאפ ניט אריין. אין געגענטהייל ער איז געווארען אלץ פרייליכער און לעבעדינער. איהם האט אויסגעוויעזען, אז ער ארבייט שוין א מעת לעת צייט ביי די הארמאטען, און דאס בערגיל, אויף וועלכען ער איז געשטאנען איז א גוט בעקאנטער פלאץ. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער האט געטהאן אלץ, וואס דער בעסטער אפיציר האט געקענט טהאן אויף זיין פלאץ, האט ער זיך געפונען אין א צושטאנד פון א היצקריינק אדער פון א שכור'ן מענשען.

דיא בעטויבענדע קלעפ פון זיין באטאריע און דאס פייפען און קלאפען פון דעם פיינד'ס קאנאנען-קוגלען, וואס האבען יעדעס מאל א זעטץ געטהאן אין דער ערד, אדער אין א מענשען, אדער אין א פערד, אדער אין די הארמאטען, דיא פערשוויצטע, ערדענטע ארטילעריסטען און דאס פערגאסענע בלוט ארום איהם,—דאס אלץ האט ביי איהם ארויסגערופען אין מארך א פאנטאסטישע וועלטעל, און דאס פאנטאסטישע וועלטעל האט איהם פערשאפט נחת אין דער מינוט. דעם פיינד'ס הארמאטען זיינען אין זיין פאנטאזיע גאר ניט געווען הארמאטען, זאנדערן לולקעס, וואס האבען זיך גערויכערט.

— זעהסט, ער האט שוין ווידער א פיפקע געטהאן, האט טושין גערעדט צו זיך, ווען פון יענער באטאריע איז ארויסגעשפרונגען א זייל רויך. איצט ווארט אויף א פילקע (שפיעלבאל). מען דארף אבער אבשיקען דעם כבוד צוריק.

— איצט וויז, וואס דו קענסט, מאטוועיעוונא, האט ער געזאגט צו זיך. מאטוועיעוונא האט געהייסען אין זיין פאנטאסטישע וועלטיל דער גרויסער הארמאט וואס איז געשטאנען פון ברעג. דיא פראנצייזען נעבען זייערע הארמאטען האבען איהם אויסגעוויזען וויא מילבען. איינער א שיינער ארטילעריסט, וואס איז געווען א שיכור האט געהייסען אין זיין וועלטיל פעטער טושין האט זיך צו איהם געווענדעט עפטער וויא צו אלע אנדערע און האט זיך געפרייט פון יעדער בעוועגונג זיינער. דער קלאנג פון דער שיסעריי אונטער'ן בארג האט איהם אויסגעוויזען וויא אימיצענס אטהעם.

„זעהסט, ער האט שוין ווידער אנגעהויבען צו אטהעמען, האט ער געזאגט צו זיך, ווען דיא שיסעריי איז געווארען שטארקער. אויף זיך אליין האט ער געקוקט וויא

אויף א ריעז, וואס ווארפט מיטביידע הענד קאנאנען־קוגעלען אויף דיא פראנ־צויזען.

— נו, מאטוועיעווגא, מוטערל, פערלאז אונז ניט, האט ער געזאגט, אבטרע־טענדיג פון הארמאט, ווען ער האט דערהערט איבער זיך א פרעמדען אונבעקאנטען קול.

טושין האט זיך מיט שרעק ארומגעקוקט. דאס איז געוועזן דער דעזשורירענדער אפיציר, וואס האט איהם פריהער ארויסגעטריבען פון דעם מארקיטאנט'ס געצעלט. קוים אבכאפענדיג דעם אטהעם האט ער צו איהם געשריען:

— וואס איז דאס מיט אייך, איהר זייט פעררירקט געווארען? צוויי מאל האט מען אייך געהייסען ציהען זיך צוריק, און איהר....

— וואס ווילען זיי פון מיר? האט טושין געזאגט צו זיך, קוקענדיג מיט שרעק אויפ'ן שטאב־אפיציר.

דער שטאב־אפיציער האט געוואלט עפעס זאגען, נאר איבער איהם איז דורכגעלאפען א קוגעל און ער האט זיך אנגעבויגען צום פערד. ער האט א ווײלע געשוויגען און ווען ער האט געעפענט דאס מויל איז ווידער א קויל פערביינעלאפען. ער האט א קעהר געטהאן דאס פערד און איז אבגעשפרונגען א שטיקעל ווײט.

— טרעט אב! טרעט אב! האט ער געשריען פון דערווייטענס.

דיא סאלדאטען האבען געלאכט. אין א מינוט ארום איז געקומען צו רייטען אנד...

ער האט דערזעהען דיא דערשאסענע און פערוואונדעטע סאלדאטען און פערד, וויא דיא קוילען זיינען געפלויגען איבער איהם און ער האט דערפיהלט וויא א ציטער איז איהם דורכגעלאפען איבערן רוקען. נאר דער געדאנק, אז ער האט מורא, האט איהם געשטארקט „איך טאר ניט מורא האבען“ האט ער געזאגט צו זיך און איז לאנגזאם אראב פון פערד. ער האט איבערגעגעבען טושינען דעם בעפעהל און האט געהאלפען טושינען ביים אראפפיהרען די צוויי גאנצע הארמאטען פון בערגעל. דיא צוויי צובראכענע האבען זיי איבערגעלאזט.

— צום ווידערזעהען, האט אנדריי געזאגט, ארויסשטרעקענדיג טושינען די האנד.

— צום ווידערזעהן, טייבעלע, האט טושין געזאגט. גוטע זעעלע! זייט געזונד, טייבעלע, און אליין ניט ווסענדיג פאר וואס, האט ער דערפיהלט, אז טרערען זיינען איהם ארויסגעטראטען פון דיא אויגען.

דער ווינד און שטילער געווארען, שווארצע וואלקען האבען זיך צונויפ־

נעקליבען איבערין פעלד, וואו דער קאמפ איז פארגעקומען. דאס שיסען פון הארמאטען איז געווארען שטילער נור דיא קנאקעריי פון ביקסען האט זיך גע־הערט עפטער און נעהענטער.

וויא נאר טושין איז מיט זיינע איבערגעבליבענע הארמאטען ארויס פון אונ־טערן פייער און האט זיך אראבגעלאזט אין גרוב, האבען איהם ארומגערינגעלט דיא אדיוטאנטען, צווישען וועלכע האט זיך אויך געפונען זשערקאוו, וועלכער איז צוויי מאל געפאהרען מיט א בעפעהל צו טושינען און איז קיין איינציג מאל נים צוג קומען צו דער באטארייע, זיי האבען איינער דעם צווייטען איבערגעשלאגען און האבען איבערגעגעבען דעם בעפעהל, וויא און וואו צו געהן און האבען נעמאכט טושינען פארווירפע. טושין האט געשוויגען, מורא האבענדיג, אז ער זאל זיך ביי יעדען ווארט נים צואויינען, אליין נים וויסענדיג פאר וואס. אבוואהל דער בעפעהל איז געוועזען איבערצולאזען די פערוואונדעטע, האבען זיך פיעלע געשלעפט נאך דיא חיל און האבען זיך געבעטען, מען זאל זיי ארויפלאזען אויף דיא הארמאטען. אונטערן בארג איז צו טושינען צוגעגאנגען א בלייכער יונקער פון דיא החארען, צוהאלטענדיג איין האנד מיט דער צווייטער און האט זיך גענומען בעטען מיט א ציטערדיג קול:

— אום גאטעס ווילען, קאפיטאן, מיין האנד איז צוקוועטשט, און איך קען שוין מעהר נים געהען. הייסט, מען זאל מיך ארויפנעהמען אויף אן הארמאט.

עס איז געוועזען קענטיג, אז דער יונקער האט שוין נים איין מאל געבע־טען זיך מען זאל איהם ערגעץ לאזען ארויפזעצען זיך און מען האט איהם אומעדום אבגעזאגט.

— לאזט איהם ארויף, האט טושין געזאגט. פעטער, לעג איהם אונטער א שי־נעל האט ער זיך געווענדט צום סאלדאט, וואס איז געוועזען זיין ליעבלינג.

דער יונקער איז געוועזען ראסטאוו. ער איז געוועזען בלייך און דער קינ־באק האט איהם געציטערט וויא אין א קדחת.

מיט דער הילפע פון דער פעבאטע האט מען קוים אריבערגעפיהרט דיא האר־מאטען צום דארף הונטערסדארף און דארטען האט מען זיך אבגעשטעלט. עס איז שוין געווארן נאר פינסטער און די שיסעריי איז געווארן שטילער.

מען האט געמאכט פייער און דער קאפיטאן טושין האט געשיקט א סאלדאט אויסצוגעפינען א דאקטאר פאר ראסטאוו'ן און האט זיך געזעצט ביים פייער, וואס דיא סאלדאטען האבען געמאכט. ראסטאוו האט זיך איבערגע־

שלעפט צום פייער. פון וויהטאָג, קעלט און פייכטקייט האָט איהם געוואָרפען וויא אין פיבער. ער האָט שרעקליך געוואָלט שלאָפען, נאָר דער וויטאָג פון דער האנד האָט איהם ניט געלאָזט צומאכען דיא אויגען. טושינ'ס נוטע און קלוגע אויגען האָבען אויף איהם געקוקט מיט מיטלייד און ראָסטאָוו האָט געזעהן, אז ער וויל העלפען נאָר ער קען ניט.

— וואָס? טחוט וויה? האָט ער געפרעגט שטיל.

— טחוט וויה, האָט ראָסטאָוו געענטפערט.

— אייער וואָהלגעבאָרען, דער גענעראל האָט נאָך אייך געשיקט, האָט אַ ארטילעריסט געזאָגט צו טושינען.

— גלייך, טייבעלע, האָט טושין געענטפערט און האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד, פערשפילעט זיין שינעל און איז אוועק פון פייער.

ניט וויט פון דעם פייער איז באגראַטיאן געזעסען אין א שטיבעל פאר א מי־טאָג און האָט גערעדט מיט דיא קאָמאנדירען, וואָס זיינען געקומען צו איהם. דאָ זיינען אויך געווען די אדיוטאנטען און יעדער האָט אָבגעגעבען א ראפּאָרט, וויא דער קאמפף איז צוגעגאנגען און וואָס יעדער קאָמאנדיר האָט אויפגעטהאָן. געוואונליך האָט יעדער דערצעהלט ניט דאָס, וואָס ער האָט געטהאָן, נאָר וואָס ער האָט גע־וואָלט טהאָן און געגלויבט באמונה שלמה אז ער האָט טאקע אזוי געטהאָן.

— איך דאנק אייך אלעמען, אלע האָבען געארבייט העלדיש: דיא פעכאָטע, קאוואלעריע און ארטילעריע. וויא אזוי זיינען אין צענטר פערבליבען צוויי קאנאָנען? האָט ער געפרעגט זוכענדיג ווענען מיט דיא אויגען. באגרא־טיאן האָט ניט געפרעגט וועגען דיא הארמאטען פון דעם לינקען פליגעל, ער האָט שוין געוואוסט, אז נאָך גאָר אין אנהויב פון דעם קאמפף האָט מען אלע הארמאטען איבערגעלאָזט). איך האָב אייך, דוכט זיך, געבעטען, האָט ער זיך געווענדט צום דעזשורירענדען אָפיציר.

— איין הארמאט איז צובראָכען, האָט געענטפערט דער דעזשורירענדער שטאב־אָפיציר און דער צווייטער פערשטעה איך ניט, איך בין דאָרטען געווען דיא גאנצע צייט און בין נאָר וואָס אוועק פון דאָרטען. אמת, דאָרטען איז געווען זעהר הייס....

עמיצער האָט געזאָגט, אז טושין געפינט זיך ניט וויט פון דאנען און אז מען האָט שוין נאָך איהם געשיקט.

— יא, איהר זייט דאָך דאָרטען געווען, האָט געזאָגט באגראַטיאָן, ווענדענדיג

זיך צו פירסט אנדריי.

— געוויס, מיר זיינען דארטען געוועזען ביידע ניט ווייט איינער פון צווייטען, האט דער דעזשורירענדער שטאב-אפיציר געזאגט מיט א'ן אנגענעהמען שמייכעל צו אנדרייען.

— איך האב ניט געהאט דאס פערגעניגען צו זעהען אייך, האט אנדריי געענטפערט קאלט און קורץ.

אלע זיינען אנשווייגען געווארען. אויפ'ן שוועל האט זיך געוויזען טושין, און האט זיך מיט מורא דורכגעשטופט צווישען דיא גענעראלען. ער האט זיך פערטשעפעט אין א פראנצויזישע פאהנע, וואס מען האט פערנומען ביים פיינד. עטליכע שטימען האבען אויסגעשאסען אין א הויכען געלעכטער.

— וויא אזוי האט מען איבערגעלאזט הארמאטען? האט באגראטיאן געפרעגט מיט אנגערוקטע ברעמען, זייענדיג ניט אזוי בייז אויף טושינען, וויא אויף דיא, וואס האבען געלאכט. ערסט איצט, דערזעהענדיג דעם בייזען גענעראל, האט טושין בעגריפען דעם גאנצען שרעק פון זיין שולד און שאנדע, וואס ער, בלייבענדיג לעבען, האט ער פערלארען צוויי הארמאטען. ער איז געוועזען אזוי ערשרעקט, אז ביז דער מינוט האט ער וועגען דעם גאר קיין צייט געהאט צו דיינקען. דער געלעכטער פון דיא אפיצירען האט איהם נאך מעהר צומישט. ער איז געשטאנען אנטקעגען באגראטיאן און מיט א ציטערנדיג קינבאק האט ער קוים ארויסגערעדט:

— איך ווייס ניט.... אייער עקסעלענץ...... איך האב קיין מענשען ניט געהאט, אייער עקסעלענץ.

— האט איהר דאך געקענט נעהמען מענשען פון דיא וואס זיינען אנגעשטעלט צו בעשיצען דיא הארמאטען!

זאגען, אז דיזע זיינען אוועק אין מיטען, האט ער ניט געוואלט. דאס וואלט געהייסען אונטערצושטעלען א פוס א צווייטען און ער האט געקוקט גלייך אין פּנים דעם גענעראל, וויא א שילער וועלכער ווייס ניט וואס צו ענטפערען דעם לעהרער ביי עקזאמען.

דיא שטילקייט האט אנגעהאלטען א היבשע ווייל. פירסט באגראטיאן, וויא עס האט געשיינט, האט געוואלט זיין ווייך, נאר ער האט ניט געוואוסט וואס צו זאגען. דיא איבעריגע האבען ניט געוואגט אריינצומישען זיך אין דעם געשפרעך. פירסט אנדריי האט פון אונטערען שטערן א קוק געטאן אויף טושינען, און זיינע פינגער האבען זיך נערוועז אנגעהויבען צו בעוועגען.

— אייער עקסעלענץ, האט פירסט אנדריי איבערגעריסען דיא שטילקייט, איהר האט מיך געשיקט צו טושינ'ס באטארייע. איך בין דארטען געוועזען און האב געפונען צווי דריטעל פון זיינע מענשען און פערד דערשאסענע, צוויי הארמאטען צובראכען און קיינער איז ניט געוועזען פון דיא אנגעשטעלטע צו בעשיצען דיא הארמאטען.

פירסט באגראטיאן און טושין האבען ביידע אנדרייען געקוקט אין געזיכט.

— און אויב אייער עקסעלענץ וועט מיר ערלויבען ארויסצוזאגען מיין מיינונג, האט אנדריי פארטגעזעצט, זיינען מיר מיט היינטיגען ערפאלג פערפפליכטעט מעהר פון אלעמען דעם קאפיטאן טושין מיט זיין ראטע.

פירסט באגראטיאן האט א קוק געטאן אויף טושינען און ניט וועלענדיג ארויס־וויזען קיין מיסטרויען צו אנדרייען און צו דער זעלבער צייט ניט קענענדיג גלויבען אין גאנצען וואס ער זאגט, און אנבויגענדיג דעם קאפ האט ער געזאגט טושינען, אז ער קען געהן. פירסט אנדריי איז ארויס גלייך נאך איהם.

— איך דאנק אייך, טייבעלע, וואס איהר האט מיך ארויסגעשלעפט פון א בלאטע, האט טושין געזאגט.

אנדריי האט א קוק געטהאן אויף איהם און ניט ענטפערענדיג קיין ווארט איז ער פון איהם אוועק. אנדרייען איז געוועזען שווער אויפ'ן הארצען און אומעדיג. דאס אלץ איז געוועזען אזוי זעלטזאם, אזוי ניט עהנליך אויף דעם, וואס ער האט זיך פאר־געשטעלט.

„ווער זיינען זיי? וואס ווילען זיי? וואס דארפען זיי! און ווען וועט שוין דאס נעהמען א סוף?" האט ראסטאוו געטראכט, קוקענדיג אויף דיא שאטענס, וואס האבען זיך געביטען פאר איהם. דער וועהטאג אין האנד איז אלץ געווארען שטאר־קער. ער האט געוואלט זעהר שלאפען, אין די אויגען האבען געשפרונגען רויטע קוי־לען און דער איינדרוק פון דיא געזיכטער, פון דיא שטימען ארום און דער געפיהל פון איינזאמקייט האט זיך צונויפגעגאסען מיט א געפיהל פון וועהטאג. איהם האט אויסגעוויזען, אז דאס זיינען זיי, דיא סאלדאטען, סיי דיא פערוואונדעטע און סיי ניט פערוואונדעטע, וואס האבען איהם געשיסט, און געשלעפט און געצויגען איהם דיא אדערען און געברענט זיין לייב. און אום צו בעפרייען זיך פון זיי, האט ער פערמאכט דיא אויגען.

אויף איין רגע האט ער איינגעדרעמעלט און אין דער רגע האט ער געזעהן דיא מוטער מיט איהר גרויסע ווייסע האנד, ער האט געזעהן סאניע'ן מיט איהרע מאגערע אקסלען און דעניסאוו'ן מיט זיינע וואנסען און נאך פיעלע בעקאנטע מיט וועלכע ער

האט עפעס געהאט צו טהאן. א סאלדאט האט איהם ניט אבגעלאזט און געצווינגען אהן רחמנות זיין אקסעל. ער האט זיך געוואלט פון איהם בעפרייען און האט ניט געקענט.

ער האט געעפענט דיא אויגען און א קוק געטהאן. אויפ'ן פייער איז געפאלען לאנגזאם א דראבנער שנייעלע. טושין האט זיך נאך ניט צוריקגעקעהרט, קיין דאק־טאר איז ניט געקומען. ער איז געוועזן איינער אליין. ביים פייער איז נאר געז־עסען א סאלדאט א נאקעטער און האט געווארעמט זיין מאגערן און געלען קערפער.

— איך בין דא אין איבריגער, האט ראסטאוו געזאגט צו זיך. ניטא קיינער, וואס זאל מיטלייד האבען, וואס זאל העלפען. און דער היים אבער בין איך געוועזן געזונד, שטארק, פריילוך, אלע האבען מיך געליעבט, ער האט א זיפץ געטהאן און דאביי האט זיך ארויסגעריסען א קרעכץ.

— איי, עס טהוט וויה? האט דער סאלדאט געפרעגט, טרייסלענדיג זיין העמד איבער'ן פייער.

ראסטאוו האט ניט געהערט, דער שנייעלע האט איהם דערמאנט א ווינטער אין דער היים, א ליכטיגע הויז, א ווארעמען פעלץ, א שליטען, א געזונטען אינגעל, ארומגערינגעלט מיט ליעבע פון דער גאנצער פאמיליע און ער האט זיך געפרעגט: „נאך וואס בין איך געגאנגען אהער?"

אויפ'ן צווייטען טאג האבען דיא פראנצויזען קיין נייען אנפאל ניט געמאכט און דיא רעסט פון באגראטיאן'ס אבטהיילונג האט זיך פעראייניגט מיט קוטוזאוו'ס ארמיע.

דריטער טהייל.

I.

פירסט וואסילי האט זיינע פלענער ניט אויסגעארבייט פריהער. נאך וועניגער האט ער געוואלט טאן וועמען שלעכטס, און ער זאל דערפון קענען ציהען א נוץ. ער איז נאר געוועזן א וועלטליבער מאן און ווען ער איז זיך צונויפגעגאנגען מיט א מענשען, זיינען געבארען געווארען אין זיין קאפ פערשיעדענע פלענער, אין וועלכע ער האט זיך אליין קיין רעכנונג ניט געקענט אבגעבען, נאר אין וועלכע איז געלעגען דער גאנצער אינטערעס פון זיין לעבען. ער האט צום ביישפיעל ניט געזאגט צו זיך: „אט דיזער מאן איז יעצט אין מאכט או, איך דארף זעהען צו געווינען זיין פריינדשאפט, אום איך זאל דאביי קענען אויספהרען א זאך, וואס איך דארף" אדער א שטיינער: „פיער איז איצט רייך, איך דארף זעהען אויסצופיהרען, אז ער זאל חתונה האבען מיט מיין טאכטער און איך זאל קריגען דיא נייטהיגע פיערציג טויזענד"; אזעלכע רעכנונגען האט ער ניט געהאט, נאר דער מאן וואס איז געוועזן איצט אין מאכט האט זיך איהם בעגעגענט און אין דער מינוט אט איהם דער אינסטינקט אונטערגעזאגט, אז דער מאן קען איהם זיין נוציג און ביי דער ערשטער געלעגענהייט האט ער זיך מיט איהם נעהנטער בעקאנט און גע'חנפ'עט איהם און גערעדט וואס מען דארף.

ווען וואסילי זאל פריהער אויסארבייטען זיינע פלענער, וואלט ער ניט געקענט זיין אזוי נאטירליך אין זיין בענעהמונג און אין זיין ריידען.

גלייך נאכ'ן טוידט פון דעם אלטען גראף בעזוכי, האט וואסילי גענומען אונטער זיין השגחה פיער'ן און זיינע געשעפטען. וואסילי האט געהאט דיא מינע פון אן אויסגעמאטערטען מענשען, וואס איז בעלאסטיגט מיט זעהר פיעל געשעפטען נאר וואס קען דאך ניט איבערלאזען דעם זוהן פון זיין פריינד, א'ן אונגעניטען יונגען מאן מיט אזא גרויסעם פערמעגען אין דיא הענד פון שווינד-

לער דיא עטליכע טעג נאָך׳ן גראף׳ס טוידט, האָט ער אלע ווילע געשיקט רופען פיער׳ן אָדער איז אליין צו איהם אריינגעגאנגע און געזאָגט וואס מען דארף טאָן.

— נו, מיין פריינד, האָט ער זיך געווענדט צו פיער׳ן אין עטליכע טעג ארום נאָך׳ן גראף׳ס טויט,— מאָרגען פאָהרען מיר אָב פון דאנען. איך גיעב דיר א פלאַץ אין מיין קארעטע. דאָ האָבען מיר שוין געענדיגט אלץ, וואָס איז געווען געטהינ און מיר איז שוין לאנג צייט אָבצופאָהרען פון דאנען. דאָס האב איך בעקומען פון דעם קאנצלער. איך האָב איהם געבעטען וועגען דיר און דו ביזט איצט א קאַמער יונקער און פעררעכענט אין דעם דיפלאָמאטישען קאָרפוס. איצט איז דער דיפלאָמאטישער וועג אָפען פאר דיר.

פיער ווָעלכער האָט א לאנגע צייט געקליבען א קאריער, האט געוואָלט עפּעס ענטפערן געגען דעם, נאָר וואסילי האָט איהם איבערגעשלאָגען.

— איך האָב דאָס געטהאָן, מיין פריינד פאר זיך, פאר מיין געוויסען און דאנקען דארפסטו מיר ניט. קיינער האָט זיך נאָך ביז איצט ניט געקלאָגט אויף דעם, וואָס מען האָט איהם צופיעל ליעב. און ווייטער ביזטו א פרייער מענש—דו קענסט זיך כאָטש מאָרגען אָבזאָגען דערפון. דו וועסט שוין אין פעטערבורג זעהן וואָס דו האָסט צו טהאָן. דו מוזט אוועק פון דאנען, פון דיא טרורינע עראינערונגען.

וואסילי האָט זיך אָפגעזיפצט און ווייטער געזאָגט

— איך האָב מיט׳ן אלטען גראף געהאט רעכנונגען, פון דעם ריאזאנער גוט האָב איך דאָס געלד גענומען. דו דאַרפסט עס ניט און מיר וועלען זיך אויסרעכענען

אין פעטערבורג אזוי וויא אין מאָסקווע האָט מען פיער׳ן ארומגערינגעלט פון אלע זייטען און יעדער האָט איהם גע׳חנפ׳עט און ארויסגעוויזען צערטליכקייט צו איהם. ער האָט געגלויבט, ווען מען האָט איהם געזאָגט, אז ער איז זעהר א גוטער און זעהר א קלוגער און ער האָט אזוי געקוקט אויף זיך. פון דער שטעלע, אָדער בעסער געזאָגט פון דעם נאָמען (וויל ער האָט נאָר ניט געטהאָן), וואָס וואסיל האָט פאר איהם אָבגעזוכט, האָט ער זיך ניט אָבגעזאָגט און זיין גאנצע צייט האָט ער פערבראכט אויף בעלער, דינערס און מייסטענטהייל׳ס ביי וואסילי׳ן אין הויז אין דער געזעלשאפט פון וואסילי׳ס פרוי און דער שיינער עלען.

פון זיינע פריהערדיגע בחור׳שע בעקאנטע איז קיינער אין פעטערבורג ניט פערבליבען : דאָלאָכאָוו, אנאטאָל, אנדריי זיינען דאָ ניט געווען און א לעב טהאָן וויא א מאָל האָט ער איצט דעריבער ניט געקענט.

א מאָל האָט פיער בעקומען פון אננא פאוולאָוונא שערער דיא געוויינליכע איינ-

לאדונגס-קארטען אויף ראָזע פאפיר מיט א בעמערקונג: „היינט וועט ביי מיר זיין די שיינע עלען, וועלכע מען ווערט ניט מיעד צו בעוואונדערן“.

איבערלייענענדיג דיא ווערטער, האָט פיער צום ערסטען מאָל דערפיהלט, אז צווישען איהם און עלען האָט זיך פאָרמירט עפּעס א באנד, וואָס זייטיגע מענשען האָבען בעמערקט. און דער געדאנק האָט איהם אין איינער און דער זעלבער צייט אי דערשראָקען, אי פערשאַפט פערגניגען.

דער אבענד ביי אננא פּאוולאָוונא איז געוועזען כמעט אזעלכער, ווי דער ערסטער אבענד, אויף וועלכען פיער איז געוועזען, נאָר איצט איז דער כבוד פאר דיא געסט ניט געוועזען מאָרטעמאר, זאָנדערן א דייטשער דיפּלאָמאט, וואָס איז ערשט געקומע פון בערלין און האָט געבראַכט דיא פרישטע נייעס. אננא פּאוולאָוונא האָט פיער'ן בעגעגענט מיט א שאָטען פון טרויער אויפ'ן געזיכט, וואָס האָט געדארפט אויסדריקען איהר שמערץ צום טויט פון זיין פאָטער. מיט איהר געוועהנליכע געשיקטקייט האָט זיא איינגעטהיילט דיא גרופּען פון איהרע געסט. פיער האָט זיך געוואָלט פעראייניגען מיט דיא עלטערע לייט, וואו דער בערלינער דיפּלאָמאט און וואסילי האָבען זיך געפונען, נאָר אננא פּאוולאָוונא האָט איהם מיטן פינגער א ריהר געטהאָן פאר'ן ארבעל און געזאָגט:

— וואַרט אָב, היינטיגען אבענד האָב איך אויף אייך אַן אויסקוק.

זיא האָט א קוק געטהאָן אויף עלען און האָט צו איהר א שמייכעל געטהאָן.

— ליעבע עלען, מען דארף זיין גוט צו מיין אָרימע טאַנטע. פערבלייבט מיט איהר א מינוט צעהן. און אום אייך זאָל ניט זיין אומעדיג וועט איהר האָבען מיט זיך אונזער ליעבען גראף וועלכער וועט זיך ניט אָבזאָגען צו פערברייגגען מיט אייך.

דיא שיינע עלען האָט זיך געלאָזט געהן צו דער טאַנטע, נאָר אננא פּאוולאָוונא האָט פיער'ן אָבגעהאלטען.

— זיא איז רייצענד שיין, ניט אמת? האָט זי געזאָגט, ווייזענדיג אויף די שיינע עלען. אזא יונגע מיידעל און וויא זיא קען זיך האלטען אין געזעלשאפט. גליקליך וועט זיין יענער, צו וועמען זיא וועט אָנקומען. ניט אמת? איך האָב נאָר געוואָלט וויסען אייער מיינונג.

פיער האָט ערנסט געענטפערט אז ער בעוואונדערט עלען'ס טאקט און אננא פּאוולאָוונא האָט איהם אָבגעלאָזט.

דיא אלטע טאַנטע האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט די צוויי יונגע לייט, וואָס אננא פּאוולאָוונא האָט איהר צוגעשיקט. זיא האָט דערצעהלט פיער'ן וועגען

א קאלעקציע טאבאקערקעס, וואס זיין פערשטארבענער פאטער האט צוזאמענגעזא מעלט און האט געוויזען איהר טאבאקערקע. עלען האט געבעטען, זי זאל איהר ווייזען איהר מאנ׳ס בילד, וואס איז געווען געמאכט אויף דער טאבאקערקע.

—דאס איז וואהרשיינליך ווינע׳ס ארבייט, האט פיער בעמערקט, אנבויגענדיג זיך צום טיש, אום צו נעהמען דיא טאבאקערקע און צוהערענדיג זיך דערווייל צום געשפרעך, וואס איז פארגעקומען ביי א צווייטען טיש. ער האט זיך אויפגעהויבען אום פערבייצוגעהן דיא שיינע עלען און נעהמען דיא טאבאקערקע, נאר די טאנטע האט איהר איהם דערלאנגט גלייך איבער עלען וועלכע האט זיך עטוואס אנגעבויגען, אום צו מאכען פלאץ און האט זיך מיט א שמייכעל ארומגעקוקט. זי האט געטראגען א קלייד, וויא אלע מאל אויף אזעלכע אבענדען, זעהר אויסגעבלייזט פון פארענט און פון הינטען איהר ביוסט, וואס האט אלע מאל געשיינט פיער׳ן אלס א מראמארנע, האט זיך איצט געפונען אזוי נאהענט פון זיינע אויגען, אז ער האט מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען געזעהן די גאנצע לעבעדיגע פראכט פון איהרע אקסלען און האלז און ווען ער זאל זיך נאך עטוואס אנבויגען, וואלט ער איהר בעריהרט מיט דיא ליפען. ער האט דערהערט דיא ווארעמקייט פון איהר לייב, דעם גערוך פון פארפיומע און דעם קרייץ פון איהר קארסעט ביי איהר בעוועגונג. איצט האט ער שוין ניט געזעהן איין מראמארנע שיינקייט, זאנדערן א רייצענדען קערפער, וואס איז געווען פערדעקט מיט א קלייד.

„האט איהר ביז איצט נאר ניט בעמערקט, וויא איך בין שיין?“ האט וויא גערעדט עלען. „האט איהר גאר ניט בעמערקט אז איך בין א פרויענצימער? יא, איך בין א פרויענצימער און קען בעלאנגען צו יעדען חתן און צו אייך אויך“ האט גערעדט איהר בליק. און אין דער מינוט האט פיער דערפיהלט, אז ניט נאר זיא קען בעלאנגען נאר זיא מוז בעלאנגען צו איהם און מוז ווערן זיין ווייב, און אנדערש קען עס גאר ניט זיין.

ער האט עס אין דער מינוט געוואוסט אזוי זיכער, אזוי וויא ער וואלט שוין מיט איהר געשטאנען אונטער דער חופה. וויא אזוי וועט עס זיין און ווען? האט ער ניט געוואוסט, ער האט אפילו ניט געוואוסט, צו דאס וועט זיין גוט אזוי (געפיהלט האט ער, אז דאס וועט זיין ניט גוט), נאר געוואוסט האט ער זיכער, אז אזוי וועט זיין.

פיער האט אראבגעלאזט די אויגען און האט זיי ווידער אויפגעהויבען און האט איהר געוואלט זעהן אזא מראמארנע וויא פריהער, נאר דאס האט ער שוין ניט

געקענט דערוויזען. זיא איז איצט געווען זעהר נאָהנט פון איהם און האָט שוין גע־האַט א מאכט איבער איהם.

— נוט, איך וועל אייך איבערלאָזען אין אייער ווינקעל. איך זעה, אז אייך איז דאָ גוט, האָט צו איהם געזאָגט אננא פּאוולאָוונא.

פּיער איז רויט געוואָרען און האָט זיך ארומגעקוקט. איהם האָט אויסגע־וויזען, אז אלע ווייסען שוין, וואָס מיט איהם איז געשעהן.

II.

אנדערטהאלבען חדשים זיינען אוועק פון דעם אבענד און כאָטשע פּיער האָט געוואוינט ביי וואסילין אין הויז און דיא טעג און אבענדען פערבראכט מיט עלען, האָט ער נאָך אלץ געוואַרט און געוואַרט און נים געמאכט קיין ערקלערונג אין ליעבע.

וואסילי איז געווען זעהר אונרוהיג דערפון און האָט זיך געזאָגט, אז ער מוז מאַ־כען מיט דעם אן ענדע.

צו עלענ׳ס געבורטס טאָג האָט וואסילי פעררופען א קליינע געזעלשאפט. נאָך׳ן דינער איז פּיער אריין מיט עלען אין דעם קליינעם גאסט-צימער. דיא געסט האָ־בען זיי נים געוואָלט שטערן און האָבען זיי געלאָזט אליין. פּיער האָט געפיהלט, אז איצט איז דיא צייט צו ערקלערן איהר זיין ליעבע, נאָר ער האָט זיך כשום אופן נים געקענט ענטשליסען.

אייניגע געסט זיינען זיך צופאָהרען און דיא איבריגע, וואָס זיינען פערבליבען, זיינען געזעסען אין דעם גרויסען גאסט-צימער און האָבען געפיהרט א שטילען גע־שפּרעך. וואסילי איז געזעסען אין א ווינקעל מיט פערמאכטע אויגען און האָט וויא געדרעמעלט. פּלוצים האָט ער וויא ערוואכט און געפרעגט זיין ווייב:

— וואָס הערט זיך? גיב א קוק, וואָס טהוען זיי?

דיא פירסטין איז צוגעגאנגען צו דער טהיר, איז א פּאָאר מאָל פערביי געגאנגען פערביי דער טהיר און אריינגעקוקט אינעווייניג. פּיער און עלען זיינען געזעסען און געשמועסט.

— דאָס זעלבע וואָס פריהער, האָט זיא געענטפערט. פירסט וואסילי האָט אנגערוקט דיא ברעמען, זיין מויל האָט זיך פערקרימט אן א זייט, זיינע באקען האָ־בען אנגעהויבען צו צופּען. ער האָט זיך אויפגעהויבען און האָט זיך מיט ענט־שלאָסענע טריט געלאָזט גיין צום קליינעם גאסט-צימער. ער איז מיט שנעלע טריט צוגעגאנגען צו פּיער׳ן. וואסילי׳ס געזיכט האָט אויסגעזעהען אזוי אונגעוועהנליך פייער־

ליך, אז פיער האט זיך דערשראָקען, דערזעהענדיג איהם.

— א דאנק גאט! האט ער געזאָגט, מיין פרוי האט מיר אלץ געזאָגט!

ער האט מיט איין האנד ארומגענומען פיער'ן און מיט דער צווייטער זיין טאָכ־טער.

— מיין פריינד! האט ער פאַרטגעזעצט. לעלא! איך בין זעהר, זעהר צו־פריעדען! (זיין שטימע האט געציטערט) איך האָב געליבט דיין פאָטער... און זיא וועט דיר זיין א גוטע פרוי.... זאל איך נאָך געבען זיין זעגען.

ער האט ווידער ארומגענומען פיער'ן און זיין טאָכטער, און טרערען האָבען זיך געוויזען אין זיינע אויגען.

— פירסטין, קומט אריין אהער! האט ער אויסגעשריען צו זיין פרוי.

דיא פירסטין איז אריין און האט זיך אויך צוואויינט. נאָך א דאמע איז אריין און האט אויך געווישט דיא אויגען מיט א טיכעל. פיערן האט מען געקושט און ער האט עטליכע מאָל געקושט עלענ'ס האנד און דערנאָך האט מען זיי ווידער אי־בערגעלאָזען אליין.

— עלען! האט ער געזאָגט אין דער הויך און האט זיך אָבגעהאַלטען. ער האט געוואוסט, אז אין אזעלכע פעלע דאַרף מען עפּעס זאָגען, נאָר ער האט זיך בשום אופן ניט געקענט דערמאָנען, וואס אזוינס מען רעדט. ער האט א קוק געטאָן איהר אין געזיכט. זיא האט זיך צוגערוקט צו איהם נעהענטער, און איהר געזיכט האט זיך בעדעקט מיט א רויטקייט.

— אה, נעהמט אראָב דיא.... און זיא האט געוויזען אויף דיא ברילען.

פיער האט אראָבגענומען זיינע ברילען און האט זיך געוואָלט אָנבויגען א קוש טאָן איהר אין האנד, נאָר זיא האט איהם מיט א פלינקער און גראָבער בעוועגונג פון קאָפּ א כאפּ געטהאָן זיינע ליפּען און צונויפגעפיהרט זיי מיט איהרע.

— איך האָב אייך ליעב! האט ער געזאָגט, דערמאָנענדיג זיך, וואס מען דאַרף זאָגען אין אזעלכע פעלע, נאָר דיא ווערטער האָבען געקלונגען אזוי אָרם, אז איהם איז געוואָרען מאוס.

אין אנדערטהאלבען מאָנאטען ארום האט ער חתונה געהאט מיט עלען און האט זיך בעזעצט אין פעטערבורג אין זיין הויז.

III.

דער אַלטער פירסט ניקאָלאי אנדרייעוויטש באָלקאָנסקי האט אין מאָנאט דע־צעמבער 1805 בעקומען א בריעף פון פירסט וואסילי, אין וועלכען ער האט איהם

נעלאָזט ווייסע, אז ער פאָהרט מיט א רעוויזיע אין זיין געגענד און ער וועט אָנ־ קענען א הונדערט ווערסט, אום צו זעהן זיין וואַלטהעטער. אויך האָט ער געשריבען, אז זיין זוהן פאָהרט מיט איהם.

— מארי דארף מען גאָר ניט ארויספיהרען אין דער וועלט, חתנים קומען צו איהר אליין, האט זיך ארויסגעהאפט די קליינע פירסטין, דערצעהלענדיג ד נייעס מיט א בעמערקונג. פירסט ניקאָלאי באַלקאָנסקי האט זיך א קרים געטהאָן און האט גאָר ניט געזאָגט.

אין צוויי וואָכען ארום נאכדעם וויא דער בריעף איז אָנגעקומען זיינען אָנגעקומען וואסילי'ס מענשען און מיט א טאָג שפּעטער איז אָנגעקומען וואַ־ סילי מיט'ן זוהן.

פירסט באלקאָנסקי האָט געהאט ניט זעהר קיין הויכע מיינונג וועגען וואסילי'ס כאראקטער. נאָר איצט נאָך דיא אָנצוהערענים וואָס ער האָט אויסגעלייענט אין דעם בריעף און נאָך ליזא'ס בעמערקונג האָט ער געפיהלט צו איהם א פעראכטונג. דעם טאָג וואָס וואסילי האָט געדאַרפט אָנקומען איז ער געווען זעהר בייז.

דאָך איז ער ניין אזייגער ארויס שפּאַצירען וויא זיין געוואוינהייט איז געווען. מיט א טאָג פריהער איז ארויסגעפאלען א שניי. דער וועג, איבער וועלכען דער פירסט איז געגאַנגען, איז געווען אבגעראַמט פון שניי. דער פירסט איז ארומגעגאַנגען אין א שלעכטער לוינע.

— קען מען פאָהרען אין שליטען? האָט ער געפרעגט דעם פערוואלטער, וואָס איז איהם נאָכגעגאַנגען און האט איהם בעגלייט צום הויז.

— דער שניי איז טיעף, אייער עקסעלענץ. איך האָב געהייסען דעם שניי פון דעם גרויסען וועג אראָבנעהמען.

דער פירסט האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ און איז צוגעגאַנגען צום גאַנעק.

„א דאַנק גאָט, דער שטורם איז אריבער!“ האָט דער פערוואלטער געזאָגט צו זיך.

— עס איז געווען שווער דורכצופאָהרען האָט דער פערוואלטער צוגעגעבען, נאָר וויא איך האָב דערהערט אז א מיניסטער קומט צו אייער עקסעלענץ...

דער פירסט האָט זיך א קעהר געטאָן צום פערוואלטער און האָט אויף איהם א קוק געטאָן מיט אָנגערוקטע ברעמען.

— וואָס? א מיניסטער? וואָס פאר א מיניסטער? האָט ער געשריען מיט זיין שניידענדען קול. פאר מיין טאָכטער האָט מען דעם וועג ניט אָבגעראַמט און

פאר א מיניסטער יא! ביי מיר איז ניטא קיין מיניסטארען!

— אייער עקסעלענץ, איך האב געדענקט...

— דו האסט געדענקט, האט דער פירסט געשריען. דו האסט געדענקט....

רוצח! שופט!.... איך וועל דיר אנלערנען צו דענקען.

ער האט אויפגעהויבען דעם שטעקען, וואס ער האט געהאלטען אין האנד און האט זיך פערמאסטען א זעץ צו טאן, און ער וואלט געוויס א זעץ געטאן ווען דער פערוואלטער זאל זיך ניט ווילענדיג אבנייגען פון דעם קלאפ.

— געדענקט.... שופטען!.... האט דער פירסט געשריען, נאר ניט קוקענדיג וואס דער פערוואלטער האט זיך אליין דערשראקען פאר זיין עזות אבצוקעהרען זיך, ווען דער פירסט האט איהם געוואלט א זעץ טהאן און האט איצט אונטערגעשטעלט זיין קאפ, האט דער פירסט אבער שוין קיין זעץ ניט געטהאן.—שופטען, פערווארפט צוריק דעם וועג!

צום מיטאג איז די פירסטין ליזא ניט ארויסגעקומען אויס מורא פאר דעם אל־טען פירסט און זיא האט געשיקט זאגען, אז זיא איז קראנק. מארי איז געזעסען ביים טיש אין איינע ציטערניס און דיא איינציגע, וואס האט געפלאפלט ביים טיש איז געווען מאמזעל בוריען.

אין אבענד איז פירסט וואסילי אנגעקומען מיט זיין זון און מען האט פאר זיי אבגעפיהרט בעזונדערע צימערן. אנאטאל האט זיך איבערגעטאן, פיין אויסגעפוצט און אריין צום פאטער.

אנאטאל האט געקוקט אויפן לעבען וויא אויף אן אונאויפהערליכע שמחה, און ער האט אזוי געקוקט אויף זיין רייזע צום אלטען, שלעכטען פירסט און צו דער רייכער העם ליבער כלה. איהם האט אויסגעזעהען, אז דאס קען זיין זעהר אמוזירענד. און פאר וואס זאל ער מיט איהר ניט חתונה האבען, אויב זיא איז זעהר רייך? דאס קען ניט שטערן.

— ניין, זאג מיר דעם אמת, האט ער זיך געווענדעט צום פאטער, איז זיא זעהר העסליך?

— געגוג דיר צו מאכען זיך נאריש, האט דער פאטער געענטפערט. זעה נאר צו האלטען זיך גוט מיט'ן אלטען פירסט.

— נאר אויב ער וועט זיך זידלען, וועל איך אוועקגעהן, האט אנאטאל געזאגט, איך קען דיא אלטע לייט ניט ליידען.

— פערגעס נאר ניט אז פון דעם הענגט פאר דיר אב אלץ.

די א קליינע פירסטין ליזא און מאמזעל בוריען האבען שוין דורך דער דיענסט ערהאלטען די א נעטהיגע ידיעות וועגען אנאטאל'ען און זיי זיינען גלייך אוועק צו מארי'ן.

— דו ווייסט מארי, זיי זיינען שוין געקומען ? האט די א קליינע פירסטין געזאגט, אראבלאזענדיג זיך שווער אין פאטעל. זיא האט איצט געטראגען איינע פון איהרע בעסטע קליידער און זיא איז געווען א ביסעל בעלעבט. בוריען איז אויך געווען פערפוצט, וואס האט צוגעגעבען א גרויסען חן איהר פרישען און שיינעם געזיכט.

— און איהר האט זיך נאך גאר ניט איבערגעטאן, מען וועט דאך קומען באלד מעלדען וועגען זייער אנקומען און מיר וועלען דארפען אראבגעהן אונטען.

ביידע פרויען האבען זיך ערנסט גענומען צו איהר טואלעט און האבען גע־גלויבט אז קליידער וועלען מאכען איהר געזיכט שעהן.

ווען זיא איז שוין געווען אנגעטאן, איז ליזא אבגעגאנגען אן א זייט און האט איהר פון דערווייטענס בעטראכט.

— ניין, האט ליזא געשאקעלט אונצופריעדען מיט'ן קאפ, דאס קלייד נעהט דיר ניט. עס איז א צו ליבטיגע.

מארי האט זיך געלאזט איבערטהאן א א צווייטען און דריטען מאל, און בע־טראכטענדיג איהר א ווילע אין דעם נייען קלייד, האט ליזא ענטשלאסען ערקלערט, אז אזוי איז אונמעגליך צו ווייזען זיך פאר מענשען.

— ניין, מארי, דאס קלייד נעהט אייך ניט, האט געזאגט ליזא. איך האב אייך בעסער ליעב אין אייער סארע, וואכעדיגע קלייד. קאטיא ! האט זיא זיך געווענדט צו דער דיענסט, טראג אריין דאס סארע קלייד און איהר וועט זעהען, מאמזעל בור־יען, וויא איך וועל עס מאכען גוט.

נאר ווען קאטיא איז אריינגעקומען מיט'ן קלייד, איז מארי געזעסען אונבעוועגט פאר'ן שפיגעל און זיא האט דארטען געזעהן אז אין איהרע אויגען שטעהען טרערען, און דאס מויל ציטערט איהר, צוגרייטענדיג זיך אויסצוברעכען אין א געוויין.

ליזא האט גענומען דאס קלייד און איז צוגעגאנגען צו מארי.

— איצט וועלען מיר דאס מאכען איינפאך.

— לאזט מיך אזוי, איך בעט אייך, האט מארי געענטפערט מיט א וויינענדע שטימע און מיט פולע אויגען טרערען.

ליזא און בוריען האבען גלייך פערשטאנען, אז עס וועט זיין איבריג צו בעטן

און זאַגאַר גרויזאם.

— גאַר פלעגט איבער לכל הפחות דיא האָר (דיא האר זיינען געווען פערקאַמט אבשייליך און האָבען איהר געזיכט אין גאַנצען איבערגעפיהרט), האָט ליזא געזאָגט. איך האָב אייך געזאָגט, אז אזא מין פערפלעכטען געהט ניט צו איהר געזיכט, האָט זיא זיך געווענדעט מיט פאַרווירפע צו מאַמזעל בוריען.

— לאָז מיך צורוה, מיר איז אלץ איינס האָט מארי געענטפערט, קוים איינהאַל-טינג איהרע טרערען.

— דאָך וועט איהר איבערפלעכטען, ניט אמת, מארי, האָט ליזא געזאָגט, און ניט בעקומענדיג קיין ענטפער,איז זיא ארויס פון צימער.

זיא איז געבליבען אליין אין צימער און האָט די האָר ניט איבערגעפלאָכטען. זיא האָט אפילו ניט א קוק געטהאָן אין שפיגעל. זיא האָט געטרוימט פון איהר קינפטיגען מאַן, וויא ער טראָגט איהר איבער אין א וועלט פון גליק. איהר האָט זיך פאָרגע-שטעלט א קינד, איהר קינד,ביים ברוסט און ווי דער מאַן שטעהט נעבען איהר און קוקט איהר אריין צערטליך אין געזיכט. „גאָר ניין, האָט זיא צו זיך געזאגט, דאס איז אונמעגליך. איך בין צו העסליך".

אין דער מינוט האָט איהר א דינסט פון הינטער דער טיר גערופען צו טהיי און געזאָגט, אז דער פאָטער קומט גלייך ארויס. מארי האָט זיך א צאַפּעל געטהאָן און האָט זיך דערשראָקען פון איהרע אייגענע געדאַנקען. זי איז פריהער אריין אין צימער וואו די הייליגע בילדער זיינען געשטאַנען און איז דאָ פערבליבען א פּאָר מינוט. אין הארצען האָט זיך צו איהר פער'גנב'עט א שרעקליכער צווייפעל: איז פאר איהר מעגליך, אז זיא זאָל געניסען דאָס פערגניגען פון ליעבע, פון ערדישע ליעבע צו א מאַנספּערזאָן? איהרע טרוימען זיינען געווען וועגען קינדער, וועגען א גליקליכען פאַ-מיליען-לעבען, נאָר טיעף אין הארצען איז געווען פערבאָרגען נאָך א שטארקערער געפיהל, א געפיהל וועגען ערדישע ליעבע. „גאָט אין הימעל, האָט זי געבעטען, העלף מיר אויס, אז איך זאָל קענען דערשטיקען אין הארצען די פערפיהרערישע געדאַנקען פון שטן". א שטימע האט איהר אין איהר אייגענעם הארצען געענטפערט: „זיי רו-היג ווינש קיין זאך און זיי ניט מקנא. אויב גאָט וועט וועלען אויספּרובען דיך אין די פּפליכטען פון א פערהייראַט לעבען, זאָלסטו זיין גרייט צו טהאָן זיין ווילען". מיט ריזען בערוהיגענדען געדאַנק (און דאָך מיט דער האָפנונג צו געניסען פון דער פער-באָטענער ערדישער ליעבע) איז זיא אראָב אונטען, ניט דענקענדיג ניט וועגען איהר קלייד, ניט וועגען איהרע האָר און ניט וועגען דעם וויא זיא וועט אריינקומען אין צי-

מער און וואס זיא וועט זאגען. וואס פאר א ווערטה קענען האבען אזעלבע זאכען? וואס עס איז אנגע׳חתמ׳עט געווארען אויבען, וועט מקוים ווערען.

IV.

דער אלטער פירסט באלקאנסקי האט זיך לאנגזאם אנגעטאן אין זיין קאבינעט, בלאזענדיג זיך און טראכטענדיג, וואס ער ער זאל דא טהאן. ער איז געוועזן אויפגעבראכט אויף די געסט, וואס זיי האבען אויפגעוועקט אין זיין הארצען א פראגע, וועלכע ער האט געזוכט שטענדיג צו פערטויבען. דיא פראגע איז געוועזן, צו וועט ער זיך קענען בעשליסען צו שיידען מיט זיין טאכטער און אבלאזען איהר פון זיך. אהן מארי איז פאר איהם זיין לעבען קיין לעבען ניט געוועזן, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער האט זיך, ווי עס האט געשיינט, ווייניג געקימערט וועגען איהר. „צו וואס דארף זיא חתונה האבען? זיא וועט געוויס זיין אונגליקליך מיט א מאן. ווער וועט מיט איהר חתונה האבען אויס ליעבע? זי איז מאוס און אונגעלומפערט. מען וועט נאר חתונה האבען מיט איהר געלד. קען מען דען ניט לעבען גליקליך, בלייבענדיג א מיידעל?“ די פראגע אבער האט געפאדערט אן ענטפער, און ער האט צו זיך געזאגט, אז ער וועט זעהן, וואס פאר א פויגעל דער חתן איז און דערנאך וועט ער שוין בעשליסען.

ער איז אריין אין זאל מיט גיכע טריט און האט אלעמען אבגעמאסטען מיט א פלינקען בליק און ער האט גלייך בעמערקט וואס פאר אן ענדערונג עס איז פארגעקומען אין ליזא׳ס און בוריענ׳ם קליידער, וויא אבשייליך מארי איז פערקאמט, אין בוריענס חנ׳דלאך צו אנאטאלען און זיין שמייכעל צו איהר און וויא איינזאם מארי פיהלט זיך אין דיעזער געזעלשאפט. „אנגעטהאן האט זיא זיך וויא א נאר!“ האט ער געטראכט קוקענדיג בייז אויף דער טאכטער. „זי האט נאר קיין בושה ניט און ער וויל פון איהר גאר ניט וויסען“.

ער האט בעגריסט די געסט און געזעצט זיך אויף זיין ארט אהן אנגעוויזען וואסיליין א שטוהל און גענומען אויספרעגען וועגען פאליטישע און וועלטליכע נייעס. ער האט וויא אויפמערקזאם זיך צוגעהערט צו דעם, וואס וואסילי האט איהם דערצעהלט, נאר ער האט אלע ווייכע א ווארף געטהאן א בליק אויף דער טאכטער. פלוצים האט ער זיך א הויב געטאן און איז צוגעגאנגען צו זיין טאכטער:

— דאס איז לכבוד דיא געסט האסטו זיך אזוי פערפוצט, הא? האט ער געזאגט צו דער טאכטער. שיין, זעהר שיין. לכבוד דיא געסט האסטו זיך עפעס מאדנע פערקאמט און איך זאג דיר פאר דיא געסט אין דיא אויגען, אז דאס צווייטע מאל זאלסטו ניט וואגען אהן מיין וויסען איבערצוטהאן זיך.

— דאס בין איך, פאטער, שולדיג, האט געזאגט דיא קליינע פירסטין רויט וועד-רענדיג.

— איהר זיים פריי צו טהאן, וויא אייך געפעלט, האט דער אלטער פירסט גע-זאגט, שארענדיג מיט דיא פיס אנטקעגען איהר, נאר זיא דארף זיך ניט מאכען פאר א פערזעהענים, זיא איז אזוי אויך גענוג מאוס.

און ער האט זיך ווידער געזעצט אויף זיין ארט, ניט קוקענדיג מעהר אויף זיין טאכטער, וועלכע האט שוין געהאלטען נאהענט פון וויינען.

נאך טהיי איז דיא געזעלשאפט איבערגעגאנגען אין פאמיליען-צימער און מארי האט זיך געזעצט שפיעלען אויף׳ן קלאוויקארד. אנאטאל האט זיך געזעצט אנטקעגען איהר הינטער מאמזעל בוריען און זיינע פרייליכע אויגען האבען געקוקט אויף מארי. מארי האט מיט פיינליכע און פרייליכע ערדעגונג געפיהלט אויף זיך זיין בליק. דאס שפיעלען האט איהר איבערגעטראגען אין א פאעטישע וועלט און זיין בליק האט די-זער וועלט צוגעגעבען נאך מעהר פאעזי. נאר באט׳שע אנאטאל האט געקוקט אויף איהר, האט ער נאר בשעת מעשה געהאט אין זיננען בוריען׳ס פיסעל, וואס ער האט מיט זיינע געריהרט אונטער׳ן פארטעפיאן. בוריען האט אויך געקוקט אויף איהר און אין איהרע אויגען האבען געהאט אין אויסדרוק פון א צושראקענע פרייד און האפנונג.

„וויא שטארק עליעבט מיך“ האט מארי געטראכט. „וויא גליקליך איך בין איצט און וויא גליקליך איך קען זיין מיט אזא פריינד און אזא מאן!“ נאר זיא האט ניט געוואגט א קוק צו טהאן אויף זיין געזיכט.

אין אבענד ווען מען האט זיך גענומען צו גיין, איז אנאטאל צוגעגאנגען צו מארי און האט איהר א קוש געטהאן אין דער האנד. זיא האט אליין ניט געוואוסט, פון וואנען האט זיך ביי איהר גענומען קוראזש א קוק צו טהאן איהם גלייך אין דיא אויגען. דערנאך איז ער צוגעגאנגען צו בוריען און האט איהר א קוש געטהאן אין האנד (דאס איז געווען ניט אנשטענדיג, נאר ער האט עס געטהאן אזוי איינפאך און זיכער). בוריען האט זיך בעגאסען מיט א רויטקייט און האט צושראקען א קוק געטהאן אויף מאריין.

„וויא דעליקאט זיא איז!“ האט מארי געטראכט. „צו דען דענקט זיא, אז איך בין אייפערזיכטיג“. זיא איז צוגעגאנגען צו איהר און האט איהר א שטארקען קוש געטהאן. דערנאך איז אנאטאל צוגעגאנגען צו דער פירסטין ליזא.

— ניין, ניין, ניין! האט זיא געזאגט. ווען אייער פאטער וועט מיר אפשרייבען,

אז איהר פיהרט זיך אויף גוט, וועל איך אייך ערלויבען א קוס צו טהאָן מיין האנד אָבער ניט פריהער. זיא האָט צו איהם א מאַך געטהאָן מיט'ן פינגער און איז מיט א שטי־בעל ארויס פון צימער.

V.

אויסער אנאטאָלען איז דיא נאַכט קיינער ניט געשלאָפען ביי פירסט באלקאָנס־קי'ן אין הויז. מארי האָט צוואנציג מאָל זיך איבערגעפרעגט, צו קען דאָס זיין, אז דער שיינער מאנספערזאָן וועט זיין איהר מאַן. און איהר האָט זיך אָנגעהויבען אָב־צודוכטען, אז דער מאנספערזאָן מיט'ן ווייסען שטערן, שווארצע אויגען און רויטען מויל איז א פערשטעלטער שטן און זיא האָט אזוי מורא געקראָגען, אז זיא האָט אָנגעקלונגען און געהייסען דער דיענסט, זיא זאָל בלייבען שלאָפען מיט איהר.

מאמזעל בוריען איז א לאנגע צייט ארומגעגאנגען איבער'ן ווינטערדיגען גאָרטען און האָט אַלץ געוואַרט אויף אימיצען און איז געוועזען געריהרט ביז טרערען פון דיא ווערטער, וואָס זיא האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז איהר אָרעמע מוטער רעדט צו איהר און מאַכט איהר פאָרווירפע פאַר איהר זינקען.

דיא קליינע פירסטין האָט בשום אופן קיין אָרט ניט געקענט געפינען אין בעט און איהר האָט אויסגעוויזען, אז דאָס בעט איז ניט גוט אויסגעבעט.

דער אלטער פירסט באלקאָנסקי איז אויך ניט געשלאָפען. ער האָט זיך געפיהלט מיעף בעליידיגט. א פרעמדער מאנספערזאָן האָט זיך נאָר געוויזען און זיא האָט שוין פערגעסען איהר פאָטער און איז פיקס און פערטיג צו אנטלויפען. און וויא האָט זיא דאָס ניט אזוי פיעל שטאָלץ צו פערשטעהן, אז דער נאָר האָט נאָר אויגען פאַר בוריען? (מען דאַרף איהר ארויסטרייבען). נאָר ער וויל דאָס איהר ווייזען און איהר איינגעליעבע וועט איהר ניט ערלויבען חתונה צו האָבען פאַר איהם.

אויף מאָרגען איז מארי צו דער געוואוינליבער צייט אריין צום פאָטער אין קאבינעט. ער איז היינט געווען צו איהר זעהר לאַסקעדיג און האָט גלייך גענומען ריידען מיט איהר צו דער זאַך.

— מען האָט מיר וועגען אייך געמאַכט א פראָפאָזיציאָן, האָט ער געזאָגט מיט אַן אוננאַרטירליכען שמייכעל. איהר האָט דאָך מסתמא פערשטאַנען, אז פירסט וואסילי האָט אהער געבראַכט זיין צעגלינג ניט פאַר מיינע שיינע אויגען. און אזוי וויא איהר ווייסט מיינע רעגעלען, גיב איך דאָס איבער צו אייך.

— וויא זאָל איך אייך פערשטעהן פאָטער? האָט מארי ארויסגערעדט, ווערענ־דיג בלייך און רויט.

— ווי זאָל איך פערשטעהן! האָט ער ביז אויסגעשריען. פירסט וואסילי געפינט אז דו פאסט זיך צו זיין זיינע א שנור און ער האט מיר ווענגען דעם געמאכט א פראָפאָזיציאָן. אָט דאָס איז פאראן צו פערשטעהן. וויא זאָל זיא פערשטעהן? אדרבא איך פרעג דיך.

— איך וויים ניט, וואס איהר האָט צו זאָגען צו דעם, האט זיא ארויסגערעדט שטיל.

— איך? איך? מיך לאָזט צורות איך דארף ניט חתונה האָבען. נאָר וואס האט איהר צו זאָגען? אָט דאָס וויל מען וויסען.

מארי האָט האָט געזעהן, אז דער פאָטער איז אונצופרידען מיט׳ן שדוך און זיא האָט געוואוסט אז ענטוועדער היינט אָדער קיין מאָל מעהר ווערט איהר שיקזאל בעשטימט. זיא האָט אראָבגעלאָזט די אויגען און געזאָגט:

— איך ווינש נאָר איין זאך צו טהאָן, וואס איהר ווילט, נאָר אויב איהר פער־לאנגט, אז איך זאָל ארויסזאָגען מיין וואונש....

— זעהר שיין! האָט ער איהר איבערגעריסען מיט אַנגעשריי. ער ווערט דיך נעה־מען מיט דיין נדן און ווערט מיטנעהמען בוריען אויך. יענע ווערט זיין א ווייב און דוא ..

ער האָט זיך איבערגעהאקט. ער האָט געזעהן, וואס פאר א׳ן איינדרוק זיינע ווערטער האָבען געמאכט. זיא האָט אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און איז געווען פארטיג צו צוואויינען זיך.

— נו, נו, איך האָב געמאכט שפּאס, האָט ער געזאָגט. געדיינק איינס: איך האלט זיך ביים רעגעל, אז א מיידעל האָט דאָס פולע רעכט אויסצרוועהלען א חתן. געדיינק איינס: פון דיין בעשלוס העננט אָב דיין גליק. ווענגען מיר איז ניטאָ וואס צו ריידען.

— נאָר איך וויים דאָך ניט....

— ניטאָ פיעל צו ריידען! איהם הייסט מען, ער ווערט ניט נאָר מיט דיר, נאָר מיט ווערמען דו ווילסט חתונה האָבען און דו קענסט אויסקלייבען... געה צו זיך און בעטראַכט זיך און א שטונדע ארום קום אריין צו מיר און גיב מיר א׳ן ענטפער: יא אָדער ניין. איך וויים, דו ווערסט זיך איצט שטעלען בעטען. בעט דארטען פיעל דוא ווילסט. נור בעסער בעטראַכט זיך. געה!

מארי איז ארויס פון קאבינעט און איז געגאנגען ווי אין א טומאן. יא איהר שיק־זאָל איז בעשטימט און עס איז ארויסגעקומען בעסער, וויא זיא האָט ערווארטעט.

נאָר וואָס האָט ער עפּעס געזאָגט וועגען בוריען? זי איז געגאַנגען דורך דעם ווינ־טערדיגען גאָרטען, ניט זעהענדיג וואָס עס טהוט זיך אַרום איהר. פּלוצים האָט זיא ערוואַכט פון אַ בעקאַנטער שטילער שטימע. זיא האָט אויפגעהויבען דיא אויגען און האָט דערזעהען צוויי טריט פון זיך אַנאַטאָלען, וויא ער האלט אַרומגענומען מאַזמעל בוריען מיט אַ שרעקליכען אויסדרוק אויפ'ן געזיכט און שעפּצעט עפּעס צו איהר. זיי האָבען איהר אָנפאַנגס ניט געזעהן, נאָר ווען מאַמזעל בוריען האָט איהר בעמערקט, האָט זיא זיך פון איהם אַרויסגעריסען מיט אַ געשריי און איז אַנטלאָפען. אַנאַטאָל האָט מיט אַ פריילינען שמייכעל איהר בעגריסט און זיין שמייכעל האָט ווי געזאָגט: אָ, קוקט ניט אויף אַזעלכע נאַרעשקייטען.

אין אַ שטונדע אַרום האָט דער פאָטער פאָטער נאָך איהר געשיקט און זיא האָט איהם געענטפערט פאַר וואַסיליי'ן אין דיא אויגען אַז איהר בעשלוס איז קיין מאָל זיך ניט צו שיידען מיט איהר פאָטער.

VI.

אַ לאַנגע צייט האָבען דיא ראָסטאָווס ניט בעקומען קיין בריעף פון זייער זוהן ניקאָלושקאַ. נאָר אין מיטען ווינטער האָט מען דעם גראַף דערלאַנגט אַ בריעף, און אויף דעם אַדרעס האָט ער דערקענט דעם זוהנס האַנדשריפט. ער איז צושראָקען און איילענדיג אַריין אויף דיא שפּיץ-פינגער צו זיך אין קאַבינעט, האָט זיך פערשלאָסען און גענומען לייענען.

פירסטין דרובעצקאַיאַ, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ אויפגעהאַלטען ביי דיא ראָס־טאָווס, באַטשע איהרע געשעפטען האָבען זיך פערבעסערט, האָט גלייך דערשמעקט אַז אַ בריעף איז אָנגעקומען און זיא איז גלייך אַריין אין קאַבינעט. זיא האָט איהם געטראָפען מיט'ן בריעף אין האַנד און ער האָט געוויינט און געפרייט זיך צו דער זעלבער צייט.

— וואָס הערט זיך? האָט זיא געפרעגט.

דער גראַף האָט זיך נאָך מעהר צואוויינט:

— ניקאָלושקאַ.... אַ בריעף....פערוואונדעט ... געוועזען... פערוואונדעט... מיין טייבעלע... איצט אָפיציר געוואָרען... אַ דאַנק גאָט... וויא זאָגט מען עס דער גרעפין?

ביים טיש צום מיטאָג האָט דיא פירסטין דרובעצקאַיאַ גענומען מיט ווייטע אָנ־צוהערעניסען צוגרייטען די גרעפין צו דער בשורה, און ווען דיא גרעפין איז געוואָרען אונרוהיג, האָט זיא גענומען ריידען נאָר וועגען זייטיגע זאַכען. נאַטאַשאַ האָט

גלייך פערשטאנען, אז עס האט געדארפט אנקומען א בריעף פון'ם ברודער און זיא האט קיין זאך ניט געקענט געהמען אין מויל אריין, און ווי נור פירסטין דרובעצקאיא איז ארויס פון טיש, איז זיא איהר נאכגעלאפען און ארויפגעווארפען זיך איהר אויפ'ן האלז.

— מוהמעלע, טייבעלע, זאגט מיר, וואס איז דאס אזוינס?

— גאר ניט, מיין פריינד, האט פירסטין דרובעצקאיא געענטפערט.

— ניין, ניין, הארצעניו, נשמה'ניו, טייבעלע, גאטינקע, זאגט מיר איך וועל אייך ניט אבלאזען, איך וויים, אז איהר ווייסט.

— אח, דיא שעלמע!

— א בריעף פון ניקאלענקי'ן? א, יא!

האט נאטאשא אויסגעשריען, איבערלייענענדיג א צושטימונג אין דרובעצקאיא'ס געזיכט.

— נאר אום גאטעס ווילען, זיי פארזיכטיג. דוא ווייסט וויא דאס וועט ווירקען אויף דיא מוטער.

— איך וועל זיין, איך וועל זיין, נאר זאגט מיר, וואס שרייבט ער.

פירסטין דרובעצקאיא האט איהר אין קורצע ווערטער דערצעהלט דעם אינהאלט פון דעם בריעף מיט דער בעדינגונג, אז זיא וועט דערפון קיינעם ניט זאגען.

— אויף מיינע נאמנות, קיינעם וועל איך א ווארט ניט זאגען, האט זי געזאגט צלמענדיג זיך, נאר אין דער זעלבער מינוט איז זיא אוועקגעפלויגען צו סאניא'ן און האט גלייך אויסגעשאסען: ניקאלענקא... פערוואונדעט... א בריעף

— ניקאלענקא! האט זיך ביי סאניא'ן ארויסגעריסען א געשריי און איז בלייך געווארען וויא קאלך.

— ער איז נאר עטוואס פערוואונדעט, האט איהר נאטאשא געטרייסט. ער איז איצט געווארען אפיציר, איצט איז ער געזונד און שרייבט אליין, האט זיא געזאגט ארייפפאלענדיג סאניא'ן אויפ'ן האלז און צואווייגענדיג זיך.

— מען זעהט, אז איהר זייט אלע וויבער — קלאגי־מוטערס, האט געזאגט דער נייניאהריגער פעטיא, וואס איז מיט ענטשלאסענע גרויסע טריט ארומגעגאנגען אר־בער'ן צימער. איך בין זעהר צופרידען, וואס ער האט זיך אויסגעצייכענט. ווען איך זאל זיין אויף זיין ארט וואלט איך נאך מעהר פראנצוזען אויסגעה'רג'ט. איך וואלט זיי אויסגעקייקלט קופעס־ווייז.

— שווייג, דו נאר, האט געזאגט צו איהם נאטאשא און ווענדענדיג זיך צו

סאניא'ן האט זיא געפרעגט : דו געדענקסט איהם ?

— צו איך געדענק ניקאלענקען ? האט סאניא געענטפערט מיט א שמייכעל

— ניי, איך מיין, צו דו געדענקסט איהם אזוי, אז דו זאלסט יעדע מינוט געדענקען. איך געדענק איהם גוט, איך קען איהם זעהען מיט פערמאכטע אויגען אבער באריס'ן געדענק איך ניט, דאס הייסט ניט אזוי גוט.

— דאס איז דערפאר, האט זיך אבגערופען פעטיא, פאר וואס זיא האט איהם גערופען נאר; — דאס איז דערפאר, וואס זיא איז געווען פערליעבט אין דעם ריטער מיט דיא בריליען (ער האט געמיינט פיער בעזוכי'ן) און איצט איז זיא פערליעבט אין דעם זינגער (איהר לעהרער פון זינגען).

ענדליך האט מען דער גראפין מיט גרויס פארזיכטיגקייט געזאגט, אז פון ניקאלענקע איז אנגעקומען א בריעף. דיא גראפין האט זיך צואויינט, האלטענדיג דעם בריעף אין האנד און דערנאך האט זיך אנגעהויבען א לייענים. דעם בריעף האט מען איבערגעלייענט הונדערטער מאל, און דיא אלע וואס האבען געהאט דיא זכיה צו הערען איהם, האבען געדארפט ציגעהן צו דער גראפין, וועלכע האט דעם בריעף פון דער האנד ניט ארויסגעלאזען און זיא האט יעדעס מאל געלייענט מיט א נייען פערגניגען און האט יעדעס מאל ענטדעקט נייע איינענשאפטען אין איהר טייערן ניקאלענקען. א גאנצע וואך האבען דיא שטובינע געשריבען בריעף צו איהם ענדליך זיינען דיא בריעף געווארען פארטיג און מען האט זיי ארויסגעשיקט צו איהם מיט זעקס טויזענד רובעל געלד אויף באריס'ס אדרעס.

VII.

דעם צוועלפטען נאוועמבער איז קוטוזאוו'ס ארמיע געשטאנען ארום אלמיוץ און האט זיך צוגעגרייט אויף מארגען, ווען צוויי קיסרים וועלע איהר קומען בעקוקען, דער רוסישער און עסטרייכישער. דיא רוסישע גווארדיע איז יעצט אנגעקומען פון רוסלאנד און האט זיך געפונען פופצעהן ווערסט פון אלמיוץ.

ניקאלאי ראסטאוו האט דעם טאג בעקומען א בריעף פון באריס'ן, אז ער ווארט אויף איהם און האט איהם איבערצוגעבען א בריעף פון דער היים און געלד.

ראסטאוו האט נאך קיין נייע קליידער ניט געהאט און ער איז אין זיינע אויסגעריבענע, אבגעטראגענע קליידער גלייך אוועקגעפאהרען רייטענדיג צו זיין יוגענד פריינד באריס'ן. זיי האבען זיך שוין ניט געזעהען א האלב יאהר און ביי זייער ערשטער בעגעגעניס ווען ראסטאוו איז אריינגעקומען צו באריס'ן אין צימער, האט ער געוואלט אויסדריקען זיין שמחה אין עפעס א נייער פארם, ניט טיט קושען זיך

און ארומגעהמען זיך, איהם האט זיך געוואלט עפּעס א קניפּ טאָן, א ציפּ טאָן, נאר באָריס איז רוהיג און פריינדליך צו איהם צוגעגאנגען האט איהם ארומגענומען און צוקוסט זיך.

ראָסטאָוו האט דערצעהלט פון דיא הוזארישע הוליאנקעס, פון דעם לעבען אין מלחמה און באָריס האט דערצעהלט, וויא פיין מען האט דיא גווארדיע בעגעגנט אין יעדער שטאָדט, דורך וועלכע זיא איז דורכגעגאנגען, וואס פאר א בעלער מען האט געגעבען לכבוד זייערע אָפיציערען און האט איהם דערלאנגט דעם בריף מיט'ן געלד פון דער היים.

— אח, וואָס פאר א שוויין איך בין, האט ראָסטאָוו געזאָגט, לעזענדיג דיא בריף פון דער היים. אח, וואָס פאר א שוויין איך בין, וואָס איך האָב זיי אזא לאנגע צייט געלאָזט ווארטען אויף א בריעף און האָב זיי אזוי פיעל אָנגעשראָקען.

— צווישען דיא בריעף פון דיא שטובינע האט זיך אויך געפונען א רעקאָמענדאציאָנס בריעף צו פירסט באגראטיאָן. דעם בריעף האט דיא אלטע גרעפין, ראָסטאָוו'ס מוטער, געקראָגען דורך בעקאנטע און זיא האט דעם זוהן געשריעבען, אז ער זאָל זיך בענוצען מיט דעם בריעף.

— נארעשקייטען! נייטהיג דארף איך דאָס, האט ראסטאוו געזאָגט ארונטערשליידערנדיג דעם בריעף אונטערן טיש.

— פאר וואָס האסטו ארונטערגעוואָרפען דעם בריעף? האט באָריס געפרעגט.

— איך דארף ניט אזעלכע זאכען. איך וועל צו קיינעם ניט געהען פאר א'ן אדיוטאנט.

— פאר וואָס? האט באָריס געפרעגט.

— דאָס איז א שטעלע פאר א לאקיי.

— דוא ביזט נאָך אלץ אזא שווערמער, האט באָריס געזאָגט שאקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

— און דוא ביזט נאָך אלץ אזא דיפּלאָמאט, האט ראסטאָוו געענטפערט.

ווען באָריס האט ראָסטאָוו'ן געפרעגט, וויא אזוי און וואו ער איז געוואָרען פערוואונדעט, האט ראָסטאָוו גענומען דערצעהלען וועגען דעם קאמפף וואס איז פאָרגעקומען אין שענגראבען אזוי ווי עס דערצעהלען געוויינליך אזעלכע, וואָס האבען אנטהייל גינומען אין דעם קאמפף, דאָס הייסט ווי זיי האָבען געוואָלט, אז עס זאָל זיין אָבער ניט אזוי, וויא עס איז געווען. אָנגעהויבען האט ער צו דערצעהלען, וויא עס איז געווען אין דער ווירקליכקייט, נאר אליין ניט בעמערקענדיג וויא אזוי, האט

ער זיך נים ווילענדיג אריינגעצויגען אין א ליגען. ער האָט נים געקענט דערצעהלען אזוי איינפאך, אז וועהרענד זיי האָבען זיך א לאָז געטהאָן מיט די פערד אויפ'ן פיינד, איז ער ארונטערגעפאלען פון זיין פערד, האָט אויסגעלונגען א האנד און איז דערנאָך מיט אלע כחות אנטלאָפען פון א פראנצויז. און ווידער אום צו דערצעהלען אלץ, וויא עס איז געוועזן אין דער ווירקליכקייט האָט מען געדאַרפט מאכען אן אנשטרענגונג איבער זיך, וויל צו דערצעהלען דעם אמת איז זעהר שווער, און יונגע לייט זיינען זעלטען פעהיג דערצו.

אין מיטען פון זיין ערצעהלונג איז אין צימער אריין אנדריי באלקאנסקי. פירסט אנדריי האט ליעב געהאט צו פראָטעזשירען יונגע לייט און האט זיך געפונען זעהר געשמייכעלט, וואס מען האט זיך צו איהם געווענדעט נאָך פראָטעקציע. באָריס האט צו איהם געהאט א רעקאָמענדאציאָן פון פיער בעזוכי'ן און איז איהם געפעלען געוואָרען. ער איז איצט געקומען מיט בריעף פון קוטוזאָוו'ן צום קראָהן פרינץ און איז איינוועגס אריין צו באָריס'ן. ער האט זיך א קרים געטהאָן אויף ראָסטאָוו'ן און איהם איז געוועזען זעהר אונאנגענעהם, וואס ער האט דאָ געטראָפען דעם הוזאר. ראָסטאָוו האָט דאָס פערשטאנען, נאָר איהם איז דאָס געוועזן איינס. נאָר א קוק טהוענדיג אויף באָריס'ן, האט ער דערזעהן, אז ער שעהמט זיך אויך מיט זיין בעקאנטען הוזאר. ראָסטאָוו איז רויט געוואָרען און אנשווינגען געוואָרען.

— וועגען אייער זאך, וועלען מיר ריידען שפעטער, האט אנדריי געזאָגט צו באָריס'ן א קוק טהוענדיג אויף ראָסטאָוו'ן.

ראָסטאָוו האט זיך געפונען אין א פערלעגענהייט און האט זיך ביסלעכוויז גענומען אָנציינדען מיט א כעס. אנדריי האָט זיך צו איהם געווענדט און געזאָגט:

— איהר האָט, דוכט זיך, דערצעהלט פון דעם קאמפף אין שענגראבען? זייט איהר דאָרטען געוועזן?

— איך בין דאָרטען געוועזן, האָט ראָסטאָוו געזאָגט בייז, וויא אין דיא ווערטער וואָלט ער ארויסגערעדט א שרעקליכע בעליידיגונג צום אדיוטאנט. באקלאנסקי האָט באמערקט ראָסטאָוו'ס צושטאנד און דאָס האָט איהם אויסגעוויזען זעהר קאָמיש. ער האָט א לייכטען פעראכטליכען שמייכעל געטהאָן.

— יא, איצט דערצעהלט מען פיעלע מעשיות פון יענעם קאמפף.

— יא, מעשיות! האָט ראָסטאָוו אויסגעשריען און ער האָט מיט ווילדע אויגען גענומען קוקען דאָ אויף באָריס'ן און דאָ אויף אנדרייען. יא, מעשיות, נאָר דאָס

דערצעהלען יענע, וועלכע זיינען אליין געשטאנען אונטערן פייער פון דעם פיינד און דאס זיינען נים קיין מעשיות פון העלדישע אדיוטאנטלאך, וואס בעקומען א בעלאהנונג פאר גאר נים טהאן.

— צו וועלכע איהר דענקט, אז איך בעלאנג? האט אנדריי געזאגט מיט א רוהיגען און אנגענעהמען שמייכעל.

— איך זאג נים ווענען אייך, האט ראסטאוו געזאגט. איך קען אייך נים און איך זאג אייך דעם אמת, אז איך וויל אייך נים קענען. איך רייד ווענען די שטאבלייט אין אלגעמיין.

— איהר ווילט מיך בעליידיגען, האט אנדריי געזאגט, און איך בין גרייט צו צוגעבען, אז דאס איז זעהר גרינג צו טאן, ווען איהר וועט נים האבען גענוג אבטונג צו זיך אליין. נאר די צייט און דער פלאץ זיינען נים געקוגגען דערפאר. אין א פאר טעג ארום וועט אונז אלעמען אויסקומען צו זיין אין אן ערנסטערן דועל. איבריגענס, איהר ווייסט מיין פאמיליע און איהר ווייסט וואו צו געפינען מיך. נאר פערגעסט נים, אז איך רעכען נים אז איהר אדער איך זיינען בעליידיגט און וויא אן עלטערער מענש ראטה איך אייך נים צו מאכען דערפון קיין וועזען. צום ווידערזעהן, פרייטאג ווארט איך אויף אייך, דרובעצקאי, האט אנדריי געזאגט און איז ארויסגעגאנגען.

ערשט ווען אנדריי איז ארויס, האט זיך ראסטאוו דערמאנט, וואס ער האט געדארפט ענטפערן און ער איז נאך מעהר בייז געווארען, וואס ער האט עס נים געזאגט. ער האט זיך טרוקען געזעגנט מיט באריס'ן און איז אוועקגעפאהרען צו זיך אין זיין פאלק, און האט זיך דעם גאנצען וועג געפלאגט פון דעם געדאנק, צו זאל ער ארויסרופען דעם אדיוטאנט אויף א דועל צו נים.

VIII.

אויף מארגען נאך ראסטאוו'ס בעגעגעניס מיט באריס'ן האט זיך די גאנצע רוסישע ארמעע מיט דער פעראייניגטער עסטרייכישער אויסגעשטעלט אין פעלד און געווארט אויף ביידע קייזארים, אויף'ן רוסישען און עסטרייכישען.

די חיל זיינען געוועזען אויסגעשטעלט אין דריי ליניען: פריהער די קאוואלעריע דערנאך ארטילעריע און דערנאך פעכאטע. אין פעלד האבען זיך איצט געפונען אכציג טויזענד מאן.

ווען די סוויטע פון די קייזארים האט זיך געוויזען פון אלמיוץ, האט זיך דערהערט איין שטימע: „רוהיג!“ און אזוי וויא העהגער אויפ'ן פריהמארגען האבען זיך

ווידערהאלט דיא שטימען אין פערשיעדענע עקען און ווידער איז אלץ שטיל געוואָרן.

דיא מוזיקאנטען האבען בעגלייטעט די קייזארים מיט א גענעראל-מארש. צווישען דעם שפּיעלען האָט זיך דערהערט דיא יונגע שטימע פון אלעקסאנדער דעם ערשטען, דאָס איז געווען א בעגריסונג. און דער ערשטער פּאָלק האָט א דונער גע-טהאָן: הורראַ! אזוי שטארק, אזוי לאנג און אזוי פרייליך, אז דיא סאָלדאַטען האבען זיך אליין דערשראָקען פאר דער אונגעהייערע גרויסע מאכט, וואס זיי האָבען פארמירט.

ראָסטאָוו איז געשטאנען אין די ערשטע רייהען פון קוטוזאָוו'ס ארמיע און ער האָט געפיהלט, וואָס יעדער איינציגער סאָלדאט, אז פון איין וואָרט פון דעם יונגען קייזער און דיא גאנצע מאסע איז גרייט צוווארפען זיך אין פייער און אין וואסער, צו בעגיין יעדען פערברעכען און צו ווייזען יעדע העלדענטהאט.

ווען דער קייזער האט ארויסגערופען זייער קאמאנדיר און האט איהם געזאָגט עטליכע ווערטער, האָט ראסטאָוו געטראכט:

„מיין גאָט! וואָס וואָלט געווען מיט מיר, ווען דער קייזער זאָל זיך ווענדען צו מיר! איך וואָלט געשטאָרבען פון גליק“.

דער קייזער האט זיך דאן געווענדעט צו אלע אָפיצירען און געזאָגט:

— איך דאנק אייך אלעמען פון גאנצען הארצען.

וויא גליקליך וואָלט איצט ראסטאָוו געווען, ווען ער זאָל קענען איצט שטאר-בען פאר זיין קייזער.

דער קייזער האט נאָך עפּעס געזאָגט, וואס ראסטאָוו האט ניט דערהערט, און דיא סאלדאטען האבען ווידער א דונער געטאָן: „הורראַה!“

ראָסטאָוו האָט אויך געשריען „הורראַ“, געשריען מיט אלע כחות, ווינשענדיג, אז דער געשריי זאָל איהם עפּעס פערשאַדען, אום ער זאָל מיט דעם קענען אויסדריקען זיין פרייד צום קייזער.

ווען דיא קייזארים מיט דער סוויטע האבען זיך צוריקגעקעהרט פון פעלד, האָבען זיך דיא אָפיצירען פערזאמעלט אין גרופּען און מען האט גערעדט וועגען באָנאפּארטען און אלע האבען נאָר געוואונשען אז דער קאמפּף מיט'ן פיינד זאָל זיך אָנהויבען וואָס גיכער און אלע זיינען געווען זיכער אין א זיעג, ווען קאמאנדירען מיט דער ארמיע וועט דער קייזער אליין.

IX

דיא גאנצע ארמיע האט זיך געריהרט אין וועג אויפ'ן פיינד. א פאר טעג איז געווען א קליינע שיסעריי און מען האט גענומען א גאנצען עסקאדראן פראנצויזען קאוואלעריסטען געפאנגען.

דעם 17טען נאוועמבער איז אין דער רוסישער ארמיע אנגעקומען א פראנצויזישער אפיציער, מיט א ווייסע פאהנע, געשיקט פון נאפאלעאנען, צו זעהען דעם רוסישען קייזער. דער צוועק פון דעם שליח איז געווען איינצוארדנען א ראנדעוואו צווישען נאפאלעאן און אלעקסאנדער. נאר אלעקסאנדער האט זיך פון דעם אבגעזאגט און האט צו איהם געשיקט דעם פירסט דאלגארוקאוו.

דעם 18 און 19טען נאוועמבער האט די פעראייניגטע רוסישע און עסטרייכישע ארמעע געמאכט נאך צוויי איבערגאנגען און דער פיינד נאך א קורצע שיסעריי איז ווייטער אבגעטראטען.

6 א זייגער אין אבענד איז קוטוזאוו אוועקגעפאהרען צום קייזער. ער איז דארטען פערבליבען א קורצע צייט און איז באלד אריין צום אבער-הויפט-מארשאל פירסט טאלסטאי.

באלקאנסקי איז דעם טאג געווען דעזשורירענדער אדיוטאנט און האט זיך געפינען דעם גאנצען טאג נעבען קוטוזאוו'ן. ער האט געפיהלט, אז קוטוזאוו איז פון עפעס אונצופריעדען, און ווען קוטוזאוו איז אריין צום אבער-הויפט-מארשאל האט ער זיך דעריבער בענוצט מיט דער געלעגענהייט און איז אריין צו דאלגארוקאוו.

— וואס מאכט איהר, מיין פריינד, האט איהם בעגריסט דאלגארוקאוו, וועלבער איז געזעסען מיט ביליבינען און געטרונקען טהיי. מיר האבען מארגען א יום־טוב. וואס הערט זיך מיט אייער אלטען? ער איז ניט ביי'ם מוטה?

— איך וועל ניט זאגען, אז ער איז ניט ביים מוטה, נאר מיר דוכט, אז ער וואלט וועלען, מען זאל איהם אויסהערען, האט געענטפערט אנדריי.

— יא, מען האט איהם שוין געהערט אויפ'ן קריעגס - ראטה און מען וועט איהם הערען, אויב ער וועט ריידען וויא געהער ג איז; נאר ווארטען און ציהען איצט, ווען באנאפארטע האט מורא פאר א גרויסע שלאכט, איז אונמעגליך.

— יא, איהר האט דאך איהם געזעהן, האט אנדריי געזאגט, וואס פאר אן איינדרוק האט ער אויף אייך געמאכט?

— יא, איך האב איהם געזעהן און האב זיך איבערצייגט, אז ער האט איצט מורא מעהר פון אלץ פאר א שלאכט. ווען ער זאל ניט מורא האבען, פאר וואס

ציהט ער זיך אלץ צוריק, וואס איז ניט זיין מעטאדע. גלויבט מיר, אז ער האט מורא און זיין שטונדע האט שוין געשלאגען. ביי מיין גאנצע אכטונג צו קוטוזאוו מוז איך אייך זאגען, אז דיא ענערגיע פון יונגע לייט ווייזט אפט גיבער דעם וועג, וויא דיא אויסגערעכענטקייט פון אלטע. איך האלט פון סואוואראוו'ס כלל: ווארט קיין מאל ניט מען זאל דיר אטאקירען און זוך שטענדיג, אז דו זאלסט אטאקירען.

— איך דענק, אז מיכאאיל אילאריאונעוויץ (קוטוזאוו) איז שוין ארויס, האט געזאגט אנדריי. איך ווינש גליק און ערפאלג, און ער איז ארויסגעגאנגען.

קומענדיג אהיים, האט זיך פירסט אנדריי ניט געקענט איינהאלטען ניט צו פרעגען קיטוזאוו'ן, וועלכער איז געזעסען שטיל, וואס ער דענקט וועגען דיא מארגעדיגער שלאכט.

קוטוזאוו האט אויף איהם א שטרענגען בליק געטאן, האט א ווילע געשוויגען און דאן זיך אנגערופען:

—איך דענק, אז מארגענדיגע שלאכט איז פערשפילט און אזוי האב איך געזאגט גראף טאלסטאיען און האב איהם געבעטען, ער זאל אזוי איבערגעבען דעם קייזער. און וואס דענקסטו, האט ער מיר געענטפערט? „עה, ליעבער גענעראל, איך בין דא בעשעפטיגט מיט רייז און קאטלעטען און איהר בעשעפטיגט זיך מיט קריג-זאכען!" יא.... אזוי האט ער מיר געענטפערט.

X.

צעהן א זייגער אין אבענד איז וועיראטער מיט זיינע פלענער געקומען צו קוטר־זאוו'ן אויף דער קווארטיר, וואו עס איז בעשטימט געוועזען א קריעגס-ראטה. אלע וויכטיגע גענערעלער, אויסער באגראטיאן, זיינען זיך צוזאמענגעקומען צו דער בע־שטימטער שטונדע.

וועיראטער איז געוועזען דער איינארדנער פון די קומענדע שלאכט און האט פער־געסען אפילו צו זיין העפליך מיט'ן אבערפעלד-הערר קוטוזאוו'ן. ער איז איהם אריינ־געפאלען אין דיא רייד, האט ניט געענטפערט אויף דיא פראגען, וואס מען האט איהם געשטעלט.

אכט א זייגער האט פירסט באגראטיאן געשיקט זאגען, אז ער וועט ניט קומען צום ראטה. קוטוזאוו איז געזעסען אין א פאטעל מיט א פערנאנדערגעשפילעטען מונדיר און האט כמעט געשלאפען.

— אזוי וויא באגראטיאן וועט ניט זיין, קענען מיר שוין אנהויבען, האט וועירא־טער געזאגט, אויפהויבענדיג זיך פון זיין ארט און צוגייענדיג צום טיש, וואו עס איז

געלעגען אויסגעשפרייט א קארטע פון דער אומגעגענד.

ביי דיא ווערטער האט קוטוזאוו מיט שוועריגקייטען אויפגעעפענט זיין איינציגע אויג.

— יא, יא, האט ער געזאגט, מען דארף טאקע אנהויבען. עס ווערט שוין שפעט, און ער האט ווידער אראבגעלאזט דעם קאפ און פערמאכט דיא אויגען

אויב די מיטגליעדער פון'ם קריעגס ראטה האבען דיא ערשטע צייט געמיינט אז ער מאכט זיך שלאפענדיג, האבען אבער דיא קלאנגען, וואס ער האט ארויסגעלאזט פון דער נאז, ווען דאס לעזען האט זיך אנגעהויבען, באלד דערוויזען, אז דא האנדעלט זיך אום עפעס וויכטיגערעס וויא ארויסצואווייזען זיין פעראכטונג צו ווייראטערן מיט זיינע פלענער, דא האט זיך געהאנדעלט אום א בעפריעדיגונג פון א מענשליכער בעדירפניסע — וועגען שלאף. ער איז ווירקליך געשלאפען.

ווייראטער האט זיך וועגען דעם ניט געקימערט און ער האט פארטגעזעצט זיין פלאן, וויא אזוי דיא מארגענדיגע שלאכט זאל געפיהרט ווערן. געלעזען האט ער א שטונדע צייט און ווען דאס לעזען האט זיך געענדיגט, האט איהם געענטפערט גענעראל לאנזשעראן, אז אויסצופיהרען אזא פלאן איז זעהר שווער, ווייל מען ווייסט ניט וואו עס ליגען דיא הויפט קרעפטע ביים פיינד, און וויסען קען מען עס ניט, ווייל ער שטעהט ניט אויף אן ארט. דער ענטפער איז געוועזן א גרינדליכער, נאר דער הויפט צוועק פון דעם ענטפער איז געווען צו ווייזען ווייראטערן, אז ער האט דא ניט צו טהאן מיט נארא'נים. זאנדערן מיט מענשען, וואס הא'בען נאך איהם געקענט עפעס אויסלערנען אין קריעגס-זאכען.

ווען ווייראטער'ס שטימע איז שטיל געווארן, האט קוטוזאוו געעפענט דיא אויגען, ווי א מילנער ערוואכט פון זיין דרעמיל, ווען די רעדער הערען זיך אויף פלוצים צו דרייען. ער האט זיך א ווייל'ע צוגעהערט, וואס לאנזשעראן האט גערעדט און וויא זאגענדיג: „אה, איהר רעדט נאך אלץ וועגען יענע נארעשקייטען!" האט ער געשווינד פערמאכט דיא אויגען און נאך ניעדריגער אראבגעלאזען דעם קאפ.

וועלענדיג ארייגלאזען נאך א טיעפערן שטאך ווייראטערן, האט לאנזשעראן גענומען דערוויזען, אז באנאפארטע קען גאר לייכט אטאקירען אנשטאט צו זיין אטאקירט און דאמאלס טויג דער גאנצער פלאן אויף כפרות.

— ווע, ער זאל אונז קענען אטאקירען וואלט ער עס נאך הייגט געטהאן, האט ווייראטער געענטפערט מיט א פעראכטליכען שמייבעל.

— אויב אזוי, דענקט איהר, אז ער האט גאר קיין קרעפטען ניט, האט געזאגט

לאנזשעראן.

— אז פיעל, האט ער 40 טויזענד חיל, האט וועיראטער נעענטפערט.

— אויב אזוי, נייט ער אויף א זיכערע מפלה און ער ווארט נאר אז מיר זאלען איהם אטאקירען, האט געזאגט לאנזשעראן מיט אן איידעלען איראנישען שמייכעל.

— מארגען וועלען מיר זעהען, האט וועיראטער געזאגט.

קוטוזאוו האט ערוואכט, האט זיך שווער אבגעהוסט און האט בעקוקט די גענערעלער.

—מיינע הערען, דער מארגענדיגער און זאגאר היינטיגער פלאן (ווייל עס איז שוין איינס א זייגער) קען ניט זיין געענדערט, האט ער געזאגט. איהר האט דעם פלאן געהערט, און מיר וועלען אלע טאן אונזער פפליכט. און פאר א שלאכט איז ניטא א וויכטיגערע זאך וויא.... (ער איז א ווילע אנשווייגען געוואהן) וויא אויסצושלאפען זיך גוט.

די גענערעלע זיינען ארויס. עס איז געווען נאך האלבע נאכט.

XI.

אין מיטען נאכט האבען זיך דערהערט זעלטזאמע געשרייען אין דעם לאגער פון דעם פיינד און פייערלאך האבען זיך דארטען גענומען פערשפרייטען אלץ מעהר און מעהר. ראסטאוו און די הוזארען פון זיין ראטע זיינען געשטאנען פארוויז אויסגע-שטעלט אין א קייט. ראסטאוו איז געזעסען אויף'ן פערד א פערשלאפענער און אין קאפ האט זיך איהם געפלאנטערט דער קייזער, די היים, נאטאשא, דעניסאוו. ווען ער האט דערהערט די זעלטזאמע געשרייען האט ער ערוואכט.

— וואס איז דאס אזוינס? האט זיך ראסטאוו געווענדעט צו א הוזאר וואס איז געשטאנען הינטער איהם.

דער הוזאר האט גאר נישט געענטפערט.

— וואס איז, דו הערסט ניט? האט ראסטאוו נעפרעגט נאך א לאנגער פויזע.

— ווער קען עס וויסען? האט דער הוזאר געענטפערט ניט ווילענדיג.

— נאכ'ן ארט, וואו די געשרייען קומען פאר, קומט אויס, אז דאס איז ביים פיינד? האט ראסטאוו ווידער געזאגט.

— עס קען זיין, אז יא און עס קען זיין ניט, האט דער הוזאר געזאגט. איצט איז נאכט.

ראסטאוו'ס פערד האט ניט געקענט איינשטיין אויף אן ארט, האט געקלאפט מיט'ן פוס אן דער געפ־ארענער ערד, האט זיך צוגעהערט צו די זעלטזאמע קולות

און צוגעקוקט צו דיא פייערלאך. דיא קולות זיינען אלץ געוואָרען שטאַרקער און העכער. ענדליך האָט ער דערהערט ווערטער: „וויוואַט דער קעניג! וויוואַט דער קעניג!"

— עס ווייזט אויס, אז דאָס איז ניט ווייט, הינטער דעם טייך, האָט ראסטאָוו געזאָגט צום הוזאַר.

דער הוזאַר האָט זיך נאָר אָבגעזיפצט, ניט ענטפערנדיג קיין וואָרט און האָט בייז א הוסט געטאָן.

אין דער צייט איז צו ראָסטאָוו'ן צוגעפאָהרען אן אונטער אָפיציר.

— אייער וואוילגעבאָרען, גענערעלער קומען!

ראָסטאָוו איז מיט'ן אונטער אָפיציר געפאָהרען אנטקעגען דיא עטליכע רייטער, וואס האָבען געריטען איבער דער ליניע. דאָס איז געווען פירסט באגראַטיאָן מיט פירסט דאָלגאָרוקאָוו מיט זייערע אַדיוטאַנטען. זיי זיינען געקומען זעהן דיא מערקווירדיגע ערשיינונג פון דיא פייערלאך און געשרייען. ראָסטאָוו איז צוגעפאָהרען צו באגראַטיאָן, האָט איהם אָבגעגעבען א ראַפּאָרט און האָט זיך געשטעלט ביים זייט

— איך פערזיכער אייך, אז דאָס איז נור א כוסטינקייט, האָט דאָלגאָרוקאָוו געזאָגט צו באגראַטיאָן. מען האָט געהייסען מאַכען פייערלאך אין די הינטערסטע רייהען, כדי מען זאָל ניט מערקען, וויא דיא אַרמיע ציהט זיך צוריק.

— איך צווייפעל אין דעם, האָט באגראַטיאָן געזאָגט. אין אבענד האָב איך זיי געזעהן אויף יענעם בערגעל. אויב דיא אַרמיע האָט זיך צוריקגעצויגען, האָבען זיי געדאַרפט פערלאָזען יענעם בערגיל. הערר אָפיציר! האָט ער זיך געווענדעט צו ראָסטאָוו'ן. שטעהען זיי נאָך דאָרטען?

— אין אבענד זיינען זיי געשטאַנען, נאָר איצט קען איך ניט וויסען, אויב איהר וועט הייסען, וועל איך אהין צופאָהרען מיט די הוזאַרען, האָט ראסטאָוו געענטפערט.

באגראַטיאָן האָט אין דער פינסטער בעטראַכט ראסטאָוו'ן און דערנאָך געזאָגט.

— ניט א קוק.

ראָסטאָוו האָט א זעץ געטהאָן זיין פערד מיט דיא שפּאָרען, האָט א רוף געטהאָן דעם אונטער אָפיציר און נאָך 2 הוזאַרען און האָט זיך מיט זיי געלאָזט אונטערן באַרג אין דער ריכטונג פון וואַנען די געשרייען האָבען זיך געהערט. ראָסטאָוו האָט געפיהלט מורא'דיג און פריילּיך צו פאָהרען אין יענע געהיימניספאָלע און געפעהרליכע ווייטקייט, וואו קיינער איז ניט געווען פאר איהם. באגראַטיאָן האָט צו

איהם א געשריי געטאָן, אז ער זאָל ניט פאָהרען ווייטער פון דיעם טייך. נאָר ראָס־טאָוו האָט זיך געטאַכט ניט הערענדיג און האָט געריטען אַלץ ווייטער און ווייטער. אראָבלאָזענדיג זיך אונטען, האָט ער שוין מעהר ניט געזעהן ניט אונזערע און ניט זייערע פייערען, נאָר אַלץ העכער און העלער האָט ער געהערט די געשרייען פון די פראַנצויזען. און טהאָל האָט ער דערזעהן עפּעס ווי א טייך, נאָר ווען ער איז אהין צוגעפאָהרען האָט ער אויסגעפונען, אז דאָס איז אן אויסגעפאָהרענער וועג.

דאָ איז ער א ווײלע געבליבען שטעהן און האָט ניט געוואוסט, ווי צו טהאָן, צו זאָל ער פאָהרען מיט'ן וועג, וואָס איז געווען א סך זיכערער, ווייל פון דאַנען האָט מען בעסער געקענט זעהן דעם פיינד, אָדער ער זאָל אריבערפאָהרען דעם וועג און לאָזען זיך איבערן שווארצען פעלד צום באַרג.

— קומט מיט מיר! האָט ער ארויסגערעדט און אריבערפאָהרענדיג דעם וועג האָט ער זיך מיט א גאלאָפּ געלאָזט צום באַרג, צו יענעם אָרט, וואו נעבטען איז געשטאַנען א פראַנצויזישער פּיקעט.

—אייער וואוילגעבאָרען, אָט איז ער! האָט הינטער ראָסטאָוון ארויסגערעדט איי־נער פון די הוזארען, נאָר ראָסטאָוו האָט ניט צייט געהאַט ארומצוקוקען זיך און אין דעם שווארצען נעבעל האָט א בליץ געטהאָן א פייערל און א שאָס האָט א קלאַפּ געטהאָן. ראָסטאָוו האָט פערקירעוועט דאָס פערד און האָט זיך מיט א גאלאָפּ געלאָזט צוריק. עס האָבען זיך דערהערט איינער נאָכ'ן צווייטען נאָך פיער שאָסען און דיא קוילען האָבען געזונגען אויף פערשיעדענע טענער ערגעץ אין דעם נעבעל. ראָסטאָוו האָט איינגעהאַלטען דאָס פערד, וואָס איז, אזוי וויא ער פריילינבער געוואָרען פון דיא שיסערייי און האָט גענומען רייטען שטיל.

— נו, נאָך אביסעל! נו נאָך א ביסעל! האָט אין איהם גערעדט א פריילינבע שטימע. נאָר מעהר האָט מען שוין ניט געשאָסען.

נאָר צופאָהרענדיג צו באַגראַטיאָן, האָט ראָסטאָוו ווידער אָבגעלאָזט דאָס פערד און איז מיט א גאלאָפּ צוגעפאָהרען צו איהם.

דאָלגאָרוקאָוו האָט זיך אַלץ געהאַלטען ביי זיין מיינונג, אז דיא פראַנצויזען האָבען זיך צוריקגעצויגען און ווען ראָסטאָוו האָט געמעלדעט, אז די פּיקעטס זיינען געבליבען, האָט ער געזאָגט, אז דאָס בעווייזט גאָר ניט, זיי האָבען געקענט דיא פּי־קעטס איבערלאָזען.

— עס איז קענטיג, אז נאָך ניט אַלע האָבען זיך צוריקגעצויגען, האָט באַגראַ־טיאָן געזאָגט. מאָרגען וועלען מיר אַלץ אויסגעפינען.

— אייער עקסעלענץ, האט זיך ראסטאוו געווענדעט צו באנראטיאן. ערלויבט מיר צו בעטען אייך.

— וואס?

— אונזער באטאליאן איז מארגען אין רעזערוו און ערלויבט מיר צו בעטען אייך מיך צו בייארדענען צום ערשטען עסקאדראן.

— ווי איז אייער פאמיליע?

— גראף ראסטאוו.

— א, גוט. דו וועסט זיין געבען מיר.

— איליא אנדרעאיטש'ס זוהן? האט געפרעגט דאלגארוקאוו. נאר ראסטאוו האט איהם ניט געענטפערט.

— איך וועל האפען אייער עקסעלענץ.

— גוט.

דיא געשרייען און פייערס אין דעם פיינד'ס לאגער זיינען געקומען דערפון וואס נאפאלעאן אליין איז רייטענדיג ארומגעפאהרען איבער דיא וואכען, וועהרענד מען האט געלייענט זיין בעפעהל. דערזעהענדיג דעם קייזער, האבען דיא סאלדאטען אנגעצונדען קולעס שטרוי און געשריען: „עס לעבע דער קעניג!“ און זיינען געלאפען נאך איהם. דער בעפעהל איז געווען פאלגענדער:

„סאלדאטען! דיא רוסישע ארמעע טרעט איצט ארויס נעגען אייך, אום זיך צו רעכענען פאר דיא עסטרייכער. דאס זיינען דיא זעלבינע באטאליאנען, וועלכע איהר האט צושלאגען ביז האלאברו'ן און וועלכע איהר האט פערפאלגט ביז דיעזען פלאטץ. אונזער פאזיציאן איז א שטארקע. סאלדאטען! איך וועל אליין פיהרען אייערע באטאליאנען. איך וועל זיך האלטען ווייט פון פייער, אויב איהר מיט אייער געוואוינליכע העלדענמוטה וועט אריינטראגען א'ן אונארדנונג און מהומה אין דיא רייהען פון דעם פיינד. נאר אויב דער זיעג וועט איין מינוט זיין אין צווייפעל, וועט איהר זעהען אייער קעניג, וויא ער ווארפט זיך אונטער דיא ערשטע קלעפ פון דעם פיינד, ווייל עס טאר ניט זיין קיין צווייפעל אין זיג, איבערהויפט אין דעם טאג ווען עס געהט אום דיא עהרע פון דער פראנצויזישער פעכאטע, וועלכע איז אזוי נויטיג פאר דער עהרע פון דער גאנצער נאציאן.

„יעדער זאל זיין דורכגעדרונגען מיט'ן געדאנק, אז מען דארף האלטען א זיעג איבער דיא וואס האבען זיך פערדונגען צו ענגלאנד. דיעזער זיעג וועט פערענדיגען אונזער גאנג און מיר וועלען זיך קענען אומקעהרען אויף

ווינטערדינע דירות, וואו מיר וועלען טרעפען פרישע פראנצויזישע חיל, וואס פאר־מירט זיך איצט אין פראנקרייך. און דער שלום, וואס איך וועל דאמאלס שליסען, וועט געבען כבוד אונזער נאציאן, אייך און מיר".

נאפאלעאן."

XII

ניט קוקענדיג, וואס דיא וויכטיגסטע גענעראלער זיינען ניט געווען ביים טוטח איוף דעם קריעגס־ראטה, זיינען דיא סאלדאטען פון דעם לינקען פליגעל פינף אזוי־גער אין דער פריה ארויסגעטראטען זעהר פרייליך, וויא שטענדיג ביים ארויס־טרעטען אין א שלאכט, איבערהויפט צו אטאקירען. עס האט שוין אנגעהויבען צו טאגען, נאר דער נעבעל איז געווען אזוי געדיכט, אז פאר צעהן טריט האט מען ניט געזעהן, וואס עס טהוט זיך. נאר אבגעהענדיג אין דעם נעבעל א שטונדע צייט, האט זיך דער גרעסטער טהייל חיל געמוזט אבשטעלען און צווישען די רייהען סאל־דאטען האט זיך איבערגעגעבען א בעגריף, אז עס קומט פאר עפעס א'ן אונארדנונג. וויא אזוי דער בעגריף גיט זיך איבער, איז שווער צו בעשטימען, נאר דער בעגריף גיט זיך זעהר ריכטיג און שנעל.

— וואס איז מען געבליבען שטעהן? האט מען דעם וועג פערצאמט? אדער האט מען זיך שוין אנגעקלאפט אן דעם פראנצויז. ניין, עס איז עפעס שטיל. מען וואלט שוין געהערט. פריהער האט מען נאר געטריבען און אז מען איז שוין ארויס, איז מען געבליבען שטעהן אין מיטען פעלד. דאס איז אלץ די טייטשען די פערפלוכ־טע. איך וואלט זיי געלאזט געהן פאראויס נא דיר, איצט שטעה ניט געגעסען, האט געזאגט איינער.

— דיא קאוואלעריע האט פערשפארט דעם וועג, האט געזאגט א צווייטער.

— אך, פערפלוכטע טייטשען, זייער איינענע לאנד ווייסען זיי ניט, האט געזאגט א דריטער.

נאך א שטונדע שטעהן האט זיך דאס חיל ווידער געריהרט אין וועג. דער נעבעל איז זיך אביסעל צוגאנגען פון דעם בארג, נאר דערפאר איז ער געווארן געדיכ־ריכטער אונטען. פון פארענט האט זיך דערהערט א שאס, דערנאך א צווייטער און דערנאך א'ן איבערשיסענים.

מען האט ניט אויסגערעכענט צו טרעפען דעם פיינד אונטען איבערן טייכעל, אויך האט מען ניט געהערט קיין בעגייסטערנדען ווארט פון די גענערעלער און אי־בערהויפט ניט זעהענדיג קיין זאך פאר אויס, זיינען דיא רוסישע סאלדאטען גע־

נאנגיין פיל אין האבען לאננזאם, וויא פון יוצא וועגען, געשאסטען. אזוי האט זיך די שלאכט אנגעהויבען פאר דער ערשטער רייהע סאלדאטען, פאר דער צווייטער רייהע און פאר דער דריטער רייהע. ביי דער פיערטער רייהע האט זיך געפונען קוטוזאוו אליין און זיי האבען זיך נאך ניט ארונטערגעלאזט פון דעם בארג.

אונטען וואו דיא שלאכט איז פארגעקומען איז נאך געוועז א געדיכטער טומאן, אין דער הויך איז אביסעל ליכטיגער געווארן, נאר מען האט נאך אלץ ניט געקענט זעהן צו דער פיינד געפינט זיך פאר צעהן ווערסט פון דאנען, ווי מען האט דא אויסגערעכענט, אדער ער געפינט זיך דא אין דעם נעבעל. דאס האט מען ערשט אויסגעפונען ניין א זייגער.

אכט א זייגער איז קוטוזאוו געשטאנען נעבען דעם דארף פראץ ; ארום איהם איז געוועזן זיין גאנצע סוויטע. פון פארענט און פון הינטען האט זיך געריהרט דיא פעכאטע. קוטוזאוו האט דורכגעלאזט פערביי זיך דיא חיל און האט אויסגעזעהן זעהר צורייצט.

א'ן עסטרייכישער אפיציר אין א ווייסען מונדיר איז צוגעפאהרען צו איהם און האט געפרעגט אין דעם נאמען פון דעם קייזער, צו דיא פיערטע רייהע סאלדאטען איז שוין ארויסגעטראטען.

קוטוזאוו האט איהם ניט געענטפערט און אבווענדענדיג זיך אן א זייט האט ער בעגעגענט אנדריי'ס בליק און ער האט צו איהם געזאגט :

— געהט, מיין ליעבער, און גיט א קוק, צו דיא דריטע דיוויזיע איז דורכגעגאנגען דעם דארף. הייסט זיי אבשטעלען זיך און ווארטען אויף מיין בעפעהל.

וויא נאר אנדריי איז אבגעפאהרען, האט ער איהם אבגעשטעלט.

— און פרעגט צו דיא שארף־שיסער זיינען אוועקגעשטעלט. וואס טהוען זיי! וואס טהוען זיי! האט ער געזאגט צו זיך, נאך אלץ ניט ענטפערענדיג דעם עסטרייכישען אפיציער.

ווען אנדריי האט זיך צוריקגעקעהרט, האט ער געטראפען קוטוזאוו'ן, זיצענדיג אויפ'ן פערד און געניצענדיג.

אין דער צייט האבען זיך דערהערט בעגריסענדע קולות פון אלע רוסישע פאלקען. ווען דיא בעגריסענדע קולות האבען זיך דערהערט פון דעם פאלק, נעבען וועלבען קוטוזאוו איז געשטאנען, איז ער אבגעפארען א ביסעל אן א זייט און האט זיך ארומגעקוקט. דאס זיינען בעגריסט געווארן ביידע קייזארים, וואס זיינען איצט געפארען מיט דער גאנצער סוויטע איבערן וועג פון פראץ. ער האט געגעבען א קאמאנ־

דעווע: „רוהיג!“ און איז צוגעפאָהרען צום קייזער. זיין גאַנצע פּינור האָט זיך גע־ענדערט. ער האָט איצט אָנגענומען דיא מינע פון א׳ן אונטערגעאָרדענטען מענשען. ער האָט איהם בעגריסט מיט א׳ן איבערטריבענע העפליכקייט.

— פאר וואָס הייבט איהר נאָך ניט אָן, מיכאאיל לאריאָנאָוויטש? האָט זיך אלעקסאנדער געווענדט צו קוטוזאָוו׳ן.

— איך ווארט, אייער מאַיעסטעט, האָט קוטוזאָוו געענטפערט, פערנייגענדיג זיך העפליך.

דער קייזער האָט אָנגעבויגען דעם אויער אויף א צייכען, אז ער האָט ניט דער־הערט.

— איך ווארט אייער מאיעסטעט, האָט קוטוזאָוו ווידערהאָלט (אנדריי האָט בעמערקט אז ביי קוטוזאָוו׳ן האָט דיא אויבערסטע ל.פּ אוננאטירליך א ציטער געטאָ׳, ווען ער האָט געזאָגט „איך ווארט“) נאָך ניט אלע רייהען זיינען פערזאַ־מעלט, אייער מאיעסטעט.

דער קייזער האָט ווייטער ניט דערהערט, נאָר דער ענטפער איז איהם ניט געפעלען געוואָרן. ער האָט א קוועטש געטאָן מיט זיינע ברייטע פּלייצעס און האָט א קוק געטהאָן אויף נאָוואָסילצאָוו׳ן וויא בעקלאָגענדיג זיך מיט דעם בליק אויף קוטוזאָוו׳ן.

— איהר זייט דאָך ניט אויף׳ן צאַריצינער פעלד, מיכאאיל לאריאָנאָוויטש, וואו דער פּאראד פאַנגט זיך ניט אָן, ביז אלע פּאָלקען פערזאמלען זיך, האָט געזאָגט דער קייזער.

— דאריבער טאקע ווארט איך, קעניג, האָט קוטוזאָוו געזאָגט מיט א הילכענ־דען קול, וויא וועלענדיג מיט דעם, אז דער קייזער זאָל ניט פערהערען,—דאריבער טאקע ווארט איך, ווייל מיר זיינען ניט אויף א פּאראד און ניט אויף׳ן צאריצענער פעלד.

אויף אלע געזיכטער פון דער סוויטע האָט זיך אויסגעדריקט א׳ן אונצופריע־דענהייט.... „וויא אלט ער איז ניט, האָט ער דאָך אזוי ניט געדארפט ריידען“ האָבען גערעדט זייערע געזיכטער.

אלעקסאנדער האָט איהם דורכדרינגליך געקוקט אין דיא אויגען, ווארטענדיג, צי וועט ער ניט זאָגען נאָך עפּעס, נאָר קוטוזאָוו, האָט העפליך פערנייגט דעם קאָפּ און האָט אויך געשוויגען. א מינוט צייט האָט געדויערט דיא פּויזע.

— איבריגענס, אויב אייער מאיעסטעט בעפעהלט, האָט קוטוזאָוו געזאָגט,

אויפהויבענדיג דעם קאָפּ און אָננעהמענדיג דעם טאָן פון אן אונטערגעאָרדנעטען גענעראל, וואָס טהוט, וואָס מען הייסט איהם. ער האט א ציה געטאָן זיין פערד און האט געגעבען דעם בעפעהל צו אטאקירען.

XIII.

קוטוזאָוו מיט זיינע אדיוטאנטען איז געפאהרען לאנגזאם פון הינטען.

אָבפאָהרענדיג א האלב ווערסט, האט ער זיך אָבגעשטעלט ביי אן איינזאמע וויסטע שטיבעל, פון וואנען עס האָבען געפיהרט צוויי וועגען,ביידע אונטערן בארג.ביידע וועגען זיינען געווען פערנומען מיט חיל, וואָס האָבען זיך אראָבגעלאָזט אונטען.

דער נעבעל האָט זיך גענומען צוגעהן און אויף א שטח פון א פּאָר ווערסט האָט זיך געזעהן דעם פיינד'ס חיל. לינקס איז דיא שיסעריי געוואָרען שטארקער. קוטוזאָוו איז דאָ געשטאנען און האָט גערעדט מיט אן עסטרייבישען גענעראל.

— זעהט, זעהט! האָט אן אדיוטאנט אויסגערופען, קוקענדיג נים אויפ'ן חיל, וואָס האָט זיך געפונען פאר א פּאָר ווערסט, זאָגדערן אונטער זיך. דאָס זיינען זיי דיא פראנצויזען!

צוויי גענעראלען און דיא אדיוטאנטען האָבען גענומען כאפּען איינער ביים צווייטען א פערגרעסערונגס-גלאָז. אלע געזיכטער האָבען זיך פּלוצים אומגעביטען און א שרעק האָט זיך אויף זיי אָבגעטונקט. מען האט גערעכענט, אז דיא פראנצויזען זיינען נאָך וויים, ערשט זיי זיינען פּלוצים גאר דאָ.

— מען דארף אָבשטעלען דיא פיערטע רייהע סאָלדאטען, האָט אנדריי אויסגעשריען.

נאָר אין דער מינוט האט זיך דיא לופט פערצווינגען מיט א רויך און עס האָט זיך דערהערט א נאָהענטע שיסעריי, און א צושראָקענער קול האָט נאאיוו אויסגעשריען צוויי טריט פון אנדרייען: „נו, ברידער, מיר מעגען זיך געזעגענען!“ און דיעזער קול איז געווען וויא א בעפעהל. נאָך דעם קול האָבען זיך אלע געלאָזט לויפען.

אויסגעמישטע מחנות האָבען זיך געוואָרפען לויפען צוריק צו דעם זעלבען פּלאץ וואו מיט פינף מינוט פריהער זיינען זיי פערביי געגאנגען פערביי ביידע קייזאָרים. עס איז געווען נים נאָר שווער אָבצוהאלטען דיא מחנות, זאָגדערן עס איז געווען אונמעגליך אליין איינצוהאלטען זיך. נעסוויצקי אויסער זיך פון כעס האָט געשריען צו קוטוזאָו'ן, אז אויב ער וועט נים אָבטרעטען גלייך, וועט מען איהם נעהמען געפאנגען. קוטוזאָוו איז געשטאנען אויף זיין אָרט און נים ענטפערענדיג האָט ער בעטומען א טיכעל. פון זיין באַק האָט גערונען בלוט. פירסט אנדריי האָט זיך דורכ־

געקוועטשט צו איהם.

— איהר זייט פערוואונדעט ? האָט ער געפרעגט און זיין קינבאק האָט איהם געציטערט.

— מיין וואונד איז ניט דאָ, נאָר אָט וואו זיא איז ! האָט קוטוזאָוו געזאָגט, צולעגענדיג דאס טיכעל צום באק און ווייזענדיג אויף דיא לויפענדע סאָלדאטען.

— האלט זיי אָב ! האָט קוטוזאָוו א געשריי געטהאָן און זעהענדיג, אז עס איז אונמעגליך אָבצוהאַלטען דיא לויפענדע, האָט ער זיך געלאָזט רייטען רעכטס, נאָר א נייע מחנה איז אָנגעלאָפען און האָט איהם אוועקגעשלעפט צוריק. קוטוזאָוו האָט זיך קוים ארויסגעריסען פון דער מחנה לויפענדע און אנדריי האט געזוכט ניט אָבצרשטעהן פון איהם.

— האלט אָב דיא שופטען ! האט קוטחאָוו געשריען.

נאָר אין דער מינוט האָבען די פראַנצויזען בעמערקט קוטוזאָוו'ן און האָבען אויף איהם א שאָס געטאָאָן. עטליכע סאָלדאטען זיינען געפאַלען, א גענעראל האט זיך געכאַפט פאַר'ן פוס און א יונגער וואָס האט געהאַלטען דיא פאָהנע, האט איהר ארויסגעלאָזט פון דער האנד. דיא סאָלדאטען האָבען ניט געוואַרט אויף א בעפעהל און האָבען אליין גענומען שיסען.

— אָ־אָ־אָח ! האט קוטוזאָוו א קרעכץ געטהאָן מיט פערצווייפלונג און האָט זיך ארומגעקוקט. באלקאנסקי, האָט ער א מורמעל געטהאָן, וויזענדיג אויף'ן ביאַטאַליאָן, וואָס איז געשטאַנען אין אונאָרדנונג, און אויף'ן פיינד. וואָס טהוט זיך דאָ?

אנדריי איז אראָבגעשפרונגען פון פערד און איז צוגעלאָפען צו דער פאָהנע.

— פאָרווערטס, קינדער ! האָט ער א געשריי געטהאָן, קוים איינהאלטענדיג דיא שווערע פאָהנע און לויפענדיג פאָרווערטס מיט דער איבערצייגונג, אז דער גאַנצער באטאַליאָן לויפט נאָך איהם. און ווירקליך, אליין איז ער געלאָפען נאָר עטליכע טריט, באלד האָט זיך א ריהר געטהאָן איינער, באלד א צווייטער און באלד דער גאנצער באטאַליאָן נאָך איהם מיט א געשריי הורראַ ! זיי זיינען געלאָפען צו א באַטערייע, וואָס די פראַנצויזען האָבען געהאַלטען אין פערכאַפען. ער מיט'ן באטאַליאָן איז שוין געוועזען צוואַנציג טריט פון דער באַטאַריע. פלוצים האָט איהם וויא עמיצער א זעץ געטהאן מיט א שטעקען מיט'ן גאַנצען כח איבער'ן קאָפּ. דער ווייהטאג איז ניט געוועזען אזוי שטאַרק, נאָר עס איז געוועזען אונאַנגענעהם, ווייל דאס האט איהם געשטערט צו זעהען, אויף וואָס ער האָט געקוקט.

„וואָס איז דאָס ? איך פאַל ? די פיס בייגען זיך מיר אונטער", איז איהם איבער־

געלאַפּען א געדאנק און ער איז אַנידערגעפּאַלען אויף'ן רוקען. ער האט אויפגעעפענט דיא אויגען, אום צו זעהען, צו דיא הארמאטען זיינען אַבגעראטעוועט צו ניט, נאָר ער האט קיין זאך ניט געזעהען. ער האָט נאָר געזעהן איבער זיך דעם הויכען הימעל. „וויא שטיל, רוהיג און ערהאבען קריכען די וואָלקענדלעך איבערן הויכען אונענדליכען הימעל! פאר וואס האב איך ביז איצט ניט געזעהען דעם הויכען הימעל? און וויא גליקליך איך בין, וואָס איך האב איהם ענדליך דערזעהען! יא! אלץ איז פוסט, אלץ איז פאַלש אויסער דעם אונענדליכען הימעל. נאָר ער איז אויך ניטאָ, עס איז גאָר ניטאָ אויסער שטילקייט און רוהינקייט. און א דאנק גאָט!......"

XIV.

פינף אזייגער איז דיא שלאכט געווען פערשפּיעלט אין אלע פּונקטען. איבער הונדערט הארמאטען האָבען פערכאַפּט דיא פראנצויזען.

אויף'ן פּראצענער בארג אויף'ן זעלבען אָרט, וואו ער איז געפאַלען, איז גערלעגען אנדריי באלקאָנסקי אַבגעהענדיג מיט בלוט און אליין ניט וויסענדיג, וואָס ער טהוט, האט ער געקרעכצט מיט א שטילען קלעגליכען און קינדערשען קרעכץ.

אנקעגען אבענד האָט ער אויפגעהערט צו קרעכצען און איז נאָר שטיל געוואָרן. וויא לאַנג ער איז אזוי אַבגעלעגען האָט ער ניט געוואוסט. פּלוצים האָט ער ווידער דערפיהלט, אז ער לעבט און ליידעט פון א ברענענדען וויהטאָג אין קאָפּ.

— נאָר וואו בין איך דאָ?

ער האָט זיך גענומען צוהערען און האָט דערהערט דעם גערויש פון פערשידענע קאָפּיטעס און מענשליכע שטימען. ער האָט געעפענט דיא אויגען. ער האָט ווידער דערזעהען דעם הויכען הימעל מיט דיא שווימענדע וואָלקענס איבער איהם. ער האָט דעם קאָפּ ניט אָבגעקעהרט און האָט ניט געזעהן, ווער איז דאָס צוגעפאָהרען צו איהם און אָבגעשטעלט זיך נעבען איהם.

דיא רייטער זיינען געווען נאפּאָלעאָן און זיינע אדיוטאנטען. ער איז איצט געפאָהרען בעקוקען דאָס שלאכט-פעלד.

— א פיין פאָלק! האָט ער געזאָגט, קוקענדיג אויף א דער'הרג'עטען רוסישען גרענאדיר, וואָס איז געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד.

ער איז צוגעפאהרען נאָך עטליכע טריט און האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען אנדרייען, נעבען וועלכען איז געלעגען דער שטעקען פון דער פאָהנע.

— דאָס איז א פיינער טויט! האָט נאפּאָלעאָן געזאָגט, קוקענדיג אויף באלקאָנסקי'ן.

אנדריי האט געהערט, וויא מען האט אדרעסירט דעם, וואס האט געזאגט דיא ווערטער, „אייער מאיעסטעט", נאר ער האט זיך צוגעהערט צו דיא ווערטער וויא צו דעם החשען פון פליגען. ער האט זיך ניט נאר ניט אינטערעסירט מיט זיי, זאנדערן ער האט זיי גלייך פערגעסען. דער קאפ האט איהם געברענט, ער האט געפיהלט, אז ער געהט אב מיט בלוט און האט איבער זיך געזעהען דעם וויטען, הויכען און אויביגען הימעל. ער האט געוואוסט אז דאס איז געווען נאפאלעאן, זיין העלד, נאר אין דער מינוט האט איהם נאפאלעאן אויסגעוויזען אזוי קליינליך אין פערגלייך מיט דעם, וואס איז איצט פארגעקומען צווישען זיין זעעלע און דיזען הויכען אונענדליכען הימעל. איהם איז איצט געווען אלץ איינס, ווער עס שטעהעט נעבען איהם, און וואס מען זאגט וועגען איהם. ער איז נאר געווען צופריעדען, וואס געבען איהם האבען זיך אבגעשטעלט מענשען און האט נאר געוואונשען, אז דיעזע מענשען זאלען איהם העלפען, ברענגען איהם צוריק צום לעבען, וואס האט איהם איצט געשיינט אזוי שיין. איצט האט ער דאס לעבען פערשטאנען גאר אנדערש. ער האט צוזאמענגעזאמעלט אלע זיינע כחות אום א ריהר צו טהאן זיך און ארויסברענגען עפעס א קלאנג. ער האט שוואך א ריהר געטהאן מיט'ן פוס און ארויסגעלאזט א שוואכען קרעכץ.

— א, ער לעבט נאך, האט געזאגט נאפאלעאן. טראגט איהם אריבער צום פער־באנד פונקט.

אנדריי האט ניט געדענקט, וואס ווייטער איז געווען. ער האט פערלארען זיין בעוואוסטזיין פון דעם שרעקליכען וועהטאג, וואס מען האט איהם פעראורזאכט ביים ארויפלעגען אויף דיא טראג־ברעטער און ביים אפעריזען איבער זיין וואונד. ער איז געקומען צו זיך, ווען מען האט איהם צוזאמען מיט נאך רוסישע פערוואונדעטע און געפאנגענע איבערגעטראגען אין האספיטאל. איצט האט ער זיך געפיהלט אביסעל פרישער און האט זאגאר געקענט ריידען.

דיא ערסטע ווערטער, וואס ער האט דערהערט זיינען געווען פאלגענדע:

— מען דארף זיך דא אבשטעלען. דער קייזער פאהרט גלייך פארביי און ער וועט האבען פערגעניגען צו זעהען דיא געפאנגענע העררען.

— היינט זיינען דא אזוי פיעל געפאנגענע, כמעט דיא גאנצע רוסישע ארמיע, און זיי האבען איהם שוין וואהרשיינליך דערעסען.

— דאך, מען זאגט, אז דיעזער איז געווען קאמאנדיר פון אלעקסאנדער'ס גאנצע גווארדיע, האט געזאגט דער ערסטער, וויזענדיג אויף א'ן אפיציר אין א ווייסע מונ־

דיר פון א קאוואלער-גווארדיסט. באלקאנסקי האט אין איהם דערקענט פירסט רעפנין, וועלכען ער האט אין פעטערבורג בעגעגענט אין דער גרויסער וועלט. נעבען איהם איז געשטאנען א פערוואונדעטער נײנצעהן יאהריגער אינגעל, אויך א'ן אפיציר, א קאוואליר-גווארדיסט.

נאפאלעאן איז צו זיי צוגעפאהרען און האט אבגעהאלטען זיין פערד.

— ווער איז דער עלטסטער? האט ער געפרעגט.

מען האט אנגערופען פירסט רעפנין.

— איהר זייט דער קאמאנדיר פון דעם קייזער אלעקסאנדער'ס קאוואלער-גאר-דיסטען? האט נאפאלעאן געפרעגט.

— איך האב קאמאנדירט מיט אן עסקאדראן, האט רעפנין געענטפערט.

— אייער פאלק האט עהרליך ערפילט זיין פפליכט, האט געזאגט נאפאלעאן.

— א לויב פון דעם גרויסען פעלד-הערר איז דיא בעסטע בעלוינונג פאר א סאל-דאט, האט געזאגט רעפנין.

— מיט פערגניגען קעהר איך אייך איהם אום, האט נאפאלעאן געזאגט און ווייטער געפרעגט: ווער איז דער יונגער מאן נעבען אייך?

פירסט רעפנין האט געענטפערט, אז זיין נאמען איז סוכטעלען. נאפאלעאן האט אויף איהם א קוק געטהאן און געזאגט מיט א שמייכעל.

— צו יונג איז ער געקראכען שלאגען זיך מיט אונז.

— דיא יוגענד שטערט ניט צו זיין העלדיש, האט סוכטעלען געענטפערט מיט א אבגעריסענעם קול.

— אן אויסגעצייכענטער ענטפער, האט נאפאלעאן געזאגט. יונגער מאן, איהר וועט אוועק ווייט!

ווען ער האט דערזעהן אנדרייען, האט ער זיך דערמאנט, אז ער האט איהם שוין געזעהן אויפ'ן פעלד.

— און איהר, יונגער מאן, האט ער זיך צו איהם געווענדעט, וויא פיהלט איהר זיך?

נים קוקענדיג אויף דעם, וואס מיט פינף מינוט צוריק האט ער געקענט עפעס זאגען צו דיא סאלדאטען, וואס האבען איהם איבערגעטראגען, האט ער איצט געקוקט גלייך נאפאלעאנען אין געזיכט און געשוויגען. איהם האט איצט אויסגע-וויזען זיין העלד אזוי קליינליך מיט זיין שמחה פון דעם זיעג, אז ער האט איהם ניט געקענט ענטפערן.

ניט דערוואַרטענדיג זיך אויף אַן ענטפער, האָט זיך נאַפּאָלעאָן אָבגעקעהרט און האָט געהייסען, אז מען זאָל בעזאָרגען מיט אַלעם דיזע העררען און מען זאָל זיי אַריבערטראָגען צו זיין דאָקטאָר און ער זאָל בעקוקען זייערע וואונדען.

— צום ווידערזעהען, פירסט רעפּניק, האָט ער געזאָגט און איז אוועקגעפּאָהרען ווייטער.

דיא סאָלדאַטען מיט דיא טראָג ברעטער האָבען זיך געריהרט אין וועג. ביי יעדען שטויס האָט אנדריי געפיהלט אַן אונערטרעגליכען וועהטאָג. זיין פיעבער האָט זיך פערשטאַרקט און ער האָט אָנגעהויבען צו ריידען פון היץ.

איהם האָט זיך פאָרגעשטעלט א שטיל רוהיג לעבען אין די קאַהלע בערג. ער האָט שוין זיך פערגניגט פון דעם שטילען גליק, נאָר פּלוצים איז אָנגעקומען דער קליינינקער נאַפּאָלעאָן מיט זיין בעשרענקטען און גליקליכען בליק פון דעם אונגליק פון אנדערע און ער האָט ווידער אָנגעהויבען צו צווייפלען, צו ליידען און נאָר דער הימעל האָט פערשפּראָכען רוה. פאר טאָג האָבען זיך אלע פאַנטאַזיעס אויסגעמישט און האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין א פינסטערניס פון פערגעסענהייט, און נאַפּאָלעאָנ'ס דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז ער וועט שוין מיט'ן לעבען ניט ארויס.

– ער איז א נערוועזער מיט פיעל גאַל האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, ער וועט ניט קומען צו זיך.

פירסט אנדריי צוזאַמען מיט אנדערע האָפנונגסלאָזע פערוואונדעטע האָט מען איבערגעלאָזט אז דיא איינוואָהנער זאָלען וועגען זיי זאָרגען.

צווייטער באַנד.

ערשטער טהייל.

I.

ניקאָלאי ראָסטאָוו איז אין אָנהויב פון דעם יאָהר 1806 געפאָהרען אהיים. דעניסאָוו איז אויך געפאָהרען אהיים אין וואָראָנעזש און ראָסטאָוו האָט איהם איינגערעדט ער זאָל זיך אָבשטעלען אויף א קורצע צייט אין מאָסקווע.

צוגעפאָהרען צו זייער הויז איז ראָסטאָוו שוין שפעט אין אבענד. דאס הויז איז געשטאנען אונבעוואָנט, וויא איהם וואָלט נאָר ניט געהאַרט, ווער עס איז געקומען. אין פאָרהויז איז קיינער ניט געוועזן. „איז עפעס קיין אונגליק ניט געשעהן?“ האָט ער זיך געפרעגט און האָט זיך אויף א רגע אָבגעשטעלט מיט אַן אָבגעשטאָרבענעם הארצען, נאָר ער האָט זיך גלייך געלאָזט לויפען ווייטער. אין פאָרצימער האָט געברענט א חלב'נע ליכטעל.

דער אלטער דיענער מיכאילאָוו אַז געשלאָפען אויף א קאסטען. דער לאקיי פראָקאָפי איז געזעסען און געפלאָכטען א לאפטשע. ער האָט א קוק געטהאָן אויף דער געעפענטער טהיר און זיין פערשלאָפענע גלייכגילטיגע געזיכט האָט זיך גלייך אָנגעצונדען מיט א צושראָקענע פרייד.

— טאַטעלע - פאָטער! דער יונגער גראף! האָט ער אויסגעשריען און האָט זיך א ווארף געטהאָן צו דער טהיר, וואָס האָט געפיהרט אין גאסט צימער, נאָר ער איז אין מיטען געבליבען שטיין און איז צוגעפאלען צום יונגען גראף'ס אקסעל.

— געזונד? האָט ראסטאָוו געפרעגט, ארויסרייסענדיג פון איהם דיא האנד.

— אלע געזונד! אלע געזונד!

ראסטאָוו האָט געוואלט איבערראשען מיט זיין אָנקומען און אראָבוואָרפענדיג פון זיך זיין פוטצעל האָט ער זיך אויף דעם שפיץ פינגער געלאָזט געהן אין דעם פינסטערן גרויסען זאַל, נאָר עמיצער האָט שוין בעמערקט דעם יונגען גראף און פון

א זייטען טהיר איז עפּעס ארויסגעשפּרונגען און האָט איהם ארומגענומען און געקוסט. באלד איז ארויסגעשפּרונגען א צווייטער, א דריטער פון א צווייטע און דריטע טיר און עס האָבען זיך גענומען שיטען קוסען פון אלע זייטען, טרערען פון שמחה געשרייען. ער האָט ניט געקענט דערזעהן, ווער איז דער פאָטער, ווער איז נאטאשא, ווער פעטיא. אלע האָבען געשריען, גערעדט, געקוסט אין איין צייט. נאָר די מוטער איז ניט געווען — דאס האָט ער בעמערקט.

— און איך האָב גאָר ניט געוואוסט!

— ליבט!... טהיי!

— מיר א קוס!

— נשמה'לע, און מיר!

נאָך דעם וויא נאטאשא האָט איהם אָנגעבויגען צו זיך און א קוס געטאָן איהם איז זי אָבגעשפּרונגען און האלטענדיג זיך פאר א פאָלע פון זיין ווענגערקע האָט זיא גענומען שפּרינגען וויא א ציעג אויף איין אָרט און קוויטשען.

סאָניא האָט איהם אויך געהאלטען פאר דער האנד און האָט איהם גענעסען מיט די אויגען. איהר איז שוין געוואָרן זעכצעהן יאָהר און זי איז געווען זעהר שיין. ער האָט אויף איהר געקוקט מיט דאנק, נאָר ער האָט אלץ געוואָרט און געזוכט נאָך עמיצען. די אלטע גרעפין איז נאָך אלץ ניט ארויסגעקומען. ענדליך האָבען זיך דערהערט טריט און ער איז צו איהר געלאָפען אנטקעגען. זיא איז איהם ארויפגעפאלען אויף'ן הארצען וויינענדיג.

ראָסטאָוו איז געווען גליקליך מיט דער ליעבע וואָס מען האָט איהם ארויסגעוויזען. דאָס ערשטע מאָל אין דעם פערלויף פון אנדערטהאלבען יאָהר האָט זיך צונאָסען איבער זיין הארצען און געזיכט אונטער דיא הייסע שטראהלען פון ליעבע, יענער קינדערישער שמייכעל, מיט וועלכען ער האָט שוין ניט געשמייכעלט צייט ער איז אוועקגעפאָהרען פון דער היים.

אין מאָסקווע האָט ניקאָלאי איצט געלעבט א גוטען טאָג. דער פאָטער האָט היינטיגס יאָהר געהאט גענוג געלד ווייל ער האָט פערזעצט אלע זיינע גיטער. איצט האָט ער געהאט זיינע פערד; אופ'ן בולוואר האָט ער געהאט א בעקאנטע דאמע, צו וועלכע ער פלעגט פאָהרען אין אָבענד. ער האָט גערעד'ט וועגען דעם קריעג מיט'ן פעלדמארשאל קאמענסקי, האָט בעזוכט דעם ענגלישען קלוב און האָט זיך געדוצט מיט א פיערציג יאָהריגען פּאָלקאָווניק, מיט וועלכען דעניסאָוו האָט איהם בעקאנט געמאכט.

II.

דער ענגלישער קלוב האט געמאכט א מאלצייט לכבוד באגראטיאן. נאך דער נידערלאגע אין אויסטערליץ איז באגראטיאן געווען דער העלד פון דעם טאג. די גרעסטע לייט פון מאסקווע האבען בעלאנגט צו דעם קלוב און זיינען איצט געווען אלע אנוועזענד. צווישען זיי האבען זיך אויך געפינען פיער, ניקאלאי ראסטאוו, דאלאכאוו וועלכער איז ווידער געווארען אפיציער, און דעניסאוו.

פיער איז ניט לאנג געקומען אין מאסקווע און ער האט אויסגעזעהן זעהר אומעדיג און צוטראגען. זיין קוזינע האט איהם געגעבען אנצוהערענים אז דאלאכאוו געפינט זיך אין זעהר נאהענטע פערהעלטניסע מיט זיין ווייב. אויך האט ער היינט אין דער פריה בעקומען א'ן אנאנימען בריעף, אין וועלבען מען האט איהם געשריבען, אז ער זעהט זעהר שלעכט איבער די ברילען און זיין ווייב'ס פערהעלטניסע מיט דאלאכאוו'ן איז א געהיימניס נאר פאר איהם.

פיער איז איצט געזעסען ביים טיש אנטקעגען דאלאכאוו'ן און ער האט בשום אופן ניט געוואלט גלויבען ניט דער קוזינע'ס אנצוהערענים און ניט דעם אנאנימען בריעף, דאך איז איהם געווען שרעקליך, ווען ער האט זיך איצט בעגעגענט מיט זיינע פרעכע אויגען. ער האט געפיהלט, אז עפעס שרעקליכעס הויבט זיך אויף ביי איהם אין הארצען. ניט ווילענדיג, האט זיך פיער דערמאנט אן זיין ווייב'ס פערנאנגענהייט און איהרע פערהעלטניסע צו דאלאכאוו'ן און ער האט קלאר געזעהן, אז אלץ וואס אין בריעף איז געשטאנען האט געקענט זיין אמת. ער האט נישט ווילענדיג זיך דערמאנט, ווי דאלאכאוו איז פערפאהרען צו איהם אין הויז און וויא ער האט איהם אויסגעליהען געלד. ער האט זיך דערמאנט, ווי עללען האט מיט א שמייכעל אויסגעדריקט איהר אונצופרידענהייט וואס דאלאכאוו וואהנט אין זייער הויז, און וויא דאלאכאוו האט ציניש געלויבט פאר איהם איהר שיינקייט, און וויא ער איז פון דאן אן ניט אבגעטראטען פון זיי אויף איין מינוט און איז מיטגעפאהרען מיט זיי אין מאסקווע.

ער האט זיך דערמאנט, וואס פאר א'ן אויסדרוק דאלאכאוו'ס געזיכט האט אנגענומען, ווען אויף איהם זיינען אנגעקומען די מינוטען פון גרויזאמקייט, וויא דאן ווען ער האט צוגעבונדען דעם קווארטאלנעם צום בער, אדער וויא דאן ווען ער האט ארויסגערופען גאר אהן אן אורזאכע א מענשען אויף א דועל אדער ווען ער האט גלאט גענומען און דערשאסען א פערד. דיעזער אויסדרוק איז איצט אפט געווען אויף דאלאכאוו'ס געזיכט, ווען ער האט געקוקט אויף איהם.

„יא, ביי איהם איז קיין ווערדע נים צו דערשיסען א מענשען, איהם דארף אויסדובטען, אז אלע האבען פאר איהם מורא און דאס דארף איהם זיין זעהר אנגענעהם. ער מוז מיינען, אז איך האב מורא פאר איהם, און ווירקליך איך האב מורא פאר איהם“, האט פיער געטראכט און ביי דיזע געדאנקען האט ער ווידער דערפיהלט, אז עטוואס שרעקליכעס הייבט זיך אויף ביי איהם אין הארצען געגען איהם. דאלאכאוו, דעניסאוו און ראסטאוו זיינען געזעסען געגען איהם און זיי זיינען געוועזען זעהר פרייליך. פיער האט נים געהערט וואס זיי ריידען, נאר געוואוסט האט ער אז זיי ריידען וועגען איהם.

ביים טיש האט מען געמאכט טאסטען פאר'ן קייזער, פאר באגראטיאן, פאר דיא וויכטיגסטע מיטגלידער פון דעם קלוב.

— איצט נאמיר טרינקען פאר'ן געזונד פון שיינע פרויען! האט דאלאכאוו געזאגט מיט אן ערנסטע געזיכט און מיט א שמייכעל אין די ווינקלען פון מויל, ווענדענדיג זיך צו פיער'ן מיט א באקאל אין דער האנד. פאר'ן געזונד פון שיינע פרויען, פעטרושא, און פאר זייערע ליובאווניקעס!

פיער האט אראבגעלאזט דיא אויגען און האט איהם נים געענטפערט. א לאקיי האט געבען איהם אוועקגעלייגט א געדרוקטע ליעד, וואס מען האט צוטהיילט נאר צווישען די העכערע געסט. פיער האט געוואלט נעהמען דאס ליעד, נאר דאלאכאוו האט זיך איבערגעבויגען און ארויסגעכאפט פון זיינע הענד און גענומען לעזען. פיער האט א קוק געטהאן אויף דאלאכאוו'ן, און דאס שרעקליכעס און העססליכעס וואס האט זיך די גאנצע צייט געהויבען ביי איהם אין הארצען, איז איצט ארויסגעשוואומען. ער האט זיך אנגעבויגען מיט זיין גאנצען פעטען קערפער איבער'ן טיש און האט א געשריי געטהאן:

— וואגט נים דאס אנצוריהרען!

נעסוויצקי און נאך איינער, וואס זיינען געזעסען נעבען איהם, האבען זיך אויף איהם אומגעקוקט צושראקען און גענומען איינשטילען איהם:

— מאכט נים קיין וועזען.

דאלאכאוו האט אויף איהם א קוק געטהאן מיט פרייליכע גרויזאמע אויגען, מיט א שמייכעל אויף דיא ליפען, וויא ער וואלט זאגען: „אהא! דאס איז גוט!“

— איך וויל נים געבען, האט דאלאכאוו געזאגט.

בלייך מיט א טרייסלענדע לופ, האט פיער א ריס געטהאן דאס בויגעלע פאפיער.

— איהר.... איהר.... זיינ.... א שופט! איך רוף אייך ארויס! האט פיער געזאגט און אויפגעהויבען זיך פון טיש.

פיער האט גלייך דערפיהרט, אז מיט דיא ווערטער האט ער פאר דער וועלט נעוויזען זיין ווייבס שולד. ער האט איהר געהאסט און האט זיך מיט איהר אויך אויבינ צוריסען.

נעסוויצקי און ראסטאוו זיינען געווען דיא סעקונדאנטען און זיי האבען אבגערעט וואו און וויא דער דועל זאל זיין. פיער איז אוועקגעפאהרען אהיים און דאלאכאוו איז ביז שפעט געזעסען אין קלוב.

— אלזא מארגען זעהען מיר זיך אין סאקאלניקי, האט דאלאכאוו געזאגט צו ראסטאוו'ן, געזעגענדיג זיך מיט איהם אויף'ן גאניק פון דעם קלוב.

— און דו ביזט רוהיג? האט ראסטאוו געפרעגט.

דאלאכאוו האט זיך אבגעשטעלט.

— דו זעהסט, אין א פאר ווערטער וועל איך דיר ענטדעקען דאס גאנצע געד היימנים פון א דועל. ווען דו געהסט אויף א דועל און זעצט זיך שרייבען זעגין-בריוו לאך און א צוואה און דו טראכסט, אז דו קענסט ווערען דערשאסען, ביזטו א נאר און זיכער א פערפאלענער. גאר דו געה מיט דער פעסטער איבערצייגונג, אז דו וועסט יענעם דערשיסען און אזוי וועט זיין. אלזא מארגען אין דער פריה!

III.

אויף מארגען 8 א זייגער אין דער פריה איז פיער מיט נעסוויצקי'ן אנגעקומען אין סאקאלניצקער וואלד און זיי האבען שוין דארט געטראפען דאלאכאוו דעניסאוו'ן און ראסטאוו'ן. פיער האט אויסגעזעהן וויא איינער, וואס איז פערטהאן אין זיינע געדאנקען, וועלכע האבען מיט'ן דועל גאר ניט צו טהאן. זיין אייגעפאלענע געזיכט איז געווען געל. וויא עס האט געשיינט האט ער דיא נאכט ניט געשלאפען. ער האט צוטראגען ארומגעקוקט זיך און האט זיך געקנייטשט וויא פון דער העלער זון. צוויי געדאנקען האבען איהם געפלאגט: די שולד פון זיין ווייב און וועלכער ער האט שוין מעהר ניט געצווייפעלט און די אונשולד פון דאלאכאוו'ן, וועלכער איז ניט געווען פערפפליכטעט צו פערהיטען דיא עהרע פון א פרעמדען מענשען. "טענליך, אז איך אויף זיין פלאטץ וואלט געטהאן דאס זעלבע", האט ער געטראכט. "עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז איך וואלט אויך אזוי געטאהן און צו וואס איז דער דועל, דיזער מארד? ענטוועדער איך וועל איהם דער'הרג'ענען אדער ער מיך. אוועק פון דאנען אנטלויפען, בעהאלטען זיך ערגעץ" איז איהם

אריין א גערראנק. נאר גראדע דאן ווען דיזע געדאנקען זיינען איהם אריין אין קאפּ, האט ער מיט א חויבער און צוטראגענער מינע געפרעגט „איז מען שוין פארטיג?“

ווען אלץ איז שוין געווען פארטיג, און די פיסטאלעטען אנגעלאדען איז נעס־וויצקי צוגעגאנגען צו פיערן.

— איך וואלט ניט ערפילט מיין פפליכט, האט ער געזאגט מיט א ציטערנדיג קול ווען איך זאל אייך אין דיזער וויכטיגער מינוט געזאגט דעם גאנצען אמת. איך דענק אז די זאך האט ניט געניגענדע גרינדע און עס לוינט זיך ניט צו פערגיסען בלוט צוליעב דעם.... איהר זייט ניט געווען זעהר גערעכט... איהר האט זיך אביסעל געהיצט....

— אך, יא, דאס איז געווען שרעקליך נארעש.... האט פיער געזאגט.

— אלזא ערלויבט מיר אויסצודריקען אייער בעדויערונג און איך בין זיכער, אז די געגנער וועלען איינוויליגען אנצונעהמען דיזע בעדויערונג. איהר ווייסט, גראף אז עס איז פיעל איידעלער צו אנערקענען א פעהלער איידער צו דערפיהרען איהם צו א שטופע, ווען מען קען שוין ניט פערריכטען איהם. ערלויבט מיר איבערצורייען....

— ניין, וועגען וואס איז דא פאראן צו ריידען? האט פיער געזאגט, ס'איז אלץ איינס.... איז שוין פארטיג? האט ער געפרעגט. איהר וועט מיר נאר זאגען, וואו איך זאל געהן און וואו איך זאל שיסען, האט ער געזאגט מיט א אונ נאטירליכען שמייכעל.

ער האט גענומען דעם פיסטאלעט אין האנד און געפרעגט ווי מאכט מען... אז עס זאל שיסען, ווייל ביז איצט האט ער נאך קיין פיסטאלעט אין האנד ניט געהאלטען, וואס ער האט זיך געשעמט צו זאגען.

— אה, יא, אזוי, אזוי, איך ווייס שוין איך האב נאר פערגעסען, האט ער געזאגט.

— איך וויל פון קיין זאך וויסען, האט דאלאכאוו געזאגט צו דעניסאוון, וועל־כער האט אויך געזוכט צו מאכען א שלום.

די געגנער זיינען געשטאנען פיערציג טריט איינער פון צווייטען. עס איז געווען געבעלדיג און פאר פיערציג טריט איז געווען שווער צו זעהן. אין א מינוט דריי איז אלץ געווארען פארטיג, נאר אנגעהויבען האט מען נאך אלץ ניט. אלע האבען געשוויגען.

IV

— זאל מען אנהויבען! האט דאלאכאוו געזאגט.

— זאל מען אנהויבען, האט פיער געזאגט, ניט אויפהערענדיג צו שמייכלען. דעניסאוו איז דער ערשטער ארויסגעטראטען און געזאגט:

— אזוי וויא די געגנער האבען זיך אבגעזאגט פון א שלום, קען מען שוין אנהייבען: מען זאל נעהמען דיא פיסטאלעטען און ביים ווארט „דריי“ צוזאמענגעהן.

— איינס, צוויי, דריי! האט דעניסאוו אויסגעשריען בייז און איז אבגעטראטען אן א זייט.ביידע געגנער האבען גענומען געהן איינער אנטקעגען דעם צווייטען ביז דעם אבגעגרענעצטען פלאץ. שיסען האבען זיי געקענט ווען זיי ווילען. דאלאכאוו איז געגאנגען לאנגזאם, ניט אויפהייבענדיג דעם פיסטאלעט, קוקענדיג מיט זיינע ליכטיגע בליצענדע אויגען אויף זיין געגנער. זיין מויל האט וויא אימער געהאט א עהנליכקייט פון א שמייכעל.

— אלזא קען איך שיסען, ווען איך וויל! אט פיער געזאגט ביים ווארט „דריי“ און איז מיט שנעלע טריט געגאנגען דעם געגנער אנטקעגען, האלטענדיג זיין רעכטע האנד אויסגעצויגען צום געגנער, וויא מורא האבענדיג, אז ער זאל זיך אליין ניט דערשיסען מיט'ן פיסטאלעט. דיא לינקע האנד האט ער געהאלטען פערלייגט אהינטער, ווייל איהם האט זיך געוואלט אונטערהאלטען מיט איהר די רעכטע און געזאגט האט מען איהם, אז דאס טאר מען ניט. אבגעהענדיג א טריט זעקס און אראבשלאגענדיג זיך פון דעם אויסגעטראטענעם וועג אין שנעע אריין האט פיער א קוק געטהאן זיך אונטער די פיס און דערנאך ווייטער אויף דאלאכאוו'ן און האט א ציה געטאן מיט'ן פינגער אין פיסטאלעט דארטען, וואו מען האט איהם פריהער געוויזען. ער האט בשום אופן ניט ערווארטעט אזא שטארקען קלאפ און האט א ציטער געטהאן פון זיין אייגענעם שאס דערנאך האט ער א שמייכעל געטאן פון דעם איינדרוק וואס דאס האט אויף איהם געמאכט. דער רויך האט איהם דיא ערשטע מינוט געשטערט צו זעהען, נאר דער צווייטער שאס, וואס ער האט ערווארט צו הערען, איז נישט געקומען, עס האבען זיך נאר געהערט דאלאבאוו'ס גיכע טריט און פון רויך האט זיך געוויזען זיין פיגור. מיט איין האנד האט ער זיך געהאלטען פאר דער לינקער זייט, מיט דער צווייטער האט ער געדריקט דעם אראבגעלאזענעם פיסטאלעט. זיין געזיכט איז געווען בלייך. ראסטאוו איז צוגעלאפען און האט איהם עפעס געזאגט.

— נ... ניין, האט דאלאכאוו ארויסגערעדט צווישען די צייהנער. ניין, ניט געענדיגט און מיט אנשטרענגונג מאכענדיג עטליכע אונזיכערע שאקעלדיגע טריט האט ער זיך דערשלעפט ביז'ן אבגעגרענצטען פלאץ, וואו עס איז געווען אריינגעשטעקט

דער ערשטער שווערד און איז אנידער געפאלען. דיא לינקע האנד איז געוועזען פער־בלוטיגט. ער האט איהר אבגעווישט אין זיין ראק און האט זיך אויף איהר אנגע־שפארט. זיין געזיכט איז געוועזען בלייך און האט געציטערט.

—איך ב...האט דאלאכאוו אנגעהויבען, נאר ער האט ניט געקענט גלייך ארויס־ריידען. איך בעט, האט ער קוים ארויסגערעדט. פיער האט זיך קוים איינגעהאלטען פון וויינען און האט שוין געוואלט אריבערטרעטען דעם אבגעגרענצטען פלאץ, נאר דא־לאכאוו האט צו איהם א געשריי געטאן ער זאל שטעהן. און פיער האט פערשטא־נען וואס דאס בעדייט און ער האט זיך אבגעשטעלט ביי דעם צווייטען שווערד. איצט זיינען זיי געשטאנען צעהן טריט וויט איינער פון צווייטען. דאלאכאוו האט אראבגעלאזט דעם קאפ אויפן שניי און האט דורשטיג א ביס געטאן דעם שניי. ער האט ווייטער אויפגעהויבען דעם קאפ און האט געזוכט שטייף אנידערצוזעצען זיך. זיינע ליפען האבען געציטערט און האבען שוין ניט געלאכט. זיינע אויגען האבען גע־בליצט פון דער אנשטרענגונג וואס ער האט געמאכט מיט אלע כחות און פון כעס. ער האט אויפגעהויבען דעם פיסטאלעט און האט זיך גענומען צילעווען.

— מיט א זייט, פערשטעלט זיך מיט'ן פיסטאלעט האט נעסוויצקי ארויסגע־רעדט.

— פערשטעלט זיך! האט אויסגעשריען זאגאר דעניסאוו צום געגנער, ניט קענענדיג זיך איינהאלטען.

פיער האט מיט א מילדען שמייכעל פון בעדויערונג און חרטה אויסגעשפרייט די פיס און האט זיך אוועקגעשטעלט גלייך מיט זיין ברייטע הארץ פונקט אנטקעגען דאלאכאוו'ן און האט טרויריג געקוקט אויף איהם. דעניסאוו, ראסטאוו און נעסוויצקי האבען האלב פערמאכט דיא אויגען. אין איינע און דער זעלבער צייט האבען זיי דערהערט א שאס און דאלאכאוו'ס בייזען געשריי.

— פערביי! האט דאלאכאוו אויסגעשריען און האט זיך קראפטלאז אנידערגע־לעגט אויף'ן שניי מיט'ן געזיכט ארונטער.

פיער האט זיך געכאפט פאר'ן קאפ און אומקעהרענדיג זיך צוריק האט ער זיך געלאזט איבער'ן שניי געהן צום וואלד און האט געמורמעלט אונפערשטענדליכע ווערטער:

— נארעש.... נארעש! טוידט...... ליגען.

נעסוויצקי האט איהם אבגעשטעלט און האט איהם אבגעפיהרט א היים.

ראסטאוו און דעניסאוו האבען אבגעפיהרט דעם פערוואונדעטען דאלאכאוו'ן.

דאלאכאוו איז געלעגען אין שליטען שטיל, מיט פערמאכטע אויגען און האט קיין ווארט ניט געענטפערט אויף דיא פראגען, וואס מען האט איהם געמאכט. נאר אריינפאהרענדיג אין מאסקווע, האט ער פלוצים ערוואכט און אויפהויבענדיג שווער דעם קאפ, האט ער אנגענומען ראסטאוו'ן ביי דער האנד. ראסטאוו איז איבער־ראשט געווארען פון דעם געעגדערטען אויסדרוק אויף זיין געזיכט. זיין געזיכט האט איצט אויסגעזעהן פייערליך צערטליך.

— נו, וואס הערט זיך? וויא פיהלסטו זיך? האט געפרעגט ראסטאוו.

— שלעכט! נאר ניט דאס איזדיא זאך. פריינד מיינער, האט ער געזאגט מיט אן איבערגעריסענעם קול, וואו זיינען מיר? מיר זיינען אין מאסקווע, איך ווייס. פאר מיר הארט מיר ניט. נאר איחר האב איך דער'הרג'עט, דערהרג'עט...... זיא וועט עס ניט אריבערטראגען. זיא וועט עס ניט אריבערטראגען.

— ווער? האט ראסטאוו געפרעגט.

— מיין מוטער. מיין מוטער, מיין ענגעל, מיין פערגעטערטער ענגעל, דיא מו־טער, און דאלאכאוו האט זיך צוואויינט, דריקענדיג ראסטאוו'ן פאר דער האנד.

ווען ער האט זיך בערוהיגט האט ער ערקלערט ראסטאוו'ן, אז ער וואהנט מיט זיין מוטער, און ווען זיא וועט איהם דערזעהען א שטערבענדען, וועט זיא עס ניט אריבערטראגען. ער האט געבעטען ראסטאוו'ן, אז ער זאל צו איהר אריבערפאה־רען און צוגרייטען איהר צו דער בשורה.

ראסטאוו איז אוועקגעפאהרען פאראויס און צו זיין גרויסען וואונדער, האט ער אויסגעפונען, אז דאלאכאוו, אז דער שארלאטאן און דועליסט דאלאכאוו האט גע־וואוינט אין מאסקווע מיט זיין אלטע מוטער און הארבאטע שוועסטער און איז געוועזן דער צערטליכסטער זוהן און ברודער.

IV

ביי נאכט האט פיער געהייסען זיין קאמערדינער, אז ער זאל איינפאקען זיינע זא־כען, ווייל ער וועט פאהרען אין פעטערסבורג. פיער האט זיך ניט געקענט פאר־שטעלען, וויא אזוי וועט ער איצטריידען מיט זיין ווייב. ער האט בעשלאסען מאר־גען אוועקצופאהרען און איבערלאזען איהר א בריעף, אין וועלכען ער וועט איהר ער־קלערען זיין אבזיכט צו שיידען זיך מיט איהר.

אין דער פריה, ווען דער קאמערדינער האט איהם אריינגעטראגען קאפע, איז פיער געלעגען איבער אן אפענעם בוך און איז געשלאפען.

ביים קאמערדינערס אריינקומען האט ער ערוואכט, און האט זיך א לאנגע צייט

ארומגעקוקט צושראָקען ניט זייענדיג איהם שטאַנדע צו פערשטעהן, אויף וואָסערע וועלט ער איז.

— דיא „גרעפין האט געהייסען פרעגען, אויב אייער עקסעלענץ איז צו הויזע, האָט דער קאמערדינער געזאָגט.

נאָר איידער פּיער האָט זיך געקענט בעשליסען אויף אַ ענטפער, איז די גרע־פין אליין אריינגעקומען אין צימער אין א ווייסער אַטלאַסענע קלייד, בעניית מיט זילבער, מיט א רוהיגע און ערהאַבענע מינע. נאָר אויף איהר מארמארנעם שטערן האָט זיך געלייגט א קנייטש פון צאָרן. זיא האָט דיא רוהיגקייט אויסגעהאלטען ביז דער קאמערדינער איז ארויס פון צימער. פּיער האָט ציטערנדיג א פּאָר מאָל אויף איהר א קוק געטהאָן איבער דיא ברילען און וויא אַ ערשראָקענער האָז, וואָס איז ארומגערינגעלט פון אלע זייטען מיט הינד לאָזט אראָפּ די אויערן און בלייבט ליגען, אזוי איז ער געבליעבען ליגען און האָט געפּרובט לייענען. ער האָט דערפיהלט אז דאָס איז נאַרעש און אונמעגליך און האָט ווייטער ציטערנדיג אויף איהר א קוק געטהאָן. עלען האָט זיך ניט געזעצט און האָט פעראכטליך אויף איהם געקוקט.

— וואָס איז דאָס געווען אזוינס, פרעג איך אייך? וואָס האָט איהר געטהאָן? האָט זיא געזאָגט שטרענג.

— איך? וואָס איך? האָט פּיער געזאָגט.

—א העלד האָט זיך דאָס געפונען! נו, ענטפערט, וואָס איז דאָס געווען פאַר א דועל? וואָס האָט איהר געוואָלט מיט דעם בעווייזען? וואָס? פרעג איך אייך. פּיער האָט זיך שווער א דריי געטהאָן אויף דער סאָפע, האָט געעפענט דאָס מויל און האָט ניט געקענט ענטפערן.

— אז איהר ענטפערט ניט, וועל איך זאָגען. איהר גלויבט אלץ, וואָס מען זאָגט אייך. אייך האָט מען געזאָגט... (עלען האָט זיך צולאַכט) אז דאָלאָכוו איז מיין ליובאָווניק, און איהר האָט געגלויבט. נאָר וואָס האָט איהר מיט דעם דערוויזע? וואָס האָט איהר מיט'ן דועל בעוויזען? איהר האָט בעוויעזען, אז איהר זייט א נאַר— וואָס אלע ווייסען שוין ניט פון היינט. וואָס וועט דערפון ארויסקומען? מען וועט פון מיר לאַכען אין דיא הויפענס אין מאָסקווע, און מען וועט זאָגען אז זייענדיג שכור האָט איהר ארויסגערופען אויף א דועל א מענשען, צו וועלכען איהר זייט געווען אייפערזיכטיג נאָר אָהן א שום אורזאכע, (עלען איז מעהר און מעהר בעלעבט געוואָרען און געווערט אַלץ העכער) א מענש וועלכער איז בעסער פון אייך אין אלע הינזיכטען......

— הא.. .. הא.... האט פיער געראָוועט, ניט קוקענדיג אויף איהר און ניט ריהרענדיג זי ׳ מיט קיין גליעד.

— און פאר וואס האט איהר דאס געגלויבט, אז ער איז מיין ליובאָווניק? ווייל מיר אי, געווען געפעלען זיין געזעלשאפט? ווען איהר זאָלט זיין קליגער, אנ־ גענעהמער, וואָלט מיר אייער געזעלשאפט געווען מעהר געפעלען.

— רעדט מיט מיר ניט... איך בעט אייך, האט פיער ארויסגעמורמעלט מיט א הייזער נען קול.

— פאר וואס זאל איך ניט ריידען? איך וועל ריידען! און קען זאָגען דרייסט אז עס איז זעלטען צו געפינען א פרויענצימער, וואס זאָל האָבען אזא מאן און ניט הא־ בען אויף דער זייט א ליובאָווניק, און איך האב דאס ניט געטאן האט זיא געזאָגט.

פיער האט געוואָלט עפּעס זאָגען, האט אויף איהר א קוק געטאן מיט זעלטזאמע אויגען, נאר זי האט דעם בליק ניט פערשטאנען. ער האט זיך איבערגעלעגט. ער האט אין דער מינוט פיזיש געליטען: אין הארצען איז איהם געווארען ענג, און ער האט ניט געקענט אטהמען. ער האט געוואוסט, אז ער דארף עפּעס טהאן, אום צו מאכען א סוף פון זיינע יסורים, נאר דאס וואס ער האט געוואָלט טהאן איז געווען זעהר שרעקליך.

—פאר אונז בעסער צו שיידען זיך האט ער קוים ארויסגערעדט.

— שיידען זיך, וויא איהר ווילט, נאר מיט דער בעדינגונג אז איהר וועט מיר געבען א פערמעגען האט זיא געזאָגט. שיידען זיך, אט מיט וואס ער האט געפונען מיך אבצושרעקען!

פיער איז אויפגעשפרונגען פון דער סאָפע און שאָקלענדיג זיך, האט ער זיך א וואָרף געטהאן צו איהר.

— איך וועל דיך ערמאָרדען! האט ער אויסגעשריען, אראבכאפּענדיג פון טיש א מארמאָרנע ברעט און מיט א קראפט, וואס ער האט זיך אליין ניט פארגע־ שטעלט האט ער זיך פערמאָסטען מיט דער ברעט צו איהר.

עלען׳ס געזיכט איז געווארען שרעקליך: זיא האט א קוויטש געטהאן און איז אב־ געשפרונגען פון איהם. זיין טאטען׳ס בלוט האט זיך אין איהם צושפּיעלט. פיער האט דערפיהלט א רייץ אין דער ווילדקייט. ער האט א שליידער געטהאן דיא ברעט און צובראָכען איהר אין שטיקער, און צוטרעטענדיג האט ער א געשריי געטאן: „ארויס!“ מיט אזא שרעקליכען קול, אז ער האט אבגעקלונגען איבערן גאנצען הויז און אלע אין הויז זיינען פערציטערטע געווארען. גאט ווייס, וואס פיער וואָלט אין דער מינוט געטאן, ווען עלען וואָלט ניט ארויסגעלאָפען פון צימער.

* * *

אין א וואך ארום האט פיער אבגעשריבען א גרעסערע העלפט פון זיינע גיטער אויף עלען׳ס נאמען און איז אליין אוועקגעפאהרען אין פעטערבורג.

V.

אין דיא קאהלע בערג האט מען קיין נאכריכט ניט בעקומען וועגען אנדרייען. ניט קוקענדיג אויף אלע בריעף און זוכענים דורך דער געזאנדשאפט האט מען דיין טויטען קערפער ניט געפונען, אויך האט ער זיך ניט געצייכט צווישען דיא געפאנ־גענע. ערגער פון אלץ איז געווען, וואס זיין פאטער און שוועסטער האבען זיך נאך געטרייסט מיט א שטיקעל האפנונג, אז דיא איינוואהנער פון דער געגענד וואו דיא שלאכט איז פארגעקומען, האבען איהם אויפגעהויבען א פערוואונדעטען פון שלאכט פעלד און ליעגט ערגעץ אליין צווישען פרעמדע אויפ'ן טוידטען־בעט, אדער קומט צו זיך, נאר ער איז ניט אים שטאנדע צו געבען צו וויסען וועגען זיך.

דיא פירסטין ליזא, אנדרייס פרוי, האט גאר ניט געוואוסט אז אין הויז בעווייגט מען איהר מאן. מען האט פון איהר פערבארגען דעם פאקט. דער אלטער פירסט און מארי האבען דעם וויהטאג געטראגען אין זיך.

— ליעבער פריינד, האט געזאגט דיא קליינע פירסטין אין איין פריהמארגען אין מאנאט מערץ, און איהר אויבערסטע לופ מיט דיא הערעלאך האט זיך אויפגע־הויבען נאך דער אלטער געוואהנהייט; נאר אזוי וויא א טרויער איז געווען אויסגעגא־סען, צייט מען האט בעקומען דיא שרעקליכע נאכריכט וועגען אנדריי'ס פערפאלען ווערען, אויף יעדענ'ס שמייכעל־ווארט און טריט אין דיזען הויז, איז אויף דער פירסטענ'ס שמייכעל געווען מעהר א טרויעריגער, חגם זיא האט ניט געוואוסט די אורזאכע פון דעם אויסגעגאסענעם טרויער אין הויז. פריינד, איך האב מורא, אז היינטיגער פריהשטיק זאל מיר ניט פערשאדען.

— וואס איז דיר, נשמה מיינע? דוא ביזט בלייך. אח, דוא ביזט זעהר בלייך, האט צושראקען געזאגט מארי, צולויפענדיג צו איהר שוועגעריי.

— אייער עקסעלענץ, זאל מען אפשר שיקען נאך מאריא באגדאנאוונא? האט געזאגט איינע פון דיא דיענסטען, וואס האט זיך געפונען אין דעם צימער. (מאריא באגדאנאוונא איז געווען אן אקושערין.)

— ווירקליך, האט אונטערגעכאפט מארי, איך וועל געהן נאך איהר. האב קיין מורא ניט, מיין ענגעל. זיא האט א קוש געטאן ליזא'ן און האט געוואלט ארויסגעהען פון צימער.

— אח, ניין, ניין! האט דיא קליינע פירסטין אויסגעשריען און אויף איהר גע־זיכט האט זיך אבגעטונקט א קינדערשער שרעק פון א פיזישען וויהטאג. ניין, דאס איז דער מאגען, זאג, מאשא, אז דאס איז פון מאגען. און זיא האט זיך צוגעווייגט,

כרעבענדיג איהרע קליינע הענטלאך.

מארי איז ארויסגעלאפען פון צימער צו רופען דיא אקושערין און זיא האט געהערט הינטער זיך, וויא ליזא האט געוויינט: „מיין גאט! מיין גאט!“

דיא אקושערין איז מארי'ן געקומען אנטקעגען.

— מאריא באגדאנאווגא! דוכט זיך, עס האט זיך שוין אנגהויבען, האט גע־זאגט מארי.

— א דאנק גאט, האט געזאגט די אקושערין. איהר, מיידלעך, דארפט דערפון ניט וויסען.

— נאר פאר וואס איז דער דאקטאר נאך ניט געקומען פון מאסקווע? (אויף ליזא'ס און אנדריי'ס וואונש האט מען ארויסגעשריעבען אן אקושער פון מאסקווע און מען האט אויף איהם געווארט יעדע מינוט).

— זארגט ניט פירסטין, מיר וועלען זיך אהן א דאקטאר אויך בעגעהן, האט גע־ענטפערט דיא אקושערין.

דיא פירסטין מארי איז אוועק צו זיך אין צימער און האט זיך צוגעהערט צו דיא קלאנגען אין שטוב. זיא האט ניט געקענט איינזיצען אויף איין ארט. דער גאנ־צער הויף האט ניט געשלאפען און האט ווי געווארט אויף עפעס. אלע זיינען ארומ־געגאנגען שטיל וויא די שאטענס דער אלטער פירסט איז ארומגעגאנגען שטיל אין קאבינעט און האט געשיקט טיכאנען צו דער אקושערין: „זאג, דער פירסט האט נאר געהייסען פרעגען: „וואס“ און קום און זאג מיר, וואס זיא וועט זאגען.“

— זאג דעם פירסט אז זיא האט שוין אנגעהויבען געהן צו קינד, האט מאריא באגדאנאווגא געזאגט און האט א בעדי טענדרען בליק געטאן אויף טיכאנען.

VI.

עס איז געוועזען איינע פון יענע מערץ נעכט ווען דער ווינטער וויל נאך איינהאל־טען זיין מלוכה און שיט ארויס מיט א פערצווייפעלטע בייזהייט זיינע לעצטע שנייען און ווינטען. דעם דאקטאר אנטקעגען האט מען פון הויף ארויסגעשיקט ריי־טער מיט לאנטערנעס.

מארי איז געזעסען מיט איהר אלטע אם און האט זיך צוגעהערט צו דער גע־שיכטע, וואס זיא האט איהר שוין דערצעהלט צום הונדערטען מאל, וויא דיא אלטע פערשטארבענע פירסטין האט געבארען איהר, מארי'ן, אין קישענעוו, אהן א'ן אקושערין.

— מיט גאטס הילף דארף מען קיין דאקטוירים ניט האבען, האט זיא געזאגט.

איבער'ן שליאף האט זיך דערהערט א געוויש פון א וואגען. די אלטע אם איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט געקוקט אין דרויסען.

— מען פאהרט מיט פאנארען, מסתמא דער דאקטאר, האט זיא געזאגט.

— אח, מיין גאט! א דאנק גאט! האט אויסגעשריען מארי. מען דארף ארויס־געהן בעגעגענען איהם: ער פערשטעהט ניט קיין רוסיש.

מארי האט ארויפגעווארפען אויף זיך א שאל און איז ארויסגעגאנגען בע־געגענען דיא אנקומענדע. ווען זיא איז דורכגעגאנגען דעם פארציםער, האט זיא דורכ'ן פענסטער דערזעהען א קארעטע ארומגערינגעלט מיט לאמטערנעס ביים גאנעק. דיא בעדיענטע זיינען געשטאנען מיט ליכט און עפעס א בעקאנטע שטימע, וויא מארי'ן האט אויסגעוויזען, האט געזאגט:

— א דאנק גאט! און דער פאטער?

— צוגעלעגט, האט געענטפערט א בעדיענטער.

דערנאך האט דיא שטימע וויטער עפעס געפרעגט און דער בעדיענט האט איהם געענטפערט.

— דאס איז אנדריי! האט מארי געזאגט צו זיך. ניין, דאס איז אונמעג־ליך, דאס וואלט שוין געווען זעהר אונגעוואוינליך, און וועהרענד זיא האט אזוי געטראכט, האט זיך אויפ'ן גאנעק געוויזען אנדריי'ס בעקאנטע פיגור אין א פעלץ בעשאטען מיט שניי. יא, דאס איז געווען אנדריי, אויס־געמאגערט מיט א געענדערטע ווייכע געויכט. ער איז צוגעגאנגען צו מארי און האט איהר ארומגענומען.

— איהר האט מיין בריעף ניט בעקומען? האט ער געפרעגט, און ניט דער־ווארטענדיג זיך אויף איהר ענטפער, אויף וועלכען ער וואלט זיך ניט דערוואַרט, ווייל מארי האט פערלארען דיא שפראך, האט ער זיך פון איהר אבגעווענדעט און איז מיט'ן אקושער־דאקטאר (ער האט זיך מיט איהם צוזאמענגעטראפען אויף דער לעצטער סטאנציע) מיט גיכע טריט געלאזט געהן צו דער פירסטין ליזא.

VII.

די קליינע פירסטין איז געלעגען אויף דיא קישענס אין א ווייסען טשעפאק. די ווייהען האבען איהר נאר וואס אבגעלאזט. איהר שיין, רויט מיילכעל איז געווען אפען און זיא האט פרייליך געשמייכעלט. פירסט אנדריי איז אריין אין צימער און איז געבליבען שטעהן ביי איהר צופוסענס. זיא האט אויף איהם א קוק געטאן מיט איהרע קינדיש־צושראקענע אויגען, ניט ענדערנדיג איהר אויסדרוק, און איהר בליק

האט געזאגט: „איך האב אייך אלעמען ליעב, איך האב קיינעם קיין שלעכטס ניט געטהאן, פאר וואס קומט מיר אזעלכע יסורים? העלפט מיר!“ זיא האט געזעהען איהר מאן, נאר זיא האט ניט פערשטאנען די זאנדערקייט פון זיין איצטיגע ערשיינונג, ער איז צוגעגאנגען צו איהר צוקאפענס און האט איהר א קוש געטהאן אין שטערן.

— נשמה מיינע, האט ער געזאגט, ביז איצט האט ער נאך קיין מאל ניט אזוי גערופען איהר. גאט איז בארמהערציג.

זיא האט אויף איהם פראגענד א קוק געטאן:

— איך האב געווארט, אז דו, דו וועסט מיר העלפען, דו העלפסט מיר אויך ניט, האבען גערעדט איהרע אויגען.

זיא האט זיך ניט געוואונדערט, וואס ער איז געקומען צופאהרען. זיין איצטיגעס קומען האט ניט געהאט קיין שום שייכות מיט איהרע ווייהען. איהרע יסורים האבען זיך ווידער אנגעהויבען, און דיא אקושערין האט געראטהען אנדרייען, ער זאל ארויס פון צימער.

אנדריי איז ארויס פון צימער, און דער אקושער איז אריין. אנדריי האט אין צווייטען צימער געטראפען דיא שוועסטער. זיי האבען אין דער שטיל גענומען רייד־רען, אבער זייער געשפרעך האט זיך יעדע מינוט איבערגעהאקט. זיי האבען געווארט און צוגעהערט זיך.

פון צימער, וואו די קליינע פירסטין איז געלעגען האבען זיך געהערט קרעכצען. ער איז עטליכע מינוט געזעסען, פערדעקט דיא געזיכט מיט דיא הענד. דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צו דער טהיר און האט איהר געוואלט עפענען.

יעמאנד האט דיא טהיר צוגעהאלטען.

— מען קען ניט! מען קען ניט! האט פון דארטען געענטפערט א צושראקענער קול.

אנדריי האט גענומען געהן איבער'ן צימער. דיא קולות זיינע געווארען שטילער. עס זיינען אריבער נאך עטליכע סעקונדען. פלוצים האט זיך דערהערט א שרעקליכער געשריי—דאס איז ניט געוועזן איהר געשריי, זיא האט אזוי ניט געקענט שרייען. אנדריי איז צוגעלאפען צו דער טהיר. דער געשריי איז שטיל געווארען און עס האט זיך דערהערט א געשריי פון א קינד.

— פאר וואס האט מען אהין אריינגעטראגען א קינד? האט אנדריי זיך גע־

פרענט אין דער ערשטער סעקונדע א קינד ? וואס פאר א קינד ?.... וואס מחוס עס דארטען ? איז דארטען געבארען געווארען א קינד ?

ווען ער האט פערשטאנען די גאנצע פרייליכע בעדייטונג פון דעם געשריי האבען איהם אנגעהויבען צו שטיקען טרערען, און אנשפארענדיג זיך מיט דיא עלענבויגענס אן פענסטער, האט ער זיך צוואויינט, ווי עס וויינען קינדער. דיא טהיר האט זיך געעפענט און דער דאקטאר איז ארויסגעקומען אהן א ראק מיט פערקאסערטע אר־ביל פון העמד מיט א ציטערנדען קינבאק. אנדריי איז צו איהם צוגעגאנגען, נאר דער דאקטאר האט גאר ניט געזאגט און איז איהם פערביינעגאנגען. א פרויענצימער איז ארויסגעלאפען, נאר דערזעהנדיג אנדריי'ן איז זי אין פערלעגענהייט געבליבען שטעהן ביים שוועל. ער איז אריין אין צימער. ליזא איז געלעגען א טויטע אין'ם זעלבען צו־שטאנד, ווי ער האט איהר געזעהן מיט פינף מינוט צוריק און דערזעלבער אויסדרוק, כאטשע דיא אויגען זיינען שוין געווען אונבעוועגט, איז געווען אויף דעם פראכט־פאלען קינדערשען געזיכט:

„איך האב אייך אלעמען ליעב געהאט און האב קיינעם קיין שלעכטס ניט גע־טהאן, און וואס האט איהר פון מיר געמאכט ?"

אין וויקעל האט ביי מאריא באגדאנאווגא אויף דיא הענד האט געפיסטשעט עפעס א קליינס, רויטינקעס.

אין 2 שעה ארום איז פירסט אנדריי מיט שטילע טריט אוועק צום פאטער אין קאבינעט. דער אלטער פירסט האט שוין געוואוסט אלץ. ער איז געשטאנען ביי דער טהיר, און וויא נאר זיא האט זיך געעפענט, האט דער אלטער מיט זיינע אל־טע הארטע הענד ארומגעכאפט ווי מיט קלעסטשעס דעם זוהן ביים האלז און האט זיך צוואויינט, וויא א קינד.

אין דריי טעג ארום איז געווען דיא בעערדיגונג פון דער פירסטין ליזא. איי קבר האט דיא פירסטין אויך געהאט דאס זעלבע געזיכט, כאטשע דיא אויגען זיי־נען געווען ביי איהר פערמאכט: „אח, וואס האט איהר צו מיר געהאטו" און אנדריי האט דערפיהלט, אז אין הארצען האט זיך ביי איהם עפעס אפגעריסען, אז ער איז שולדיג אין א שולד, וואס ער קען ניט פעררריכטען און פערגעסען. ער האט ניט געקענט וויינען.

VIII

דאלאכאוו האט זיך ארויסגעהיילט זיין וואונד, וואס ער האט געקראגען אין דועל מיט פיער'ן, און איז געווארען א שטענדיגער איינגעהער צו דיא ראסטאווס

ניקאָלאַי ראַסטאָוו איז זעלטען געווען אין דער היים און האָט ניט בעמערקט, וואָס דאָרטען קומט פאָר. אויף'ן דריטען טאָג פון ווייהנאַכט האָבען די ראַסטאָווס געגעבען אַ אבשיעדס מיטאָג לכבוד ניקאָלאַי און דעניסאָוו, וואָס האָבען אין אַ פּאָר טעג ארום געדאַרפט אָבפאָרען אין פּאָלק. ניקאָלאַי האָט ביים טיש בעמערקט, אז עפּעס איז מיט דאָלאָכאָוו'ן ניט גלאַט. גלייך וויא דער מיטאָג האָט זיך געענדיגט, האָט זיך דאָלאָכאָוו אויפגעהויבען און איז ארויסגעגאַנגען. ניקאָלאַי האָט ארויסגעפרעגט נאַטאַשאַ'ן און האָט איהר געפרעגט, וואָס איז דאָ געווען אזוינס.

— איך האָב דיר געזוכט, האָט נאַטאַשאַ געענטפערט. זעהסט, איך האָב דער געזאָגט, און דוא האָסט מיר ניט געוואָלט גלויבען, ער האָט געבעטען אום סאָניע'ס האַנד.

ניקאָלאַי האָט זיך ווינציג אָבגעגעבען מיט סאָניען, נאָר ווען ער האָט עס דער־הערט, האָט זיך איהם עפּעס אַ ריס געטאָן אין הארצען. פאַר דער יתומה סאָניע, וואָס האָט קיין נדן ניט געהאַט, איז דאָס געווען אַ פיינער שידוך. ער האָט זיך שוין צוגעקליבען צו ענטפערען: „גאַנץ גוט, געוויס דאַרף מען פערגעסען דיא קינדערשע פאַנטאַזיעס", נאָר ער האָט קיין צייט ניט געהאַט דאָס צו זאָגען.

— שטעל זיך פאָר, זיא האָט איהם אָבגעזאָגט! האָט נאַטאַשאַ פאָרטגעזעצט. זיא האָט איהם געזאָגט, אז זיא ליעבט אַן אַנדערען.

„יאָ, אַנדערס האָט מיין סאָניע ניט געטאָרט האַנדלען!" האָט ניקאָלאַי געזאָגט צו זיך.

— פיעל דיא מאַמע האָט איהר ניט געבעטען, האָט ניט געהאָלפען. זיא וויל פון קיין זאַך ניט וויסען.

— און דיא מאַמע האָט איהר געבעטען! האָט ער געזאָגט מיט פאָרוואורף.

— יאָ, האָט נאַטאַשאַ געענטפערט. דו ווייסט, ניקאָלענקאַ, נאָר זיי ניט אין כעס, איך ווייס, אז דו וועסט מיט איהר ניט חתונה האָבען. איך ווייס ניט פאַר וואָס, נאָר איך ווייס, אז דו וועסט מיט איהר ניט חתונה האָבען.

— נו, דאָס ווייסטו ניט, האָט ניקאָלאַי געזאָגט. נאָר איך דאַרף מיט איהר ריידען. וואָס פאַר אַ פּראַכט זיא איז! האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— וואָס פאַר אַ פּראַכט זיא איז! איך וועל איהר אריינשיקען צו דיר, האָט נאַטאַשאַ געזאָגט און איז ארויסגעלאָפען.

אין אַ מינוט ארום איז סאָניאַ אריינגעקומען, אַ צושראָקענע און וויא אַ שולדיגע. ניקאָלאַי איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט איהר אַ

קום נעטהאן אין האנד. דאס איז געוועזן דאס ערסטע מאל, וואס זיי האבען אונטער פיער אויגען גערעדט פאר דער גאנצער צייט. וואס ער איז געקומען פון פאק און דאס איז געוועזן במעט א יאהר צייט.

— סאפי, האט ער געזאגט, אנפאנגס ציטערנדיג און דערנאך אלץ דרייסטער, אויב איהר ווילט זיך אבזאגען פון א גלענצענדע פארטיע......

סאני האט איהם איבערגעשלאגען.

— איך האב זיך שוין אבגעזאגט.

— אויב איהר האט זיך אבגעזאגט צוליעב מיר, האב איך מורא....

סאניא האט איהם ווייטער איבערגעשלאגען. זיא האט אויף איהם א קוק געטהאן מיט א בעטענדען, צושראקענעם בליק.

— ניקאלענקא, רעדט ניט וועגען דעם, האט זיא געזאגט.

— ניין, איך מוז ריידען. אויב איהר זאגט זיך אב צוליעב מיר, מוז איך אייך זאגען דיא גאנצע וואהרהייט. איך דענק, אז איך האב אייך ליעב, מעהר וויא אלע......

— פאר מיר איז דאס איבער גענוג, האט סאניע געזאגט, אנצינדענדיג זיך.

— ניין, נאר איך האב זיך שוין טויזענד מאל פערליעבט און וועל זיך פערליעבען, כאטשע אזא געפיהל פון פריינדשאפט צוטרוי און ליעבע פיהל איך צו קיינעם ניט, ווי צו אייך. ווייטער בין איך יונג. דיא מוטער וויל דאס ניט. מיט אייןווארט איך זאג גאר ניט צו. און איך בעט אייך, איהר זאלט זיך בעטראכטען וועגען דאלאכאוו'ן, האט ער געזאגט, קוים ארויסרייידענדיג דיא פאמיליע פון זיין פריינד.

— רעדט מיר ניט וועגען דעם. איך וויל קיין זאך ניט. איך ליעב אייך וויא א ברודער, און וועל אייך אלע מאל אזוי ליעב האבען, און מעהר פערלאנג איך ניט.

— איהר זייט א'ן ענגעל, און בין ניט ווערטה אייער פינגער, האט ניקאלאי געזאגט, און האט איהר ווידער א קוש געטהאן אין האנד.

V.

צוויי טעג נאך דעם האט ניקאלאי ראסטאוו בעקומען א צעטעל פון דאלאכאוו'ן, אין וועלכען ער האט איהם איינגעלאדען צו קומען אויף א הולאנקע, וואס ער מאכט פאר זיינע פריינד פאר זיין אבפאהרען אין דער ארמיע.

צעהן א זייגער אין אבענד איז ניקאלאי געקומען אין דעם ענגלישען האטעל, וואו דאלאכאוו האט געמאכט דיא הולאנקע, און האט שוין געטראפען א מאן צוואנציג ארום טיש. דאלאכאוו האט געטאשט קארטען און אויף'ן טיש איז

געלעגען געלד און פאפירען.

— לאנג ניט געזעהן זיך, האט דאלאכאוו געזאגט. א דאנק וואס דו ביזט גע־קומען. באלד וועט אריינקומען איליושקא מיט זיין כאר.

— קענסט נעהמען א האנד, האט דאלאכאוו ווידער געזאגט. אדער האסטו פיעלייכט מורא צו שפיעלען?

ראסטאוו האט זיך געפיהלט ניט היימיש, ער האט געזוכט עפעס א'ן המצאה צו ענטפערן אויף דאלאכאוו'ס איינלאדונג און האט ניט געפונען.

ראסטאוו האט זיך געזעצט נעבען דאלאכאוו'ן און האט אנפאנגט זיך צוגע־קוקט וויא מען שפיעלט.

— דו שפיעלסט טאקע ניט? האט דאלאכאוו געפרעגט, און מערקווירדיג, ניקאלאי האט דערפיהלט א נאטווענדיגקייט צו נעמען א קארט.

— איך האב ניט קיין געלד מיט זיך, האט ראסטאוו געזאגט.

— איך וועל דיר געטרויען.

ראסטאוו האט אוועקגעשטעלט 5 רובעל אויף זיין קארט. ער האט פערלארן, און איידער ער האט אויסגעשפיעלט ארומצוקוקען זיך, איז שוין אויף זיין רעכנונג געווען פערשריעבען 800 רובעל. ער האט שוין געהאט בדעה אוועקצושטעלען אויף איין קארט 800 רובעל, ווען דער לאקיי האט איהם דערלאנגט שאמפאניער, נאר ער האט חרטה געהאט און האט אוועקגעשטעלט ניט מעהר וויא 20 רובעל.

— לאז דיא 800, האט דאלאכאוו געזאגט, וואס איז? דוא האסט מורא פאר מיר?

ראסטאוו האט געפאלגט און אוועקגעשטעלט אויף א זיעבעטעל רייץ, וועלכע ער האט אויפגעהויבען פון דער ערד. ער האט דערנאך גוט געדענקט דעם זיעבעטעל. ער האט אויסגעטרונקען א גלאז שאמפאניער און מיט א'ן אבגעשטאר־בענעם הארצען געקוקט אויף דאלאכאוו'ס הענד. געווינען אדער פערלירען האט פאר איהם בעדייטעט זעהר פיעל. פארינע וואך זאנטאג האט איהם דער פאטער גע־געבען 2000 רובעל, און זיין פאטער, וועלכער האט קיין מאל ניט ליעב געהאט צו ריידען געלדפערלעגענהייט, האט איהם געזאגט, אז ביז מאי וועט ער מעהר קיין געלד ניט האבען און דאריבער בעט ער איהם, ער זאל זיין מעהר עקאנאמיש. ניקאלאי האט געזאגט, אז דאס איז פאר איהם אויך צופיעל און האט געגעבען זיין עהרען־ווארט, אז ער וועט מעהר ניט נעהמען ביז פריהלינג. און דאריבער צו פער־לירען 1600 רובעל האט געהייסען זעהר פיעל. ער וועט זיין ווארט ניט קענען האל־

טען. ער האט מיט אן אָבגעשטאָרבענע הארץ נעקוקט אויף דאָלאָכאָוו'ס הענד און געטראכט: „נו שוין, ניכער, ניכ מיר שוין מיין קאָרט און איך נעהם דאס היטעל און פאהר גלייך אוועק א היים און מעהר וועל איך שוין קיין קאָרטען אין די הענד ניט נעהמען". אין דיעזער מינוט איז דאס לעבען אין דער היים, זיינע המצאות מיט פעטיאן, זיינע געשפרעכע מיט סאָניען, זיינע דועטען מיט נאַטאשאַ'ן, האבען זיך אזוי העל רייצענד געשטעלט פאר זיינע אויגען, וויא דאס וואלט געווען א לאנג פערגאנגענעס, אויף אויביג פערלאָרענעס גליק. עס האט זיך איהם ניט געגלויבט, אז א נאַרישע זיבעטעל זאָל איהם קענען רויבען פון דעם גליק, וואס ער האט איצט פון דאס ניי בעגריפען און זאָל אריינשליידערן אין אן אונבעוואוסטען תהום פון אונגליק. דאס האט ניט געקענט זיין, דאך האט ער גע־וואָרט מיט אן אָבגעשטאָרבענעם הארצען, קוקענדיג אויף דאלאָכאָוו'ס הענד. די ברייטביינינע, רויטליכע הענד מיט די האָר, וואס האבען זיך ארויסגעזעהען פון אונ־טער דיא ארבעל האבען אנידערגעלעגט דיא טאש קאָרטען און האבען גענומען דאס גלאָז שאמפאניער און א ליולקע.

— האסטו טאקע קיין מורא ניט מיט מיר צו שפיעלען? האט דאָלאָכאָוו ווידער־האָלט און האט זיך אָבגעשפארט ברייטליך אן רוקען פון זיין שטוהל און לאנגזאם, מיט א שמייכעל האט ער גענומען ריידען:

— יא, מיינע הערען, מען האט מיר געזאגט, אז אין מאסקווע איז פערשפרייט א קלאנג, אז איך בין א שולער, און דעריבער ראטה איך אייך צו זיין מיט מיר פאָר־זיכטיג.

— מאך דאס ניכער! האט ראסטאָוו געזאגט.

— אך, דיא מאסקווער מוהמעלעך! האט דאָלאָכאָוו געזאגט מיט א שמייכעל און האט זיך גענומען פאר דיא קאָרטען.

— א־א־אך! האט ראסטאָוו שיער ניט אויסגעשריען, אויפהייבענדיג ביידע הענד צו דיא האָר. ער האט פערשפיעלט מעהר וויא ער האט געקענט בעצאָהלען

— פאל ניט אזוי אראָפ ביי זיך, האט דאָלאָכאָוו געזאגט, א ווארף טהוענדיג א בליק אויף ראסטאָוו'ן, און האט ווייטער גענומען טאשען.

IX.

אין א שעה אנדערטהאלבען ארום האט זיך דער גאנצער שפיעל קאָנצענטרירט אויף איין ראסטאָוו'ן. אנשטאט דיא 1600 רובעל איז שוין אויף זיין רעכנונג געווען אנגעשריבען א לאנגער צייל ציפער, וואס האט געדארפט בעטרעפען נאך דאס־

טאָוו'ס רעכנונג א טויזענד צעהן נאָר אין דער ווירקליכקייט האָט עס שוין אריבער עשטיינט צוואנציג טויזענד. דאָלאָכאָוו האָט שוין איצט מעהר קיין געשיכטעס נים דערצעהלט ער האָט געהיט יעדע בעוועגונג ראסטאָוו'ס און האָט אלע ווילע נעוואָרפען א בליק אויף'ן רעכנונג. ער האָט בעשלאָסען פאָרט צוזעטצען דיא שפּיל, ביז עס וועט זיך אָנקלייבען 43 טויזענד. דעם צאָהל האָט ער אויסנעקליבען דארום, ווייל דאָס איז נעווען דיא סומע פון זיינע און סאָניע'ס יאָהרען צוזאמענגעלעגט.

ראָסטאָוו איז נעזעסען אָנגעשפּארט מיט'ן קאָפּ איןביידע הענד און האָט געטראכט, וויא גליקליך, וויא פריילינך ער איז נעווען, ווען ער איז צונעגאנגען צו דעם טישעל. ווען האָט זיך דאָס אָנגעהויבען דאס אונגליק פאַר איהם ?

ער איז נעווען רויט, אין גאנצען פערשוויצט, כאָטשע אין צימער איז נים נעווען היים. זיין נעזיכט איז נעווען שרעקליך און קלעגליך הויפּטזעכליך דערפאַר, וואָס ער האָט זיך נעוואָלט ווייזען, אז ער איז רוהיג.

דער רעכנונג האָט דערגרייכט ביז דיא בעשטימטע סומע פון 43 טויזענד, דאן האָט דאָלאָכאָוו אוועקגעלעגט דיא קאָרטען אָן א זייט און האָט צוזאמענגעצויגען דעם רעכנונג.

— איצט איז צייט צו מיטאָגען !

— איז שוין דיא שפּיעל געענדיגט ? האָט ראָסטאָוו געפרעגט. איך האָב איצט צוגעגרייט א פיינעם קערטיל.

„איצט איז א סוף, איך בין א פערפאַלענער !“ האט ער געטראכט. „איין מיטעל איז נאָר פערבליבען — א קוגעל אין קאָפּ“ און צו דער זעלבער צייט האָט ער געזאָגט מיט א פריילינבען קול :

— נאָך איין קאָרט.

— גוט, האָט דאָלאָכאָוו געענטפערט, צום רעכנונג נעהמט נאָך אָב 21 רובעל, אום עס זאָל זיין א קיילעכדיגע סומע. ראָסטאָוו האָט זיך צונעקליבען צו שטעלען 6000, נאָר ער האָט געפאַלנט, וואָס דאָלאָכאָוו האָט געהייסען און האָט פערשרייבען 21.

— פון אייך קומט מיר 43 טויזענד, נראַף, האָט דאָלאָכאָוו געזאָגט און האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש. מען ווערט פערמאַטערט פון זיצען אַזוי לאַנג, האָט ער געזאָגט.

— איך בין אויך פערמאַטערט געוואָרן, האָט ראָסטאָוו געזאָגט.

דאָלאָכאָוו האָט איהם איבערגעשלאָגען.

— ווען בעקום איך דאָס געלד, גראף?

ראָסטאָוו האָט אריינגערופען דאלאכאָוו'ן אין א צווייטען צימער.

— איך קען דאָס געלד ניט בעצאָהלען גלייך, דוא וועסט נעהמען א וועקסעל, האָט ער געזאָגט.

— דוא ווייסט, ראָסטאָוו דאָס גלייך־ווערטיל: וועמען עס גליקט אין ליעבע גליקט ניט אין קאָרטען. דיין קוזינע איז פערליעבט אין דיר. איך ווייס דיין קוזינע....

— מיין קוזינע האט מיט דעם נאָר ניט צו טהאָן און וועגען איהר איז ניטאָ וואָס צו ריידען! האָט ראָסטאָוו אויסגעשריען מיט וואוט.

— אלזאָ ווען בעקום איך? האט דאלאכאָוו געפרעגט.

— מאָרגען, האט ראָסטאָוו געענטפערט און איז ארויס פון צימער.

X

זאָגען „מאָרגען" און ארויסווייזען זיך האָנאָראָווע איז ניט געווען שווער נאָר קר מען א חיים און זעהען די שוועסטער, ברידער, דיא מוטער און פאָטער און בעטען געלד, וואָס ער האָט סיין רעכט ניט געהאט נאָכדעם וויא ער האָט געגעבען זיין ערה רענוואָרט, איז געווען שרעקליך.

אין דער היים איז מען נאָך ניט געשלאָפען. דיא יונגע זיינען געזעסען ביי דער פיאנאָ, דעניסאָוו האָט געזונגען א קופלעט פון דער צויבערין. די אלטע גרעפין האט אויסגעלעגט א פאַסיאַנס. ווי ער איז נאָר אריינגעקומען, האָט איהם ארומגעכאפט יענע פאָעטישע און ליעבענדע לופט, וואָס האט געהערשט דיזען ווינטער אין הויז. ער איז א ווילע געזעסען מיט די יונגע, דערנאָך געבען דער מוטער און דערנאָך איז ער אוועק צו זיך אין צימער. דער אלטער גראף איז נאָך ניט געווען אין דער היים. אין א פערטעל שעה ארום האָט ניקאָלאי דערהערט זיינע טריט. דער אלטער גראָף איז איצט געקומען פון קלוב פרייליך און צופריעדען. ניקאָלאי איז אוועק צו איהם.

— נו, וואָס אָנגעהולעט זיך? האָט דער אלטער גראף געזאָגט מיט א פרייליכע און שטאָלצע מינע, פרייענדיג זיך מיט זיין זוהן. ניקאָלאי האט געוואָלט ענטפערן „יא", נאָר ער האָט ניט געקענט: ער האָט זיך שיער ניט צואוויינט. דער גראָף האט פערויכערט א ליולקע און האט ניט בעמערקט, אין וואָס פאר א צושטאנד דער זהון געפינט זיך

„איך וועל זיך דערפון ניט אויסקויפען" האט ניקאָלאי געטראכט. און מיט א נאָכלעסיגען טאָן אזוי וויא ער וואָלט געהעטען א קארעטע דורכצופאָהרען זיך אין

שטאָדט, האָט ער געזאָגט צום פאָטער:

— פאָטער, און איך האָב אייך עפּעס צו זאָגען, איך האָב שיער ניט פערגעסען, איך דאַרף האָבען געלד.

— אַזוי, איך האָב דיר געזאָגט, אז עס וועט זיין ענגלאָף. פיעל?

— ועהר פיעל, האָט ניקאָלאַי געזאָגט מיט אַ נאַרעשען און נאַכלעסינגען שמייכעל, וועלכען ער האָט דערנאָך אַ צייט לאַנג ניט געקענט זיך פערצייהען. איך האָב ניט פיעל פערשפּיעלט, דאָס הייסט זאָגאַר פיעל, זעהר פיעל 43 טויזענד.

— וואָס? דו לאַכסט! האָט אויסגעשריען דער גראַף, און זיין האַלז און פּאָטי-ליצע זיינען רויט געוואָרען.

— איך האָב פערשפּראָכען מאָרגען צו בעצאָהלען, האָט ניקאָלאַי געזאָגט.

— נו! ..... האָט דער אַלטער גראַף געזאָגט, פערנאַנדערפיהרענדיג מיט דיא הענד און האָט זיך מאַכטלאָז אַראָבגעלאָזט אויף דער זאָפע.

— וואָס קען מען העלפען? מיט וועמען האָט עס ניט געטראָפען, האָט דער זוהן געזאָגט אַזוי ברייטלאָך, וועהרענד אין האַרצען האָט ער זיך אָנגערופען מיט דיא ערגסטע נעמען: טויגעניכטס. שופט. ער האָט געוואָלט קוסען דעם פאָטער דיא הענד, שטעהן פאַר איהם אויף דיא קניע און בעטען אום פערצייהונג, און ער האָט נאָר אַזוי נאַכלעסיג און גראָב געזאָגט, אז דאָס טרעפט מיט יעדען.

דער אַלטער פירסט האָט אַראָבגעלאָזט דיא אויגען, ווען ער האָט דערהערט דיעזע ווערטער און האָט עפּעס געגומען זוכען.

— יאָ, יאָ, האָט ער געזאָגט, שווער, איך האָב מורא, עס וועט זיין שווער צו קריגען... מיט וועמען האָט עס ניט געטראָפען! יאָ, עס טרעפט ... און דער גראַף האָט אַ זייטיגען בליק געטהאָן אויפ'ן זוהן און איז אַרויס פון ציממער. ניקאָלאַי האָט ערוואַרטעט, אז ער וועט איהם גראָב ענטפערן, אָבער דאָס האָט ער גאָר ניט ערוואַרטעט.

— טאַטעלע! טאַ...טעלע! האָט ער איהם נאָכגעשריען מיט אַ געוויין; פערצייהעט מיך! און אָנכאַפּענדיג איהם ביי דער האַנד האָט ער איהר בעדעקט מיט קוסען און טרערען.

XI.

וועהרענד ניקאָלאַי האָט געהאַט זיין געשפּרעך מיט'ן פאָטער, איז צווישען דער מאַמער און מוטער פאָרגעקומען אַ נישט ווענינער וויכטיגע ערקלערונג. נאַטאַשאַ איז אַ'ן ערדענטע אַריינגעלאָפען צו דער מוטער.

— מאמא!.... מאמא!.... ער האט געבעטען......

— וואס געבעטען?

— געבעטען, געבעטען אום מיין האנד. מאמא! מאמא!

דיא גרעפין האט ניט געגלויבט איהרע אויערען. דעניסאוו האט זיך ערקלערט אין ליעבע — וועמען? דעם קליין מיידעלע, וואס האט ניט לאנג נאך געשפּעלט אין ליאלקעס.

— נאטאשא, מאך זיך ניט נארעש! האט דיא גרעפין געזאגט, האפענדיג, אז דאס איז געוועזען א שפאס.

— א נארעשקייט געפונען! איך רייד אייך א טהאטזאך, האט נאטאשא נער־זאגט בייז. איך בין געקומען פרעגען, וואס זאל איך טהאן, און איהר זאגט מיר, אז דאס איז א נארעשקייט.

דיא גרעפין האט א קוועטש געטהאן מיט דיא פּלייצעס.

— אויב עס איז אמת, אז מאנסיע דעניסאוו האט געבעטען, אום דיין האנד, טא זאג איהם, אז ער איז א נאר, וויטער גאר נישט.

— ניין, ער איז ניט קיין נאר, האט נאטאשא געזאגט ערנסט און בעליידיגט.

— אלזא וואס דען ווילסטו? איהר זייט היינט אלע פערליעבט. אויב דו ביזט פערליעבט, טא האב חתונה מיט איהם, האט דיא גרעפין געזאגט בייז, לאכענד.

— ניין, מאמא, איך בין אין איהם ניט פערליעבט. ניט פערליעבט.

— נו, טא געה און זאג איהם אזוי.

— מאמא, איהר זייט אין כעס? זייט ניט אין כעס, טייבעלע, נו, וואס בין איך שולדיג?

— ווילסט, וועל איך איהם געהן זאגען מיין פריינד, האט דיא גרעפין געזאגט מיט א שמייכעל.

— ניין, איך אליין וועל זאגען, נאר איהר זאגט מיר וואס, איהר ווייסט אלץ. א, ווען איהר זאלט זעהן, וויא ער האט דאס געבעטען, איך וויים, אז ער האט עס ניט געוואלט זאגען, נאר אונגערן האט זיך דאס ביי איהם ארויסגעריסען.

— דאך דארף מען אבזאגען.

— ניין, מען דארף ניט. מיר רייסט אזוי דאס הארץ פאר איהם! ער איז אזא ליעבער.

— אויב אזוי נעהם אן זיין פארשלאג; וואס מיינסטו, עס איז שוין צייט, דו זאלסט חתונה האבען.

— ניין, ניין, מאמא, איך האב אויף איהם רחמנות. איך ווייס נים, וויא וועל איך איהם זאגען.

— דו האסט נים וואס צו זאגען, אידאליין וועל זאגען, האט געזאגט דיא גרע פין אונצופרידען, פאר וואס מען האט געוואנט צו קוקען אויף דיא קליינע נאטא שא, וויא אויף א גרויסע.

— ניין, פאר קיין פאל נים, איך אליין וועל איהם זאגען, און איהר שטעהט אונטער דער טיר און הערט.

און נאטאשא איז ארויסגעלאפען פון נאסט-צימער און איז אריינגעלאפען אין זאל, וואו דעניסאוו איז געזעסען אויפ'ן זעלבען ארט ביי דער פיאנע פערשטעלט דאס געזיכט מיט דיא הענד. ער איז אויפגעשפרונגען, דערהערענדיג איהרע גראבע טרים.

— נאטאלי, האט ער געזאגט, געהענדיג איהר אנטקעגענקומט שנעלע טרים, מיי שיקזאל איז אין אייערע הענד. זאגט מיר, וואס איך האב צו ערווארטען.

— וואסילי דמיטריטש, איך האב אויף אייך אזא רחמנות!...... ניין, נאר איהר זיים אזא גוטער.... נאר מען דארף נים... דאס.... אזוי וועל איך אייך אלע מאל ליעבען....

דעניסאוו האט זיך אנגעבויגען איבער איהר האנד און זיא האט דערהערט זעלטזאמע, אונפערשטענדליכע קלאנגען. זיא האט איהם א קוש געטהאן אין זיין שווארצען געקרייזעלטען קאפ. אין דער צייט האט זיך דערהערט א גערויש פון א קלייד. דיא גרעפין איז צוגעגאנגען צו זיי.

— וואסילי דמיטריטש, האט דיא גרעפין געזאגט, איך דאנק אייך פאר דיא עהרע, נאר מיין טאכטער איז נאך אזוי יונג, און איך האב געדענקט, אז איהר, אלס א פריינד פון מיין זוהן, האט זיך געדארפט פריהער ווענדען צו מיר.

דיא גרעפין האט גערעדט מיט א קול פון פערלעגענהייט, נאר דעניסאוו'ן האט ער אויסגעוויזען זעהר שטרענג.

— גרעפין!...... האט דעניסאוו געזאגט מיט אראבגעלאזטע אויגען אין שול-דיגע געזיכט. ער האט עפעס געוואלט זאגען, נאר ווערטער האבען איהם פער-פעהלט.

נאטאשא האט געקענט זעהען זיין קלעגליכען צושטאנד. זיא האט אנגעהויבען צו כליפען אויפ'ן קול.

— גרעפין, איך האב זיך בעשולדיגט געגען אייך, האט דעניסאוו פארטגעזעצט

מיט א'ן איבערראיסענדען קול, — נאר ווייסט, אז איך פערגעטער אזוי אייער טאָכטער, און אייער גאנצע פאמיליע, אז איך וועל צוויי לעבענס אוועקגעבען.... עד האט א קוק געטהאָן אויף דער גרעפין און האט בעמערקט איהר שטרענגע גע־זיכט ... נו, זייט געזונד, גרעפין, האט ער געזאָגט און האט איהר א קוס געטאן אין האנד, און נים א קוק טהוענדיג אויף נאטאשא'ן איז ער מיט שנעלע און ענטשלאָ־סענע טריט ארויס פון צימער.

אויף מאָרגען איז דעניסאָוו אָבגעפאָהרען פון די ראסטאוו'ס און קיין בעטע האט נים געהאָלפען אָבצוהאלטען איהם נאָך א טאָג.

צווייטער טהייל.

I.

פירסט אנדריי האט זיך פערשפארט אין דארף און איז צווי יאהר ערגעץ ניט ארויסגעפאהרען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס אונטער דער צייט האט רוסלאנד אין פעראייניגונג מיט פרייסען ווייטער געפיהרט א מלחמה מיט נאפאלעאנען און ווידער פערלארען. אנדריי האט זיך אבגעגעבען מיט דיא אנגעלעגענהייטען אין זיינע דערפער און האט געוויזען דעם ערשטען ביישפיעל אין רוסלאנד טהיילוויז צו בעפרייען דיא פויערים פון פאנסטשיזנע און טהיילוויז צו מאכען ארדנונג אין דיא דערפער.

אין פריהלינג פון 1809 איז פירסט אנדריי אוועקגעפאהרען אין ריאזאנער גיטער פון זיין זוהן, ביי וועמען ער איז געוועזען אפעקון, צוליעב זיינע געשעפטען מיט איליא אנדרעעוויטש ראסטאוו'ן, וועלכער האט איצט געוואוינט אין א ריאזאנער גוט און איז געוועזען דער אנפיהרער פון דעם אויעזד.

דיא צייט פון פריהלינג איז געוועזען א הייסע. דער וואלד האט זיך אין גאנצען בעדעקט מיט גרינע בלעטער, און ווען מען איז פערבייגעפאהען א טייך, האט זיך געוואלט אויסבאדען.

אנדריי איז א פערזארגטער און אומעדיגער צוגעפאהרען צום הויז, וואו דיא ראסטאווס האבען זיך געפונען. רעכטס פון צווישען דיא בוימער האט ער דערהערט א פרייליכען מיידעלשען געשריי און ער האט דערזעהען וויא איהם אנטקעגען לויפט א מחנה מיידלאך. פריהער פון אלעמען איז צו זיין וועגעל צוגעלאפען א שופטילע, זעהר שופטילע מיידעל מיט שווארצע האר און שווארצע אויגען אין א געלע קארטונען קליידעל. דאס מיידעל האט עפעס געשריען, נאר דערזעהענדיג א פרעמדען מענשען איז זיא מיט א געלעכטער אוועקגעלאפען צוריק.

אנדריי האט פלוצים דערפיהלט א וויטאג אין הארצען. דער טאג איז געוועזען אזוי שיין, דיא זון האט געשיינט אזוי העל, ארום איז געוועזען אזוי פרייליך און דיא שופטילע און שיינע מיידעל ווייס ניט און וויל ניט וויסען פון זיין עקזיסטענץ און איז צופריעדען און גליקליך מיט איהר אייגענעם, וואהרשיינליך נארעשען און פרייליכען לעבען. וואס פרייט זיא זיך אזוי? וועגען וואס טראכט זיא? זיא טראכט

נים וועגען נייע קריעגס־געזעצע, אויף טראכט זיא ניט וועגען ציגזען פון די פויערים. וועגען וואס טראכט זיא? און מיט וואס איז זיא אזוי גליקליך?" האט אנדריי זיך געפרעגט נייגיעריג.

גראף איליא ראסטאוו, ביי וועמען אין הויז האט זיך איבהרגעקעהרט די גאנצע גובערניע, האט זיך זעהר דערפרעהט מיט'ן נייען גאסט און האט איהם כמעט מיט גוואלד פערהאלטען אויף איבער נאכט.

אין דעם פערלויף פון דעם טאג האט ער עטליכע מאל נאכגעקוקט די שווארץ־אויגיגע נאטאשא'ן, וועלכע האט ניט אויפגעהערט צו שטיפען און פרייהען זיך, און האט זיך אלץ געפרעגט: „וועגען וואס טראכט זיא? מיט וואס איז זיא אזוי צופריעדען?"

אין אבענד פערבלייבענדיג אליין אין א נייען ארט, האט ער א לאנגע צייט ניט געקענט איינשלאפען. ער האט געלייענט, דערנאך האט ער אויסגעלאשען דאס ליכט און ווידער עס אנגעצונדען. אין צימער איז געווען היים. ער איז געווען אין בעס אויף'ן נארישען אלטען (אזוי האט ער גערופען ראסטאוון) פאר וואס ער האט איהם פערהאלטען און אויף זיך אליין, פאר וואס ער האט זיך געלאזט איינריידען.

אנדריי האט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צום פענסטער. וויא נאר ער האט געעפענט דיא לאדענס, וועלכע האבען זיך פערמאכט פון אינערוויינג, האט אויף איהם א גאס געטאן א שטראם פון דער העלער לבנה ליכט. ער האט געעפענט דאס פענסטער. די נאכט איז געווען א קיהלע און זעהר א ליכטיגע. אנטקעגען פענסטער איז געשטאנען א גאנצע רייהע בוימער, שווארץ פון איין זייט און זילבער בעלויכטען פון דער צווייטער. אונטער דיא בוימער האט געוואקסען א זאפטיגע, פייכטינע און האריגע געוויקס מיט בעזילבערטע דא און דארטען בלעטלאך און זאנגען. ווייטער הינטער די בוימער האט געבליצט פון טוי א דאך, און רעכטס א בוים מיט געדיכטע צווייגען און איבער זיי איז געהאנגען א פולע לבנה אויף א ריינעם הימעל. אנדריי האט זיך אנגעשפארט מיט דיא עלענבויגענס אן פענסטער און זיינע אויגען האבען געקוקט צום הימעל.

אנדריי'ס צימער איז אויסגעקומען אויפ'ן מיטעלסטען עטאזש. איבער איהם איז דאס צימער אויך געווען פערנומען און דארטען איז מען נאך אויך ניט געשלאפען. ער האט דערהערט פון דער הויך א מיידעלשען געשפרעך.

— נאך איין מאל, ניט מעהר האט געזאגט א שטימע, וועלכע אנדריי האט גלייך דערקענט.

— נאָר ווען וועסטו שלאָפען ? האָט דיא צווייטע שטימע געענטפערט.

— איך וועל ניט. איך קען ניט שלאָפען, וואָס קען איך העלפען ! נו, נאָך איין מאָל..

צוויי פרויען־קול׳כלעך האָבען גענומען זינגען א מוזיקאלישע פראזע, וואָס איז געווען דאָס ענדע פון עפּעס.

— אָך, וויא פּאָרטרעפליך ! נו, איצט שלאָפען און געענדיגט.

— דו, שלאָף, אָבער איך קען ניט, האָט געענטפערט דיא ערשטע שטימע, און איז נעהנטער צוגעקומען צום פענסטער.

דאָס מיידעל, וואָס האָט געזאָגט די לעצטע ווערטער, האָט זיך ארויסגעהאנגען פון פענסטער, דאָס האָט אנדריי פערשטאנען פון דעם גערויש פון א קלייד, וואָס ער האָט דערהערט און זאָגאר איהר אטהעמען. אנדריי האָט מורא געהאַט א ריהר צו טאָן זיך, אום ניט ארויסצוגעבען זיין אונווילקענדע אנוועזענהייט.

— סאָניא ! סאָניא ! האָט זיך ווידער דערהערט דיא ערשטע שטימע. נו, זאָג אליין, וויא קען מען שלאָפען ! גיב א קוק, וואָס פאר א שיינע נאכט ! אח, ווי שיין שלאָף ניט, סאָניא ! האָט זיא געזאָגט כמעט מיט טרערען אין איהר קול. אזא שיינע נאכט וועסטו קיין מאָל, קיין מאָל ניט זעהן.

סאָניא האָט עפּעס געענטפערט אונווילענד.

— ניין, דו גיב א קוק, וואס פאר א לבנה !...... אח וויא שיין ! דו קום צו אהער, נשמה׳לע, טייבעלע, קום אהער. דו זעהסט ? איך וואָלט זיך אזוי אוועקגעזעצט אויף דיא שפּיץ פינגער, ארומגעכאפּט זיך ארום דיא קניע, אזוי שטייף, שטייף און געפלויגען אזוי !

— גיב אכטונג, דו וועסט נאָך ארויספאלען.

עס האָט זיך דערהערט א קאַמפף און סאָניא׳ס אונצופריעדענע שטימע.

— עס איז שוין נאָך איינס.

— אָך, דו פיהרסט נאָר מיר איבער יעדע זאך. נעה, נעה.

עס איז ווידער שטיל געוואָרען, נאָר אנדריי האָט געוואוסט, אז זיא זיצט נאָך ביים פענסטער. ער האָט פון צייט צו צייט געהערט איהרען א שטילען ריהר אדער זיפץ.

— אָך, מיין גאָט ! מיין גאָט ! וואס איז דאָס אזוינס ! האָט זיא פּלוצים אויס־געשריען. שלאָפען זאָל זיין שלאָפען ! און זיא האָט פערהאקט דאָס פענסטער.

„און מיין עקזיסטענץ אינטערעסירט איהר גאָר ניט !" האָט פירסט אנדריי גע־

טראכט. וועהרענד דיא מיידלאך האבען איבען נערעדט, ווארטענדיג און מורא האבענדיג, אז זיא וועט עפיס זאגען וועגען איהם. „און ווייטער זיא! וויא בכיון!“ האט ער געטראכט. אין זיין זעעלע האט זיך פלוצים אויפגעהויבען א מיש־מאש פון יונגע האפנונגען און געדאנקען, וואס זיינען געווען געגען זיין ארט לעבען און דענקען און פיהלענדיג, אז ער איז ניט אים שטאנד צו ערקלערען זיך, וואס ביי איהם קומט פאר, איז ער באלד איינגעשלאפען.

אויף מארגען, זעגענענדיג זיך נאר מיט'ן אלטען גראף און ניט ווארטענדיג, ביז דיא פרויען וועלען ארויסקומען, איז ער אוועקגעפאהרען אהיים.

דער טאג איז געווען א הייסער, א שטורם האט זיך געקליבען, דערוויל האט א שפריץ געטהאן פון א קליין וואלקענדעל אויפ'ן שטויב פון דעם וועג און אויף דיא זאפטיגע בלעטער. אנדריי איז יעצט געפאהרען אין וואלד. דיא לינקע זייט וואלד איז געווען פינסטער, אין שאטען; דיא רעכטע איז געווען פייכט און האט געגלאנצט אנטקעגען דער זון, קוים ריהרענדיג זיך פון דעם ווינד. אלץ האט געבליהט; דיא נאכטיגאלס האבען געטרילערט דא און דארטען.

עס האט אויף איהם פלוצים א בלאז געטהאן א פריהלינגס־געפיהל, א געפיהל פון פרייד און בענייאונג. אלע בעסטע מינוטען פון זיין לעבען האבען פלוצים ארויסגעשוואומען אין זיין מארך. אויסטערליץ מיט'ן הויכען הימעל, דיא מינע פון פארוואורף אויף זיין פערשטארבענער פרוי'ס געזיכט, דאס מיידעל וואס איז ערוועגט פון דער שיינקייט פון דער נאכט, און די נאכט, און דיא לבנה, דאס אלעס האט זיך איהם איצט דערמאנט.

ניין, צו 31 יאהר איז דאס לעבען נאך ניט געענדיגט האט ער פלוצים בעשלאסען. „עס איז וועניג, וואס איך וויים, וואס אין מיר איז, מען דארף, אז אנדערע זאלען עס אויך וויסען: אי פיער, און דאס מיידעל, וואס וויל פליהען אין הימעל; מען דארף, אז אלע זאלען מיך וויסען, מיין לעבען זאל ניט זיין פאר מיר אליין, מיין לעבען דארף זיך אויף אלעמען אבשפיגלען און אלע דארפען לעבען מיט מיר צוזאמען“.

II.

צוריקקעהרענדיג זיך פון זיין רייזע, האט פירסט אנדריי בעשלאסען צו פאהרען אין הערבסט אין פעטערבורג און האט געזוכט פערשיעדענע אורזאכען פאר וואס ער דארף דאס טהאן. א גאנצע רייהע בעווייזע האט ער אויסגעארבייט צו דערווייזען לאניש די נויטווענדיגקייט פון אזא רייזע. ער האט איצט זאגאר ניט געקענט פער

שטעהן, וויא אזוי האָט ער ווען עס איז געקענט גאָר צווייפלען אין דער נויטווענדיגקייט צו נעהמען אַ׳ן אקטיווען אנטהייל אין לעבען, גראָדע ווי מיט אַ מאָנאט צוריק האָט ער ניט געקענט פערשטעהען, וויא אזוי קען איהם גאָר אריין אַ געדאנק צו פערלאָזען דאָס דאָרף. נאָך דיזער רייזע האָט זיך אנדריי דערפיהלט אומעדיג אין דאָרף, זיינע פריהערינע בעשעפטיגונגען האָבען איהם ניט אינטערעסירט און ווען ער איז אליין געבליבען זיצען אין זיין קאבינעט, פלעגט ער צוגעהן צום שפּיעגעל און לאַנג געקוקט אויף זיין געזיכט. דערנאָך פלעגט ער זיך אָבווענדען פון שפּיגעל און אַ קוק טהאָן אויף׳ן פּאָרטרעט פון זיין פערשטאָרבענער פרוי, וועלכע האָט אויף איהם געקוקט צערטליך און פרייליך פון דער גאָלדענער ראַם. איצט האָט זיא שוין ניט גערעדט צום מאַן יענע שרעקליכע ווערטער, איצט האָט זיא געקוקט אויף איהם פרייליך און מיט נייגיערדע.

אין מאָנאט אויגוסט 1809 איז אנדריי געקומען אין פּעטערסבורג. די ערשטע צייט האָט ער דערפיהלט, אז זיין גאַנצער ארט דענקען, וואָס האָט זיך אויסגעארבייט אין זיין איינזאמען לעבען, איז איצט אין גאַנצען פערדונקעלט געוואָרען פון קליינע זאָרגען, וואָס האָבען איהם ארומגעכאַפּט אין פּעטערסבורג. קומענדיג אבענדצייט אהיים האָט ער פערצייכענט אין זיין נאָטיץ-ביכעל פיער אָדער פינף נויטהיגע וויזיטען צו אַ בעשטימטע צייט. ער האט גאָר ניט געטהאָן, און זאָגאר ניט געדענקט און האָט קיין צייט ניט געהאַט צו דענקען, און ער האָט גאָר גערעדט דאָס, וואָס ער האָט פריהער בעטראַכט, זייענדיג אין דאָרף.

אָפט האָט ער בעמערקט אונצופרידען, אז איהם קומט אויס פיעל מאָל ווידערצוהאָלען איינס און דאס זעלבע אין איין טאָג אין פערשידענע געזעלשאַפטען, נאָר ער איז געווען אזוי פערנומען גאַנצע טעג, אז ער האָט קיין צייט ניט געהאַט אַ טראַכט צו טהאָן, אז ער דענקט גאָר ניט.

אין אַ וואָך ארום נאָך זיין קומען, איז אנדריי געוואָרען אַ מיטגליעד פון דער קאָמיסיאָן אויסצוארבייטען אַ נייע פעראָרדנונג פון קריעגס-געזעצע.

III.

דיא דאָסיאָווס האָבען צוויי יאָהר פערבראַכט אין זייערען אַ גוט, אום צו פערריכטען זייערע אומשטענדען נאָר דאָס האָט זיי ניט געלונגען. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ניקאָלאַי האָט געזעהן אויסצוגעבען אזוי וועניג געלד אין פּאָלק, ווי נאָר מעגליך. דער פערוואַלטער פון זייערע גיטער, מיטענקאָ, האָט אזוי געפיהרט זייערע געשעפטע, אז דיא חובות האָבען געוואַקסען און די איינציגע הילף, וואָס זיי איז געד-

בליבען איז געווען, אז דער אלטער גראף זאל אננעהמען עפעס א שטעלע אין דער רעגיערונג, און צוליעב דעם איז ער איבערגעפאהרען אין פעטערסבורג.

גלייך נאך זייער קומען אין פעטערסבורג, איז זעהר עלטסטע טאכטער ווערא פעריקנס'ט געווארען מיט א קאפיטאן פון גווארדיע, בערג. דער שידוך איז ניט גע־ ווען קיין גרויסארטיגער, ווייל בערג האט זיך מיט קיין יחוס ניט געקענט בעריהמען, נאר דיא ראסטאָוס זיינען איינגעגאנגען אויף דעם שידוך, ווייל זייערע געשעפטען זיינען געווען זעהר פערפלאָנטערט און ווערא איז שוין אלט געווען 24 יאָהר, און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיא איז געווען שיין און קלוג, האט נאך קיינער ביז איצט ניט געבעטען איהר האנד.

נאטאשא איז אלט געווען זעכצעהן יאהר. פון דער צייט, וואס באריס האט זיך מיט איהר צוקוסט מיט פיער יאָהר צוריק, האט זיא זיך מיט איהם ניט געזעהען. ווען אין דער היים פלעגט ווערען א געשפרעך וועגען באָריס'ן, פלעגט זיאריידען גאנץ פריי, אז אלץ, וואס פריהער איז געווען, איז נאר געווען א קינדערשפיעל און עס לוינט ניט צו ריידען וועגען דעם. נאר טיעף אין הארצען האט איהר דיא פראגע ניט געלאָזט רוהען צו איהר דאמאלסדיג פערשפרעכען איז געווען א שפאס אדער ערנסט.

באריס איז אין דעם פערלויף פון דיא פיער יאהר געווען עטליכע מאל אין מאסקווע און איז פערבייגעפאהרען ניט ווייט פון זייער גוט, נאר ער איז קיין איינציג מאל ניט פערפאהרען צו דיא ראסטאָווס.

נאטאשאן איז אריין אין קאפ, אז ער וויל איהר ניט זעהען, און א תוקף צו דעם האט זיא געפונען אין דעם אומעדיגען טאן פון דיא עלטערע אין הויז, ווען זיי האבען גערעדט וועגען באָריס'ן.

— היינטיגע צייטען וויל מען נאר פון אלטע פריינד ניט וויסען. פירסטין דרו־ בעצקאיא האט זיך אויך געהאלטען פון זיי א ביסעל פון דערווייטענס און פלעגט קומען צו זיי זעלטענער און יעדעס מאל ווען זי איז צו זיי געקוקמען האט זיא זיך ניט געקענט אפלויבען פון איהר זוהן און האט זיך אנדערצעהלט פון דיא גליקען וואס רוארטען איהם. ווען דיא ראסטאָוו'ס זיינען אריבערגעפאָהרען אין פעטערבורג, באריס צו זיי געקומען מיט א וויזיט.

ער איז צו זיי געפאהרען ניט אהן ערדעגונג. דיא ערא:ערונג וועגען נאטאשא'ן פאר איהם געווען דיא בעסטע פאעטישע עראינערונג פון דיין לעבען. ראך איז ער געפאהרען מיט א שטייפען ענטשלוס צו געבען זיי און איהר צו

פיהלען, אז דאָס וואָס איז א מאָל געווען צווישען איהם און נאטאשא'ן איז געווען ניט מעהר וויא א קינדער־שפּיעל. ער האָט איצט נעהאט אן אויג אויף איינינע פון דיא רייכסטע כלות אין פּעטערסבורג און ער האָט געקענט האָפען, אז דאָס וועט פערווירקליכט ווערן.

ווען באָריס איז אריינגעקומען אין גאסט־צימער צו דיא ראָסטאָוו'ס, איז נאַטאשא געווען אין איהר צימער. דערוויסענדיג זיך, ווער צו זיי איז געקומען, איז זיא מלא שמחה אריינגעלאָפען אין גאסטצימער.

באָריס האָט איהר געקענט יענע נאטאשא'ן אין א קורץ קליידעלע, מיט שוואַר־צע, בליצענדע אויגען און א געפעהרליכע לאַכערקע, וויא זיא איז געווען מיט פיער יאהר צוריק און דאריבער ווען עס איז אריין און דערזעהן גאָר אן אנדערע נאטאשא, האָט ער זיך פערלאָרען און זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט ענטציקונג און בעוואונדע־רונג. דאָס האָט זעהר דערפרייט נאטאשא'ן.

— וואָס, דו דערקענסט דיין קליינע פריינדין דיא שטיפערקע? האָט געזאָגט דיא גרעפין. באָריס האָט א קוש געטהאָן נאטאשא'ן אין האנד און געזאָגט אז ער איז פערוואונדערט פון דיא ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין איהר.

— וויא שיין איהר זייט געוואָרען?

— פטור, נו! האָבען געענטפערט נאטאשא'ס לאַכעדינע אויגען.

באָריס האָט זיך געזעצט ריידען מיט דיא אלטע גרעפין, און נאטאשא האט איהם פון דערווייטענס בעקוקט, ניט אריינמישענדיג זיך אין געשפּרעך. ער האָט גע־פיהלט אויף זיך איהרע לאַסטשענדע בליקען, און האָט פון צייט צו צייט א קוק גע־טהאָן אויף איהר.

באָריס איז אָבגעזעסען א מינוט צעהן און האָט זיך אויפגעהויבען צו געהען. נאטאשא'ס נייגיעריגע ארויסרופענדע און לאַכענדע אויגען האָבען נאָך אַלץ געקוקט אויף איהם.

נאָכ'ן ערשטען בעזוך האט באָריס געזאגט צו זיך, אז נאטאשא איז איצט אויך אזוי צוציהענד, וויא א מאָל, נאָר ער טאָר זיך ניט לאָזען בעהערשען פון דיזען גע־פיהל, ווייל חתונה האבען מיט איהר, מיט א מיידעל כמעט אָהן א פערמעגען, וועט הייסען איבערצופיהרען זיין קאריער און גלאט בענייען דיא פריהערינע פערהעלט־ניסע אָהנע דעם צו דענקען חתונה האָבען מיט איהר וועט זיין ניט אָרדענטליך. באָריס האָט בעשלאָסען מיט זיך, אז ער וועט זעהן אויסצומיידען יעדע בעגעגענים מיט נאטאשא'ן, נאָר ניט קוקענדיג אויף דיזען בעשלוס, איז ער אין עטליכע טעג

ארום ווידער געקומען און האט באלד אנגעהויבען צו קומען אפט און פערברייינגען גאנצע טעג ביי די ראסטאווס. איהם האט אויסגעוויזען, אז ער מוז זיך ערקלערען מיט נאטאשא'ן, אז ער דארף איהר זאגען, אז זיא זאל פערגעסען, וואס א מאל איז צווישען זיי געווען, אז זיא קען ניט זיין זיין פרוי, אז ער האט נישט קיין פערמעגען. נאר איהם איז אלץ ניט געלונגען צו ערקלערען איהר דאס. מיט יעדען טאג האט ער זיך אלץ מעהר און מעהר פערפלאנטערט.

IV.

א מאל ווען דיא גרעפין איז געשטאנען ביי זיך אין שלאף-צימער און געזאגט דיא תפילה פאר'ן שלאף, האט איהר טהיר א סקריפ געטאהן און נאטאשא אהן זאקען אין איינע טופלעס, אין א קאפטעטשקע און מיט פאפירלאך אין די האר איז אריינגעלאפען. דיא גרעפין האט זיך אומגעקוקט און האט אנגערוקט דיא ברעמען. איהר תפילה איז געווען געשטערט. נאטאשא האט זיך אבגעהאלטען, דערזעהענדיג דיא מוטער ביי דער תפילה, האט זיך צוגעזעצט און ניט ווילענדיג ארויסגעשטעכט דאס צינגעל, מאכענדיג א פערנאק צו זיך אליין זעהענדיג, אז דיא מוטער זעצט פאר איהר געבעט, איז זיא אויף דיא שפיץ פינגער צוגעקראכען צום בעט, און פיהרענדיג מיט איין פיסעל איבער'ן צווייטען האט זיא אראבגעווארפען דיא טופלעס, איז אריינגעקראכען אין בעט און איינגעגראבען זיך אין פערענע, פערדעקענדיג זיך איבער'ן קאפ מיט דער דעקע. אונטער דער דעקע האט זיא געבריקעט מיט דיא פיסלאך און האט שטיל געלאכט. ווען דיא גרעפין האט געענדיגט איהר געבעט, איז זיא מיט א שטרענגען געזיכט צוגעגאנגען צום בעט, נאר דערזעהענדיג וויא נאטאשא איז איבערגעדעקט איבער'ן קאפ האט זיא א שמייכעל געטהאן מיט איהר גוטען און שוואכען שמייכעל.

— נו, נו, האט געזאגט די מוטער.

— מאמא, קען מען שוין ריידען, יא? האט נאטאשא געזאגט. נו, איצט א נאר מען קוש, נאך א מאל, און עס וועט זיין גענוג. און זיא האט ארומגעכאפט דיא מוטער ביים האלז און האט איהר א קוש געטהאן אין קינבאק.

— אלזא, וואס ווערסטו היינט זאגען? האט די מוטער געזאגט, איינארדענענדיג זיך אויף די קישענס און אבווארטענדיג, ביז נאטאשא האט זיך א פאר מאל איבער געוויקעלט און דערנאך געלייגט זיך גלייך מיט דער מוטער אויסגלייכענדיג דיא הענד מיט דיא פיס אונטער דער דעקע.

דיזע נאכטיגע וויזיטען נאטאשא'ס צו דער מוטער, וואס האבען געדויערט ביז

דער אלטער גראף האט זיך צוריגעקעהרט פון קלוב האבען פערשאפט גרויס פער־גניגען דער מוטער און דער טאכטער.

— ווענען וואס איז היינט? און איך האב דיר געוואלט זאגען....

נאטאשא האט דער מאמען ארויפגעלייגט דיא האנד אויפ'ן מויל.

— ווענען בארים'ן, איך ווייס, האט זיא געזאגט ערנסט, איך בין צוליעב דעם פריין. רעדט ניט, איך ווייס. ניין, רעדט. זיא האט אבגעקאזט איהר האנד. זאגט, מאמע, איז ער ניט ליעבענסווירדיג?

— נאטאשא, דו ביזט שוין אלט זעכצען יאהר, אין דיינע יאהרען בין איך שוין געווען פערהייראט. דו זאגסט, אז בארים איז ליעבענסווירדיג. ער איז זעהר ליבענס־ווירדיג און איך האב איהם ליעב וויא א זוהן, נאר וואס ווילסטו? וואס דענקסטו? דו האסט איהם אין גאנצען פערדרייט דעם קאפ, איך זעה שוין....

ביי די ווערטער האט די גרעפין א קוק געטהאן אויף דער טאכטער. נאטאשא איז געלעגען גלייך און אונבעוועגט און האט געקוקט פאר זיך אויף א ווינקעל פון בעט. איהר געזיכט איז איצט געווען זעהר ערנסט און פערטראכט.

— דו האסט איהם דעם קאפ אין גאנצען פערדרייט, פאר וואס? וואס ווילסט פון איהם? דו ווייסט, אז דו טארסט ניט חתונה האבען מיט איהם.

— פאר וואס? האט נאטאשא געזאגט, ניט ענדערענדיג איהר לאגע.

— ווייל ער איז יונג, ווייל ער איז ארם, ווייל ער איז א פערוואנדטער, ווייל.... דוא האסט איהם ניט ליעב.

— פון וואנען ווייסט איהר?

— איך ווייס: אזוי איז ניט גוט, מיין טאכטער.

— און אויב איך וויל.... האט נאטאשא געזאגט.

— הער אויף צו ריידען נארעשקייטען, האט געזאגט דיא גרעפין.

— און אויב איך וויל...

— נאטאשא, איך מיין ערנסט....

נאטאשא האט איהר ניט געלאזט אויסריידען, זיא האט צו זיך צוגעצויגען דיא גרעפין'ס האנד און האט איהר פריהער א קוש געטאן אין דער רעכטער זייט, דער־נאך אין דער לינקער, דערנאך האט זיא גענומען קוסען יעדער ביינדעלע פון די פינגער און דיא גריבעלעך צווישען זיי.

— רעד, מאמע, האט זיא געזאגט פאר וואס שווייגט איהר? האט זיא גע־זאגט אומקוקענדיג זיך אויף דער מוטער, וועלכע האט מיט א צערטליכען בליק גע־

קוקט אויף איהר טאָכטער און ווִיא עס האט אויסגעוויזען, פערגעסען אלץ וואָס זיא האט געוואָלט זאגען.

— דאס טויג ניט, נשמה מיינע. ניט אלע וועלען פערשטעהן אייער קינדערשען באנד, און דאס וואס מען זעהט אייך אזוי נאָהענט איינעם צום צווייטען, קען דיר שאדען אין דיא אויגען פון אנדערע יונגע לייט, וועלכע פאָהרען צו אונז, און איבער־הויפט דארף מען ניט פלאָגען אומזיסט א מענשען. ער, קען זיין, וואָלט געפונען א רייכע כלה און איצט האסטו איהם פון זינען אראָפגעבראכט.

— פון זינען? האט נאטאשא ווידערהאָלט.

— איך וועל דיר דערצעהלען פון זיך איך האב געהאט א שוועסטער קינד....

— איך וויים, קיריל מאטוועאיטש. נאָר ער איז דאָך אַ'ן אלטער מאן.

— ניט אלע מאָל איז ער געווען אלט. נאָר הערר, איך וועל ריידען מיט באָרי־סען. ער דארף ניט פאָהרען אזוי אָפט.

— פאר וואָס זאָל ער ניט פאָהרען, ווען ער וויל?

— ווייל איך וויים, אז דאָס וועט זיך ענדיגען מיט גאָר ניט.

— פון וואנען וויסט איהר? ניין, מאמע, זאָגט איהם גאָר ניט. וואָס פאר א נאַ־רעשקייטען! און אז ניט חתונה האָבען, זאָל ער אזוי פאָהרען, ווען איהם איז פרייליך און מיר איז פרייליך.

— ניט חתונה האָבען, נאָר גלאט אזוי, האָט זיא ווידערהאָלט.

— וויא אזו?

— אזוי, גלאט אזוי, א גרויסע דאגה, וואָס איך וועל מיט איהם נישט חתונה האָבען.

דיא גרעפין האט זיך צולאכט.

— לאכט ניט, הערט אויף, האָט נאטאשא אויסגעשריען, איהר טרייסעלט דאָס גאנצע בעט. ווארט! זיא האט א כאפ געטהאָן דיא מוטער פאר ביידע הענד און האט איהר גענומען קוסען פריהער אין איינע דערנאָך אין דער צווייטער. מאמע: איז ער זעהר פערליעבט? וויא ווייזט אייך אויס? און אייך איז מען אויך געווען אזוי פערליעבט? איז ער זעהר, זעהר, זעהר ליעב? נאָר עפּעס ניט אין גאנצען נאָך מיין געשמאק. ער איז עפּעס אזוי שמאָל. איהר פער־שטעהט ניט?.... עפּעס א שמאָלער, סארער, ליכטיגער....

— וואָס פּלוידערסטו! האט געזאגט דיא גרעפין.

— צו דען פערשטעהט איהר ניט? ניקאלענקא וואָלט מיך פערשטאנען. בעזור

כאוו איז א בלויער, דונקעל-בלוי מיט רויט, און ער איז פיער-קאנטיג.

— און דוקאקעטירסט מיט איהם, האט דיא גרעפין געזאגט לאכענד.

— ניין, ער איז א פריי-מויערער, האב איך זיך דערוואוסט. ער איז א וואוילער, א דונקעל-בלויער מיט רויט, וויא זאל איך דאס אייך ערקלערען....

— גרעפין, האט זיך דערהערט פון אונטער דער טהיר דעם גראף'ס קול. דו שלאפסט נאך ניט?

נאטאשא איז ארויסגעשפרונגען א באָרפוסע, האט געכאפט איהרע טופלעס און איז אוועקגעלאָפען צו זיך אין צימער.

זיא האט לאנג ניט געקענט איינשלאָפען. זיא האט אַלץ געדענקט וועגען דעם, וואס קיינער קען בשום אופן ניט פערשטיין וואס זיא פערשטייט.

„סאָניא?“ האט זי געטראכט, קוקענדיג אויף די שלאָפענדע. וואס איז געלעגען אויפגעדרייט ווי א קעצעל מיט איהר גרויסען צאפ. „ניין זי קען ניט פערשטעהן. זיא איז א צנועה. זיא האט זיך פערליעבט אין ניקאָלענקא'ן און וויל פון קיין זאך מעהר ניט וויסען. מאמא קען אויך ניט פערשטיין. דאס איז וואונדערבאר.

זיא האט זיך פרייליך אריינגעוואָרפען אין בעט און א געשריי געטהאן דוניאשא, און נאך איידער דוניאשא איז אריינגעקומען, איז זיא שוין געשלאָפען מיט א גליקליכען שלאף.

* * *

אויף מאָרגען האט דיא גרעפין פעררופען צו זיך באָריס'ן, האט זיך מיט איהם דורכגערעדט, און פון דאמאָלסט אָן האט ער אויפגעהערט צו קומען צו דיא ראָסטאָוו'ס.

דעם 31 דעצעמבער ערב 1810 יאָהר האט א געוויסער מאגנאט נאך פון יעקאַטערינעס צייטען געגעבען א באָל, אויף וועלכען עס האט געדארפט זיין דער קייזער.

דיא הויז, וואו עס איז געווען דער באל איז געווען אילומינירט און דיא פאליציי און זשאנדארמען זיינען געווען אויסגעשטעלט ביים איינגאנג.

א דריטעל פון דיא איינגעלאדענע זיינען שוין געקומען צום באל, נאר ביי דיא ראסטאָווס, וואס זיינען אויך געווען איינגעלאדען צו דיזען באָל, האט מען נאך געהאלטען אין מיטען אָנטהאָן זיך.

פיעלע הכנות האבען דיא ראָסטאָווס געמאכט צו דיזען באל, פיעל אונרוהיגע

טעג האָבען זיי פערבראכט פון מורא, טאָמער וועלען זיי ניט בעקומען קיין איינלאָדונג, דיא קליידער וועלען ניט זיין פארטיג און עס וועט נישט ארויסקומען, וואָס מען דארף.

און אלטע פריילין פון דעם אלטען האָף, דיא גרעפין׳ס א פערוואנדטע, פערראנסקאיא, האט געפיהרט די פראָווינציאלע ראָסטאָווס אין דער העכערער פעטערבורגער געזעלשאפט.

צעהן אזייגער אין אבענד האָבען די ראָסטאָווס געדארפט פערפאָהרען צו דער פריילין, און דער זייגער איז שוין געווען פינף מינוט צו צעהן און די מיידלאָך זיינען נאָך ניט געווען אָנגעטהאָן.

נאטאשא איז דאָס ערשטע מאל אין איהר לעבען געפאהרען אויף א גרויסען באל. זיא איז היינט אויפגעשטאנען אכט א זייגער אין דער פריה און האָט זיך א גאנצען טאָג געפונען אין א פיעבערהאפטע אויפרעגונג און טהעטיגקייט. זיא האָט אָנגעווענדעט אלע איהרע קרעפטען, אז זיא, דיא מוטער און סאָניא זאלען זיין אָנגעטהאָן, וויא מען דארף ניט בעסער.

דער וויכטיגסטער טהייל איז כמעט געווען אָבגעטהאָן: דיא פיס, דיא הענד, דאָס האלז, די אויערן זיינען געווען זעהר ריין אויסגעוואשען, בעשפריצט מיט פארפיומע און בעשאָטען מיט פודרע; דיא זיידענע דורכזיכטיגע זאָקען און דיא ווייסע אטלאסענע שיכלאך מיט באנדען זיינען שוין געווען אויף דיא פיס; דיא האר פערקאמט. סאָניא איז שוין באלד געווען פארטיג מיט איהר קלייד, דיא גרעפין אויך; נאָר נאטאשא, וואָס האט געזאָרגט פאר אלעמען, איז אָבגעשטאנען.

— וואָס הערט זיך ביי אייך? זייט איהר שוין פארטיג? האָט זיך געהערט דער גרעפינס שטימע.

— באלד, באלד. און איהר, מאמע?

— שוין צעהן א זייגער.

ווען מען האָט געענדיגט נאטאשא׳ן פערקאמען, איז זיא אין א קורצע קליידעל און אין דער מוטערס קאָפטאָטשקע צוגעלאָפען צו סאָניא׳ן, האט איהר בעקוקט און דערנאָך צו דער גרעפין. דאן איז זיא געשווינד צוריקגעלאָפען צו דיא מיידלאָך, וואָס האָבען איהר צוגענייט דאָס קלייד.

דער גאנצער אָבהאלט איז איצט געווען נאטאשא׳ס קלייד, וועלכע איז געווען צו לאנג. צוויי מיידלאָך האָבען דאָס קלייד אונטערגענייט, אָבבייסענדיג אין איילענים דיא פאָדים. א דריטע מיט שפילקעס צווישען דיא צייהנער איז ארומגעלאָפען פון

דער גרעפין צו סאניא'ן. א ביערטע האט געהאלטען אין דער הויך דאס קלייד.

— מאוורושא, ניכער, טייבעלע

— דערלאנגט דעם פינגערהוט, פריילין

— וועט שוין א מאל נעהמען א סוף? האט זיך דערהערט רעם גראפ'ס שטימע.

— באלד, באלד, נעה ניט, פאפא, האט נאטאשא אויסגעשריען.

א פיערטעל אויף עלף האבען זיך דיא ראסטאווס מיט סאניא'ן אריינגעזעצט אין קארעטע און זיינען אוועקגעפאהרען. אויפ'ן וועג האבען זיי נאך געדארפט פערפאהרען צו דער אלטער פריילין.

VII.

נאטאשא און סאניא זיינען נעגאנגען פאראויס איבער דיא העל בעלויכטענדע טרעפ, וואו דער באל איז געוועזן. דיא ווירטהין האט צו נאטאשא'ן א שמייכעל געטהאן, און דער ווירטה בעגלייטענדיג איהר מיט דיא אויגען, האט געפרעגט ביים גראף וועלכע איז זיין טאכטער?

— אן אנטיק! האט דער ווירטה געזאגט, א קוס טהועגדיג די שפיצען פינגער.

אין זאל האבען זיך דיא געסט געשפארט ביי דעם איינגאנג, ערווארטענדיג דעם קייזער. דיא גרעפין האט זיך געשטעלט אין דער ערשטער רייהע. נאטאשא האט געהערט און געפיהלט, אז עטליכע האבען געפרעגט וועגען איהר און געקוקט אויף איהר. זיא האט פערשטאנען, אז זיא איז געפעלען געוואָרען יענע, וועמעס אויפמערקזאמקייט זיא האט צוגעצויגען, און דאס האט איהר א ביסעל בערוהיגט.

— דא זיינען פאראן אזעלכע וויא מיר און נאך ערגערע וויא מיר, האט זיא געטראכט.

נאטאשא'ס אויגען האבען ארומגעשפרונגען פון איינעם אויף'ן צווייטען, ביז זיא האט דערזעהען פיער'ן, וועלכער איז ארומגעגאנגען וויא זוכענדיג עמיצען. זיא האט זיך זעהר דערפרייט, דערזעהענדיג איהם; זיא האט געוואוסט, אז ער זוכט איהר, ווייל ער האט איהר צוגעזאגט צו זיין אויף דעם באל און בעקאנען איהר מיט קאוואלערען.

נאר ניט דערגעהענדיג צו זיי, האט זיך פיער בעזוכי אבגעשטעלט נעבען א שיינעם ברונעט פון מיטעלען וואיקס, אין א ווייסען מונדיר, וואס איז געשטאנען ביים פענסטער און גערעדט מיט א הויכען מאן מיט ארדענס. נאטאשא האט גלייך דערקענט דעם יונגען מאן אין דעם ווייסען מונדיר: דאס איז געוועזן באל-

קאנסקי, וואס האט איצט אויסגעזעהן פרייליכער, אינגער און שעהנער.

— אט איז נאך א בעקאנטער, באלקאנסקי, איהר זעהט, מאמא? האט געזאגט נאטאשא, ווייזענדיג אויף אנדרייען. איהר געדענקט, ער האט ביי אונז גענעכטיגט, ווען מיר זיינען געווען אין אט־ראדנע.

—איהר קענט איהם? האט געזאגט דיא פריילין פעראנסקאיא. איך קען איהם ניט ליידען. זיי געהן אלע פון זינען אראב פון איהם. וויא ער פערגרייסט דיא נאז! געראטען פונקט אין פאטער. זעהט, ווי ער בעגעהט זיך מיט די דאמען! זיא רעדט צו איהם און ער קעהרט זיך אב אן א זייט. איך וואלט איהם געוויזען, ווען ער וואלט מיך בעהאנדעלט, וויא זיי.

VIII.

פלוצים האט זיך דיא גאנצע מעננע אנגעהויבען צו בעוועגען און אויסגעשטעלט זיך אין רייהען, דיא מוזיק האט אנגעהויבען צו שפיעלען און דער קייזער איז אריינגעקומען, בעגלייט פון דעם ווירטה און ווירטהין. דער קייזער איז געגאנגען געשווינד פארבייגענדיג זיך רעכטס און לינקס און איז דורכגעגאנגען אין גאסט צימער. דיא מעננע האט זיך א שפאר געטהאן צו דיא טהירען. עפעס א יונגער מאן איז אנגעטראטען אויף די פרויען און האט זיי געבעטען אבטרעטען אן א זייט: דיא מענער זיינען צוגעגאנגען צו דיא פרויען און האבען זיך גענומען אויסשטעלען פארוויי. דיא מוזיק האט געשפיעלט א פאלקע.

אלע האבען אבגעטראטען דעם וועג, און דער קייזער, שמייכלענדיג און פיהרענדיג פאר דער האנד די ווירטהין פון הויז, איז ארויס פון דער טיהר פון דעם גאסט־צימער. נאך איהם איז נאכגעגאנגען דער ווירטה, דערנאך די געזאנדטע, די מיניסטארען, פערשיעדענע גענעראלען. מעהר וויא א העלפט דאמען האבען געהאט קאוואליערען און האבען זיך צוגעקליבען געהן א פאלקע. נאטאשא האט גע־פיהלט, אז זי און די מוטער און סאניא זיינען פערבליבען אין דער קלענערער העלפט פרויען, וועלכע מען האט צוגעשפארט צו דער וואנד און וועלכע מען האט ניט גע־נומען טאנצען. זיא איז געשטאנען, איהרע הענד אראבגעלאזט, איהר הארץ האט זיך רעגעלמעסיג געהויבען מיט אן איינגעהאלטענעם אטהעם, קוקענדיג מיט פינסעל־דיגע, צושראקענע אויגען פאר זיך, מיט אן אויסדרוק, וואס האט געוויזען, אז זי איז בערייט אויף דיא גרעסטע פרייד און גרעסטע לייד. איהר האט ניט אינטערעסירט ניט דער קייזער, ניט דיא הויכע בעאמטע, אויף וועלכע פעראנסקאיא האט אנגעוויזען. זיא איז געווען פערנומען מיט איין געדאנק: וועט טאקע קיינער צו מיר ניט צו־

נעהן, וועל איך דאס ניט טאנצען צווישען דיא ערשטע, וועט דאס קיינער פון דיא אלע מענער מיך ניט בעמערקען. דאס איז אונמעגליך! זיי דארפען דאך וויסען, וויא מיר ווילט זיך טאנצען, וויא אויסגעצייכענט איך טאנץ און וויא פריילך זיי וועט זיין צו טאנצען מיט מיר.

דיא קלאנגען פון דער פאלקע וואס האבען אנגעהאלטען א לאנגע צייט, האבען שוין אנגעהויבען צו קלינגען זעהר טרויעריג. איהר האט זיך געוואלט וויינען. פעראנ־סקאיא איז פון זיי אבגעטראטען. דער גראף איז געווען אויף'ן צווייטען עק פון דעם זאל, דיא גרעפין, סאניא און דיא זיינען געשטאנען אליין ווי אין א וואלד צווישען א פרעמדע מענגע, נאר איבריגע. פירסט אנדריי איז פערביי זיי פערבייגעגאנגען מיט עפעס א דאמע און האט זיי ניט דערקענט. באריס איז צוויי מאל פערבייגעגאנגען, נורביידע מאל האט ער זיך אבגעקעהרט אן א זייט. בערג מיט ווערא'ן, וועלכע האבען ניט געטאנצט, זיינען צוגעגאנגען צו זיי.

נאטאשא'ן האט אויסגעוויזען בעליידיגענד, וואס דיא היימישע האבען זיך דא פערקליבען, גראדע וויא זיי וואלטען ניט געהאט קיין אנדער פלאץ פאר זייערע היי־מישע געשפרעכען, וויא נאר דא אויף'ן באל. זיא האט ניט געקוקט אויף ווערא'ן און האט ניט געהערט, וואס זיא האט איהר גערעדט וועגען איהר קלייד.

ענדליך האט זיך דער קייזער געשטעלט הינטער זיין לעצטער דאמע (ער האט געטאנצט מיט דריי), דיא מוזיק איז אנשווייגען געוואָרן; דער בעזארגטער אד־יוטאנט איז צוגעלאפען צו דיא ראסטאוום און געבעטען זיי אברוקען זיך נאך מעהר אן א זייט, הגם זיי זיינען געשטאנען ביי דער וואנד. דיא מוזיקאנטען האבען אנגע־הויבען צו שפיעלען א וואלס. דער קייזער האט מיט א שמייכעל א קוק געטהאן אויף'ן זאל — קיינער האט נאך ניט אנגעהויבען טאנצען. דער אדיוטאנט, דער אנפיהרער פון דיא טענץ, איז צוגעגאנגען צו דער גרעפין בעזוכאיא און האט איהר אנגע־זשירט. זיא האט מיט א שמייכעל ארויפגעלייגט איהר האנד צו איהם אויף'ן אק־סעל, ניט קוקענדיג אויף איהם. דער אדיוטאנט, ארומנעהמענדיג איהר שטייף, האט זיך ניט איילענדיג אוועקגעלאזט מיט איהר איבער'ן זאל. נאטאשא האט אויף זיי געקוקט און איז געווען פארטיג צו צוואויינען זיך, פאר וואס ניט זיא טאנצט ביים ערשטען טור פון דעם וואלס.

פירסט אנדריי אין זיין ווייסען מונדיר, אין זאקען און שיך איז געשטאנען אין די ערשטע רייהען, ניט וויט פון דיא ראסטאוום. ער איז געשטאנען מיט א באראן און גערעדט וועגען דער ערשטער מארגעדיגער זיצונג פון דעם סענאט, און אזוי

ווי ער האט אנטהייל גענומען אין דער געזעצגעבענדער קאמיסיאן האט ער געקענט געבען געוויסע אויסקינפטע וועגען דער מארגעדיגער זיצונג. נאר ער האט ניט געהערט, וואס דער באראן האט גערעדט, ער האט געקוקט אויפ'ן קייזער און אויף די קאוואלערען וואס האבען זיך צוגעקליבען טאנצען און וואס האבען זיך ניט געקענט ענטשליסען אריינצוטרעטען אין צירקעל. אנדריי האט בעאבאכטעט די קאוואלערען, וואס האבען געציטערט פאר'ן קייזער, און די דאמען וואס זיינען אויסגעגאנגען פון באגעהר, מען זאל זיי אנגאזשירען.

פיער איז צוגעגאנגען צו פירסט אנדריי און האט איהם אנגעכאפט פאר דער האנד.

— איהר טאנצט. דא געפינט זיך מיינע א פראטעזשע, די יונגע ראסטאווא, אנגאזשירט איהר, האט ער געזאגט.

— וואו ? האט באלקאנסקי געפרעגט. ענטשולדיגט, האט ער געזאגט, ווענדענדיג זיך צום באראן, — אונזער געשפרעך וועלען מיר ענדיגען ערגעץ אנדערס וואו, און אויפ'ן באל דארף מען טאנצען.

אנדריי האט זיך געלאזט גע הן צו דער ריכטונג, וואו פיער האט איהם געוויזען נאטאשא'ס פערצווייפעלטע געזיכט האט זיך איהם געווארפען אין די אויגען. ער האט איהר דערקענט און פערשטאנען איהר געפיהל, ער האט זיך דערמאנט איהר געשפרעך ביים פענסטער, ווען ער האט דארט געגעסען זעהר גוט, און ער איז מיט א פרייליכע געזיכט צוגעגאנגען צו די גרעפין.

— ערלויבט מיר צו פארשטעלען אייך מיין טאכטער, האט די גרעפין געזאגט, רויט ווערענדיג.

— איך האב דאס פערגניגען צו זיין מיט אייך בעקאנט, אויב די גרעפין געדענקט מיך, האט אנדריי געזאגט זעהר העפליך, צוגעהענדיג צו נאטאשא'ן. ער האט איהר פארגעשלאגען א טור וואלס און האט איהר ארומגענומען ביי דער טאליע, נאך איידער ער האט געענדיגט ארויסריידען זיין פארשלאג. נאטאשאס געזיכט האט זיך פלוצים בעלויכטען מיט א גליקליכען, דאנקבארען, קינדערשען שמייכעל.

זיי זיינען געווען דאס צווייטע פאר, וואס איז אריין אין צירקעל. אנדריי איז געווען איינער פון די בעסטע טענצער פון זיין צייט, נאטאשא האט געטאנצט פארטרעפליך, איהרע פיסלאך האבען זיך פלינק, לייכט, נאר אהן איהר ווילען געטהאן זייער ארבייט, און איהר געזיכט האט געשיינט מיט גליק, איהר געבלויזטע האלז און הענד זיינען געווען דאר און ניט שיין אין פערגלייך מיט העלענ'ס אקסלען, איהרע

אקסלען זיינע נעוועזען מאגער, איהר בוזים אונבעשטימט. דיא הענד דין, נאר אויף עלען איז וויא געלעגען א לאך פון דיא טויזענדע בליקען, וואס האבען זיך געגליטשט איבער איהר קערפער, און נאטאשא האט אויסגעזעהען, וויא א מיידעלע וועלכע מען האט צום ערשטען מאל ארויסגעשטעלט אן אויסגעבלויזטע און וועלכע וואלט זיך זעהר געשעמט, ווען מען זאל איהר ניט איינשמועסען, אז אזוי דארף זיין.

אנדריי האט אויסגעקליבען נאטאשען ווייל אויף איהר האט איהם אנגעוויזען פיער; נאר קוים האט ער אנגעריהרט איהר דיענע ריהרעוודיגע טאליע און האט צו איהם געשמייבעלט אזוי נאהענט, האט איהם דער ווייז פון איהר רייץ א זעץ געטאן אין קאפ. ער האט זיך דערפיהלט לעבעדיגער, ווען דער ערשטער טור איז אריבער.

IX.

נאך אנדרייען, איז צו נאטאשא'ן צוגעגאנגען באריס, אנגאזשירענדיג איהר צום טאנצען, דער נאך איז צוגעגאנגען דער טענצער־אדיוטאנט און נאך יונגע לייט, און נאטאשא, איבערגעבענדיג דיא איבריגע קאוואלערען צו סאניאן, האט געטאנצט דעם גאנצען אבענד. פאר'ן סאפער האט איהר ווידער אנגאזשירט אנדריי און ביים טאנצען האט ער א הר דערמאנט זייער ערסטע בעגעגעניס אין אטראדנע, און ווען זיא האט ניט געקענט איינשלאפען אין יענע לבנה־נאכט און וויא ער האט אונגערן געהערט איהר געשפרעך. נאטאשא איז רויט געווארען ביי דיזע עראינער־רונגען און האט געזובט צו פערענטפערן זיך, וויא עס וואלט געוועזען עפעס שענדלי־בעס אין דעם געפיהל, וואס אנדריי האט אונגערן אונטערגעהערט.

פירסט אנדריי וויא אלע וואס זיינען אויסגעוואקסען אין די הויכע קרייזען, האט ליעב געהאט צו בעגעגענען דאס, וואס האט אויף זיך ניט געטראגען דעם אלגע־מיינעם שטעמפעל פון זיין קרייז. און אזוי איז געווען נאטאשא מיט איהר פערוואונ־דערונג, מיט איהרע פריידען און מיט איהרע שרעקען און זאגאר מיט איהרע גרייזען אין פראנצויזיש. ער איז זיך מיט איהר בעגאנגען זעהר צערטליך. זיצענדיג נעבען איהר און ריידענדיג מיט איהר וועגען נאר געוואוינליכע זאכען, האט פירסט אנדריי געקליבען פערגניגען פון איהרע פינקעלדיגע אויגען און פון איהר שמייכעל, וואס האט געשטאמט פון דעם געשפרעך זאנדערן פון איהר אינערליכען גליק. מען האט איהר ניט געלאזט איינזיצען און אלע ווייל איז יעמאנד צוגעגאנגען או אנגאזשירט איהר צום טאנצען. זיא איז געווען א פערמאטערטע און ווען א קאוואלער איז צו איהר צוגעגאנגען, האט זיא זיך געוואלט אבזאגען פון טאנצען, נאר זיא האט גלייך אויפגעהויבען דיא האנד און ארויפגעלעגט צום קאוואלער אויפ'ן אקסעל

און א שמייכעל געטאן צו אנדרייען:

„איך וואלט זעהר וועלען אברוהען און זיצען מיט איך" האט גערעדט איהר שמייכעל, „נאר איהר זעהט וויא מען לאזט מיך ניט איינזיצען, און איך בין מיט דעם צופרידען, און איך בין גליקליך און איך האב אלעמען ליעב און מיר און איהר פערשטייט עס". ווען דער קאוואלער האט איהר איבערגעלאזט, איז זיא אריבערגעלאפען איבער דעם זאאל, אום צו נעהמען צוויי דאמען פאר דער פיגור.

„אויב זיא וועט פריהער צוגעהן צו איהר קוזינע און דערנאך צו א צווייטע דאמע, וועט זיא זיין מיין ווייב" האט אנדריי געזאגט צו זיך גאר אונערווארטעט. נאטאשא איז פריהער צוגעגאנגען צו איהר קוזינע.

„וואס פאר א נארעשקייט פאלט א מאל אריין אין קאפ!" האט אנדריי גע־טראכט, „נאר זיכער איז נאר דאס אז דאס מיידעל איז אזוי ליעב, אזוי זאנ־דערבאר, אז זיא וועט דא איין חודש ניט אבטאנצען און זיא וועט חתונה האבען.... דאס איז א זעלטענהייט דא".

אין מיטע טאנצען איז דער אלטער גראף צוגעגאנגען צו אנדרייען און האט איהם איינגעלאדען צו זיך און האט געפרעגט ביי זיין טאכטער, צו איהר איז פרעהליך.

— אזוי פרעהליך! האט זיא געענטפערט מיט א שמייכעל. נאך קיין מאל איז אזוי פרעהליך ניט געוועןǃ

אנדריי האט בעמערקט, וויא איהרע דארע הענד האבען זיך געשווינד א הייב געטאן אום ארומצונעהמען דעם פאטער, נאר זיי האבען זיך גלייך אראבגעלאזט. זיא איז יעצט געוועזן אויף יענע שטופע פון גליק, ווען א מענש ווערט פאלשטענדיג גוט און גלויבט ניט, אז שלעכטס, אונגליק און צרות זאלען קענען עקזיסטירען.

X.

אין צוויי טעג ארום איז אנדריי געפאהרען מיט וויזיטען אין איינינע הייזער, וואו ער איז נאך ניט געוועזן און אין דעם צאהל זיינע איז אויך געוועזן פעררעכענט דיא ראס־טאוום. אויסער דעם, וואס דאס האט פון איהם געפאדערט דיא העפליכקייט, האט ער נאך געוואלט זעהען דיא זאנדערבארע, בעלעבטע מיידעל, וואס האט אין איהם איבערגעלאזט אזא אנגענעהמען איינדרוק.

נאטאשא איז געוועזן די ערסטע וואס האט איהם בעגעגענט. זי האט איצט גע־טראגען א געוויינליכע בלויע קלייד, אין וועלכע זיא האט אויסגעזעהען נאך בעסער וויא אין דעם באל־קלייד. דיא אלע שטובינע, פון וועלכע ער האט פריהער געהאט

ניט סיין גוטע מיינונג, האָבען איהם איצט אויסגעוויזען פאר שיינע, איינפאכע און גוטע מענשען. דיא נאָסטפריינדליכקייט פון דעם אַלטען גראף איז געוועזען אזא, אז ער האָט זיך ניט געקענט אָבזאָגען פון מיטאָג.

„יא, זיי זיינען גוטע, וואוילע מענ״ען“, האָט באלקאנסקי געטראכט, „נאָר זיי הייבען ניט אָן צו פערשטעהן, וואָס פאר אַ׳ן אוצר זיי האָבען אין נאטאשאַ׳ן“.

פירסט אנדריי האָט געפיהלט, אז נאטאשא טראָגט מיט זיך נאָר א פרעמדע וועלט פאר איהם, א וועלט וואָס איז פול מיט אונבעקאַנטע פערגניגענס, די זעלבע וועלט, וועלכע האָט איהם אזוי גערייצט אין יענע לבנה נאכט אין אטראדנע, ווען ער איז געזעסען ביים פענסטער. נאָר איצט האָט איהם די אונבעקאַנקע וועלט מעהר ניט גערייצט, איצט איז זיא פאר איהם ניט געוועזען אזוי פרעמד. ער אליין איז איצט אריינגעטראָטען אין דער וועלט און האָט דאָ געפונען א נייעם גענוס.

נאָך מיטאָג אויף אנדריי׳ס ביטע איז נאטאשא צוגעגאנגען צו דער פיאנע און האָט גענומען זינגען. אנדריי איז געשטאַנען ביים פענסטער און האָט גערעדט מיט דיא דאַמען און זיך צוגעהערט צו איהר זינגען. און מיטען פון א פראזע איז אנדריי אנשווייגען געוואָרען און האָט אונערוואַרטעט דערפיהלט, אז טרערען טרעטען איהם צו צום האלז. ער האָט זיך קיין מאָל ניט פאָרגעשטעלט אז ער זאָל זיין פעהיג אויף אזא זאך. ער האָט א קוק געטאָן אויף נאטאשא׳ן און אין הארצען ביי איהם איז פאָרגעקומען עפּעס נייעס און גליקליכעס. ער איז געוועזען גליקליך און דאָך איז איהם געוועזען אומעדיג. ער האָט ניט געהאט קיין אורזאכע צו וויינען, נאָר ער איז געוועזען פארטיג צו פערגיסען טרערען. וועגען וואָס? וועגען וואָס? וועגען זיין פריהערדיגע ליעבע? וועגע דער קליינע פירסטין? וועגען זיינע ענטטוישונגען? וועגען זיינע האָפנונגען אויף דער צוקונפט?.... יא און ניין. דיא הויפטזאך פאר וואָס ער האָט געוואָלט וויינען, איז געוועזען דער שרעקליכער קאָנטראסט, וואָס ער האָט פּלוצים בעגריפען צווישען דאָס אונענדליך גרויסע און אונבעשטימטע, וואָס האָט זיך געפונען אין איהם, און דאָס קליינליכע און קערפּערליכע וואָס ער אליין און אויך זיי זיינען געוועזען. דיעזער קאָנטראסט האָט איהם געקוועלט און געפרייט וועהרענד זיא האָט געזונגען.

פירסט אנדריי איז אוועקגעפאָהרען שפּעט ביי נאכט פון דיא ראסטאָווס. ער האָט זיך געלעגט שלאָפען, נאָר ער האָט אויסגעפינען אז שלאָפען קען ער ניט. ער האָט אָנגעצונדען א ליכט און געזעצט זיך אין בעט. דאָ איז ער אויפגעשטאַנען און דאָ ווידער געלעגט זיך און איהם איז גאָר ניט איינגעפאַלען צו קלאָגען זיך, וואָס ער

קען ניט איינשלאָפען: זיין זעעלע איז געוועזען אזוי ניי און פרייליך, וויא ער וואָלט ארויסגעגאנגען פון א פערשטיקטען צימער אויף דער פרייער וועלט. איהם איז אין קאָפּ ניט אריין, אז ער איז פערליעבט אין נאטאשא'ן. ער האט וועגען איהר ניט געטראכט, זיא איז נאָר ארומגעשוואומען אין זיין מארך און צוליעב דעם האָט זיך איהם איצט דאָס לעבען פאָרגעשטעלט אין א נייע ליכט.

„מען דארף לעבען ווען מען לעבט און זיין גליקליך" האָט ער געזאָגט צו זיך און האָט בעשלאָסען צו מאכען א רייזע אין אויסלאנד און אָנקוקען ענגלאנד. שווייצאריע, איטאליען און בענוצען זיך מיט דער פרייהייט כל זמן ער האָט אין זיך קרעפטע און יוגענד.

X.

אין א פּאָר טעג ארום איז ווידער אנדריי געפאָהרען צו דיא ראָסטאָוו'ס אויף א מיטאָג אויף דער איינלאדונג פון דעם אלטען גראף און האָט דאָ פערבראכט ביי זיי א גאנצען טאָג.

אלע שטובינגע האָבען געוואוסט צוליעב וועמען פירסט אנדריי פאָהרט אהער, און ער האָט עס ניט געזוכט צו בעהאלטען און פערבראכט דעם גאנצען טאָג מיט איהר. ניט נאָר נאטאשא זאָנדערן אין דעם גאנצען הויז האָט זיך געפיהלט א שרעק פאר עפּעס וויכטיגעס, וואָס האָט גענדארפט געשעהען. דיא גרעפין האָט מיט אומעדיגע און ערנסט שטרענגע אויגען געקוקט אויף'ן אנדרייען ווען ער האָט גערעדט מיט נאטאשא'ן. סאניא האָט מורא געהאט אָצבוטרעטען פון נאטאשא'ן און פלעגט גלייך ווערען פון דער שרעקליכער ערוואַרטונג, ווען זיא פלעגט בלייבען מיט איהם אונטער פיער אויגען. אנדריי האט איהר איבערראשט מיט זיין ציטערדיגקייט. זיא האָט געפיהלט, אז ער דארף איהר עפּעס זאָגען, נאָר ער האָט זיך ניט געקענט בעשליסען אויף דעם.

ווען אנדריי איז אין אבענד אוועקגעפאָהרען, איז דיא גרעפין צוגעגאנגען צו נאטאשא'ן און האָט איהר געפרעגט אין דער שטיל:

— נו, וואָס?

— מאמא, אום גאָטעס ווילען, פרעגט מיך איצט ניט. מען קען עס ניט זאָגען, האָט נאטאשא געזאָגט.

נאָר ניט קוקענדיג אויף דעם, איז נאטאשא אין דעם אבענד געלעגען א לאנגע צייט ביי דער מוטער אין בעט, ערנסט, צושראָקען מיט שטעהן בלייבענדע אויגען. דאָ האָט זיא דערצעהלט דער מוטער, וויא ער האָט איהר געלויבט, דאָ וויא ער

האָט איהר דערצעהלט, אַז ער פאָהרט אין אויסלאַנד, דאָ וויא ער האָט איהר געפרעגט, וואו זיי וועלען פערברענגען דעם זוממער א. ז. וו.

— נאָר עפּעס אַזוינס, אַזוינס... איז נאָך מיט מיר קיין מאָל ניט געווען! האָט זיא גערעדט. מיר איז נאָר שרעקליך אין זיין געגענוואַרט, מיר איז אַלע מאָל שרעקליך נעבען איהם. וואָס זאָל דאָס בעדייטען? דאָס הייסט, אַז דאָס איז דאָס ווירקליכע יאָ? מאַמאַ, איהר שלאָפט?

— ניין, נשמה מיינע, מיר איז אויך שרעקליך, האָט דיא מוטער געענטפערט. געה שלאָפען.

— איך וועל זאָ וויא זאָ ניט קענען שלאָפען. שלאָפען איז אַ נאַרעשקייט! מאַמאַ, מאַמאַ, מיט מיר איז דאָס נאָך קיין מאָל ניט געשעהן, האָט זיא גערעדט פערוואונדערט און צושראָקען פון יענעם געפיהל, וואָס זיא האָט דערקענט אין זיך. האָבען מיר זיך געקענט ריכטען!...

נאַטאַשאַן האָט אויסגעוויעזען, אַז ווען זיא האָט נאָך צום ערשטען מאָל דערזעהן אַנדרייען אין אָטראַדנע, האָט זיא זיך פערליעבט אין איהם. איהר האָט דיא געשראָקען דאָס אונערוואַרטעטע זעלטזאַמע גליק, וואָס יענער, וועמען זיא האָט אויסגעקליבען נאָך דאַמאָלס (זיא האָט אין דעם געגלויבט באמונה שלמה) האָט איהר איצט ווידער בעגעגענט און איז ניט גלייכגילטיג צו איהר. „און איהם האָט גראַדע געדאַרפט אויסקומען צו פאָהרען אין פעטערבורג, ווען מיר זיינען דאָ. און גראַדע האָבען מיר זיך געדאַרפט בעגעגענען אויפ'ן באַל“.

— וואָס נאָך האָט ער דיר געזאָגט? וואָס זיינען דאָס פאַר פערזען? לעז איבער... האָט דיא מוטער געזאָגט פערטראַכט, פרעגענדיג וועגען דיא פערזען, וואָס פירסט אַנדריי האָט אָנגעשריעבען אין אַלבאָם ביי נאַטאַשאַ'ן.

— מאַמאַ, איז דאָס ניט מיאוס, וואָס ער איז אַ'ן אַלמן?

— רייד נישט קיין נאַרישקייט, נאַטאַשאַ. יעדער זיווג איז מן השמים, האָט דיא מוטער געזאָגט אַ פראַנצויזישען גלייכווערטעל.

— מאַמעלע, טייבעלע, וויא ליעב איך האָב אייך! וויא גוט מיר איז! האָט נאַטאַשאַ אויסגעשריען, וויינענדיג מיט טרערען פון גליק און ערמעגונג און ארומנעהמענדיג דיא מוטער.

אין דער זעלבער צייט איז פירסט אַנדריי געזעסען ביי פיער'ן און האָט איהם דערצעהלט פון זיין ליעבע צו נאַטאַשאַ'ן און וועגען זיין פּלאַן חתונה צו האָבען מיט איהר.

XI.

—נו מיין זעעלע, האָט פּירסט אנדריי געזאָגט צו פּיער'ן. איך האָב דיר געבטען געוואָלט זאָגען און היינט בין איך צוליב דעם געקומען. איך האָב נאָך קיין מאָל ניט דורכגעלעבט עפּעס ענגליכעס. איך בין פערליעבט, מיין פריינד.

פּיער האָט א שווערען זיפץ געטהאָן און האָט זיך א וואָרף געטהאָן מיט זיין שווערען קערפּער אויף דער סאָפא נעבען אנדרייען.

— אין נאטאשא ראסטאוואַ? יאָ! האָט ער געפרעגט.

— יאָ, יאָ, אין וועמען דען? איך וואָלט עס קיין מאָל ניט געגלויבט, נאָר דאָס געפיהל איז שטאַרקער פון מיר. נעכטען האָב איך זיך געפּלאָגט, האָב געליטען, נאָר דיא פּלאָגעניס און דיא ליידען וועל איך פאר קיין זאַך אין דער וועלט ניט אוועגגעבען. איך האָב ביז איצט גאָר ניט געלעבט. איצט נאָר לעב איך, נאָר אָהן איהר קען איך ניט לעבען. אָבער קען זיא מיך ליעבען?... איך בין פאַר איהר צו אלט.... פאַר וואָס שווייגסטו?....

—איך? איך? וואָס האָב איך אייך געזאָגט, האָט פּיער פּלוצים געזאָגט, אויפ־הויבענדיג זיך און אָנהויבענדיג צו געהן ארום צימער.... איך האָב אימער אזוי געדענקט.... דאָס מיידעל איז אזא אוצר, אזא.... דאָס איז א זעלטענהייט... ליעבער פריינד, איך בעט אייך חכמה'ט זיך ניט פיעל, צווייפעלט ניט, האָט חתונה האָט חתונה, האָט חתונה.... איך בין זיכער, אז איהר וועט זיין דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט.

— נאָר זיא?

— זיא ליעבט אייך.

— רייד ניט קיין נארעשקייט.... האָט אנדריי געזאָגט, שמייכלענדיג און קוקענדיג פּיער'ן אין דיא אויגען.

— זיא ליעבט אייך, איך וויים, האָט פּיער אויסגעשריען אין כעס.

— נייך, הער מיך אוים, האָט געזאָגט פּירסט אנדריי, אָבהאַלטענדיג איהם פאַר דער האַנד. ווייסטו, אין וואָס פאַר א לאַגע איך געפין זיך. איך מוז עמיצען אַלץ אויסדערצעהלען.

— נו, נו, רעדט, איך בין זעהר צופריעדען, האָט פּיער געזאָגט און זיין געזיכט האָט זיך ווירקליך געענדערט, דער קנייטש האָט זיך אויסגעגלייכט און האָט פרעה־ליך אויסגעהערט אנדרייען. פּירסט אנדריי האָט איצט אויסגעוויזען גאָר ווי אַן אנדער נייער מענש. וואו איז היגגעקומען זיין אומעט זיין פעראַכטונג צום לעבען, זיין ענט־

טוישונג? פיער איז געווען דער איינציגער מענש, פאר וועלכען ער האט זיך בעשלאָ־סען צו עפענען זיין הארץ, נאָר דערפאר האט ער איהם אויסדערצעהלט אלץ, וואס ביי איהם אין הארצען איז פאָרגעקומען. ער האט איהם דערצעהלט פון זיינע פלענער אין דער צוקונפט ער האט איהם דערציילט, אז ער קען ניט אויפאָפפערן זיין גליק צו־ליעב דעם פאָטער'ס קאפריזען, און ווי ער וועט צווינגען דעם פאָטער, ער זאָל געבען זיין צושטימונג צו דעם שידוך און זאָל איהר ליעב קריגען, אָדער אז ער וועט זיך בעגיין גאָר אָהן זיין צושטימונג. דאָ האט ער ארויסגערעדט זיין פערוואונדערונג פון דעם געפיהל, וואָס האָט איהם אזוי שטארק בעהערשט.

—איך וואָלט קיין מאָל ניט געגלויבט ווען מען זאָל מיר זאָגען, אז איך קען זיך אזוי פערליעבען, האט פירסט אנדריי געזאָגט. דאָס איז גאָר ניט עהנליך צו יענעם געפיהל, וואָס איך האב פריהער געהאָט. דיא גאנצע וועלט איז פאַר מיר צוטהיילט אין צוויי העלפטען: איין וועלט—איז זיא און דאָרטען איז דאָס גאנצע גליק; דיא צווייטע העלפט איז אלץ, וואו זיא איז ניטאָ, און דאָרטען איז איין אונמעט און פינסטערניס....

— אונמעט און פינסטערניס, האָט פיער ווידערהאָלט, יאָ, יאָ, איך פער־שטעה עס.

— איך קען ניט העלפען, וואָס איך האָב ליעב ליכט, איך בין אין דעם ניט שולדיג. און איך בין זעהר גליקליך. דו פערשטעהסט מיך? איך ווייס אז דיך פרעהט עס.

— יאָ, יאָ, האָט פיער געזאָגט, קוקענדיג מיט ענטציקטע און טרויעריגע אויגען אויף זיין פריינד. וואָס ליכטיגער עס האָט זיך געמאָלט דאָס שיקזאל פון זיין פריינד אלץ פינסטערער האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט זיין אייגענער. ער האט די לעצטע צייט ווידער געוואוינט צוזאמען מיט זיין פרוי, אין גאנץ פרעמדע פערהעלטניסע־איינער צום צווייטען. ער האט זיך נאָר גערעכענט איהר אפיציעלער מאן, און זיא האט זיך ניט געשטערט מיט איהר אויפפיהרונג און איז געווען ארומגערינגעלט מיט ליעבהאָבער.

XI.

אום חתונה צו האָבען מיט נאטאשא'ן האָט אנדריי נעדארפט האָבען דעם פאָ־טער'ס צושטימונג, און ער איז אויף מאָרגען אוועקגעפאָהרען צום פאָטער.

דער פאָטער האט מיט אַן אויסערליכע גלייכגילטיגקייט אויסגעהערט דיא נאָכ־ריכט וואָס דער זוהן האט געבראכט נאָר אינערליך איז ער געווען שרעקליך אויפגע־

בראכט. ער האט ניט געקענט פערשטעהן, וויא אזוי קען יעמאנד וועלען ענדערן דאס לעבען, ווען פאר איהם האט זיך דאס לעבען שוין געענדיגט. „לאזט מיר אויסלעבען מיינע יאהרען אזוי וויא איך וויל, און דערנאך טהוט אייך, וויא איהר ווילט", האט דער אלטער גערעדט מיט זיך. מיט'ן זוהן אבער האט ער געברויכט יענע דיפּלאמאטיע, וואס ער פלעגט ברויכען אין וויכטיגע פעלע. אננעהמענדיג א רוהיגע טאן, האט ער דיא זאך גענומען פערנאנדערלעגען.

ערשטענס איז דער שידוך ניט געווען קיין גרויסארטיגער, ניט פון יחוס און ניט פון רייכקייט. צווייטענס, איז אנדריי שוין ניט מעהר געווען יונג און איז געווען שוואך אין געזונד (דער אלטער פירסט האט מעהר געקוקט אויף דעם פונקט), און זיא איז געווען זעהר יונג. דריטענס האט אנדריי א זוהן און עס איז א רחמנות איבערצוגעבען צו א קליין מיידעל. פיערטענס, האט דער פאטער געזאגט, קוקענדיג שפּאטיש אויפ'ן זוהן: „איך בעט דיך, לעג דאס אב אויף א יאהר צייט, פאהר אין אויסלאנד, קוריר זיך דערווייל, זוך אב, וויא דו פערלאנגסט, א דייטש פאר פירסט ניקאלאי (פאר'ן זוהן) און דערנאך אויב דיא ליעבע, דיא ליידענשאפט, דיא עקשנות, וויא דו ווילסט, זיינען אזוי שטארק, ווען שוין חתונה האבען. און דאס איז מיין לעצט ווארט".

פירסט אנדריי האט קלאר ארויסגעזעהן, אז דער אלטער האפט, אז זיינע, אדער זיין קינפטיגער כלה'ס געפיהלען וועלען ניט ביישטעהן דעם נסיון פון א יאהר צייט אדער ער, דער אלטער פירסט וועט ביז דאמאלס שטארבען, און ער האט בע־שלאסען צו ערפילען דעם פאטער'ס פערלאנג: ער וועט בעטען אום נאטאשא'ס האנד און וועט אבלעגען דיא חתונה אויף א יאהר צייט.

אין דריי וואכען ארום נאך אנדריי'ס לעצטען וויזיט צו דיא ראסטאוו'ס האט ער זיך צוריקגעקעהרט אין פעטערסבורג.

אויף מארגען נאך איהר ערקלערונג מיט דער מוטער האט נאטאשא א גאנצען טאג געווארט אויף באלקאנסקי'ן, נאר ער איז ניט געקומען. אויפ'ן צווייטען טאג און אויפ'ן דריטען איז געווען דאס זעלבע. פיער איז אויך ניט געקומען, און ניט ווי־סענדיג אז אנדריי איז אוועקגעפאהרען צום פאטער, האט נאטאשא ניט געקענט ערקלערען דיא אורזאכע פון זיין ניט קומען.

אזוי זיינען אריבער דריי וואכען. נאטאשא האט ערגעץ ניט געוואלט ארויס־פאהרען און זיא איז, וויא א שאטען, א פערטרויערטע, ארומגעגאנגען איבער דיא צימערן און ביי נאכט, ווען קיינער האט ניט געזעהן, האט זיא געוויינט און ניט גע־

וויזען זיך צו דער מוטער, וויא זיא פלעגט טאָן פאר'ן שלאָף. זיא פלעגט אלע ווילע רוים ווערען און דיא מינדסטע זאך האט זיא צורייצט, איהר האט אויסגעוויזען, אז אלע ווייסען פון איהר ענטוישונג, מען לאכט פון איהר און מען בעדויערט זיא. דאָס האט נאָך פערשטארקט דעם וועהטאָג פון איהר אונגליק.

א מאָל איז זיא אריין צו דער גרעפין, האט עפּעס געוואָלט זאָגען און האט זיך פלוצים צואוויינט. איהרע טרערען זיינען געווען די טרערען פון א קינד, וועמען מען האט בעליידיגט און וואס ווייס ניט פאר וואס און פאר ווען.

די גרעפין האט גענומען בערוהיגען נאטאשא'ן. נאטאשא האט איהר אנפאנגס אויסגעהערט. פלוצים האט זיא איהר איבערגעריסען:

— הערט אויף, מאמע, איך דענק ניט און וויל ניט דענקען. גאָר ניט, ער איז א פּאָר מאָל געקומען און דערנאך אויפגעהערט, אויפגעהערט......

איהר שטימע האט אָנגעהויבען צו ציטערן, זי האט זיך שיער ניט צרוויינט, נאָר זיא האט זיך איינגעהאלטען און האט רוהיג פאָרטגעזעצט:

—איך וויל גאָר ניט חתונה האָבען. איך האב גאָר פאר איהם מורא; איצט בין איך שוין גאָר, גאָר רוהיג.

אויף מאָרגען נאָך דיזען געשפּרעך האט זיא אָנגעהויבען צו פיהרען צוריק איהר פריהערדיגע אַרט לעבען, פון וועלכער זיא איז אָבגעשטאנען זייט נאָכ'ן באל. זיא האט געשפּיעלט פיאנע און אליין אָנגעקוואָלען פון דיא קלאנגען, וואָס האָבען פול געמאכט דעם ליידיגען זאל און איהר איז פּליצים געוואָרען פרייליך. „וואָס איז דאָ פיעל צו טראכטען וועגען דעם. אזוי איז אויך גוט„ האט זיא געזאָגט צו זיך און האט גענומען געהן הין און צוריק איבערן פּאָרקעט, טרעטענדיג מיט'ן אבזאץ און נעזיל, און ניט בעריהרענדיג די פּאדעשווע. פערביינגעהענדיג פערביי דעם שפּיגעל, האט זיא אין איהם א קוק געטהאָן. „דאָס בין איך!“ האט וויא געזאָגט דער אויסדריק פון איהר געזיכט. גאַנץ גוט, איך דארף קיינעם ניט האָבען!“

א לאקיי האט געוואָלט אריינגעהען אין זאל, אום עפּעס צוקלייבען דאָרט, נאָר זיא האט איהם ניט געלאָזט אריין און פערמאכט דיא טהיר. זיא האט פאָרטגעזעצט איהר גאנג הין און צוריק און האט זיך ווידער פערליעבט אין זיך און בעוואונדערט זיך אליין: „וואָס פאר אן אנטיק נאטאשא איז!“ האט זיא געזאָגט וועגען זיך אליין מיט דיא ווערטער פון איינעם, וואָס האט גערפט פערסאָניפיצירען אלע מאנסליים: „שיין, א פיינע שטימע, יונג, זיא שטערט

קיינעם נים, לאָזט איהר צורות." נאָר פיעל מען זאָל איהר נים לאָזען צורות, האָט זיא שוין רוהיג נים געקענט זיין, און זיא האָט עס גלייך דערפיהלט.

אין פּארציםער האָט זיך געעפענט דיא טהיר פון דעם הויפּט איינגאנג און יעד-מאַנד האָט געפרעגט „צו־הויזע?" און עס האָבען זיך דערהערט טרים. נאטאשא האָט געקוקט אין שפּיעגעל, נאָר זיא האָט זיך נים געזעהען. זיא האָט זיך צוגעהערט צו דיא קלאנגען און ווען זיא האָט זיך דערזעהען, איז איהר געזיכט געוועזען בלייך. דאָס איז ע ר. דאָס האָט זיא געוואוסט זיכער, הגם פון דער פערמאכטער טהיר האָט זיא קוים געקענט הערען זיין שטימע.

נאטאשא איז בלייך און צושראָקען אריינגעלאָפען אין גאסט-צימער.

— מאמא, באָלקאָנסקי איז געקומען, האָט זי געזאָגט. מאמא, דאָס איז שרעק-ליך, דאָס איז אונערטרעגליך! איך וויל נים.... פּלאָגען זיך! וואָס זאָל איך טהאָן?

דיא גרעפין האָט נים אויסגעפּיעט צו ענטפערן איהר, ערשט אנדריי איז אריין אין גאסט־צימער. וויא נאָר ער האָט דערזעהן נאטאשאַ'ן, איז זיין געזיכט געוואָרן ליכטיגער. ער האָט א סוס געמהאָן דיא האנד ביי דער גרעפין און נאטאשאַ'ן און האָט זיך אנידערגעזעצט.

— מיר האָבען שוין לאנג נים געהאט דאָס פערגניגען.... האָט די גרעפין אָנ-געהויבען, נאָר אנדריי האָט איהר איבערגעשלאָגען, איילענדיג זיך ארויסצוריידען וואָס ער האָט געוואָלט.

—איך בין ביי אייך נים געוועזען דיא גאנצע צייט, ווייל איך בין געוועזען ביים פאָ-טער. איך האָב מיט איהם גערארפט איבערריידען וועגען זעהר א וויכטיגע זאך. איך בין נעכטען ביי נאכט אנגעקומען צוריק אין פּעטערבורג, האָט ער געזאָגט און האָט א קוק געטהאָן אויף נאטאשאַ'ן. איך דארף מיט אייך עפּעס איבערריידען, גרעפין, האָט ער געזאָגט נאך א מינוט שטילוויינען.

דיא גרעפין, אָבזיפצענדיג זיך שווער, האָט אראָבגעלאָזט דיא אויגען.

— איך בין גרייט צו אייער דיענסט, האָט זיא געענטפערט.

נאטאשא האָט געוואוסט, אז זיא דארף ארויסגעהן, נאָר זיא האָט עס נים געקענט טהאָן. עפּעס האָט איהר געדריקט אין האלז און זיא האָט גאָר נים חעפ-ליך, גלייך, מיט אָפענע אויסגעשטעלטע אויגען געקוקט אויף אנדרייען.

„מאקע גלייך? דיא מינוט?... ניין, דאָס איז אונמעגליך!" האָט זיא געטראכט.

ער האָט ווידער אויף איהר א קוק געטהאָן און דיזער בליק האָט איהר אָר-

בערצייגט, אז זיא האט קיין טעות נישט געהאט. יא, דיזע מינוט ווערט איהר שיק־זאל בעשלאָסען.

— נעה, נאטאשא, איך וועל דיך ארייגרופען, האָט דיא גרעפין קוים ארויס־גערעדט.

נאטאשא האָט מיט צושראָקענע, בעטענדע אויגען א קוק געטהאָן אויף אנ־דרייען און דער מוטער און איז ארויסגעגאנגען.

— איך בין געקומען בעטען אום דער האנד פון אייער טאָכטער, האָט געזאָגט פירסט אנדריי.

איהר געזיכט האָט אויפגעפלאמט, נאָר זיא האָט גאָר ניט געזאָגט.

— אייער פאָרשלאג.... האָט זיא אָנגעהויבען.

אנדריי האט געשוויגען און געקוקט איהר אין דיא אויגען.

— אייער פאָרשלאג.... (זיא האָט זיך סקאנפוזשעט) איז אונז אנגענעהם.... און איך נעהם אָן אייער פאָרשלאג.... איך בין צופריעדען. און מיין מאן.... האָף איך.... נאָר דאָס ווענדט זיך אָן איהר אליין...

—איך וועל מיט איהר ריידען, ווען איהר וועט מיר געבען אייער איינווילינונג. נים איהר מיר? האָט אנדריי געזאָגט.

— יא האָט זיא געזאָגט, אויסשטרעקענדיג איהם די האנד און מיט צוזאמענ־געמישטען געפיהל פון פרעמדקייט און צערטליבקייט האָט זיא איהם א קוש גע־טהאָן אין שטערן, וועהרענד ער האָט זיך אָנגעבויגען איבער איהר האנד. זיא האָט געוואָלט ליעבען איהם וויא א זוהן, נאָר זיא האָט געפיהלט, אז ער איז א פרעמדער און א שרעקליבער מענש פאר איהר.

— איך בין זיכער, אז מיין מאן וועט זיין צופריעדען, האָט דיא גרעפין געזאָגט, נאָר אייער פאָטער....

— איך האָב שוין וועגען דעם גערעדט מיט מיין פאָטער און ער שטעלט איין בעדינגונג, אז דיא האָכצייט זאָל ניט שטאטפינדען פאר א יאָהר צייט. און דאָס האָב איך אייך געוואָלט מיטהיילען, האָט אנדריי געזאָגט.

— אמת, נאטאשא איז נאָך יונג, אָבער — אזוי לאנג!

— דאָס האָט אנדערש ניט געקענט זיין, האָט אנדריי געזאָגט מיט א זיפץ.

— איך וועל איהר ארייגשיקען צו אייך האָט דיא גרעפין געזאָגט און איז ארויס פון צימער.

„גאָט, האָב מיטלייד מיט אונז", האָט געמורמעלט דיא אלטע גרעפין, זוכענדיג

נאטאשאַ'ן. סאָניא האָט געזאָגט, אז נאטאשא איז אין שלאָף־צימער. נאטאשא איז געזעסען אויף איהר בעט, בלייך מיט טרוקענע אויגען און קוקענדיג אויף די הייליגע בילדער, האָט זיא זיך גע'צלמ'ט, מורמלענדיג עפּעס.

דערזעהענדיג דיא מוטער, איז זיא אויפגעשפרונגען פון בעט און האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהר.

— וואָס, מאמע?... וואָס?

— געה, געה צו איהם. ער בעט אום דיין האנד, וואָס די גרעפין געזאָגט קאָלט ווי א נאטאשאַ'ן האָט אויסגעוויזען. געה, געה, האָט זיא געזאָגט טרויריג און האָט זיך שווער אָבגעזיפצעט.

נאטאשא האָט ניט געדענקט, וויא זיא איז אריין אין גאַסט־צימער. זיא איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר, דערזעהענדיג איהם. „איז דיעזער פרעמדער ווירקליך געוואָרען אַלץ פאַר מיר?" האָט איז זיך געפרעגט און גלייך געענטפערט: „יאָ, אלץ; ער אליין איז מיר איצט טהייערער פון אַלץ". פירסט אנדריי איז צו איהר צוגעגאנגען אראָבלאָזענדיג דיא אויגען.

— איך האָב אייך ליעב געקראָגען פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב אייך דערזעהן. קען איך האָפען?

ער האָט אויף איהר אַ קוק געטהאָן און איהם האָט איבערראשט דער ערנסטער ליידענשאַפטליכער אויסדרוק פון איהר געזיכט. איהר געזיכט האָט געזאָגט: צו וואָס דארף מען נאָך אַזעלכע פראַגען? צו וואָס צווייפלען אין אַזעלכע זאַכען וואָס מען ועהט קלאָר. צו וואָס זאָל מען ריידען, ווען מען קען מיט ווערטער ניט אויסדריקען, וואָס מען פיהלט.

זיא איז צוגעקומען צו איהם נאָהענט און איז געבליבען שטעהן. ער האָט גענומען איהר האנד און אַ קוש געטהאָן איהר.

— האָט איהר מיך ליעב?

— יאָ, יאָ, האָט זיא ארויסגערעדט ווי א מיט פּעודרוס, האָט איין מאָל אַ קרעכץ געטהאָן, אַ צווייטען מאָל, דערנאָך עפטער און האָט זיך צוואוויינט.

— וואָס וויינט איהר? וואָס איז אייך?

— אוי, איך בין אזוי גליקליך! האָט זיא געענטפערט דורך טרערען, האָט זיך אָנגעבויגען נעהנטער צו איהם, געדענקט א סעקונדע, ווי א פרעגענדיג צו זיא קען עס טהאָן, און האָט איהם א קוש געטהאָן.

פירסט אנדריי האט איהר געהאלטען פאר דיא הענד, האט איהר געקוקט אין דיא אויגען און האט ביי זיך אין הארצען ניט געפונען מעהר זיין פריהערדיגע ליעבע צו איהר. עפעס האט זיך ביי איהם אין הארצען א קעהר געטהאן, עס האט איהם איצט געפעהלט יענע פאעטישע און געהיימניספאלער רייץ פון באנער. ער האט איצט נאר געפיהלט מיטלייד צו דער פרויען און קינדערשער שוואכקייט, א שרעק פאר דער איבערגעבענהייט און צוטרויען וואס זיא האט צו איהם געהאט, א שווערעס און צו דער זעלבער צייט פריייליכעס בעוואוסטזיין פון דער פפליכט, וואס האט זיי איצט פערבונדען אויף אייביג. דאס ווירקליכע געפיהל, הגם עס איז נישט געוועזן אזוי ליכטיג און פאעטיש וויא פריהער, איז געוועזן ערנסטער און שטארקער.

— האט אייך דיא מוטער געזאגט, אז מיר מוזען אפליינען אויף א יאהר? האט פירסט אנדריי געזאגט, ניט אראפנעהמענדיג פון איהר דיא אויגען.

„איז דאס ווירקליך איך, יענע האלב מיידעלע, האלב קינד, האט נאטאשא געטראכט, בין איך ווירקליך פון דער מינוט געווארען א ווייב און בין גלייך מיט דעם פרעמדען, ליעבען און קלוגען מאן, פאר וועלכען אפילו דער פאטער האט רעספעקט? איז דאס אמת? טאר מען שוין איצט מעהר קיין שפאס ניט טרייבען מיט'ן לעבען, איצט בין איך שוין א גרויסע און בין פעראנטווארטליך פאר יעדע טהאט אוןווארט? נאר וואס האט ער מיך געפרעגט?״

— ניין, האט זיא געענטפערט, נישט וויסענדיג, וואס ער האט איהר געפרעגט.

— פערצייהעט, האט אנדריי געזאגט, איהר זייט אזוי יונג, ווענדהרענד איך האב שוין געהאט אזוי פיעל ערפארענהייט. מיך שרעקט פאר אייך. איהר קענט נאך ניט זיך אליין.

נאטאשא האט איהם געהערט אויפמערקזאם, האט זיך געמארטערט צו פערשטעהן, וואס ער זאגט, נאר זיא האט ניט פערשטאנען.

— וויא שווער מיר וועט ניט זיין דאס יאהר, נאר אין דעם פערלויף פון דיזער צייט וועט איהר זיך אליין קענען ערלערנען, האט אנדריי פארטגעזעצט. איך בעט אייך צו מאכען מיין גליק אין א יאהר ארום, נאר איהר זייט פריי: אונזער קנס-מאל בלייבט א געהיימניס, און ווען איהר וועט זיך איבערצייגען, אז איהר ליבט מיך ניט, אדער איהר ליעבט א.... האט אנדריי געזאגט מיט אין אוננאטירליכען שמייכעל.

— צו וואס רעדט איהר עס? האט איהם נאטאשא איבערגעשלאגען. איהר ווייסט, אז פון דעם ערשטען מאל, וואס איהר זייט געקומען צו אונז אין אטראדנע

האָב איך אייך ליעב געקראַנגען, האָט זיא געזאָגט, גלויבענדיג שטאַרק, אַז דיא

— אין אַ יאָהר צייט וועט איהר זיך גום ערקענען....

— אַ יאָהר צייט! האָט אַלץ נאַטאַשאַ פּלוצים אויסגעשריען, בעגרייפענדיג נאָר ערשט, אַז דיא חתונה איז אָבגעלעגט אויף אַ יאָהר. פאַר וואָס עפּעס אַ יאָהר?

פירסט אַנדריי האָט איהר גענומען ערקלערען דיא אורזאַכע דערפון. נאָר זי האָט איהם ניט געהערט.

— אַנדערש קען מען ניט? האָט זיא געפרעגט.

אַנדריי האָט נאָר ניט געענטפערט, נאָר אין זיין געזיכט האָט זיא געזעהן, אַז ענ־דערן קען מען עס ניט.

— דאָס איז שרעקליך! ניין דאָס איז שרעקליך, שרעקליך! האָט נאַטאַשאַ פּלו־צים אָנגעהויבען צו ריידען און האָט זיך ווידער צואַוויינט. איך וועל שטאַרבען, וואַרטענדיג אַ יאָהר. דאָס איז שרעקליך.

זיא האָט אַ קוק געטהאָן אַנדרייען אין געזיכט און האָט דערזעהען דעם אויס־דרוק פון מיטלייד און אונענטשלאָסענהייט.

— ניין, ניין, איך וועל טהאָן אַלץ, האָט זיא פּלוצים געזאָגט, איינהאַלטענדיג דיא טרערען. איך בין אַזוי גליקליך!

דער פאָטער און מוטער זיינען אַריינגעקומען אין גאַסט־צימער און האָבען געגע־בען זייער זעגען דעם חתן און כלה; און פון דעם טאָג אָן איז אַנדריי געפאָהרען צו דיא ראָסטאָווס אַלס חתן.

XII.

קיין תנאים האָט מען ניט געמאַכט און מען האָט קיינעם ניט געזאָגט, אַז באָל־קאָנסקי איז נאַטאַשאַ'ס חתן, אַזוי האָט געפאָדערט אַנדריי. ער האָט געזאָגט, אַז מיט זיין וואָרט האָט ער זיך אויף אייביג פערבונדען צו נאַטאַשאַ'ן, נאָר נאַטאַשאַ דאַרף ניט זיין פערבונדען און דאַרף זיין פריי, אַזוי וויא ער איז דיא אורזאַכע פאַר וואָס זייער האָכצייט ווערט אָבגעלעגט אויף אַ יאָהר. אויב אין אַ האַלב יאָהר אַרום וועט זיא אויסגעפינען, אַז זיא ליעבט איהם ניט, וועט זיא האָבען דאָס רעכט אָבצוזאָגען זיך פון איהם. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז ניט דיא עלטערן און ניט נאַטאַשאַ האָבען געוואָלט דערפון הערען, נאָר אַנדריי האָט אַנדערש ניט געוואָלט דערלאָזען. אַנדריי איז געקומען יעדען טאָג צו דיא ראָסטאָווס, נאָר בע־נאָגען איז ער זיך מיט נאַטאַשאַ'ן ניט וויא אַ חתן: ער האָט איהר געאיהרצט און

נעקושט איהר נאָר אין האנד. דיא פערהעלטניסע צווישען נאטאשאַ'ן און אנדרייען זיינען געוואָרען איינפאכע.

א מאָל האָט זיא איהם געפרעגט וועגען זיין זוהן. אנדריי איז רויט געוואָרען, וואָס האָט זיך איצט געטראָפען מיט איהם אָפט, און וואָס נאטאשא האָט זעהר ליעב געהאט, און ער האָט געענטפערט, אז דער זוהן וועט ניט לעבען מיט זיי צוזאמען.

— פאַר וואָס? האָט נאטאשא געפרעגט צושראָקען.

— איך קען איהם ניט אוועקנעהמען פון מיין פאָטער, און ווידער....

—אך, וויא איך וואָלט איהם ליעב געהאט! האָט נאטאשא געזאָגט, טרעפענדיג, וואָס ער דענקט. נאָר איך וויים, איהר ווילט ניט געבען קיין אויסרייד דער וועלט, אז מען זאָל מיך און אייך קענען בעשולדיגען.

דער אלטער גראף פלעגט א מאָל צוגעהן צו אנדרייען, האָט איהם געקושט און געפרעגט זיין ראטה וויא צו ערציהען פעטיא'ן אָדער וועגען ניקאָלאי'ס דיענסט אין דער ארמיע. דיא אלטע גרעפין האָט געזיפצעט, קוקענדיג אויף זיי. סאָניא האָט יעדע מינוט מורא געהאט צו זיא איז ניט קיין איבעריגע און האָט געזוכט אלערליי תירוצים ארויסצוגעהן זיך פון זייער געזעלשאפט און לאָזען זיי אליין, הגם זיי האָבען עס גאָר ניט געדארפט. ווען אנדריי האָט גערעדט, (גערעדט האָט ער זעהר שעהן), האָט זיך נאטאשא צוגעהערט מיט שטאָלץ. ווען זיא האָט גערעדט, האָט זיא מיט שרעק און פרייד בעמערקט אז ער קוקט אויף איהר אויפמערקזאם און פאָרשענד. זי האָט זיך געפרעגט: „וואָס קוקט ער אזוי אויף מיר? וואָס וויל ער אין מיר געפינען? וואָס הטט זיין, אז ער וועט אין מיר ניט געפינען דאָס, וואָס ער זוכט?” אָפט פלעגט אויף איהר אָנפאלען איהר ווילדפרייליכער מוטה, און דאַן האָט זיא זעהר ליעב געהאט צו זעהן, וויא אנדריי לאכט. ער האָט זעלטען געלאכט, נאָר דערפאַר ווען ער האָט שוין געלאכט, האָט ער געלאכט פון גאנצען הארצען, און יעדעס מאָל נאָך אזא לאכען האָט זי זיך געפיהלט נעהענטער צו איהם. נאטאשא וואָלט געווען פאָלשטענדיג גליקליך, ווען ניט דער געדאנק, אז אנדריי פאָהרט באלד אָב אויף א גאנצען יאָהר צייט.

דעם טאָג פאַר'ן אָבפאָהרען פון פעטערסבורג האָט אנדריי מיט זיך געבראכט צופיהרען פיערן, וועלכער איז ביי זיי ניט געוועזן פון דעם באַל אָן. פיער האָט אויסגעוויזען צערשטרייט און פערווירט. נאטאשא האָט זיך געזעצט נעבען סאָניא'ן פאַר'ן שאַך, איינלאַדענדיג מיט דעם אנדרייען, ער זאָל צוקומען צו זיי.

—איהר קענט זיך דאך מיט בעזוכין! האט אנדריי נעפרעגט. איהר האט איהם דאך ליעב ?

— יא, ער איז אן אויסגעצייכענטער מענש, נאר א זעהר לעבערליכער.

און זיא האט גענומען דערצעהלען אנעקדאטען פון זיין צערשטרייטקייט, אנעקדאטען וואס מען האט זאגאר אויף איהם אויסגעטראכט.

— איהר ווייסט, איך האב איהם פערטרויט אונזער געהיימניס, האט געזאגט פירסט אנדריי. איך קען איהם נאך פון דיא קינדערשע יאהרען. ער איז א דיאמאנט. איך בעט אייך, נאטאליע, האט ער געזאגט פלוצים ערנסט, — איך פאהר אוועק, גאט ווייס, וואס עס קען טרעפען. איהר קענט אויפהערען צו ליע...... נו, איך ווייס איך דארף ניט ריידען וועגען דעם. איין זאך בעט איך אייך—וואס מיט אייך זאל ניט פאסירען אין דער צייט פון מיין אבוועזענהייט —

— וואס קען פאסירען ?

— וואס פאר א צרה עס זאל ניט טרעפען, האט אנדריי פארטגעזעצט, בעט איך אייך, מאדמאזעל סאפי, וואס עס זאל ניט פאסירען, זאלט איהר זיך ווענדען צו איהם אליין נאך א ראטה און הילף. ער איז א צערשטרייטער לעבערליכער מענש נאר ער האט א דיאמאנטענע הארץ.

ניט דער פאטער, ניט דיא מוטער, ניט סאניא און אפילו ניט אנדריי זעלבסט האבען געקענט פאראויס זעהן, וויא אויף נאטאשא'ן וועט ווירקען דאס זעגענען זיך מיט'ן חתן. רויט און עררעגט, מיט טרוקענע אויגען איז זיא ארומגעגאנגען דעם טאג איבערן שטוב. זיא האט ניט געוויינט, ווען ער האט איהר ביים זעגענען זיך צום לעצטען מאל א קוס געטהאן אין האנד.

—פאהרט ניט! האט זיא קוים ארויסגערעדט מיט אזא קול, וועלכער האט איהם געצוואונגען צו טראכטען, זאל ער זיך ווירקליך ניט אבשטעלען און וועלכען ער האט א צייט לאנג דערנאך געדענקט. ווען ער איז אוועקגעפאהרען, האט זיא אויך ניט געוויינט: זיא איז עטליכע טעג נאך אנאנד געזעסען ביי זיך אין צימער און האט ניט געוויינט און ניט אינטערעסירט זיך מיט קיין זאך. זיא האט נאר אפט געמורמעלט: „אך, פאר וואס איז ער אוועקגעפאהרען!"

נאר אין צוויי וואכען ארום נאך אנדריי'ס אבפאהרען, האט זיא פלוצים, נאר אונערווארטעט ערוואכט פון איהר גייסטיגע קראנקהייט, איז געווארען צוריק וויא געוועזען, נאר מיט א געענדערטען אויסדרוק אויפ'ן געזיכט, אזוי וויא קינדער שטעהען אויף פון א לאנגע קראנקהייט מיט א געענדערטע געזיכט

XIII

אין מיטען זומער היאָט מארי באָלקאָנסקאיא נאָר אונערוואַרטעט בעקומען אַ בריעף פון ברודער אַנדריי פון שווייצאַריע. אין דעם בריעף האָט איהר אַנדריי נעמעלדעט וועגען זיין פערקנס'ונג מיט נאַטאַשאַ ראָסטאָווא. פאר איהר איז דאָס געווען אן אונערוואַרטעטע נייעס הגם דער קלאַנג פון דער פערקנסונג האָט דערגרייכט צו איהר מיט אַ צייט צוריק, נאָר זיא האָט אין דעם ניט געוואָלט גלויבען. דער גאַנצער בריעף האָט געאָטהעמט מיט ענטציקונג צו זיין כלה און צערטליכע פריינדשאַפט צו דער שוועסטער. ער האָט געשריעבען, אַז ער האָט קיין מאָל ניט געליעבט אַזוי, וויא ער ליעבט איצט, און נאָר איצט האָט ער פערשטאַנען און בעגריעפען דאָס לעבען. ער האָט ביי דער שוועסטער געבעטען פערצייהונג, פאר וואָס ער האָט איהר וועגען דעם נאָר ניט געזאָגט, ווען ער איז געווען דאָס לעצטע מאָל אין דיא „קאַהלע בערג". ער האָט איהר ניט געוואָלט זאָגען דאַמאָלס, ווייל זיא וואָלט געגומען בעטען דעם פאָטער, אַז ער זאָל געבען זיין צושטימונג און זיא וואָלט איהם נאָר דערמיט צורייצט און איהר וואָלט אויסגעקומען פיעל אויסצושטעהן פון זיין כעס.

„איבעריגענס" האָט ער געשריעבען, „דאַמאָלס איז דיא זאַך נאָך ניט געווען אַזוי בעשטימט, וויא איצט. דאַן האָט דער פאָטער מיר בעשטימט אַ יאָהר צייט צו וואַרטען, און איצט זיינען שוין ז ע ק ס חדשים אַריבער און איך האַלט זיך פעסט ביי מיין בעשלוס. ווען דיא דאָקטוירים זאָלען מיך דאָ ניט פערהאַלטען אין די בעדער, וואָלט איך אַליין געווען אין רוסלאַנד, נאָר איך וועל דאָ מוזען פערבלייבען אַ דריי חדשים. דו ווייסט דאָך מיינע פערהעלטניסע מיט'ן פאָטער. איך פאָדער פון איהם קיין זאַך ניט, איך בין שטענדיג געווען און וועל אימער זיין אונאַבהענגיג, נאָר געהן נעגען זיין ווילען און אָנצינדען זיין כעס, ווען עס קען זיין, אַז איהם איז ווענינ פערבליבען צו זיין מיט אונז, וואָלט געשטערט מיין גליק אויף אַ העלפט. איך שרייב איהם אויך אַ בריעף און איך בעט דיך, דוא זאָלסט אויסקלייבען אַ גוטע מינוט און איבערגעגעבען איהם דעם בריעף און לאָזען מיר וויסען, ווי קוקט ער אויף דעם און צו איז פאַראַן אַ האָפנונג, אַז ער זאָל פערקירצען דעם טערמין אויף דריי חדשים".

נאָך פיעל קלערן, צווייפלען און געבעטען האָט מארי דעם בריעף איבערגעגעבען דעם פאָטער. איך מאָרגען האָט איהר דער פאָטער געזאָגט רוהיג:

— שרייב און דעם ברודער, אַז ער זאָל אָבוואַרטען ביז איך וועל שטאַרבען.

ער וועט פיעל ניט דארפעןווארטען.

מארי האט עפּעס געוואָלט ענטפערן, נאָר ער האט איהר ניט געלאָזען און האט גענומעןריידען אלץ מטהר מיט א העכערן קול.

— האָב חתונה, האָב חתונה, טייבעלע.... א יחוס א פיינער.... די זיינען קלוגע לייט, הא? רייכע, הא? געוויס. ניקאָלושקא וועט האָבען א פיינע שטיף־מאמע. שרייב איהם אָן, אז ער קען חתונה האָבען באַטש מאָרגען. ניקאלושקא'ס שטיף־מאמע וועט זיא זיין, און איך וועל חתונה האָבען מיט בוריענקען!.... חא, חא, חא, זאָל ער אויך האָבען א שטיף־מאמע! נאָר אין מיין הויז דארף איך מעהר קיין ווייבער ניט האָבען. זאָל ער חתונה האָבען און לעבען פאר זיך. אפשר ווילסטו אויך צו איהם אריבערפאָהרען? א גליקליכע רייזע!

נאָך דעם האָט דער אַלטער פירסט וועגען אנדריי'ס חתונה מעהר ניט גערעדט. נאָר אום צו שטעכען מאריין, פלעגט ער סתם אין דער וועלט אריין פער־פיהרען א געשפרעך וועגען א שטיף־מאמע און ארויסווייזען זיך ליעבענסווירדיג צו מאמזעל בוריען.

— פאר וואָס זאָל איך מיט איהר ניט חתונה האָבען? פלעגט ער זאָגען דער טאָכטער. זיא וועט זיין אַ'ן אויסגעצייכענטע פירסטין!

און די לעצטע צייט האָט מארי צו איהר גרויסער איבערראשונג אָנגעהויבען צו בעמערקען, אז דער פאָטער האָט ווירקליך אָנגעהויבען זעהר מקרב צו זיין צו זיך דיא מאמזעל בוריען. מארי האָט אָנגעשריעבען דעם ברודער, וויא דער פאָטער האָט בענעגענט זיין בריעף, נאָר זיא האָט איהם געטרייסט, אז זיא וועט מאַכען א שלום צווישען זיי ביידען.

דריטער טהייל.

I.

אַנהויב ווינטער איז פירסט ניקאָלאי אנדרייעוויטש באָלקאָנסקי מיט דער טאָכטער אראָבגעקומען אין מאָסקווע. דער פירסט האָט זיך זעהר געעלטערט אין דעם יאָהר. דיא סימנים פון אַלטקייט האָבען זיך שאַרף ארויסגעוויזען אין איהם: אונערוואַרטעט איינשלאָפען, ניט געדענקען וואָס ניט לאַנג האָט פּאַסירט און צופיעל געדענקען וואָס א מאָל איז געווען, קינדערשע בעריהמעריי.

מאַרי האָט דאָ קיין פריינד ניט געפונען, האָט ניט געהאט מיט וועמען צו ריידען און פאַר וועמען אויסצוגיסען איהר האַרץ, און איהר האַרץ איז געווען אָנגעלאָדען מיט צרות. מעהר פון אַלץ האָט איהר געפּיינינגט, וואָס דער פּאָטער האָט אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו זיך צוגעלאָזט מאַמזעל בוריען און אום צו דערצאָרנען זיין טאָכטער האָט ער ארויסגעוויזען ליעבע צו איהר.

א מאָל, שוין אין מאָסקווע, האָט דער אַלטער פירסט א קוש געטאָן ביי בוריען דיא האַנד אין מאַרים אַנוועזענהייט און האָט איהר ארומגענומען. מאַרי האָט אויפגעפלאַמט און איז ארויסגעלאָפען פון צימער. אין עטליכע מינוט ארום איז בוריען אריין צו איהר, שמייכלענדיג און האָט איהר גענומען עפּעס דערצעהלען זעהר פריילין. מאַרי האָט געשווינד אויסגעווישט דיא טרערען, איז צו איהר צוגעגאַנגען און גענומען שרייען מיט כעס.

— עס איז מאוס, ניעדערטרעכטיג, אונמענשליך אויסצונוצען די שוואַכקייט... זיא האָט ניט דערענדיגט. געהט ארויס פון מיין צימער! האָט זיא אויסגעשריען און האָט זיך צעוויינט.

אויף מארגען האט דער פירסט קיין ווארט ניט געזאגט דער טאכטער; נאר זיא האט בעמערקט, אז ביים מיטאג האט ער געהיילען דערלאנגען דיא געריבטען, אנהויבענדיג פון מאמזעל בוריען. ווען ביי ענדע מיטאג האט דער סארווער זיך פערגעסען און נאך דער אלטער געוואוינהייט דערלאנגט קאווע פריהער מאריען, האט זיך דער פירסט אנגעצונדען פאר כעס, האט א שליידער געטהאן אויף איהם מיט'ן שטעקען און האט געגעבען א בעפעהל, מען זאל איהם אבגעבען פאר א סאלדאט.

— מען פאלגט ניט!.... צוויי מאל געזאגט! זיא איז דיא הויפט פערזאן אין מיין הויז, זיא איז מיין בעסטער פריינד! האט דער פירסט געשריען. און אויב דו וועסט זיך ערלויבען, האט ער זיך געווענדעט צום ערסטען מאל צו דער טאכטער, נאך א מאל צו פערגעסען זיך, ווי דו האסט געטהאן נעכטען, וועל איך דיר ווייזען, ווער איז דער ווירטה אין דעם הויז! ארויס! איך וויל דיך ניט אנזעהען. בעט ביי איהר אום פערצייהונג!

מארי האט געבעטען אום פערצייהונג דיא מאמזעל בוריען און ביים פאטער פאר זיך און פאר'ן סארוועטר פיליפ.

אין אזעלכע מינוטען האט זיך ביי איהר אין הארצען אויפגעהויבען א געפיהל, וואס איז געוועזן ענליך אויף שטאלץ מיט איהר זעלבסט־אויפאפפערונג. אין אזעלכע מינוטען, ווען זיא האט געזעהען, וויא דער פאטער לאזט ארויס דיא סאלפעטקע פון האנד און דרעמעלט איין ביים טיש אנבויגענדיג דעם קאפ צום טעלער, אדער וויא ער זוכט דיא ברילען, טאפענדיג ארום זיי, אדער וויא ער מאכט א פאלשען טריט אין גאנג און קוקט זיך ארום, צו האט עמיצער ניט בעמערקט זיין שוואכקייט, — אין אזעלכע מינוטען האט זיא געהאסט זיך אליין, פאר וואס זיא האט געוואגט צו דענקען ווענען איהם עפעס שלעכטס, ווען ער איז אזוי שוואך און אלט.

אין דעם יאהר 1811, צום געבורטסטאג פון דעם פירסט ניקאלא באלקאנסקי איז גאנץ מאסקווע געוועזן ביי דעם גאנעק פון זיין הויז, נאר ער האט קיינעם ניט געהייסען צונעהמען אויסער געצעהלטע זעקס פערזאן, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפינען פיער און בארים דרובעצקי. דער לעצטער האט פערשטאנען וויא צוצושמייכלען זיך צום פירסט און צו געפעלען ווערען איהם.

איידער דיא זעקס געסט זיינען זיך צונויפגעקומען האט מארי געבעטען א מארציע פון פאטער, פאר וואס זיא האט צו איהם צוגעלאזט זייער שטובינע ...ארי

א פראנצויז, וועלכער פלעגט קומען צום פירסט צוויי מאל א וואך. דער דאקטאר איז דאמאל געווען אין דער מאדע און מען פלעגט איהם עמפפאנגען אין דיא העכסטע קרייזען ניט אלס דאקטאר זאנדערן אלס א גלייכען. דער אלטער פירסט האט איהם גלייך ארויסגעטריעבען, נאכשרייענדיג איהם „שפיאן“, און דערנאך האט ער דעם גאנצען כעס אויסגעלאזט צו מאריין, פאר וואס זיא האט ניט געפאלגט זיין בעפעהל. זיא איז שולדיג אין דעם אלעם. ער קען מיט איהר ניט האבען א רוהיגע מינוט און קען אפילו ניט שטארבען רוהיג, האט ער גערעדט.

—ניין, ניין, מיר קענען לעננער צוזאמען ניט זיין. איך קען שוין מעהר ניט אויסהאלטען. און מיינט ניט, אז דאס זאג איך אייך אין א מינוט פון אויפרעגונג. איך בין גאנץ רוהיג און האב עס גוט בעטראכט. מיר מוזען זיך שיידען.

נאר ער האט זיין רוהיגע מינע ניט אויסגעהאלטען און מיט כעס פון א מענשען, וואס ליעבט און ליידעט אליין, האט ער גענומען טרייסלען מיט דיא קולאקעס און שרייען:

—און וואלט זיך כאטש געפינען א שוטה וואס זאל װעלען חתונה האבען מיט איהר! ער האט א זעטץ געטהאן מיט דער טהיר, האט ארייגגערופען צו זיך מאמזעל בוריען און איז רוהיג געווארען.

אין א פאאר שטונדען ארום זיינען זיך צונויפגעקומען די געסט. דאס געשפרעך איז געווען וועגען פאליטיק און דא איז אויסגעדריקט געווארען א'ן אונצופריעדענהייט מיט דער רעגיערונג. דער אלטער פירסט באלקאנסקי האט געזאגט, אז אונזערע מלחמות מיט באנאפארטען וועלען זיין אזוי לאנג אונגליקליכע, כל זמן מיר וועלען זיך שטופען אין אייראפעאישע געשעפטען. מיר האבען ניט געדארפט פיהרען קיין מלחמות ניט פאר עסטרייך און ניט געגען עסטרייך אונזער גאנצע פאליטיק דארף זיין אין דעם אריענט. און וואס אנבעלאנגט צו באנאפארטען, דארפען מיר שטעהן פעסט אויף אונזער איינענעם גרענעץ, און ער וועט קיין מאל ניט וואגען אריבערצוטרעטען אונזער גרעניץ.

— וויא קומען מיר צו קעמפפען געגען דיא פראנצויזען! האט זיך אנגערופען איינער פון די געסט, גראף ראסטאפטשין. קענען מיר דען ארויסטרעטען אין קאמפף געגען אונזערע לעהרער און געטער? ניט א קוק אויף אונזער יונגוואַרג. ווער זיינען אונזערע געטער? דיא פראנצויזען; וואו איז אונזער גן עדן? פאריז.

ער האט גענומען ריידען העכער, אום אלע זאלען איהם הערען.

— קליידער פראנצויזישע, געדאנקען פראנצויזישע, געפיהלען פראנצויזישע! אט

האט איהר ארויסגעטריבען מאטיוויע (דעם דאקטאר), ווייל ער איז א פראנצויז און אן אויסוואורף, און אונזערע דאמען קריכען פאר איהם אויף די לאפקעס. איך בין געבעטען געוועז אויף אן אבענד, זיינען פינף דאמען דארט געוועזען קאטוילישע און האבען אויסגעבעטען אן ערלויבעניס פון פאפסט זיי זאלען מעגען אויסנייהען זונטאג אויף קאנווע. און אליין זיינען זיי במעט נאקעטע געזעסען אזוי וויא שילדען פון א באד, מיט רעספעקט צו מעלדען. אך, ווען איך קוק אזוי אויף אונזער יונגוואַרג, ווילט זיך דאס א נעהם טהאן פעטער דעם גרויסענס גראבען שטעקען און אזוי אויפ'ן רוסישען שטיינער אויסקלאפען זיי גוט דיא זייטען און דיא גאנצע נארישקייט וואלט ארויס פון קאפ!

אכע האבען געשווינגען. דער אלטער פירסט האט מיט א שמייכעל געקוקט אויף ראסטאפטשינען און צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ צום צייכען, אז איהם געפעלט עס.

III.

מארי איז געזעסען אין גאסט-צימער און האט זיך צוגעהערט צום שמועס פון אלטע לייט און האט גאר ניט פערשטאנען וואס זיי רעדען. זי האט געטראכט נאר פון איין זאך, צו בעמערקען ניט דיא געסט פון פאטער'ס פיינדליכע פערהעלטניסע צו איהר. זיא איז געוועזען אזוי פערזונקען אין די געדאנקען, אז זיא האט זאגאר ניט בעמערקט דיא אויפמערקזאמקייט און ליבענסווירדינקייט, וואס איהר האט ארויסגעוויזען באָריס דרובעצקאָי, וועלכער איז שוין געוועזען דאס דריטע מאל ביי זיי אין הויז.

דיא געסט זיינען זיך צוגאנגען און פיער איז צו איהר צוגעגאנגען דער לעצטער מיט דער הוט אין האנד און מיט א שמייכעל אויפ'ן געזיכט.

— קען איך נאך א ווייլע פערבלייבען? האט ער געפרעגט, ארא̈בלאזענדיג זיך מיט זיין שווערען קערפער אין פאטעל נעבען מאריין.

— אה, יא, האט זיא געזאגט, און איהר בליק האט געפרעגט: „האט איהר גאר ניט בעמערקט?"

פיער האט זיך געפונען אין א גוטען מוטה וויא נאך מיטאג. ער האט שטיל גער שמייבעלט.

— קענט איהר שוין לאנג דיזען יונגען מאן? האט ער געפרעגט.

— וועלכען?

— דרובעצקי'ן.

— ניין, ניט לאנג...

— געפעלט ער אייך?

— יא, ער איז א׳ן אנגענעהמער יונגער מאן.... נאר צו וואס פרעגט איהר עס, האט מארי געזאגט, טראכטענדיג אלץ וועגען דעם פריהערדיגען געשפרעך, וואס זיא האט געהאט מיט׳ן פאטער.

— ווייל איך האב בעמערקט, אז דער יונגער מאן קומט אראב פון פעטערבורג אין מאסקווע נאר מיט דער אבזיכט אבצוזוכען א רייכע כלה.

— האט איהר עס בעמערקט? האט מארי געזאגט.

— יא, האט פיער פארטגעזעצט מיט א שמייכעל, און דער יונגער מאן האלט זיך איצט אזוי, אז וואו נאר עס איז פאראן א רייכע כלה, דארטען איז ער. איך לייען שוין אין זיין געזיכט, וויא אין א בוך. ער ווייס איצט ניט, וויא צו בעשליסען, וועמען זאל ער אטאקירען: אייך אדער פריילין זשולי קאראגינא.

— פאהרט ער צו זיי?

— יא, זעהר אפט. און ווייסט איהר דעם נייען פאסאן וויא צו מאכען דעם האף? האט פיער געזאגט מיט א פרייליכען שמייכעל.

— ניין, האט מארי געענטפערט.

— איצט אז מען וויל געפעלען ווערען דיא מאסקווער פריילינס, דארף מען זיין מעלאנכאליש. ער איז מיט זשולי׳ן זעהר מעלאנכאליש.

— ווירקליך? האט מארי געזאגט, קוקענדיג פיער׳ן אין זיין גוטע געזיכט און ניט אויפהערענדיג צו טראכטען וועגען איהר צרה. „מיר וואלט געווען פיעל ערנער", האט זיא געטראכט, „ווען איך זאל זיך בעשליסען ארויסצורייד‍ען פאר עמיצען מיין הארץ. און איך וואלט וועלען נאר פיער׳ן פערטרויען מיינע צרות. ער איז אזוי גוט און איידעל. מיר וואלט געווען פיעל גרינגער. ער וואלט מיר געקענט געבען א ראטה".

— וואלט איהר פאר איהם חתונה געהאט? האט געפרעגט פיער.

— אח, גאט מיינער! עס זיינען פאראן אזעלכע מינוטען, ווען איך וואלט חתונה געהאט פאר אבי וועמען, האט זיא פלוצים גאר אונערווארטעט פאר זיך אליין געזאגט מיט טרערען אין איהר שטימע. אח, וויא שווער עס איז צו ליעבען א נאהענטען מענשען און פיהלען, אז דו קענסט פאר איהם גאר ניט טהאן אויסער פערשאפען איהם קלעמענים און וויסען, אז דו קענסט דערצו גאר ניט העלפען. דאן בלייבט מיר נאר איין זאך — אוועקצוגעהן, נאר וואוהין זאל איך געהן?

— וואס איז אייך, וואס איז אייך אזוינס?

מארי האט ניט דערערדט און האט זיך צואוויינט.

— איך וויים ניט, וואס מיט מיר איז היינט אזוינס. הערט ניט, וואס איך זאג אייך, פערגעסט, וואס איך האב אייך געזאגט.

זיין גאנצע פרייליכקייט איז פלוצים פערשוואונדען געווארען. ער האט בעזארגט גענוהען אויספרעגען מארי׳ן, האט איהר געבעטען, זיא זאל איהם אנפערטרויען, וואס עס טהוט זיך ביי איהר אין הערצען, נאר זיא האט אלץ ווידערהאלט, אז זיא בעט איהם, ער זאל פערגעסען, וואס זיא האט איהם געזאגט און אז זיא האט ניט קיין אנדער קלעמענים אויסער דיא, וואס אנדריי׳ס חתונה ועט פיהרען צו א קריעג צווישען איהם און דעם פאטער.

— האט איהר געהערט וועגען דיא ראסטאווס ? האט זיא געפרעגט, אום צו געבען אן אנדער ווענדונג דעם געשפרעך. מען האט מיר געזאגט, אז זיי ווערען באלד זיין אין מאסקווע. אנדריי וועט דא אויך זיין אין גיכען, איך ווארט אויף איהם יעדען טאג. איך וואלט וועלען, אז זיי זאלען זיך זעהן דא.

— און וויא קוקט ער איצט אויף דעם? האט פיער געפרעגט, פערשטעהנדיג אונטערן ווארט ער דעם אלטען פירסט.

מארי האט א שאקעל געטהאן מיט׳ן קאפ.

— נאר וואס זאל מען טהאן ? ביז צום יאהר פערבלייבט נאך עטליכע חדשים. איך וואלט וועלען בעפרייען דעם ברודער פון דיא ערסטע מינוטען. איך וואלט נאר וועלען, אז זיי זאלען וואס גיכער קומען. איך האף, אז איך וועל זיך מיט איהר גוט בעפריינדען, איהר קענט זיי שוין לאנג, זאגט מיר, איך בעט אייך, אבער דעם ריינעם אמת וואס איז דאס פאר א מיידעל און וויא געפעלט זיא אייך ? נאר דעם אמת, ווייל איהר פערשטעהט דאך, אנדריי שטעלט איין זעהר פיעל, ווען ער נעהט נעגען דעם פאטער׳ס ווילען און איך וואלט וועלען וויסען....

פיער האט דונקעל געפיהלט אז אין דעם ווידערהאלטען בעטען, אז ער זאל זאגען דעם ג א נ צ ע א מ ת, דריקט זיך אויס א פיינדליכקייט צו דער קינפטיגער שוועגערין, אז זיא וואלט וועלען, אז פיער זאל זיך אנרופען ניט גוט וועגען דעם ברודערס אויסוואהל. נאר פיער האט געזאגט דאס, וואס ער האט געפיהלט וועגען נאטאשא׳ן.

— איך וויים ניט, וויא איך זאל אייך ענטפערן אויף אייער פראגע, האט ער געזאגט רויט ווערענדיג אליין ניט וויסענדיג פאר וואס. איך וויים ניט, וואס פאר א מיידעל זיא איז. איך קען איהר ניט אנאליזירען. איך וויים נאר, אז זיא איז

בעצויבערענד. פאר וואס, ווייס איך ניט. דאס איז אלץ, וואס איך קען אייך זאגען וועגען איהר.

מארי האט א זיפץ געטהאן און איהר געזיכט האט וויא געזאגט:

„יא, אזוי טאקע האב איך געדענקט און דערפאר האב איך מורא געהאט“.

— איז זיא קלוג ? האט מארי געפרעגט.

פיער האט זיך פערטראכט.

— איך דענק, אז ניין, האט ער געזאגט. איבריגענס, יא. נאר זיא איז בעצויבערענד און ווייטער נאר ניט.

מארי האט ווייטער א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ.

— אח, איך ווינש אזוי איהר צו ליעבען ! זאגט עס איהר, אויב איהר וועט איהר זעהן פריהער וויא איך.

— איך האב געהערט, אז זיי דארפען דא זיין דיא טעג, האט פיער גע-זאגט.

מארי האט געזאגט, אז וויא נאר דיא ראסטאווס וועלען קומען, וועט זיא זיך נאהענט בעפריינדען מיט נאטאשא'ן און וועט טהאן וואס זיא וועט קענען, אז דער אלטער פירסט זאל זיך צו איהר צוגעוואוינען.

IV

באריסן איז ניט געלונגען צו געפינען א רייכע כלה אין פעטערסבורג און ער איז מיט דעם צוועק געקומען און מאסקווע. אין מאסקווע האט ער זיך געפונען אין א פערלעגענהייט, ניט וויסענדיג וועלכע אויסצוקלייבען פון דיא צוויי סאמע רייכסטע כלות זשולי און מארי. הגם מארי, ניט קוקענדיג אויף איהר ניט שיינקייט האט איהם אויסגעוויעזען מעהר צוציהענד אלס זשולי, איז איהם אבער געווען עפעס אונ-בעקוועם ארומצודרייען זיך ארום איהר. אין זיין לעצטען וויזיט צום אלטען פירסט'ס געבורטסטאג: האט ער אנגעווענדט אלע מיטלען צו פערציהען מיט איהר א רייד וועגען געפיהלען, אבער זי האט איהם ניט געענטפערט צו דער זאך און ער האט געזעהן אז זיא הערט נאר ניט וואס ער רעדט.

מיט זשולי'ן איז איהם געווען לייכטער. זיא איז אלט געווען 27 יאהר, און נאכ'ן טויט פון איהר ברודער איז זיא געווארען זעהר רייך. זיא איז איצט געווען זעהר ניט שיין, נאר זי האט געדענקט אז איצט איז זי פיעל שעהנער וויא א מאל. ביי זיי אין הויז איז דעם ווינטער געווען פריילין. אויסער די בעשטימטע אבענדען און דינערס האט זיך ביי די קאראגינס פערזאמעלט יעדען טאג א גרויסע געזעלשאפט, און עס

איז ניט געווען איין באל, איין טהעאטער, וואס זיא זאל דורכלאזען. אנגעטהאן איז זיא געווען שטענדיג זעהר מאדיש. נאר ניט קוקענדיג אויף דעם, האט זיא אויסגע־וויזען וויא איינע, וואס האט זיך ענטטוישט אין אלעם, האט אלעמען געזאגט, אז זיא גלויבט ניט אין פריינדשאפט, אין ליעבע, אין קיינע פרייד אין לעבען און וואַרט נאר צו געפינען רוה דאָרטען. זיא האט אנגענומען דעם טאן פון איינער, וואס האט געהאט א גרויסע ענטוישונג אין לעבען, וואס האט פערלאָרען א ליבענדען מענשען, אדער וואס איז גרויזאם בעטראָגען געוואָרען פון א ליבענדען מענשען, באַטשע מיט איהר האט אזא זאך ניט געטראָפען. אלע האבען אויף איהר געקוקט אלס אויף אזעלכע, און זיא אליין האט אויך אנגעהויבען צו גלויבען, אז זיא האט פיעל געליטען אין איהר לעבען. נאר דיזע מעלאנכאָליע האט איהר ניט געשטערט צו זוכען פערגניגענס און דיא יונגע לייט, וואס זיינען צו איהר אריינגעקומען, צו פער־בריינגען פרייליך דיא צייט. יעדער נאסט האט גערעכענט פאר זיין פפליכט צו שפיעלען א וויילע אין מעלאנכאָליע מיט דער ווירטהין און דערנאך בעשעפטיגען זיך מיט וועלטליכע זאכען—מיט טאנצען און שפיעלען. נאר איינינע יונגע לייט, צווישען וועלכע האט זיך אויך געפונען באָריס, האבען זיך מעהר אריינגעטיעפט אין זשולי'ס מעלאנכאָלישער שטימונג, און מיט דיעזע יונגע לייט האט זיא געהאט לענ־גערע און איינזאמע־ע געשפרעכע פון דער הבל הבלים פון דער וועלט.

זשולי איז בעזאנדערס געווען צערטליך מיט באָריס'ן; זי האט בעדויערט, וואס אזוי יונג האט ער זיך שוין ענטטוישט אין לעבען און האט איהם אנגעבאָטען איהר פריינדשאפט. זיא האט פאר איהם געשפיעלט זעהר טרויעריגע מעלאָדיען, און ער האט פאר איהר געלעזען דיא „אָרימע ליזע", און ניט איין מאל האט ער געמוזט אי־בעררייסען דאס לעזען, וויל עס האט איהם פערכאפט ביים הארצען. ווען זיי האָ־בען זיך בעגעגענט אין געזעלשאפט, האבען זיי געקוקט איינע אויף'ן צווייטען, וויא אויף דיא איינציגע צוויי מענשען אין דער וועלט, וואס פערשטעהן איינער דעם צווייטען.

דיא פירסטען דרובעצקאיא איז אפט געפאָהרען צו דיא קאראגינס און האט געהאלטען קאמפאני מיט דער מוטער. דערווייל האט זיא אויסגעפרעגט, וואס פאר א נדן זשולי וועט קריגען.

—אונזער ליעבע זשולי איז נאך אלץ אזוי רייצענד און מעלאנכאָליש, האט זיא געזאגט. באָריס זאגט, אז אין אייער הויז געפינט ער אן אמת'ע רוה. ער האט שוין געהאט אזוי פיעל ענטטושונג אין לעבען.

— אָך, מיין פריינד, וויא איך האָב זיך צוגעבונדען צו זשולי'ן אין דיא לעצטע צייט, פלעגט זי זאָגען צום זוהן, איך קען דיר גאָר ניט פאָרשטעלען ! נאָר ווער קען עס ניט ליעבען איהר? זיא איז גאָר ניט קיין אירדישע וועזען. אָך, באָריס, באָריס ! — זיא איז אויף א רגע אנשווינגען געוואָרען. אָך, מיר רייסט דאָס הארץ פאַר איהר מוטער. זיא האָט מיר היינט געוויזען די רעכנונגען און בריעף פון זייערע גיטער, זיא איז געבאָך איינער אליין און מען נארט איהר פון אלע זייטען.

ביי באָריס'ן האָט זיך געוויזען א לייכטער שמייכעל, ווען ער האָט אויסגעהערט דיא מוטער. ער האָט מילד געלאַכט פון דער מוטערס תמ'עוואטע לוסטינקייט, נאָר דאָך האָט ער אויסגעהערט זעהר אויפמערקזאם און אָפט אליין אויסגעפרעגט וועגען דיא קאראגינס גיטער.

זשולי האָט שוין לאנג געוואָרט א'ן ערקלערונג אין ליעבע פון איהר מעלאנכאָלישען פערעהרער און איז געווען גרייט אָנצונעהמען זיין פאָרשלאָג; נאָר עפּעס א פערבאָרגענער עקעל צו איהר, פאַר וואָס זי גארט אזוי חתונה צו האָבען, פאַר איהר אוננאַטירליכקייט האָט איהם אָבגעהאַלטען צו מאַכען דיא ערקלערונג. אויסער דעם האָט איהם דערפון אָבגעהאלטען דער שרעק אז ער דארף זיך אָבזאָגען פון דער מענליכקייט צו האָבען אווירקליכע ליעבע. די צייט פון זיין אורלויב (אָטפּוסק) האָט געהאַלטען ביים אויסגעהן. ער האָט ביי די קאראגינס פאַרבראַכט גאנצע טעג און יעדען טאָג האָט ער אַלץ אָבגעלעגט, אז מאָרגען וועט ער מאַכען זיין ערקלערונג. נאָר ווען ער האָט אויף איהר געקוקט און געזעהן איהר רויטע געזיכט, איהר שטענדיג בעשאָטענעם מיט פודרע קינ־באק, איהרע פייכטע אויגען און דעם אויסדרוק פון איהר געזיכט וואָס איז געווען שטענדיג פארטיג איבערצוגעהן גלייך פון מעלאנכאָלי צו אַן אוננאַטירליכע שמחה פון פערהייראַטס גליק, האָט ער ניט געקענט ארויסריידען דאָס בעשטימטע וואָרט, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער האָט שוין לאנג ביי זיך אין קאָפּ גערעכענט, אז ער איז דער בעזיצער פון זשולי'ס גיטער און האָט שוין אויסגערעכענט, וויא דיא איינקינפטע זאָלען פערברויכט ווערן.

זשולי האָט געזעהן זיין ענטשלאָסענהייט און האָט זיך איינגעשמועסט, אז ער איז שעמעדיג. אין דער זעלבער צייט איז אין מאָסקווע אראָבגעקומען אנאטאָל קוראגין און איז געוואָרען א'ן איינגעהער צו דיא קאראגינס, און זשולי האָט פּלוצים אוועקגעוואָרפען איהר מעלאנכאָליע, איז געוואָרען זעהר פריילין און אויפמערקזאם צו אנאטאָל'ן.

—מיין פריינד, איך וויס פון זיכערע קוועלען אז פירסט וואסילי האָט אראָבגע-

שיקט זיין זוהן אהער, אום צו פערשלייערען איהם זשולי'ן, האט פירסטין דרובעצקאיא געזאגט צו איהר זוהן באריס. איך האב אזוי ליעב זשולי'ן, אז מיר וואלט זעהר לייד געטהאן פאר איהר. וויא דענקסטו, מיין פריינד?

דער געדאנק, אז ער קען בלייבען א נאר און אז ער האט א חודש ציים אומזיסט געשפיעלט אין מעלאנכאלישע פריינדשאפט מיט זשולי'ן און פערליערען דיא אלע איינקינפטע פון איהרע גיטער, וועלכע ער האט שוין גערעכענט פאר זיינע, און איבערהויפט, אז זיי זאלען אריינפאלען צו דעם נאר אנאנטאל אין דיא הענד, דער געדאנק האט בעליידיגט באריס'ן. ער איז אוועקגעפאהרען צו דיא קאראגינס מיט דעם פעסטען ענטשלוס צו ערקלערען זיך איהר אין ליעבע. זשולי האט איהם בעגעגענט זעהר פרעהליך און אויפגעארמט און האט איהם דערצעהלט, וויא פרעהליך זיא האט נעכטען פערבראכט אויף דעם באל און האט איהם געפרעגט, ווען ער פאהרט. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס באריס איז געקומען מיט דעם פעסטען בעשלוס צו ריידען וועגען זיין ליעבע צו איהר, איז ער געווארען אויפגערייצט און האט גענומען ריידען בייז וועגען דעם, ווי פרויען קענען לייכט איבערגעהן פון טרויער צו פרייד און דאס ווענדט זיך נאר ווער עס דרייט זיך ארום זיי. דזשולי האט זיך בעליידיגט און האט געענטפערט, אז דאס איז אמת, נאר שטענדיג איינס און דאס זעלבע קען דערעסען.

— אויב אזוי וואלט איך אייך געראטהען.... האט באריס אנגעהויבען, וועלענדיג איהר אריינלאזען א טיעפע שפילקע, נאר דא האט ער זיך פלוצים דערמאנט, אז ער קען אוועקפאהרען פון מאסקווע ווי א נאר, און ער האט זיך אבגעהאקט אין מיטען, האט אראבגעלאזט דיא אויגען און געזאגט: איך בין ניט געקומען אהער צו קריגען זיך. אין געגענטהייל.... ער האט אויף איהר א קוק געטהאן, אום צו זעהען אויב מען קען פארטזעצען. איהר צורייצטקייט איז פלוצים פערשוואונדען געווארען און איהרע בעט:נדע אויגען האבען זיך דורשטיג אויסגעשטעלט אויף איהם. „איך וועל שוין קענען איינארדענען אזוי, אז איך זאל איהר וועניג זעהן, האט ער געטראכט, און איצט האב איך אנגעהויבען, דארף מען ענדיגען". ער איז רויט געווארען און אויפהויבענדיג די אויגען האט ער געזאגט: איהר ווייסט מיינע געפיהלען צו אייך. מעהר האט ער ניט געדארפט ריידען, נאר זיא האט איהם געצוואונגען, ער זאלען זאגען אלץ, וואס מען רעדט געוויינליך אין אזעלכע פעלע, אז ער האט איהר ליעב, און קיין מאל האט ער קיין פרויענצימער ניט געליעבט אזוי וויא איהר. זיא האט געוואוסט, אז פאר איהר נדן מעג זי פאדערען אזא זאך און זי האט געקראגען, וואס זיא האט

געפאָדערט.

חתן־כלה האָבען איצט אוועקגעוואָרפען די מעלאַנכאָליע און האָבען גענומען אויסאַרבייטען פּלענער, וויא איינצואָרדנען א פּראַכטפאָלע הויז אין פּעטערבורג, און גענומען זיך צוגרייטען צו א חתונה.

גראַף איליא ראָסטאָוו מיט נאַטאשאַ און סאָניאַ זיינען אָנגעקומען אין מאָסקווע ענדע יאַנואַר. די גרעפין איז נאָך אַלץ געווען קראַנק און האָט ניט געקענט קומען מיט זיי, און וואַרטען ביז זיא וועט ווערען בעסער, האָט מען ניט געקענט; יעדען טאָג האָט מען געוואַרט אויף אַנדריי'ס קומען; אויסערדעם האָט מען געדאַרפט צוגרייטען נאַטאַשאַ'ס נאַרדעראָב, מען האָט געדאַרפט פערקויפען א גוט און אויסנוצען די אַנוועזענהייט פון דעם אַלטען פירסט אין מאָסקווע, אום פאָרצושטעלען איהם זיין קינפטיגע שנור.

ראָסטאָווס הויז אין מאָסקווע איז געווען ניט געהייצט, אויסער דעם זיינען זיי אַראָבגעקומען; אויף א קורצע צייט, די גרעפין איז ניט געווען און דעריבער האָט איליא ראָסטאָוו בעשלאָסען, אָבצושטעלען זיך ביי מאַריא אַכראָסימאָווא, וועלכע האָט שוין לאַנג זיי אָנגעבאָטען איהר גאַסטפריינדליכקייט.

שפּעט אין דער נאַכט זיינען אַריינגעפאָהרען די ראָסטאָווס פיער וועגען צו אַכראָסימאָווא אין הויף. אַכראָסימאָווא האָט געלעבט אַליין. איהר טאָכטער האָט התונה געהאַט און איהרע זיהן האָבען געדיענט.

זיא איז נאָך געווען אויף, ווען די ראָסטאָווס זיינען אָנגעקומען. מאַריא אַכראָסימאָווא מיט אַראָבגעלאָזטע ברילען איבער דער נאָז פערוואָרפענדיג דעם קאָפּ אַהינטער איז געשטאַנען אין טהיר פון זאַל און האָט געקוקט מיט א שטרענגען און בייזע מינע אויף די אַריינקומענדע. מען האָט געקענט דענקען, אַז זיא איז אין כעס אויף די געסט און וועט זיי באַלד אַרויסטרייבען, ווען זיא וואָלט צו דער זעלבער צייט ניט געגעבען בעפעהלען מיט דער גרעסטער זאָרג, וויא פערנאַנדערצושטעלען די זאַכען, וואָס די געסט האָבען געבראַכט און וואָס פאַר צימערן אָבצופיהרען פאַר די געסט.

ווען די געסט האָבען זיך איבערגעטהאָן און זיינען אַריינגעקומען צו טהיי, האָט זיך מאַריא אַכראַסימאָוונא מיט אַלעמען צוקוסט.

— זעהר צופריעדען, וואָס איהר זייט פאָרפאָהרען צו מיר, האָט זי געזאָגט, שוין לאַנג צייט געוועזן, האָט זיא געזאָגט, א וואָרף טהוענדיג א בעדייטענדען בליק אויף נאַטאַשאַ'ן: דער אַלטער איז דאָ און דעם זוהן ערוואַרט מען יעדען טאָג. מען דאַרף

זיך מיט איהם בעקענען. נאר וועגען דעם וועלען מיר שפּעטער ריידען האט זיא געזאגט, א קוק טהוענדיג אויף סאָניאַ'ן אזוי, וואָס האט געוויזען, אז אי איהר געגענוואָרט וויל זיא וועגען דעם ניט ריידען. איצט זאָג, וויא זיינען דיינע געשעפטען, האָט זיא זיך געווענדט צום גראף.

— אלץ איז אָנגעקומען מיט א מאָל, האט דער גראף געענטפערט. מען דארף שמאטעס אָנקויפען, אָבזוכען א סוחר אויף א גוט און די הויף. אויב איהר וועט ער־לויבען, וועל איך אויף א טאָג אוועקפאָהרען און דיא מיידלאך איבערלאָזען ביי אייך.

— נישקשה; זיי וועלען זיין ביי מיר גאנץ. איך וועל מיט זיי פאָהרען וויא מען דארף און וועל אויסזידלען, ווען מען דארף און א גלעט טהאָן.

אויף מאָרגען איז מאַריא אכראָסימאָווא אוועקגעפאָהרען מיט דיא מיידלאך צו מאדאַם אָבער־שאַלמע און האָט בעשטעלט דיא גאנצע גארדעראָבע פאר נאטאַשאַ'ן, און ווען זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט, האָט זיא אַלעמען אויסער נאטאשאַ'ן ארויסגעטריבען פון צימער און צוגערופען איהר צו פאָטעל.

— איצט וועלען מיר א ביסעל ריידען. איך גראטוליר דיך מיט דעם חתן. ער איז א וואוילער יונג. איך בין זעהר צופרידען מיט דיין אויסוואהל. איך קען איהם, ווען ער איז נאָך געווען א קינד (זיא האָט געוויזען ביי איין ארשין הויך פון דער ערד). איך האב איהם ליעב און זייער גאנצע הויזגעזינד. איצט הער מיך אויס. דו ווייסט דאָך, אז דער אַלטער פירסט ניקאָלאי איז אונצופריעדען, וואָס זיין זוהן וויל חתונה האָבען. ער האָט זיינע שגעונות. פערשטעהסט זיך, אנדריי איז ניט קיין קינד און קען זיין שטעדטיל אליין בעשטעהן, נאָר עס איז ניט גוט אריינצוגעהן אין א פאמיליע געגען דעם ווילען פון א פאָטער. מען קען עס מאכען שטיל און רוהיג. דו ביזט ניט קיין נאָר און דו וועסט שוין וויסען וויא צו האנדלען. דו וועסט עס פיהרען גוט און קלוג און עס וועט זיין גוט.

נאטאשא האָט געשוויגען. מאַריא אכראָסימאָוונא האָט געדענקט, אז דאָס איז צוליעב שעמעדיגקייט, נאָר אין דער ווירקליכקייט איז נאטאשאַ'ן געווען אונאנגענעהם, צוליב וואָס זייטיגע מישען זיך אריין אין איהר ליעבע מיט אנדרייען. איהר האָט אויסגעוויזען, אז קיינער קען ניט פערשטעהן. זיא האָט געליעבט און געליעבט און געקענט נאָר איין אנדרייען, ער האָט איהר געליעבט און האָט געדארפט באַלד אָנקומען און צונעהמען איהר. מעהר האָט זיא ניט געוואָלט וויסען.

— איך קען איהם שוין לאנג און מאשענקע'ן, דיין שוועגעריו האב איך ליעב. זיא איז אזא גוטע, אז זיא וועט קיין פליעג אויף דער וואנד ניט אנריהרען. זי האט מיך געבעטען, איך זאל דיך בעקאנט מאכען מיט איהר. מארגען וועסטו מיטן פאטער אריבערפארען צו איהר. ראזעשע זיך צו צו איהר, דו ביזט איינער פון איהר. און ווען דיינער וועט שוין קומען וועסטו שוין זיין בעקאנט מיט דער שוועסטער און מיט'ן פאטער און זיי וועלען דיך שוין ליעב האבען. וועט אזוי ניט זיין בעסער?

— בעסער, האט נאטאשא געענטפערט אונצופריעדען.

V

אויף'ן צווייטען טאג איז גראף איליא ראסטאוו אוועקגעפאהרען מיט נאטאשא'ן צום פירסט ניקאלאי באלקאנסקי. דאס איז געווען מארי אבראסימאווא'ס ראטה צו פאהרען. דער גראף האט זיך געקליבען צו דעם וויזיט ניט מיט קיין פרייליכען הארצען. ער האט גוט געוואוסט, וואס פאר א בייזער מענש ער איז. נאטאשא, אין גע־נענטהייל, איז געווען זעהר פרייליך. זיא האט אנגעטהאן איהרע בעסטע קליידער און געטראכט, אז עס איז אונמעגליך, אז זיי זאלען איהר ניט ליעב קריגען, אלע האבען איהר אימער געליעבט. און זיא איז פערטיג צו טראגען אלץ, וואס זיי וועלען ווינשען, איז פערטיג זיי ליעב צו האבען, דעם אלטען פירסט, פאר וואס ער איז זיין פאטער און איהר פאר וואס זיא איז זיין שוועסטער, און זיי וועלען ניט קענען ניט ליעב האבען איהר.

זיי זיינען צוגעפאהרען צום פירסט'ס אלטע הויז און זיינען אריין אין פאר־הויז.

— טהו נאט פון אונז דיין חסד ניט אב, האט דער גראף געזאגט האלב לאַ־בענד און האלב ערנסט; נאר נאטאשא האט בעמערקט, אז דער פאטער האט שטיל און ציטערנדיג געפרעגט, צו דער פירסט איז צו הויזע. די דיענער זיינען אוועק מעל־דען וועגען זייער קומען און צווישען זיי איז נאכדעם פארגעקומען א טומעל. איינער האט אבגעשטעלט דעם צווייטען און זיי האבען זיך אין דער שטיל געשושקעט. אין זאל איז באלד ארויסגעלאפען א דיענסטמיידעל, האט דערמאנט וועגען מאריען און מען האט זיך ווייטער געשושקעט. ענדליך איז ארויסגעקומען אין אלטער דיענער און האט געמעלדעט, אז דער פירסט קען ניט עמפפאנגען; נאר דיא טאכטער בעט דיא געסט צו זיך. דיא ערסטע איז צו זיי ארויסגעקומען מאד־על בוריען. זיא האט זעהר העפליך בעגעגענט דעם פאטער מיט דער טאכטער און

האט זיי געפיהרט צו מארין. מארי איז צו זיי געשווינד ארויסגעלאפען אנטקעגען און האט זיך געוואלט וויזען פריי און פריינדליך. נאטאשא איז פון דעם ערשטען אויגענבליק ניט געפעלען געווארען מארי׳ן. זיא האט איהר אויסגעוויזען פאר א גרויסע פוצערקע און לייכטזיניג פרייליכע. מארי האט ניט געוואוסט, אז נאך איידער זיא האט געזעהען איהר קינפטיגע שוועגערין, איז שוין ביי איהר אין הארצען געווען עפעס געגען איהר פון א ניט־ווילענדיגע קנאה צו איהר שיינקייט, יוגענד און גליק און פון אייפערזוכט צו דער ליעבע פון איהר ברודער. אויסער דעם, איז זיא געווען זעהר ערגערט אין דיעזער מינוט, וואס דער פאטער, ווען מען האט איהם געמעלדעט וועגען זייער קומען, האט אנגעהויבען צו שרייען, אז ער דארף זיי ניט האבען, אז מארי קען זיי עמפפאנגען, ווען זיא וויל, נאר צו איהם זאל מען זיי ניט צולאזען. מארי האט זיך בעשלאסען זיי צו עמפפאנגען, נאר זיא האט מורא געהאט יעדע מינוט, אז דער פאטער זאל ניט אבטהאן עפעס א שפיצעל.

—אט האב איך אייך געבראכט מיין זינגערין, האט דער אלטער גראף געזאגט, ווענדענדיג זיך צו מארי׳ן און ארומקוקענדיג זיך אונרוהיג, וויא מורא האבענדיג, אז דער אלטער פירסט זאל פלוצים ניט ערשיינען. איך בין זעהר צופריעדען, וואס איהר האט זיך בעקאנט.... מיר טהוט לייד, זעהר לייד, וואס דער פירסט איז ניט געזונד. און זאגענדיג נאך עטליכע פראזען האט ער זיך אויפגעהויבען. אויב איהר וועט מיר ערלויבען אויף איין פיערטעל שטונדע איבערצולאזען אייך מיין טאכטער, וועל איך אריבערפאהרען עטליכע טריט פון דאנען צו א בעקאנטען.

איליא ראסטאוו האט אויסגעטראכט דיזע דיפלאמאטישע קונצשטיק, אום מארי זאל ניט זיין געשטערט אין איהר אונטערהאלטונג מיט נאטאשא, וויא ער האט שפעטער ערקלערט זיין טאכטער און אויך אויסצומיידען א בעגעגעניס מיטן אלטען פירסט, פאר וועמען ער האט מורא געהאט. דאס האט ער ניט געזאגט זיין טאכטער, נאר נאטאשא האט פערשטאנען זיין מורא און אונרוהיגקייט, און האט זיך דערפיהלט בעליידיגט. זיא איז רויט געווארן פאר איהר פאטער און איז נאך מעהר אין כעס געווארען, פאר וואס זיא איז רויט געווארן. זיא האט מיט א דרייסטען און ארויסרופענדען בליק א קוק געטהאן אויף מארי, און דער בליק האט געהאט אזוי פיעל צו זאגען, אז זיא האט פאר קיינעם קיין מורא ניט.

ניט קוקענדיג אויף די אונרוהיגע בליקען, וואס מארי האט געווארפען אויף בוריען און האט מיט דעם געוויזען, אז זיא ווינשט צו פערבלייבען אונטער פיער אויגען מיט נאטאשא׳ן, איז בוריען פון צימער ניט ארויסגעגאנגען און האט עפעס געהאל־

טען איהר געשפרעך וועגען די מאָסקווער פערגניגענס און טהעאַטערע. נאַטאַשא האָט זיך געפונען בעזיידינגט פון דער פערלעגענהייט וואס איז פאָרגעקומען אין פאַר צימער ביי זייער אנקומען פון דער אונרוהיגקייט, וואס איהר פאָטער האָט ארויס־געוויעזען און פון דעם אוננאַטירליכען טאָן וואָס מאַרי האָט אָנגענומען מיט איהר. איהר האָט אויסגעוויעזען, וויא מאַרי דענקט אז זיא האָט געטאָן א טובה, וואָס זיא האָט איהר עמפפאַנגען. און דאריבער איז איהר דאָ אלץ געווען אונאַנגענעהם. מאַ־רי איז איהר ניט געפעלען געוואָרען. זיא האָט איהר אויסגעוויזען פאַר זעהר א העס־ליכע, פערשטעלטע און טרוקענע. נאַטאַשא האָט זיך פלוצים גייסטיג איינגעקאָר־טשעט און האָט ניט ווילענדיג אָנגענומען עפּעס א נאַכלעסיגען טאָן, וואָס האָט איהר נאָך מעהר אָבגעשטויסען פון מאַריין. נאָך א פינף מינוטיג'שווערען געשפרעך האָבען זיך דערהערט פלינקע טריט, וואָס זיינען נעהנטער צוגעקומען צו זיי. ביי מאַ־ריין אויפ'ן געזיכט האָט זיך ארויסגעוויזען א שרעק און דער אלטער פירסט איז אריין אין א ווייסע מיץ און כאַלאַט.

— אַח, פריילין, האט דער אלטער פירסט אָנגעהויבען, פריילין, גרעפין.... גרעפין ראָסטאָווא, אויב איך האָב קיין טעות ניט, ביטע אום פערצייהונג, פערציי־הונג.... איך האָב ניט געוואוסט, פריילין. גאָט איז מיין עדות. איך האָב ניט געוואוסט, אז איהר האָט אונז בעעהרט מיט אייער בעזוך, בין אריין אין דעם קאָסטיום צו מיין טאָכטער. ביטע אום פערצייהונג.... גאָט איז מיין עדות איך האָב ניט געוואוסט, האָט ער וויעדערהאָלט אזוי ניט נאַטירליך, דריקענ־דיג אויף דעם וואָרט גאָט און אזוי אונאַנגענעהם, אז מאַרי איז געשטאַנען מיט אראָבגעלאָזענע אויגען, ניט וואַגענדיג א קוק צו טהאָן ניט אויף דעם פאָטער און ניט אויף נאַטאַשאַ'ן. נאַטאַשא האָט זיך אויפגעהויבען און צוריקגעזעצט און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן.

—ביטע אום פערצייהונג, ביטע אום פערצייהונג! גאָט איז מיין עדות, איך האָב ניט געוואוסט, האָט ער געוואָרטשעט און בעקוקענדיג נאַטאַשאַ'ן פון קאָפּ ביז די פיס, איז ער ארויסגעגאַנגען. בוריען איז געווען די ערשטע צו בענייען דאָס געשפרעך און האָט גענומען רעדען וועגען דעם פירסטס קראַנקהייט. נאַטאַשא און מאַרי האָבען שטיל געקוקט איינע אויף דער צווייטע און וואָס לענגער זיי האָבען אזוי געקוקט איינע אויף דער צווייטע, ניט ארויסזאָגענדיג, וואָס זיי האָבען געדאַרפט זאָגען, האָ־בען זיי אלץ ערגער געדענקט איינע וועגען דער צווייטער.

מען דער גראַף איז צוריקגעקומען, האָט זיך נאַטאַשא אונהעפליך דערפרייט

און גענומען זיך איילען אוועקצופאָהרען; אין דער מינוט האָט זיא ניט געקענט אָנזעהן דיא אלט'ע, טרוקענע מארי, וועלכע האָט איהר געקענט אוועקשטעלען אין אזא אונבעקוועמע לאגע און מיט וועלכע זיא האָט פערבראכט א האלבע שעה, ניט זאָגענדיג איין ווארט וועגען אנדרייען. „איך האָב דאָך ניט געקענט די ערשטע אָנהויבען צו ריידען וועגען איהם, ווען דיא פּראָנצעזין איז דאָ געזעסען" האָט געטראכט נאטאשא. מארי האָט זיך אין דער זעלבער צייט אויך געפּלאָגט מיט דעם זעלבען געדאנק. זיא האָט געוואוסט, וואס זיא האָט געדארפט ריידען מיט נאטאשא'ן, נאָר זיא האָט עס ניט געקענט טהאָן, ערסטענס ווייל בוריען איז דאָ געזעסען און צווייטענס ווייל זיא האָט אליין ניט געוואוסט, פאר וואָס איז איהר אזוי שווער געווען צו ריידען וועגען דעם ברודער'ס חתונה.

ווען דער גראף איז שוין ארויס פון צימער, איז מארי מיט גיכע טריט צוגע־גאנגען צו נאטאשא'ן, האָט איהר אָנגענומען פאר דער האנד און שווער אָבזיפצענ־דיג זיך, האָט זיא געזאָגט: „ווארט, איך דארף נאָך"....

נאטאשא האָט שפּעטיש א קוק געטהאָן אויף איהר.

— ליעבע נאטאלי, האָט מארי געזאָגט ווייסט אז איך בין זעהר צופרידען, וואָס דער ברודער האָט געפונען גליק ... זיא האָט זיך אָבגעהאקט אין מיט'ן פיהלענדיג, אז זיא זאָגט א ליגען. נאטאשא האָט עס בעמערקט און פערשטאנען, וואָס דאָס בעדייט.

— איך דענק, אז איצט איז ניט דיא צייט צו ריידען וועגען דעם, האָט נאטא־שא געזאָגט מיט אן אויסערליכע ווירדע און קאלטקייט, נאָר טרערען האָבען איהר געשטיקט אין האלז.

„וואָס האָב איך געזאָגט, וואָס האָב איך געטהאָן" האָט זיא געזאָגט צו זיך, ווען זיא איז ארויס פון צימער.

א לאנגע צייט האָט מען אין דעם טאָג געווארט אויף נאטאשא'ן מיט מיטאג. זי איז געזעסען ביי זיך אין צימער און געוויינט ווי א קינד, שנייצענדיג דיא נאָז און בליפּענדיג. סאָניא איז געשטאנען איבער איהר און האָט איהר געקוסט אין די האָר.

— נאטאשא, וואָס איז דיר? האָט זיא צו איהר גערעדט. וואָס געהען זיי דיר אָן? זיי וועלען בעסער ווערען נאטאשא.

— ניין, ווען דו זאָלסט וויסען, וואָס פאר א פּאטש אין פּנים דאָס איז, אזוי וויא איך וואָלט געווען......

— רייד ניט, נאטאשא, דו ביזט דאָך ניט שולדיג און זאָל דאָס דיר נאָר ניט

הארען. גיב מיר א קוס, האט סאניא געזאגט.

נאטאשא האט אויפגעהויבען דעם קאפ און א קוס טהוענדיג איהר אין דיא ליפען, האט זיא צונעטוליעט צו איהר איהר פייכטע געזיכט.

— איך וויים ניט, קיינער איז נישט שולדיג, האט נאטאשא גערעדט, איך בין שולדיג. נאר דאך איז דאס א שרעקליכער וויהטאג. אח, פאר וואס קומט ער שוין נישט....

מיט רויטע אויגען איז זיא ארויס צום טיש. מאריא אבראסימאוונא האט שוין געוואוסט, וואס פאר א קבלת פנים זיי האבען געהאט ביים אלטען פירסט און זיא האט זיך געמאכט, ווי זי בעמערקט ניט נאטאשא'ס פערוויינטע געזיכט און האט געלאכט און געטריבען קאטאוועס מיט'ן נראף און מיט דיא איבריגע געסט ביי'ם עסען.

VII

אין דעם זעלבען אבענד זיינען די ראסטאווס געפאהרען אין אפערא, א בילעט האט פאר זיי גענומען מאריא אבראסימאוויא.

נאטאשא האט נישט געוואלט פאהרען, נאר זיא האט זיך ניט געקענט אבזאג־גען, וויסענדיג, אז דאס האט מאריא געטהאן ספעציעל פאר איהר. ווען זיא איז ארויס אין זאל און אנגעטהאנענע און האט זיך דערזעהן אין שפיעגעל, אז זיא איז שיין, זעהר שיין, איז זיא נאך מעהר טרויעריג געווארען, נאר דער טרויער איז געווען זיס און ליעבליך.

„מיין גאט, ווען ער זאל דא איצט זיין, איך וואלט זיך איצט פאר איהם ניט געשראקען אזוי נארעש ווי דאמאלסט, איך וואלט איהם אזוי איינפאך ארומגענומען און צוגעטוליעט זיך צו איהם און וואלט איהם געצוואונגען צו קוקען אויף מיר מיט יענע נייגעריגע אויגען, מיט וועלכע ער פלעגט קוקען אויף מיר און דערנאך גע־מאכט איהם לאכען ווי ער האט דאמאלס געלאכט. ווי זיי שטעהען פאר מיר די אויגען זיינע!“ האט נאטאשא געטראכט. „און וואס געהען מיר אן זיין פאטער, זיין שוועסטער. איך האב ליעב איהם אליין, איהם, מיט זיין געזיכט, מיט זיינע אויגען מיט זיין שמייכעל, א מענליכער שמייכעל און צו דער זעלבער צייט א קינדערשער. ניין, בעסער ניט צו טראכטען וועגען איהם. בעסער צו פערגעסען איהם דערוויל. איך וועל ניט אויסהאלטען דאס ווארטען, איך וועל זיך גלייך צוויינען“ און זי איז אבגענאנגען פון שפיגעל אנטהוענדיג איבער זיך א כח, ניט צו צוויינען זיך. „און ווי קען עס סאניא אזוי רוהיג ליעבען און ווארטען אויף ניסאלענקאן, אזוי לאנג און

נעדולדיג", האט זי געטראכט, קוקענדיג אויף סאָניא'ן, וואס איז איצט אריינגעקומען אויפגעגנעטהאָן מיט א פעדער אין האנד. „ניין, זיא איז גאר אן אנדערע. איך קען אזוי ניט!"

נאטאשא האט זיך אין דער מינוט דערפיהלט אזוי צופיעסטעט, אז פאר איהר איז געווען ווענינ צו ליעבען און וויסען אז מען האט איהר ליעב. זיא האט נעדארפט האבען שוין דעם מענשען, וועלכען זי האט געליעבט, צוטוליען זיך צו איהם און הערען פון איהם ליעבע ווערטער, מיט וועלבע איהר הארץ איז געווען פול. ווערענד זיא איז געפאָהרען מיטן פאטער אין דער קארעטע און האט געקוקט אויף דיא לאמטערנעס, וואס האבען געשפרונגען פערביי איהר, האט זיא זיך נעפיהלט נאך מעהר פערליעבט און טרויעריג און האט פערגעסען מיט ווועמען און וואהין זיא פאָהרט.

ווען זיי זיינען אריין אין קאָרידאָר וואס האט געפיהרט צו זייער לאָזשע, האט צו זיי דערגרייכט די קלאנגען פון מוזיק. דער קאפעלדינער איז געשווינד און העפליך ארויסגעשפרונגען צו זיי און געעפענט דיא טהיר פון דער לאָזשע. דיא מוזיק האט זיך דערהערט העכער, אין דיא רייהען לאָזשעס האבען א בליץ געטהאָן מיט דיא נאקעטע אקסלען און ארמס פון דיא דאמען. דער פארהאנג האט זיך נאך ניט אויפגעהויבען. נאטאשא איז אריין צוזאמען מיט סאָניא'ן און געזעצט זיך, בעקוקענדיג די בעלויכטענע רייהען לאָזשעס. די הונדערטער אויגען וואס האבען יעצט געקוקט אויף איהרע נאקעטע אקסלען און ארמען, האבען ביי איהר ארויסגערופען א געפיהל, וואס איז געווען צו דער זעלבער צייט אי אנגענעהם אי אונאנגענעהם און עראינערונגען, ווינשע און ערענונגען, וואס האבען קאָרעספאָנדירט מיט דיעזען געפיהל.

דיא צוויי שיינע מיידלעך נאטאשא און סאָניא און דער גראף איליא, וועלכער איז שוין א צייט ניט געווען אין מאסקווע האבען צו זיך צוגעצויגן אלעמענס אויפמערקזאמקייט. אויסער דעם האבען אלע געוואוסט, אז נאטאשא איז פער'קנס'ט מיט אנדרייען. און מען האט מיט נייגיערדע געקוקט אויף דיא כלה פון איינעם פון דיא בעסטע חתנים פון רוסלאנד.

נאטאשא איז אין דארף שעהנער געווארען וויא אלע האבען איהר געזאגט און צוליעב איהר ערענונג איז זיא איצט געווען בעזאָנדערס שעהן. זי האט אלעמען איבערראשט מיט איהר לעבעדינקייט און שעהנהייט און מיט דער גלייכגילטינקייט צו דעם, וואס טהוט זיך ארום איהר. איהרע שווארצע אויגען האבען געקוקט אויף

רער מעננע, ניט זוכענדיג קיינעם און איהר דינע האנד, וואָס איז נעוועז אָנגע־שפּארט אָן רוקען פון שטוהל, האָט זיך אָהן איהר וויסען פערקוועטשט און גע־עפענט אין טאקט פון שפיעלען, קנייטשענדיג דיא אפּישע.

אין טהעאטער האָבען זיך יעצט געפונען פילע זייערע בעקאנטע, דאָ איז געוועזען באָריס מיט זיין כלה און זיין מוטער, דאָ איז געוועזען דאָלאָכאָוו, און דער צווייטער לאָזשע פון זיי איז געזעסען דיא גרעפין בעזוכאָווא, פּיער׳ס ווייב.

— זיא איז שעהן, האָט דער גראף געזאָגט אין דער שטיל צו נאטאשאַן, מיי־נענדיג דיא גרעפין בעזוכאָווא.

— וואונדער שעהן! האָט נאטאשא געזאָגט. אין איהר קען מען זיך פערליעבען.

אין דער מינוט האָט זיך אויפגעהויבען דער פאָרהאַנג.

VIII.

אויף דער ביהנע זיינען געשטאנען גלייכע ברעטלאך, פון די זייטען זיינען געווען געפארבטע בילדער, וואָס האבען פאָרגעשטעלט בוימער, פון הינטען זיינען דיא ברעטלאך געווען בעצויגען מיט לייוואנד. אין מיטען ביהנע זיינען געזעסען מיידלאך אין רויטע קאָרסאַזשען און ווייסע קליידלאך. איינע, זעהר א דיקע, אין א ווייסע זיידענע קלייד איז געזעסען בעזונדער אויף א נידריגען ביינקעל צו וועלכען עס איז פון הינטען געווען צוגעקלעבט א גרינער טאקטור. זיי אלע האָ־בען עפּעס געזונגען. ווען זיי האָבען געענדיגט זייער ליעד, איז דאָס דיקע מיידעל אין ווייסען קלייד צוגעגאנגען צום סופלער׳ס שטיבעלע און צו איהר איז צוגעקומען א מאנספּערזאָן מיט איינגעצויגענע זיידענע הויזען אויף דיא דיקע פיס, מיט א פעדער אין דאָלך און האָט אָנגעהויבען צו זינגען און מאכען מיט דיא הענד.

פריהער האָט דער מאנספּערזאָן געזונגען אליין, דערנאָך האָט זי געזונגען. דער־נאָך זיינען זיי ביידע אנשווייגען געוואָרען און די מוזיק האָט אָנגעהויבען צו שפּילען. דערנאָך האָבען זיי ווידער ביידע געזונגען און אלע אין טהעאטער האָבען אָנגעהויבען צו פּאטשען בראוואָ און צו שרייען און דער מאנספּערזאָן און פרויענצימער, וואָס האָבען פאָרגעשטעלט פערליעבטע האָבען מיט א שמייכעל אָנגעהויבען צו פער־נייגען.

נאָכ׳ן דאָרף און אין דעם ערנסטען צושטאנד, אין וועלכען נאטאשא האָט זיך געפונען, האָט איהר דאָס אלץ אויסגעוויזען אזוי משונה׳דיג און ווילד. זיא האָט ניט געהערט דיא מוזיק, זיא האָט נור געזעהען דיא געפארבטע טאקטור, און דיא משונה׳דיגע קליידער פון דיא מענער און פרויען אויף דער ביהנע.

זיא האט געוואוסט, וואס דאס דארף בעדייטען, נאר דאס אלץ איז געווען אזוי פאלש און ניט נאטירליך, אז דא האט זיא זיך געשעמט פאר די אקטיארען און דא האט זיא זיי געוואלט אויסלאכען. זיא האט גענומען בעקוקען די צושויער און האט געזוכט אין זייערע געזיכטער דאס זעלבע געפיהל, וואס זיא האט געהאט; נאר אלע געזיכטער זיינען געווען אויפמערקזאם און האבען אויסגעדריקט א געמאכטע, וויא נאטאשא'ן האט אויסגעוויזען, ענטציקונג. „מסתמא דארף אזוי זיין" האט נאטאשא געטראכט. זיא האט דערוויל בעקוקט די פארפיומירטע קעפ אין פארטער, די נעבלויזטע פרויען אין דיא לאזשעס און מעהר פון אלעמען האט זיא בעטראכט איהר שכנה עלען, וועלכע איז געווען זעהר נעבלויזט און האט מיט א שטילען און רוהיגען שמייכעל ניט אראבגענומען די אויגען פון דער סצענע. נאטאשא האט ביסלעכוויז גענומען אריינפאלען אין א פער'שכורטען צושטאנד. זיא האט ניט גערענקט, וואס זיא איז, וואו זיא איז און וואס דא קומט פאר. זיא האט געקוקט און געטראכט און דיא פערשיעדענסטע נעדאנקען זיינען איהר געקראכען אין קאפ. דא איז איהר אריין א געדאנק ארויפצושפרינגען אויף'ן ראנד ביהנע, וואו די לעמפלאך דינען, און זינגען דיא אריע, וואס דיא אקטריסע האט געזונגען, דא האט זיך איהר פערגלוסט א פורקע טהאן מיט'ן פעכער אן אלטען מאן, וואס איז געזעסען ניט ווייט פון איהר און דא איז איהר אריין א געדאנק אראבבויגען זיך צו עלען און א קיצעל טהאן איהר.

אין איינע פון יענע מינוטען, ווען אויף דער ביהנע ווערט שטיל און עס דארף זיך אנהויבען אן אריע, האבען זיך דערהערט טריט פון א פערשפעטיגטען מאנספערזאן אין דער ריכטונג צו עלען'ס לאזשע. יעמאנד האט א מורמעל געטהאן: „אט איז קוראגין!" עלען האט אומגעווענדעט דעם קאפ מיט א שמייכעל צו דעם אריינקומענדען. נאטאשא האט דערזעהן אן אויסערארדענטליך שיינעם אדיוטאנט. דאס איז געווען אנאטאל קוראגין, וועלכען נאטאשא האט שוין געזעהען אויף א פעטערבורגער באל. ער איז אריין צו עלען אין דער לאזשע און בעמערקענדיג נאטאשא'ן האט ער עפעס געפרעגט ביי עלען, ווייזענדיג אויף איהר.

— זעהר שיין, האט ער געזאגט וועגען נאטאשאן. זיא האט ניט געקענט הערען, וואס ער זאגט, נור זיא האט עס פערשטאנען פון דער בעוועגונג, וואס ער האט געמאכט מיט זיינע ליפען.

— וויא געראטען איז דער ברודער אין דער שוועסטער, האט דער גראף געזאגט און וויא שיין זיי זיינען ביידע!

דער ערשטער אקט האט זיך געענדיגט און באריס איז אריינגעקומען אין ראסטאווס לאזשע און האט איבערגעגעבען נאטאשא'ן און סאניא'ן זיין כלה'ס ביטע, אז זיי זאלען זיין אויף איהר חתונה. נאטאשא האט איהם גראטולירט מיט א קאקעטישען שמייכעל און ער איז ארויסגעגאנגען.

דערנאך איז צו זיי אין לאזשע אריינגעקומען פיער און האט א לאנגע צייט גערעדט מיט נאטאשא'ן. אין מיטען געשפרעך האט נאטאשא דערהערט א מענליכע שטימע און זיא האט פערשטאנען, אז דאס רעדט אנאטאל. זיא האט זיך ארומגעקוקט און האט זיך בעגעגענט מיט זיינע אויגען. ער האט איהר געקוקט גלייך אין די אויגען כמעט שמייכלענדיג מיט אזא ענטציקטען בליק; אז עס האט אויסגעוויזען זעלטזאם צו זיין מיט איהם אזוי נאהענט, זיין אזוי זיכער, אז דו געפעלסט איהם און ניט זיין בעקאנט מיט איהם.

אין צווייטען אקט זיינען געווען אויסגעשטעלט בילדער, וואס האבען פארגעשטעלט מאנומענטען און אין דעם לייוואנד איז געווען א לאך, וואס האט פארגעשטעלט א לבנה און פון רעבטס און לינקס זיינען אריינגעקומען מענשען אין שווארצע מאנטלען. דיא מוזיק האט געשפיעלט און די מענשען האבען אנגעהויבען צו מאכען מיט דיא הענד און אין דיא הענד האבען זיי געהאלטען עפעס אזעלכע דאלכען. דערנאך זיינען אנגעלאפען נאך אנדערע מענשען און זיי האבען אנגעהויבען צו שלעפען יענע דיקע מיידעל, וואס איז פריהער געווען אנגעטהאן אין א ווייסט און דערנאך אין א בלוי קלייד. זיי האבען מיט איהר א לאנגע צייט געזונגען און ערסט דערנאך אוועקגעשלעפט און הינטער דיא קוליסען האט מען א קלאפ געטהאן אין עפעס א מעטאלענע כלי און אלע האבען זיך געשטעלט אויף דיא קניע און אנגעהויבען צו זינגען א געבעט, עטליכע מאל זיינען דיא האנדלונגען איבערגעריסען געווארען מיט דונערענדע אפלאדיסמענטען.

אין דעם פערלויף פון דעם אקט איז יעדעס מאל, וואס נאטאשא האט א קוק געטהאן אויף דער פארטערע, האט זיא דערזעהען אנאטאל קוראגינען, וויא ער איז געזעסען פערלעגט איין האנד איבערן רוקען פון זיין שטוהל און האט געקוקט אויף איהר. איהר איז געווען אנגענעהם צו זעהען אז ער איז אזוי ענטציקט פון איהר און איהר איז אין קאפ ניט אריין, אז אין דעם איז פאראן עפעס ניט גרטעס.

ווען דער צווייטער אקט האט זיך געענדיגט, האט זיך דיא גרעפין בעזכאיא אויפגעהויבען און אומגעווענדט צו דיא לאזשע, וואו דיא ראסטאווס זיינען

געזעסען (איהר בוזים איז געווען אין גאנצען ענטבלויזט), האט מיט'ן פינגער א רוף געטאן צו זיך דעם אלטען גראף און האט מיט איהם פערפיהרט א געשפרעך.

— שטעלט מיך פאר פאר אייערע שיינע טעכטער, האט זיא געזאגט, דיא גאנצע שטאדט צורייסט זיך זיי לויבענדיג און איך קען זיך מיט זיי ניט.

נאטאשא האט זיך אויפגעהויבען און פערנייגט פאר דיא גרעפין בעזוכאיא. נאטאשא האט זיך אזוי געפיהלט געקיצעלט פון איהרע ווערטער, אז זיא איז רויט געווארען פון פערגניגען.

— איך וויל איצט אויך ווערען א מאסקווער, האט געזאגט עלען. און וויא טהוט אייך דאס ניט באנג צו בעגראבען אזעלכע פערלען אין דארף!

דיא גרעפין בעזוכאיא האט ניט אומזיסט געהאט א נאמען פאר א פרוי, וואס קען בעצויבערען. זיא האט געקענטריידען זאכען וואס זיא האט ניט געדענקט און איבערהויפט האט זיא זיך אויסגעצייכענט מיט איהרע חניפות, וואס האבען אויסגעוויזען גאנץ נאטירליך.

— ניין, ליעבער גראף, איהר וועט מיר ערלויבען צו אונטערהאלטען זיך מיט אייערע טעכטער. איך האב נאך אין פעטערסבורג געהערט וועגען אייך און האב געוואלט בעקענען זיך מיט אייך, האט עלען געזאגט צו נאטאשא'ן מיט איהר איינפארמיגען שיינעם שמייכעל. איך האב וועגען אייך געהערט פון מיין פאזש דרובעצקי—איהר האט געהערט, ער האט חתונה, און פון מיין מאן'ס פריינד, פירסט אנדריי באלקאנסקי. זיא האט דיא לעצטע פאר ווערטער לענגער געצויגען, געבענדיג מיט דעם אנצוהערענים, אז זי וויים זיינע פערהעלטניסע צו נאטאשא'ן. זי האט געבעטען, אז איינע פון דיא פרייליינס זאלען איבערגעהען צו איהר אין לאזשע, אום בעסער צו בעקענען זיך, און נאטאשא איז איבערגעגאנגען צו איהר.

אין דריטען אקט האט דיא סצענע פארגעשטעלט א האף, וואו עס האבען געברענט פיעל ליכט און עס זיינען געווען אויסגעשטעלט בילדער, וואס האבען פארגעשטעלט ריטער מיט בערד. אין מיטן זיינען געשטאנען, וואהרשיינליך, א קייזער און קייזערינע. דער קייזער האט א מאך געטהאן מיט דער רעכטער האנד און האט עפעס אויסגעזונגען, ציטערנדיג, זעהר שלעכט און געזעצט זיך אויף זיין טהראן. דאס דיסע־מיידעל, וואס איז פריהער געווען אין א וויסע און דערנאך אין א בלויע קלייד, איז איצט געווען אין איין העמד מיט צולאזטע האאר און איז געשטאנען נעבען טהראן. זיא האט עפעס געזונגען אומעדיג, ווענדענדיג זיך צו דער קייזערינע; נאר דער קייזער האט שטרענג א מאך געטאן מיט דער האנד און פון

דיא זייטען זיינען אריינגעקומען מענער און פרויען מיט הוילע פיס און האבען גענ־
מען טאנצען אלע צוזאמען. דערנאך האבען די פידלען גענומען שפיעלען זעהר פריי־
ליך און איין מיידעל מיט דיקע פיס און דארע הענד איז אבגעגאנגען אן א זייט,
האט פערריכט דעם קארסאזש אין איז ארויס אין מיטען און גענומען שפרינגען און
קלאפען מיט איין פוס אן צווייטען. אלע אין פארטערע האבען אנגעהויבען צו פאַ־
טשען בראווא. דערנאך איז ארויסגעגאנגען א מאנספערזאן מיט היילע פיס און
האט גענומען שפרינגען זעהר הויך (דאס איז געווען דיופאר, וועלכער האט בע־
קומען 60 טויזענד א יאהר פאר דער קונסט). אלע צושויער האבען גענומען
שרייען מיט אלע כוחות און ווילד אפלאדירען, און דער מאנספערזאן האט זיך
גענומען פערנייגען אין אלע זייטען מיט א שמייכעל. דערנאך האבען גענומען טאנ־
צען נאך אנדערע מענער און פרויען, דערנאך האט איינער פון דיא קיסרים עפעס
אויסגעשריען און אלע האבען גענומען זינגען. דערנאך איז געווארען עפעס א צומי־
שענים, אלע האבען ווייטער גענומען לויפען שלעפענדיג איינעם הינטער די קוליסען
און דער פארהאנג האט זיך אראבגעלאזט. צווישען דיא צושויער איז ווידער געוואָ־
רען א גערויש און אלע האבען גענומען שרייען:

— דיופאר! דייפאר! דיופאר!

— נאטאשא'ן האט דאס שוין ניט אויסגעוויזען ווילד. זיא האט מיט פער־
גניגען געקוקט ארום זיך.

— ניט וואהר, דיופאר איז אונאיבערטרעפליך? האט עלען געזאגט, ווענדענ־
דיג זיך צו נאטאשא'ן.

— אה, יא, האט געענטפערט נאטאשא.

X

צווישען דעם דריטען און פיערטען אקט האט זיך דיא טהיר אין עלען'ס לאזשע
געעפענט און אנאטאל איז אריינגעקומען.

— ערלויבט מיר פארצושטעלען אייך מיין ברודער, האט געזאגט עלען, איבער־
לויפענדיג אונרוהיג מיט דיא אויגען פון נאטאשא'ן אויף אנאטאלען. נאטאשא האט
צו איהם אומגעווענדעט איהר שיין קעפעל און האט צו איהם א שמייכעל געטהאן.
אנאטאל האט זיך געזעצט נעבען איהר און געזאגט, אז ער האט שוין לאנג גע־
וואונשען צו האבען דאס פערגניגען צו בעקאנען זיך מיט איהר, נאך ווען ער האט
איהר געזעהן אויפ'ן באל אין פעטערסבורג. קוראגען איז מיט פרויען געווען קליגער
און איינפאכער וויא מיט מענער. ער האט זיך ניט געשטערט צו רעדען, וואס ער

האט געוואלט און נאטאשא'ן האט איבערראשט, וואס אין איהם איז ניט געווען צו מערקען קיין שרעקליכעס, נאכדעם וויא זיא האט זיך ווענען איהם אנגעהערט אזוי פיעל זאכען, אין נעגענטהייל. ער האט געהאט זעהר א פרייליכען, אונשולדיגען און גוטמוטהיגען שמייכעל.

קוראגין האט איהר געפרעגט, וואס פאר אן איינדרוק די אפערא האט אויף איהר געמאכט און האט איהר דערצעהלט, וויא אין פאריגען ספעקטאקעל איז סע־מיאנאווא געפאלען שפיעלענדיג.

— איהר ווייסט, גרעפין, האט ער צו איהר געזאגט פלוצים, וויא צו אן אלטער בעקאנטער; מיר מאכען א קארוסעל (מיטעלאלטערישע ריטערישע שפיעל), איהר האט בעדארפט נעהמען אנטהייל אין דעם עס וועט זיין זעהר פרייליך. אלע ווערען זיך צוזאמענקלייבען ביי דיא קאראגענס. איך בעט אייך, סומט. וועט איהר קומען? האט ער געזאגט.

ריידענדיג האט ער ניט אראבגעלאזט זיינע שמייכלענדע אויגען פון נאטאשאס געזיכט, פון איהר האלז פון איהרע נאקעטע הענד. נאטאשא האט געוואוסט, אז ער בעוואונדערט איהר און דאס איז איהר געווען אנגענעהם, נאר זי האט זיך גע־פיהלט ענג און שווער פון זיין געגענווארט. ווען זיא האט אויף איהם ניט געקוקט, האט זי געפיהלט, אז ער קוקט אויף איהרע אקסלען און זי האט ניט ווילענדיג אי־בערגעכאפט זיין בליק, ער זאל בעסער קוקען איהר אין דיא אויגען. נאר קוקענדיג איהר אין די אויגען, האט זי מיט שרעק געפיהלט, אז צווישען איהם און איהר איז ניטא יענער צאם פון בושה, וואס זי האט שטענדיג געפיהלט צווישען זיך און אנדע־רע מענער. אין עטליכע מינוט ארום האט זי זיך דערפיהלט שרעקליך נאהענט מיט איהם. ווען זיא האט זיך אבגעקעהרט האט זיא מורא געהאט, אז ער זאל איהר פון הינטען ניט אנכאפען פאר דער הוילער האנד און א קוש טהאן אין האלז, זיי האָ־בען גערעדט וועגען נאר געוואוינליכע זאכען, און זיא האט געפיהלט אז זי איז מיט איהם אזוי נאהענט, וויא זיא איז נאך קיין מאל ניט געווען מיט קיין מאנספערזאן. נאטאשא האט זיך אומגעקוקט אויף עלען, אויף'ן פאטער, וויא זיא וואלט זיי געפרעגט, וואס דאס בעדייט, נאר עלען איז געווען פערנומען אין א געשפרעך מיט עפעס א גענעראל, און זיא האט איהר ניט געענטפערט אויף איהר בליק, און דעם פאטער'ס בליק האט נאר ניט געזאגט, אויסער וואס זיין בליק האט אימער גע־רעדט: „פריילעך? איך בין זעהר צופריעדען".

— וויא געפעלט אייך מאסקווע? האט זיא געפרעגט, ווען צווישען זיי איז גע־

ווארן שטיל. זי האָט געמאכט די פראגע און איז רויט געוואָרן: איהר האָט אויס־געוויזען, אז זיא טהוט עפּעס אונאנשטענדיגעס, ווען זיא רעדט מיט איהם. אנאטאָל האָט א שמייכעל געטאָן און געענטפערט:

— אָנפאנגס איז מיר מאָסקווע ווענינ געפעלען געוועז, ווייל וואָס מאכט א שטאָט אנגענעהם? שיינע פרויען, ניט וואהר? נאָר איצט געפעלט זיא מיר מעהר.

קומט צום קאָרוסעל, האָט ער געזאָגט און אויסגעשטרעקט דיא האנד צו איהר בוקעט. קומט, איהר וועט דאָרטען זיין דיא שעהנסטע. קומט צופאָהרען און אלס א משכון גיט מיר דיזע בלום.

נאטאשא האָט ניט פערשטאנען, וואָס ער האָט געזאָגט, אזוי וויא ער אליין האָט ניט געוואוסט, וואָס ער רעט, נאָר זי האָט געפיהלט, אז אין דעם ליגט בע־האלטען עפּעס אונאנשטענדיגעס. זי האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן און האָט זיך אָבגעקעהרט, כלומרשט וויא זיא האָט ניט געהערט, וואָס ער האָט גע־זאָגט.

„ער מוז איצט זיין פערשעמט? אין כעס? מען דאָרף עס נאָך פעררי בטען" האָט זי געזאָגט צו זיך. זי האָט זיך ניט געקענט איינהאלטען ניט אומצוקוקען זיך. זיא האָט איהם א קוק געטהאָן גלייך אין דיא אויגען, און זיין נאָהענטקייט און זיכערקייט און גוטמוטהיגער שמייכעל האָבען איהר בעזיעגט. זיא האָט איהם געענטפערט מיט אזא שמייכעל, וויא זיינער, קוקענדיג איהם גלייך אין דיא אויגען. און זיא האָט ווייטער דערפיהלט מיט שרעק, אז צווישען זיי איז ניטאָ קיין צאם.

דער פאָרהאנג האָט זיך ווידער אויפגעהויבען. אנאטאָל איז ארויסגעגאנגען פון דער לאָזשע רוהיג און פרייליך. נאטאשא האָט זיך צוריקגעקעהרט צום פאָטער אין לאָזשע, אין גאנצען אונטערוואָרפען יענער וועלטיל, אין וועלכער זיא האָט זיך געפונען. אלץ, וואָס איז איצט פאָרגעקומען פאר איהר האָט איהר געשיינט גאנץ נאטיר־ליך; נאָר דערפאר זיינען אלע פריהערדיגע געדאנקען וועגען דעם חתן, וועגען מארי וועגען דעם לעבען אין דאָרף אין גאנצען ארויס פון זינען, אזוי וויא דאס אלץ וואלט געוועזען אין דער ווייטער, ווייטער פערגאנגענהייט.

אין פיערטען אקט איז געוועזען עפּעס א טייוועל, וואָס האָט געזונגען און גע־מאכט מיט דיא הענד אזוי לאנג, ביז אונטער איהם האָט זיך ארויסגערוקט א ברע־טיל און ער האָט זיך אהין ארונטערגעלאָזט. דאָס איז געוועזען אין גאנצען, וואָס זיא האָט געזעהן פון דעם פיערטען אקט: זיא איז געוועזען ערדענט און עפּעס האָט

איהר געפיינינגט. דיא אורזאכע פון דער ערדעגונג איז געווען קוראגען, אויף וועלכען זיא האט ניט ווילענדיג געקוקט. ווען זיי זיינען ארויס פון טהעאטער, איז אנאטאל צוגעקומען צו זיי, האט צוגערופען זייער קארעטע און האט זיי געהאלפען אריינזעצען זיך. ווען ער האט אריינגעזעצט נאטאשא'ן, האט ער איהר א דריק געטהאן דיא האנד העכער פון עלענבויגען. נאטאשא האט זיך אויף איהם אומגעקוקט ערדעגט און רויט. ער האט צערטליך געשמייכעלט און געקוקט אויף איהר.

נאר ווען זיא איז געקומען א היים, האט נאטאשא נוט געקענט בעטראכטען, וואס מיט איהר איז געווען, און פלוצלינג דערמאנענדיג זיך אן אנדרייען, האט זיא זיך דערשראקען, און ווערענד אלע זיינען געזעסען ביי טהיי, האט זי אין דער הויך א קרעכץ געטאן און בענעסענדיג זיך מיט א רויטקייט, איז זיא ארויסגעלאפען פון צימער. „גאט מיינער! איך בין פערפאלען!" האט זיא געזאגט צו זיך. „ווי אזוי האב איך עס געקענט דערלאזען דערצו?" א לאנגע צייט איז זיא געזעסען, בעדעקענדיג איהר רויטע געזיכט מיט דיא הענד, זוכענדיג א קלארען ענטפער, וואס אזוינס איז מיט איהר געווען, נאר זיא האט ניט געקענט פערשטעהן, וואס מיט איהר איז געווען און וואס זי האט געפיהלט. יעדע זאך האט איהר אויסגעוויזען דונקעל, פינס־טער און שרעקליך. דארטען אין דעם גרויסען בעלויכטעטעם זאל וואו איבער דיא נאסע ברעטלאך איז געשפרונגען מיט הוילע פיס דיופאר אין א רעקיל מיט פלי־טערלאך און וואו יונגע און אלטע און דיא אויסגעבלויזטע עלען האבען געפאטשט בראווא, דארטען איז יעדע זאך געווען איינפאך און קלאר. נאר איצט ווען זיא איז געווען אליין מיט זיך איז דאס געווען אונפערשטענדליך. וואס בעדייט דער שרעק, וואס זיא האט געפיהלט פאר איהם? וואס בעדייט דיא געוויסענביסע, וואס זיא פיהלט איצט? האט זיא זיך געפרעגט.

אויסדערצעהלען אלץ, וואס זי האט געדענקט, האט זיא נאר געקענט דער אל־טער גרעפין, איהר מוטער, אריינקריכענדיג ביי נאכט צו איהר אין בעט. סאניא'ן האט זיא ניט געקענט דערצעהלען ווייל זיא וואלט איהר ניט פערשטאנען אדער זיא וואלט זיך זעהר דערשראקען פון איהר געשטענדניס. און נאטאשא האט אליין גע־זוכט אן ענטפער אויף דיא פראגען, וואס האבען איהר געמוטשעט.

„בין איך שוין פערלארען פיר אנדריי'ס ליעבע אדער ניט?" האט זיא זיך גע־פרעגט און מיט א בערוהיגענדע שמייכעל האט זיא געענטפערט: וואס פאר א נאר איך בין. פאר וואס פרעג איך אזא זאך? וואס איז מיט מיר געשעהן? נאר ניט.

איך האב גאר ניט געטהאן. קיינער וועט דערפון ניט וויסען, און איך וועל איהם מעהר קיין מאל ניט זעהן. אלזא איז קלאר, אז קיין זאך איז ניט געשעהן, אז עס איז ניטא פאר וואס חרטה צו האבען און פירסט אנדריי קען מיך ליעבען אויך אזא. נאר וויא אזא? אח גאט, גאט מיינער! גאט מיינער! פאר וואס איז ער דא ניטא!

אויף א'ן אויגענבליק האט זיא זיך בערוהיגט, נאך דערנאך האט איהר ווידער א'ן אינערליכע שטימע געזאגט, אז כאטשע דאס אלץ איז אמת, און כאטשע קיין זאך איז ניט געווען, נאר איהר פריהערדיגע ריינע ליעבע צו אנדרייען איז פערלארען געגאנגען.

X.

אנאטאל קוראגען האט זיך איצט געפונען אין מאסקווע, ווייל דער פאטער האט איהם ארויסגעשיקט פון פעטערבורג, וואו ער פערלעבט מעהר וויא צוואנציג טויזענד רובעל א יאהר אין מזומן און אזוי פיעל אין חובות. דיא קרעדיטארען האבען דאס געלד געפאדערט פון דעם פאטער.

דער פאטער האט ערקלערט דעם זוהן, אז א העלפט חובות זיינע וועט ער אבצאהלען, נאר דאס וועט זיין דאס לעצטע מאל און טהאן וועט ער מיט דער בעדינגונג, אז ער זאל פאהרען אין מאסקווע און אויסזוכען א רייכע כלה. ער האט איהם אנגעוויזען אויף מארי באלקאנסקאיא און אויף זשולי קאראגינא.

אנאטאל האט איינגעווילינט און איז אוועקגעפאהרען אין מאסקווע. פערפארען איז ער צו פיער'ן, וועלכער האט איהם צוגענומען אנפאנגס ניט ווילענדיג, נאר דערנאך איז ער צו איהם צוגעוואוינט געווארען.

אלע מאסקווער דאמען זיינען פאר איהם אויסגעגאנגען בעזאנדערס דערפאר, וואס ער האט זיך מיט זיי ניט אינטערעסירט און ציגיינערס און פראנצויזישע אקטעריסעס האבען געהאט מעהר חן אין זיינע אויגען. ער איז געווען אויף אלע הולאנקעס און האט ניט איבערגעלאזט קיין אבענד און קיין באל אין דער הויכער געזעלשאפט. איינינע אינטריגעס האט ער געהאט מיט דיא מאסקווער דאמען, נאר פון מיידלאך, בעזאנדערס פון די רייכע כלות, וועלכע זיינען מייסטענס געווען העסליך האט ער געווייכט. מיט צוויי יאהר צוריק האט ער חתונה געהאט אין פוילען, ווערענד זיין פאלק איז דארטען געשטאנען מיט דער טאכטער פון א פוילישען, ניט קיין רייכען בעזיצער. צו דער חתונה איז ער געווען געצוואונגען און באלד האט ער זיין ווייב אוועקגעווארפען און פארן נעלד, וואס ער האט איהר צוגעשיקט האט

ער אָבגעמאַכט מיט׳ן שוועה, אז זיין חתונה זאָל בלייבען א סוד זאַך, און דערפון האָבען נאָר געוואוסט זיינע גאָר נאָהענטע בעקאַנטע.

נאַטאַשאַ האָט אויף איהם געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק. ביים סאַפּער נאָכן טהעאַטער האָט ער וויא א קענער געגומען ערקלערען דאָלאָכאָוו׳ן דיא ווירדע פון איהרע הענד, אַקסלען פיס, און האָר און געזאָגט, אז ער וועט איהר מאַכען דעם האָף. וואָס וועט דערפון ארויסקומען האָט ער ניט געקענט בעטראַכטען און וויסען, אזוי וויא ער האָט קיין מאָל ניט געוואוסט, וואָס עס וועט ארויסקומען פון יעדער זאַך, וואָס ער טהוט.

— זי איז א פעטער ביסען, אָבער ניט פאַר אונז, ברודער, האָט געזאָגט דאָלאָכאָוו.

— איך וועל זאָגען דער שוועסטער, אז זיא זאָל איהר איינלאַדען צו זיך אויף א מיטאָג, האָט געזאָגט אַנאַטאָל. וואָס זאָגסטו?

— וואַרט בעסער, ביז זיא וועט חתונה האָבען....

— דו ווייסט דאָך, האָט געזאָגט אַנאַטאָל. איך פערגעטער מיידלאַך.

— דו ביזט שוין איין מאָל אריינגעפאַלען מיט א „מיידעל״, האָט געזאָגט דאָלאָכאָוו, וואָס האָט געוואוסט פון זיין חתונה. גיב בעסער אכטונג.

— נו, צוויי מאָל קען מען ניט אריינפאַלען, הא? האָט אַנאַטאָל געזאָגט מיט א געמאַכטען שמייכעל.

אויף מאָרגען נאָכ׳ן טהעאַטער זיינען דיא ראָסטאָווס ערגעץ ניט ארויסגעפאָהרען, און קיינער איז צו זיי ניט געקומען. מאַריא אַבראַסימאָווא, האָט זיך עפּעס אין דער שטיל געסוד׳עט מיטן אַלטען גראַף בעהאַלטענדיג זיך פון נאַטאַשאַ׳ן. נאַטאַשאַ האָט זיך אָנגעשטויסען אז זייריידען װעגען דעם אַלטען פירסט באָלקאָנסקי און דאָס האָט איהר בעאונרוהיגט און בעליידיגט. זיא האָט יעדע מינוט געוואַרט, אז אַנדריי וועט אָנקומען פון זיין רייזע אין אויסלאַנד און האָט צוויי מאָל געשיקט א בעדיענטען אויסגעפינען, צו ער איז ניט געקומען, אַנדריי איז נאָך ניט געקומען. איהר איז איצט געוועזען שווערער, וויא אין די ערסטע צייט פון זייער שיידען זיך. צו איהר אונגעדולד און טרויער האָט זיך נאָך פערמישט די אונאַנגענעמע ערינערונג וועגען דער בעגעגעניס מיט מאַרי און דעם אַלטען פירסט, און אויף איהר איז אָנגעפאַלען א שרעק און אונרוהיגקייט און זיא האָט אַליין ניט געוואוסט פאַר וואָס. איהר האָט אַלץ אויסגעוויזען, ענטוועדער אַנדריי וועט זיך קיין מאָל ניט צוריקקעהרען אָדער איידער ער וועט זיך צוריקקעהרען וועט מיט איהר עפּעס געשעהן. איצט

האָט זי ניט געקענט, ווי פריהער, דענקען רוהיג וועגען איהם. ווי נאר זי האט אָנגעהויבען צו טראכטען וועגען איהם, האָט זיך צו דער עראינערונג וועגען איהם צוגעמישט די עראינערונג וועגען מאריין, וועגען דעם אלטען פירסט, וועגען דער אָפּערא און וועגען אנאטאָל קוראגען. ביי איהר איז ווידער ארויסגעשוואומען די פראגע, צו זי איז שולדיג אין בעצוג צו אנדרייען און צו זי איז איהם געבליבען אזוי געטריי ווי זי איז געווען פריהער און זי האָט זיך ווידער געצוואונגען ארויסצורופען אין איהרע געדאנקען יעדעס וואָרט, יעדע בעוועגונג, יעדע מינע פון יענעם מענשען, וועלכער האָט געקענט ארויסרופען ביי איהר א געפיהל, וואָס איז פאר איהר געווען אונפערשטענדליך און שרעקליך. דיא שטובינגע האָבען געפונען, אז נאטאשא איז געוואָרן בעלעבטער, נאָר אין אמתן איז זיא שוין ווייט ניט געווען אזוי רוהיג און גליקליך.

זונטאג נאָך פריהשטאק האט זיך מאריא אַבראָסימאָוונא אָנגעטהאָן יום-טובדיג און האָט ערקלערט, אז זיא פאָהרט צו פירסט ניקאָלאי באלקאנסקי, אום דורכצורײדען זיך מיט איהם וועגען נאטאשא'ן.

נאָך איהר אוועקפאָהרען איז צו די ראָסטאָווס געקומען צופאָהרען א מאָדיסטין פון מאדאם שאלמע און נאטאשא איז געווען זעהר צופריעדען מיט דער געלעגענהייט ארויסצושלאָגען זיך פון איהרע געדאנקען. ווען זיא האָט געהאלטען אין אָנמעסטען דיא קליידער, האָט זיא דערהערט אין גאסט-צימער בעלעבטע שטימען. זיא האָט דיא שטימען דערקענט, דאָס האט גערעדט איהר פאָטער מיט עלען. באלד האָט זיך דיא טיהר פון איהר צימער געעפענט, און עלען איז אריינגעקומען מיט א גוט-מוטהיגען שמייכעל אין א דונקעל-ליליען סלייד פון סאמעט מיט א הויבען קראגען.

— אח, וויא רייצענד! האט זיא געזאָגט צו נאטאשא'ן, וואָס האָט זיך בענאָסען מיט א רויטקייט. ניין, מען טאָר אזוי ניט זיין, האָט זי געזאָגט צום אלטען גראף וואָס איז אריין באלד נאָך איהר. זיין אין מאָסקווע און ערגעץ ניט ארויספאָהרען! ניין איך וועל שוין פון אייך ניט אָבטרעטען! היינט אבענד וועט מאדמאזעל זשאָרזש דעקלאמירען ביי מיר און אייניגע געסט וועלען זיך צוזאמענקלייבען. מיין מאן איז ניטאָ, ער איז אוועקגעפאהרען אין טווער, אז ניט וואָלט איך איהם געשיקט צו אייך. אויב איהר וועט ניט ברענגען צו פיהרען אייערע שיינהייטען וועל איך פון אייך ניט וועלען וויסען.

זיא האָט זיך אריינגעזעצט אין א פאָטעל נעבען שפּיעגעל און האָט נישט אויפ־

געהערט צו פּלאַפּלען און צו בעשיטען נאַטאַשאַ'ן מיט קאָמפּלימענטען. זיא האָט געלויבט נאַטאַשאַ'ס קליידער און איהרע אייגענע קלייד, וואָס זיא האָט בעקומען פון פּאַריז און וואס איז געמאַכט פון „מעטאַלענעם גאַז". און האָט גע־ראַטהען נאַטאַשאַ'ן זיא זאָל זיך אויך מאַכען אַזאַ.

— איבריגענס, אייך געהט אלץ, וואס איהר טהוט אָן. האָט זיא געזאָגט.

פון נאַטאַשאַ'ס געזיכט איז ניט אַראָב א שמייכעל פון פערגעניגען. זיא האָט זיך געפיהלט גליקליך און בליהענד פון עלענ'ס ווערטער. איהר איז געוואָרן פריילין, און האָט געפיהלט, אז זיא איז פערליעבט אין דיזע שיינע און גוטמוטהיגע פרויענ־צימער. עלען פון איהר זייט איז וויקרליך געווען ענטציקט פון נאַטאַשאַ'ן. זיא איז אהער געקומען, ווייל דער ברודער אנאַטאָל האט איהר געבעטען אז זיא זאָל איהם צונויפפיהרען מיט נאַטאַשאַ'ן, און דער געדאַנק איז איהר געווען געפעלען.

צום מיטאָג האָט זיך סאריא אַבראָסימאָווא צוריקגעקעהרט. זיא איז געווען ערנסט און שוויינענדיג, קענטיג אז זיא האָט געהאט א נידערלאַגע ביים אלטען פירסט. ווען דער גראַף האָט איהר געפרעגט וואס הערט זיך, האט זיא געענטפערט, אז עס איז גוט און מאָרגען וועט זיא דערצעהלען. דערוויסענדיג זיך אז דיא גרעפען בעזוכאיא איז דא געווען מיט א וויזיט און האָט איינגעלאַדען צו זיך אויפ'ן אבענד, האָט זיא געזאָגט:

— ארומפיהרען זיך מיט דיא בעזוכאיא געפעהלט מיר גאָר ניט; נור אויב דו האָסט פערשפּראָכען, פאָהר, דו וועסט זיך אביסעל צערשטרייען, האט זיא געזאָגט צו נאַטאַשען.

XII

גראַף איליא אַנדרעאיטש האט אוועקגעפיהרט זיינע מיידלאַך צו דער גרעפין בעזוכאיא. דא זיינען געווען א סך מענשען פערזאמעלט נאָר נאַטאַשאַן זיינען אלע געווען פרעמד. דער גראַף איז געווען זעהר אונצופרידען, בעמערקענדיג, אז די גאַנ־צע געזעלשאַפט איז בעשטאַנען פון אַזעלכע, וואס האבען געהאט א שם מיט זייער לייכטזיניגקייט. ער האט בעשלאָסען ניט צו שפּיעלען אין קאָרטען, ניט אָבצוטרע־טען פון דיא מיידלאַך און אוועקפאָהרען, וויא נאָר זשאָרזש וועט ענדיגען איהר פאָרשטעלונג.

אַנאַטאל האט אָבגעוואַרט דיא ראַסטאַווס ביי דער טהיר. ער האָט בעגריסט דעם אלטען גראַף און איז נאַכגעגאַנגען נאָך נאַטאַשאַ'ן. וויא נאר זיא האט איהם דערזעהן, איז אויף איהר אָנגעפאַלען יענער געפיהל פון א נאַרעשען פערגניגען פאַר

וואס זיא נעפעהלט, אזוי וויא אין טהעאטער און פון א שרעק וואס צווישע די איז ניטא קיין מאראלישע אבצאמונג.

עלען האט זעהר פרייליך בעגעגענט נאטאשאן. זשארזש איז ארויס פון צימער, אום איבערצוטהאן זיך פאר דער פארשטעלונג. אין זאל האט מען גענומען צו שטעלען שטוהלען. אנאטאל האט פאר נאטאשאן צוגערוקט א שטול און האט זיך געוואלט זעצען נעבען איהר נאר דער גראף האט פון נאטאשאן די אויגען ניט אראבגענומען און האט זיך אליין געזעצט נעבען איהר. אנאטאל האט זיך געזעצט פון הינטען.

מאדמואזעל זשארזש איז באלד אריינגעקומען מיט דיקע, הוילע הענד, און א רויטע שאל, פערוואָרפען איבער איין אקסעל און האט זיך אניעדערגעשטעלט אין אן אוננאטירליכע פאזע. זיא האט מיט אפינסטערן בליק בעקוקט דיא געזעלשאפט און האט אויפגעהויבן איהר שטימע, ערטער וויז האט זיא געשעפטשעט, אויפהוירענדיג פייערליך דעם קאפ און ערטערוויז האט זיא זיך אבגעשטעלט און האט געבריפעט מיט פערגלאצטע אויגען.

— נעטליך! וואונדערבאר! האט זיך געהערט פון אלע זייטען.

נאטאשא האט געקוקט אויף דיא דיקע זשארזש, נאר זיא האט קיין זאך ניט געהערט, ניט געזעהען און ניט פערשטאנען, וואס דא [illegible] זיא האט זיך נאר ווידער דערפיהלט אין יענער זעלטזאמער משונה'דיגער וועלט, אין וועלכער מען קען ניט וויסען, וואס גוט איז וואס שלעכט איז, וואס קלוג איז און וואס ווילד איז. הינטער איהר איז געזעסען אנאטאל און פיהלענדיג זיין נאהענטקייט, האט זי צושראָקען ערוואַרט עפעס.

נאכ'ן ערסטען מאָנאָלאג האט זיך די גאנצע געזעלשאפט אויפגעהובען און האט ארומגערינגעלט די אקטעריסע און אריינגעלויבט איהר אין טאג אריין.

— וויא שיין זיא איז! האט נאטאשא געזאגט צום פאטער, וועלכער האט זיך אויך אויפגעהויבען און גענומען זיך דורכשטופען צו דער אקטעריסע.

— קוקענדיג אויף אייך, געפין איך ניט אז זיא זאל זיין אזוי שיין, האט אנאטאל געזאגט אזוי אז נאר זיא אליין זאל איהם הערען. איהר זייט רייצענד שיין.... פון דער מינוט, וואס איך האב אייך דערזעהען, האב איך ניט אויפגעהערט....

— קום, נאטאשא, קום, האט דער גראף געזאגט, צוריקקעהרענדיג זיך נאך נאטאשא'ן.

נאטאשא האט נאר ניט געזאגט, זיא איז צוגעגאנגען צום פאטער און האט אויף איהם געקוקט מיט פראגענדע פערוואונדערטע אויגען.

נאכדעם וויא דיא דעקלאמאציע האט זיך געענדיגט, האט דער גראף געוואלט אוועקפאהרען, נאר עלען האט איהם גענומען בעטען, אז ער זאל ניט איבערפיהרען איהר באל, און זיי זיינען פערבליבען. אנאטאל האט אנגאזשירט נאטאשא׳ן צו א וואלצער און אין טאנצען, וועהרענד ער האט געהאלטען צוגעדריקט איהר טאליע אין האנד האט ער איהר געזאגט, אז זי איז רייצענד און אז ער ליעבט איהר. נאך דעם טאנצען ווען זיי זיינען געבליבען אליין האט ער איהר נארניט געזאגט ער האט נאר געקוקט אויף איהר. נאטאשא האט גענומען צווייפלען, צו האט זיך איהר ניט גע־חלומ׳ט דאס, וואס ער האט איהר געזאגט אין טאנצען. זיא האט אויף איהם אויפ־געהויבען איהרע צושראקענע אויגען, נאר דער אויסדרוק פון זיין גליק־ליכען בליק איז געווען אזוי זעלבסטפערטרויליך און צערטליך, אז קוקענדיג אויף איהם, האט זיא ניט געקענט זאגען דאס, וואס זיא האט געהאט צו זאגען. זי האט אראבגעלאזט דיא אויגען.

— זאגט מיר ניט אזעלכע זאכען. איך בין פער׳קנסט און האב ליעב א׳ן אנ־דערן, האט זיא ארויסגערעדט אין דער גיך. זיא האט אויף איהם א קוק געטהאן. אנאטאל איז ניט פערשעמט געווארען און האט זיך ניט געקלעמט פון איהרע ווערטער.

— רעדט מיר ניט וועגען דעם. וואס געהט עס מיר אן? האט ער געזאגט. איך זאג, אזוי ווי א וואהנזיניגער, וויא א וואהנזיניגער האב איך זיך פערליעבט אין אייך. בין איך דען שולדיג, אז איהר זייט רייצענד?

נאטאשא האט געקוקט ארום זיך מיט גרויסע צושראקענע און אונרוהיגע אויגען און האט אויסגעוויזען פרייליכער ווי געוויינליך. זיא האט כמעט גאר ניט פער־שטאנען, וואס איז פארגעקומען אין דעם אבענד. וואו זיא איז ניט געשטאנען און מיט וועמען זיא האט ניט גערעדט, האט זי אויף זיך געפיהלט זיין בליק. דער פא־טער האט איהר געבעטען, זיי זאלען אוועקפאהרען, נאר זי האט איהם געבעטען אז זיי זאלען נאך א ווילע פערבלייבען. דערנאך האט זי געדענקט, אז זיא האט ביים פאטער געבעטען ערלויבניס אריינצוגעהן אין אנקליידונגסצימער צו פעריכטען איהר קלייד, אז עלען איז ארויס נאך איהר און האט מיט א געלעכטער גערעדט פון איהר ברודער׳ס ליעבע צו איהר, און ווען זי איז אריין אין דעם קליינעם אברוהונגס צימער, איז איהר אנאטאל ווידער אנטקעגען געקומען, שוין איז ערגעץ פערשוואונ־

דען געוואָרען, זיי זיינען געבליבען אליין און אנאמאָל האָט איהר צערטליך אָנגענר־
מען פאר דער האנד און געזאָגט מיט א צערטליכער שטימע:

— איך קען צו אייך ניט פאָהרען; נאָר וועל איך אייך טאקע קיין מאָל ניט
זעהן? איך ליעב אייך, וויא א וואהנזיניגער. וועל איך אייך ווירקליך ניט זעהען
מעהר?.... און פערשטעלענדיג איהר דעם וועג, האָט ער צוגערוקט זיין געזיכט
צו איהרען.

זיינע גרויסע, בליצענדע, מענליכע אויגען זיינען געווען אזוי נעהענט צוגע־
שטעלט צו איהר געזיכט, אז זיא האָט קיין זאך, אויסער דיא אויגען, נישט גע־
זעהען.

— נאטאלי?! האָט פראָגענדיג געשעפּטשעט זיין שטימע און האָט שטייף
געדריקט איהר האנד. נאטאלי?!

„איך פערשטעה נאָר נישט און האָב נאָר נישט צו זאָגען" האָט געזאָגט איהר
בליק.

זיינע הייסע ליפּען האָבען זיך צוגעדריקט צו איהרע ליפּען און אין דער זעל־
בער מינוט האָט זי זיך דערפיהלט ווידער פריי, און אין צימער האָט זיך דערהערט
א גערויש פון טריט און פון א קלייד. דאָס איז עלען אריינגעקומען. נאטאשא האָט
זיך אומגעקוקט אויף עלען, דערנאָך האָט זיא ציטערענדיג און רויט א קוק געטהאָן
אויף איהם מיט צושראָקענע, פראָגענדע אויגען און זיא איז אוועק צו דער טהיר.

— איין וואָרט אום גאָטעס ווילען, נאָר איין וואָרט, האָט אנאטאָל געזאָגט. זי
האָט זיך אָבגעשטעלט. זי האָט איצט געדאַרפט אן ערקלערונג פון דעם, וואס מיט
איהר האָט איצט פּאַסירט.

— נאטאלי, איין וואָרט, איין וואָרט... האָט ער ווידערהאָלט און וויא עס
שיינט, האָט ער ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגען, און ער האָט עס ווידערהאָלט אזוי
לאַנג, ביז עלען איז צו זיי צוגעקומען.

עלען איז צוזאַמען מיט נאטאשא' ארויסגעגאַנגען אין גאסט־צימער. די ראָס־
טאָווס זיינען צום סאַפּער ניט פערבליעבען און זיינען אוועקגעפאָהרען.

קומענדיג אהיים, איז נאטאשא ניט געשלאָפען דיא גאנצע נאכט; זיא האָט
זיך געמוטשעט מיט דער פראגע, וועמען האָט זיא ליעב, אנאטאָלען אָדער פּירסט
אנדרייען? פירסט אנדרייען האָט זיא געליעבט, זיא האָט נאָך געדענקט, וויא
שטארק זיא האָט איהם געליעבט. נאָר אנאטאָלען האָט זיא אויך געליעבט, אין
דעם האָט קיין צווייפעל ניט געקענט זיין. „אז ניט, וויא אזוי האָט דאָס אלץ גע־

קענט פאסירען?" האט זיא נעטראכט. „ווען נאכדעם האב איך נעקענט ביים אבפאהרען ענטפערן מיט א שמייכעל אויף זיין שמייכעל און האב נאר דערצו נעקענט דערלאזען, הייסט עס, אז איך האב איהם ליעב נעקראגען פון דער ערשטער מינוט. און דאס הייסט, אז ער איז גוט, עדעל און שיין און עס איז אונמעגליך ניט ליעב צו האבען איהם. אלזא וואס זאל איך טאן, ווען איך ליעב אי איהם אי א צווייטען?" האט זיא זיך נעפרעגט און האט קיין ענטפער ניט נעפונען אויף דיעזע שרעקליכע פראגען.

XIII.

אין דער פריה, וויא דער טאג האט זיך אנגעהויבען, האט זיך אנגעהויבען דיא נעוואוינליכע יאגענים. עס זיינען ווידער נעקומען דיא מאדיסטיענס, מאריא אבראסימאווא האט נעשיקט רופען אלעמען צו טהיי. נאטאשא האט זיך מיט גרויסע אויגען ארומגעקוקט אויף אלעמען ווערענדיג באפען יעדענס בליק און האט זיך געוואלט ווייזען אזוי רוהיג, וויא זיא איז געווען שטענדיג.

נאכ'ן פריהשטאק האט זיך מאריא אבראסימאווא ארייננעזעצט אין איהר פאטעל און האט צו זיך צונערופען נאטאשא'ן און דעם אלטען גראף.

— נו, מיינע פריינדע, איצט האב איך דיא נאנצע זאך בעטראכט און דאס איז מיין ראטה, האט זיא אנגעהויבען. וויא איהר ווייסט, בין איך נעכטען געווען ביי פירסט ניקאלאי. יא, און איך האב מיט איהם נערעדט.... ער האט מיר נעוואלט ווייזען, וויא ער קען שרייען. נאר מיר וועט ער ניט איבערשרייען! איך האב איהם אלץ ארויסנעזאגט.

— און וואס האט ער נעזאגט? האט דער גראף געפרעגט.

— ער? ער איז משונע.... ער וויל ניט הערען, נאר מיר האבען שוין אזוי אויך אויסגעמוטשעט אונזער ארים מיידעלע. און מיין ראטה איז, אז איהר זאלט ענדיגען, וואס איהר האט צו טהאן און אוועקפאהרען צו אייך אין אטראדנע און דארטען ווארטען....

— אח, ניין! האט נאטאשא אויסגעשריען.

— וואס ניין, איהר זאלט פאהרען, ווי איך זאג אייך און דארטען ווארטען. אויב דער חתן וועט קומען אהער, וועט ער זיך אהן א קריעג ניט בעגעהן. נאר ער אליין וועט שוין מיט'ן פאטער איבעררייידען און דערנאך וועט ער קומען צו אייך.

איליא ראסטאוו'ן איז דער פלאן געפעלען געווארן און האט גלייך פערשטאנען, אז דאס איז די קלינגסטע זאך, וואס זיי קענען טהאן. ווען דער אלטער פירסט וועט

ווייכער ווערען וועט פיעל גלייבער זיין קומען דאמאָלסט צו איהם אין מאָסקווע אָדער אין דיא קאהלע בערג. אז ניט וועט מען נאָר אין אָטראַדנע קענען שטעלען אַ חופה גענען דעם אַלטען פירסטס ווילען.

— ווירקליך, האָט ער געזאָגט. איך בעדויער, וואָס איך בין צו איהם געפאָהרען און געפיהרט איהר אהין.

— בעדויערן איז ניטאָ וואָס. אז איהר זייט געווען דאָ, האָט מען ניט געקענט ניט זיין ביי איהם, און אז ער וויל ניט איז וויא ער וויל זיך, האָט געזאָגט מאַריא אַבראָסימאָווא, זוכענדיג עפּעס ביי זיך אין האַנד-בייטעלע. די נארדעראָב איז שוין פארטיג, וואס האָט איהר נאָך צו ווארטען. און וואָס איז נאָך ניט פארטיג, וועל איך צושיקען.

זיא האָט געפונען אין האַנד-בייטעל דאָס, וואָס זיא האָט געזוכט און האָט עס דערלאנגט נאטאשאַן. דאָס איז געווען אַ בריעף פון מארי.

— דאָס איז צו דיר, האָט מאַריא אַבראַסימאָווא געזאָגט. זי פּלאָגט זיך נעבאך. זיא האָט מורא, אז דו זאָלסט ניט דענקען, אז זיא האָט דיך ניט ליעב.

— זיא האָט מיך טאַקע ניט ליעב, האָט געזאָגט נאַטאַשאַ.

— נאַרעשקייטען, רייד ניט אַזוי, האָט מאַריא אַבראַסימאָווא אַ געשריי געטהאָן.

— איך וועל קיינעם ניט גלויבען; איך וויים, אז זיא האָט מיך ניט ליעב, האָט נאַטאַשאַ געזאָגט, נעהמענדיג דעם בריעף און אויף איהר געזיכט האָט זיך אָבגעדרוקט אַ טרוקענע און בייזע ענטשלאָסענהייט. מאַריא אַבראַסימאָווא האָט איהר אָנגעקוקט דורכדרינגליך און האָט אָנגערוקט די ברעמען.

— דו, מאַמעלע, ענטפער ניט אַזוי, האָט זיא געזאָגט. וואָס איך זאָג, איז אמת. שרייב איהר אָן ענטפער.

נאַטאַשאַ האָט ניט געענטפערט און איז אריין צו זיך אין צימער איבערצולייענען מארי'ס בריעף.

אין בריעף האָט מארי באַלקאָנסקאַיא געשריבען נאַטאַשאַן, אז זיא איז אין פערצווייפלונג פון דעם מיספערשטענדניס, וואָס צווישען זיי איז פאָרגעקומען און האָט איהר געבעטען, זיא זאָל בעשטימען אַ צייט, ווען זיי וועלען זיך ווידער קענען זעהן.

איבערלייענענדיג דעם בריעף, האָט זיך נאַטאַשאַ געזעצט צום שרייב-טיש, אום אנצושרייבען אַן ענטפער. זי האָט מעכאַניש אָנגעשריבען דעם טיטעל און האָט זיך

אָבגעשטעלט. וואָס קען זיא שרייבען וויטער, נאָכדעם וואָס נעכטען האָט מיט איהר פּאַסירט? זאָל זי אָבזאָגען אנדרייען? דאָס איז שרעקליך!.... און אום צו בעפרייען זיך פון אזעלכע שרעקליכע געדאַנקען, איז זיא אװעק צו סאָניאַ'ן און האָט צוזאַמען מיט איהר גענומען בעקוקען מוסטערס.

נאָך מיטאג איז נאַטאַשא אריין צו זיך אין צימער און האָט ווידער גענומען מאַריא'ס בריעף. „איז ווירקליך שוין אלץ געענדיגט?“ האָט זיא געטראַכט. זיא האָט ארויסגערופען אין איהר עראינערונג איהר גאַנצע ליעבע צו אנדרייען און האָט אָבער געפיהלט, אז זיא ליעבט קוראַגינ'ן.

„פאר וואָס זאָל מען דאָס ניט קענען האָבען ביידען?“ איז איהר פון צייט צו צייט אריין אַ געדאַנק, ווען דער קאָפּ איז איהר פערדונקעלט געוואָרען. „נאָר דאַן וואָלט איך געקענט זיין פאָלקאָם גליקליך, איצט דאַרף איך אויסקלייבען און אָהן איינעם פון זיי קען איך גליקליך ניט זיין“. איין זאַך אָבער האָט זיא געוואוסט, אז זאָגען אנדרייען, וואָס מיט איהר איז געשעהן אָדער פערבאָרגען עס פון איהם איז אונמעגליך. און מיט דיעזען אָבער איז קיין זאַך ניט איבערגעפיהרט. נאָר דאַרף זיא זיך ווירקליך שיידען אויף אייביג מיט אנדריי'ס ליעבע?

— פריילין, האָט צו איהר געזאָגט דיא דיענסט־מיידעל, אריינקומענדיג אין צימער, מיר האָט אַ מאַן געהייסען איבערגעבען אייך. דאָס מיידעל האָט דערלאַנגט אַ בריעף. נאָר אום גאָטעס ווילען.. האָט דאָס מיידעל וויטער גערעדט, ווערהענד נאַטאַשא האָט מעכאַניש אויפגעבראָכען דעם זיגעל און גענומען לייענען אנאַטאָל'ס ליעבע־בריעף, וואָס דאָלאָכאָוו האָט פאַר איהם אָנגעשריבען.

מיט ציטערנדע הענד האָט זיא געהאַלטען דעם בריעף פאַר זיך און איהר האָט אויסגעוויזען, אז זיא געפינט דאָרטען דעם אָבקלאַנג פון איהרע אייגענע געפיהלען.

„פון נעכטיגען אָבענד אָן איז מיין גורל בעשטימט: ענטוועדער זיין געליעבט פון אייך אָדער שטאַרבען. קיין אנדער אויסוועג האָב איך ניט“, האָט זיך דער בריעף אָנגעהויבען. וויטער האָט ער געשריבען, אז ער וויים, אז איהרע עלטערן וועלען קיין מאָל ניט איינוויליגען, אז ער, אנאַטאָל זאָל מיט איהר חתונה האָבען צוליעב געהיימע אורזאַכען, וועלכע ער קען נאָר איהר אליין ערקלערן, נאָר אויב זיא ליעבט איהם, דאַרף זיא נאָר זאָגען דאָס וואָרט „יאָ“ און קיינע מענשליכע קרעפטען וועלען ניט קענען שטערן זייער גליק. דיא ליעבע וועט אלץ זיעגען. ער וועט מיט איהר אנטלויפען אין עק וועלט.

„יא, איך ליעב איהם!“ האט נאטאשא געזאגט צו זיך, איבערלייענענדיג דעם בריעף צום צוואנציגסטען מאל.

אין דיעזען אבענד איז מאריא אבראסימאווא געפאהרען צו א בעקאנטע און האט אנגעבאטען נאטאשא'ן און סאניא'ן, זיי זאלען מיט איהר מיטפאהרען. נאר נאטאשא האט געזאגט, אז זיא האט א קאפּוויהטאג און איז אונטער דעם אויס-רייד געבליבען צו-הויז.

XIV.

ווען סאניא האט זיך שפּעט אין אבענד צוריקגעקעהרט א היים, איז זיא אריין צו נאטאשא'ן אין צימער און צו איהר וואונדער האט זיא איהר געטראפען א שלאפענדיגע, ניט קיין אויסגעטהאנע אויף דער זאפע. אויפן טיש איז געלעגען אנא-טאל'ס בריעף א'ן אפענער און זיא האט איהם גענומען לייענען.

זיא האט געלייענט און געקוקט אויף נאטאשא'ס געזיכט, זוכענדיג א'ן ערקלע-רונג פון דעם, וואס זיא האט געלייענט, און האט ניט געפונען. דאס געזיכט איז געווען רוהיג, מילד און גליקליך. אנכאפּענדיג זיך פאר'ן הארצען, אום ניט דער-שטיקט צו ווערען האט זיא זיך בלייך און ציטערנדיג פאר שרעק און אויפרעגונג אראבגעלאזט אין פאטעל און בעגאסען זיך מיט טרערען.

„וויא אזוי האב איך דאס קיין זאך ניט געזעהען? וויא אזוי האט דאס געקענט קומען אזוי ווייט? און וויא אזוי האט זי דאס געקענט דערלאזען דערצו קוראגינען? עס איז קלאר, אז ער איז א פערפיהרער און א שופט. וואס וועט זיין מיט ניקא-לענקא'ן, ווען ער וועט זיך דערוויסען דערפון? אה, דאריבער איז זיא דאס געווען אזוי ערעגט, ענטשלאסען און אונגאטירליך אייער-געבעטען און געבעטען און היינט. אבער עס קען ניט זיין, אז זיא זאל איהם ליעבען. וואהרשיינליך האט זיא ניט גע-וואוסט, פון וועמען דער בריעף איז, און זיא האט איהם גענומען. וואהרשיינליך. איז זיא בעליידיגט. זיא איז ניט פעהיג צו טהאן אזא זאך“, האט סאניא גערעדט צו זיך.

זיא האט אויסגעווישט דיא טרערן און איז צוגעגאנגען צו נאטאשא'ן.

— נאטאשא! האט זיא שטיל ארויסגערעדט.

נאטאשא האט ערוואכט און האט דערזעהן סאניא'ן.

— אה, שוין צוריק?

מיט דער ענטשלאסענהייט און צערטליכקייט, וואס טרעפען נאר אין אזעלכע מינוטען. ווען מען ערוואכט פון שלאף, האט זיא ארומגענומען איהר פריינדין. נאר

בעמערקענדיג א שאָטען אויף סאָניא'ס געזיכט, איז זיא געוואָרען פערדאַכטיג.

— סאָניא, דו האָסט געלעזען דעם בריעף? האָט זיא געזאָגט.

— יא, האָט סאָניא געענטפערט שטיל.

נאַטאַשא האָט א גליקליכען שמייכעל געטהאָן.

— ניין, סאָניא, איך קען מעהרניט! האָט זיא געזאָגט. איך קען מעהר ניט בעהאַלטען פון דיר. דו ווייסט, מיר ליעבען איינער דעם צווייטען! סאָניא, טייבעלע מיינע, ער שרייבט.... סאָניא....

סאָניא האָט ניט געוואָלט גלויבען איהרע אויגען און האָט איהר אָנגעקוקט פערוואונדערט.

— און באָלקאָנסקי? האָט זיא געפרעגט.

— אַח סאָניא, אַך ווען דו זאָלסט וויסען, וויא גליקליך איך בין! האָט געזאָגט נאַטאַשא. דו ווייסט ניט, וואָס הייסט ליעבע....

— נאָר איז יענעם אַלץ געענדיגט?

נאַטאַשא האָט אויף איהר געקוקט מיט גרויסע אויגען, וויא זיא וואָלט ניט פערשטאַנען איהר פראַגע.

— דו זאָגסט זיך אָב פון אַנדרייען? האָט געזאָגט סאָניא.

— אַך, דו פערשטעהסט גאָר ניט, דו רייד ניט קיין נאַרעשקייט, האָט נאַטאַשא געזאָגט, ווערענדיג בייז אויף אַן אויגענבליק.

— ניין, איך קען דאָס ניט גלויבען, האָט סאָניא ווידערהאָלט. איך פערשטעהע ניט. ווי איז דאָס א גאַנץ יאָהר האָסטו געליעבט איינעם, און פּלוצים.... דוא האָסט דאָך איהם ניט געזעהן מעהר וויא דריי מאָל. נאַטאַשא איך גלויב דיר ניט דו מאַכסט פּון מיר שפּאַס. אין דריי טעג פערגעסען און אַזוי....

— דריי טעג, האָט נאַטאַשא געענטפערט. מיר דוכט, אַז איך ליעב איהם שוין הונדערט יאָהר. מיר ווייזט אויס, אַז איך האָב קיינעם ביז איצט ניט געליעבט. דוא קענסט עס ניט פערשטעהן. סאָניא, וואַרט, זעץ זיך אַנידער. נאַטאַשא האָט איהר אַרומגענומען און אַ קוש געטהאָן. מען האָט מיר דערצעהלט, אַז דאָס פּאַסירט און דו האָסט עס געוויס געהערט, נאָר איך האָב איצט דערפיהלט דיא ליעבע. דאָס איז גאָר ניט, וואָס פריהער. וויא נאָר איך האָב איהם דערזעהן, האָב איך דערפיהלט, אַז ער איז מיין הערשער און איך בין זיין שקלאַפין און איך קען ניט ניט ליעבען איהם. יאָ, איך בין זיין שקלאַפין. וואָס ער הייסט מיר, וועל איך טהאָן. דו פערשטעהסט עס ניט. וואָס זאָל איך טהאָן? וואָס זאָל איך

טהאָן, סאָניא? האט נאטאשא געזאָגט מיט א גליקליכע און צושראָקענע געזיכט.

— נאָר בעטראכט זיך, וואָס דו טהוסט, האט סאָניא געזאָגט. איך קען דאָס אזוי ניט דערלאָזען. דיעזע געהיימע בריעף.... וויא אזוי האָסטו איהם געקענט דערלאָזען צו אזא זאך? האט זיא געמערט מיט שרעק און עקעל, וואָס זיא האָט ניט געקענט בעהאלטען.

— איך האָב דיר געזאָגט, האט נאטאשא געענטפערט, אז איך האָב ניט קיין ווי־לען: פאר וואָס פערשטעהסטו עס ניט? איך האָב איהם ליעב!

— איך וועל ניט דערלאָזען דערצו, איך וועל דערצעהלען, האט סאָניא געזאָגט מיט טרערן, וואָס האָבען זיך ארויסגעריסען פון איהרע אויגען.

— וואָס רעדסטו, אום גאָטעס ווילען.... אויב דו וועסט דערצעהלען, ביזטו מיין שונא, האט נאטאשא אָנגעהויבען. דו ווילסט, איך זאָל זיין אונגליקליך, מען זאָל אונז צושיידען......

ערזועהענדיג, וויא נאטאשא האָט זיך דערשראָקען, האָט זיך סאָניא צוואויינט מיט טרערען פון שאנדע און מיטלייד צו איהר פריינדין.

— נאָר וואָס אזוינס איז ביי איך געווען? האט זיא געפרעגט. וואָס האָט ער דיר געזאָגט? פאר וואָס קומט ער ניט אריין צו אונז אין הויז?

נאטאשא האט ניט געענטפערט אויף דיעזע פראגען.

— אום גאָטעס ווילען, סאָניא, רייד קיינעם ניט, מוטשע מיר ניט, האָט זיך נאָ־טאשא געבעטען. געדענק, אז אין אזעלכע זאכען טאָר מען זיך ניט מישען. איך האָב דיר פערטרויט....

— נאָר פאר וואָס א געהיימניס! פאר וואָס קומט ער ניט צו אונז אין הויז? האָט סאָניא געפרעגט. פאר וואָס בעט ער ניט אָפען אום דיין האנד? אז ער האלט אזוי ווייט, ווייסטו דאך, אז פירסט אנדריי האָט דיר געגעבען דיא פולע פרייהייט. נאָר איך גלויב ניט אין אזעלכע זאכען. נאטאשא, האָסטו געטראכט, וואָס דאָרטען זיינען פאר א געהיימע אורזאכען?

נאטאשא האָט איהר פערוואונדערט אָנגעקוקט. עס איז געווען קענטיג, אז דיא פראגע איז איהר ביז איצט אין זינען ניט אריין, און זיא האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן.

— וואָס פאר אורזאכען ווייס איך ניט. נאָר מסתמא זיינען פאראן אורזאכען.

סאָניא האָט א זיפץ געטהאָן און האָט מיסטרויאיש געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— ווען עס זאָלען זיין אורזאכען.... האט זיא אָנגעהויבען; נאָר נאטאשא האָט

פערשטאנען אז זיא צווייפעלט אין זיין עהרליכקייט און האט איהר צושראקען איבערגעשלאגען.

— סאניא, מען טאר ניט צווייפלען אין איהם, מען טאר ניט, מען טאר ניט, דו פערשטעהסט? האט זיא אויסגעשריען.

— האט ער דיך ליעב?

— האט ער מיך ליעב? האט נאטאשא ווידערהאלט מיט א שמייכעל פון מיט-לייד וואס איהר פריינדין איז אזוי טעמפ דו האסט דאך איבערגעלייענט דער בריף.

— נאר אויב ער איז אן אונארדענטליכער מאן?

— ער! אן אונארדענטליכער מענש! ווען דו זאלסט וויסען! האט געזאגט נאטאשא.

— אויב ער איז א'ן ארדענטליכער מענש, דארף ער ענטוועדער אפען ערקלערען זיין אבזיכט אדער אויפהערען צו זעהען זיך מיט דיר. און אויב דו ווילסט עס ניט טאן וועל איך עס טאן פאר דיר און וועל איהם אנשרייבען און וועל זאגען דעם פאפא האט סאניא געזאגט ענטשלאסען.

— נאר איך קען אהן איהם ניט לעבען! האט נאטאשא אויסגעשריען.

— נאטאשא, איך פערשטעה דיך ניט. וויא קומסטו צו רעדען אזוי. דערמאן זיך וועגען פאטער, וועגען ניקאלענס'אן.

—איך דארף אייך קיינעם ניט, איך האב אייך קיינעם ניט ליעב, אויסער איהם. וויא וואגסטו צו זאגען, אז ער איז נישט ארענטליך? וויסטו דען ניט, אז איך האב איהם ליעב? געה אוועק פון דאנען, איך וויל זיך מיט דיר ניט קריגען, אוועק, אוועק, אום גאטעס ווילען. דו זעהסט, וויא איך פלאג זיך, האט סאניא געשריען מיט א'ן איינגעהאלטענער, פערצווייפעלטער שטיממע.

סאניא האט זיך צואווייגט און איז ארויסגעלאפען פון צימער.

נאטאשא איז צוגעגאנגען צום טיש און, ניט קלערענדיג קיין מינוט, האט זיא אנגעשריעבען דעם ענטפער צו מאריין, וואס זיא האט א גאנצען טאג ניט געקענט אנשרייבען. אין דיזען בריעף האט זיא אין קורצע ווערטער געשריבען צו מארי, אז זייערע מיספערשטענדניסע זיינען געענדיגט ווייל זיא נוצט אויס די פרייהייט, וואס פירסט אנדריי האט איהר גראסמוטהיג געגעבען און זיא בעט איהר, זיא זאל פער-געסען אלץ און פערצייהען איהר אויב זי האט זיך געגען איהר פערשולדיגט. זי קען נים חתונה האבען מיט אנדרייען. דאס האט איהר אויסגעוויזען אין דער מינוט אזוי גרינג און איינפאך און קלאר.

פרייטאָג האָבען דיא ראָסטאָו׳ס גערארפט אָבפאָהרען אין דאָרף און מיטוואָך איז דער גראף אָבגעפאָהרען מיט א קונה פון זיין גוט.

אין דעם טאָג פון דעם גראף׳ס אָבפאָהרען זיינען סאָניא און נאטאשא איינגעלאדען געוואָרן צו א גרויסען מיטאָג צו דיא קאראגין׳ס, און מאריא אבראָסימאָווא האָט זיי אוועקגעפיהרט. אויף דיזען מיטאָג האָט זיך נאטאשא ווידער בעגעגענט מיט אנאטאָל׳ן, און סאָניא האָט בעמערקט אז נאטאשא האָט מיט איהם עפּעס גערעדט און האָט זיך געהיט, אז מען זאָל זיי ניט הערען. אויסער דעם איז זיא געווען מעהר ערדענט וויא פריהער. ווען זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט א היים, האָט נאטאשא דיא ערשטע אָנגעהויבען דיא ערקלערונג, אויף וועלכע סאָניא האָט געוואַרט.

— זעהסטו, סאָניא, דו האָסט געזאָגט פערשידענע נארעשקייטען וועגען איהם, האָט נאטאשא אָנגעהויבען מיט א מילדען קול, מיט יענעם קול מיט וועלכען קינדער ריידען, ווען זיי ווילען, אז מען זאָל זיי לויבען. איך האָב זיך מיט איהם היינט דורכגערעדט.

— און וואָס? וואָס האָט ער געזאָגט? נאטאשא, איך בין זעהר צופרידען, וואָס דו ביזט אויף מיר ניט אין בעס. זאָג מיר דעם גאנצען אמת. וואָס האָט ער געזאָגט?

נאטאשא האָט זיך פערטראַכט.

— אַח, סאָניא, ווען דוא זאָלסט איהם אזוי קענען, וויא איך! ער האָט געזאָגט... ער האָט מיך געפרעגט, ווי האָב איך פערשפּראָכען באלקאנסקין. ער האָט זיך דערפרייט, וואָס פון מיר הענגט אָב אָבצוזאָגען זיך פון איהם.

סאָניא, האָט א טרויעריגען זיפץ געטהאָן.

נאָר דוא האָסט דאָך באלקאנסקי׳ן ניט אָבגעזאָגט? האָט זיא געזאָגט.

— און אפשר אָבגעזאָגט! אפשר איז שוין מיט באלקאנסקי׳ן אלץ געענדיגט. פאַר וואָס דענקסטו פון מיר אזוי שלעכט?

— איך דענק גאָר ניט, איך פערשטעה גאָר ניט....

— וואַרט, סאָניא, וועסטו אלץ פערשטעהן. דוא וועסט זעהען, וואָס פאַר א מענש ער איז. דענק נים שלעכטס ניט וועגען מיר און ניט וועגען איהם.

— איך דענק פון קיינעם קיין שלעכטס ניט: איך האָב ליעב אלעמען און איך ושאַלעווע אלעמען. נאָר וואָס זאָל איך טהאָן?

סאָניא האָט זיך ניט געלאָזט אונטערקריפען פון איהר צערטליכען טאָן, מיט וועלכען נאטאשא האָט צו איהר גערעדט. אין געגענטהייל, וואס ווייכער און גלאַטער עס איז געווען נאטאשא'ס געזיכט, אלץ ערנסטער און שטרענגער איז געוואָרן סאָניא'ס.

— נאטאשא, דו האָסט מיך געבעטען, האָט געזאָגט סאָניא, אז איך זאָל מיט דיר ניט ריידען, איך האָב ניט גערעדט, נאָר איצט האָסטו אליין אָנגעהויבען. נאַטאשא, איך גלויב איהם ניט. צו וואס דארף עס זיין א געהיימניס?

— ווידער, ווידער! האָט איהר נאטאשא איבערגעשלאָגען.

— נאטאשא, מיר שרעקט דאָס הארץ פאר דיר.

— וואס איז פאראן צו שרעקען זיך?

— איך האָב מורא, אז דו וועסט זיך צו גרונד ריכטען, האָט סאָניא געזאָגט ענטשלאָסען, אליין דערשרעקענדיג זיך פאר איהרע ווערטער.

נאטאשא'ס געזיכט האָט זיך ווידער אָנגעצונדען מיט כעס.

— און איך וועל, איך וועל צו גרונד געהן און וואס גיכער. דאס איז ניט אייער זאך. ניט אייך, נאָר מיר וועט זיין שלעכט. לאָז מיך, לאָז מיך אליין. איך קען דיך ניט אָנזעהן.

— נאטאשא! האָט סאָניא אויסגערופען צושראָקען.

— איך האס דיך, איך האס דיך! דו ביזט מיין פיינד אויף אימער.

נאטאשא איז ארויסגעלאָפען פון צימער.

נאטאשא האָט מיט סאָניא'ן מעהר ניט גערעדט און האָט געזוכט אויסצומיידען איהר. מיט דעם זעלבען אויסדרוק פון ערגענטען וואונדער און פערברעכען איז זיא ארומגעגאנגען איבער דיא צימערן, נעהמענדיג זיך אלע ווילע פאר א'ן אנדער ארבייט און אוועקווארפענדיג איהר.

וויא שווער דאָס איז ניט געווען פאר סאָניא'ן האָט זיא אָבער דיא אויגען ניט אראָבגעלאָזט פון נאטאשא'ן און האָט איהר נאָכגעקוקט נאָך יעדען טריט און שריט.

מיט א טאָג פריהער איידער דער גראף האָט זיך געדארפט צוריקקעהרען, האָט סאָניא בעמערקט, אז נאטאשא איז דעם גאנצען פריהמאָרגען אָבגעזעסען ביים פענסטער פון דעם גאסט-צימער, וויא זיא וואָלט אויף עמיצען געוואַרט און ווען א רייטער אין יוניפאָרם איז דורכגעפאָהרען, האָט זי איהם געמאכט א צייכען. סאָניא'ן האָט אויסגעוויזען, אז דער רייטער איז געווען אנאטאָל.

סאָניא האָט נאָך מיט מעהר אויפמערקזאמקייט אָנגעהויבען נאָכצוקוקען איהר פריינדין און האָט בעמערקט, אז די גאַנצע צייט פון מיטאג און דעם גאַנצען אבענד איז זיא געווען אין אַן אוננאַטירליכען צושטאַנד (האָט געענטפערט ניט אויף דאָס, וואָס מען האָט איהר געפרעגט, האָט אָנגעהויבען עפּעס צו ריידען און ניט געענדיגט דיא פראַגען, האָט דורכאויס געלאַכט).

נאָך טהיי האָט סאָניא דערזעהן ביי נאַטאַשאַ'ס טהיר, וויא דיא דיענסט-מיי־דעל איז געשטאַנען ציטערנדיג און האָט אויסגעוואַרט. זיא האָט איהר דורכגעלאָזט און אונטערהערענדיג הינטער דער טהיר, האָט זיא זיך דערוואוסט, אז זיא האָט איהר געבראַכט אַ בריעף.

און פּלוצים איז סאָניא'ן געוואָרען קלאָר, אז נאַטאַשאַ האָט אויסגעאַרבייט אַ שרעקליכען פּלאַן אויף היינטיגען אבענד. סאָניא האָט צו איהר אָנגעקלאַפּט אין טיר נאַר נאַטאַשאַ האָט איהר ניט אריינגעלאָזט.

„זיא וועט נאָך מיט איהם אַנטלויפען!“ האָט סאָניא געטראַכט. „זיא איז פעהיג אויף אַלץ.“ נאַר וואָס טהוט מען? דער גראַף איז ניטאָ. אָנשרייבען צו אַנאַטאָל קוראַגען און פאָדערן פון איהם אַן ערקלערונג, נאַר ווער הייסט איהם ער זאָל ענטפערן? ווענדען זיך צו פּיערן? נאַר פיעלייכט האָט זיא ווירקליך שוין ענט־זאַגט באָלקאָנסקי'ן (זיא האָט געבעטען אָוועקגעשיקט אַ בריעף צו אנדריי'ס שוועס־טער). דערצעהלען מאַריא אַבראָסימאָווא, וועלכע האָט אַזוי געגלויבט אין נאַטאַ־שא'ן, האָט אויסגעוויזען סאָניא'ן שרעקליך.

„נאַר אַזוי צו אַזוי“ האָט סאָניא געטראַכט שטעהענדיג אין דעם פינסטערן קאָרידאָר, „איצט אָדער קיין מאָל ניט מעהר איז געקומען דיא צייט צו דערוויזען אז איך געדענק דיא חסדים, וואָס זיי האָבען פאַר מיר געטהאָן און אַז איך ליעב ניקאָלענקאָ'ן. איך וועל באָטש דריי נעכט ניט שלאָפען און וועל פון דאַנען ניט אָבטרעטען און ניט לאָזען איהר ארויסגעהן פון דאַנען, ווען איך זאָל אפילו דאַרפען ברויכען געוואַלט דערצו“ האָט זיא געטראַכט.

XV.

דיא לעצטע צייט איז אַנאַטאָל אריבערגעפאָהרען צו דאָלאָכאָוו'ן. שוין עט־ליכע טעג וויא ער האָט מיט דאָלאָכאָוו'ן אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן, ווי צו אַנטלויפען מיט נאַטאַשאַ'ן. עס איז געווען בעשטימט אז דעם אבענד, ווען סאָניא האָט בע־שלאָסען צו היטען איהר פריינדין אַ גאַנצע נאַכט, זאָל נאַטאַשאַ צעהן אַ זייגער אין אבענד ארויסגעהן צו קוראַגינען דורך דעם הינטערסטען גאַנג. ביים טהויער האָט

גערארפט ווארטען א „טראיקע" און אוועקפיהרען איהר זעכציג ווערסט ווייט פון מאסקווע און אן אראבגעווארפענער גלח האט זיי גערארפט חתונה מאכען. פון דארטען האבען זיי גערארפט צופאהרען צו א פאסט-סטאציאן און גלייך אוועקפאהרען נאך אויסלאנד.

אנאטאל האט שוין צוגעגרייט א פאספארט און צוואנציג טויזענד רובעל געלד וואס ער האט נעקריגען ביי דער שוועסטער און דורך דאלאכאוו'ן.

אנאטאל איז געזעסען ביי דאלאכאוו'ן אין קאבינעט. דאלאכאוו האט געמאכט א רעכנונג און ווען ער האט געענדיגט האט ער זיך געווענדט צו אנאטאל מיט א שפעטישען שמייכעל.

— ווייסטו, וואס איך וויל דיר זאגען—ווארף דאס אוועק צום שווארץ יאהר: דו האסט נאך צייט.

— נאר! האט אנאטאל געענטפערט. הער אויף צו ריידען דיינע נארעשקייטען. ווען דו זאלסט ווייסען....

— איך זאג דיר, ווארף אוועק. האט דאלאכאוו ווידער געזאגט. איך רייד מיט דיר ערנסט. דאס איז ניט שפאס, וואס דו ווילסט טאן.

—שוין ווייטער, ווייטער האסטו זיך צורעדט. געה צו אלדע רוחות, האט אנאטאל געזאגט, אנרוקענדיג די ברעמען. מיר ליגען ניט איצט אין זינען דיינע נארעשע שטיק. און ער האט זיך געלאזט ארויסגעהן פון צימער.

דאלאכאוו האט שפעטיש געשמייכעלט.

— ווארט, האט ער צו איהם געזאגט. איך מאך ניט קיין שפאס קום, קום אהער.

אנאטאל האט זיך צוריקגעקעהרט און האט איהם אויפמערקזאם גענומען אויסהערען.

— הער מיך אויס, איך זאג דיר צום לעצטען מאל. פאר וואס זאל איך וועלען מאכען שפאס? בין איך געווען נעגען דעם פלאן? ווער האט דיר א פאפ געפונען, ווער האט פאר דיר א פאספארט גענומען, ווער האט פאר דיר געלד נעקריגען? אלץ איך.

נו און איך בין דיר דאנקבאר האט אנאטאל געענטפערט און ארומגענומען זיין פריינד.

— איך האב דיר געהאלפען, נאר איך דארף דיר זאגען דעם אמת: דיא זאך איז א געפעהרליכע און אז מען זאל גוט בעטראכטען איז דאס א נארעשע זאך. דו

וועסט מיט איהר אנטלויפען, גוט. וועט מען שווייגען ? מען וועט אויסגעפינען, אז דו ביזט שוין געווען א פערהייראטער מאן און דאן שטעהסטו אונטער א קרימינע־לען פראָצעס....

— אח, נארעשקייטען, נארעשקייטען ! האט אנאטאל געזאגט, קנייטשענדיג דעם שטערן. אין אויסלאנד וועט דערפון קיינער ניט וויסען.

— איך זאג דיר, ווארף עס אוועק ! דו וועסט זיך נאר פערבינדען......

— געה צו אלדע רוחות, האט אנאטאל געזאגט און אנגעהמענדיג זיך פאר דיא האאר, איז ער ארויס אין צווייטען צימער, נאר באלד האט ער זיך צוריקגע־קעהרט און מיט דיא פיס ארויפגעזעצט זיך אויפ'ן פאטעל. דער שווארץ־יאהר וייס, וואס אזוינס דאס איז. זעה, וויא מיין הארץ קלאפט. ער האט גענומען דאלאכאוו'ס האנד און צוגעלעגט צום הארצען. וואס פאר א פיסעל ! וואס פאר א בליק ! א געטין ! הא ?

— און וואס וועט זיין, ווען דאס געלד וועט אויסגעהן ?

— וואס וועט זיין ? האט אנאטאל ווידערהאלט. איך וויים ניט וואס. נאר וואס איז פאראן צו ריידען וועגען אזעלכע נארעשקייטען ! ער האט א קוק געטהאן אויפ'ן זייגער. שוין צייט !

זיי זיינען אריין אין צווייטען צימעמר, וואו עס האבען געווארט צוויי עדות, וואס זיינען נויטהיג ביי דער צערעמאָניע פון א התונה און אלע האבען געטרונקען לחיים.

ביים נאנעק האבען שוין געווארט צוויי טראָיקעס.

— פארטיג ? האט געפרעגט דער פוהרמאן. און זעהענדיג אז אלע זיצען שוין אויף די ערטער, האט ער א טרייב געטהאן זיינע פערד און זיי האבען זיך גע־נומען טראָגען וויא א בליץ איבער דיא גאסען. אויף איין גאס האבען זיי זיך פער־טשעפעט אן א קארעטע, ער האט זיך דערהערט א קראך, א געשריי און די טראָי־קעס האבען זיך געטראָגען ווייטער מיט דער זעלבער געשווינדקייט.

די טראָיקעס האבען זיך אָבגעשטעלט ניט וויים פון אבראַסימאָוואס הויז. אנא־טאל און דאָלאכאָוו זיינען ארויסגעגאנגען און האבען זיך געלאָזט געהן איבער'ן טראָטואר. צוגעהענדיג צום טהויער, האט דאלאכאוו א פייף געטהאן. אויף דעם פייף האט מען געענטפערט און גלייך נאָכדעם איז ארויסגעלאָפען דיא דיענסט.

— קום אריין אין הויף, דאָ קען מען זעהען, זיא געהט גלייך ארויס, האט דיא געזאגט.

דאָלאָכאָוו איז פערבליבען ביים טויער. אנאטאָל איז נאָכגעגאנגען דער דיענסט און איז ארויפגעלאָפען אויף'ן גאנעק.

גאווריל‌אָ, מארי אכראָסימאָוואַ'ס לאקיי, א הויכער יונג איז ארויסגעקומען אנאַ־טאָל'ן אנטקעגען.

— דיא מאדאם האט אייך פערבעטען צו זיך, האט דער לאקיי געזאָגט מיט א באסאָווע שטימע, פערצאמענדיג איהם דעם וועג פון צימער.

— וועלכע מאדאם? ווער ביזטו אזוינס? האָט אנאטאָל געפרעגט, קוים אָבכאפענדיג דעם אָטהעם.

— ביטע, איך האָב א בעפעהל אייך צו ברענגען צו דער מאדאם.

— קוראגין! צוריק! האָט דאָלאָכאָוו געשריען. א פעררעטה, צוריק!

דאָלאָכאָוו האט געהאט דערווייל א געשלעג ביים טויער מיט'ן וועכטער, וועל־כער האָט געזוכט צו פערשפארען דעם טהויער נכייך, וויא אנאטאָל איז אריינגע־גאנגען אין הויף. דאָלאָכאָוו האט אָנגעווענדעט אלע קרעפטען און האט ענדליך אָבגעשטויסען פון זיך דעם וועכטער און א כאפ געטהאָן פאר דער האנד אנאַ־טאָל'ען, וואָס האט זיך ארויסגעריסען פון דעם לאקיי'ס הענד, אוןביידע האבען זיך געלאָזט לויפען צוריק צו דער טראָיקע.

XVI.

מאריא אכראָסימאָווא האָט געטראָפען סאָניא'ן אין קאָרידאָר א פערוויינטע און האָט איהר געצוואונגען צו דערצעהלען אלץ, וואס זיא האָט געוואוסט. זיא האָט איבערגעכאפט נאטאשא'ס א צעטיל און איז מיט'ן צעטיל אין האנד אריין צו נאַ־טאשא'ן.

— אונפערשעמטע! האט זיא צו איהר געזאָגט. איך וויל פון קיין זאך ניט ווי־סען! זיא האָט פון זיך אָבגעשטויסען נאטאשא'ן וואס האט אויף איהר געקוקט מיט פערוואונדערטע אויגען און האָט איהר פערשלאָסען אין צימער און אָנגע־זאָגט דעם וועכטער, ער זאָל דורכלאָזען דורכ'ן טהויער דיא מענשען, וואָס וועלען היינט אבענד קומען, נאָר ער זאָל זיי ניט ארויסלאָזען און דעם לאקיי האט זיא אָנגעזאָגט, אז ער זאָל זיי ברענגען צו איהר און אליין האָט זיא זיך געזעצט אין גאסט־צימער, ווארטענדיג אויף דיא חברה-לייט.

ווען גאווריל‌אָ איז געקומען מעלדען, אז דיא יונגע לייט זיינען אנטלאָפען, האָט זיא זיך אויפגעהויבען מיט אָנגערוקטע ברעמען און פערלעגענדיג דיא הענד אהינ־טער, איז זיא א לאנגע צייט ארומגעגאנגען איבער דיא צימערן און האט געטראכט

וואָס צו טהאָן. צוועלף א זייגער ביי נאכט האָט זיא א טאָפּ געטהאָן דעם שליסעל ביי זיך אין קעשענע און האָט זיך געלאָזט גיהען צו נאטאשאַן אין צימ־מער. סאָניא איז געזעסען אין קאָרידאָר און האָט געוויינט.

— מאריא דמיטריעוונא, אום גאָטעס ווילען, לאָזט מיך אריין צו איהר, האָט סאָניא געבעטען. נאָר מאריא דמיטריעווא האָט איהר ניט געענטפערט, האָט געעפענט דיא טהיר פון נאטאשא'ס צימער און איז צו איהר אריינגעגאנגען.

מיאוס, פאסקודנע, אין מיין הויז די אבשייליכע מיידעל, א רחמנות נאָר אויפ'ן טאטען!" האָט זיא געטראכט. וויא שווער דאָס וועט ניט זיין וועט מען עס מוזען פערשטיקען פון דעם אלטען גראף".

נאטאשע איז געלעגען אויף דער סאָפע פערדעקט מיט די הענד דעם קאָפּ און האט זיך ניט געריהרט. זיא איז געלעגען אין דעם זעלבען צושטאנד, אין וועלכען מאריא אכראָסימאָווא האָט איהר איבערגעלאָזט.

—פיין, זעהר פיין! האט געזאגט מאריא אכראָסימאווא. אין מיין שטוב מאכען ראנדעוואוס מיט ליעבהאבערס! דו מאַך ניט קיין אָנשטעל. הער ווען איך רייד. מאריא דמיטריעווא האט איהר א ציה געטאָן פאר דער האנד. דו הער ווען איך רייד. דו האָסט זיך איצט געמאכט צו שאנדע און צו שפּאָט וויא דאָס ערגסטע מיידעל. איך וואָלט זיך מיט דיר בעגאנגען ווי מען בעגייט זיך מיט אזא מיידעל, נאָר מיר רייסט דאָס הארץ פאר דיין טאטען.

נאטאשא איז געבליבען ליגען אין דעם פריהערדיגען צושטאנד, נאָר עס האָט גענומען ווארפען מיט איהר גאנצען קערפער פון א שטילען, קראמפּהאפטען וויינען, וואָס איהר האָט געשטיקט. מאריא דמיטריעוונא האָט זיך ארומגעקוקט אויף סאָניא'ן און האט זיך געזעצט אויף דער זאָפא נעבען נאטאשא'ן.

—זיין מזל, וואָס ער איז אנטלאָפען נאָר איך וועל איהם נאָך געפינען, האָט זיא געזאָגט מיט איהר גראָבען קול. דו הערסט וואָס איך רייד? זי האט אונטערגערוקט איהר האנד אונטער נאטא'שא'ס געזיכט און האָט עס אומגעווענדט צו זיך. נאטאַ־שא'ס אויגען האָבען געבליצט און זיינען געווען טרוקען, דיא ליפּען צוזאמענגע־פּרעסט, דיא באקען איינגעפאלען.

— לאָ—זט מיך.... איך וועל.... שטארבען.... האָט נאטאשא ארויסגע־רעדט און האָט זיך ארויסגעריסען פון מאריא דמיטריעוונא'ס הענד און האָט זיך צוריק אנידערגעלעגט אזוי וויא זיא איז פריהער געלעגען.

— נאטאליא!.... האָט געזאָגט מאריא אכראָסימאָווא. איך ווינש דיר קיין

שלעכטס ניט. דו ווילסט לינען אזוי, ליג אזוי, איך וועל דיר ניט טשעפען. הער! איך וויל ניט ריידען וויא שולדיג דוא ביזט. דוא ווייסט אליין. נאר מארגען קומט דיין טאטע, וואס זאל איך איהם זאגען? הא?

נאטאשא'ס קערפער האט זיך ווייטער אנגעהויבען צו ווארפען פון אן איינגע־האלטענעם וויינען.

— נו, ער וועט אויסגעפינען, וואס דא איז געווען, דיין ברודער וועט זיך דערוויסען, דער חתן!

— איך האב קיין חתן ניט, איך האב איהם אבגעזאגט, האט נאטאשא אויס־געשריען.

— דאס איז אלץ איינס, האט מאריא אכראסימאווא פארטגעזעצט. נו, זיי וועלען אויסגעפינען, וואס מיינסטו, זיי וועלען דאס פערשווייגען. איך קען דיין פאטער, אז ער וועט איהם ארויסרופען אויף א דועל וועט זיין גוט? הא?

— אך, לאזט מיך, פאר וואס האט איהר אונז געשטערט? פאר וואס? פאר וואס? ווער האט אייך געבעטען? האט נאטאשא געשריען, אויפהייבענדיג זיך אויף דער זאפע און קוקענדיג בייז אויף מאריא אבראסימאווא.

— וואס דען האסטו געוואלט? האט מאריא אכראסימאווא אויסגעשריען, ארויסגעהענדיג ווידער פון זיך. וואס, מען האט דיך געהאלטען פערשפארט? ווער האט איהם געשטערט צו קומען צו דיר? פאר וואס עפעס האט מען דיך געוואלט אוועקשלעפען עפעס וויא א ציגיינערין? און וואס מיינסטו, אז ער וואלט דיך אוועקגעפיהרט, וואלט מען איהם ניט געפונען? דער פאטער, דער ברודער, דער חתן — מען וואלט איהם געפונען. ער איז א שופט, א שורקע, אט וואס ער איז!

— ער איז בעסער פון אייך אלעמען, האט נאטאשא אויסגעשריען, אויפהויבענ־דיג זיך. ווען איהר וואלט ניט געשטערט... אח, גאט מיינער, גאט מיינער, וואס איז דאס אזוינס! סאניא, פאר וואס? אוועקט! און זיא האט זיך צוואויינט מיט אזא פערצווייפלונג, וויא עס קלאגען מענשען ווען זיי פיהלען, אז זיי אליין זיינען דיא אורזאכע פון זייער אונגליק. מאריא אכראסימאווא האט ווידער געוואלט אנהויבען צו ריידען, נאר נאטאשא האט אויסגעשריען: אוועקט, אוועקט פון מיר, איהר האט מיך אלע פיינד, איהר האסט מיך אלע! און זיא האט זיך צוריק אנידערגע־ווארפען אויף דער זאפע.

מאריא אכראסימאווא האט נאך א היבשע צייט גערעדט צו איהר און געזאגט

אז זיא זאָל וועגען דעם ניט דערצעהלען דעם גראף. נאטאשא האָט ניט געענט־פערט. זיא האָט שוין מעהר ניט געוויינט. נאָר אויף איהר איז אָנגעפאלען א קעלט און זיא האָט אָנגעהויבען צו ציטטערן. מאריא אבראסימאָווא האָט איהר אונ־טערגעלעגט א קישען, איינגעדעקט מיט צוויי דעקעס און געבראכט ליפּאווע בלי־הונג, נאָר נאטאשא האָט ניט געענטפערט.

— זאָל זיא שלאפען האָט אבראסימאָווא געזאָגט, ארויסגעהענדיג פון צימער און מיינענדיג, אז זיא שלאָפט. נאָר נאטאשא איז ניט געשלאָפען און איז דיא גאנצע נאכט אָבגעלעגען מיט אָפענע און אונבעוועגטע אויגען זיא.האָט ניט געוויינט און ניט גערעדט מיט סאניאן, וועלכע איז צו איהר עטליכע מאָל צוגעגאנגען.

אויף מאָרגען צום פריהשטאָק איז דער אלטער גראף ראָסטאָוו געקומען זעהר פריילאך, דער סונה פון זיין גוט האט זיך געלאָזט ריידען און איצט האט זיי קיין זאך מעהר ניט אָבגעהאלטען אין מאָסקווע. מאריא אבראָסימאווא האט איהם בעגע־גענט און געזאָגט, אז נאטאשא איז נעכטען פּלוצים קראנק געוואָרען, נאָר איצט איז זיא שוין בעסער. נאטאשא איז אין דער פריה ניט ארויסגעגאנגען פון צימער. זיא איז געזעסען ביים פענסטער מיט צושפּאָלטענע ליפּען און האט זיך אונרוהיג אומגעקוקט, ווען יעמאנד איז אריין אין צימטער.

ווען דער גראף איז צו איהר אריין האט זיא זיך אונרוהיג אומגעקוקט און איהר געזיכט האט אָנגענומען דעם פריהערדיגען קאלטען און זאָגאר בייזען אויסדרוק. זיא האָט זיך ניט אויפגעהויבען צו געהן איהם אנטקעגען.

— וואָס איז דיר, מיין מלאך, דו ביזט קראנק? האָט ער געפרעגט.

— יאָ, האָט זיא געענטפערט נאָך א קורצען שטילשוויינען.

אויף זיינע אונרוהיגע פראגען צו האָט עפּעס ניט פּאסירט מיט'ן חתן, האט זי איהם פערזיכערט, אז גאר ניט, און האט איהם געבעטען, אז ער זאָל זיך נישט בעאונרוהיגען. דער גראף האט קלאָר געזעהן פון נאטאשא'ס שיינבארע קראַנקהייט, פון סאָניא'ס און אבראָסימאָווא'ס צוטראָגענע געזיכטער, אז עפּעס איז געשעהן נאָר איהם איז געווען אזוי שרעקליך צו דענקען, אז מיט זיין טאָכטער האט גע־קענט טרעפען עפּעס ניט גוטעס און ער האָט אזוי ליעב געהאט זיין רוה, אז ער האָט אויסגעמיטען צו מאכען וויטערע פראגען און האָט זיך געזוכט איינצושמוע־סען, אז קיין זאך איז נישט געווען און איהם האָט נאָר באנג געטהאָן וואָס זייער אָבפאָהרען אין דאָרף וועט מוזען אָבגעשטעלט ווערן.

גוטע פריינד האבען געזוכט צו מאכען א שלום צווישען פיערן און זיין ווייב נאך זייער ערשטען קריעג. פיער האט זיך געלאזט איינריידען און האט זיך געוויזען פאר דער וועלט אלס איהר מאן, נאר אין אמת'ן האבען זיי איינער מיט דעם צווייטען גאר נישט געהאט צו טהאן, ווען זיי האבען געוואהנט אין איין וואהנונג, נאר דאס רוב פלעגט ער אבפאהרען פון פעטערסבורג ווען זיי איז דארטען געוועזן און פלעגט אנטלויפען פון מאסקווע, ווען זיא איז אהער געקומען

ווען זיין ווייב איז דאס לעצטע מאל אראבגעקומען אין מאסקווע, איז ער אוועקגעפאהרען אין טווער און ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט פון דארטען, האט מען איהם דערלאנגט א בריעף פון מאריא אבראסימאווא, וועלכע האט איהם געבעטען, ער זאל קומען צו איהר וועגען א וויכטיגע זאך, וואס איז נוגע פירסט באלקאנסקי און זיין כלה. פיער האט געזוכט אויסצומיידען נאטאשא'ן. איהם האט אויסגעוויזען, אז ער האט צו איהר א געפיהל וואס איז פיעל שטארקער וויא דאס געפיהל פון א פערהייראטען מאן צו דער כלה פון זיין פריינד.

אין פארצימער ביי מאריא אבראסימאוונא האט איהם דער לאקי געמעלדעט, אז דיא ווירטהין בעט איהם צו זיך אין שלאף-צימער.

עפענענדיג דיא טהיר פון דעם זאל, האט פיער דערזעהן נאטאשא'ן, וויא זיא איז געזעסען ביים פענסטער און איהר געזיכט איז געוועזן בלייך, ארייגעפאלען און בייז. גלייך וויא זיא האט איהם דערזעהען איז זיא ארויס פון צימער.

— וואס אזוינס איז געשעהען? האט פיער געזאגט, אריינקומענדיג צו מאריא אבראסימאוונא.

פיינע זאכען, כ'לעבען, האט זיא געענטפערט. אכט און פופציג יאהר האב איך אבגעלעבט אויף דער וועלט און אזא חרפה ניט געזעהען.

זיא האט פון איהם גענומען זיין עהרען ווארט, אז ער וועט שווייגען און האט איהם דערצעהלט אז זיא האט זיך אבגעזאגט פון אנדרייען אהן דעם וויסען פון דיא עלטערן און דיא געשיכטע מיט אנאטאל קוראגין, און אז זיין ווייב האט אין דעם אויך א חלק.

פיער האט ניט געוואלט גלויבען זיינע אויערן. זיא האט געוואלט פערבייטען באלקאנסקי'ן אויפ'ן נאר אנאטאל, וואס איז שוין פערהייראטעט (פיער האט געוואוסט פון זיין געהיימער חתונה) און אזוי זיך פערליעבען אין איהם, אז זיא האט געוואלט אנטלויפען מיט איהם.

ער האט זיך דערמאָנט וועגען זיין ווייב און האָט צו זיך געזאָגט: „זיי זיינען אלע אלץ איינס" און האָט געטראַכט, אז ניט איהם אליין איז אויס געפאלען דער גורל צו זיין פערבונדען מיט א פערדאַרבּענע פרוי. איהם האָט דאָס הארץ געריסען פאר זיין פריינד אַנדרייען, פאר זיין שטאָלץ. און וואס מעהר ער האָט מיטלייד געהאַט מיט זיין פריינד, האָט ער אלץ מעהר געהאסט נאַטאַשאַ'ן, וועלכע איז ניט לאנג פער־ביינעגאַנגען פערביי איהם מיט אזא קאלטע ווירדע, ער האָט ניט געוואוסט, אז איהר הארץ איז פול מיט פערצווייפלונג, שאַנדע און ערניעדערונג און אז זיא איז ניט שולדיג וואס איהר געזיכט דריקט אויס אזא קאלטע רוהיגקייט.

— וויא האָט ער עס געקענט חתונה האָבּען! האָט זיך פּיער אָנגערופען. ער איז דאָך שוין פערהייראַטעט.

— װאָס ווייטער איז נאָך ערגער, האט מאריא אבראַסימאָווא געזאָגט. א פייער יונג, ניטאָ וואָס צו רעדען. און זיא זיצט און וואַרט. שוין דער צווייטער טאָג ווי זי וואַרט. מען דאַרף איהר זאָגען, זאָל זיא לכל הפּחות אויפהערען צו וואַרטען.

אויסגעפינענדיג פון פּיער'ן דיא אלע איינצעלהייטען פון זיין חתונה און אויסגיסענדיג אויף איהם איהר צאָרן מיט אלערליי זידעל־ווערטער, האָט זיא איהם געזאָגט פאר וואָס זיא האָט נאָך איהם געשיקט. מאריא אבראַסימאָווא האָט מורא געהאַט, אז דער גראף אָדער באלקאָנסקי, וואָס האָט געדאַרפט יעדע מינוט אָנקומען פון זיין רייזע, זאָל נישט ארויסרופען אנאַטאָל'ן אויף א דועל און זיא האָט איהם דעריבער געבעטען, אז ער זאָל אין איהר נאָמען הייסען זיין שוואָ־גער אז ער זאָל גלייך אוועקפאָהרען פון מאָסקווע און זאָל ניט וואגען צו ווייזען זיך איהר אויף דיא אויגען. פּיער האָט איהר פערשפּראָכען צו ערפילען איהר וואונש ערסט איצט בעגרייפענדיג, וואָס פאר א געפאהר עס דראָהעט דעם אלטען גראף, ניקאָלייען און אַנדרייען. ארויסלייגענדיג פאר איהם קורץ און שארף איהרע פאָדערונגען האָט זיא איהם ארויסגעלאָזט אין זאַל אריין.

— געדענק, אז דער גראף ווייס פון קיין זאך ניט, מאך זיך, אזוי ווי דו ווייסט אויך גאָר ניט, האָט זיא צו איהם געזאָגט. און איך וועל געהן צו איהר און זאָגען איהר אז זיא האָט ניט וואָס צו וואַרטען. פערבלייב צום מיטאָג, אויב דו ווילסט.

פּיער האט בעגעגענט דעם אלטען גראף. ער איז געווען פערווירט, ווייל אין דער פריה האָט איהם נאַטאַשא געזאָגט, אז זיא האָט ענטזאָגט באלקאָנסקי'ן.

— א'ן אונגליק, א'ן אונגליק מיט דיא מיידלעך, ווען זיי זיינען אָהן א מוטער, האָט דער גראף געזאָגט צו פּיער'ן. איך האָב חרטה, וואָס איך בין אהער

נעקומען. איהר האט געהערט, זיא האט זיך ענטזאגט פון דעם חתן, און האט ביי קיינעם ניט געפרעגט. אמת, איך האב זיך קיין מאל ניט געפרייט מיט דעם שידוך. ניטא וואס צו זאגען, ער איז א פיינער מאן, נאר געגען דעם פאטער'ס ווילען קען קיין גליק ניט זיין, און נאטאשא וועט אהן א חתן ניט בלייבען. שלעכט, שלעכט מיט דיא מיידלאך, ווען זיי זיינען אהן א מוטער.

פיער האט געוואלט אראבפיהרן דעם געשפרעך אויף א'ן אנדער געגענשטאנד נאר דער גראף האט זיך אלץ צוריקגעקעהרט צו זיין זאך.

סאניא איז אריינגעקומען אין זאל.

— נאטאשא איז ניט פאלקאמען געזונד. זיא איז ביי זיך אין צימער און האט אייך געוואלט זעהען. מאריא דמיטריעווגא איז דארטען און זיא בעט אייך אויך, אז איהר זאלט אריין.

— יא, איהר זייט דאך זעהר בעפריינדעט מיט באלקאנסקי'ן, וואהרשיינליך האט זיא אייך עפעס איבערצוגעבען, האט געזאגט דער גראף. אך, גאט מיינער, גאט מיינער! וויא גוט פריהער איז אלץ געווען!

מאריא דמיטריעווגא האט ערקלערט נאטאשאן, אז אנאטאל איז שוין פערהייראטעט. נאטאשא האט ניט געוואלט גלויבען און האט געפאדערט, אז פיער אליין זאל דאס איהר זאגען. סאניא האט עס ערקלערט פיער'ן, ווען זיי זיינען דורכגעגאנגען דורך דעם קארידאר.

נאטאשא האט בעגעגענט פיער'ן מיט א פיעבערהאפטען און פראגענדען בליק. זיא האט קיין שמייכל געטהאן צו פיער'ן, האט קיין ניי געטהאן מיט'ן קאפ, זיא האט איהם נאר געקוקט גלייך אין דיא אויגען און איהר בליק האט געפרעגט: וואס איז ער — א פריינד אדער א שונא וויא זיי אלע צו אנאטאל'ן. פיער אליין האט פאר איהר גאר ניט עקזיסטירט.

— ער ווייס אלץ, האט מאריא דמיטריעווגא געזאגט, וויזענדיג אויף פיער'ן. זאל ער זאגען, צו האב איך געזאגט אמת, צו ניט.

נאטאליא איליטשנא, האט פיער אנגעהויבען אראבלאזענדיג דיא אויגען, פיהלענדיג א רחמנות צו איהר און אן עקעל צו דיא שליחות וואס ער האט גע־דארפט אויספיהרען, — צו דאס איז אמת צו ניט, איז דאס פאר אייך אלץ איינס, ווייל....

— איז דאס ניט אמת, אז ער איז פערהייראטעט.

— ניין, דאס איז אמת.

— צו איז שוין לאנג פערהייראטעט? האט זיא געפרעגט. עהרען־ווארט! פיער האט איהר געגעבען זיין עהרען ווארט.

— איז ער נאך דא? האט זיא געפרעגט געשווינד.

— יא, איך האב איהם נים לאנג געזעהען.

זיא האט מעהר נים געקענט ריידען און געמאכט א צייכען מיט דער האנד, אז מען זאל איהר לאזען צורוה.

פיער איז צום מיטאג נים געבליבען, ער איז גלייך אוועקגעפאהרען זוכען אנא־טאל קוראגינען. ביי דיא ציגיינער האט ער איהם נים געפונען און ער איז אוועקגע־פאהרען אין קלוב. דארטען האט מען איהם געפרעגט, צו איז דאס אמת, אז קוראגין האט געוואלט אנטלויפען מיט פריילין ראסטאווא. ער האט זיך אויסגע־לאכט און געזאגט, אז דאס איז א ליגען. ער האט געפרעגט צו קוראגין וועט דא זיין און איינער האט איהם געענטפערט, אז ער וועט אהער קומען צו מיטאג. פיער האט געווארט ביז אלע זיינען זיך צונויפגעפאהרען און זעהענדיג, אז אנאטאל איז נים געקומען, האט ער זיך צום מיטאג נים אבגעשטעלט און איז אוועקגע־פאהרען אהיים.

אנאטאל איז געוועזען ביי דאלאכאוו און האט זיך מיט איהם בעראטהען, וואס צו טהאן ווייטער. איהם האט אויסגעוויעזען, אז ער דארף אונבעדינגט זעהען זיך מיט נאטאשא'ן. אין אבענד איז ער אוועקגעפאהרען צו דער שוועסטער, אום איר בערצוריידען מיט איהר, וויא אזוי איינצואָרדענען דעם ראנדעוואו. ווען פיער האט זיך צוריקגעקעהרט א היים נאך א גאנצען טאג זוכען זיין שוואגער, האט איהם דער קאמערדינער געמעלדעט, אז אנאטאל איז ביי דער גרעפין. דאס גאסט־צימער ביי דער גרעפין איז געוועזען פול מיט געסט.

פיער האט נים בעגריסט זיין פרוי, וועלכע ער האט נים געזעהען צייט פון זיין קומען פון טווער (איצט האט ער איהר געהאסט נאך מעהר וויא אלע מאל) און דערזעהענדיג אנאטאל'ן ביים אריינגעהען אין זאל, איז ער צו איהם צוגע־גאנגען.

— א, פיער, האט געזאגט דיא גרעפין, צוגעהענדיג צום מאן, דו ווייסט נים, אין וואס פאר א לאגע אונזער אנאטאל געפינט זיך....זיא האט זיך אבגעהאקט אין מיטען, דערזעהענדיג אין זיין אראבגעלאזטען קאפ, אין זיינע בליצענדיגע אויגען, אין זיין ענטשלאסענעם גאנג יענעם שרעקליכען אויסדרוק פון ווילדקייט און קראפט, וואס דא האט שוין געקענט און איז אויף זיך אויסגעשטאנען נאכ'ן

רועל מיט דאָלאָכאָוו'ן.

— וואו איהר זייט, דאָרטען איז אויסגעלאסענהייט, שלעכטס, האָט פּיער נעזאָגט צום ווייב. אנאטאָל, קומט, איך דארף עפּעס מיט אייך ריידען, האָט ער נעזאָגט צום שוואָגער.

אנאטאָל האָט זיך אומגעקוקט אויף דער שוועסטער און מיט הכנעה אויפגעהויבען זיך, פארטיג נאכצוגעהן פּיער'ן.

פּיער האָט איהם אָנגענומען פאר דער האנד, האָט איהם א שלעפּ געטאָהן און געלאָזט זיך געהן צו דער טהיר.

— אויב איהר וועט זיך ערלויבען אין מיין גאסט־צימער ... האָט עלען נעזאָגט אין דער שטיל צו פּיער'ן. נאָר פּיער האָט איהר ניט געענטפערט און איז ארויס פון צימער.

אנאטאָל איז איהם נאָכגעגאנגען מיט זיין געוואוינליכען חעלדישען גאנג, נאָר אויף זיין געזיכט האָט זיך בעמערקט אן אונרוהיגקייט.

אריינקומענדיג אין זיין קאבינעט, האָט פּיער פערמאכט דיא טהיר און האָט זיך געווענדט צו אנאטאָל'ן, ניט קוקענדיג אויף איהם.

— איהר האָט פערשפּראָכען דער גרעפין ראָסטאָווא צו הייראטהען איהר? איהר האָט געוואָלט מיט איהר אנטלויפען?

— ליעבער מיינער, האָט אנאטאָל געענטפערט אין פראנצויזיש, איך פיהל זיך נישט פערפּליכטעט צו ענטפערן אויף פראגען, וואָס מען שטעלט מיר אין אזא טאָן.

פּיער'ס געזיכט, וואָס איז פריהער געוועזן בלייך, איז פערקרימט געוואָרען פון א ווילדען כעס. ער האָט מיט זיין גרויסע האנד אָנגעכאפּט איהם פאר'ן קראַגען פון ראָק און האָט איהם גענומען טרייסלען אזוי לאנג, ביז אויף אנאטאָל'ס געזיכט האָט זיך געוויזען א'ן אויסדרוק פון שרעק.

— ווען איך זאָג, אז איך דארף מיט אייך ריידען.... האָט פּיער וויעדערהאָלט.

— נו, דאָס איז נארעש, הא? האָט אנאטאָל געזאָגט, טאפּענדיג דעם קראַגען פון וואנען עס איז געוועזן ארויסגעריסען א קנעפּיל צוזאמען מיט א שטיק טוך.

— איהר זייט א טוינעניכטס און א שופט, און איך ווייס ניט, וואָס עס האלט מיך אָב פון דעם פערגניגען צו מורשטען אייך דעם קאָפּ, האָט פּיער געזאָגט און האָט דראָהענד גענומען אין האנד א שווערן פּרעספּאַפּיי, נאָר ער האָט איהם גלייך

צוריקגעלעגט אויפ'ן שרייב-טיש.

— האָט איהר פערשפּראָכען איהר הייראַטהען?

— איך, איך, איך האָב ניט געדענקט: איבריגענס, איך האָב קיין מאָל ניט פערשפּראָכען, ווייל....

פּיער האָט איהם איבערגעשלאָגען.

— איהר האָט איהרע בריעף? האָט איהר דיא בריעף, האָט פּיער געפרעגט צוריקגענדיג זיך צו איהם.

אַנאַטאָל האָט אויף איהם א קוק געטהאָן און האָט גלייך אריינגערוקט דיא האַנד צו זיך אין קעשענע און ארויסגענומען זיין פּאָרטמאָנע.

פּיער האָט גענומען דיא בריעף, וואָס אַנאַטאָל האָט איהם דערלאַנגט און אָב-שטויסענדיג פון זיך א שטוהל, וואָס איז איהם געשטאַנען אין וועג, האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אויף דער זאָפע.

— האָט קיין מורא, ניט, איך וועל קיין זאַך ניט טהאָן, האָט פּיער געזאָגט, בעמערקענדיג אַנאַטאָל'ס א צושראָקענע בעוועגונג. דיא בריעף איז איינס, דאָס צווייטע, האָט פּיער געזאָגט נאָך א קורצען שטילשווייגען ווייטער אויפהייבענדיג זיך און אָנהייבענדיג צו געהן איבער'ן צימער, דאַרפט איהר מאָרגען אוועקפאָהרען פון מאָסקווע.

— נאָר וויא קען איך....

— דריטענס, האָט פּיער פאָרטגעזעצט ניט לאָזענדיג איהם ריידען, איהר דאַרפט קיין מאָל קיין וואָרט ניט זאָגען, וואָס צווישען איך און דער גרע-פין איז פאָרגעקומען. איך ווייס, אז איך קען אייך אזא זאַך ניט פערבאָטען, נאָר אויב אין אייך געפינט זיך איין פונק געוויסען... פּיער איז איינינע מאָל דורכ-געגאַנגען זיך איבערן צימער. אַנאַטאָל איז געזעסען ביים טיש מיט אָנגערוקטע ברע-מען און האָט זיך געביסען דיא ליפּען.

— איהר קענט ניט פערשטעהן, אז אויסער אייער פערגניגען, איז נאָך פאַראַן גליק און רוה ביי אַנדערע מענשען און איהר פערניכטעט א גאַנץ לעבען נאָר דער-פאַר, וואָס איהר ווילט א הוליע טהאָן. שפּיעלט זיך מיט פרויען, וויא מיין ווייב, צו זיי האָט איהר א רעכט, זיי ווייסען וואָס איהר ווילט פון זיי. נאָר צוזאָגען א מיידעל חתונה האָבען מיט איהר, פערפיהרען און גנב'ענען.... וויא פערשטייט איהר דאָס ניט, אז דאָס איז אזוי ניעדערטרעכטיג, וויא נעהמען און דער'הרג'ענען אן אלטען מאַן אָדער א קינד!....

פיער איז אנשווינגען געוואָרן און האָט אַ קוק געטאָן אויף אַנאַטאָלען ניט מיט בעס נאָר מיט אַ פראַגענדען בליק.

— דאס ווייס איך ניט, הא? האט אנאַטאָל געזאָגט, ווערענד אלץ מעהר מוטהיגער, וואָס מעהר פיער האָט איינגעהאלטען זיין כעס. דאָס ווייס איך ניט און וויל ניט וויסען, האָט ער געזאָגט, ניט קוקענדיג אויף פיערן און זיין קינ־באק האָט לייבט געציטערט. נאָר איהר האָט מיר געזאָגט אזעלכע ווערטער וויא נידער־טרעכטיג און דאס גלייכען, וואס איך, וויא אַן אָרדענטליכער מענש, קען דאָס ניט ערלויבען.

פיער האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן פערוואונדערט.

— כאָטשע דאָס איז געווען אונטער פיער אויגען, דאָך קען איך ניט....

— אלזאָ ווילט איהר ארויסרופען מיך אויף אַ דועל? האט פיער געפרעגט שפעטיש.

— איהר דאַרפט לכל הפחות צוריקציהען אייערע ווערטער. הא? אויב איהר ווילט, אַז איך זאָל טהאָן, וואָס איהר פערלאַנגט. הא?

— איך ציה צוריק, איך ציה צוריק, האָט פיער געזאָגט, און בעט אייך, איהר זאָלט מיר פערצייהען. פיער האט ניט ווילענדיג אַ קוק געטהאָן אויף דאָס אָב־געריסענע קנעפיל. און געלד אויב איהר דאַרפט אויף דער רייזע, וועל איך אייך געבען.

אנאַטאָל האָט אַ שמייכעל געטאָן.

דער אויסדרוק פון דעם ציטערנדען און ניעדערטרעכטיגען שמייכעל, וואָס איז איהם שוין געווען בעקאַנט פון זיין ווייב, האָט איהם אויפגעריסען.

— אָ, ניעדערטרעכטיגע, הערצלאָזע געשלעכט! האט פיער געזאָגט און איז ארויס פון צימער.

אויף מאָרגען איז נאַטאַל אבגעפאָהרען פון מאָסקווע.

XIII

פיער איז אוועקגעפאָרען צו מאַריא אבראָסימאָווא, אום געבען איהר צו וויסען, אַז איהר וואונש איז ערפילט געוואָרען, דאָס הייסט אַז ער האָט קוראַגינען פער־טריעבען פון מאָסקווא. די גאַנצע הויז איז געווען אין אויפרוהר און שרעק. נאַטאַ־שאַ איז געווען זעהר קראַנק און מאַריא אבראַסימאָווא האָט פיערן פערטרויט אַ סוד, אַז אין יענע נאַכט, ווען נאַטאַשא האָט זיך דערוואוסט, אַז אנאַטאָל איז פערהייראַט, האָט זיא זיך פערגיפטעט מיט ארסעניק, וואָס זיא האָט ערגעץ

געקראָגען. אראָבשלינגענדיג אַ ביסעל, האָט זיא זיך אזוי דערשראָקען, אַז זיא האָט אויפגעוועקט סאָניאַ׳ן און דערצעהלט איהר, וואָס זיא האָט געטהאָן. מען האָט דאָס גלייך פערבאָפט און זיא איז אויסער געפאהר, נאָר זיא איז זעהר שוואַך און מען קען איהר נים אוועקפיהרען אין דאָרף.

פיער האָט דעם טאָג געגעסען מיטאָג אין קלוב און פון אלע זייטען האָט ער געהערט ווי מען רעדט וועגען אנאַטאָל׳ס וועלען אנטלויפען מיט נאַטאַשאַ׳ן. פיער האָט גערעבענט פאר זיין פפליכט אָבצולייקענען דיא געשיכטע און זעהען, אַז אויף נאַטאַשאַ׳ס רעפּוטאַציע זאָל זיך קיין פלעק נים לעגען, ער האָט מיט שרעק ערווארט אנדריי׳ס צוריקקעהרען און איז יעדען טאָג געפאָהרען צום אלטען פירסט באָלקאָנסקי אויסצוגעפינען וועגען אנדריי׳ס קומען. דער אלטער פירסט האָט דורך מאַמזעל בוריען געוואוסט פון דיא אלע קלאַנגען, וואָס האָבען זיך ארומגעטראָגען איבער דער שטאָדט, אויך האָט ער איבערגעלייענט נאַטאַשאַ׳ס בריעף אין וועלכען זיא האָט זיך אָבגעזאָגט פון אנדרייען, און דער אלטער פירסט האט איצט אויסגעזעהן פרייליכער וויא געוועהנליך.

אין עטליכע טעג ארום נאָך אנאַטאָל׳ס אָבפאָהרען, האט פיער בעקומען פון אנדרייען אַ צעטיל, אין וועלכען ער האט איהם געלאָזט וויסען פון זיין קומען און געבעטען ער זאָל צו איהם פערפאָהרען.

גלייך ווי אנדריי איז געקומען האָט איהם דער פאָטער דערלאַנגט נאַטאַשאַ׳ס צעטיל און האָט איהם דערצעהלט וועגען איהר וועלען אנטלויפען מיט אנאַטאָלן.

פיער איז צו איהם געקומען אויף מאָרגען. ער האָט ערווארט צו טרעפען דעם פירסט אין דעם זעלבען צושטאַנד, אין וועלכען עס האָט זיך געפונען נאַטאַשאַ און ער איז דאריבער געווען זעהר פערוואונדערט, ווען ער האָט געטראָפען אנדרייען אין גאַסט-צימער, וויא ער רעדט הויך און בעליעבט עפּעס וועגען אַ פּעטערבורגער אינטריגע.

ווען ער האָט דערזעהן פיערן, האָט זיין געזיכט אַ ציטער געטאָן און האָט אָנגענומען אַ בייזען אויסדרוק.

— נו, וואָס מאכסטו? דו האלסט אין איין וואקסען אין דער ברייט, האָט ער געזאָגט בעליעבט, נאָר אויף זיין שטערען איז געוואָרען אַ [illegible] טיעפער קנייטש.

אנדריי האָט איהם דערצעהלט וועגען זיין [illegible] און ווען דער גאַסט, וואָס האָט זיך איצט געפונען אין צימער, איז אוועקגעפאָהרען, האָט ער אָנגענומען פיערן פאר

דער האנד און האָט אירם אריינגעפיהרט אין צימער, וואס מען האָט פיר איהם אנגעגרייט. דאָס בעט איז ניט געווען פערבעט, דיא קאסטען און טשעמאָדאנען זיינען געווען אָפען. אנדריי איז צוגעגאנגען צו איינעם פון זיי און האָט ארויסגענומען א קעסטעלע. פון קעסטעלע האט ער ארויסגעצויגען א פעקעל פאפירען. ער האט עס געטהאָן פלינק און אָהן ווערטער. ער האט זיך אויפגעהויבען און אָבגעהוסט זיך. זיין געזיכט איז געווען בייז און דיא ליפען צוזאַמענגעפרעסט.

—פערצייהע, וואָס איך וועל דיך בעמיהען...... פיער האט פערשטאנען, אז אנדריי וויל ריידען וועגען נאטאשא'ן און אויף זיין ברייטען געזיכט האָט זיך אָבגעטונקט אן אויסדרוק פון מיטלייד און מיטגעפיהל. ריעזער אויסדרוק אויף פיער'ס געזיכט האָט אויפגעבראכט אנדרייען און ער האט פאָרטגעזעצט ענטשלאָסען, הויך און אונאַנגענעהם: דיא גרעפין ראָסטאָווא האָט מיר ענטזאגט און איך האָב געהערט, אז דיין שוואָגער האָט זיך צו איהר געשדכ'נט. איז דאָס אמת?

— אמת און ניט אמת, האט פיער אָנגעהויבען, נאָר אנדריי האָט איהם איבערגעשלאָגען

— דאָס זיינען איהרע בריעף און בילד, האָט ער געזאָגט. ער האָט גענומען דאָס בינטעל פון טיש און דערלאַנגט פיער'ן.

— גיב עס איבער דער גרעפין.... אויב דו וועסט איהר זעהן.

— זיא איז זעהר קראנק, האָט פיער געזאָגט.

— איז זיא נאָך דאָ? האָט אנדריי געפרעגט. און פירסט קוראגין? האָט ער געפרעגט אין דערגיך.

— ער איז שוין לאנג אוועקגעפאָהרען. זיא האָט געהאלטען ביים שטארבען.

— איך בעדויער זעהר איהר קראנקהייט, האָט אנדריי געזאָגט און האָט א שמייכעל געטהאָן קאלט, שלעכט און אונאַנגענעהם וויא דער פאָטער.

— נור דער הערר קוראגין, ווייזט אויס האָט איהר ניט געוואָלט בעעהרען מיט זיין האנד, האָט אנדריי געזאָגט.

— ער קען מיט איהר ניט חתונה האָבען, ווייל ער איז שוין פערהייראט, האָט פיער געזאָגט.

אנדריי האָט זיך אונאַנגענעהם צולאכט, ווידער דערמאָנענדיג מיט דעם זיין פאָטער.

— וואו איז ער איצט, אייער שוואָגער, מעג איך פרעגען? האָט ער געזאָגט.

— ער איז אוועקגעפאָהרען אין פעטער.... איבערינענס, איך ווייס ניט, האָט פיער געזאָגט.

— נאָר דאָס איז אַלץ איינס, האָט אַנדריי געזאָגט. גיעב איבער פון מיר דער גרעפין ראָסטאָווא, אַז זיא איז געווען און איז פריי און איך ווינש איהר אַלעס גוטעס.

— געדענקסט איהר אונזער געשפּרעך אין פעטערבורג? האָט פיער געזאָגט. איהר געדענקט...?

— איך געדענק, האָט אַנדריי געענטפערט אין דער גיך. איך האָב געזאָגט, אַז אַ געפאַלענע פרוי דאַרף מען פערצייהען, נאָר איך האָב ניט געזאָגט, אַז איך קען פערצייהען. איך קען ניט.

— קען מען דאָס גאָר ניט פערגלייכען?... האָט פיער געזאָגט. אַנדריי האָט איהם איבערגעשלאָגען און האָט שאַרף אויסגעשריען:

— ווייטער בעטען אום איהר האַנד, זיין גראָסמוטהיג און זאָ ווייטער?....דאָס איז זעהר פיין נאָר איך קען עס ניט. אויב דו ווילסט זיין מיין פריינד, זאָלסטו מיט מיר קיין מאָל ניט ריידען וועגען דער...... וועגען דעם אַליין.

XX.

אין דעמזעלבען אבענד איז פיער אוועקגעפאָהרען צו דיא ראָסטאָווס, אום אויסצופילען אַנדריי'ס ביטע. נאַטאַשאַ איז געווען אין בעט, דער גראַף אין קלוב. פיער האָט דיא בריעף איבערגעגעבען סאָניא'ן און אַליין איז ער אוועק צו מאַריא אַבראָסימאָווא. אין אַ מינוט צעהן אַרום איז סאָניא צו זיי אַריינגעקומען.

— נאַטאַשאַ וויל אייך זעהן, האָט זיא געזאָגט צו פיערן.

— ביי אייך איז דאָך נאָך ניט אויפגעראַמט, האָט געזאָגט מאַריא אַבראָסימאָווא.

— זיא האָט זיך אָנגעטהאָן און זיא וואַרט אין גאַסט-צימער, האָט געזאָגט סאָניא.

ווען פיער איז אַריינגעקומען אין גאַסט צימער האָט ער איהר געטראָפען שטעהן אין מיטען צימער מיט אַן איינגעפאַלענע בלייכע אָבער שטרענגע געזיכט. זי האָט זיך געלאָזט געהן איהם אַנטקעגען, נאָר די האַנד האָט זיא איהם ניט געגעבען.

— פעטער קירילאָוויטש האָט זי אָנגעהויבען צו ריידען אין דער גיך, דער פירסט באָלקאָנסקי איז געווען אייער פריינד, איך מיין ער איז אייער פריינד (איהר האָט אויסגעוויזען אַז אַלץ איז נור געווען און איצט גאָר עפּעס אַנדערס). ער האָט מיר דאַ-

מאָלס געזאָגט, אז איך זאָל זיך ווענדען צו אייך....

פיער האָט שטיל געסאָפּעט מיט דער נאָז קוקענדיג אויף איהר. ביז איצט האָט ער איהר בעשולדיגט און געהאסט, נאָר איצט האָט ער מיט איהר געקריגען אזא מיטלייד, אז ער האָט איהר ניט געקענט בעשולדיגען.

ער איז איצט דאָ, זאָגט איהם ..... אז ער זאָל פער..... מיך פערצייהען.

זיא האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט גענומען עפּטער אטהעמען, נאָר זיא האָט ניט געוויינט.

— יא..... איך וועל איהם זאָגען, האט פיער געזאָגט, נאָר......

פיער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען.

וויא עס שיינט האָט זיך נאטאשא דערשראָקען פאר'ן גערענק וואָס האט איהם געקענט איינפאַלען.

— ניין, איך וויים אז צווישען אונז איז אלץ געענדיגט, האָט זיא געזאָגט געשווינד. מיך פּלאָגט נאָר דער גערענק, אז איך האָב איהם שלעכטס געטאָן. זאָגט איהם נאָר, אז ער זאָל מיך פערצייהען, פערצייהען, פערצייהען פאר אלץ.

זיא האָט זיך אָנגעהויבען צו טרייסלען מיט'ן גאנצען קערפער און האט זיך אַניי דערגעזעצט אויף א שטוהל.

פיער'ס הארץ איז פול געוואָרען מיט מיטלייד.

— איך וועל איהם זאָגען, האט פיער געזאָגט, נאָר ... איך וואָלט וועלען וויסען איין זאך.... איך וואָלט וועלען וויסען, צו האָט איהר געליעבט.... פיער האט ניט געוואוסט, וויא אָנצורופען אנאטאָל'ן און איז רויט געוואָרען ביי'ם גערענק וועגען איהם, — האט איהר געליעבט דעם שלעכטען מענשען?

— רופט איהם ניט שלעכטער, האָט געזאָגט נאטאשא, נאָר איך וויים ניט, איך וויים גאָר ניט.

זיא האָט זיך צואוויינט.

און נאָך א שטארקערער געפיהל פון מיטלייד, צערטליכקייט און ליעבע האָט אָנגעכאַפּט פיער'ן. ער האט געפיהלט וויא אונטער דיא ברילען רינען ביי איהם טרערן פון דיא אויגען, און ער האט געהאָפט, אז מען וועט זיי ניט בעמערקען.

— מיר וועלען מעהר דערפון ניט ריידען, מיין פריינד, האט פיער געזאָגט.

דיעזער מילדער, צערטליכער קול האָט געקלונגען נאטאשא'ן זעהר זעלטזאם.

— מיר וועלען מעהר ניט ריידען, מיין פריינד, איך וועל איהם דערצעהלען נאר איין זאך וועל איך אייך בעטען — רעכענט מיך פאר אייער פריינד און אויב איהר וועט ברויכען הילף, א ראטה אדער איינפאך אויסניעסען פאר וועמען אייער הארץ, ניט איצט, זאנדערן ווען ביי אייך וועט אלץ זיין קלאר, זאלט איהר זיך דערמאנען וועגען מיר. ער האט גענומען איהר האנד און א קוש געטאן. איך וועל זיין גליקליך, אויב איך וועל זיין אימשטאנדע... פיער האט זיך פערלארען

—רעדט ניט מיט מיר אזוי. איך בין עס ניט ווערטה! האט נאטאשא אויסגע־שריען און האט געוואלט ארויסגעהען פון צימער, נאר פיער האט איהר איינגע־האלטען.

— הערט אויף! הערט אויף! האט ער געזאגט צו איהר, איהר האט נאך פאר זיך א גאנץ לעבען.

— פאר מיר! ניין! פאר מיר האט זיך שוין אלץ געענדיגט, האט זיא געזאגט פערשעמט און ניעדערגעשלאגען.

—אלץ געענדיגט? האט ער וויעדערהאלט. ווען איך זאל זיין ניט איך, זאנדערן דער שעהנסטער, קלוגסטער און בעסטער מענש אין דער וועלט און זאל זיין א פריי־ער וואלט איך גלייך אויף דיא קניע געבעטען אום אייער האנד און ליעבע.

נאך פיעלע טעג האט נאטאשא דאס ערשטע מאל זיך צוואויינט מיט טרערען פון דאנקבארקייט און א קוק טהוענדיג אויף פיער'ן, איז זיא ארויס פון צימער.

פיער איז גלייך נאך איהר ארויסגעלאפען אין פארצימער איינהאלטענדיג דיא טרערען פון גליק, וואס האבען איהם געשטיקט, האט זיך ארייגעווארפען אין זיין פעלץ און ארייגעזעצט זיך אין זיין שליטען.

עס איז געווען א פרעסטיג אין דרויסען און דער הימעל ריין. אין מיטען הימעל איז געשטאנען א קאמעט מיט א פערדיסענעם לאנגען עק און ארומגערינגעלט פון אלע זייטען מיט שטערן. דאס איז געווען דער קאמעט פון דעם צוועלפטען יאהר, וואס האט געוויזען, וויא מען האט געזאגט, אז דיא וועלט געהט א־נטער. נאר פיער'ן האט דער ליכטיגער שטערן מיט זיין שיינענדיגען לאנגען עק ניט געשראקען. אין געגענטהייל, ער האט געקוקט מיט פייכטע אויגען פון פרייד אויף דיזען ליכטיגען שטערן און איהם האט אויסגעוויזען, אז דער שטערן הארמאנירט מיט זיין זעלע, וואס האט אנגעהויבען צו בליהען מיט א ניי לעבען.

דריטער טאָם.

ערשטער טהייל.

I.

אין דעם יאהר 1812 האָבען זיך דיא פראנצויזען, וואָס האָבען לאנג געשארפט דיא צייהנער אויף רוסלאנד, צוגערוקט פון מעריב אייראָפּא צום רוסישען גרענעץ און זיינען אריין אין רוסלאנד, און דיא מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען, דאָס הייסט עס איז געשעהן א זאך, וואָס איז געגען דעם מענשליכען פערשטאנד און דער מענשליכע נאטור. מיליאָנען מענשען זיינען בעגאנגען איינער קעגען צווייטען גנבות, גזלות, רציחות, פערראטהען, בעטרוג, נארעריי, אונטערצינדונגען און מארדען וואָס דיא געשיכטע פון אַלע געריכטס-הייזער אין דער וועלט קען ניט אָנצעהלען פאר גאנצע יאָהרהונדערטע און דיא מענשען וואָס זיינען עס בעגאנגען האָבען דאמאלס ניט געקוקט אויף דעם וויא אויף א פערברעכען.

דעם 10 יוני האָט נאפּאָלעאָן אָנגעיאָגט זיין ארמיע און האָט געגעבטינט אין דעם ווילקאָווישקער וואלד ביי א פּוילישען גראף אין הויז.

דער רוססיישער קייזער האָט זיך אין דער צייט געפונען אין ווילנא. ער איז שוין דאָ געוועזען א חודש צייט און קיין זאך איז ניט געוועזען פארטיג פאר א מלחמה באָטשע אלע האָבען זיך געריכט, אז באלד ברעכט זיא אויס. וואָס לענגער דער קייזער האט פערבראכט אין ווילנא, האט מען זיך אַלץ וועניגער פערפערטיגט צו דער מלחמה. ווען נאפּאָלעאָן האט ארויסגעגעבען א בעפעהל אריבערצוגעהן דעם נעמאָן, האָבען אלעקסאנדערס גענעראל-אדיוטאנטען געמאכט א באל לכבוד דעם קייזער און אלעקסאנדער האט דארטען פערבראכט דעם גאנצען אבענד.

צוועלף א זייגער האט מען נאך געטאנצט. דער קייזער האט איצט ניט געטאנצט, ער איז געשטאנען מיט א פוילישע דאמע און האט גערעדט. א קאמער־הער איז צוגעגאנגען נאהענט צו איהם און האט זיך אבגעשטעלט וואס איז געווען גאר ניט העפליך. דער קייזער האט פערשטאנען אז ער האט איהם ווארשיינליך מיט צוטהיילען זעהר א וויכטיגע נייעס און ער האט זיך פערנייגט פאר דער דאמע און איז צוגעגאנגען צום קאמערהער. ווי נאר דער קאמערהער האט אנגעהויבען צו ריידען, האט זיך אויפ'ן קייזער'ס געזיכט אויסגעדריקט א פערוואונדערונג.

— אהן א קריעגס־ערקלערונג ארייגרייסען זיך אין רוסלאנד! האט אלעקסאנ־דער געזאגט אויפגערעגט, נאכהער וויא ער איז מיט'ן קאמער־הער ארויסגעגאנגען אין גארטען. כל זמן איין בעוואפענטער סאלדאט פון דעם פיינד פערבלייבט אין מיין לאנד, וויל איך פון קיין שלום ניט וויסען.

דיא מלחמה האט זיך אנגעהויבען.

II.

באלד נאך זיין צוריקקעהרען פון דער רייזע, איז אנדריי אוועקגעפאהרען אין פיט־ערבורג מיט דער אבזיכט צו בעגעגענען דארטען אנאטאל קוראגינען. נאר פיער האט דערווייל געגעבען קוראגינען צו וויסען וועגען דעם און ער האט גלייך געקריגען א'ן אויפטראג פון דעם קריעגס־מיניסטער, ער זאל אבפאהרען נאך דער מאלדא־ווער ארמיע. אין דער צייט האט אנדריי בעגעגענט אין פעטערבורג קוטוזאוו'ן און קוטוזאוו האט איהם אנגעבאטען, ער זאל מיט איהם צוזאמען פאהרען אין דער מאלדאווער ארמיע, וואו ער איז בעשטימט געווארען אלס פעלד־הערר. אנדריי איז אויף דעם איינגעגאנגען און ער איז איז אוועקגעפאהרען אין טירקיי.

נאר אין דער מאלדאווער ארמיע איז איהם ווייטער ניט געלונגען צו בעגעגענען זיך מיט קוראגינען. גלייך נאך אנדרייס אנקומען אהער איז אנאטאל אבגעפאהרען צוריק נאך רוסלאנד.

ווען אין בוקארעסט איז אנגעקומען די נאכריכט וועגען דעם קריעג מיט נאפא־לעאנען, האט אנדריי געבעטען קוטוזאוו'ן, ער זאל איהם אבלאזען, ווייל ער וויל ארייגטרעטען אין דער ארמיע אין דער היים. קוטוזאוו האט איהם אבגעלאזט, מיטגעבענד איהם אן אויפטראג צום גענעראל בארקלאי־דע־טאלי.

אויפ'ן וועג איז ער ארבגעפאהרען צום פאטער אין דיא „קאהלע בערג". דאס אויסע ווּיא פריהער. אין הויז איז דא געווען דיא זעלבינע ריינקייט, די זעלבינע שטילקייט, די זעלבינע ווענד, די זעלבינע מעבעל, די

זעלבינע קלאנגען, די זעלבינע געזיכטער נאָר א ביסעל געעלטערט. דיא אינערליכע פערהעלטניסע האָט ער ניט געקענט זעהן. די הויז־געזינד איז געווען צוטהיילט אויף צוויי פיינדליכע לאגערן. צו איין לאגער האָבען בעלאנגט דער אלטער פירסט, מאַמזעל בוריען און דער ארכיטעקטאָר און צום צווייטען — מארי, ניקאלושקא, זיין ערציהער און אלע ניאנעס.

לכבוד אנדריי'ס קומען האָבען אלע גענעסען צוזאמען, נאָר אלע האָבען זיך געפיהלט אונבעקוועם און אנדריי האָט געפיהלט, אז ער שטערט זיי אלעמען. אנדריי האָט צוליעב דעם ניט ווילענדיג געשוויגען, און דער אלטער פירסט, בעמערקענדיג זיין אונגאטירליכע שטילקייט איז אויך אנשווגען געוואָרן און איז גלייך נאָכ'ן עסען אוועק צו זיך אין צימער. אבענד צייט איז אנדריי אריין צום פאָטער אין קאבינעט, אום צו מאכען איהם א ביסעל פרייליכער און האָט איהם גענומען דערצעלען וועגען דעם קריעג, נור דער אלטער פירסט האָט פלוצלונג אראָבגעפיהרט דאָס געשפרעך אויף מארי'ן און האָט זיך גענומען קלאָגען אויף איהר אבערגלויבען, און פאר וואָס זיא האָט פיינד בוריען, וועלכע איז די איינציגע איבערגעגעבען איהר מיט'ן גאנצען הארצען. און ער האָט גענומען אויסלעגען א גאנצען צעטעל, פאר וואָס ער קען מיט איהר ניט הויזען.

— אויב איהר ווילט אויסהערען מיין מיינונג, האָט אנדריי געזאגט ניט קוקענדיג אויף'ן פאָטער (דאָס איז געווען דאָס ערסטע מאָל וואָס ער האט ארויסגערעדט זיין אונצופריעדענהייט נעגען איהם), איך האָב ניט געוואָלט ריידען, נאָר ווען איהר ווילט וויסען מיין מיינונג, וועל איך אייך זאָגען אָפען. אויב צווישען אייך און מאַשען איז פאראן א מיספערשטענדניס, סען איך בשום אופן ניט בעשולדיגען איהר אין דעם. איך וויים, וויא זיא ליעבט און שעצט אייך. אויב איהר ווילט וויסען מיין מיינונג, קען איך אייך נאָר זאָגען, אז אויב עס איז פאראן צווישען אייך א מיספערשטענדניס, איז דיא אורזאכע דערפון א ניכטס־ווירדיגע פרויענצימער, וועלכע פאסט נישט צו זיין דער שוועסטער'ס א פריינדין.

דער אלטער פירסט האָט אָנפאנגס א קוק געטהאָן אויף אנדרייען און האט און אונגאטירליכען שמייכעל געטהאָן און געפרעגט:

— וואָס פאר א פריינדין? הא? מען האָט דיר שוין אָנגערעדט!

— פאָטער, איך האָב ניט געוואָלט זיין קיין ריכטער, האט אנדריי געזאגט, נאָר איהר האָט מיך ארויסגערופען אויף דעם און איך האָב געזאָגט און וועל אלע מאָל זאָגען, אז מאשע איז ניט שולדיג אין דעם און שולדיג איז.... שולדיג איז דיא

פראנצויזען.

— אזוי, דו האסט מיך פעראורטהיילט, פעראורטהיילט! האט דער אלטער פירסט געזאגט מיט א שטילען קול און פערלעגענהייט, נאר באלד איז ער אויפגע־שפרונגען און האט אויסגעשריען:

— ארויס! דיין פוס זאל זיך מעהר דא ניט געפינען!

אנדריי האט געוואלט גלייך אויף דער שטעל אוועקפאהרען, נאר דיא שוועס־טער האט איהם איינגעבעטען, ער זאל פערבלייבען נאך א טאג. אין דעם פערלויף פון דעם טאג האט ער דעם פאטער ניט געזעהן. דער אלטער פירסט איז פון זיין קאבינעט ניט ארויס און האט קיינעם ניט אריינגעלאזט אויסער מאמזעל בוריען און דעם ארכיטעקטאר, און האט אללע ווילע נאכגעפרעגט, צו דער זוהן איז אוועקגעפאהרען.

מארי האט איהם געוואלט אבהאלטען נאך א טאג האפענדיג אז עס וועט קו־מען צו א שלום צווישען פאטער און אנדרייען, נאר אנדריי האט בשום אופן ניט געוואלט פערבלייבען לענגער, ערקלערענדיג אז דערפון וועלען זייערע פערהעלטניסע ווערען נאך שארפער, נאר אין ניכען וועט ער דא זיין און ער וועט אונבעדינגט שרייבען דעם פאטער א בריעף, און ער איז אוועקגעפאהרען.

בעקומענדיג דיא נאכריכט וועגען נאטאשא'ס קראנקהייט, איז דיא גרעפין ראסטאווא מיט פעטיאן אראבגעקומען אין מאסקווע און די גאנצע הויזגעזינד ראס־טאווס האט זיך אריבערגעצויגען פון מאריא אבראסומאווא אין זייער אייגענע הויז.

נאטאשא'ס קראנקהייט איז געוועזן אזוי ערנסט אז צו איהר גליק און צום גליק פון איהרע פריינד איז דער געדאנק וועגען די אורזאכען פון די קראנקהייט אראב־געדרוקט געווארען אויף'ן צווייטען פלאן. זי איז געוועזן אזוי קראנק אז מען האט ניט געקענט טראכטען, וואס פאר א שולד זיא האט אין דעם אלעם, וואס מיט איהר האט געטראפען, זי האט ניט געגעסען, ניט געשלאפען, איז מיט יעדען טאג דארער געווארן, האט געהוסט און דיא דאקטוירים האבען געגעבען צו פיהלען, אז זיא איז אין געפאהר. מען האט איצט נאר געדארפט טראכטען וויא צו ראטעווען איהר. דיא דאקטוירים זיינען געפארען איינציגווייז און צוזאמען, האבען גערעדט פראנצוי־זיש, דייטש, לאטייניש, האבען פערשריבען די פערשידענסטע רעצעפטע נאר קיינעם פון זיי איז ניט אריין אין קאפ דער איינפאכער געדאנק אז זיי וויסען ניט פון וואס פאר א קראנקהייט נאטאשא ליידעט, אזוי וויא מען קען ניט וויסען קיין קראנקהייט

פון וועלבע עס ליידעט א לעבעדיגער מענש. ווייל יעדער לעבעדיגער מענש האט זיין איינענע נייע, זאנדערבארע און קאמבינירטע קראנקהייט, פון וועלבע דיא מעדיצין וויים ניט. דער איינפאבער געדאנק האט די דאקטוירים אין קאפ נישט געקענט אריינקומען, ווייל זייער געשעפט איז צו היילען, ווייל זיי נעהמען דערפאר געלד און ווייל זיי האבען אויף דעם אוועקגעגעבען זייערע בעסטע יאהרען. נאר דיא דאקטוירים זיינען געווען נוציג מיט דעם וואס זיי האבען דער קראנקער און דיא שטוביגע נעגעבען האפנונג, פערזיכערנדיג, אז ווען דער קוטשער וועט אראבפאהרען אין דער ארבאטסקער אפטהייק און נעהמען פאר א רובעל מיט זיבעציג קאפיקעס פראשקעס אין א שיין קעסטעלע, און אז די פראשקעס וועט מען איינגעהמען אלע צוויי שטונדען חלילה ניט פריהער און ניט שפעטער וועט דיא קראנקהייט איבערגעהן.

נאר ניט קוקענדיג אויפ'ן גרויסען צאהל פילען, טראפענס, פראשקעס, וואס נאטאשא האט איינגענומען, האט דיא יוגענד גטאן דאס איהריגע און נאטאשא האט אנגעהויבען קומען צו זיך.

זיא איז געווארען רוהיגער, אבער ניט פרייליכער. זיא האט ניט נאר געוויבט פון טהעאטער, בעלער, קאנצערטען, זאנדערן האט קיין מאל ניט געלאכט אזוי, אז מען זאל נישט הערען קיין טרערען אין איהר לאכען. זיא האט ניט געקענט מעהר זינגען. וויא נאר זי האט אנגעהויבען צו לאכען אדער זינגען, האבען איהר גענומען שטיקען טרערען. דאס זיינען געווען טרערן פון חרטה, טרערן ארויסגערופען פון די עראינערונגען וועגען יענע ריינע צייט, וואס קען זיך ניט צוריקקעהרען; טרערן פון פערדרוס פאר וואס זיא האט גלאט אזוי, אומזיסט און אומנישט איבערגעפיהרט איהר יונג לעבען, וואס האט געקענט זיין אזוי גליקליך.

זיא איז במעט ערגעץ ניט ארויסגעפאהרען און פון דיא וואס פלעגען צו זיי אריינקומען, איז זיא נאר געווען צופריעדען צו זעהען איין מענשען—פיער'ן. ער איז זיך מיט איהר בעגאנגען זעהר צערטליך, פארזיכטיג און ערנסט. נאטאשא האט געפיהלט דיזע צערטליכקייט און דאריבער האט זיא זיך פערגניגט אין זיין געזעלשאפט. איהר האט אויסגעוויזען, אז גוטסקייט ליגט אין זיין נאטור און ער איז צו אלעמען אזוי.

אין דער פאסט־וואך איז אראבגעקומען ראסטאווס א שכנה פון דארף אין מאסקווע. זיא האט אנגעבאטען נאטאשא'ן, זיי זאלען געהען צו אלע תפלות אין קלויסטער, און נאטאשא האט זיך אן דעם אנגעכאפט מיט פרייד. ווען זיא האט זיך דאס ערשטע מאל צוריקקעהרט פון קלויסטער נאך דעם ווען זיא האט גענומען

דאָס אבטנר־מאָל, האט זיא זיך דערפיהלט רוהיגער און ניט אזוי בעלאסטינט פון לעבען.

III

אָנהויב יולי האבען זיך אין מאָסקווע גענומען פערשפרייטען אונרוהיגע קלאַנ־גען וועגען דער מלחמה מיט נאפּאָלעאָנ׳ען. מען האָט גערעדט, אז דער קייזער איז אוועקגעפאָהרען פון דער ארמיע, ווייל דיא ארמיע איז אין געפאהר, אז נאפּאָלעאָן האָט א מיליאָן חיל און אז נאָר א וואונדער וועט ראטעווען רוסלאנד.

אלעקסאנדער איז אריינגעקומען אין מאָסקווע און האָט זיך געווענדעט צו די מאָסקווער איינוואָהנער מיט א בקשה, אז זיי זאָלען קומען צו הילף דער רעגיערונג און זאָלען טהאן פון זייער זייט וואס זיי קענען. דיא קופּצעס האבען געגעבען געלד, דער אדעל האָט זיך אונטערגענומען צו צושטעלען נייע פּאָלקען סאָלדאטען פון זייערע פּאנסטיזניקעס און אליין אויסהאלטען זיי מיט קאָסטען. פּיער האָט געגעבען טויזענד מאן און אלע הוצאות אויף דעם.

* * *

אויף מאָרגען נאָך אנדריי׳ס אָבפאָהרען, האט דער אלטער פירסט באלקאנסקי אריינגערופען צו זיך זיין טאָכטער און געזאָגט:

— נו, איצט ביזטו שוין צופריעדען? אָנגעמאכט א קריג צווישען מיר און דעם זוהן! צופרידען? מעהר וויא דאָס האסטו דאָך ניט געוואָלט.... מיר טהוט דאָס וויה, זעהר וויה. איך בין אלט און שוואך און דו האסט עס אזוי גע־וואָלט. פריייה זיך, פריייה זיך....

נאָך דעם האָט מארי ניט געזעהען דעם פאָטער פאר א וואָך צייט. ער איז גע־ווען קראנק און איז ניט ארוים פון זיין צימער.

צו איהר פערוואונדערונג האָט זיא בעמערקט, אז אין דעם פערלויף פון דער וואָך האָט ער אויך ניט צוגעלאָזט צו זיך מאמזעל בוריען.

אין א וואָך ארום איז דער פירסט ארויסגעקומען פון זיין קאבינעט און האָט ווידער אָנגעהויבען צו פיהרען זיין ארבייטזאמעס לעבען, האָט זיך בעשעפטינט מיט נייע געביידעס און גערטנער און האָט אויפגעגעבען זיינע פריהערדיגע פערהעלטניסע מיט מאמזעל בוריען. זיין מינע און קאלטער טאָן מיט מארי׳ן האבען וויא געזאָגט: זעהסט, דו האָסט אויף מיר אויסגעטראכט, דו האָסט אָנגערעדט אויף מיר לנען אנדרייען וועגען מיינע פערהעלטניסע מיט בוריען, און דו זעהסט, אז איך דארף ניט האָבען ניט איהר און ניט דיר".

פון דער מלחמה האט מארי גאר ניט פערשטאנען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ניקאלענקא'ס לעהרער דעסאל, וועלכער האט זיך זעהר אינטערעסירט מיט'ן גאנג פון דעם קריעג, האט געזוכט צו מאכען פאר איהר קלאר, וואס עס טהוט זיך. איבערהויפט האט זיא ניט פערשטאנען וועגען דיזער מלחמה, ווייל דער אלטער פירסט האט דעם קריעג ניט געוואלט אנערקענען און האט ביים מיטאג געלאכט פון לעהרער, וואס האט גערעדט וועגען דער קריעג. זיין טאן איז געווען אזוי רוהיג אז מארי האט איהם געגלויבט.

דעם ערשטען אויגוסט איז פון אנדרייען אנגעקומען א צווייטער בריעף. אין דעם ערשטע בריעף, וואס אנדריי האט געשריבען גלייך נאך דעם אבפאהרען פון דער היים, האט ער ביים פאטער געבעטען פערציהונג פאר וואס ער האט געוואגט צו זאגען א ח[illegible] דאמאלס און געבעטען ער זאל איהם צוריק שענקען זיין פריינדשאפט. אויף דעם בריעף האט דער אלטער פירסט געענטפערט מיט א פריינדליכען בריעף און האט פון זיך ערווייטערט מאמזעל בוריען. אין דעם צווייטען בריעף וואס איז געווען געשיקט פון אונטער וויטעבסק האט אנדריי בעשריעבען דיא מלחמה און האט איהם געראטהען, אז זיי זאלען איבערפאהרען אין מאסקווע און ניט געפינען זיך ביים רעכטען פייער.

ביים מיטאג האט זיך פערצויגען א געשפרעך וועגען דער מלחמה און דעסאל האט דערצעהלט, אז דיא פראנצויזען זיינען אריין אין וויטעבסק. דער אלטער פירסט האט זיך דערמאנט אן דעם בריעף וואס ער האט געקראגען פון אנדרייען.

— בעקומען היינט א בריעף פון אנדרייען, האט ער זיך געווענדעט צו מאריען. דו האסט נאך ניט געלייענט?

— ניין, פאטער, האט זיא געענטפערט דערשראקען. זיא האט ניט געקענט לייענען א בריעף, ווען זיא האט ניט געוואוסט צו א בריעף איז אנגעקומען.

— ער שרייבט וועגען דעם קריעג, האט דער אלטער פירסט געזאגט מיט זיין געוואוינליכען פעראכטליכען שמייכעל.

— וואהרשיינליך איז דער בריעף זעהר אינטערעסאנט, האט בעמערקט דעסאל. דער פירסט דארף זיין אים שטאנדע....

— אח זעהר אינטערעסאנט! האט געזאגט מאמזעל בוריען.

— געהט, ברענגט מיר אריין דעם בריף האט זיך דער אלטער פירסט געווענדעט צו בוריען, איהר וויסט, אויפ'ן קליינעם טישעל, אונטער'ן פרעספאפיע.

בוריען איז אויפגעשפרונגען מיט שמחה.

— אח, ניין! האט דער פירסט אויסגעשריען בייז. נעה דוא. מיכאאיל איוואַניטש!

דער ארכיטעקטאָר האט זיך אויפגעהויבען און האט זיך געלאזט געהן צום קאבינעט. נאָר וויא ער איז ארויס האט דער אלטער פירסט א וואָרף געטהאַן די סאלפעטקע און איז אליין אוועק.

וועו דער פירסט איז אריינגעקומען האט ער דעם בריעף דערלאנגט מאריען זיא זאל לייענען אין דער הויף, און אליין האט ער זיך פערטיעפט אין דעם פלאן פון א נייע געביידע. ווען מארי האט געענדיגט לייענען, האט זיך דעסאל געווענדט צום פירסט:

— וואס דענקט איהר וועגען דעם, פירסט. מיר זיינען שוין נאָהענט פון פייער.

— חא־חא־חא! נאָהענט פון פייער! איך האב געזאָגט און האלט זיך ביי דאָס מיינינגע, אז דער פיינד וועט ווייטער פון נעמאן ניט דורכדרינגען.

דעסאל האט אָנגעקוקט פערוואונדערט דעם פירסט, וועלכער רעדט וועגען דעם נעמאן, ווערהענד דער פיינד איז שוין ביים דנעפער.

— ווען דער שנייי וועט לאָזען, וועלען זיי פערזינקען אין די בלאָטעס פון פוילען. נאָר זיי קענען דאָס ניט זעה, האט דער פירסט געזאָגט, וואהרשיינליך האָבענדיג אין זינען דיא מלחמה פון 1807טען יאָהר, וואס איהם האט געשיינט איז געווע אָקארסט. בעניגסען האט בעדארפט אריינטרעטען אין פרייסען און דאן וואָלט געווען נאָר אנדערס...

— נאָר אין בריעף, פירסט, רעדט זיך וועגען וויטעבסק...

— א, אין בריעף? יא, האט דער פירסט געזאָגט בייז און זיין געזיכט איז געוואָרען פינסטער. יא, יא, ער שרייבט, אז דיא פראנצויזען האָבען געהאט א גי־דערלאַגע, ביי וועלכען טייך איז דאָס?

דעסאל האט אראָבגעלאָזט דיא אויגען.

— דער פירסט שרייבט גאָר ניט וועגען דעם, האט ער געזאָגט שטיל.

— ער שרייבט ניט? איך האב דאָך דאָס ניט אויסגעטראכט.

— אלע האָבען א לאנגע צייט געשוויגען.

— נו, מיכאילא איוואניטש, האט זיך דער פירסט פלוצים געווענדט צום אר־כיטעקטאָר, זאָג, וואָס דענקסטו דאָ צו ענדערן, האט ער געזאָגט ווייזענדיג אויפ'ן פלאן.

דער ארכיטעקטאר איז צו איהם צוגעגאנגען, האט ארייננעקוקט אין פלאן און נענעבען זיינע בעמערקונגען וועגען דער נייער געביידע. דערנאך האט זיך דער פירסט אויפגעהויבען, האט א ווארף געטהאן א בייזען בליק אויף מאריין און דעם לעהרער און איז אוועק צו זיך.

מארי האט בעמערקט דיא פערלעגענהייט פון דעם פאטער, האט געזעהן וויא פערוואונדערט דער לעהרער איז געווען און זיא איז געווען איבערראשט, וואס דער פאטער האט פערגעסען מיטצונעהמען אנדרייס בריעף. נאר זיא האט מורא גע־האט צו פרעגען דעם לעהרער וועגען דיא אורזאכען.

אבענדצייט איז דער ארכיטעקטאר אריין צו מאריין און האט געזאגט, אז דער אלטער פירסט האט איהם געשיקט נאך בריעף זיא האט איהם געפרעגט, וואס טהוט דער פאטער.

— ער שרייבט זיינע כתבים.

— און אלפאטיטשין שיקט מען אין סמאלענסק?

— געוויס, ערווארט שוין לאנג.

IV.

ווען דער ארכיטעקטאר האט אריינגעטראגען דעם בריעף, האט ער געשיקט רופען אלפאטיטשין.

אויף א שטיקעל פאפיער איז ביי איהם געווען פערצייכענט, וואס מען דארף טהאן אין סמאלענסק. דא איז געווען פערצייכענט פיעל און וואס פאר א סארט פאפיר מען זאל קויפען, טריעפ-וואקס, פעררוקערס צו דיא טהירען פון דער נייער געביידע, א בריעף אבגעבען דעם גובע־נאטאר און דאס גלייכען.

צוויי לאנגע שטונדען האט געדויערט צו מאכען דיא בעפעהלע און ער האט איהם נאך אלץ נים אבגעלאזט. ענדליך האט זיך דער פירסט אנידערגעזעצט האט זיך פערטראכט, פערמאכט דיא אויגען און איינגעדרעמילט. אלפאטיטש האט געמאכט א בעוועגונג.

— נו, נעה, נעה, אז איך וועל עפעס דארפען, וועל איך שיקען זאגען.

דער אלטער פירסט האט זיך אנידערגעלעגט נאך א לאנגע צייט פאסיגען זיך אין פערשידענע ווינקלען און האט אלץ געטראכט צו ער האט עפעס נים פער־געסען. וויא נאר ער האט פערמאכט דיא אויגען, האט זיך זיין בעט אנגעהויבען צו וויגען הין און הער. דאס האט מיט איהם כמעט פאסירט יע־דען אבענד. ער האט געעפענט דיא אויגען.

— זי לאָזען נים רוהען, דיא פערפלוכטע, האט ער א מורמעל געטהאָן מים בעם אריף עמיצען. „יא, עס איז געווען נאָך עפּעס נאָך א וויכטיגע זאך. די פערדר קערס? איך האב זיי פערשריעבען. ניין, עפּעס אין גאסט־צימער איז געווען. עפּעס האָט מארי גע'כזב'ענט. דעסאל, דער נאר, האט עפּעס גערעדט. אין קעשענע עפּעס... איך געדענק נים".

— טישקא! האָט ער א געשריי געטהאָן צו א דיענער. ווענען וואָס האט מען גערעדט ביים מיטאָג?

— ווענען פירסט....

— שווייג, שווייג, האָט דער פירסט איבערגעריסען. איך וויים, אנדריים בריעף. מארי האָט געלייענט. דעסאל האָט עפּעס געזאָגט ווענען וויטעבסק. איך וועל איצט איבערלייענען.

ער האָט געהייסען דערלאַנגען דעם בריעף, האָט צוגערוקט צום בעטעל דאָס טישעל מיט א וואקסענע ליכט, אָנגעטהאָן דיא ברילען און איבערלייענענדיג דעם בריף, האָט ער ערסט אויף איין אויגענבליק פערשטאַנען זיין בעדייטונג.

„דיא פראנצויזען זיינען אין וויטעבסק זיי קענען באלד זיין אין סמאָלענסק, און אפשר זיינען זיי שוין דאָרטען".

— טישקא! האָט ער א געשריי געטהאָן צום דיענער. נאָר זאָל זיין, מען דארף נים!

V.

דיא „קאהלע בערג", דעם אלטען פירסט'ס גוט, האָט זיך געפונען 60 ווערסט הינטער סמאָלענסק און דריי ווערסט פון דעם מאָסקווער וועג.

אין דעם אבענד, ווען דער אלטער פירסט האָט געשיקט אלפּאַטיטש'ן אין סמאָלענסק, איז דעסאל אריין צו מארי'ן און האָט איהר געזאָגט, אז פון אנדריי'ס בריעף איז ארויסצוזעהן אז זיי זיינען נים אויסער געפאהר און אזוי ווי דער אלטער פירסט איז נים געזונד, זאָל זי אָנשרייבען א בריעף צום סמאָלענסקער גובערנאַטאָר און פרעגען איהם, וויא דיא זאך בעשטייט און אָבשיקען דעם בריעף מיט אלפּאַ־טיטשין. דעסאל האָט דעם בריעף אָנגעשריעבען, מארי האָט זיך אונטערגע־שריעבען, און אלפּאַטיטש'ן האָט מען אָנגעזאָגט, אז אין פאל פון א געפאהר, זאָל ער זיך צוריקקעהרען וואָס גיכער.

אלפּאַטיטש איז ארויסגעפאָהרען מיט דריי פערד און נאָך צוויי מאָל פּאַשען דיא פערד, איז ער דעם 4טען אָוגוסט פאר נאכט אָנגעקומען אין שטאָדט.

אויפ'ן וועג האט ער אָנגעטראָפען מיליטערישע וועגען און חיל. צוזאַהרענדיג צו סמאָלענסק, האט ער געהערט א וויטע שיטעריי, נאר דאס האט איהם ניט אי־בערראשט.

אלפאטיטש איז פערפאָהרען אין א בעקאַנטע אכסניא.

— דער עולם פאָהרט איצט פון שטאָט, און איהר זייט געקומען אין שטאָדט, האָט זיך צו איהם געווענדעט דער בעל אכסניא.

— פאַר וואס פאהרט מען דאָס פון שטאָדט? האט געפרעגט אלפאטיטש.

— און איך פרעג אויף דיא קשיה. איך זאָג, דער עולם איז נאַרעש. זיי האבען מורא פאַרן פראַנצויז.

— נאַרעשקייטען! האט געזאָגט אלפאטימש.

— דאָס טאקע טענה איך. איך זאָג, אז א בעפעהל איז פאַראַן אז מען וועט דעם שונה ניט אריינלאָזען, איז דאָס מסתמא ריכטיג. און דיא פויערים זיי בעטען דריי רובעל פאַר א פוהר, זיי האָבען גאָר ניט גאָט אין הארצען.

אלפאטיטש האָט געהייסען מאכען א סאמאָוואר און געבען היי דען פערד און אנטרינקענדיג זיך מיט טהיי האָט ער זיך געלעגט שלאָפען.

דיא גאַנצע נאַכט האָט זיך געהערט אין דיא גאַסען א געהן פון סאָלדאטען און אין דער פריה האָט זיך צינגעמישט צו דער שיסטוריי פון ביקסען א קלאַפעריי פון הארמאַטען. דיא גאַסען זיינען געווען פול מיט מענשען, וואָס האָבען זיך ערגעץ געאייַלט.

דער גובערנאַטאָר האָט געענטפערט אויף דעם אלטען פירסט באָלקאָנסקי'ס בריעף מיט א צירקולאַר, אז סמאָלענסק איז אויסער געפאהר און דעם שונא וועט מען פערטרייבען, נאָר אלפאטיטשען האָט ער מינדליך אָנגעזאָגט, אז דער אלטער פירסט זאָל בעסער איבערפאָהרען נאָך מאָסקווע.

אלפאטיטש האט זיך גלייך צוריקגעקעהרט פון דעם גובערנאָטאר און האט גע־הייסען דעם קוטשער שפאַנען דיא פערד. ווען ער איז ארויס אין גאַס, האָט זיך דערהערט א פייפען און קלאַפען פון גראַנאַטען, וואָס זיינען געפאַלען אין שטאָדט. אָנפאַנגס האט זיך דער עולם פערזאמעלט אין רעדלאַך אין דיא גאַסען און האט מיט נייגיערדע צוגעקוקט, וויא דיא גראַנאַטען־קוגלען זיינען געפלויגען, נאָר ווע א פייער האָט א בליץ געטהאָן אין מיטען גאַס און עפּעס האָט אויסגעשאָסען און דיא גאַנצע גאַס איז בעדעקט געוואָרען מיט רויך און עטליכע זייגען פערוואונ־דעט געוואָרען, זיינען אלע אַנטלאָפען פון דיא גאַסען און האבען זיך פערשטעקט

אין דיא הייזער.

נעגען אבענד איז דיא ש טערי שטיקער געווארען און אלפאטיטש האט נעהויי סען דעם קוטשער ארויספיהרען דעם וואגען מיט דיא פערד. אין שטאדט האבען נעברענט פיעלע הייזער.

— אלפאטיטש! האט דער אלטער פלוצים דערהערט א בעקאנטען קול.

— טאטעלע, אייער עקסעלענץ, האט אלפאטיטש אויסגעשריען, דערקענענדיג זיין יונגען הערין.

פירסט אנדריי רייטענדיג אויף א שווארצען פערד איז געשטאנען הינטער א נעדיכטע מעננע און האט נעקוקט אויף אלפאטיטש'ן.

— וואס טהוסטו דא? האט ער געפרעגט.

— אייער.... אייער עקסעלענץ, האט אלפאטיטש ארויסגערעדט און האט זיך צווויינט. אייער.... אייער...... וואס איז דאס, אונזער סוף איז שוין געקומען!

— וואס טהוסטו דא? האט אנדריי ווידערהאלט.

אלפאטיטש האט איהם דערצעהלט, וויא מען האט איהם געשיקט אהער און וויא ער האט זיך קוים ארויסגעריסען פון דער דער אבסניא.

אנדריי האט ארויסגענומען זיין נאטיץ-ביכעל און, האט מיט א בלייפעדער אנ־ געשריבען עטליכע ווערטער דער שוועסטער:

„סמאלענסק לאזט מען איבער דעם שונא. אין א וואך ארום וועט דער פיינד זיין אין אונזערע „קאהלע בערג". פאהרט גלייך אין מאסקווע, ענטפער גלייך, ווען איהר פאהרט ארויס. שיק צו מיר א שליח אין אוסוויאזש".

ער האט איהם דערלאנגט דאס צעטיל און אנגעזאגט איהם מינדליך וויא מען זאל איינארדנען זייער אבפאהרען, האט א ציה געטהאן זיין פערד און האט זיך אראבגענומען אין א געסיל.

VI.

ווען אלפאטיטש האט זיך צוריקגעקעהרט פון סמאלענסק, איז דער אלטער פירסט וויא געקומען צו זיך. ער האט געהייסען אויפקלייבען אפאלטשענצעס פון די דערפער, נעבען זיי געוועהר און האט ערקלערט די שטובינע, אז ער פערבלייבט דא אין דיא „קאהלע בערג" און וועט קעמפפען מיט'ן שונא.

נאר פערבלייבענדיג אליין אין דיא „קאהלע בערג", האט דער פירסט געזאגט, אז די טאכטער, דער קליינער פירסט ניקאלאי און זיין לעהרער דעסאל זאלען אב־ פאהרען אין אנדרייס גוט באגוטשאראווא און פון דארט'ן אין מאסקווע. מארי

האָט בעמערקט דעם פאָטער'ס פיעבערהאפטע טהעטיגקייט און האָט זיך ניט געקענט בעשליסען צו איבערלאָזען איהם אליין, און דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען האט זיא זיך ערלויבט ניט צו פאָלגען איהם. זיא האָט זיך אָבגעזאָגט צו פאָהרען, און ער האט אויף איהר אויסגעלאָזט זיין גאַנצען כעס. ער האָט איהר בעשולדיגט, אז זיא האט איהם פעראומערט זיין גאַנץ לעבען, זי האט אנגעמאַכט א שנאה צווישען איהם און דעם זוהן, זי האָט אויף איהם געהאט א מאוס'ן פערדאַכט, אז דיא איינציגע אויפגאַבע איהרע איז געווען צו פערדאַרבען זיין לעבען און האָט איהר ארויסגעטריעבען פון זיין קאַבינעט, אָנזאָגענדיג איהר, אז איהם איז אלץ איינס, צו זיא בלייבט צו זיא פאָהרט אוועק. ער האָט איהר געזאָגט, אז ער וויל פון איהר ניט וויסען און זיא זאָל ניט וואַגען מעהר צו ווייזען זיך איהם אויף דיא אויגען. נאָר דער פאַקט, וואָס ער האט ניט געהייסען, אז מען זאָל איהר אוועקפיהרען מיט געוואלד, האָט איהר געפרייט, זיא האט געוואוסט, אז דאָס בעווייזט, אז טיעף אין הארצען איז ער צופריידען, וואָס זי פערבלייבט מיט איהם.

אויף מאָרגען האָט זיך דער אלטער פירסט אָנגעטהאָן אין זיינע גענעראלסקע קליידער מיט אלע אָרדענס אום צו פאָהרען צום פעלדהערר. דיא קאַרעטע האָט שוין אויף איהם געוואַרט. מארי איז געזעסען ביים פענסטער און האָט געקוקט ווי דער פאָטער איז ארויס אין גאָרטען צו בעקוקען די בעוואַפענטע פויערים. פלוצים האָט זיא דערזעהן, וויא פון דער אלעע זיינען ארויסגעלאָפען עטליכע מענשען מיט צושראָקענע געזיכטער.

מארי איז ארויסגעלאָפען אויפ'ן גאַנעק און פון דאָרטען אין גאָרטען. איהר אנטקעגען איז אָנגעקומען א גרויסע מחנה אפּאָלטשענצעס און אין מיטען פון דער מחנה האָבען עטליכע מענשען געפיהרט אונטער די הענד דעם אלטען פירסט. מארי איז צו איהם צוגעלאָפען און האָט ניט געקענט פערשטעהען, וואָס איז איהם געשעהען. דיא איינציגע זאך וואָס זיא האָט בעמערקט, איז געווען וואָס זיין פריהערדיגער שטרענגער און ענטשלאָסענע אויסדרוק פון געזיכט האָט זיך פערוואנדעלט אין אן אויסדרוק פון ציטערניש און אונטערגעבענהייט. דערזעהענדיג דיא טאָכטער, האט ער אָנגעהויבען צו בעוועגען מיט די טאָבטלאָזע ליפען און האָט אנגעהויבען צו כריפען. מען האָט ניט געקענט פערשטעהן, וואָס ער וויל. מען האָט איהם אויפגעהויבען אויף דיא הענד און אריינגעטראָגען אין קאַבינעט.

דער דאָקטאָר, וועלכען מען האָט אראָבגעבראַכט אין דער זעלבער נאַכט

האט איהם געלאזט בלוט און ערקלערט, אז דיא רעכטע זייט איז ביי איהם פאראליזירט.

פערבלייבען לענגער אין דיא „קאהלע בערג" איז געווארען וואס ווייטער אלץ מעהר געפעהרליך און אויף׳ן צווייטען טאג האט מען דעם פירסט אריבערגעפיהרט אין באגוטשאראווא. דער דאקטאר איז מיט זיי מיטגעפאהרען.

דריי וואכען איז דער פירסט אבגעלעגען אין דעם נייעם הויז, וואס אנדריי האט אויסגעבויט אין באגוטשאראווא, און זיין לאגע האט זיך ניט געענדערט. ער איז געווען בעוואוסטלאז נאר ער האט ניט אויפגעהערט עפעס צו ווארטשען, און מען האט ניט געוואוסט, צו ער פערשטעהט וואס ארום איהם טהוט זיך צו ניט. איין זאך האט מען נאר געקענט וויסען זיכער, אז ער האט געליטען און אז ער האט עפעס געוואלט זאגען. נאר וואס האט ער געוואלט זאגען האט קיינער ניט פערשטאנען.

דער דאקטאר האט געזאגט, אז דאס איז נאר פון וויהטאג דרייט ער זיך אזוי, נאר מארי האט געדענקט, אז ער וויל דאס איהר עפעס זאגען ווייל ווען זיא איז צו איהם אריינגעקומען, האט ער זיך געדרייט מעהר ווי אלע מאל.

עס איז געווען קלאר צו זעהן, אז ער האט געליטען פהיזיש און גייסטיג.

קיין האפנונג אז ער זאל געזונד ווערען איז ניט געווען, פיהרען איהם ווייטער איז געווען אונמעגליך. „וואלט שוין ניט געווען בעסער, אז עס זאל נעהמען א סוף!" האט מארי געטראכט פון צייט צו צייט.

פערבלייבען לענגער אין באגוטשאראווא איז געווארען געפעהרליך. דיא פראנצויזען זיינען צוגעקומען אלץ נעהנטער און נעהנטער. דער דאקטאר האט געזאגט, אז מען זאל פאהרען ווייטער. דער איספראווניק איז אראבגעקומען און האט געזאגט, אז אויב מארי וועט ניט אבפאהרען ביז׳ן 15טען, וועט ער ניט זיין פעראנטווארטליך.

מארי האט בעשלאסען אבצופאהרען דעם 15טען. די נאכט אויף דעם 15טען האט זי פערבראכט ווי געוואוינליך ניט אויסגעטהאן אין דעם צימער וואס האט געהאט א שבנה׳שע וואנד מיט׳ן פאטערס צימער. עטליכע מאל האט זיא ערוואכט און איהר האט אויסגעוויזען, אז היינט קרעכצעט ער און ווארטשעט מעהר ווי אלע מאל. זי איז אייניגע מאל צוגעגאנגען צו דער טהיר, וועלענדיג אריינגעהן צום פאטער, נאר זיא האט זיך ניט געקענט בעשליסען צו טאן עס. זיא האט גע-

וואוסט אז איהר אריינקומען אין דער אונגעוואוינליכער צייט וועט איהם צו רייצען. אנטקעגען פריהמארגען איז ער אנשווינגען געווארען און זי איז איינגעשלאפען.

אויפגעכאפט האט זיא זיך שפעט. זיא האט זיך איינגעוואשען, האט געזאגט איהרע תפילות און איז ארוים אויפ'ן גאנעק. ביים גאנעק זיינען געשטאנען קארעטען נאך ניט געשפאנט און מען האט איינגעפאקעוועט זייערע זאכען. וועהרענד זיא איז דא געשטאנען, איז צו איהר ארויסגעקומען דער דאקטאר.

— היינט איז איהם בעסער, האט ער געזאגט. איך האב אייך שוין געזוכט. מען קען עטוואס פערשטעהן פון זיינע ווערטער ער רופט אייך. קומט.

מארי איז אריין צום פאטער און איז צוגעגאנגען צו זיין בעט. ער איז געלעגען אויף דעם רוקען, מיט די דארע הענד איבער דער דעקע. זיין געזיכט האט אויסגעזעהן ווי איינגעטריקענט. מארי איז צוגעגאנגען און האט איהם א קוש געטאן אין האנד. זיין לינקע האנד האט א דריק געטהאן איהרע אזוי, אז עס איז געווען קענטיג, אז ער האט שוין לאנג געווארט אויף איהר.

זיא האט אויף איהם געקוקט צושראקען, וועלענדיג טרעפען, וואס ער וויל פון איהר. ווען זיא האט זיך צוגערוקט צו איהם נעהענטער און ער האט איהר געקענט זעהען מיט זיין לינקען אויג, האט ער זיך בערוהיגט און עטליכע סעקונדען האט ער פון איהר געזיכט זיין אויג ניט ארונטערגעלאזט. דערנאך האבען זיך זיינע ליפען און צונג גענומען בעוועגען, און ער האט גענומען ריידען מיט א בעטענדע מינע און אין איינע ציטערניס, טאמער וועט זיא איהם ניט פערשטעהן.

מארי האט ארונטערגעלאזט די אויגען, זעהענדיג ווי ער מאטערט זיך צו ריידען, אום זיא זאל זיך ניט צואוויינען. ער האט עפעס געזאגט, ווידערהאלענדיג עטליכע מאל די ווערטער. מארי האט ניט געקענט פערשטעהן. דער דאקטאר האט געפרובט ערקלערן וואס ער מיינט, נאר מיט א צייכען פון קאפ האט דער פירסט געוויזען, אז דאס איז ניט דאס.

— די נשמה טהוט מיר וועה, האט מארי געזאגט, טרעפענדיג וואס ער מיינט. ער האט געגעבען א צייכען, אז זיא האט געטראפען, האט גענומען איהר האנד און גענומען צולעגען דיא האנד צו פערשידענע טהיילען פון זיין קערפער.

— אלע געדאנקען! וועגען דיר.... געדאנקען.... האט ער ארויסגערעדט א ביסעל פערשטענדיגער, זייענדיג שוין זיכער, אז מען פערשטעהט איהם. מארי האט צוגעפרעסט איהר קאפ צו זיין האנד, וועלענדיג פערשטעלען איהרע טרערען

ער האט איהר געגלעט איבער די האר מיט זיין האנד.

— איך האב דיך גערופען דיא גאנצע נאכט.... האט ער ארויסגערעדט.

— ווען איך וואלט וויסען ... האט זיא קוים ארויסגערעדט דורך טרערען. איך האב מורא געהאט אריינצוקומען.

ער האט איהר א דריק געטהאן די האנד.

— דוא האסט ניט געשלאפען ? האט ער געפרעגט.

— ניין איך האב ניט געשלאפען, האט זיא געשאקעלט מיטן קאפ, אויך אנהויבענדיג צו ריידען מיט צייכענס און אזוי שווער דרייען מיט דער צונג וויא דער פאטער.

— נשמה'ניו (מארי האט ניט געוואוסט זיכער צו ער זאגט נשמה'ניו אדער פריינד, נאר פון זיינע אויגען האט זיא געוואוסט אז דאס איז געווען א ליעבליך ווארט), פאר וואס ביסטו ניט געקומען?

„און איך האב געוואונשען, אז ער זאל שטארבען!" האט מארי זיך געמאכט פארוואורפען.

— איך דאנק דיר.... טאכטער, פריינד.... פאר אלץ.... פאר אלץ ... פערצייהע.... איך דאנק דיר... פערצייהע.... איך דאנק דיך.... און טרערען האבען גערונען פון זיינע אויגען.

— רופט אריין אנדריושא'ן, האט פלוצים געזאגט דער אלטער פירסט און אויף זיין געזיכט האט זיך געוויזען עפעס קינדערש-ציטערדיגעס און מיסטרויאישעס. ער האט וויא אליין פערשטאנען, אז זיין בעטען האט קיין זינען ניט. אזוי האט ווענינסטענס אויסגעוויזען מארי'ן.

— איך האב פון איהם בעקומען א בריעף, האט געענטפערט מארי.

דער פאטער האט אויף איהר א קוק געטאן מיט פערוואונדערונג.

—וואו איז ער דען?

— ער איז אין דער ארמיע, אין סמאלענסק.

דער אלטער האט א גאנצע צייט געשוויגען, פערמאכענדיג דיא אויגען.

— יא, האט ער געזאגט נאכדעם, וויא ער האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפף צום צייכען, אז ער האט פערשטאנען אלץ, וואס זיא האט געזאגט און האט געעפענט דיא אויגען. יא, רוססלאנד איז פערלארען! מען האט איהר פערניכטעט! און ער האט זיך ווייטער צואוויינט און טרערען האבען גערונען פון זיינע אויגען. מארי האט זיך לענגער ניט געקענט איינהאלטען, און זיא האט זיך אויך צו־

וויינט קוקענדיג אויף'ן פאטער.

ער האט ווידער פערמאכט דיא אויגען, און אויפגעהערט צו וויינען. ער האט געמאכט א צייכען מיט דער האנד און געוויזען אויף דיא אויגען. דער דיענער האט דעם צייכען פערשטאנען און האט איהם אויסגעווישט דיא אויגען.

דערנאך האט ער ווידער עפּעס געזאגט, עפענענדיג דיא אויגען, נאר א לאנגע צייט האט קיינער ניט געקענט פערשטעהען, וואס ער מיינט. ענדליך האט דער דיענער פערשטאנען.

— טהו אן דיין ווייסע קלייד, איך האב עס ליעב, האט ער געזאגט.

מארי האט זיך נאך העכער צוואויינט, און דער דאקטאר האט איהר אונטער דער האנד ארויסגעפיהרט פון צימער און איינגערעט איהר, אז זי זאל זיך צוגרויטען צום אבפאהרען. נאכדעם ווי מארי איז ארויסגעגאנגען, האט דער אלטער פירסט ווידער גענומען ריידען וועגען זיין זוהן, וועגען דעם קריעג, וועגען קייזער, האט ביין פערצויגען דיא ברעמען און ער האט געקראגען דעם צווייטען און לעצטען שלאג.

מארי איז אוועק אין גארטען און האט לויפענדיג גערעט צו זיך: „און איך.... איך.... איך האב גענארט זיין טוידט!... איך האב זיך געוואלט בערוהיגען.... וואס טויג מיר דיא רוה, ווען ער וועט מיט מיר ניט זיין?“ ויא איז אזוי ארומגעגאנגען מיט גיכע טריט, האלטענדיג זיך ביים הארצען, ביז איהר ניאנע איז צו איהר צוגעקומען און געזאגט:

— דער פירסט......

דא האט איהר ניט געלאזט אויסריידען און איז אוועקגעלאפען אין הויז. ביים פירסט אין צימער האבען זיך איצט געפונען פרעמדע מענשען און ביי איהר אריינקומען האבען איהר אלע אבגעטראטען דעם וועג און געמאכט פאר איהר א ווארע צום בעט.

„ניין, ער איז ניט געשטארבען, דאס איז אונמעגליך“ האט מארי געזאגט צו זיך און איז צוגעגאנגען צום בעט. זיא האט איהרע ליפען צוגעדריקט צו זיין געזיכט נאר זיא האט זיי באלד אבגעכאפט צוריק מיט שרעק צום קערפּער, וואס איז איצט געלעגען פאר איהר. „ניין דאס איז ניט ער! ער איז שוין מעהר ניטא!“

X.

אלפּאטיטש איז אנגעקומען אין באגוטשאראווא מיט א פּאאר טעג פריהער איידער דער אלטער פירסט איז געשטארבען, און ער האט זיך דערוואוסט, אז די באגוטשאראוואר פויערים האבען פערהאנדלונגען מיט די פראנצויזען און הויבען זיך

אָן צו בונטעווען. ער האָט געשיקט רופען דעם סטאַראָסטאַ, פאַר וועלכען די פויערים האָבען מעהר מורא געהאַט, וויא פאַרן פריץ אַליין. דער סטאַראָסטאַ דראָן איז שוין געוועזען 23 יאָהר אין דיענסט און איז קיין מאָל ניט געוועזען שכור און ניט קראַנק.

אלפאַטיטש האָט געהייסען דעם סטאַראָסטאַ, ער זאָל אָנגרייטען 12 פערד פאַר דיא קאַרעטען און 18 פערד מיט וועגען פאַר די פריצישע זאַכען. דער סטאַראָסטאַ דראָן האָט איהם אויסגעהערט און אַראָבלאָזענדיג דיא אויגען, האָט ער געזאָגט, אַז ער ווייס ניט, וואו צו נעהמען די פעויד מיט דיא וועגען. אלפאַטיטש האָט אָנגערופען עטליכע פויערים, ביי וועלכע מען האָט געקענט נעהמען פערד נאָר דראָן האָט געענטפערט, אַז די פערד זיינען אין וועג. אלפאַטיטש האָט אָנגערופען אַנדערע פויערים, נאָר דראָן האָט זיך אַרויסגעמאַכט מיט אַ תירוץ אַז דאָ זיינען זיי גע'פגרט, מיט איין וואָרט מען קען קיין פערד ניט קריגען אין גאַנצען דאָרף.

אלפאַטיטש איז ניט אומזיסט געוועזען 20 יאָהר דער פערוואַלטער פון דעם אַלטען פירט'ס גיטער און ער האָט גוט געקענט דאס פאָלק, מיט וועלכען ער האָט געהאַט צו טהאָן. אַ קוק טהוענדיג אויף דראָנען, האָט ער גלייך געוואוסט, אַז ער ענטפערט איהם ניט מיט זיינע אייגענע ווערטער, זאָנדערן מיט דיא ווערטער פון דיא פויערים פון דאָרף. נאָר צו דער זעלבער צייט האָט ער געזעהען, אַז דראָן איז ניט שטייף אין זיין דעה, אַז ער ווייס ניט, מיט וועמען צו האַלטען צו מיט די פויערים צו מיט'ן פריץ. און דעריבער איז ער צו איהם צוגעטראָטען נעהענטער און האַט געזאָגט מיט אַ בייזע מינע.

— הער מיך אויס, דראָן האַט אלפאַטיטש געזאָגט. דו רייד מיר ניט קיין נאַרעשקייטען. זיין עקסעלענץ אַנדריי באַלקאָנסקי האַט מיר געהייסען, אַ איך זאָל אַלעמען אַרויסשיקען פון דאָרף און קיינער זאָל מיט'ן פיינד ניט פערבלייבען, און אויף דעם איז פאַראַן אַ בעפעהל פון דעם קייזער. ווער עס וועט ניט פאָלגען איז אַ פעררעטהער. דו הערסט!

— איך הער, האַט דראָן געענטפערט ניט אויפהויבענדיג דיא אויגען.

נאָר אלפאַטיטש האַט זיך מיט דעם ענטפער ניט בענוגענט.

— אי, דראָן, עס וועט זיין שלעכט מיט דיר, האָט ער געזאָגט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

— מיר זיינען אין אייערע הענד, האַט דראָן געענטפערט טרויריג.

— דראַן, דראַן, איך וואָרען דיר, דו זאָלסט אזעלבע שטיק ניט מאכען. ניט נור איך זעה דיך דורך און דורך, איך זעה אפילו דריי ארשין טיעף אונטער דיר, האָט אלפאטיש געזאָגט, קוקענדיג אויפ׳ן באָדען אונטער דראַנ׳ס פיס.

דראַן איז א ביסעל צומישט געוואָרען, האָט א וואָרף געטאָן א פערביילופיגען בליק אויפ׳ן פערוואלטער און ווידער אראָב געלאָזט דיא אויגען.

— וואַרף אוועק דיא נארעשקייטען און זאָג אָן דיא פויערים, אז זיי זאָלען גרייטען פערד און וואָגען פאר דעם פירסט׳ס זאכען און זאָלען אליין אריבערציהען זיך אין מאָסקווע.

דראַן איז איהם פלוצלונג געפאלען צו דיא פיס.

— יאקאָוו אלפאטיטש, בעפריי מיך פון מיין דיענסט, נעהם צו פון מיר דיא שליסלען.

— הער אויף דיא שטיק, האָט אלפאטיטש געזאגט שטרענג.

דראַן האט זיך אויפגעהויבען און געוואלט עפעס זאגען, נאר אלפאטיטש האט איהם איבערגעשלאָגען.

— וואס מיינט איהר זיך, הא?

— וואָס קען איך מיט זיי טהאָן? האט דראַן געזאָגט, א שנעק איז ארויף די אנגעקומען און איך האב אויך מיט זיי נע׳טענה׳ט.

— זיי טרינקען? האָט אלפאטיטש געפרעגט קורץ.

— דאָס צווייטע פעסיל געבראכט.

— אלזאָ הער, איך פאָהר צום איספראווניק, און דו ערקלעהר זיי, אז זיי זאָלען דיא שטיק אוועקווארפען און זאלען גלייך צושטעלען פערד.

— איך הער, האט דראַן געענטפערט.

מעהר האָט אלאפאטיש ניט געפאָדערט. ער האט געוואוסט פון זיין לאנגיעהריגע ערפאַרענהייט אז דער הויפט מיטעל צו מאכען, אז מענשען זאלען פאָלגען, בעשטעהט אין דעם, ניט ארויסצואווייזען קיין צווייפעל אין דעם, אז זיי קענען גאָר ניט פאָלגען. אלפאטיש האט זיך בעגנוגענט מיט דעם ענטפער צוואר ער האט געוואוסט, אז אָהן דער הילף פון סאָלדאטען וועט מען קיין וועגען און פערד ניט קריגען.

און ווירקליך ביז אבענד האט מען קיין פערד ניט געבראכט. ביי נאכט האָבען די פויערים געהאט א פערזאמלונג נעבען שענק און זיי האָבען בעשלאָסען צו פערטרייבען דיא פערד אין וואלד און קיין וועגען נעבען. אלפאטיטש האט מאָרין נאָר

ניט דערצעהלט וועגען דעם. ער האט געהייסען אויסשפאנען זיינע פערד פון די וועגען, וואו עס זיינען געווען איינגעפאקעוועט זיינע אייגענע זאכען און איינשפאנען זיי אין די פירסטליכע קארעטען, און אליין איז ער אוועקגעפאהרען צום איספראווניק.

XI

נאך דעם פאטער'ס קבורה האט זיך מארי פערשפארט ביי זיך אין צימער און האט קיינעם צו זיך ניט אריינגעלאזט. דער אנפיהרער פון דעם אדעל איז געקומען בעטען איהר, אז זיא זאל אין דעם זעלבען טאג פערלאזען באגוטשאראווא, וויל די פראנצויזען זיינען שוין ניט ווייט. נאר זי האט פון קיין זאך ניט געוואלט הערען און וויסען. זי איז דעם גאנצען טאג אבגעלעגען אויף דער זאפע און געטראכט וועגען טוידט און וועגען איהר נידערטרעכטיגקייט וואס זיא האט ארויסגעוויזען, ווערענד דער פאטער איז געווען קראנק.

אנטקעגען אבענד האט זי זיך אויפגעהויבען פון דער זאפע און איז צוגעגאנגען צום פענסטער, וואס איז ארויסגעקומען אין גארטען. דער אבענד איז געווען א קיהלער און זיא האט איינגעאטהעמט די פרישע לופט.

„יא, איצט איז דיר גוט צו פערגניגענען זיך מיט'ן אבענד. ער איז שוין ניטא און קיינער וועט דיר ניט שטערן” האט זיא געזאגט צו זיך, אראבלאזענדיג זיך אויף א שטוהל און אנשפארענדיג זיך מיט'ן קאפ אן דעם ברעט פון פענסטער.

יעמאנד האט איהר צערטליך אנגערופען ביים נאמען און האט איהר א קוש געטהאן אין קאפ. מארי האט זיך ארומגעקוקט. דאס איז געווען מאדמאזעל בוריע אין א שווארצע קלייד און זיא האט זיך צוואויינט. מארי האט זיך דערמאנט זייער פריהערדיגע צוזאמענשטויסע, זיא האט זיך דערמאנט, וויא ער האט זיך צו איהר געענדערט די לעצטע צייט און דאריבער זיינען איהרע פארווירפע געווען נאר אומזיסט.

מארי האט אויף איהר מיטלייד געקראגען און האט איהר אויסגעשטרעקט די האנד. בוריען האט גענומען קוסען איהר האנד מיט טרערען אין די אויגען און האט גענומען ריידען וועגען דעם אונגליק, וואס זיי האט געטראפען, אז אלע מיספערשטענדניסע דארפען איצט פערשוואונדען ווערען, אז זי פיהלט זיך ריין אנטקעגען אלעמען און ער זעהט פון דארטען איהר ליעבע און דאנקבארקייט. מארי האט געהערט וויא זיא רעדט, ניט פערשטעהענדיג איהרע ווערטער, זיא האט פון צייט צו צייט אויף איהר א קוק געטהאן און זיך צוגעהערט צום קלאנג פון איהר

שטימע.

— אייער לאגע איז דאָפּעלט שרעקליך, האט געזאָגט בוריען נאָך א קורצען שטיל-שווייגען. איך וויס, אז איהר האט ניט געקענט און קענט ניט דענקען וועגען זיך, נאָר מיין פפליכט איז דאס צו טהאן.... אלפאטיטש איז געוועזען ביי אייך? ער האט מיט אייך גערעדט וועגען אבפאָהרען?

מארי האט ניט געענטפערט. זיא האט ניט פערשטאנען, ווער און וואו האט מען געדארפט פאָהרען. „וועמען קען איצט לינען אין זינען אזעלכע זאכען?"

— ווייסט איהר, אז מיר זיינען אין געפאהר, אז מיר זיינען ארומגערינגעלט מיט פראנצויזען. פאָהרען איז איצט געפעהרליך. ווען מיר זאָלען איצט פאָהרען, וועלען מיר ארייינפאלען געוויס דעם פיינד אין דיא הענד.

— אלפאטיטש האט מיר עפּעס געזאָגט וועגען אבפאָהרען, האט מארי גע-ענטפערט, רעדט איהר מיט איהם, איך וויס נאָר נישט און וויל גאָר ניט....

— איך האב שוין מיט איהם גערעדט. ער האָפט, אז מיר זאָלען מארגען קענען אוועקפאהרען, נאָר איך דענק, אז איצט וואָלט געוועזען בעסער צו פערבלייבען דאָ, האט געזאגט בוריען. ווייל ארייינפאלען אין די הענד צו סאָלדאטען אָדער צו רעבע-לירענדע פויערים אויף'ן וועג וואָלט געוועזען שרעקליך.

בוריען האט ארויסגענומען פון איהר האנד בייטעל אן אפּישע וואס איז געוועזען אונטערגעשריעבען פון דעם פראנצויזישען גענעראל ראמאָ און אין וועלכער עס איז געוועזען פערשפּראָכען דיא איינוואָהנער שיצונג, אויב זיי וועלען פערבלייבען אויף זייערע ערטער.

— איך דענק, האט געזאָגט בוריען, אז עס וואָלט געוועזען בעסער צו ווענדען זיך צו דעם גענעראל און איך בין זיכער, אז ער וועט אייך געבען די גרעסטע אכטונג.

מארי האט געל״ענט דיא אפּישע און דאס געזיכט האט איהר געגומען צופּען פון א טרוקענעם וויינען.

— וויא אזוי האט איהר געקראָגען דיא אפּישע? האט זיא געפרעגט.

— זיי האבען זיך וואהרשיינליך פון נאָמען דערוואוסט, אז איך בין א פראנ-צויזין, האט בוריען געזאָגט און איז רויט געוואָרען.

מארי האט זיך אויפגעהויבען מיט א בלייכע געזיכט, מיט'ן פאפּיר אין האנד און איז ארויס פון צימער.

— דוניאשא, האט זי זיך געווענדעט צו איהר ניאנע, רופט מיר ארויין אלפא-

מיט'ן אדער דראנ'ען אדער ווענען עס איז, און זאגט בוריען אז זיא זאל צו מיר גיט א יינקומען. ניבער, נ'כער אוועק פון דאנען! האט זיא געזאגט צו זיך, דער שרעקענדיג זיך פאר'ן געדאנק, אז זיא קען אריינפאלען אין געפאנגענשאפט ביי דיא פראנצויזען.

דיא פאדערונגען פון לעבען, וועגען וועלכע זיא האט געדענקט, אז זיי זיינען פערניכטעט געווארען מיט'ן פאטערס טוידט, זיינען פלוצים ארויסגעטראטען מיט א נייע קראפט.

אלפאטיטש איז ניט געווען אין דער היים. דער ארכיטעקטאר האט איהר נאר ניט געקענט זאגען. דעם פאטער'ס קאמערדינער האט איהר אויף יעדער פראגע געענטפערט „איך הער" און קוקענדיג אויף איהר האט ער געוואלט אויסברעכען אין א געוויין. ענדליך איז אריינגעקומען דער סטאראסטא דראן.

— דראנושקא, האט זי זיך געווענדט צו איהם ווי צו א פריינד, וועלכען זי האט געקענט אזוי פיעל יאהר און וועלכער פלעגט איהר יעדעס מאל נאכן קומען פון יריד ברענגען א געוויסען סארט ל קאך פאר א מתנה. דראנושקא, אלפאטיטש איז ערגעץ אוועקגעפאהרען און איך ווייס ניט צו ווענען זיך ווענדען. איז דאס אמת אז איך וועל ניט קענען אוועקפאהרען?

— פאר וואס זאלסטו ניט קענען אוועק פאהרען? פאהרען קען מען, אייער עקסעלענץ, האט דראן געזאגט.

— מען האט מיר געזאגט, אז עס איז געפעהרליך צוליעב דעם פיינד. טייבעלע איך פערשטעה אין דעם גאר ניט און האב דא מיט זיך קיינעם. איך וויל אונבעדינגט פאהרען היינט ביי נאכט אדער מארגען אין דער פריה.

דראן האט געשוויגען. ער האט פו אונטערן שטערן געקוקט אויף מאריין.

— ניטא קיין פערד, האט ער געזאגט, איך האב שוין עס געזאגט יאקאוו אלפאטיטשן.

— פאר וואס איז דאס ניטא קיין פערד?

— גאט האט אונז געשטראפט, האט דראן געענטפערט. דיא פערד וואס זיינען געווען האט מען צוגענומען פאר די סאלדאטען, אנדערע זיינען געפגרט. היינטיגעס יאהר איז אזוינס. ניט נאר פערד קען מען געבען עסען, מע שטארבט אליין פון הונגער מען זיצט אזוי אויך צו דריי טעג אהן ברויט.

— דיא פויערים האבען קיין ברויט ניט? קען מען רערצו נאר ניט טהאן? איך וועל טהאן אלץ, וואס איך וועל קענען...

זיא האט דונקעל געוואוסט אז עס איז פארא פריצישע תבואה און דיא תבואה נימ מען דיא פויערים.

— ביי אונז מוז דאך זיין דיא פריצישע תבואה, דעם ברודערס ? האט זיא געפרעגט.

— דיא פריצישע תבואה האט קיינער נים געריהרט, האט דראן געזאגט. אונזער פירסט האט נים געהייסען פערקויפען.

— צוטהייל דיא תבואה צו די פויערים, גיעב זיי פיעל די דארפען, האט מארי געזאגט.

דראן האט גאר נישט געענטפערט און ער האט נאר א טיעפען זיפץ גע־טהאן.

— צוטהייל דיא תבואה, אויב דאס וועט פאר זיי זיין גענוג. איך חיים דאס דיר אין דעם נאמען פון דעם ברודער און זאג זיי, אז וואס עס איז אונזערע, איז וייערע.

דראן האט אויף איהר געקוקט דורכדרינגליך און האט געענטפערט:

— בעפרייט מיך, מאמעלע פון מיין דיענסט, און הייס צונעהמען פון מיר דיא שליסלען. 23 יאהר האב איך אבגעדיענט, קיין שלעכטס האב איך נים געטאן, בעפריי מיך אום נאטעס ווילען.

מארי האט נישט פערשטאנען, וואס ער וויל פון איהר און פאר וואס ער וויל אוועקגעבען דיא שליסלען. זי האט איהם געענטפערט אין דין טרגעבענהייט און די וועט טהאן פאר איהם און די פויערים אלץ, וואס זיא וועט קענען.

XII.

אין א שעה ארום איז דוניאשא אריין צו מארי מעלדען, אז דראן און אלע פוי־רים האבען זיך פערזאמעלט נעבען שפייכלער, וויא זיא האט בעפוילען און ווילען מיט איהר איבערריידען.

— איך האב זיי קיין מאל נים געבעטען קומען, האט געזאגט מארי. איך האב נאר געהייסען דראנען, ער זאל זיי צוטהיילען דיא תבואה.

— אום נאטעס ווילען, הייסט זיי פערטרייבען און געהט נים ארויס צו זיי. דאס איז אין גאנצען נארעריי. יאקאוו אלפאטיטש וועט קומען, וועלען מיר פאה־רען... און איהר טארט נים......

— וואס פאר א נארעריי ? האט מארי געפרעגט פערוואונדערט.

— איך וויים און פאלגט בעסער מיר.

זי זאָגען, אז זי ווילען ניט אָבפאָהרען און וועלען ניט פאָלגען אייער בעפעהל.

— עפעס האָסטו דאָ אויסגעמישט, האט מארי געזאָגט. איך האָב קיין מאָל ניט געגעבען קיין בעפעהל, אז זיי זאָלען אוועקפאָהרען. רוף אריין דראָנושקאַן.

דראָן איז אריינגעקומען און האט וויעדערהאָלט דוניאשא׳ס ווערטער: די פויערים זיינען געקומען אויף דער פריצטעס בעפעהל.

— אָבער איך האָב נאָך זיי נאָר ניט געשיקט, האט מארי געזאָגט. ווארשיינליך האָסטו ניט ריכטיג איבערגעגעבען, וואָס איך האב דיר געזאָגט. איך האָב נאָר געזאָגט, אז דו זאָלסט זיי צוטהיילען די תבואה.

דראָן האט ניט געענטפערט און אָבגעזיפצעט זיך.

— אויב איהר הייסט, וועלען זיי אוועק, האט ער ענדליך געזאָגט.

— ניין, ניין, איך וועל ארויס צו זיי האָט מארי געזאָגט.

ניט קוקענדיג, וואָס די בעדיענטע האָבען איהר דערפון אָבגערעדט איז מארי ארויס אויפ׳ן גאנעק. דראָן, דער אויפזעהער און איינינע בעדיענטע זיינען איהר נאָכגעגאנגען.

צווישען די פויערים האט זיך אָנגעהויבען א בעוועגונג ביי איהר ערשיינען, און אלע האָבען אראָבגענומען די היטלען, מארי איז צוגעקומען נאָהענט צו זיי. זי האט זיך אָנפאנגס א ביסעל פערלאָרען פון די פיעלע אויגען וואָס האָבען געקוקט אויף איהר, נאָר ווי סענדיג, אז זי איז א צד די פאָרשטעהערין פון זיעם פאָטער און ברודער, האט זי זיך גלייך געפאסט און אָנגעהויבען מיט א שטייפען קול.

—איך בין זעהר צופרידען, וואָס איהר זייט געקומען. מיר האט דראָנושקא געזאָגט, אז איהר האט געליטען פון דער מלחמה. די צרה איז אונזער אלעמענס און איך וועל טהאָן אלץ, אום צו העלפען אייך. איך פאָהר אוועק, וויל דאָ איז געפעהרליך.... דער פיינד איז נאָהענט... וויל.... איך גיב אייך אָב אלץ, מיינע פריינד און איך בעט אייך, נעהמט די גאנצע תבואה און איהר זאָלט ניט וויסען פון קיין נויט. אויב מען האט אייך געזאָגט, אז איך גיב אייך די תבואה אום איהר זאָלט פערבלייבען דאָ; איז דאָס ניט ריכטיג, פערקעהרט, איך בעט אייך איהר זאָלט פון דאנען אריבערפאָהרען מיט אייער גאנצער ביסעל אָרימקייט און אונזער גוט אונטער מאָסקווע און איך וועל זעהן צו בעזאָרגען אייך מיט הייזער און ברויט.

זי האט זיך אָבגעשטעלט. עס איז געוואָרן שטיל און קיינער האט די שטילקייט ניט איבעריסען. אלע אויגען זיינען געווען געריכטעט אויף איהר מיט איין

אויסדרוק, דיא בעדייטונג פון וועלכען זיא האָט ניט געקענט פערשטעהן. איז דאָס געווען נייגיערדע, איבערגעבענהייט, דאַנקבאַרקייט אָדער שרעק און מיסטרויען, נאָר דער אויסדרוק איז געווען אומעדום דער זעלבער.

— מיר זיינען זעהר צופריעדען פון אייערע חסדים, נאָר נעהמען דיא פריצישע תבואה דאַרפען מיר ניט, האָט געענטפערט א קול פון הינטען.

— פאַר וואָס? האָט מאַרי געפרעגט.

קיינער האָט ניט געענטפערט, נאָר מאַרי האָט בעמערקט, אז איצט האָבען זיך אלע אויגען, מיט וועלכע זיא האָט זיך בעגעגענט, אראָבגעלאָזט.

— פאַר וואָס אָבער ווילט איהר ניט? האָט זיא ווידער געפרעגט.

קיינער האָט ניט געענטפערט.

— פאַר וואָס רעדט איהר ניט? האָט זיא זיך געווענדעט צו אַן אלטען פויער וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט אויף זיין שטעקען. זאָג, אפשר דאַרפט איהר האָבען נאָך עפּעס.

דער אלטער פויער איז וויא אין כעס געוואָרען, האָט אין גאַנצען אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און געזאָגט:

וואָס איז דאָ פאראַן איינצואווילינגען, מיר דאַרפען קיין תבואה ניט האָט זיך אָנגערופען איינער.

— וואָס, מיר זאָלען אלץ אוועקוואַרפען? מיר ווילען ניט. מיר ווילען ניט. מיר ושאלעווען דיך, נאָר איינשטימען קענען מיר ניט. פאָהר אליין...... האָבען זיך געהערט קולות פון אלע זייטען.

און ווידער האָט זיך אויף אלע געזיכטער געוויזען איין אויסדרוק, נאָר איצט איז ער שוין זיכער ניט געווען אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט אָדער נייגיערדע. דער אויסדרוק איז איצט געווען פון א בייזער ענטשלאָסענהייט.

— א חכמה, לאָז דיא הייזער, פערניכטען און געה נאָך איהר, זיא וועט דיך פערשקלאַפען.

מאַרי האָט אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און איז ארויס פון דער מענגע. זיא האָט זיך געלאָזט געהן צום שטוב און האָט אָנגעזאָגט דראָנען, אז ער זאָל צוגרייטען פערד און וועגען.

XIII.

ניקאָלאַי ראָסטאָוו מיט א יונגען אָפיציר און מיט צוויי חוואַרען זיינען ארויס־געפאָהרען רייטענדיג פון דעם דאָרף, וואו זיי זיינען געשטאַנען, 15 ווערסט פון

באַנוטשאַראָווא, אום אויסצופּרובען א נייעם פערד, וואָס דער אָפיציר האט איצט נעקויפט און צו דער זעלבער צייט אויסצוגעפינען אין דיא ארומיגע דערפער, צו איז דארטען ניטאָ קיין היי.

באַנוטשאַראָוואָ האָט זיך דיא לעצטע דריי טעג געפונען צווישען צווי פיינד־ליכע ארמייען און אהער האבען אזוי גוט געקענט ארײַנפאָהרען פראַנצויזישע סאָל־דאטען וואָס זיינען נעגאנגען פאראוים וויא רוססישע סאָלדאטען וואָס זיינען נעגאנגען פון הינטען. און ראַסטאָוו וויא א גוטער קאָמאַנדיר האָט געוואָלט פערכאַפּען דעם פראָוויאַנט אין באַנוטשאַראָווא איידער דיא פראַנצויזען וועלען אהין אָנקומען.

ראַסטאָוו און דער צווייטער אָפיציער זיינען געוועזען זעהר פרייליך און האָבען נעהאָפט צו געפינען שיינע מיידלעך אין דעם פירסטליכען גוט. ראַסטאָוו'ן איז אין קאָפּ ניט אריין, אז דאָס גוט בעלאַנגט צו דעם זעלבען באַלקאָנסקי'ן, וועלכער אי געוועזן זיין שוועסטער'ס חתן.

ראַסטאָוו און דער צווייטער האָבען צום לעצטען מאָל א לאַז געטהאָן זייערע פערד, ווער וועט ווען איבעריאָגען, און ראַסטאָוו איז דער ערשטער אריינגע־שפּרונגען אין דער גאַס פון דעם דאָרף באַנוטשאַראָווא.

— דו פריהער, האָט געזאָגט דער צווייטער אָפיציר און זיי זיינען צוגעפאָרען צו א שפּייכלער, וואו עס איז געוועזן פערזאַמעלט א גרויס רעדעל פון פויערים.

איינינע פויערים האבען ארונטערגענומען דיא היטלען, אנדערע ניט און האבע אלע געקוקט אויף דיא רייטער. צוויי אלטע און הויכע פויערים זיינען ארוים שכור פון שענק און פאלענדיג פון דיא פיס האבען זיי געזונגען עפּעס א ליעדעל.

— כוואַטעס! האט געזאָגט ראַסטאָוו. וואָס הערט זיך, חיי איז פאראַן?

א פויער איז ארויס פון דער מעננע און איז צוגעגאַנגען צו ראַסטאָוו'ן.

— ווער זייט איהר? האט ער געפרעגט.

—פראַנצויזען, האט דער אָפיציר געענטפערט לאַכענדיג. און אט איז נאַפּאָלע־אָן אליין, האט ער געזאָגט, ווייזענדיג אויף ראַסטאָוו'ס משרת א הוזאר.

— בכן, זייט איהר רוסישע? האט דער פויער איבערגעפרעגט.

וואָס האט איהר זיך דאָ צוזאַמענגעקליבען? האט געפרעגט ראַסטאָוו, עפּעס א יום טוב?

— צוליעב קהלשע עסקים, האט געענטפערט דער פויער, אָבטרעטענדיג פון

שיחה

אין דער צייט האבען זיך אויפ'ן וועג וואס האט געפיהרט פון דער פריצ'ישער הויף, געוויזען צוויי פרויען און א מאנספערזאן אין א ווייסע היטעל.

— אין ראזען קליר געתערט צו מיר! האט געזאגט דער יונגער אפיציער בער סערקענדיג, אז דוניאשא לויפט צו איהם. וואס, מיין שעהנחייט? האט ער איהר געפרעגט, שמייכלענדיג.

— דיא פירסטין האט געהייסען פרעגען, פון וועלכען פאלק זייט איהר און ויא איז אייער פאמיליע?

— דאס איז גראף ראסטאוו, עסקאדראנער קאמאנדיר, און איך בין אייער ער־געבענסטער דיענער.

גלייך נאך דוניאשא'ן איז צוגעקומען אלפאטיטש. ער האט ארונטערגענומען דאס היטעל און איז צוגעגאנגען צו ראסטאוו'ן.

—איך וואג זיך צו בעאונרוהיגען אייער וואהלגעבארען האט אלפאטיטש געזאגט מיט אכטונג נאר צו דער זעלבער צייט מיט א געוויסע פעראכטונג צו ראסטאווס יונגקייט און האט ארייגעלייגט די האנד צו זיך אין בוזים. מיין ווירטהין, דיא טאכטער פון דעם גענעראל־אנשעף פירסט ניקאלאי אנדרעעוויטש באלקאנסקי, וועלכער איז געשטארבען דיעזען 15טען, געפינט זיך איצט אין א פערלעגענהייט צוליעב דער גראבקייט פון דיעזע פערזאנען — ער האט אנגעוויזען אויף דיא פויערים — און זיא בעט אייך איהר זאלט אזוי גוט זיין און אריינקומען.... ווערט איהר פיעלייכט זיין אזוי גוט אבפאהרען א ביסעל, ווייל דא איז ניט זעהר אנגענעהם פאר דיא...... האט אלפאטיש געזאגט מיט א טרויעריגען שמייכעל ווייזענדיג אויף צוויי פויערים וואס זיינען איהם נאכגעגאנגען טריט פאר טריט.

— א!.. אלפאטיטש!.... א..... יאקאוו אלפאטיטש! פיין! א פיין!.... האבען דיא פויערים געזאגט, לאכענדיג פון איהם.

ראסטאוו האט א קוק געטהאן אויף די שכור'ע פויערים און האט א שמייכעל געטהאן.

— פיעלייכט פערשאפט עס אייך פערגניגען האט געזאגט יאקאוו אלפאטיטש, ווייזענדיג מיט דער לעדיגער האנד אויף דיא פויערים.

— ניין, דאס איז א קנאפער פערגניגען האט געזאגט ראסטאוו און איז אבגע־פאהרען. וואס איז דאס אזוינס? האט ער געפרעגט.

— איך נעהם דיא פרייהייט צו מעלדען אייער עקסעלענץ, אז דיא פויערים פון דעם דארף ווילען נישט ארויסלאזען דיא ווירטהין פון דעם גוט און לאזען נישט

שפאנען דיא פערד, פון אין דער פריה זיינען די זאכען איינגעפאקט און איהר עק־פעלענץ קען נים ארויספאהרען.

— דאס איז אונמעגליך! האט ראסטאוו אויסגעשריען.

— איך האב דיא עהרע צו מעלדען איך די ריינע וואהרהייט, האט אלפאטיטש געזאגט.

ראסטאוו איז אראב־געשפרונגען פון פערד און האט עס איבערגעגעבען דעם חוזאר און אליין איז ער מיט אלפאטיטשען אוועק צום הויז, וואו די פירסטין האט זיך געפונען און האט איהם דערווייל אויסגעפרעגט וועגען איינצעלהייטען. ווירקליך, מארי האט די זאך אזוי איבערגעפיהרט מיט איהר אונטערהאנדלונג מיט די פויערים און מיט איהר פארשלאג, זיי זאלען נעהמען דיא תבואה, אז דראן האט אבגעגעבען דיא שליסלען און איז איבערגעגאנגען אויף דער זייט פון די פויערים. און ווען מארי האט אין דער פריה געהייסען שפאנען די פערד, האבען זיך די פויערים פערזאמעלט נעבען שפייכלער און האבען געשיקט זאגען, אז זיי וועלען דיא פירסטין פון דעם גוט נים ארויסלאזען, אז בעפעהל איז פאראן אז קיינער זאל נים ארויספאהרען אלפאטיטש האט מיט זיי גערעדט און גע'טענהט, נאר דאס איז געווען אומזיסט.

אין דער מינוט ווען ראסטאוו איז געקומען מיט'ן אפיציר אין באגוטשאראווא, האט מארי געהייסען שפאנען דיא פערד און נים קוקען אויף קיין זאך, כאטש אלפאטיש און דיא בעדיענטע האבען איהר דערפון אבגעשלאגען. נאר ווען דיא קרטשערס האבען דערזעהן דיא רייטער, זיינען זיי זיך צולאפען פאר שרעק, אנגעהמענדיג זיי פאר פראנצויזען און אין הויז איז געווארען א געוויין.

— טאטעלע! גוטער פאטערל! איין גאט האט דיך אהער געשיקט! האבען זיך געהערט קולות פון דיא דיענסטען, וועהרענד ראסטאוו איז דורכגעגאנגען דורך דעם פארצימער.

מארי איז געזעסען אין זאל אן אבגעשוואכטע ווען ראסטאוו איז אריינגעקומען דערזעהענדיג א רוסישע געזיכט און דער קענענדיג פון זיין אריינקומען און פון זיינע ערסטע ווערטער, אז ער איז פון איהר קרייז, האט זיא אויף איהם א קוק געטהאן מיט איהר טיעפען שטראהלענדען בליק און האט גענומען ריידען מיט א ציטערנדען קול. ראסטאוו האט געזעהן עפעס ראמאנטישעס אין דער בעגעגענים: „א מיידעל, אונבעשיצט און דערשלאגען פון אן אונגליק, איינע אליין אין דיא הענד פון דיא גראבע אויפגערייצטע פויערים!" האט ער געטראכט.

וועהרענד זי האט איהם דערצעהלט.

ווען זיא האט גענומען רעדען, אז דאס אלץ איז געשעהן אויף מארגען נאך דעם פאטער'ס טוידט, האט זיך איהר קול איבערגעריסען. זי האט זיך אבגעקערט און ווי מורא האבענדיג, אז ער זאל נים מיינען, אז זיא וויל ערוועקען זיין מיטלייד, האט זיא אויף איהם א קוק געטהאן מיט א פראגענדען, צושראקענעם בליק. ביי ראסטאוו'ן זיינען געשטאנען טרערען אין דיא אויגען.

— איך קען אייך נים זאגען, וויא גליקליך איך פיהל זיך דערמיט, וואס דער צופאל האט מיך געבראכט אהער איז וואס איך וועל אייך קיינעו מיט עפעס דיענען, האט ראסטאוו געזאגט, אויפהויבענדיג זיך. איך בעט אייך, פאהרט און איך ענטפער מיט מיין עהרע, אז קיין מענש וועט נים וואגען צו פערשאפען אייך דיא מינדעסטע אונאנגענעהמליכקייט, אויב איהר וועט נאר מיר ערלויבען צו בעגלייטען אייך.

ער האט זיך פערנייגט, וויא מען פערנייגט זיך פאר דאמען פון דער קייזערליכער פאמיליע און האט זיך געלאזט געהן צו דער טהיר.

זיין העפליכקייט, מיט וועלכער ער האט איהר געוויזען, אז כאטש ער וואלט גערעכענט פאר א גליק צו בעקאנען זיך מיט איהר, טהוט ער עס אבער נים ווייל ער וויל נים אויסנוצען איהר אונגליק, האט זיא פערשטאנען און געוואוסט וויא צו שעצען.

— איך בין אייך זעהר, זעהר דאנקבאר, האט זיא צו איהם געזאגט, נאר איך האף, אז דא איז נאר געווען א מיספערשטענדניס און קיינער איז אין דעם נים שולדיג.

זיא האט זיך פלוצים צוואויינט.

— פערצייהעט, האט זיא געזאגט.

ראסטאוו האט זיך ווידער פערנייגט און איז ארויס פון צימער מיט אנגערוקטע ברעמען.

XII.

— נו, וואס, זיא איז שעהן? מיינע איז א׳ן אנטיק.... נאר דער אפיציר האט א קוק געטהאן אויף ראסטאוו'ן און איז אנשוויגען געווארען. ער האט דערזעהן, אז זיין קאמאנדיר געפינט זיך איצט אין א׳ן אנדער מוטה.

ראסטאוו האט בייז א קוק געטהאן אויף איהם, האט איהם נים געענטפערט און איז מיט שנעלע טריט אוועק אין דארף.

— איך וועל זיי ווייזען! איך וועל זיי אַגלערנען דיא נזלנים, האָט ער גערעדט צו זיך.

אלפאַטיטש האָט איהם קוים געקענט אַניאָגען.

— וואָס פאר אַ ענטשלוס האָט איהר געפאַסט? האָט ער געפרעגט, אַניאָגענ־דיג איהם.

—ענטשלוס? וואָס פאר אַן ענטשלוס אַלטער נאַר! האָט ראָסטאָוו אויף איהם אַ געשריי געטהאָן. וואָס האָסטו געקוקט? הא? דיא פויערים האָבען געבונטעוועט און דו האָסט זיך ניט געקענט מיט זיי ספּראַווען? דו ביזט אַליין אַ פעררעטהער. איך קען אייך, איך וועל פון אייך אַלעמען רייסען פאַסען.... און וויא מורא האָ־בענדיג, אַז ער זאָל דערווייל ניט אויסלאָזען זיין גאַנצען כעס, האָט ער גענומען געהן מיט נאָך גיכערע טריט.

אלפאַטיטש האָט אראָבגעשלונגען די בעליידיגונג און איז פון איהם ניט אָבגעטראָטען. ער האָט איהם דערווייל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס וואָלט פיליכט געווען בעסער צו שיקען נאָך אַ ראָטע סאָלדאַטען.

— איך וועל זיי געבען אַ ראָטע סאָלדאַטען, האָט ניקאָליי געמורמעלט, ניט ווייסענדיג וואָס ער רעדט און פלאַצענדיג שיער פון טהיערישען כעס.

ניט טראַכטענדיג וואָס ער וועט טהאָן איז ער אַלץ מיט אַ גיכערען און ענטשלאָסענעם טריט נעהענטער צוגעקומען צו דער מענגע.

נאָר וואָס נעהענטער ראָסטאָוו איז צוגעקומען צו דיא פויערים, האָט אלפאַטיטש אַלץ מעהר געפיהלט אַז דיזע אונבעטראַכטע האַנדלונג קען ברענגען אַ גוטען רעזולטאַט. דאָס זעלבע האָבען געפיהלט דיא פויערים קוקענדיג אויף זיינע גיכע און שטייפע טריט און אויף זיין ענטשלאָסענע בייזע געזיכט.

גלייך וויא דיא הוזאַרען זיינען אריינגעפאָהרען אין דאָרף, איז צווישען דיא פויערים געוואָרען אַ ריידּ, אַז זיי קענען נאָך אין כעס ווערען, פאַר וואָס מען לאָזט ניט ארויספאָהרען די פירסטען. דראָן האָט אויך אַזוי געדענקט. נאָר וויא ער האָט עס ארויסגערעדט איז אויף איהם אָנגעפאַלען אַ פויער קאַרפּ און נאָך אַנדערע, אַז איהם איז קיין דאגה ניט, ווייל ער האָט גענוג געלד אָנגעקליבען און ער וועט איצט געהמען זיין געלד און איהם האַרט ניט, וואָס מען וועט מאַכען אַ תל פון די הייזער.

ווען ראָסטאָוו, דער צווייטער אָפיציר, אַלפאַטיטש און די אַנדערע צוויי הוזאַרען זיינען איצט צוגעקומען צו די פערזאַמעלטע פויערים, איז קאַרפּ מיט פערלעגטע פינגער אונטערן גאַרטעל, מיט אַ לייכטען שמייכעל אויף דיא ליפּען ארויסגע־

טראָטען פאַראויס. דראָן, אין געגענטהייל, האָט זיך פערשטופט אין די הינטערסטע רייהען.

— עי, ווער איז דאָ ביי אייך דער סטאראָסטאַ? האָט ראָסטאָוו אויסגעשריען:

—דער סטאראָסטאַ? צו וואס דארפט איהר איהם?.... האָט געפרעגט קארפ. נאָר קוים האָט ער צייט געהאט צו ענדיגען דיא פראַגע, איז זיין היטעל אראָבגעפלויגען, און דער קאָפּ האָט זיך פערבויגען אָן א זייט פון א שטארקען קלאַפּ.

— אראָב דיא היטלען, פעררעטהער! האָט ער אויסגעשריען מיט זיין געזונטע שטימע. וואו איז דער סטאראסטא?

— ער רופט דעם סטאראסטען.... דראָן זאכאַריטש, אייך רופט מען, האָבען זיך דערהערט אונטערטהעניגע שטימען, און אלע האָבען אראָבגענומען דיא היטלען.

— מיר מיינען ניט צו בונטעווען, מיר היטען דיא אָרדנונג, האט קארפ געזאָגט און עטליכע שטימען פון הינטען האָבען איהםאונטערגעהאלטען.

— איהר רעדט נאָך? א בונט! מערדער! פעררעטהער! האָט ראָסטאָוו געשריען ניט מיט זיין קול, אליין ניט וויסענדיג וואָס ער רעדט און האט א כאַפּ געטהאָן קארפ'ן פאר'ן קאָלנער. בינדט איהם! בינדט! האָט ער געשריען, כאָטשע דא איז ניט געווען ווער עס זאָל בינדען.

איין החאר, וואס איז געווען איין בעדיענטער, איז צוגעלאָפען צו קארפ'ן און האָט איהם אָנגעכאפּט פון הינטען פאר דיא הענד.

— וועט איהר בעפעהלען צו ברענגען אונזערע פון אונטערן בארג? האָט ער אויסגעשריען.

אלפּאטיטש האָט זיך געווענדעט צו דיא פויערים און האָט צוויי פון זיי אָנגערופען מיט דיא נעמען, אז זיי זאָלען בינדען קארפ'ן. דיא צוויי זיינען אונטערטהעניגסט ארויס פון דער מענגע און האָבען גענומען אראָבנעהמען זייערע גארטלען.

— דער סטאראָסטא וואו איז? האָט ראָסטאָוו געשריען.

דראָן איז ארויסגעטראָטען מיט א בלייכע געזיכט.

— דו ביזט דער סטאראָסטא? בינדט איהם! האָט ראָסטאָוו געשריען אזוי וויא דאָס וואָלט ניט געקענט בעגעגענען קיין הינדערניס. און ווירקליך נאָך צוויי פויערים זיינען ארויסגעטראָטען און האָבען גענומען בינדען דעם סטאראָסטא וועלכע האָט אליין ארונטערגענומען פון זיך דעם גארטעל און האָט זיי דער-

לאנגט.

— און איהר, הערט מיך אוים האָט ער זיך געווענדט צו דיא פויערים: גלייך א היים, איך זאָל אייער קול מעהר ניט הערען.

— מיר האָבען קיין זאך ניט געמיינט, דאָס איז נאָר געווען א נארעשקייט. איך האב געזאָגט, אזוי איז ניט גוט, האָבען זיך געהערט שטיממען, און זיי האָבען זיך גלייך געלאָזט געהען א היים.

אין צוויי שעה ארום זיינען שוין געשטאנען פוהרען מיט פערד פארן פריצישען הויז און דיא פויערים האָבען געהאָלפען איינפאקען דיא זאכען.

— אבי אוועקגעלעגט — טויג ניט, האָט געזאָגט איין פויער. דאָס קאָסט געלד. מען קען דאָס ניט לאָזען אונטערן שטריק, עס וועט זיך אָברייבען. בעט איבער מיט א ראָגאָזשקע.

— זעהסט, וואָס ביכער דאָ טהוט זיך! האט געזאָגט א צווייטער, ארויסטראָגענדיג די שאפעס פון אנדריי׳ס ביבליאָטהעק. געזונטע ביכער!

— מען האָט זיך ניט געפוילט און געשריבען! האָט צוגעוואונקען א דריטער, ווייזענדיג אויף דיא לעקסיקאָנען, וואָס זיינען געלעגען פון אויבען.

ראָסטאָוו האָט דיא פירסטין בעגלייט צוועק ווערסט ביז זיי זיינען אָנגעקומען צום וועג, וואָס איז געווען פערנומען מיט דיא רוסישע חיל. דאָרטען האָט ער זיך מיט איהר געזעגענט און איז אוועקגעפאָהרען צו זיין פאָלק.

מארי האָט געמאכט אויף איהם זעהר א גוטען איינדרוק און איהם איז געוואָרען פרייליך, ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען אָן איהר, און ווען זיינע חברים האָבען זיך דערוואוסט, וואָס מיט איהם איז געווען אין באָגוטשאראָווא און האָבען געשפאסט, אז ער איז געפאָהרען נאָך היי און האט דערוויל פערשטאָבען איינע פון דיא רייכסטע כלות פון רוסלאנד, איז ראָסטאָוו אין כעס געוואָרען. אין כעס געוואָרען איז ער דערפאר, וואָס דער געדאנק איז ניט איין מאָל איהם אריין אין זינען. ער פאר זיך האט קיין בעסערע ווייב זיך ניט געוואונשען, דיא מוטער וואָלט זיך געפונען גליקליך און דאס וואָלט פערבעסערט דעם פאָטער׳ס געשעפטען; און סאָניא? מארי וואָלט אויך געווען גליקליך.

נאָר סאָניא? זיין וואָרט, וואָס ער האט איהר געגעבען? און דאריבער איז ראָסטאָוו געווען אין כעס ווען דיא חברים האבען געשפאסט.

XIV

דער אָבער־פעלד־הערר איבער דער גאנצער רוסישער ארמיע איז ווידער געוואָ־

רען סוטוזאָוו נעגען דעם ווינען פון דעם קייזער. קוטוזאָוו האָט זיך גלייך דערמאנט אָן אַנדרייען און האָט נאָך איהם געשיקט, נאָר אַנדריי האָט זיך אָבגעזאגט פון אריינצוטרעטען אין שטאב און האָט איהם געבעטען ער זאָל איהם ערלויבען צו פערבלייבען ביים פאָלק.

— שאַדע, האט קוטוזאָוו געענטפערט, איך האב דיך בעדארפט האבען, נור דו ביסט גערעכט. מענשען דארפען מיר האָבען ניט דא. ראטהגעבער האבען מיר שטענדיג גענוג, אונז געהן אָפּ מענשען. ניט אזעלכע פאָלקען וואָלטען מיר געהאט, ווען אלע ראטהגעבער וואָלטען געדיענט אין דיא פאָלקען וויא דו. איך געדענק דיך נאָך פון אויסטערליץ. איך געדענק, איך געדענק, מיט דער פאָהנע אין האנד.

קוטוזאָוו האט איהם צוגעצויגען צו זיך האט איהם אונטערגעשטעלט זיין באַק און אַנדריי האט בעמערקט אין זיינע אויגען טרערען.

ביידע פיינדליכע ארמייען זיינען דעם 25 אויגוסט געשטאַנען נעבען באָראָדינאָ, א דאָרף ניט ווייט פון מאָסקווע און מאָרגען האט געדארפט פארקומען א צוזאמענשטויס צווישען דיא פיינדליכע ארמייען. אָבציהען דעם צוזאמענשטויס ווייטער איז געוועזען שוין אונמעגליך, אלע האבען געוואַרט א שלאַכט און קוטוזאָוו האט געמוזט נאָכגעבען.

פיער איז געקומען פון מאָסקווע זעהן דיא שלאַכט. ער האָט געהייסען זיין בעדיענטען, ער זאָל אָנגרייטען פאר איהם דיא פערד און אויפוועקען מאָרגען אין דער פריה און איז גלייך איינגעשלאָפען.

ווען פיער האָט אויף מאָרגען געעפענט דיא אויגען, איז שוין אין שטוב קיינער נים געוועזען, דיא קליינע שייבעלאך אין דיא פענסטער האָבען געציטערט. דער דיענער איז געשטאַנען איבער איהם און האָט איהם געטרייסעלט.

— אייער עקסעלענץ, אייער עקסעלענץ, אייער עקסעלענץ...... האָט דער דיענער איהם געטרייסעלט פאר'ן אָקסעל, פערליערענדיג, וויא עס שיינט דיא האָפנונג, אז ער וועט איהם ווען עס איז דערוועקען.

— וואָס ? שוין צייט ? שוין אָנגעהויבען ? האָט פיער געפרעגט, ערוואכענד.

— הערט, וויא עס שיסט, האָט דער דיענער געזאָגט, אלע העררן זיינען שוין דורכגעפאָהרען דער אָבער פעלד־הערר אויך.

פיער האָט זיך געשווינד אָנגעטהאָן און איז ארויסגעלאָפען אויפ'ן גאַנעק. אין דרויסען איז געוועזען העל, פריש און פריילין. דאָ האָבען זיך בעסער געהערט דיא קלעפּ פון דיא האַרמאַטען. איבער דער גאַס איז דורכגעפאָהרען רייטענדיג אַן

אדיוטאנט מיט א קאָזאק.

— שוין צייט, גראף, שוין צייט! האָט דער אדיוטאנט אויסגעשריען.

ער האָט געהייסען דעם דיענער ער זאָל פיהרן זיין פערד און אליין איז ער צופוס אוועק צו א בערגיל, פון וואנען מען האָט געקענט בעקוקען דאָס שלאכט-פעלד און וואו קוטוזאָוו איז געשטאנען ארומגערינגעלט מיט א גאנצע מחנה אָפיצירען און האָבען בעקוקט דאס פעלד. ווען פיער איז ארויף אויף'ן בערגיל איז ער ענטציקט געוואָרען פון דער פאנאָראמע, וואָס האָט זיך געעפענט פאר זיינע אויגען. די גאנצע געגענד איז דאָ געווען בעדעקט מיט סאָלדאטען און מיט א רויך פון שיסען, און דיא ווייטע וועלדער, וואָס האָבען פערענדיגט דיא פאנאָראמע, האָבע אויסגעזעהן וויא אויסגעהאקט פון א טייערן געלב-גרינעם שטיין.

דער רויך און דיא קלאנגען פון שיסען האָבען צוגעגעבען דעם הויפט רייץ צו דער פאנאָראמע.

„פיפף!" און פלוצים האט זיך דערזעהען א קיילעכדיגער שטייפער רויך פון אלע קאָלאָרען, פיילבענ-בלוי, סאר און מילך-וויס און אין א סעקונדע ארום האָט דער רויך ארויסגעגעבען א קלאנג: „בומם!"

פיערן האט זיך פערוואלט זיין דאָרטען, וואו דער רויך האט זיך געזעהן, וואו עס האָבען געבליצט דיא באַיאָנעטען, וואו עס האָבען זיך געהערט דיא קלאנגען. פיער האט א קוק געטאָן אויף קוטוזאָוו'ן און אויף זיין סוויטע און וויא איהם האט אויסגעוויזען האָבען אלע געקוקט מיט' זעלבען געפיהל אויפ'ן שלאכטפעלד.

— פאָהר, פאָהר אריבער האָט קוטוזאָוו געזאָגט צו א גענעראל, נישט אראָבגעהמענדיג דיא אויגען פון דעם שלאכטפעלד.

ווען דער גענעראל האָט זיך גענומען אראָבגעזאָגען פון בערגיל, האָט זיך פיער געלאָזט געהען נאָך איהם. דער גענעראל האָט זיך ארויפגעזעצט אויף א פערד, וואָס א קאָזאק האָט צו איהם צוגעפיר‍ט, און פיער איז צוגעגאנגען צו זיין דיענער וואָס האָט געהאלטען די פערד און פרעגענדיג ביי איהם, וועלכעס פערד איז רוהיגער איז ער ארויפגעקראָכען אויפ'ן פערד, וואס דער דיענער האָט איהם געוויזען, האָט זיך אָנגעכאפט פאר דער גריווע, איינגעקוועטשט מיט דיא פיס דעם פערד אין בויך און פיהלענדיג, אז דיא ברילען פאלען אראָב און ניט קענענדיג אבנעהמען דיא הענד פון דער גריווע, האָט ער זיך געלאָזט רייטען נאָכ'ן גענעראל, ארויסרופענדיג א שמייכעל ביי ד' אָפיציר'ען, וואס זיינען געשטאנען אויפ'ן בערגיל.

XX

דער גענעראל, נאך וועלכען פיער האט גערימען, האט זיך ארונטערגעלאזט אונטערן בארג און אראבגעלאזט זיך לינקס. פיער האט איהם באלד פערלארען פון די אויגען און איז אריינגעפאהרען אין די רייהען פון די פיעכאטנע סאלדאטען. ער האט זיך געמאטערט ארויסצופאהרען פון די רייהען, נאר אומעטום זיינען געווען סאלדאטען. אלע האבען אונצופריעדען און פראנענד געקוקט אויף איהם.

— וואס איז ער אריינגעפאהרען אין מיטען באטאליאן? האט אויף איהם איינער א געשריי געטהאן. א צווייטער האט מיט'ן ביקס א זעץ געטהאן דאס פערד און קוים איינזיטצענדיג אויף'ן פערד איז ער ארויסגעשפרונגען אויף א גע־ראמערען פלאץ.

ער איז ארויסגעקומען נעבען א בריק. דארטען זיינען ווייטער געשטאנען סאל־דאטען און האבען געשאסען. פיער האט געזעהען דעם בריק און האט געזעהען, אז די סאלדאטען טהוען עפעס אין דעם רויך און כאטשע די שיסעריי האט ניט אויפגעהערט האט ער אבער בשום אופן ניט געדענקט אז דא איז דאס געווען דאס שלאכט-פעלד. ער האט ניט געהערט די קלאנגען פון די קוילען, וואס האבען געפייפט פון אלע זייטען און זיינען געפלויגען איבער איהם, ער האט ניט געזעהען דעם פיינד, וואס איז געשטאנען אויף יענער זייט טייך און האט לאנג ניט געזעהען די טוידטע און פערוואונדעטע, וואס זיינען געפאלען ארום איהם. מיט א שמייכעל אויפ'ן געזיכט האט ער געקוקט ארום זיך.

— וואס פאהרט ער פאר דער ליניע? האט ווייטער אימעצער א געשריי גע־טהאן אויף איהם.

— נעהם רעכטס, לינקס! האט מען צו איהם געשריען.

פיער האט זיך אראבגענומען רעכטס און איז אונערווארטעט אנגעפאהרען אויף א בעקאנטען אדיוטאנט. דער אדיוטאנט האט בייז א קוק געטהאן אויף פיער'ן און האט זיך אויך צוגעקליבען א געשריי טאן אויף איהם, נאר דערקענענ־דיג איהם, האט ער איהם בעגריסט.

— וויא קומט איהר אהער? האט דער אדיוטאנט געזאגט און איז אוועקגע־שפרונגען ווייטער.

פיהלענדיג זיך, אז ער איז ניט אויף זיין פלאץ, האט ער זיך געלאזט רייטען נאכ'ן אדיוטאנט.

— איך קען פאהרען מיט אייך? האט פיער נעפרעגט.

— באלד, באלד, האט דער אדיוטאנט נעענטפערט און איז צונעפאהרען צו א דיקען פאלקאווניק, וואס איז געשטאנען ניט ווייט, און האט איהם עפעס נעזאגט און דאן האט ער זיך געווענדעט צו פיערן.

— וויא קומט איהר אהער גראף? האט ער נעזאגט. דיא נייגיערדע האט אייך נעבראכט?

— יא, יא, האט פיער נעענטפערט.

דער אדיוטאנט האט א קערעווע געטאן דאס פערד און איז נעפאהרען ווייטער.

— דא איז נאך א דאנק גאט, האט דער אדיוטאנט נעזאגט, נאר אויפ'ן לא־נען פלינעל פון דער ארמיע, ביי באגראטיאנען איז הייס.

— ווירקליך? האט פיער געפרעגט. וואו איז דאס?

— פאהרט מיט מיר צום בערגיל, פון דארטען זעהט מען. און אונזער באטא־רייע איז נאך ערטרעגליך, האט דער אדיוטאנט געזאגט. אלזא, פאהרט איהר?

— יא, איך פאהר מיט אייך, האט פיער נעזאגט, ארומקוקענדיג זיך און זוכענ־דיג מיט דיא אויגען זיין דינער. דא ערסט האט ער צום ערסטען מאל דערזעהן דיא פערוואונדעטע, וואס האבען זיך געשלעפט צו פוס און דיא וואס מען הא[t] געטראגען אויף טראג־ברעטער.

XXI

אויסער זיך פאר שרעק איז פיער אויפגעשפרונגען און האט זיך נעלאזט לויפען צוריק צו דער באטערייע, וויא צום איינציגען ארט, וואו ער האט זיך נעקענט רא־טעווען פון אלע שרעקען, וואס האבען איהם ארומגערינגעלט.

ווען פיער איז אריין אין דעם גראבען, האט ער בעמערקט, אז שיסען שיסט מען ניט אויף דער באטאריע, נאר מענשען טהוען דארטען עפעס. פיער האט קיי־ציית געהאט צו בעדענקען זיך, וואס פאר א מענשען זיינען דאס דארטען געווען. ער האט געזעהען, וויא דער עלטערער פאלקאווניק איז געלעגען צו איהם מיט'ן הינ־טען אויפ'ן ערדוואל און האט עפעס וויא בעקוקט אונטען. אויך האט ער נעזעהען וויא א סאלדאט האט זיך נעריסען פון מענשען, וואס האבען יהם ארומגערינגעלט, און האט געשריען „ברידער !"

און איידער ער האט נעקענט פערשטעהן, אז דער פאלקאווניק איז נעלעגען א טוידטער און דער סאלדאט איז געווען א נעפאנגענער, קוים איז ער אריינגע־כאפען אין גראבען, איז אויף איהם אנגעלאפען א געלער מאן אין א בלויע

מונדיר, מיט א שווערד אין האנד און האט עפעס געשריען. פיער איז אינסטינקטיוו אבגעשפרונגען פון דעם קלאפ האט אויסגעשטרעקט די הענד און האט אנגעכאפט דעם מאן (דאס איז געווען א פראנצויזישער אפיציר) מיט איין האנד פארן אקסעל און מיט דער צווייטער פארן האלז. דער אפיציער האט ארויסגעלאזט דעם שווערד און האט אנגעכאפט פיער'ן פארן קראגען.

איינגע סעקונדען האבען זיי זיך ביידע אנגעקוקט מיט צושראקענע אויגען און ביידע האבען ניט געוואוסט, וואס זיי טהוען און וואס זיי דארפען טהאן. „בין איך געפאנגען אדער ער?" האט יעדער פון זיי געטראכט. נאר וואהרשיינליך האט דער פראנצויזישער אפיציער ניכער געגלויבט, אז ער איז געפאנגען, ווייל פיער'ס שטארקע האנד האט פון שרעק זיך שטארקער און שטארקער געדריקט איהם דאס האלז. דער פראנצויז האט געוואלט עפעס זאגען, נאר פלוצים איז סאמע איבער זייערע קעפ דורכגעפלויגען א קויל, און ביידע האבען געשווינד אנגעבויגען דיא קעפ. פיער האט אראבגעלאזען דיא הענד און ניט דענקענדיג מעהר, ווער וועמען האט גענומען געפאנגען, איז דער פראנצויז אוועקגעלאפען צוריק אויף דער באטאריע און פיער, אויסגליטשענדיג זיך איבער די טויטע און פערוואונדעטע וועלכע האבען, ווי איהם האט אויסגעוויזען, געכאפט איהם פאר דיא פיס, האט זיך געלאזען לויפען בארג ארונטער. נאר דא האט ער אנגעטראפען א גאנצע מחנה רוסישע סאלדאטען, וועלכע זיינען מיט א פרעהליכען הורא געלאפען צו דער באטאריע. דיא פראנצויזען, וואס האבען פערכאפט דיא באטאריע, זיינען אנטלאפען, און דיא רוסישע סאלדאטען האבען זיי נאכגעיאגט א שטיק וועג.

פון דער באטאריע האט מען אראבגעפיהרט דיא געפאנגענע, צווישען וועלכע האט זיך געפונען א פראנצויזישער גענעראל. א מחנה פערוואונדעטע, רוסישע און פראנצויזישע זיינען געגאנגען, געפויזעט פון דער באטאריע, אנדערע האט מען אראבגעטראגען אויף טראג־ברעטער. פיער איז ארויף אויף'ן בערגיל, וואו ער האט פריהער פערבראכט איבער א שעה צייט און ער האט שוין דא איצט ניט געטראפען קיין בעקאנטע געזיכט. פון די אלע פריהעריגע סאלדאטען אין ניט פערבליבען ניט איינער.

פיער איז ארונטערגעלאפען פון בערגיל.

„ניין, איצט וועלען זיי אויפהערען איצט וועלען זיי זיך אבשרעקען פון דיא גרוילען, וואס זיי האבען געמאכט", האט פיער געטראכט נאכגעהענדיג מעכאניש נאך דיא טראג־ברעטער.

נאַר דיא זן, פערצויגען מיט רויך איז געשטאַנען נאָך הויך און דאָס קלאַפען פון דיא הארמאַטען איז ניט נאַר ניט שוואַכער געוואָרען, זאָנדערן שטאַרקער.

XXII

פירסט אנדריי'ס פּאָלק איז געשטאַנען ביז צוויי א זייגער אָהן ארבייט אונטער א שטאַרקען פייער פון ארטילעריע. ביז צוויי א זייגער האָט דער פּאָלק פערלאָרען איבער 20 מאַן. דאַן האָט מען דעם פּאָלק ארויסגערוקט פאָרווערטס, נאַר ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אָהן ארבייט, און ניט ארויסלאָזענדיג ניט איין שאָס, האָט דער פּאָלק פערלאָרען נאָך א דריטעל טהייל סאָלדאַטען. פון פאָרענט און פון רעכטס האָבען געקלאַפּט הארמאַטען און פון דעם רויך, וואָס האָט פערדעקט דיא גאַנצע געגענד האָבען ניט אויפגעהערט צו פליהען קוילען און גראַנאַטען־קוגלען.

מיט יעדען נייען קלאַפּ זיינען אַלץ ווענינער שאַנסען פערבליעבען פאַר די לעבעדיגע צום לעבען. אַלע סאָלדאַטען פון דעם פּאָלק זיינען געוועזען בייז און האָבען געשוויגען. זעלטען ווען עס האָט זיך דערהערט א געשפּרעך נאָר יעדעס מאָל האָט זיך דאָס געשפּרעך אזוי גיך איבערגעריסען וויא נאַר עס האָט זיך דערהערט דער געשריי: „טראָג־ברעטער!“ דיא מעהרערע צייט זיינען אַלע געזעסען אויף דער ערד.

פירסט אנדריי, בלייך און בייז וויא דיא אַלע אנדערע פון זיין פּאָלק איז ארומגענאַנגען הין און צוריק איבער דער לאָנקע. מיט פערלענגטע הענד אהינטער און מיט אַן אראָפּגעלאָזטען קאָפּ. ער האָט ניט געהאַט וואָס צו טהאָן און וואָס צו בעפעהלען. דיא סאָלדאַטען האָבען אַליין געטהאָן וואָס מען האָט געדאַרפט. ער איז ארומגעגאַנגען און האָט וועגען קיין זאַך ניט געטראַכט, דאָ האָט ער בעטראַכט דעם שטויב אויף זיינע שיך און דאָ האָט ער געצעהלט וויפיעל טריט ער מאַכט און פיעל טריט קענען אריין אין א ווערסט. ער האָט זיך צוגעהערט מיט א פערמאַטערטען אויער צו די זעלבע קלאַנגען און האָט געוואָרט: „דאָס איז ווייטער צו אונז!“ האָט ער געטראַכט, צוהערענדיג זיך צו א פייפען, וואָס איז צוגעקומען אַלץ נעהענטער צו זיי פון דער פערדעקטער געגענד פון רויך. „איינס! צוויי! נאָך! געטראָפען!“ ער האָט זיך אָבגעשטעלט און א קוק געטהאָן אויף דיא סאָלדאַטען. „ניין, דער גראַנאַטען־קוגעל איז אריבערגעפלויגען, נאָר דער האָט געטראָפען“—

א פייף און א זעץ! פינף טריט פון איהם איז אניעדערגעפאַלען א סאַנאַנט־קוגעל און האָט זיך אריינגעגראָבען אין דער ערד. א קעלט איז איהם דורכגעלאָפען

איבערץ רוקען. ער האט ווידער א קוק געטהאן אויף די רייהען סאלדאטען און ער האט דערזעהן, אז ביים צווייטען באטאליאן האט זיך פערזאמעלט א רעדיל.

— הערר אדיוטאנט, האט ער א געשריי געטהאן, הייסט, זיי זאלען ניט שטעהן אין איין רעדיל. דער אדיוטאנט האט ערפילט דעם בעפעהל און איז צוגעגאנגען צו אנדרייען. פון דער צווייטער זייט איז רייטענדיג צוגעפאהרען דער קאמאנדיר פון דעם באטאליאן.

— היט זיך! האט זיך דערהערט א צושראקענער געשריי פון דיא סאלדאטען און צוויי טריט פון אנדרייען הינטער דעם קאמאנדירס פערד איז ארונטערגעפאלען א גראנאטקוגעל. דאס פערד האט ניט געפרעגט קיין קשיות, צו עס איז שעהן צו מאוס ארויסצואווייזען מורא און האט זיך א הויב געטהאן אזוי אז עס האט שיער ניט ארונטערגעווארפען דעם קאמאנדיר און איז אבגעשפרונגען אן א זייט. דער שרעק פון דעם פערד איז איבערגעגאנגען צו דיא סאלדאטען.

— לעגט זיך! האט אויסגעשריען דער אדיוטאנט און האט זיך אנידערגעלעגט אויף דער ערד. אנדריי איז געבליבען שטעהן אין אונענטשלאסענהייט. דער גראנאטקוגעל האט זיך געדרייט ווי א ראד צווישען איהם און דעם ליגענדען אדיוטאנט.

„איז דאס ווירקליך דער טויד?“ האט פירסט אנדריי געטראכט, קוקענדיג אויף'ן דינענק׳ן שנירעלע רויך, וואס האט זיך געפלאכטען פון דעם דרייענדיגען שווארצען רעשיל. „איך וויל ניט שטארבען, איך האב ליעב דאס לעבען, דיזע גראז, דיא ערד, דיא לופט“.

— מאוס, הערר אפיציר, האט ער געזאגט צום אדיוטאנט, וואס......

אנדריי האט ניט דערערדט. אין דעם אויגענבליק האט דאס רעשעלע א פלאץ געטהאן, שטיקלאך זיינען זיך צושפרונגען אין אלע זייטען, עס האט זיך דערהערט א פערשטיקטער ריח פון פולווער און אנדריי האט זיך א שאקעל געטהאן און א זייט, האט אויפגעהויבען דיא האנד אין דער הויך און איז אנידערגעפאלען אויף'ן הארצען.

מען איז גלייך צוגעלאפען מיט טראגבערעטער. אנדריי איז געלעגען מיט'ן געזיכט צום גראז און האט שווער געאטהעמט.

— וואס שטעהט איהר, געהט צו!

דיא פויערים אפאלטשענצעס האבען איהם אנגענומען פאר דיא אקסלען און פאר דיא פיס, נאר ער האט אנגעהויבען צו קרעכצען און די פויערים האבען איהם אבגעלאזט.

— לעגט איהם ארויף, האט עמיצער א געשריי געטהאן. טראכט ניט!

די פוירים האבען איהם אויפגעהויבען א צווייטען מאל און ארויפגעלייגט אויפ'ן טראג-ברעט.

עטליכע אפיציערען האבען זיך ארומגעשטעלט ארום איהם. אנדריי איז געווען פערוואונדעט אין בויך און פון דארטען האבען זיך דיא קליידער בעגאסען מיט בלוט.

— אך מיין גאט! מיין גאט! וואס איז דאס! אין בויך? דאס איז א סוף! אח, מיין גאט! האבען זיך געהערט אויסגעשרייען צווישען דיא אפיצירען.

די פויערים האבען איינגעמאסטשעט די טראג ברעטער אויף די פלייצעס און האבען איהם אוועקגעטראגען איבער א'ן אויסגעטראטענעם וועג אין א וואלד, וואו עס זיינען געשטאנען וועגען מיט פערד ארום עטליכע געצעלטען, אין וועלכע מען האט באנדאזשירט פערוואונדעטע. פאר די געצעלטען זיינען געזעסען די פערוואונדעטע און האבען געוויינט, געשריען, געקרעכצט, געזידעלט זיך און געבעטען בראנפען, ווארטענדיג אויף זייער רייהע. אייניגע האבען גערעדט פון היץ. אנדרייען, אלס א קאמאנדיר פון א פאלק, האט מען צוגעטראגען נעהנטער צו א געצעלט. ער האט אויפגעעפענט דיא אויגען און האט א לאנגע צייט ניט געקענט פערשטעהען, וואס מיט איהם טהוט זיך.

XXII

איינער פון דיא דאקטוירים אין א פערבלוטיגטען פארטוך, מיט פערבלוטיגטע הענד, מיט א סיגאר, וואס ער האט געהאלטען צווישען קליינעם פינגערל און גרויסען, אום ניט צו פערבלוטיגען איהם, איז ארויס פון געצעלט. דער דאקטאר האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט געקוקט אין דער לופטען. ווי עס ה ט געשיינט, האט ער געוואלט אביסעל אברוהען. פיהרענדיג א ווילע מיטן קאפ רעכטס או לינקס, האט ער זיך אבגעזיפצט און אראב געלאזט דעם קאפ.

— גלייך, גלייך, האט ער געזאגט, ווען דער פעלדשער האט איהם געמעלדעט וועגען אנדרייען, און האט געהייסען אז מע זאל איהם אריינטראגען אין געצעלט.

צווישען דיא פערוואונדעטע האט זיך אויפגעהויבען א טומעל.

— עס ווייזט אויס, אז אפילו אויף יענער וועלט וועט אויך זיין א לעבען נאר פאר דיא פריצים אליין.

אין געצעלט, וואו מען האט אנדרייען אריינגעטראגען, זיינען געשטאנען דריי טישען. צוויי טישען זיינען געווען פערנומען און אויפ'ן דריטען האט מען איהם אוועק-

געלעגט. א קורצע צייט האט מען איהם געלאזט ליגען אליין און ער האט ניט וויל־לענדיג געזעהען, וואס עס האט זיך געטאן אויף יענע צוויי טישען. אויף איין טיש איז געלעגען א טאטער און האט זיך געריסען, געווארפען און האט געקווטשעט מיט אלע כוחות, וועהרענד דער דאקטאר האט איהם געשניטען דעם רוקען. אויף'ן צווייטען טיש איז געלעגען אויף'ן רוקען א הויכער און פולער מאן מיט געקריי־זעלטע האר. דער קאליר פון דיא האר און דיא פארמע פון קאפ האבען אנדרייען געשיינט זעלטזאם בעקאנט. עטליכע פעלדשערס האבען זיך ארויפגעווארפען צו איהם אויף'ן הארצען און האבען איהם געהאלטען זיין ווייסע גרויסע, און פולע פוס האט ניט אויפגעהערט צו ווארפען זיך מיט א פיעבערהאפ־טען ציטערן. דער מאן האט געוויינט און געכליפעט. צוויי דאקטוירים האבען שטיל עפעס געטאן מיט'ן צווייטען רויטען פוס פון דעם מאן. ווען דער דאקטאר איז פארטיג געווארען מיט'ן טאטער, איז ער צוגעגאנגען צו אנדרייען.

ער האט א קוק געטהאן אנדרייען אין געזיכט און האט זיך געשווינד אבגע־קעהרט.

— וואס שטעהט איהר? טהוט איהם אויס! האט ער בייז א געשריי געטהאן אויף'ן פעלדשער—

ערא͏ינערונגען פון דיא וויימע קינדערשע יאהרען זיינען ארויסגעשוואומען ביי אנדרייען, ווען דער פעלדשער האט איהם גענומען אויסטאן. דער דאקטאר האט זיך אנגעבויגען איבער זיין וואונד, האט איהר א טאפ געטהאן און האט זיך שווער אבגעזיפצעט. דערנאך האט ער עפעס געמאכט א צייכען צו אימיצען. פון א שרעק־ליכען ווייטאג אין בויך האט אנדריי פערלארען זיין בעוואוסטזיין. ווען ער האט ער־וואכט זיינען די צובראכענע ביינער פון די זייטען געוועזען ארויסגענומען. שטיקלאך פלייש אבגעשניטען און דיא וואונד באנדאזשירט. מען האט געשפריצט אויף זיין געזיכט וואסער, און ווען ער האט געעפענט דיא אויגען, האט זיך דער דאקטאר אנגעבויגען איבער איהם, האט איהם א קוש געטהאן אין דיא ליפען און איז געשווינד אבגעגאנגען.

נאך דיא איבערגעקומענע יסורים, האט זיך אנדריי דערפיהלט אזוי גליקליך ווי ער איז שוין לאנג ניט געוועזען. דיא בעסטע, גליקליכסטע מינוטען פון זיין לעבען, פון דיא וויימע קינדערשע יאהרען, ווען מען האט איהם אויסגעטהאן און געלעגט אין זיין קליין בעטעלע און דיא ניאנא האט איהם איינגעשלעפערט מיט ליעדער און ער האט זיך איינגעגראבען מיט'ן קעפיל אין קישען, האבען זיך

איהם איצט פאָרגעשטעלט נאָר ניט וויא א פערגאנגענהייט זאָנדערן וויא א ווירקליכקייט.

ארום דעם פערוואונדעטען, וועמעס קאָפּ האט אנדרייען אויסגעוויזען בעקאנט האבען זיך ארומגעדרייט דיא דאָקטוירים.

— וויזט מיר.... אָ־אָ־אָ־אָ־אָ! אָה! אָ־אָ־אָ־אָ! האָט יענער געקרעכצעט און זיין קול האָט זיך איבערגעריסען פון וויינען.

הערענדיג דאָס קרעכצען, האָט אנדריי געוואָלט וויינען.

דעם פערוואונדעטען האָט מען געוויזען אין אָבגעשניטענעם פוס אין א שטיוועל.

— אָ! אָ־אָ־אָ־אָ! האט ער זיך צואוויינט וויא א פרויענצימער. דער דאָקטאָר, וואָס האט פערשטעלט זיין געזיכט, איז אָבגעטראָטען.

— גאָט מיינער! וואָס איז דאָס? וואָס טהוט ער דאָ? האָט אנדריי געפרעגט זיך אליין.

אין דעם אונגליקליכען, וויינענדינען און אָבגעשוואכטען מענשען, ביי וועלכען מען האָט ערשט אָבגעהאקט א פוס, האָט ער דערקענט אנאטאָל קוראגינען. מען האָט איהם געהאלטען אויף דיא הענד און געגעבען אביסעל וואסער אין א גלאָז, נאָר ער האָט מיט זיינע אנגעשוואָלענע ציטערדיגע ליפּען ניט געקענט אנכאפּען דעם ברעג פון גלאָז. „יא, דאָס איז ער; יא, דער מענש איז עפּעס נאָהענט פערבונדען מיט מיין לעבען", האָט אנדריי געטראכט און האָט נאָך אלץ ניט געקענט פערשטעהען, וואָס עס טהוט זיך פאר איהם. „וואָס האָט דער מענש צו טאָן מיט מיין קינדהייט, מיט מיין לעבען?" האָט ער זיך געפרעגט און האָט ניט געקענט געפינען קיין ענטפער. און פּלוצים האָט ביי איהם ערוואכט א נייע עראינערונג פון דער ריינער, ליעבער, קינדערשער וועלט ער האָט זיך דערמאָנט אן נאטאשאַ'ן און האָט איהר געזעהען אזא, וויא זיא איז געוועזען אויפ'ן באָל אין 1810 יאָהר, מיט איהר דינע האלז און דינע הענד, מיט א צושראָקענע און גליקליכע געזיכט, און דיא ליעבע און דיא צערטליכקייט צו איהר האָט ערוואכט נאָך לעבעדיגער און שטארקער אין זיין זעעלע, וויא ווען עס איז. ער האָט זיך איצט דערמאָנט וואָס פאר א שייכות האָט דער מאַן מיט זיין לעבען. אנדריי האָט זיך דערמאָנט אלץ און א בענייסטערטע מיטלייד און ליעבע צו דיעזען מענשען האָט ערפילט זיין גליקליכע הארץ.

אנדריי האָט זיך מעהר ניט געקענט איינהאלטען און האָט זיך צואוויינט. דאָס

זיינען געוועזען צארטע ליעבענדע טרערן איבער מענשען איבער זיך אליין איבער זייערע און זיינע פעראירונגען.

* * *

עטליכע צעהנדליג טויזענד מענשען זיינען געלעגען געפאלענע ארום דעם דארף באראדינא אויף דיא פעלדער און לאנקעס אויף וועלכע הונדערטע יאהרען האט מען געשניטען תבואה און געפאשעט שאף. דיא ערד דא איז געוועזען דורכגעווייקט מיט מענשליכעז בלוט. גאנצע מחנות פערוואונדעטע מיט צושראקענע געזיכטער זיינען געקראכען, האבען זיך געשלעפט אין זייערע לאגערען. אנדערע מחנות זיינען יאך געשטאנען אויף דיא ערטער און האבען נאך געהאלטען אין שיסען.

איבער'ן גאנצען פעלד, וואס האט אין דער פריה אין דעם שיין פון דעם זון אויסגעזעהן אזוי פרייליך און שעהן מיט דיא בליצענדע באיאנעטען, מיט קאלירטע רויכען, איז איצט געלעגען א פייכטע פינסטערניס און עס האט זיך געהערט א זייערקייט פון סעליטרע און בלוט. עס האבען זיך צוזאמענגעקליבען קליינע וואלקענס און עס האט אנגעהויבען צו שפריצען א רעגעלע אויף די דערשאסענע, פערוואונדעטע און די אויסגעמאטערטע סאלדאטען.

און הגם צום סוף פון דער שלאכט האבען אלע דערפיהלט א שרעס פאר דעם וואס זיי האבען געטהאן, האבען דאך דיא איבערגעבליבענע סאלדאטען, פערשטויבט פון פולווער און פערפלעקט מיט בלוט געהאלטען נאך אין שיסען און האבען פארטגעזעצט מיט דער זעלבער פערביטערטקייט דיא בלוטיגע ארביים צו מארדען מענשליכע קערפערס.

דיא רוסישע ארמיע האט פערלארען א העלפט סאלדאטען אין דער שלאכט און ניט קוקענדיג אויף דעם איז זיא געשטאנען ביים סוף פון דער שלאכט אזוי פורכטבאר וויא אין אנהייב. נאפאלעאן האט אזא ביישפיעל ניט געהאט אין קיינע פון זיינע פריהערדיגע מלחמות און האט דערפיהלט א שרעק פאר דעם שונא, וואס קען אזוי פורכטבאר שטעהן נאך דעם וויא ער האט פערלארען א האלבע ארמיע. דאס איז געוועזען א מאראלישער זיעג פאר דיא רוסישע.

צווייטער טהייל.

1.

דעם 26טען אויגוסט ביי נאכט איז קוטוזאָוו און דיא גאנצע רוססישע ארמעע געוועזען איבערצייגט, אז דיא באָראָדינער שלאכט איז געוואונען. און אזוי האָט קוטוזאָוו געשריעבען דעם קייזער. קוטוזאָוו האָט געהייסען צוגרייטען זיך צו א נייער שלאכט, אום צו דערהרג'ענען דעם שונא. ער האָט מיט דעם ניט געוואָלט קיינעם אָפּנארען, ער איז געווען איבערצייגט, אז דער שונא איז בעזיעגט.

נאָר גלייך אין דער זעלבער נאכט און אויף מאָרגען זיינען אָנגעקומען נאכריכטען וועגען דיא פערלוסטען, א פערלוסט מעהר וויא א האלבע ארמיע, און א נייע שלאכט איז פיזיש געווען אונמעגליך.

קוטוזאָוו האָט געגעבען א בעפעהל אָבצוטרעטען.

דיא רייכע און אינטעליגענטע איינוואָנער פון מאָסקווע האָבען אָנגעהויבען צו פערלאָזען דיא שטאָדט נאָך פאר דער באָראָדינער שלאכט, און איצט נאָך דער שלאכט האָט געזוכט צו אנטלויפען פון דאנען, ווער עס האָט געקענט.

נאָר דאָס איז פאָרגעקומען ניט נאָר אין מאָסקווע אליין. אין אלע דערפער און שטעדט פון סמאלענסק אָן איז פאָרגעקומען דאָס זעלבע. דאָס פאָלק האָט זארגלאָז געווארט ביז דער פיינד וועט אָנקומען, פיהלענדיג, אז אין דער הייסער מינוט וועט יעדער וויסען וואָס צו טהאָן. און וויא נור דער שונא איז צוגעקומען נאָהענט זיינען דיא רייכערע ארויסגעפאָהרען, איבערלאָזענדיג זייער גוטס, און דיא אָרימע זיינען פערבליבען און פערברענט און פערניכטעט יעדע זאך, וואָס עס איז פערבליבען.

II.

נרעטפין עלען איז נעווען פראַטעזשירט אין פעטערבורג פון א מאַגנאַט, וואָס האָט פערנומען איינע פון די העכסטע שטעלען אין דער רעגירונג. ניט לאַנג האָט זיא זיך בעקאַנט מיט אַן אויסלענדישען פרינץ און איז געוואָרן מיט איהם אינטים. דער מאַגנאַט און דער פרינץ האָבען ביידע געפאָדערט זייערע רעכטע, און עלען האָט איצט געהאַט א שווערע אויפגאַבע צו פערבלייבען אין נאָהענטע פערהעלטני־סע מיט ביידען, ניט בעליידיגענדיג קיינעם פון זיי.

נאָר זיא האָט דיא שווערע אויפגאַבע געלעזט זעהר גרינג, ניט אומזיסט האָט זיא געהאַט א שם פאַר א קלוגע פרויענצימער. ווען דער פרינץ האָט זיך דאָס ערסטע מאָל ערלויבט צו מאַכען איהר פאָרווירפע, האָט זיא שטאָלץ אויפ־געהויבען דעם קאָפּ און אומווענדענדיג זיך צו איהם האָט זיא שטיל געזאָגט.

— וויא עגאָאיסטיש און גרויזאַם דיא מענער זיינען! איך האָב בעסערס נאָר ניט ערוואַרטעט. א פרויענצימער אָפּפערט זיך אויף פאַר אייך; זיא ליידעט און דאָס איז איהר בעלוינונג. אייער עקסלענץ, וואָס פאַר א רעכט האָט איהר צו פאָ־דערן א רעכנונג פון מיין צונעבונדענקייט און פריינדליכע געפיהלען צו א מענשען, וואָס איז פאַר מיר געווען מעהר וויא א פאָטער!

דער פרינץ האָט עפּעס געוואָלט ענטפערן נאָר עלען האָט איהם ניט געלאָזט.

— יאָ, מעגליך, אז זיינע געפיהלען צו מיר זיינען פיעלייכט ניט ריין פאָטערלי־כע, נאָר דערפאַר דאַרף איך דאָך ניט צומאַכען פאַר איהם דיא טהיר פון מיין הויז. איך בין ניט קיין מאַנספּערזאָן, אז איך זאָל אָבצאָהלען מיט אונדאַנקבאַר־קייט. אייער עקסלענץ זאָל וויססען, אז א רעכנונג אין מיינע אינערליכע געפיהלען גיב איך נאָר אָב דעם איין גאָט און מיין געוויסען, האָט עלען געזאָגט, צוריהרענדיג מיט דער האַנד איהר הויכען און שעהנעם בוזים און א קוק טהו־ענדיג אין דער הויך צום הימעל.

— נאָר אום גאָטעס ווילען, הערט מיך אויס.

— האָט מיט מיר חתונה און איך וועל ווערען אייער ערגעבענסטע דיענסט.

— אָבער דאָס איז דאָך אונמעגליך.

— איהר ווילט זיך ניט ארונטערלאָזען אזוי נידריג און חתונה האָבען מיט.... האָט געזאָגט עלען און האָט זיך צוויינט.

דער פרינץ האָט איהר אָנגעהויבען צו בערוהיגען. עלען האָט דורך טרערן געטר־מען ריידען, אז קיין זאַך קען איהם ניט שטערן נאָך א מאָל חתונה צו האָבען.

אז אזעלכע ביישפיעלע זיינען שוין געוועזען (זיא האט אנגערופען נאַ־פאָלעאָנען אין נאָך אזעלכע הויכע פערזענליכקייטען). אז זיא איז קיין מאָל ניט געווען קיין ווייב ביי איהר מאַן.

— אָבער דאָס געזעץ, דיא רעליגיאָן... האָט דער פרינץ געזאָגט שוין אונ־טערגעבענדיג זיך.

— צו וואָס וואָלט מען אויסגעקלערט געזעצע און רעליגיאָן, אז זיי זאָלען ניט קענען טהאָן אזא זאך? האט געזאָגט עללען.

דער פרינץ איז געווען איבערראַשט, וואָס אזא איינפאכער געדאנק איז איהם ניט אריין אין קאָפּ, און ער האט זיך געווענדעט צו די יעזואיטען נאָך א ראטה.

אין א קורצע צייט ארום איז זיא איבערגעגאנגען אין קאטוילישען גלויבען און האָט אָנגעשריעבען א בריעף צו פיערן, אז זיא וויל חתונה האבען מיט דעם און דעם פרינץ, אז זיא האָט אָנגענומען דיא איינציגע אמת'ע אמונה און בעט איהם אז ער זאָל מאכען דיא אלע צערעמאָניעס, וואָס מען דארף טהאָן ביי א גט, און האט איהם דעם בריעף אָבגעשיקט דורך א שליח.

דער שליח האט דעם בריעף געבראכט צו פיערן אין דער חיים, ווען ער האט זיך געפונען אויף'ן באָראָדינער פעלד.

II.

שוין ביים סוף פון דער באָראָדינער שלאכט איז פיער אנטלאָפען פון דער באַ־טארייע, וואו ער האט זיך געפונען, מיט א מחנה סאָלדאטען.

דיא איינציגע זאך, וואָס ער האט געוואונשען, איז געווען וואָס ניכער צו בע־פרייען זיך פון דיא שרעקליכע איינדריקע, וואס ער האט דורכגעלעבט אין דעם טאָג, צוריקקעהרען זיך צו זיין געוועהנליכען אָרט לעבען און רוהיג איינשלאָפען ביי זיך אין צימער, אין בעט. ער האָט געפיהלט, אז נאָר דאן וועט ער קענען אָבגעבען זיך א רעכנונג פון דעם, וואָס ער האָט געזעהן און דורכגעלעבט.

נאָר פון די איינדריקע האָט ער זיך ניט געקענט בעפרייען, כאָטשע דיא קוילען האָבען שוין ניט געפייפט דא אויפ'ן וועג איבער וועלכען ער איז געגאנגען, פון אלע זייטען האָט זיך געזעהן דאָס זעלבע וואָס אויפ'ן שלאכט פעלד. דאָ זיינען געווען דיא זעלבע ליידענדע, אויסגעמאטערטע און צייטענווייז מערקווירדיגע גלייכגיל־טיגע געזיכטער, דאָ איז געווען דאָס זעלבע בלוט, דיא זעלבע סאָלדאטסקע קליי־דער, דיא זעלבע קלאַנגען פון שיסען, הגם ווייטע קלאַנגען, אָבער ניט וויי־ שרעקעדיגע, אויסער דעם האָט געפארעט און עס איז געווען שטערביג.

אבגעהענדיג א ווערסט דריי, האָט זיך פיער אנידערגעזעצט ביי א זייט וועג. שווארצע שאָטענס פון דער נאכט האָבען זיך גענומען פערשפרייטען אויף דער ערד און דער גערויש פון דיא הארמאַטען איז געוואָרען שטיל. פיער האט זיך ליי־נענדיג אָנגעשפּארט אויף דעם עלענבויגען און האָט געקוקט ווי די שאָטענס האָ־בען זיך געריהרט אין דער פינסטערניס. איהם האָט אלץ אויסגעדוכט, אז א גראַ־נאַט־קוגעל טראָגט זיך צו איהם מיט א שרעקליכען פייפען. ער האט אויפגעציטערט און אויפגעהויבען זיך. ער האָט ניט געדענקט, פיעל צייט ער איז דאָ געזעסען. אין מיטען נאכט האָבען דריי סאָלדאטען אָנגעשלעפּט צווייגלאך, געמאכט א פייער און געזעצט זיך נעבען איהם.

די סאָלדאטען האבען א קרומען קוק געטהאָן אויף פיער'ן, ארויפשטעלענדיג א קעסעלע אויף דעם פייער און אָנבראָקענדיג דאָרטען סוכארעס מיט פעטקייט, דער אנגענאהמער ריח פון עסענווארג האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם גערוך פון רויך.

פיער האָט זיך אויפגעהויבען און א זיפץ געטאָן. דיא סאָלדאטען האָבען ניט א קוק געטהאָן אין פיער'ס זייט און האָבען גערעדט צווישען זיך.

— ווער ביזטו? האָט זיך איינער פון דיא סאָלדאטען געווענדט צו פיער'ן, מיינענדיג אונטער דער פראגע: אויב דוא ביזט הונגעריג, וועלען מיר דיר געבען, עסען נאָר צו דוא ביזט אן אָרדענטליכער מענש.

— איך? איך?.... האָט פיער געזאָגט, פיהלענדיג פאר נויטיג צו פערקלע־רען זיין יחוס, אום צו זיין נעהנטער צו דיא סאָלדאטען. איך בין אן אָפיציר פון דיא אפּאָלטשענצעס, נאָר איך האָב פערלאָרען מיין ראָטע.

—עסס צוזאמען מיט אונז, האָט געזאָגט דער סאָלדאט, אבלעקענדיג מיט דער צונג זיין הילצערנע לעפעל און דערלאַנגענדיג עס פיער'ן.

פיער האָט זיך צוגערוקט נעהענטער צום פייער און האָט גענומען עסען פון קעסעלע און איהם האָט דאָס עסען געשיינט צו זיין דיא געשמאקסטע פּאָט־ראווע וואָס ער האָט ווען עס איז געגעסען. וועהרענד ער האָט אראָבגעשלונגען איין פולע לעפיל נאָך'ן צווייטען, האָבען דיא סאָלדאטען געקוקט אויף איהם שטיל.

— וואוהין דארפסטו האָבען? האָט איהם געפרעגט איינער.

— אין מאָזשאַיסק.

— דו ביזט א באַרין?

— יאָ.

— ווי הייסטו?

— פעטער קיריל‌אָוויץ.

— נו, פעטער קיריל‌אָוויץ, קום מיט אונז, מיר וועלען דיך אָבפיהרען אהין.

די העהנער האָבען שוין אָנגעהויבען צו קרייהען, ווען זיי זיינען צונעקומען צו מאזשאיסק און האָבען גענומען אויפהויבען זיך אויף'ן בארג פון שטאָדט.

פיער איז געגאַנגען צוזאמען מיט זיי און האָט פערגעסען, אז זיין אכסניא איז געווען אונטערן בארג און אז ער איז שוין פערביי געגאַנגען דעם פלאץ. ער וואָלט זיך ניט געכאַפּט, ווען ער זאָל זיך ניט צוזאמענשטויסען מיט זיין שטאל-קנעכט, וואָס איז איהם געגאַנגען זוכען אין שטאָדט און האָט זיך איצט צוריקגעקעהרט. דער שטאלקנעכט האָט איהם דערקענט נאָך זיין ווייסען הוט.

— אייער עקסעלענץ! האָט איהם דער שטאל-קנעכט אָבגעשטעלט. און מיר האָבען שוין געמיינט, אז מיט אייך איז עפּעס געשעהן. וואָס איז דאָס, איהר געהט נאָר צופוס? וואוהין געהט איהר איצט?

— אח, יא, האָט פיער געזאָגט.

די סאָלדאטען האָבען זיך אָבגעשטעלט.

— אזוי, האָסטו שוין געפונען דיינע? האָט א סאָלדאט געזאָגט. גוט נעזונד, פעטער קיריל‌אָוויץ.

— געהט געזונד, האָט פיער געזאָגט און האָט זיך געלאָזט געהן מיט זיין שטאל-קנעכט צו דער אכסניא.

„מען דארף זיי עפּעס געבען“ האָט פיער געזאָגט צו זיך, נעהמענדיג זיך פאר דער קעשענע. „ניין, מען דארף ניט“, האָט איהם געזאָגט אן אינערליכער קול.

אין אכסניא איז קיין פלאץ ניט געווען; אומעדום איז געווען פערנומען. פיער איז ארויס אין הויף, ארייננעקראָכען אין זיין קארעטע און אנידערגעלעגט זיך.

III.

ווי נאָר פיער האָט אנידערגעלעגט דעם קאָפּ, האָט ער דערפיהלט, אז ער שלאָפט איין; נור פלוצים מיט דער קלאָרהייט פון ווירקליכקייט האָט ער דערהערט בום-בום-בום פון די הארמאטען, קרעכצען, געשרייען, דאָס פאלען פון די קוילען, דעם ריח פון בלוט און פולווער, און א געפיהל פון שרעק, א מורא פאר'ן טוידט האָט איהם אָנגעכאַפּט. ער האָט צושראָקען געעפענט די אויגען און אויפגעהויבען דעם קאָפּ. אויפ'ן הויף איז געווען שטיל. נאָרביים טהויער איז געשטאַנען דער וועכטער פון דער אכסניא און האָט מיט עמצען גערעדט.

ער איז באלד ווידער איינגעשלאפען און אין קאפ האבען זיך איהם ווידער גענומען פלאנטערען חלומות און ווען דער שטאל־קנעכט האט איהם אויפגע־וועקט, זיינען דיא שטראהלען פון דער זון געפאלען איהם גלייך אין געזיכט.

מען האט איהם דערצעהלט, אז אן אפיציער איז אנגעקומען מיט דער נייעס, אז דיא פראנצויזען רוקען זיך צו מאזשאיסק און אז אונזערע געהען אוועק.

פיער האט זיך אויפגעהויבען און געהייסען שפאנען און אליין האט ער זיך דערווייל געלאזט געהן איבער דער שטאדט צו פוס, ביז דיא קארעטע וועט איהם אניאגען.

דיא חיל זיינען ארויס פון שטאדט און האבען איבערגעלאזט צעהן טויזענד פער־וואונדעטע. דיא פערוואונדעטע זיינען געשטאנען נעבען דיא פענסטער און אין דיא גאסען. ארום דיא וועגען וואס האבען געדארפט אוועקפיהרען דיא פערוואונדעטע האבען זיך געהערט געשרייען, זידלערייען און קלעפ. פיער האט צו זיך אין קארעטע אריינגענומען א בעקאנטען, פערוואונדעטען גענעראל און איז צוזאמען מיט איהם אוועקגעפאהרען אין מאסקווע. אויפ'ן וועג האט מען איהם דערצעהלט, אז זיין שוואגער אנאטאל און זיין פריינד אנדריי זיינען געשטארבען.

IV.

דעם 30טען איז פיער אנגעקומען אין מאסקווע. ביי דער ראגאטקע האט איהם בעגעגענט דעם מאסקווער אבערפעלד־הערס אדיוטאנט.

— און מיר זוכען אויך אומעדום, האט געזאגט דער אדיוטאנט. דער גראף וויל אייך אונבעדינגט זעהן. ער בעט אייך, איהר זאלט גלייך קומען צו איהם צו ליעב זעהר א וויכטיגע אנגעלעגענהייט.

פיער האט גלייך גענומען א דראזשקע און איז אוועקגעפאהרען צום גראף ראסטאפטשין.

פיער האט א היבשע ווייכע געווארט ביז ראסטאפטשין האט איהם אריינגע־רופען.

— א, וואס מאכט איהר, קריעגער גרויסער! האט ראסטאפטשין געזאגט, ווען פיער איז אריינגעקומען אין קאבינעט. מיר האבען געהערט וועגען אייערע העלדענ־טהאטען! נאר דיא זאך איז ניט אין דעם. צווישען אונז ריידענדיג, איהר זייט א מאסאן, מיין ליעבער?

פיער האט געשוויגען.

— איך ווייס אלץ, האט ראסטאפטשין ווידער געזאגט. נאר איך ווייס, אז עס

דיינע פאראן מאסאַנען און מאסאַנען, און איך האָף, אז איהר בעלאַנגט ניט צו יענע וואָס אונטער דיא מאסקע צו רעטען דיא מענשהייט ווילען פערניכטען רוסלאַנד.

— יא, איך בין מאסאָן.

— נו, זעהט איהר, מיין פריינד. איך וויים אויך, אז איהר האָט פון דעם הינגען פערשיקטען פאָסט דירעקטאָר צוגענומען נעוויסע פאַפירען צו היטען, איך האָב אייך ליעב און ווינש אייך קיין שלעכטס. ניט און אזוי וויא איהר זייט צוויי מאָל אינגער פון מיר, ראָט איך אייך וויא א פאָטער, אז איהר זאָלט איבעררייסען אלע פערהעלטניסע מיט אזעלכע מענשען און אוועקפאָרען פון דאַנען וואָס גיכער.

— נאָר וואָס איז געווען דעם פאָסטדירעקטאָרס שולד? האָט פיער נעפרעגט.

— דאָס איז מיין זאַך צו וויסען, און ניט אייערע צו פרעגען! האָט דאָסטאַפטשען אויסגעשריען.

— אויב מען בעשולדיגט איהם, אז ער האָט פערשפרייט נאַפּאָלעאָנס פּראָקלאַמאציאָנען, איז דיא שולד נאָך ניט דערוויזען געוואָרען, האָט פיער געזאָגט, ניט קוקענדיג אויף ראסטאָפטשינען.

— איך האָב אייך ניט געשיקט רופען צו בעאורטהיילען מיינע געשעפטען. איך האָב נאָך אייך געשיקט וויל איך וויל אייך געבען א ראטה אָדער א בעפעהל, אויב איהר ווילט, אז איהר זאָלט איבערהאַקען אייער בעקאַנטשאַפט מיט אזעלכע מענשען, וויא דער פאָסטמייסטער און אוועקפאָהרען פון דאַנען. איך וועל דיא נאַרעשקייט ארויסשלאָגען פון קאָפּ, ביי וועמען זיא זאָל ניט זיין.

און וואַרשיינליך כאַפּענדיג זיך, אז ער שרייט אויף בעזוכין, וועלכער איז נאָך אין סיין זאַך ניט שולדיג, האָט ער ווידער געזאָגט, אָננעהמענדיג איהם פריינדליך פאַר דער האַנד.

— ביי אונז איז איצט ערב א גרויס אונגליק און איך האָב קיין צייט ניט צו זיין ליעבענסווירדיג מיט אלעמען. דער קאָפּ דרייט זיך. אלזאָ וואָס רעכנעט איהר צו טאָן, מיין ליעבער?

— גאָר נישט, האָט פיער געענטפערט אלץ מיט אראָבגעלאָזטע אויגען.

ראסטאָפטשען האָט אָנגערוקט דיא ברעמען.

— איך גיב אייך א גוטען ראַטה, פאָהרט אוועק פון דאַנען וואָס גיכער. גליקליך איז דער, וואָס פאָלגט. געהט געזונד. אַח, יא, איז דאָס אמת, אז דיא גרעפין איז אריינגעפאַלען צו דיא יעזואיטען אין דיא הענד!

פיער האט נאר ניט געענטפערט און איז ארויס פון קאבינעט אזוי ביין, וויא מען האט איהם נאך קיין מאל ניט געזעהן.

ווען ער איז געקומען א היים, איז שוין געווען פינסטערלאך. א מאן אכט זיינען ביי איהם געווען דיזען אבענד. אלע האבען געהאט צו פרעגען איהם עפעס. פיער האט קיין זאך ניט פערשטאנען און האט געענטפערט אזוי, אז מען זאל איהם נאר לאזען צורוה. ענדליך ווען ער איז געבליבען אליין, האט ער געעפענט דעם בריעף, וואס דאס וויב האט איהם געשריבען און האט איהם איבערגעלייענט. נאכדעם איז ער צוגעגאנגען צום בעט, האט זיך אריינגעווארפען אין אלעמען און איז גלייך איינגעשלאפען.

ווען ער האט אויף מארגען אין דער פריה ערוואכט האט איהם זיין דיענער גע־מעלדעט, אז גראף ראסטאפטשין האט געשיקט א פאליציי־בעאמטען אויסצוגעפי־נען, צו גראף בעזוכי איז שוין אבגעפאהרען אדער פאהרט אב.

אין גאסט־צימער האבען געווארט א צעהן מאן מיט פערשיידענע געשעפטען אויף פיערן. פיער האט זיך געשווינד אנגעטהאן, נאר אנשטאט אריינצוגעהן אין גאסט־צימער, וואו מען האט אויף איהם געווארט, איז ער ארויס מיט א הינטער־טיר אין הויף און פון דארטען אין גאס.

פון דאן אן ביז מאסקווע איז אבגעברענט געווארען האט מעהר קיינער פון פיער'ס הייmishע מענשען ניט געזעהען איהם און מען האט ניט געוואוסט, וואו ער איז געקם געווארן.

IV.

דיא ראסטאווס זיינען ביז'ן ערסטען סעפטעמבער, דאס איז ביז א טאג פאר'ן פיינד'ס אריינגאנג אין מאסקווע, געבליעבען אין שטאדט.

נאך פעטיא'ס אריינטרעטען אין דיענסט און זיין אבפאהרען נאך בעלאיא צערקאוו מיט א פאלק קאזאקען, איז אנגעפאלען א שרעק אויף דער גרעפין ראס־טאווא. דער געדאנק, אז איהרעביידע קינדער געפינען זיך איצט אין קריעג און זיי קענען ביידע דערהרגעט ווערען האט איהר ניט געלאזט רוהען ביי טאג און ניט שלאפען ביי נאכט. וויא נאר זיא פלעגט איינשלאפען, פלעגט זיא זעהען איהרע דערהרג'עטע קינדער. ענדליך איז דעם גראף געלונגען אויסצוזעצען איהם פון דעם פאלק קאזאקען אין בעזוכי'ס פאלק, וואס האט זיך פארמירט אונ־טער מאסקווע, און דער גראף האט געהאפט צו האלטען פעטיא'ן אין אזעלכע פלעצער, וואו ער זאל ניט קענען נעהמען אנטהייל אין דער שלאכט.

נים קוקענדיג וואס ביז דעם 20טען אויגוסט זיינען שוין כמעט אלע בעקאנטע פון דיא ראסטאוו'ס ארויסגעפאהרען פון מאסקווע. נים קוקענדיג אויף דעם, וואס אלע האבען איינגערעדט דיא גרעפין אז זי זאל וואס גיכער אוועקגעפאהרען, האט זיא פון קיין זאך נים געוואלט הערן, ביז איהר אוצר, איהר טייערער פעטיא וועט זיך צוריקקעהרען. פעטיא איז אנגעקומען דעם 28 אויגוסט

צוליעב דעם גראף'ס געוואוינליכע זארגלאזיגקייט איז דעם 28טען אויגוסט נאך קיין זאך נים געווען פארטיג צום אבפאהרען און דיא וועגען פון זיינע גיטער פאר אריבערפיהרען די זאכען זיינען ערסט אנגעקומען דעם 30טען.

שבת, דעם 31 אויגוסט, איז דיא הויז ביי דיא ראסטאוו'ס געווען איבערגעקעהרט מיט'ן קאפ אראב. אלע טהירען זיינען געווען געעפענט, דאס גאנצע מעבעל ארויסגעשטעלט, דיא שפיעגלען, בילדער ארונטערגענומען. דיא צימערן זיינען געווען אנגעשטעלט מיט קעסטלאך, אומעדום איז געווען אנגעווארפען היי, פאקפאפיער און שטריק. אויף דרויסען זיינען געווען אנגעשטעלט דיא פוירישע וועגען אנדערע פערפאקט און אנדערע נאך לעדיגע.

דער גראף איז ערגעץ אוועקגעגאנגען, די גרעפין האט געהאט א קאפ־וויהטאג און האט זיך צוגעלעגט אויף א זאפע. סאניא איז געשטאנען ביים פאקען פון דיא קריסטאלענע און פאיאנסענע כלים. נאטאשא איז געזעסען אויף'ן באדען צווישען אנגעווארפענע קליידער, שטענגעס, שאלען, און האט דיא אויגען נישט ארונטערגענומען פון אן אלטע באלקלייד, וואס זיא האט געהאלטען אין דיא הענד. דאס איז געווען דאס קלייד, אין וועלכע זיא איז דאס ערסטע מאל געווען אין פעטערבורג אויף א באל. זיא איז געזעסען פערטראכט און פון איהר פערטראכטקייט האט איהר ארויסגעפיהרט א געשפרעך. וואס איז פארגעגאנגען צווישען דיא דיענסטען אין א צווייטען צימער. נאטאשא האט זיך אויפגעהויבען און א קוק געטהאן אין פענסטער. אויף דער גאס איז געשטאנען א גרויסער צוג וועגען מיט פערוואונדעטע.

אלע בעדיענטע זיינען ארויס זעהן די פערוואונדעטע. נאטאשא האט ארויפגעווארפען א ווייסע טיכעל אויף'ן קאפ און איז אויך ארויסגעגאנגען אין גאס. דיא הויזהאלטערין איז געשטאנען נעבען א וואגען, וואו עס איז געלעגען א יונגער אפיציר און האט מיט איהם גערעדט.

— איהר האט דא גאר קיינעם נים אין מאסקווע? האט דיא הויז־האלטערין געפרעגט דעם אפיציער. איהר האט געקענט איצט פערפאהרען צו אונז. דיא בעל

חבתים פאהרען אוועק.

— איך ווייס ניט, צו מען וועט ערלויבען, האט דער אָפיציער געענטפערט מיט א שוואכען קול. אָט איז דער עלטסטער, פרעגט איהם, האָט דער אָפיציער געזאָגט און האָט אָנגעוויזען אויף א פעטען מאיאָר.

נאטאשא איז צוגעגאנגען צום מאיאָר און האט איהם געפרעגט:

— קענען דיא פערוואונדעטע פערפאָהרען צו אונז?

— אָ, יאָ, פאר וואָס ניט? האט ער געענטפערט.

נאטאשא איז צוגעגאנגען צו די תויזהאלטערין, וועלכע האט נאָך אלץ גערעדט מיט'ן אָפיציער.

— ער האט געזאגט, אז מען קען, האט נאטאשא געזאָגט.

אייניגע וועגען מיט פערוואונדעטע האָט מען אריינגעפיהרט צו דיא ראָס־טאָווס אין הויף.

— מען האָט דאָך געדארפט פרעגען ביים פאָטער, האָט געזאָגט דיא הויז־האלטערין.

נאטאשא איז אריינגעלאפען אין שטוב און איז אויף דיא שפיץ פינגער אריין צו דער מוטער אין צימער.

— איהר שלאָפט, מוטער?

— אָך, וואָס פאר א חלום! האָט געזאגט דיא גרעפען ערוואכענד.

— מאמא, טייבעלע, פערצייהעט מיך, איך האָב אייך אויפגעוועקט. מען האָט געבראכט פערוואונדעטע אָפיציערען, וועט איהר ערלויבען? זייא האבען ניט וואו הין צו טהאָן זיך. איך ווייס, אז איהר וועט ערלויבען, האָט נאטאשא געזאָגט אין איין אָטהעם.

— וועלכע אָפיצירען? וועמען האט מען געבראכט? איך פערשטעה ניט, האָט געזאָגט דיא גרעפין.

נאטאשא האָט זיך צולאכט, דיא גרעפין האָט אויך שוואך א שמייכעל געטהאָן.

— איך האָב געוואוסט, אז איהר וועט ערלויבען, האָט נאטאשא געזאָגט, האָט א קוש געטהאָן די מוטער און איז ארויס פון צימער.

אין זאל האָט זיא בעגעגענט דעם פאָטער, וועלכער האָט זיך צוריקגעקעהרט א היים מיט שלעכטע נייעס.

— מיר זיינען אויסגעזעסען! האָט ער געזאָגט מיט פערדרוס, דער קלוב איז

שוין פערמאכט און דיא פאליציי געהט ארויס.

— פאפא, האט איהר גאר ניט געגען דעם, וואס איך האב געהייסען ארייג־פיהרען פערוואונדעטע צו אונז אין הויז, האט נאטאשא געזאגט.

— פערשטעהט זיך, גאר ניט, האט דער גראף געזאגט פערטראכט. איצט בעט איך, אז מיט נאררעשקייטען זאל מען זיך ניט בעשעפטיגען, מען דארף העלפען פאקען און פאהרען.

V.

נאך מיטאג האבען זיך אלע שטובינגע פון דיא ראסטאוס גענומען מיט איילע־ניס פאר'ן פאקען און צוגרייטען זיך צום אבפאהרען. דער גראף איז געלאפען פון שטוב אויף'ן הויף און פון הויף אין שטוב און האט ניט אויפגעהערט צו טריי־בען דיא מענשען, וואס האבען זיך אזוי אויך געאיילט. סאניא האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן אונטער דעם גראפ'ס ווידערשפרעכענדע בעפעהלע נאטאשא האט זיך אויך גענומען מיט אייפער פאר'ן פאקען אנפאנגס האט מען געמיינט אז זיא מאכט שפאס און מען האט איהר ניט געוואלט פאלגען, נאר ענדליך האט זיא אויסגעפיהרט און מען האט געטהאן וואס זיא האט געהיי־סען. זיא האט פון דאס ניי אויסגעפאקט פיעלע קאסטענס, האט דיא בילינע, טעפיכע בילינע פאיאנס אין גאנצען ארויסגעווארפען און האט געהייסען נאר פאקען די טייערע. א דאנק איהר אריינמישונג איז די ארבייט געגאנגען אין ארדנונג. נאר דאך איז מען שפעט אין דער נאכט נאך ניט געווע: פארטיג מיט'ן פאקען. דיא גרעפין איז איינגעשלאפען, דער גראף האט אבגעלעגט דאס פאהרען אויף מארגען אין דער פריה, סאניא און נאטאשא האבען געשלאפען דיא נאכט אין אלעמען.

אין דיעזער נאכט האט מען דורך זייער גאס דורכגעפיהרט נאך א פערוואונדעטען און דיא הויז האלטערין, וואס איז געשטאנען אין טהויער האט גע־הייסען אריינפיהרען איהם צו זיי אין הויף. דער פערוואונדעטער, וויא די הויזהאל־טערין האט פערשטאנען, איז געוועזן זעהר א וויכטיגע פערזאן. מען האט איהם געפיהרט אין א פערמאכטע קארעטע. צוזאמען מיט'ן קוטשער איז געזעסען א פיי־נער אלטער קאמערדיענער. פון הינטען איז נאכגעפאהרען א דאקטאר מיט צוויי סאלדאטען.

— פערפאהרט צו אונז, דיא בעל הבתים פאהרען אוועק, דיא גאנצע הויז איז לעדיג, האט געזאגט דיא הויז האלטערין.

— וואס מאכט עס אויס, האט געזאגט דער קאמערדיענער מיט א זיפץ. מיר

האָבען אין איינענע הויז אין מאָסקווע, נאָר עס איז ווייט און קיינער וואוינט דאָר־טען ניט.

— פערפאָהרט צו אונז, ביי אונז וועט קיין זאך ניט פעהלען, האָט דיא הויז־האַלטערין געזאָגט. זעהר קראנק דער פערוואונדעטער?

דער קאָמענדירענער האָט א מאך געטהאָן מיט דער האנד.

— מיר ווייסען ניט, צו מיר וועלען איהם דערפיהרען א לעבעדיגען. מען דארף פרעגען ביים דאקטאר.

דער קאָמענדירענער איז אראָב פון זיין געזעס און איז צוגעגאנגען צום דאָקטאָר'ס וואָגען.

— גוט, האָט געענטפערט דער דאָקטאָר.

דער קאָמענדירענער איז ווידער צוגעגאנגען צו דער קאַרעטע און האָט געהייסען אריינפאָהרען אין הויף.

— טראָגט איהם אריין צו אונז אין שטוב, דיא בעל הבתים וועלען גאָר ניט האָבען געגען דעם, האָט געזאָגט דיא הויזהאַלטערין, נאָר אום אויסצומיידען צו הויבען דעם קראנקען איבער דיא טרעפ, האָט מען איהם אריינ־געטראָגען אין א זייטיגע געביידע.

דער פערוואונדעטער איז געוועזען פירסט אנדריי באָלקאָנסקי.

VI.

עס איז געוועזען דער לעצטער טאָג פון מאָסקווע. דיא איינוואוינער האָבען זיך איבערצייגט, אז דיא שטאָדט וועט מען אָבגעבען דעם פיינד און דער פרייז אויף נאָלד, געוועהר, וואגען און פערד האָט אָנגעהויבען צו שטייגען; פאַר א פויערישען פערדיל האָט מען געצאָהלט 500 רובעל, וועהרענד מעבעל האָט מען אָבגעגעבען אומזיסט.

דיא 30 וואגען, וואָס דיא ראָסטאָווס האָבען געהאַט, איז איצט געוועזען א גרויס פערמעגען און מען האָט פאַר זיי אנגעבאָטען דיא ראָסטאָווס גרויסע געלטען. אויסער דעם זיינען ביי נאַכט און אין דער פריה געקומען בעדיענטע פון דיא פערוואונדעטע אָפיצירען, וואָס האָבען זיך געפונען ביי דיא ראָסטאָווס און אין דיא ארומיגע הייזער, בעטען, אז מען זאָל זיי געבען פוהרען ארויסצופאָהרען פון מאָסקווע. נאָר דער אויפזעהער פון הויז האָט זיך ענטזאָגט צו מעלדען אפילו וועגען דעם דעם גראף, רעכענענדיג, אז די אלע פוהרען וועלען זיין קאָרג פאַר דיא פערוואונדעטע, און הגם עס איז א רחמנות אויף דיא פערוואונדעטע קען מען

דאָך אָבער זיך אויך ניט פערגעסען.

ווען דער גראַף האָט זיך אין דער פריה אויפגעכאַפּט, איז ער שטיל ארויס פון צימער אין זיין שלאָף־ראָק, אום ניט אויפצוּוועקען די גרעפין; און איז ארויס אויפ'ן גאַנעק. די וועגען זיינען געווען פערפּאַקט, פאַר'ן גאַנעק זיינען געשטאַנען די קאַרעטען. דער אויפזעהער פון הויז איז געשטאַנען נעבען גאַנעק און האָט גע־רעדט מיט א יונגען פערוואונדעטען בלייכען אָפיציר און א'ן אַלטען בעדיענטען. דערזעהענדיג דעם גראַף, האָט ער אויף זיי געגעבען א שטרענגען בליק, אַז זיי זאָלען אַוועקגעהן.

— נו, וואָס הערט זיך, וואַסיליטש, איז אַלץ פערטיג? האָט דער גראַף גע־פרעגט, רייבענדיג זיין גליך און קוקענדיג גוטמוטהיג אויפ'ן אָפיציער און דעם דינער. (דער גראַף האָט ליעב געהאַט נייע געזיכטער).

— מען קען באַלד גלייך שפּאַנען, אייער עקסעלענץ.

— זעהר גוט, די גרעפין וועט אויפשטעהן, און מיר וועלען פאָהרען. וואָס מאַכט איהר מיינע הערען? האָט ער זיך געווענדעט צו דעם אָפיציער. איהר שטעהט ביי מיר?

דער אָפיציער האָט זיך צוגערוקט צו איהם נעהענטער. זיין בלייכע געזיכט האָט זיך פלוצים בעגאָסען מיט א העלער פאַרב.

— טהוט א טובה, גראַף, ערלויבט מיר, אום גאָטעס ווילען, צושפּאַרען זיך ערגעץ אויף איינעם פון אייערע פוהרען. איך האָב מיט זיך קיין זאַך ניט. מיר מאַכט ניט אויס וואו....

דער אָפיציר האָט נאָך ניט געענדיגט און דער דינער האָט זיך אויך גע־ווענדעט מיט דער זעלבער ביטע פאַר זיין הערין.

— אַה, געוויס, געוויס, האָט זיך דער גראַף געאיילט צו ענטפערן. איך בין זעהר, זעהר צופריעדען. הייס, וואַסיליטש אָבראַמען א וואַגען צו צוויי, מאַך דאָרטען, נעהם וואָס מען דאַרף. האָט דער גראַף אָנגעהויבען צו ריידען, מיט אונבעשטימטע ווערטער. דער גראַף האָט זיך אַרומגעקוקט: אויפ'ן הויף, אין טהויער, אין די פענסטער האָבען אַלע פערוואונדעטע געקוקט אויף איהם און האָבען זיך געלאָזט געהן צום גאַנעק.

— ווי זאָל מען פּאַקען די בילדער פון דער גאַלעריע, האָט געזאָגט וואַסי־ליטש און האָט איהם אַוועקגעפיהרט אין דער „גאַלעריע נאָכהער ווי ער האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל די פערוואונדעטע ניט אָבזאָגען.

ניין א זייגער האָט זיך דיא גרעפין אויפגעכאַפּט, און א דיענסט, וואָס האָט ביי דיא גרעפין געשפּיעלט דיא ראָליע פון א שעף פון זשאַנדאַרמען, האָט איהר געמעלדעט, אַז מען בינדט פערנאַנדער דיא וועגען, מען נעהמט אַראָב די פערפּאַקטע זאַכען און מען נעהמט אַרויף דיא פערוואונדעטע אויף דעם וואָגען. דיא גרעפין האָט געשיקט נאָכ'ן מאַן.

— וואָס איז דאָס, איך האָב געהערט, אַז מען נעהמט ווידער אַרונטער דיא זאַכען פון דיא וועגען?

— דו ווייסט, וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגען.... און אָפיציער האָט מיך געבעטען, איך זאָל געבען עטליכע וועגען פאַר דיא פערוואונדעטע .... עס איז א רחמנות אויף זיי, האָט דער גראַף געזאָגט מיט פערלעגענהייט.

— הער, גראַף, דוא האָסט געבראַכט דערצו, אַז פאַר'ן הויז וויל מען גאָר ניט געבען, און איצט ווילסטו איבערפיהרען דעם גאַנצען פערמעגען פון דיא קינדער. דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז אין הויז געפינט זיך א פערמעגען פון איבער 100 טויזענד רובעל. איך בין מיט דעם ניט איינפערשטאַנדען. פאַר דיא פערוואונדעטע איז פאַראַן א רעגיערונג. גיב א קוק, ביי דיא שכנים אַנטקעגען האָט מען נאָך מיט צוויי טעג פריהער אַרויסגעפיהרט פון שטוב ביז א נאָגעל. אַזוי טהוען מענשען. מיר אַליין זיינען נאָר נאַראָנים. אויב דיא האָסט ניט קיין רחמנות אויף מיר, האָב רחמנות אויף דיא קינדער.

דער גראַף האָט גאָר ניט געענטפערט ער האָט נאָר א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און איז אַרויס פון צימער.

— וועגען וואָס האָט איהר עס גערעדט, פּאַפּאַ? האָט נאַטאַשא געפרעגט דעם פאָטער ביים אַרויסגעהען.

— וועגען קיין זאַך ניט. וואָס נעהט דיר אָן! האָט דער גראַף געזאָגט מיט כעס.

— ניין, איך האָב געהערט, האָט געזאָגט נאַטאַשא. פאַר וואָס וויל ניט די מאַמע?

— וואָס נעהט עס דיר אָן! האָט דער גראַף א געשריי געטאָן.

נאַטאַשא איז אָבגעטראָטען צום פענסטער און האָט זיך פערטראַכט.

VII

ווען דיא גרעפין איז אַריינגעקומען אין זאַל, איז נאַטאַשא צו איהר צוגעגאַנגען מיט גיכע טריט און געזאָגט:

— דאס איז געמיין! דאס איז מיאוס! עס קען נישט זיין, אז איהר זאלט אזוי הייסען.

די גרעפין האט איהר אנגעקוקט פערוואונדערט און צושראקען.

— מאמעלע דאס איז אונמעגליך נים א קוק אין הויף זיי וועלען דא בלייבען!

— וואס איז דיר? ווער זיי? וואס ווילסטו?

— דיא פערוואונדעטע. מען קען אזוי נים טהאן, מאמעלע, דאס איז אונמעגליך, מאמעלע.

דער גראף איז געשטאנען ביים פענסטער און נים אבקעהרענדיג דעם קאפ, האט ער זיך צוגעהערט צו נאטאשא'ס ווערטער.

די גרעפין האט א קוק געטאן אויף נאטאשא'ן האט דערזעהן איהר פערשעמטע געזיכט פאר דער מוטער, האט פערשטאנען, פאר וואס דער מאן קוקט זיך איצט נים אום אויף איהר.

— אח, טהוט, וויא איהר פערשטעהט! שטער איך דען וועמען? האט זיא געזאגט, נאך נים אין גאנצען אונטערגעבענדיג זיך.

— מאמעלע, טייבעלע, פערצייהעט מיך.

נאר דיא גרעפין האט נאטאשא'ן אבגעשטופט און איז צוגעגאנגען צום גראף.

— פריינד מיינער, טהו וואס מען דארף.... איך ווייס דאך דא גאר נישט, האט זיא געזאגט, אראבלאזענדיג שולדיג דיא אויגען.

— דיא אייער.... דיא אייער לערנען דיא הוהן, האט דער גראף ארויסגערעדט מיט גליקליכע טרערן און האט ארומגענומען דיא גרעפין.

— טאטעלע! מאמעלע! קען איך הייסען זיי ארויפנעהמען? האט געפרעגט נאטאשא. דיא נייטיגע זאכען וועלען מיר דאך מיטנעהמען.

דער גראף האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ אויף א צייכען אז יא און נאטאשא איז ארויסגעלאפען וויא א פייל פון בוינען אין הויף.

אנפאנגס האבען די מענשען אין הויף נים געוואלט גלויבען נאטאשא'ן און דער גראף האט אליין געמוזט ארויסגעהען און בעשטעטיגען נאטאשא'ס ווערטער.

די פערוואונדעטע זיינען ארויסגעקראכען פון די צימערן און האבען מיט פרעהליכע און בלייכע געזיכטער ארומגערינגעלט דיא וועגען. דער קלאנג, אז עס זיינען פאראן פוהרען, האט זיך באלד פערשפרייט איבער דיא ארומיגע הייזער און עס האבען זיך אנגעהויבען צו שיטען פערוואונדעטע פון די ארומיגע הייזער. פיעלע הא-

בען זיך געבעטען, אז מען זאָל דיא זאַכען פון דיא וועגען ניט אראָבנעהמען און נאָר ארויפזועצען זיי פון אויבען. נאָר קוים האט מען אנגעהויבען ארונטערצושלעפען די זאַכען, האט מען שוין ניט געקענט אָבהאַלטען. וואָס איז געווען דער אונטערשיד, צו איבערלאָזען א העלפט זאכען אדער אין גאַנצען.

VIII.

צוויי א זיינער דינען פיער קארעטען געשטאַנען געשפּאַנט פאר'ן גאַנעק פון די ראָסטאָוו'ס. דיא וועגען מיט די פערוואונדעטע זיינען ארויסגעפאָהרען איינער נאָכ'ן צווייטען פון הויף.

דיא קארעטע, אין וועלכע מען האט געפיהרט פירסט אנדריי'ען, איז פערביי־געפאָהרען פערביי דעם גאַנעק און האט צוגעצויגען צו זיך סאָניא'ס אויפמערקזאמקייט.

— וועמעס קארעטע איז דאָס? האט געפרעגט סאָניא.

— איהר ווייסט נאָר ניט? האט געענטפערט דאָס קאמער־מיידעל. דער פערוואונדעטער פירסט ער האט גענעכטיגט ביי אונז און ער פאָהרט צוזאמען מיט אונז.

— ווער איז ער? ווי איז זיין פאמיליע?

— אונזער געוועזענער חתן, פירסט באָלקאנסקי! האט דאָס קאמער־מיידעל געענטפערט מיט א זיפץ. מען זאָגט, אז ער האלט ביים טויט.

סאָניא איז אוועקגעלאָפען צו דער גרעפין, דיא גרעפין איז געווען אנגעטהאָן פארטיג צום פאָהרען. נאטאשא איז אין צימער ניט געווען.

— מאמעלע, האט סאָניא געזאָגט, פירסט אנדריי איז דא ער איז טויטליך פערוואונדעט און ער פאָהרט מיט אונז.

דיא גרעפין האט צושראָקען געעפענט די אויגען און אנגעכאַפּט סאָניא'ן פאר דער האנד האט זיא זיך ארומגעקוקט.

— נאטאשא? האט זיא ארויסגערעדט.

סיי פאר דער גרעפין און סיי פאר סאָניא'ן האט דער נאַכריכט געהאט אין דער ערסטער מינוט נאָר איין בעדייטונג. זיי האָבען געקענט נאטאשא'ן און דער שרעק, וויא דיזע נאַכריכט וועט אויף איהר ווירקען, האט ביי זיי פערטויבט יעדען מיטגעפיהל צום טענשען, וועלכען זיי האָבען ביידע געליעבט.

— נאטאשא ווייס נאָך ניט; נאָר ער פאָהרט מיט אונז, האט געזאָגט סאָניא.

— דו זאָגסט ער האלט ביים טויט.

סאָניא האָט צונעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

דיא גרעפין האָט ארומגענומען סאָניאַ׳ן און האָט זיך צואויינט.

— מאמע, אלץ איז פארטיג. וואָס איז דאָס?.. האָט נעפרעגט נאטאשא, אריינלויפענדיג אין צימער.

— גאָר נים, האָט דיא גרעפין געענטפערט. אז מען איז פארטיג, לאָמיר פאָהרען.

סאָניא האָט ארומגענומען נאטאשאַ׳ן און האָט איהר א קוש געטהאָן.

— וואָס איז דאָס? וואָס איז געשעהן? האָט נאטאשא געפרעגט, קוקענדיג אויף איהר פערוואונדערט.

— גאָר נים.

— עפּעס א שלעכטע נאכריכט פאר מיר?.... וואָס איז דאָס? איז נאטאשא נים אָבגעטראָטען, דערשמעקענדיג, אז דאָ איז עפּעס געשעהען.

סאָניא האָט א קרעכץ געטאָן און האָט גאָר נים געענטפערט.

אלע שטובּיגע זיינען דערווייל אריינגעקומען אין זאל. מען האָט פערמאכט אלע טהירען און אלע האָבען זיך אנידערגעזעצט אויף עטליכע סעקונדען.

דער ערשטער האָט זיך אויפגעהויבען דער גראף, און איבערצלם׳ענדיג זיך, האָט ער זיך אָבגעזעגענט מיט דיא דיענער, וואָס זיינען פערבליבען אין מאָסקווע.

עס האָט נאָך געדויערט א היבשע צייט ביז מען האָט זיך איינגעטאָסטשעט אויף דיא פלעטצער אין דיא קארעטען, און דיא פערד האָבען זיך ענדליך גע־ריהרט.

אָבפאָהרענדיג א שטיק וועג, האָט נאטאשא ארויסגעקוקט פון פענסטער און האָט פריילעך און פערוואונדערט אויסגעשריען:

— פאָטער! מוטער! סאָניא! גיט א קוק! דאָס איז ער!

— ווער— ער?

— יעהט, אויף מיינע נאמנות, בעזובי! האָט נאטאשא געזאָגט, ארויסרוקענ־דיג זיך פון דעם פענסטער פון דער קארעטע און קוקענדיג אויף א הויכען און דיקען מענשען אין א קוטשער׳ס קאפטאן.

— אויף מיינע נאמנות, דאָס איז בעזובי, עפּעס נעהט ער מיט אַן אלטען אינגעל.

— אט, וואָס דיר קען איינפאלען!

— מאמע, איך גיב מיין קאָפּ אָבצושניידען, אז דאָס איז ער.

דער מענש, אויף וועלכען נאטאשא האט אנגעוויזען איז געווען זעהר ענליך אויף פיער'ן. ער איז געגאנגען מיט אן אראבגעלאזטען קאפ, מיט אן ערנסטע געזיכט נעבען א קליינעם אלטען מאן אהן א בארד, וועלכער האט אנגעזעהען ווי א לאקיי. דער אלטער מאן האט יענעם א ציה געטהאן פאר'ן ארבעל, ווען ער האט בעמערקט, אז מען קוקט אויף זיי פון דער קארעטע און האט איהם עפעס געזאגט. יענער האט אנפאנגס ניט געקענט פערשטעהען, וואס ער רעדט צו איהם. ענדליך ווען ער האט פערשטאנען, האט ער א קוק געטהאן צו דער קארעטע, אויף וועלכע דער אלטער מאן האט איהם אנגעוויזען. דערזעהענדיג נאטאשא'ן, האט ער זיך, ניט בעטראכטענדיג, געלאזט געהן צו דער קארעטע. אבגעהענדיג א צעהן טריט האט ער זיך דערמאנט און האט זיך אבגעשטעלט.

— וואס האט איהר זיך אבגעשטעלט, פעטער קיריליטש! קומט שוין צו! מיר האבען אייך דערקענט! האט נאטאשא געשריען און אויסגעשטרעקט איהם די האנד. פאר וואס געהט איהר עפעס אזוי?

פיער האט גענומען די האנד און האט איהר א קוש געטהאן, געהענדיג, וויל די קארעטע האט זיך ניט אבגעשטעלט.

— וואס איז דאס מיט אייך, גראף, האט די גרעפין געפרעגט מיט פערוואונדערונג און בעדויערונג.

— פרעגט מיך בעסער ניט, האט פיער געענטפערט.

— וואס איז דאס, איהר פערבלייבט אין מאסקווע?

פיער האט געשוויגען.

— אין מאסקווע? האט ער זיך ענדליך אנגערופען יא, אין מאסקווע, פאהרט געזונד!

— אך, ווען איך זאל זיין א מאנסביל, וואלט איך אונבעדינגט געבליבען מיט אייך, האט נאטאשא געזאגט. מאמע, ערלויבט מיר און איך וועל דא בלייבען.

פיער האט צערשטרייט א קוק געטהאן אויף נאטאשא'ן און האט געוואלט עפעס זאגען, נאר די גרעפין האט איהם איבערגעשלאגען.

— מיר האבען געהערט, איהר זייט געווען אין דער שלאכט?

— יא, איך בין געווען, האט פיער געענטפערט. מארגען וועט ווידער זיין א שלאכט.... האט ער אנגעהויבען, נאר נאטאשא האט איהם איבערגעשלאגען.

— וואס איז דאס אייך געשעהן, גראף? איהר זייט אזוי פערענדערט געווארען...

— אח, פרעגט ניט, פרעגט ניט, איך ווייס אליין ניט. מארגען.... נאר ניין!

פאהרט געזונד! א שרעקליכע צייט!

ער איז אבגעטראָטען פון דער קאַרעטע און איז ארויף אויפ'ן טראָטואר.

נאטאשא האָט נאָך א לאנגע צייט ארויסגעקוקט פון פענסטער און האָט איהם נאָכגעקוקט א ביסעל מיט א שפּעטישען און פריליכען שמייכעל.

IX.

ווען פּיער האָט פערלאָזט בשתיקה זיין הויז האָט ער זיך פערקליבען אין דעם לעדיגען הייזעל פון זיין פערשטאָרבענעם רביל בעזדעיעוו, וועלכער האָט איהם גע־מאַכט פאר א מאַסאָן. דיא אלמנה מיט די קינדער זיינען מיט א פּאָר טעג פריהער ארויסגעפאָהרען פון מאָסקווע אין א דאָרף, און אין הויז איז פערבליבען דער דינער, דער אלטער מאַן אָהן א באָרד, וואָס איז געגאַנגען מיט פּיער'ן, ווען נאָ־טאשא האָט זיי דערזעהען, און בעזדעיעוו'ס א ברודער, וועלכער איז געווען א בי־סעל געריהרט און האָט צייטענווייז געטרונקען איבער דער מאָס.

עטליכע מאָל האָט דער דיענער אריינגעקוקט אין קאַבינעט, וואו פּיער איז גע־זעסען, נאָר פּיער האָט איהם ניט בעמערקט. ענדליך האָט ער אין טהיר גע־מאַכט א גערויש, אום צו צוציהען פּיער'ס אויפמערקזאַמקייט.

— דו ווייסט, האָט פּיער צו איהם געזאָגט, אָנגעהמענדיג איהם פאר'ן קנעפּיל פון זיין ראָק, דו ווייסט אז מאָרגען וועט זיין א שלאַכט.

— איך האָב געהערט, האָט דער דיענער געראָסים געענטפערט.

— איך בעט דיך, דוא זאָלסט קיינעם ניט זאָגען, ווער איך בין, און טהו וואָס איך וועל דיר הייסען.

— איך הער, האָט געראסים געענטפערט. זאָל איך צוגרייטען עפּעס עסען?

— ניין, נאָר איך דאַרף עפּעס אנדערש. איך דאַרף האָבען פּויערשע קליידער און א פּיסטאָלעט.

דעם זעלבען אָבענד האָט ער געקריגען פאר פּיער'ן א קאַפטאַן און א היטעל און האָט פערשפּראָכען צו קריגען מאָרגען א פּיסטאָלעט. אויף מאָרגען איז ער איבערגעטהאָן אין קאַפטאַן געגאַנגען קויפען מיט געראסימען א פּיסטאָלעט, און דאָ האָט ער אויפ'ן וועג געטראָפען דיא ראָסטאָווס.

X

דעם 1 סעפּטעמבער האָט קוטוזאָוו געגעבען דעם בעפעהל, אז דיא רוססישע חיל זאָל אָבטרעטען פון מאָסקווע.

דעם 2טען סעפּטעמבער 4 א זייגער איז מיוראַט'ס אָבטהיילונג פון די פראַנ־

צווישע תיל אריינגעקומען אין מאָסקווע.

מיוראט האט געהייסען זיין דאָלמאטש פרעגען ביי דיא עטליכע מאָסקווער איינוואָהנער, וואס זיי האבען געטראָפען אויפ'ן וועג, וואו געפינען זיך דיא רוסישע חיל. דערווייל איז צו מיוראט'ן צוגעפאָהרען א פראנצויזישער אפיציער און האט איהם געמעלדעט, אז דער טהויער פון דער פעסטונג איז פערשלאָסען.

— גוט, האט מיוראט געענטפערט און האט געהייסען אנשטעלען פיער לייכטע הארמאטען און שיסען אויפ'ן טהויער.

פון אונטער'ן טהויער האט מען צווי מאָל אויסגעשאָסען פון א ביקס. דער גענעראל וואס איז געשטאנען ביי די הארמאטען האט געגעבען א בעפעהל צו שיסען און פון צוויי הארמאטען האט מען אויסגעשאָסען.

ווען דער רויך האט זיך צוטראָגען האט זיך געבען טהויער געוויזען איין מענש אָהן א היטעל מיט א ביקס אין האנד און האט זיך געציעלעוועט אויף דיא פראנצויזען. „שיסן" האט זיך ווייטער געהערט א בעפעהל, און צווי הארמאטען און איין ביקס האבען אויף דעם געענטפערט.

פון אונטערן טהויער האט זיך מעהר קיין שיסען ניט געהערט, און די פראנצויזישע אינפאנטעריע האט זיך געלאָזט געהן צום טהויער. דאָרטען זיינען געלעגען דריי פערוואונדעטע און פיער דערהרג'עטע. צווי מענשען אין קאפטאנעס זיינען אנטלאָפען געוואָרען.

אבוואָהל אויסגעמאטערט, אויסגעהונגערט, אבגעריסען און פערקלענערט ביז א דריט חלק, וועדליג זיי זיינען געווען פריהער, זיינען דיא פראנצויזישע סאָלדאטען אריין אין מאָסקווע אין גוטער אָרדנונג. דאס איז נאָך אלץ געווען א קריעגערישע און א פורכטבארע ארמיע. נאָר א'ן ארמיע איז עס נאָר געבליבען ביז יענער מינוט ווען זיי זיינען זיך צוגנאנגען איבער דיא וואוינונגען. וויא נאָר דיא רעגימענטען האבען זיך פערקליבען אין דיא רייכע הייזער, איז דיזע ארמיע פערניכטעט געוואָרען. זיי זיינען שוין מעהר ניט געווען סאָלדאטען, אויך ניט איינוואוינער, זאָנדערן מאראָדערן רויבער. און ווען אין פינף וואָכען ארום זיינען זיי ארויס פון מאָסקווע, איז דאס שוין ניט געווען קיין חיל. דאס איז געווען א מחנה רויבער, פון וועלכע יעדער האט מיט זיך געטראָגען אָנגעראבעוועטע גוטס, און זייער ציעל איז איצט ניט געווען וויא פריהער צו געהן זיעגען, זאָנדערן איינצוהאַלטען וואס זיי האבען אָנגעראבעוועט, און דאס האט זיי איבערגעפיהרט.

אין דעם זעלבען טאָג איז איין בעפעהל ארויס נאָכ'ן צווייטען, אז דיא סאָלדאַ־

טען זאָלען ניט געהן איבער דער שטאָדט און עס איז שטרענג פערוועהרט געווען צו ראַבעווען, נאָר דאָס האָט געהאָלפען וויא א טוידטען באַנקעס.

XI

אבענדצייט האָבען דיא פראנצו זען דערגרייכט דעם קווארטאל, וואו פיער האָט געוואוינט.

פיער האָט זיך נאָך דיא צוויי פערבראכטע איינזאמע טעג געפונען אין א צושטאנד, וואָס איז געווען נאָהענט צו משוגעת. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט איין געדאנק, אז ער דארף בעגעגנען נאפּאָלעאָנען און טויטען איהם און בעפרייען איירָאפּא פון דער היה נאפּאָלעאָן.

ער האָט געוואוסט אָלע איינצעלהייטען פון דייטשען סטודענט אין וויען, וואָס האָט געמאכט א פערזוך אין יאָהר 1809 צו טויטען באָנאפּארטען, און ער האט געוואוסט אז דעם סטודענט האָט מען צושאָסען. נאָר דיעזע געפאהר האָט איהם נאָך מעהר געוועקט צו טהאָן עס.

„יא, איינער פאר אַלעמען, איך דארף דאָס טהאָן אָדער פערניכטעט ווערען. איך וועל צו איהם צוגעהען .... און פלוצים.... מיט א פּיסטאָלעט אָדער מיט א קינזשאל, האָט ער זיך געפרעגט. איבריגענס דאָס איז אַלץ איינס. ניט איך, נאָר גאָט'ס האנד שטראָפט דיך, וועל איך איהם זאָגען. איצט נעהמט מיך, טוידט מיך", האָט פיער גערעדט צו זיך, שטעהענדיג אין מיטען צימער.

אין דער מינוט האָט זיך דיא טהיר געעפענט, און אין צימער איז אריין מאַקאר אַוודעיעוו, דעם פערשטאָרבענעם רבי'ס ברודער, טויט-שיכור.

— זיי האָבען זיך דערשראָקען, האָט ער געזאָגט מיט א הייזעריג קול. און זאָג איך וועל זיך ניט אונטערגעבען, זאָג איך, ניט אזוי, מיין הערר ?

ער האָט זיך א ווײלע פערטראכט און דערזעהענדיג דעם פּיסטאָלעט אויפ'ן טיש האָט ער איהם פלוצים א כאפּ געטאָן און איז ארויס געלאָפען אין קארידאָר.

גערַאסים און דער וועכטער האָבען איהם אָבגעהאלטען און געמאטערט זיך ארויסצורייסען פון איהם דעם פּיסטאָלעט.

— מאַטעלע-פאָטער ! זיי ! האָט זיך דערהערט פלוצים א הארצרייסענדער געשריי און דיא קעכין איז אריינגעלאָפען אין פארהויז.

גערַאסים און דער וועכטער האָבען ארויסגעלאָזט מאקארץ פון דיא הענד און אין דיא שטיל געוואָרענעם קארידאָר האָט זיך דערהערט א קלאפּען פון עטליכע הענד אין דער טהיר.

XII.

אום אויסצופיהרען זיין פלאן, האט פיער ניט געוואלט, אז מען זאל וויסען ווער ער איז, און אז ער רעדט פראנצויזיש און ווען ער האט דערהערט דאס קלאפען אין טהיר, האט ער בעשלאסען צו פערשווינדען פון קארידאר אזוי ניך, וויא נאר דיא פראנצויזען וועלען זיך בווייזען. נאר דיא פראנצויזען זיינען אריין, און פיער איז פון דער טהיר ניט אבגעטראטען: איהם האט אבגעהאלטען א שטארקע נייגירדע.

אריין זיינען צוויי. איינער א אפיציער א הויכער און בראווער, שעהנער מאנס־פערזאן, הינקענדיג אויף איין פוס און מיט א שטעקעל אין האנד איז געגאנגען פאראויס. דער צווייטער איז געווען א אויסגעמאגערטער פערברענטער סאלדאט. דער אפיציער האט געמאכט עטליכע טריט און וויא בעשליסענדיג פאר זיך, אז דיא וואוינונג איז גוט, האט ער זיך אבגעשטעלט און געגעבען א בעפעהל צו דיא סאלדאטען וואס זיינען געשטאנען אין טהיר, אז זיי זאלען אריינפיהרען די פערד. אבפערטיגענדיג זיך מיט דעם, האט ער הויך אויפגעהויבען דיא עלענבויגען, א דריי געטהאן דיא וואנסען און צוריהרענדיג מיט דער האנד צום הוט, האט ער געזאגט פריילוך:

— איך האב דיא עהרע.

קיינער האט איהם נאר ניט געענטפערט.

— איהר זייט דערווירטה? האט ער זיך געווענדעט צו געראסים.

געראסים האט איהם צושראקען אנגעקוקט.

—קווארטיר, קווארטיר, האט דער אפיציר געזאגט מיט א גוטמוטהיגען שמייכעל. דיא פראנצויזען זיינען גוטע יונגען, צום שווארציאהר. מיר וועלען זיך ניט קריעגען. וואס איז דאס, איז דאס מענליך, אז דא פערשטעהט אויך קיינער ניט פראנצויזיש? האט ער געזאגט, ארומקוקענדיג זיך און בעגעגענדיג זיך מיט פיער'ס אויגען. פיער איז אבגעטראטען פון דער טהיר.

דער אפיציער האט זיך ווידער געווענדעט צו געראסים, פאדערענדיג, ער זאל איהם ווייזען דיא צימערן פון הויז.

— דער בארין ניטא—מיינער אייך ניט פערשטעהט. האט געראסים געענטפערט, סטארענדיג זיך צו מאכען זיינע ווערטער פערשטענדליכער מיט דעם. וואס ער האט זיי ארויסגערעדט מיטן קאפ אראב.

דער אפיציער האט געוויעזען מיט דער האנד, אז ער פערשטעהט איהם אויך ניט און האט זיך געלאזט געהען צו דער טהיר. פיער האט געוואלט אוועקגעהען,

ערשט ער האט דערזעהען, וויא דיא טהיר פון קיך האט זיך געעפענט און דער פערריקטער מאקאר מיט'ן פיסטאלעט אין האנד האט זיך בעוויזען. ער האט בעקוקט דעם פראנצויז און אנשטעלענדיג דעם פיסטאלעט, האט ער זיך גענומען צילען.

פיער האט זיך א ווארף געטהאן אויף דעם שכור, און אין דעם מאמענט, ווען פיער האט אנגעכאפט און אויפגעהויבען דעם פיסטאלעט, האט זיך דערהערט א פערטויבענדער שאס. דער אפיציער איז בלייך געווארן און האט זיך א ווארף געטהאן צוריק צו דער טהיר.

פערגעסענדיג זיין אבזיכט איז פיער צוגעלאפען צום אפיציער און האט איהם געפרעגט אין פראנצויזיש.

— איהר זייט ניט פערוואונדעט?

— דוכט זיך, ניין, האט דער אפיציער געענטפערט, ארומטאפענדיג זיך, ווער איז ער דער מאן?

— אח, איך בין ווירקליך פערצווייפעלט פון דעם, וואס דא איז פארגעקומען, האט פיער געזאגט. דאס איז אן אונגליקליכער משוגענער, וואס ווייס ניט, וואס ער טהוט.

דער אפיציר איז צוגעגאנגען צו מאקאר'ן און האט איהם אנגעכאפט פאר'ן קראגען:

— דו וועסט טייער בעצאהלען, מערדער, דערפאר!

פיער האט גענומען איינריידען דעם אפיציער, אז ער זאל איהם שענקען. דער פראנצויז האט איהם אויסגעהערט מיט א בייזע געזיכט און פלוצים האט ער זיך געווענדט צו פיערן מיט א שמייכעל.

— איהר האט מיר געראטעוועט מיין לעבען, איהר זייט א פראנצויז האט ער געזאגט.

— ניין, איך בין א רוסישער, האט פיער געענטפערט.

— נו, נו, נו, דאס וועט איהר דערצעהלען אנדערע. איך בין זעהר צופריעדען צו בעגעגענען דא א לאנדסמאן. אלזא וואס זאלען מיר טהאן מיט דעם מענשען?

פיער האט ווידער ערקלערט, אז דאס איז א משוגענער און ער זאל לאזען די זאך צו רוה. דער אפיציער האט איהם געפאלגט. דיא סאלדאטען וואס זיינען זיך צוזאמענגעלאפען אויפ'ן שאס, האט ער געהייסען גיין.

XIII

ווען דער פראנצויזישער אפיציער איז צוזאמען מיט פיער'ן אריין אין הויז, האט פיער גערעכענט פאר זיין פפליכט צו ערקלערען, אז ער איז ניט קיין פראנצויז און האט געוואלט אוועקגעהן, נאר דער אפיציער האט דערפון ניט געוואלט הערען. ער איז געווען אזוי העפליך, ליעבענסווירדיג, גוטמוטהיג, און דאנקבאר פאר וואס ער האט איהם געראטעוועט זיין לעבען, אז פיער האט ניט געהאט קיין מוטה אבצוזאגען זיך און איז פערבליעבען מיט איהם אין זאאל.

— זאל זיין א פראנצויז אדער א פערשטעלטער רוסישער פירסט, האט געזאגט דער אפיציער, בעקוקענדיג פיער'ס טייערע צוואר שמוציגע העמד און דעם רינג אויף זיין האנד. איך בין אייך פערפליכטעט מיט מיין לעבען און באט אייך אן מיין פריינדשאפט. א פראנצויז פערגעסט קיין מאל ניט קיין בעליידיגונג און קיין טובה. איך באט אייך אן מיין פריינדשאפט און דאס איז אלץ וואס איך קען אייך זאגען.

אין זיין שטימע, אין דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט, אין זיין יעדע בעוועגונג איז געווען אזוי פיעל גוטמוטהיגקייט און דאנקבארקייט (אין דעם פראנצויזישען זינען), אז פיער האט אונבעוואוסט געענטפערט מיט א שמייכעל אויף זיין שמייכעל און האט געדריקט דיא האנד וואס ער האט איהם אויסגעשטרעקט.

דער סאלדאט דער דיענער האט אריינגעבראכט פון קיך עסען, און פיער האט זיך געזעצט עסען מיט איהם. דער אפיציר האט ניט אויפגעהערט צו ריידען און אונטער דעם איינדרוק פון דעם אויסגעטרונקענעם ווין און דיא פאר טעג וואס ער האט פערבראכט אין איינזאמקייט מיט זיינע פינסטערע געדאנקען, האט פיער איצט אבגעלעבט און האט ניט ווילענדיג דערפיהלט א פערגניגען פון דעם געשפרעך מיט דיזען פרייליכען מענשען. ער האט זיך ביסלעכווייז אריינגעצויגען אין געשפרעך און דעם אפיציר'ס אפענהערציגקייט און פלאפלעריי האט איהם אזוי אונטערגעקויפט, אז ער האט איהם אויסדערצעהלט זיין גאנצע געשיכטע זיין חתונה מיט עלען, נאטאשא'ס ליעבע מיט זיין בעסטען פריינד אנדרייען און איהר ווילען נאכדעם אנטלויפען מיט זיין שוואגער, און זיינע געפיהלען צו איהר. און שפעטער האט ער איהם זאגאר דערצעהלט ווער ער איז זיין שטעלונג אין דער געזעלשאפט.

שפעט אין דער נאכט איז פיער מיט'ן אפיציר ארויסגעגאנגען אין גאס. דיא נאכט איז געווען אווארעמע און א ליכטיגע. לינקס פון הויז האט זיך געזעהן דאס ערשטע פייער, וואס האט זיך אנגעהויבען אין מאסקווע. רעכטס איז געשטאנען א סערפ פון דער יונגער לבנה און איהר אנטקעגען האט געלויכטען דער קאמעט, וואס

איז געוועז פערבונדען אין פיער'ס נשמה מיט זיין ליעבע. ביים טהויער האבען זיך גע־פונען געראסים, די קעבין און צוויי פראנצויזען. עס האט זיך געהערט זייער געלעכ־טער און זייער ריידען אויף א שפראך, וואס איינער דעם אנדערן האט נים פער־שטאנען.

אין דעם פייער, וואס איז געוועז ערגעץ ווייט האט זיך נים געזעהען קיינעם שרעקליכעס. פיער האט זיך געפיהלט גליקליך, קוקענדיג אויפ'ן אויס־געשטערנטען הימעל, אויף דיא יונגע לבנה, אויפ'ן קאמעט און אויפ'ן ווייטען פייער.

„וויא גוט עס איז! וואס דארף מען בעסער?" האט זיך פיער געפרעגט. און פלוצים האט ער זיך דערמאנט, וואס ער האט געהאט בדעה צו טהאן. דער קאפ האט זיך איהם פערדרייט, און ער האט זיך דערפיהלט זעהר שלעכט, און ער האט זיך געמוזט אנשפארען אן פלאנקען אום נים אנידערצופאלען.

ער האט קיין אבשיעד נים גענומען פון זיין נייען פריינד, איז אריין צו זיך אין צימער, האט זיך אניעדערגעלעגט אויף דער סאפע און איז באלד איינגעשלאפען.

XIV

ווען דאס ערשטע פייער האט זיך אנגעהויבען אין מאסקווע, האבען זיך דיא ראסטאָווס געפונען צוואנציג ווערסט ווייט פון שטאט. דעם גראף'ס קאמערדינער איז אריין מעלדען דעם גראף, אז מאסקווע ברענט. דער גראף האט אנגעטהאן דעם כאלאט און ארויס א קוק טהאן. מיט איהם צוזאמען איז ארויס סאניא, וואס האט זיך נאך נים אויסגעטהאן. נאטאשא און דיא גרעפי־ניען פערבליבען אין צימער.

דיא גרעפין האט זיך צואויינט, דערהערענדיג, אז מאסקווע ברענט. נאטאשא איז בלייך, מיט אונבעוועגטע אויגען געזעסען אויף דעם זעלבען ארט, וואו זיא האט זיך אוועקגעזעצט, אריינקומענדיג אין שטוב, און האט קיין שום אויפמערקזאמקייט נים געשענקט דעם פאטער'ס ווערטער.

— את, וואס פאר א שרעק! האט געזאגט סאניא, צוריקקעהרענדיג. מיר דוכט, אז גאנץ מאסקווע ברענט. נאטאשא גיב א קוק פון פענסטער.

נאטאשא האט אויף איהר א קוק געטהאן, וויא זיא וואלט נים פערשטאנען, וואס מען פרעגט איהר, און האט ווייטער גענומען קוקען אין דער לופט. נאטא־שא האט זיך געפונען אין דיעזען אין פערשטיינערטען צושטאנד דעם גאנצען טאג, ציים סאניא האט צו דער גרעפינ'ס פערוואונדערונג דערצעהלט נאטאשא'ן, אז אנדריי

אין פערוואונדעט און אז ער פאהרט צוזאמען מיט זיי. דיא גרעפין איז שרעקליך אויפגעבראכט געווארן אויף סאניאן. סאניא האט געוויינט און געבעטען אום פערציהונג און האט געזוכט צו פערגלעטען איהר שולד דערמיט, וואס זיא איז פון נאטאשא'ן ניט אבגעטראטען.—גיעב א קוק נאטאשא, וואס פאר א שרעקליך פייער.

— וואס פאר א פייער? האט נאטאשא געפרעגט. אך, יא, מאסקווע ברענט. און אזוי וויא נישט וועלענדיג בעליידיגען סאניא'ן האט זי צוגערוקט דעם קאפ צום פענסטער און א קוק געטהאן אזוי, אז זיא האט קיין זאך ניט געקענט זעהען און האט ווידער גענומען קוקען אין דער לופט.

— דו האסט דאך גאר ניט געזעהן.

— ניין, ריכטיג, איך האב געזעהן, האט נאטאשא זיך געבעטען.

און דיא גרעפין און סאניא האבען פערשטאנען, אז מאסקווע מיט איהר פייער, און וואס דארטען זאל זיך ניט טהאן, קען פאר נאטאשא'ן ניט האבען קיין אינטערעס.

דער גראף איז אריין און האט זיך ווידער געלעגט הינטער א פאראוואן. דיא גרעפין איז צוגעגאנגען צו נאטאשא'ן האט איהר מיט דער האנד א טאפ געטהאן דעם קאפ און א קוס געטהאן איהר אין שטערן.

— דיר איז קאלט? דו ציטערסט? דו וואלסט זיך בעסער אנידערגעלעגט האט געזאגט דיא גרעפין.

— אנידערלעגען זיך? יא, גוט, איך וועל זיך לעגען. איך לעג זיך גלייך, האט געזאגט נאטאשא.

גלייך וויא זיא האט זיך אין דער פריה דערוואוסט, אז אנדריי איז שווער פערוואונדעט און ער פאהרט מיט זיי, האט זיא נאר דיא ערסטע מינוט געפרעגט, וויא איז ער פערוואונדעט, געפעהרליך און צו קען זיא איהם זעהן? נאר ווען מען האט איהר געזאגט, אז זעהען קען זיא איהם ניט, אז פערוואונדעט איז ער געפעהרליך, האט זיא מעהר קיין זאך נישט געפרעגט, ניט גלויבענדיג, וואס מען האט איהר געזאגט און איבערצייגענדיג זיך, אז פיעל זיא זאל ניטריידען וועט מען איהר אלץ ענטפערן דאס זעלבע. דעם גאנצען וועג איז זיא געזעסען אזוי אונבעוועגט וויא זיא איז איצט געזעסען אין שטוב אויף דער באנק. דיא גרעפין האט געוואוסט נאך איהר אויסדרוק אז זיא בעשליסט אדער האט שוין בעשלאסען עפעס צו טהאן, נאר וואס אזוינס איז דאס, האט זיא ניט געוואוסט, און דאס האט איהר שרעק־

ליך געמוטשעט.

— נאטאשא, טהו זיך אויסאון לייג זיך אין מיין בעט. (דיא גרעפין אליין איז נאר געשלאפען אין א בעט, ווייטער דיא איבעריגע זיינען געשלאפען אויפ'ן באדען אויף היי.)

— ניין, מוטער, איך וועל זיך לייגען דא אויפ'ן באדען, האט נאטאשא געזאגט בייז און איז צוגעגאנגען צום פענסטער און געעפענט עס. פון אפענעם פענסטער האבען זיך העלער דערהערט קרעכצען פון א פערוואונדעטען. זיא האט ארויסגע־רוקט דעם קאפ אין דער פייכטער לופט פון דער נאכט, און דיא גרעפין האט געזעהן, וויא איהר דינע האלז האט זיך געטרייסעלט פון שלוכצען און געשלאגען זיך אן דער ראם פון פענסטער. נאטאשא האט געוואוסט, אז דאס קרעכצט ניט אנדריי. זיא האט געוואוסט, אז אנדריי געפינט זיך נאר אין דער צווייטער חויז פון זיי, און זיי טהיילט נאר אב א פארהויז. נאר דאס קרעכצען האט ביי איהר ארויסגערופען א געוויין

— לעג זיך, פויגעלע, לעג זיך, טייבעלע, האט דיא גרעפין געזאגט צו ריהרענדיג זיך מיט דער האנד צו איהר אקסעל. לעג זיך.

— אך, יא.... גלייך, גלייך לעג איך זיך, האט נאטאשא געזאגט, אויסטוענ־דיג זיך אין דער גיך און אברייסענדיג די בענדלאך פון קלייד. זיא האט זיך איבערגעטהאן אין נאכט־קליידער און האט זיך שטיל ארונטערגעלאזט אויפ'ן לייליך.

— נאטאשא, לעג זיך אין מיטען, האט געזאגט סאניא.

— איך לעג זיך דא, לענט זיך שוין איהר, האט זיא געזאגט מיט פערדרוס, און האט זיך איינגעגראבען מיט דעם קאפ אין קישען.

דיא גרעפין און סאניא האבען זיך אין דער גיך אויסגעטהאן און געלעגט. א לאנגע צייט האט זיך נאטאשא צוגעהערט צו דיא אויסערליכע און אינערליכע קלאנגען, וואס האבען דערגרייכט צו איהר. אין א ווייל ארום האט איהר דיא גרעפין א רוף געטהאן. נאטאשא האט ניט געענטפערט.

— זיא שלאפט, דוכט זיך, האט סאניא געענטפערט שטיל.

שפעטער א ווייל האט דיא גרעפין ווידער א רוף געטהאן נאטאשא'ן, נאר קיינער האט זיך שוין ניט אנגערופען.

באלד נאכדעם האט נאטאשא דערהערט דיא לייכטע אטהעמען פון דער מו־טער. נאטאשא האט זיך ניט א ריהר געטהאן, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס

איהר קליין באָרוועסע פיסעל האָט זיך ארויסגערוקט פון אונטער דער רעקל און האָט געפרווירען אויף'ן נאַלען באָדען.

אי א שפּאַלט האָט א גריל אָנגעהויבען צו גריילצען. ערגעץ ווייט האָט א קרעה געטהאָן א האָהן און א צווייטער האָט זיך באַלד אָנגערופען. נאַטאַשא האָט זיך אויפגעהויבען.

— סאָניא? דו שלאָפסט? מאַמא? האָט זיא געזאָגט שטיל. קיינער האָט זיך ניט אָנגערופען. נאַטאַשא האָט זיך לאַנגזאם און פאָרזיכטיג אויפגעהויבען, איבערגעצ'לם'ט און האָט פאָרזיכטיג גענומען געהן איבער'ן שמוציגען קאַלטען באָדען. א ברעט אונטער איהר האָט א סקריפּע געטהאָן און זיא האָט זיך וויא א קעציל א שוּם געטהאָן דיא עטליכע טריט ביז צו דער טהיר און האָט אָנגענומען דיא קליאַמקע.

איהר האָט אויסגעוויזען, אז עפּעס א שווערע זאַך קלאַפּט אין אַלע ווענד פון שטוב: דאָס האָט געקלאַפּט איהר הארץ פון שרעק, מורא און ליעבע.

זיא האָט געעפענט דיא טהיר און האָט זיך געלאָזט געהן באָרפעס איבער דער קאַלטער ערד פון פאָרהויז. דיא קעלט וואָס האָט איהר ארומגעכאַפּט, האָט איהר ערפרישט. זיא האָט מיט'ן פוס אָנגעטאַפּט א שלאָפענדיגען מענשען, איז איבער איהם אריבערגעטראָטען און האָט געעפענט דיא טהיר פון שטוב, וואו עס איז געלעגען פירסט אנדריי. אין דער שטוב איז געוועזען פינסטער. ביים בעט געבען צוקאָפּענס איז געשטאַנען א פערשוואַרצטער חלב'ענע ליכט אויף א בענקעל.

דעם גאַנצען טאָג האָט זיא געלעבט מיט דער האָפנונג, אז ביי נאַכט וועט זיא איהם זעהן. נאָר איצט ווען דיא מינוט איז געקומען, איז אויף איהר אָנגעפאַלען א שרעק. איז ער זעהר א צוקאַליעטשעטער? וואָס איז פון איהם געבליבען? און זיא איז פאַר שרעק געבליבען שטעהן. נאָר אן אונבעזיגבארע קראַפט האָט איהר געשלעפּט פאָרווערטס. זיא האָט פאָרזיכטיג געמאַכט איין טריט, א צווייטען און איז געבליבען שטיין אין מיטען שטוב. אויף א באַנק איז דאָ געלעגען איין מענש, און אויפ'ן באָדען נאָך צוויי (דיא צוויי זיינען געוועזען דער דאָקטאָר און קאַמערדינער).

דער קאַמערדינער האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבען און האָט א מורמעל געטאָן. אויף דער באַנק איז געלעגען א פערוואונדעטער קאַפּיטאַן און האָט ניט געשלאָפען און האָט פערוואונדערט אָנגעקוקט דיא זעלטזאַמע ערשיינונג פון א מיידעל אין א ווייסע העמד, אין א קאָפּטע און א טשעפּטשיק. דעם קאַמערדינער'ס פערשלאָפענע ווערטער: „וואָס דארפט איהר? האָבען איהר נאָך מעהר געטריבען צו

געהען צום בעט. דער אבגעברענטער קנייטעל פון ליכט איז אראבגעפאלען און זיא האט דערזעהן אין בעט אנדרייען גראדע אזא, וויא זיא האט איהם געזעהן שטענדיג.

ער איז געוועזען דער זעלבער וואס אימער, נאר דער אויפגעפלאמטער קאליר פון זיין געזיכט, זיינע בליצענדע אויגען, וואס האבען אויף איהר געקוקט פייערליך און בעזאנדערס זיין צארטע, קינדערשע האלז האבען איהם צוגעגעבען אן אונשולדיג, קינדערש אויסזעהן, וואס זיא האט אין איהם קיין מאל ניט געזעהען. זיא איז צוגעגאנגען צו איהם און האט זיך געשטעלט פאר איהם אויף דיא קניע.

ער האט א שמייכעל געטהאן און אויסגעשטרעקט צו איהר דיא האנד.

XV

זיעבען טעג טעג זיינען אריבער פון דער באראדינא'ר שלאכט און כמעט דיא גאנצע צייט איז ער געוועזען בעוואוסטלאז. דיא היץ וואס ער האט געהאט און דיא אויפגעפלאמטע קישקעס האבען געדארפט מאכען מיט איהם א סוף, וויא דער דאקטאר האט געזאגט. נאר אויפ'ן זיעבעטען טאג האט ער אויפגעסען א שטיקעל ברויט מיט טהיי און דער דאקטאר האט בעמערקט, אז דיא היץ איז קלענער געווארען. נאר ווען מען האט איהם אריבערגעטראגען פון דער קארעטע אין שטוב אריין, וואו ער איז איצט געלעגען, איז ער ווידער געווארן בעוואוסט לאז. דערנאך האט ער ווידער ערוואכט און געבעטען טהיי. נאר ווען מען האט איהם איבערגעבונדען דיא וואונד האט ער ווידער פערלארען דאס בעוואוסטזיין און האט צום דריטען מאל ערוואכט אין מיטען נאכט, ווען אלע זיינען געשלאפען.

דאס גרילצען פון א גריל האט זיך געהערט פון דער צווייטער שטוב, אויף דער גאס האט עמיצער געשריען און געזונגען, דיא טאראקאנעס האבען געמאכט א גערויש לויפענדיג איבערן טיש, איבער די ווענד, א גרויסע פליג האט זיך געקלאפט אן זיין צוקאפענס און ארום דעם חלבן ליכטעל, וואס האט געברענט הינטער איהם.

זיין צושטאנד איז געוועזען ניט נארמאל. א געזונטער מענש דענקט געוועהנליך, פיהלט, און ערא[י]נערט זיך וועגען פיעלע, פיעלע זאכען אין איין צייט, נאר ער האט קראפט אויסצוקלייבען איין רייהע ערשיינונגען און אויף זיי אבשטעלען זיין אויפמערקזאמקייט. וויא פערטיעפט א געזונטער מענש זאל ניט זיין אין זיינע געדאנקען, קען ער זיך אבר[י]ייסען פון זיי אום צו זאגען א פריינדליךווארט צו א גאסט וואס איז צו איהם אריינגעקומען, און קעהרט זיך צוריק אום צו זיינע געסט דאנקען.

אין דיעזער הינזיכט איז אנדריי געוועזען אין אן אונמאָראלען צושטאנד. דיא קרעפטען פון זיין זעעלע זיינען געוועזען טהעטיגער און קלענער וויא אימער, נאָר געארבייט האָבען זיי אויסער זיין ווילען. דיא פערשידענסטע געדאנקען האָבען איהם בעהערשט גלייכצייטיג. דאָ האָט זיין געדאנק אָנגעהויבען פּלוצים צו ארבייטען מיט אזא קראפט, קלאָרהייט און טיעפקייט, וויא ער האָט עס קיין מאָל ניט געקענט דערוויזען אין א געזונטען צושטאנד, נאָר פּלוצים אין מיטען ארבייט האָט זיך דער געדאנק איבערגעריסען און ער האָט קיין קרעפטען ניט געהאט צוריקקעהרען זיך צו איהם.

„יא, מיר איז ענטדעקט געוואָרען א נייע גליק, וואָס בעלאנגט צום מענשען", האָט ער געטראכט, ליגענדיג אין דער האלב פינסטערער שטוב, קוקענדיג פאָר זיך מיט פיבערהאפטע אונבעוועגטע אָפענע אויגען. דאָס גליק געפינט זיך אויסער אַלע מאטעריעלע קרעפטען, דאָס איז דאָס גליק פון דער זעעלע, דאָס גליק פון ליעבע. פערשטעהען דאָס גליק קען יעדער מענש, נאָר אנערקענען און געבען עס האָט געקענט נאָר איין גאָט: נאָר וויא האָט גאָט געגעבען דאס געזעץ?...."

פּלוצים האָט זיך דער גאנג פון דיעזע געדאנקען איבערגעריסען און פירסט אנדריי האט דערהערט (ניט וויסענדיג צו דאָס איז געוועזען אין היטץ אָדער אין דער ווירקליכקייט) עפּעס א שטילען קול, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו שעפּטשען אין טאקט: „אי פּי־טי־פּי־טי־פּי־טי" און דערנאָך „אי טי־טי" און דערנאָך ווידער „אי פּי־טי־פּי־טי־פּי־טי" און דערנאָך ווידער „אי טי־טי". צוזאמען מיט דעם, אונטער דעם קלאנג פון דער שעפּטשענדער מוזיק, האט אנדריי געפיהלט, אז איבער'ן סאמע מיטע פון זיין געזיכט האט זיך אָנגעהויבען אויפצוריכטען עפּעס א זעלטזאַמע לופט געביידע פון דיזע נעדעלאך אָדער קינעלאך. ער האט געפיהלט, אז ער טאָר זיך ניט א ריהר טהאָן, אום דיא גאנצע געביידע זאָל ניט איינפאלען. דאָ איז זיא איינגעפאלען און האט זיך ווידער לאנגזאם גענומען אויפריכטען אונטער דיא קלאנגען פון דער שעפּטשענדער מוזיק. צוהערענדיג זיך צו דעם שעפּטשען און צום בויען פון דער לופט געביידע, האט אנדריי פון צייט צו צייט געזעהען דעם רויטען פלאם פון דעם ליכט און האָט געהערט דעם גערויש פון דיא טאראקאנעס און פון דער פליג, וואָס האָט זיך געקלאפּט אָן קישען און אָן זיין געזיכט. און יעדעס מאָל וואָס דיא פליג האט זיך א זעץ געטהאָן אָן זיין געזיכט, האט ער געפיהלט עפּעס וויא עס וואָלט איהם א ברען געטאָן, נאָר צו דער זעלבער צייט האט איהם געוואונדערט, וואָס דיא פליג האט ניט איינגע-

זארפען דיא געביידע, וואס האט זיך געבויט אויף זיין געזיכט. אויסער דעם איז געווען נאך א וויכטיגע זאך. דאס איז געוועזען עפּעס ווייסעס ביי דער טחיה, דאס איז געווען א מין אויסגעהאקטער ספינקס.

„נאר פיעלייכט איז דאס מין העמד אויפ'ן טיש“, האט אנדריי געטראכט „דאס זיינען מיינע פיס, דאס איז דיא טהיר“, נאר פאר וואס האלט זיך דיא לופט־געביידע אין איין בויען און ער שעפּטשעט פעטי־פּי־טי־פּיטי און טי־טי און ווייטער פּיטי־פּיטי־פּיטי.... „גענוג, הער אויף“, האט אנדריי זיך געבעטען. און פּלוצים איז ווידער דער קאפּ געווארען קלאר און זיינע געדאנקען האבען אנגעהויבען צו ארבייטען מיט א'ן אונגעוואוינליכער קראפט.

„יא, ליעבע, נאר ניט יענע ליעבע, וואס ליעבט פאר עפּעס, זאנדערן דיא ליעבע וואס איך האב דערפיהלט דאס ערשטע מאל, ווען שטארבענדיג האב איך דערזעהן מיין פיינד, און האב איהם דאך ליעב געקריגען. איך האב דערפיהלט יענע ליעבע, וואס איז דער ווארצעל פון דער נשמה און וועלכע דארף ניט האבען קיין געגענשטאנד. איך פיהל איצט דיעזע גליקליכע ליעבע. ליעבען אלעמען, ליעבען דיא פיינד. ליעבען א מענשען א פריינד קען מען נאר מיט א מענשליכע ליעבע, אבער א פיינד קען מען נאר ליעבען מיט א געטליכע. און דאריבער בין איך געווען אזוי גליקליך, ווען איך האב דערפיהלט, אז איך האב ליעב יענעם מענשען. וואס איז מיט איהם געווארען? איז ער געבליעבען לעבען? ... ליעבענדיג מיט א מענשליכע ליעבע קען מען איבערגעהען פון ליעבע צו האס, נאר דיא געטליכע ליעבע קען זיך קיין מאל ניט ענדערען. זאגאר דער טוידט קען איהר ניט פערניכטען, און פיעל מענשען האב איך געהאסט אין מיין לעבען. און פון אלעמען האב איך קיינעם אזוי ניט געליעבט און קיינעם אזוי ניט געהאסט וויא איהר“. און ער האט ארויסגערופען פאר זיך נאטאשא'ס בילד, נאר ניט אזוי וויא זיא האט זיך איהם פארגעשטעלט פריהער, מיט איהר רייץ אליין, נאר אנדערען האט פאר זיך ארויסגערופען איהר זעעלע. און ער האט פערשטאנען איהרע געפיהלען, איהרע ליידען, איהר חרפּה און איהר חרטה. און צום ערשטען מאל האט ער פערשטאנען וויא גרויזאם עס איז געווען זיין ענטזאגונג פון איהר. ווען ער וואלט כאטש נאך איין מאל געקענט איהר זעהען איין מאל, קוקענדיג איהר אין דיא אויגען זאגען....

פּי־טי־פּי־טי־פּי־טי, טי־טי, פּי־טי—בום! — די פליג האט זיך א זעץ געטאן. און ער האט זיך ווייטער איבערגעטראגען אין וועלט פון ווירקליכקייט און פאנטא־

דע. דאס נעביידע איבער זיין געזיכט האט נאך אלץ געהאלטען אין וואקסען, דאס ליכט האט געברענט מיט א רויטען קויק ארום, דיא זעלבע ספינקסענע העמד איז געלעגען נעבען טחיר. נאר אויסער די אלע זאכען, האט עפעס א סקריפע געטהאן, א פרישער ווינד האט א בלאז געטהאן און א נייער וויסער ספינקס האט זיך געוויזען נעבען דער טחיר. און ביי דיזען ספינקס אין קאפ איז געווען נאטאשא'ס בלייכע געזיכט און איהרע בליסצענדע אויגען.

— אך, די פאנטאזיעס לאזען ניט צו רוה, האט אנדריי געזאגט צו זיך, סטארענדיג זיך ארויסצוטרייבען דאס געזיכט פון זיין מארך. נאר דאס געזיכט איז געשטאנען פאר איהם וויא אין דער ווירקליכקייט און איז צוגעקומען אלץ נעהנטער צו איהם. ער האט געוואלט צוריקקעהרען זיך צו זיינע פריהעריגע געדאנקען, נאר ער האט ניט געקענט, ער האט געפיהלט, אז ער פאלט ווידער אריין אין היץ. דיא שעפטשענדע מוזיק האט זיך ווידער געהערט און אויף זיין געזיכט איז דיא נעביידע געוואקסען, און עפעס האט איהם געשטיקט און דאס זעלטזאמע געזיכט איז געשטאנען פאר איהם. אנדריי האט צוזאמענגעזאמעלט אלע זיינע קרעפטען, אום צוקומען צו זיך, ער האט זיך א ריהר געטהאן, און פלוצים האט איהם אנגעהויבען צו קלינגען אין דיא אויערען, אין דיא אויגען האט איהם אנגעהויבען צו שווינדלען און ער האט פערלארען זיין בעוואוסטזיין. ווען ער איז געקומען צו זיך איז נאטאשא, דיא זעלבע לעבעדיגע נאטאשא, וועלכע ער האט געוואלט ליעבען מעהר וויא אלעמען מיט זיין נייע, ריינע, געטליכע ליעבע, געשטאנען פאר איהם אויף דיא קניע. ער האט פערשטאנען, אז דאס איז א לעבעדיגע נאטאשא, ער האט זיך ניט פערוואונדערט און האט זיך נאר שטיל דערפרייט. נאטאשא איז געשטאנען אויף דיא קניע וויא א צוגעשמידטע און האט צושראקען געקוקט אויף איהם, איינהאלטענדיג זיך פון וויינען איהר געזיכט איז געווען בלייך און אונבעוועגט. דער קינבאק נאר האט געציטערט.

פירסט אנדריי האט זיך ערלייכטערט אבגעזיפצט, האט א שמייכעל געטאן און אויסגעשטרעקט זיין האנד.

— איהר? האט ער געזאגט. וואס פאר א גליק!

נאטאשא האט זיך מיט א פלינקע און פארזיכטיגע בעוועגונג צוגערוקט צו איהם אויף דיא קניע, האט פארזיכטיג אנגענומען זיין האנד און גענומען קושען די האנד, קוים בעריהרענדיג איהר מיט דיא ליפען.

— פערצייהעט, האט זיא געזאגט שטיל. פערצייהעט מיך!

— איך האָב אייך ליעב, האָט אנדריי געזאָגט.

— פערצייהט....

— וואָס פערצייהען? האָט אנדריי געפרעגט.

— פערצייהעט וואָס איך האָט געטהאָן, האָט זיא קוים ארויסגערעדט און האָט עפּטער געגומען קוסען זיין האַנד.

— איך האָב דיך ליעב מעהר און בעסער און מעהר וויא פריהער, האָט אנדריי געזאָגט, אויפהייבענדיג מיט דער האַנד איהר געזיכט אום ער זאָל איהר קענען קוקען אין דיא אויגען.

איהרע אויגען אָנגעגאָסען מיט גליקליכע טרערען האָבען געקוקט אויף איהם מיט מיטלייד און ליעבע. איהר מאָגערע און בלייכע געזיכט מיט אָנגעשוואָלענע ליפּען איז געווען שרעקליך ניט שעהן. נאָר אנדריי האָט ניט געזעהן דאָס געזיכט ער האָט נאָר געזעהן די אויגען, וועלכע זיינען געווען זעהר שעהן. הינטער זיי האָט זיך דערהערט א געשפּרעך.

דער קאמערדינער האָט איצט אין גאנצען ערוואַכט און האָט אויפגעוועקט דעם דאָקטאָר.

— וואָס איז דאָס? האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך פון זיין געלעגער. ביטע, געהט ארויס פון דאַנען, פריילין.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין טהיר. דאָס האָט געקלאַפּט דיא דיענסט, וואָס דיא גרעפין האָט געשיקט, באַפּענדיג זיך, אז נאַטאַשא איז ניטאָ אין דער היים.

פון דער צייט אָן, איז נאַטאַשא ניט אָבגעטראָטען פון דעם פערוואונדעטען באלקאָנסקי'ן דיא גאנצע רייזע אויף אלע סטאציאָנען, וואו מען האָט זיך אָבגעשטעלט און דער דאָקטאָר האָט געמוזט צוגעבען, אז ער האָט ניט ערוואַרטעט פון א מיידעל אזא שטייפקייט און, קונסט אזא צו געהן ארום א קראַנקען.

דעם דריטען סעפּטעמבער איז פּיער אויפגעשטאַנען שפּעט. דער קאָפּ האָט איהם וועה געטהאָן און אין הארצען האָט ער געפיהלט א חלשות. פון עפּעס שענדליכעס, וואָס ער האָט געטהאָן נעכטען. דאָס שענדליכע איז געווען זיין געשפּרעך מיט'ן פראנצויזישען אָפיציער.

דער זייגער איז געווען עלף. פּיער האָט זיך אויפגעהויבען, און דערזעהענדיג אויפ'ן שרייב-טיש דעם פּיסטאָלעט, וואָס געראסים האָט פאר איהם אָנגעגרייט.

פיער האט זיך דערמאנט, וואס איהם שטעהט פאר היינטיגען טאג צו טאן.

„איז שוין ניט צו שפעט? האט פיער זיך געפרעגט. ניין, ער וועט ווארשיינ־ליך אריין אין מאסקווע ניט פריהער וויא צוועלף.

ער האט לענגער ניט נעטראכט און גענומען דעם פיסטאלעט אין האנד און געוואלט שוין געהען. נאר דא איז איהם דאס ערשטע מאל אריין דער געדאנק, אז ער קען דאך ניט געהען איבער דער גאס מיט'ן פיסטאלעט אין דער האנד. זאגאר אונטערן ברייטען קאפטאן האט מען ניט געקענט בעהאלטען דעם גרויסען פיס־טאלעט. אויסער דעם, איז דער פיסטאלעט געווען אהן א קויל, און ער האט ניט אוספייעט אנצולאדען איהם.

„איבריגענס זאל זיין א קינזשאל“, האט פיער געזאגט, און ער האט גענומען דעם טיעפען שווערד, וואס ער האט געקויפט צוזאמען מיט'ן פיסטאלעט, האט איהם בעהאלטען אונטער'ן זשילעט און איז געשווינד ארויס פון שטוב.

דיא שרפה, אויף וועלכע ער האט אזוי גלייכגילטיג געקוקט נעכטען אבענד, איז איבער נאכט געווארען שטארקער. איצט האט מאסקווע געברענט פון פיעל זייטען.

זיין וועג איז געלעגען דורך דיא געסלאך. אין דעם גרעסטען טהייל הייזער זיינען געווען דיא לאדענס און טהויערען פערשפארט. דיא גאסען זיינען געווען לע־דיג און אין דער לופט האט זיך געהערט שמאלעניס און רויך. זעלטען האבען זיך בעגעגענט רוסישע מיט אונרוהיג־צושראקענע געזיכטער, דיא פראנצויזען זיינען גע־גאנגען אין מיטען גאס. אלע האבען געקוקט אויף פיער'ן פערוואונדערט. אויסער זיין הויכקייט און ברייטקייט, אויסער זיין פינסטערען און ליידענדען אויסדרוק פון געזיכט, האבען דיא רוסישע ניט געקענט פערשטעהן צו וועלכען שטאנד ער האט געקענט בעלאנגען. און דיא פראנצויזען האבען אויף איהם געקוקט פער־וואונדערט, ווייל טראץ דעם וואס אלע רוסישע האבען געקוקט צושראקען און פערוואונדערט אויף דיא פראנצויזען, האט ער זיי ניט געשענקט דיא מינדסטע אויפמערקזאמקייט.

פיער איז געגאנגען און האט קיין זאך ניט געזעהן און ניט געהערט. ער האט מורא געהאט, אז זיין אבזיכט זאל זיך וויא עס איז ניט אויסוועבען. נאר איהם איז ניט געווען בעשערט צו דערטראגען זיין אבזיכט ביז'ן פלאץ, וואס ער האט בעשטימט. ווען אפילו קיין זאך וואלט איהם אויף'ן וועג ניט אבגעהאלטען, וואלט ער אויך גאר ניט געקענט מאכען, ווייל נאפאלעאן איז שוין מיט 4 שטונדען

צוריק אריינגעפאהרען אין קרעמעל און איז געזעסען אין זעהר א פינסטערן מוטה אין סעניגליכע פלאץ און ארויסגעשיקט בעפעהלע, וויא צו לעשען דאס פייער אין שטאדט און וויא אבצוהאלטען דיא סאלדאטען פון ראבעווען. נאר פיער האט דערפון ניט געוואוסט און האט געאיילט צום בעשטימטען פלאץ מיט שרעק אין הארצען, אז זיין ווילען זאל ביז דאמאלס ניט אבגעשוואכט ווערען.

געהן האט ער געדארפט צו דער פאווארסקע גאס, נאר וואס נעהענטער ער איז צוגעקומען צו דער גאס, איז אלץ דער רויך פון די שרפות געווארען שטארקער און שטארקער און עס איז זאגאר געווארען הייס פון פייער. פון צייט צו צייט האבען זיך ארויסגעוויזען צונגען פייער פון אונטער די דעכער פון די הייזער. געהענדיג איבער א ווענעלע, וואס האט געפיהרט צו א ניט-פערבויטען פלאץ, האט פיער פלוצים דערהערט הינטער זיך א פערצווייפעלטען געוויין פון א פרויענצימער. ער האט זיך אבגעשטעלט, ווי ערוואכענד פון שלאף און האט אויפגעהויבען דעם קאפ.

אן א זייט אויף'ן פערטריקענטען, פערשטויבטען גראז זיינען געווען אנגעווארפען פערינעס, סאמאווארען, קאסטענס און צלמים. אויף דער ערד איז געזעסען ניט קיין יונגע, מאגערע פרוי און האט געוויינט. צוויי מיידעלאך פון צעהן ביז צוועלף יאהר אין פערשמוצטע קליידעלאך האבען צושראקען געקוקט אויף דער מוטער. א קלענערער איינגעלע פון א יאהר זיבען האט געוויינט ביי דער אלטער ניאנקע אויף דיא הענד. א בארוועסע פערשמוצטע דיענסטמיידעל איז געזעסען אויף א קאסטען און האט צולאזט איהר בלאנדען צאפ און האט געשמעקט איהר צוגעשמאלעטע האר. דער מאן אין וויץ-מונדיר מיט באקענבארדען האט זיך געפארעט צווישען דיא קאסטענס און האט ארויסגעשלעפט זאכען.

דיא פרוי האט זיך פיערן א ווארף געטהאן צו דיא פיס, וויא נאר זיא האט איהם דערזעהען.

— טאטעלע גוטער, טייבעלע העלפט מיר!...... העלפט, ווער עס האט גאט אין הארצען! מיין מיידעלע!...... מיין טאכטער!...... מיין קלענערע טאכטער האט מען איבערגעלאזען. א-א-א! זיא איז פערברענט געווארען.

— גענוג, מאריא ניקאלאעוונא, האט איהר געטרייסט דער מאן. דיא שוועס־טער האט איהר געווים ארויסגענומען.

— ראצבויניק! קוילער! האט זיך פלוצים צושריען דיא פרויענצימער, אויפהע־רענדיג צו וויינען. א שטיין האסט דו, ניט קיין הארץ, אויף דיין איינען קינד האסט דו קיין רחמנות ניט. אן אנדערער וואלט פון פייער

ארויסגעשלעפט. א גולם ביזטו נים קיין מענש, נים קיין טאטע. איהר זיים א גוטער מענש, האט זיא זיך געווענדעט צו פיער'ן און האט וויעדער אָנגעהויבען צו בליפען. מיר זיינען קוים ארויסגעשפרונגען מיט'ן לעבען....דאס איז אין גאנצען וואס מיר האָבען ארויסגעראטעוועט. מיר האָבען גענאפט דיא קינדער, ערנסט קאָטעטשקע איז נימאָ. אָ—אָ—אָ! אָ, גאָט מיינער. און זיא האָט זיך ווייטער צו וויינט. מיין טייער קינד! פערברענט, פערברענט געוואָרען!

פיער האָט געפרעגט, וואו איז דאָס מיידעלע פערבליעבען און דיא פערשטורטע דיענסט-מיידעל איז איהם נעגאנגען ווייזען. פיער איז פלוצים וויא ניי בעלעבט געוואָרען. ער האָט העכער אויפגעהויבען דעם קאָפּ, דיא אויגען האָבען אָנגעהויבען צו לייכטען און איז מיט שנעלע טריט ארוים אויף דער פּאָווארסקע. דיא גאנצע גאס איז געווען פערצויגען מיט א שווארצען רויך דאָ און דאָרטען האָבען זיך פון דעם וואָלקען רויך ארויסגעריסען פייערדיגע צונגען. אין מיטען גאס האט זיך פערקליעבען א גרויסע רעדיל ארום א פראנצויזישען גענעראל, פיער האָט געוואָלט צוגעהען צום פלאץ, וואו דער גענעראל איז געשטאנען, נאָר דיא פראנצויזישע סאָלדאטען האָבע איהם אָבגעהאלטען.

— דא טאָר מען נים דורכגעהען! האָט א שטימע צו איהם א געשריי געטהאָן.

— אהער, פעטעריל, האָט דיא דיענסט מיידעל געזאָגט צו פיער'ן. מיר קענען דורכגעהן דורכ'ן געסיל.

פיער האָט זיך געלאָזט געהן נאָך דער דיענסט, וועלכע האָט איהם צוגעפיהרט צו א הילצערנע הייזעל, וואָס האָט געברענט ליכטיג. איין זייט איז שוין איינגעפאלען, דיא צווייטע האָט געברענט און דער פלאם האָט זיך געריסען פון דיא פענסטער און פון דאך.

פיער האָט זיך צוגערוקט צום הויז נאָר דיא היץ איז געווען אזוי גרויס, אז ער האָט געמוזט מאכען א קרייז ארום הויז. אויף'ן דאך פון א צווייטען הויז האָט ער דערזעהן פראנצויזען שלעפען עפעס. אנפאנגס האָט ער נים פערשטאנען, וואָס זיי טהוען דאָ, נאָר באלד האָט ער פערשטאנען, אז דאָ ראבעוועט מען.

דאָס קראכען פון דיא וועגד און טופים, דאָס פייפען פון פלאָם, דאָס אויסזעהען פון די וויגענדע שווארצע וואָלקענס רויך מיט סנאָפּעס פונקען האבען אויף איהם געווירקט ערדענענד. ער האט זיך גלייך בעפרייט פון דיא שווערע געדאנקען, וואָס האבען איהם געפרעסט דיא גאנצע צייט און ער האט זיך דערפיהלט יונג.

פריילעך, פלינק און ענטשלאָסען. ער האט שוין געוואָלט אריינלויפען אין יענעם טהייל פון שטוב, וואס איז נאָך געשטאַנען, פּלוצים האט ער דערהערט איבער'ן קאָפּ א געשריי פון עטליכע קולות און גלייך נאָכדעם איז עפּעס ארונטערגעפאַלען נעבען איהם.

פּיער האט זיך ארומגעקוקט און האט דערזעהען אין די פענסטער פון דעם צווייטען הויז פראַנצויזען, וואס האבען ארויסגעוואָרפען א קאַסטען מיט מעטאַלענע זאַכען. דיא פראַנצויזען, וואס זיינען געשטאַנען אונטען, זיינען צוגעגאַנגען צום קאַס־טען.

— וואָס דאַרף דער דאָ? האָט א געשריי געטהאָן א פראַנצויז אויף פּיער'ן.

— א קינד, האָט איהר דאָ נים געזעהן קיין קינד? האָט פּיער געפרעגט.

— געה צום שוואַרץ - יאָהר! האָבען דיא פראַנצויזען אויסגעשריען, און איי־נער איז צו איהם צוגעגאַנגען פאַרטיג צו שלאָגען זיך.

— א קינד! האָט זיך אָנגערופען א פראַנצויז פון דער הויך, איך האָב געהערט, אין גאָרטען האָט עפּעס געקוויטשט.

— וואו איז עס? וואו? האָט פּיער געפרעגט.

דער פראַנצויז האָט איהם געוויעזען אויפ'ן גאָרטען, וואָס האָט זיך געפונען הינטערן הויז. ווארט א ווײלע, איך געה שוין ארונטער. און ווירקליך אין א מינוט ארום איז דער פראַנצויז מיט שוואַרצע אויגען, און איין תעמד ארויסגעשפּרונגען פון פענסטער פון דעם אונטערשטען עטאַזש האט א קלאַפּ געטהאָן פּיער'ן איבערן פּלייצע און איז מיט איהם אוועקגעלאָפען אין גאָרטען. דאָס מיידעלע אין א ראָזע קליידעלע איז געלעגען אונטער דער באַנק.

אָט איז אייער קינד. אָה, א מיידעלע! נאָך בעסער! האט געזאָגט דער פראַנ־צויז. זייט אייך געזונד, פעטער מאָן. מען דאַרף זיין מענשליך. און ער איז אַוועק־געלאָפען צוריק צו זיינע חברים.

פּיער איז צוגעלאָפען צום מיידעלע און האט עס געוואָלט נעהמען אויף דיא הענד. נאָר דערזעהענדיג א פרעמדען מענשען האט זיך דאָס געלויכטיגע, קראַנק־ליכע מיידעלע געלאָזט לויפען פון איהם. ער האט עס געכאַפּט און ארויפגענומען אויף דיא הענד. דאָס מיידעלע האט זיך גענומען וואַרפען און בייסען זיך, נאָר פּיער האָט אויף דעם נים געקוקט און האט זיך געלאָזט לויפען צום שטוב, נור דורכגעהן צוריק מיט'ן זעלבען וועג האָט מען שוין נים געקענט, דיא דיענסט איז שוין נים געווען און פּיער האָט גענומען זוכען א'ן אנדער ארויסגאַנג.

ווען ער איז צוגעקומען צום פלאץ פון וואנען ער איז אוועק נאך'ן קינד, האט ער שוין דיא עלטערן פון דעם קינד ניט געטראפען. פיער איז ארומגעגאנגען צוו־שען דיא, וואס זיינען דא געזעסען און האט געזוכט דיא בעקאנטע פאמיליע. זיין בליק האט זיך ניט ווילענדיג אבגעשטעלט אויף א גרייזינער אדער ארמיאנישער פאמיליע, וואס איז בעשטאנען פון א'ן אלטען מאן מיט א שעהנעם אריענטאלי־שען געזיכט און איז געווען אנגעטהאן אין א נייעם פעלץ און נייע שיך, און פון א'ן אלטע פרוי אויך מיט א'ן אריענטאלישען געזיכט און א יונגע פרויענצימער. אין פיער'ס אויגען איז דיא יונגע פרויענצימער מיט איהרע שארפע, האלב רונדע, שווארצע ברעמען און מיט איהר לאנגען רויטליכען געזיכט געווען א מוסטער פון אריענטאלישע שעהנהיים.

זיא איז געזעסען אין א רייכען אטלאסענעם סאלאפ אויף א פעקיל הינטער דער אלטע פרוי און האט מיט איהרע גרויסע, שווארצע אונבעוועגטע אויגען געקוקט אויף דער ערד. עס האט געשיינט אז זיא האט געוואוסט וויא שעהן זיא איז און האט דערפאר מורא געהאט. דיעזע געזיכט האט פיערן איבערראשט און ער האט זיך עטליכע מאל אומגעקוקט אויף איהר.

ניט געפינענדיג, ווערמען ער האט געזוכט, האט זיך פיער אבגעשטעלט. ארום איהם האבען זיך ארומגעקליבען עטליכע מענער און ווייבער, ער האט זיי געפרעגט צו זיי האבען ניט געזעהען אזא און אזא פאמיליע. מען האט געפרובט טרעפען, ווער דאס קען זיין, און ענדליך האט זיך איין אלטע פרוי אנגערופען, אז זיא ווייס ווער זיי זיינען און וועט איהם אוועקפיהרען צו זיי.

נאר פיער האט שוין ניט געהערט, וואס זיא האט גערעדט. ער האט שוין עט־ליכע סעקונדען געקוקט, וואס עס קומט פאר ניט ווייט פון איהם. ער האט געקוקט אויף דיא ארמיאנישע פאמיליע, צו וועלכע צוויי פראנצויזישע סאלדאטען זיינען צו־געקומען. איינער פון דיא סאלדאטען איז געווען א קליינער מענשעלע. זיין בלויער שינעל ארומגעגארטעלט מיט א שטריק, מיט א מיץ אויף'ן קאפ און באָרוועס. דער צווייטער איז געווען א הויכער מיט א אידיאטישען געזיכט. דער קליינער באָרוועסער סאלדאטל איז צוגעגאנגען צום אלטען ארמיאנער, האט איהם עפעס געזאגט און אנגענומען ביי דיא פיס. דער אלטער מאן האט גלייך גענומען אראב־ציהען פון זיך דיא שטיוועל. דער צווייטער האט זיך אגידערגעשטעלט נעגען דער שעהנער ארמיאנקע מיט דיא הענד אין קעשענעס און האט געקוקט אויף איהר.

— נעהם, נעהם, דאס קינד! האט פיער געזאגט צו דער אלטער פרוי און

פיהר עס אוועק צו דיא עלטערן! האט ער כמעט געשריען אויף דיא אלטע פרוי און האט אוועקגעזעצט דאס קינד אויף דער ערד פיער האט זיך ווידער אומגעקוקט אויף די ארמיאנישע פאמיליע. דער אלטער ארמיאנער איז געזעסען שוין א באר־וועסער און האט געוויינט. נאר פיער האט עס קוים בעמערקט, זיין גאנצע אויפ־מערקזאמקייט האט צוגעצויגען דער צווייטער פראנצויזישער סאלדאט, וועלכער איז דערווייל צוגערוקט צו דער יונגער פרויענצימער, און ארויסגעהמענדיג דיא הענד פון דיא קעשענעס האט ער איהר ארומגענומען ביים האלז.

די שעהנע ארמיאנקע איז אלץ געזעסען אין איהר פריהערדיגען צושטאנד מיט אראבגעלאזטע לאנגע ברעמען און האט וויא ניט בעמערקט און ניט געפיהלט, וואס דער סאלדאט טהוט.

איידער פיער איז צוגעלאפען די עטליכע טריט, וואס איהם האט אבגעטהיילט פון דיא פראנצויזישע סאלדאטען, האט שוין דער הויכער סאלדאט געריסען בייא דער ארמיאנקע פון האלז דעם שנור פערל, וואס זיא האט געטראגען, און די יונגע פרוי, אנכאפענדיג זיך מיט דיא הענד פארן האלז, האט געשריען מיט א סקוויטש.

— לאזט אב דיזע פרויענצימער! האט פיער אויסגעשריען מיט א הייזעריג קול, אנכאפענדיג דעם לאנגען סאלדאט פיר דיא פלייצעס און אבשליידערנדיג איהם. דער סאלדאט איז אנידערגעפאלען, האט זיך אויפגעהויבען און איז אנטלאפען. נאר זיין חבר האט אוועקגעווארפען די שטיוועל, ארויסגעכאפט זיין דעגען און איז מיט רציחה צוגעגאנגען צו פיער'ן.

— עי, אזעלכע נארעשקייטען טהו ניט! האט ער א געשריי געטהאן.

פיער איז געווען אין יענעם אנפאל פון וואוט, ווען ער האט קיין זאך ניט גע־דענקט און זיינע כחות זיינען געווארען צעהן מאל גרעסער. ער האט זיך ארויפ־געווארפען אויפ'ן בארוועסען סאלדאט און נאך איידער יענער האט געקענט א ריהר טאן מיט'ן שווערד, האט ער איהם שוין אנידערגעווארפען צו דער ערד און איז געפאהרען איבער איהם מיט דיא קולאקעס. דיא ביישטעהענדע האבען אויס־געדריקט זייער צופריעדענהייט און אין דער זעלבער מינוט האט זיך געוויזען א רייט־פאטראל פון פראנצויזישע אולאנער. דיא אולאנער זיינען געשווינד צוגעפאהר־רען צו פיער'ן און דיא פראנצויזען האבען איהם ארומגערינגעלט. וואס ווייטער איז געווען, האט פיער ניט געדענקט; ער האט נאר געדענקט, אז ער האט עמיצען געשלאגען, מען האט איהם געשלאגען, און ענדליך האט ער דערפיהלט אז זיינע הענד זיינען פערבונדען, אז א גאנצע מחנה פראנצויזען רינגלען איהם ארום

און מען בעזוכט זיינע קליידער.

— ליטיינאנט, יִר האָט א קינזאל! זיינען געווען דיא ערשטע ווערטער, וואָס פיער האָט פערשטאַנען.

— געוועהר! האָט דער אָפיציר געזאָגט און האָט זיך געווענדעט צום באַר־וועסען סאָלדאט, וואָס איז ארעסטירט געוואָרען גלייך מיט פיערן. גוט, גוט! אין קריעגס־געריכט וועסטו אלץ דערצעהלען. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו פיערן: פערשטעהסט פראנצויזיש?

פיער האָט זיך ארומגעקוקט ארום זיך מיט בלוט אָנגענאָסענע אויגען און האט ניט געענטפערט. זיין געזיכט האט וואהרשיינליך אויסגעזעהען זעהר שרעקליך, ווייל דער אָפיציער האט עפּעס געזאָגט אין דער שטיל און נאָך פיער אולאנער האבען זיך אָבגעטהייכט פון דער קאָמאנדע און האבען זיך ארומגעשטעלט ארום פיערן.

— רעדט איהר פראנצויזיש? האָט דער אָפיציער ווידערהאָלט זיין פראגע, האלטענדיג זיך וואָס ווייטער פון איהם. רופט צו א דאָלמעטשער.

א דאָלמעטשער איז באלד צוגעפאָהרען.

— ער איז ניט עהנליך אויף א פּראָסטען מענשען, האט דער דאָלמעטשער געזאָגט, בעקוקענדיג פיערן.

— אָ־אָ־אָ! ער איז זעהר עהנליך אויף אַן אונטערציגנדער, האָט דער אָפּי־ציער געזאָגט פרעגט איהם, ווער ער איז.

— ווער ביזטו? האט געפרעגט דער דאָלמעטשער.

— איך וועל אייך ניט זאָגען ווער איך בין. איך בין ביי אייך אין פלען. פיהרט מיך אוועק, האָט פיער פלוצים געזאָגט אין פראנצויזיש.

— א־א! האָט דער אָפיציער געזאָגט בייז. פיהרט איהם אוועק.

אויף'ן וועג האבען די אולאנער פערנומען נאָך פינף פערדעכטיגע רוסישע און עטליכע מאראָדערען. נאָר פערדעכטיגער פון אלעמען האָט אויסגעוויזען פיער.

ווען מען האָט זיי אלעמען אריינגעפיהרט אין א גרויסע הויז, וואו עס איז געוועזען א הויפּט־וואכט, האָט מען פיער'ן פערשפּארט בעזונדער אונטער א שטרענגער וואַך.

פיערטער טאָג.

עטליכע טעג פאר דער באָראדינאָ'ר שלאכט איז ניקאָלאַי ראָסטאָוו בעאויפטראגט געוואָרען צו פאָהרען אין וואָראָנעזש איינצוקויפען פאר דער דיוויזיע פערד.

אין וואָראָנעזש איז ער אָנגעקומען ביינאכט אין זעהר א פריילינען מוטה, האָט זיך פערשאפט אלץ, וואָס ער האָט ניט געקענט קריגען אין דער ארמיע און אויף מאָרגען האָט ער זיך ריין אָבגעראזירט און אָנגעטאָן זיינע פאראדנע קליידער וואָס ער האָט שוין לאנג ניט געטראָגען און איז אוועק וויזען זיך צו די בעאמטע.

דער גובערנאטאָר האָט איהם געזאָגט, אין וועלכע זאוואָדען ער קען קריגען פערד און האָט איהם רעקאָמאנדירט א פערד־הענדלער, און א גוט־בעזיצער, ביי וועלכע עס זיינען געווען דיא בעסטע פערד.

— איהר זייט גראף איליא אנדרייאיטש'ס זוהן? האָט דער גובערנאטאָר געזאָגט צו איהם פאר זיין אוועקגעהן. מיין פרוי איז זעהר בעפריינדעט מיט אייער מוטער. דאָנערסטאג קלייבט מען זיך צוזאמען ביי מיר. היינט איז דאָנערסטאג. קומט אריין.

פון דעם גוט-בעזיצער האט זיך ראָסטאָוו צוריקגעקעהרט שפעט, נאָכדעם ווי ער האָט ביי איהם געקויפט פאר זעקס טויזענד רובעל 17 פערד. ער האָט זיך איבערגעטהאָן און איז אוועק צום גובערנאטאָר.

דאָס געזעלשאפט וואָס האָט זיך פערזאמעלט ביים גובערנאטאָר, איז געווען דאָס בעסטע געזעלשאפט פון וואָראָנעזש.

דאמען זיינען דא געווען זעהר פיעל, צווישען וועלכע האבען זיך געפונען עטלי־כע ניקאלאי'ס בעקאנטע פון מאסקווע; נאר פון מענער איז ניט געווען איינער, וואס זאל קענען קאנקורירען מיט א געארגיעווסקין קאוואלער און צו דער זעלבער צייט גוט ערצויגענער גראף ראסטאוו.

וויא נור ער איז אריינגעקומען אין זיינע הוזארסקע קליידער, פערשפרייטענדי־ג ארום זיך א גערוך פון פארפיום און וויין, האט מען איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען. אלע בליקען האבען זיך געווענדט אויף איהם און ער האט דערפיהלט' אז ער איז אריין אין א גן עדן פון יונגע דאמען און שעהנע מיידלאך, וואס ווארטען נאר אז ער זאל זיי שענקען זיין אויפמערקזאמקייט. דיא דאמען און מיידלאך האבע מיט איהם קאקעטירט און דיא עלטערע האבען גלייך גענומען זוכען פאר איהם עפעס א שדוך, צווישען דיא לעצטע איז אויך געווען דעם גובערנאטאר'ס ווייב, וועלכע האט עמפפאנגען ראסטאוו'ן וויא א נאהענטען קרוב און האט איהם געזאגט „דוא".

דעם גאנצען אבענד האט ניקאלאי געשענקט מעהר אויפמערקזאמקייט א שעה־נער בראנדינקע, וועמעס מאן איז געווען א בעאמטער אין דער גובערניע.

ענדע אבענד איז ער געזעסען נעבען דער דאמע אויף א שטוהל און האט געמאכט מיפאלאגישע קאמפלימענטען. ער האט איהר דערצעהלט, אז ער או עקרויבען דא אין ווארא־נעזש א דאמע.

— וועלכע?

— א געטליכע. דיא אויגען איהרע זיינען (ער האט אויף איהר א קוק געטהאן) בלויע, דאס מויל—קאראלען....

— דערווייל איז דער דאמעס מאן צוגעגאנגען צו זיי און האט מיט א פינסטע־רע מינע געפרעגט, וועגען וואס רעדט זיא.

ניקאלאי האט זיך העפליך אויפגעהויבען און האט איהם אויף דערצעהלט זיין אבזיכט אוועקצורויבען פון דאנען א שעהנע בלאנדינקע.

דער מאן האט בייז געשמייכעלט. דאס ווייב־פריילין. דעם גובערנאטאר'ס ווייב איז צו זיי צוגעגאנגען און האט געזאגט צו ניקאלאיען.

— אננא איגנאטיעווא וויל דיך זעהן זי האט ארויסגערעדט דעם נאמען אננא איגנאטיעוונא מיט אזא קול, אז ראסטאוו האט גלייך פערשטאנען, אז אננא איג־נאטיעווא איז זעהר א וויכטיגע דאמע. קום, ניקאלאי.

— ווער איז זיא?

— מאלווינצעווא דיא פלימעניצע האט איהר דערצעהלט, וויא דו האסט איהר נערעטעט. שטויסטו זיך וועך דאס איז?

— ווייס איך וועמען איך האב נערעטעט. ווער קען זיך אנגעדענקען!

— איהר פלימעניצע איז באלקאנסקאיא. זיא איז איצט דא ביי דער טאנטע. אהא! וויא רויט דו ביזט געווארען. איז ווירקליך....

— איך האב אפילו וועגען דעם נישט נעטראכט.

— נוט, נוט, קום!

דעם גובערנאטאר'ס ווייב האט איהם צונעפיהרט צו א הויכע און פולע דאמע, וואס האט איצט נעענדיגט א פארטיע אין קארטע מיט דיא סאמע וויכטיגסטע פערזאנען פון שטאדט. דאס איז נעווען מאלווינצעווא, מארי באלקאנסקי'ס טאנטע, א רייכע אלמנה אהן קינדער.

זיא האט אויף איהם א שטרענגען קוק נעטהאן.

— זעהר צופריעדען, האט זיא נעזאגט, אויסשטרעקענדיג איהם דיא האנד. פערבלאנדזשעט צו מיר.

זיא האט מיט איהם גערעדט א ווייל וועגען מארי, וועגען דעם פערשטארבענעם אלטען באלקאנסקי און האט איהם נעפרענט וועגען אנדרייען און האט איהם אבגעלאזט, ווידערהאלענדיג איהר איינלאדונג, אז ער זאל צו איהר אריינקומען.

ניקאלאי האט איהר פערשפראכען און איז ווידער רויט נעווארען, ווען ער האט זיך פאר איהר פערנייגט. ביי דער ערמאנערונג וועגען מארי האט זיך ראסטאוו אליין ניט וויסענדיג פאר וואס, נעפיהלט פערשעמט און זאגאר צושראקען.

דעם גובערנאטאר'ס ווייב האט איצט ארויפגעלעגט דיא האנד צו איהם אויף'ן אקסעל און האט איהם נעזאגט, אז זיא וויל איהם עפעס זאגען. זיא האט איהם אריינגעפיהרט אין א בעזונדער צימער און נעזאגט:

— דו ווייסט, מיין פריינד, דאס איז פאר דיר א גוטער שידוך. אז דו ווילסט וועל איך דיר אויסשדכ'ענען.

— מיט וועמען? האט נעפרענט ניקאלאי.

— מיט די פירסטין. דו ווילסט? איך בין זיכער, דיין מוטער וועט מיך דאנקען. דאס מיידעל איז אן אנטיקען און זיא איז נאר ניט אזוי מאוס.

— נעווים ניט, האט ניקאלאי נעזאגט, וויא בעלעדיגט. איך בין וויא א סאלדאט ערגעץ בעט איך זיך ... קיין זאך זאג איך זיך ניט אב, האט ער

געזאגט, איידער ער האט זיך בעטראכט, וואס ער רעדט.

— אלזא געדענק, אז דאס איז ניט קיין שפאס.

— וואס פאר א שפאס !

— יא, יא, האט דעם גובערנאטאר׳ס ווייב געזאגט פאר זיך. איבריגענס, דוא דרייסט זיך צופיעל ארום דער בלאנדינקע. אויפן מאן איז שוין א רחמנות א קוק צו טהאן....

— אח, וואס רעדט איהר, איך בין מיט איהם זעהר פריינדליך, האט אר געזאגט תמ׳עוואטע, ניט קענענדיג זיך פארשטעלען, אז דאס וואס איהם האט פערשאפט פערגניגען זאל קענען עמיצען קרענקען.

וואס פאר א נארעשקייט האב איך געזאגט דער גובערנאטארשע" איז פלוצים איינגעפאלען ניקאלאיען ביים סאפער, זיא קען נאך טאקע אנהויבען צו שרב׳ענען, און סאניא ?...." און ביים געזעגענען זיך מיט דער גובערנאטארשע, ווען זי האט איהם נאך א מאל געזאגט מיט א שמייכעל : „געדענקושע וואס מיר האבען גערעדט", האט ער איהר אבגעפיהרט אין א זייט.

—נאר איך דארף אייך זאגען, טאנטע.

— וואס, וואס, מיין פריינד. קום. נאמיר זיך דא זעצען.

און ער האט פלוצים דערפיהלט א נויטווענדיגקייט צו עפענען פאר איהר זיין הא

— אט וואס, טאנטע. די מוטער וויל שוין פון לאנג אז איך זאל חתונה האבען מיט א רייכע כלה. נאר מיר עקעלט דער געדאנק חתונה צו האבען צוליעב געלד.

— א, יא, איך פערשטעה, האט געזאגט די גובערנאטארשא.

— נאר פירסטין באלקאנסקיא איז אן אנדער זאך. ערשטענס, איך זאג אייך דעם אמת, זיא געפעלט מיר זעהר, זיא איז נאך מיין גוסט און צווייטענס ווען איך דערמאן זיך וועגען אונזער בעגעגענים טראכט איך, אז דאס איז בעשערט. די מוטער האט שוין לאנג געטראכט פון דעם, נאר מיר איז קיין מאל ניט איינגעקומען צו בעגעגנע זיך מיט איהר פריהער. און ווען נאטאשא איז געווען פערקנס׳ט מיט איהר ברודער, האב איך דאך דאמאלס דערפון ניט געקענט דענקען, האב איך איהר גראדע געדארפט בעגעגענען אין אזא צייט ווען דער שדוך צווישען נאטאשא׳ן און אנדרייען איז צוריסען געווארן. נאר.... איך האב דאס נאך קיינעם ניט געזאגט, איך זאג דאס נאר אייך.

דיא ניבערנאטארשא האט איהם דאנקבאר א דריק געטהאן פאר'ן ארם.

— איהר קענט סאפי'ן, מיין קוזינע? איך האב איהר ליעב און האב איהר פערשפראכען חתונה צו האבען מיט איהר און וועל מיט איהר חתונה האבען.... און דעריבער זעהט איהר אז וועגען דעם קען גאר קיין רייד ניט זיין.

—פריינד מיינער, אבער סאפיא פערמאגט דאך גאר ניט, און דו אליין האסט מיר דערצעהלט, אז דעם פאטער'ס געשעפטען זיינען אויף צרות. און דיא מוטער? דאס וועט איהר דער'הרג'ענען. דאס איז איינס. און ווייטער אויב סאפיא איז א מיידעל מיט א הארץ—וואס פאר א לעבען וועט דאס זיין פאר איהר? דיא מוטער איז פערצווייפעלט, דיא געשעפטען צרה'דיג.... ניין, מיין פריינד, דו און סאפיא דארפט פערשטעהן אזא זאך.

ניקאלאי האט געשוויגען, איהם איז געווען אנגענאהם צו הערען אזעלכע ווערטער.

— דאך קען דאס אנדערש ניט זיין, האט ער געזאגט, אבזיפצענדיג זיך נאך א קורצען שטילשווייגען. אויסער דעם איז נאך א פראגע, צו דיא פירסטין באלקאנסקאיא וועט וועלען? און ווידער איז זיא דאך איצט א'ן אבלה. קען מען גאר איצט ריידען דערפון?

— און דו האסט געמיינט, אז איך נעהם דיך גלייך און מאך דיר חתונה?

— וואס פאר א שדכנ'טע איהר זייט, האט געזאגט ניקאלאי, קוסענדיג איהר פולע קיילעכדיגע הענטיל.

אין 2 טעג ארום איז ראסטאוו געפאהרען מיט א וויזיט צו מארי'ס טאנטע. ווען ראסטאוו איז אריין אין צימער, האט מארי אויף א'ן אויגענבליק אראבגעלאזט דעם קאפ. וויא געבענדיג צייט דעם גאסט צו בעגריסען דיא טאנטע און ווען ער האט זיך געווענדעט צו איהר, האט זיא אויפגעהויבען דעם קאפ און בעגעגענט זיין בליק מיט בליסצענדע אויגען. מיט א גראציעזע בעוועגונג און פרייליכען שמייכעל האט זיא זיך אויפגעהויבען און האט איהם אויסגעשטרעקט איהר דינע, צארטע האנד און האט אנגעהויבען צו ריידען מיט א קול אין וועלכען עס האבען זיך דאס ערשטע מאל דערהערט נייע הערצליכע פרויען-קלאנגען. בורין האט פערוואונדערט אנגעקוקט דיא פירסטען. דיא בעסטע קאקעטקע וואלט ניט געקענט בעסער האלטען זיך ביי א בעגעגעניס מיט א מענשען, וועלכען מען וויל געפעלען ווערען. זאל דאס איהר אזוי געתן שווארץ אדער איז זיא ווירקליך שעהנער געווארען.

און איך האָב עס ניט בעמערקט. איבערהויפּט דער מאַקס, דיא גראַציע ן" האָט געטראַכט בורייען.

ווען מארי וואָלט געווען אין שטאַנד צו דענקען אין דיזע מינוט, וואָלט זיא זיך נאָך מעהר וויא בוריען געוואונדערט פון דער פערענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין איהר. פון דער מינוט וויא זיא האָט דערזעהן דאָס ליעבע געזיכט, האָט איהר בעהערשט א נייע קראַפט און האָט איהר געצוואונגען צו ריידען און האַנדלען גע־נען איהר ווילען. וויא ראָסטאָוו איז אריינגעקומען, האָט זיך אויף איהר ארויפגע־צויגען א נייע געזיכט. איהר גאַנצע ריינע, אינערליכע גייסטיגע ארבייט האָט זיך ארויסגעוויזען פון אויסען. אלע איהרע ליידען, איהר שטרעבונג צו טהאָן גוטעס, איהר ליבע, איהר זעלבסט-אויפּאָפּפערונג, דאָס אלץ האָט זיך איצט אָבגעשפּיגעלט אין איהרע שטראַהלענדע אויגען, אין איהר איידעלען שמייכעל, אין יעדען צוג פון איהר צערטליכען געזיכט.

ראָסטאָוו האָט געפיהלט, אז דאָס וועזען, וואָס ער זעהט איצט, איז גאָר אַנ־דערס ווי אלע און בעסער פון אלע, וואָס ער האָט געזעהן ביז איצט, און הויפּטזעכ־ליך בעסער וויא ער אליין.

דאָס געשפּרעך איז געווען גאַנץ געוועהנליך און אונבעדייטענד, און ווען דאָס געשפּרעך האָט זיך אויף א ווײַלע איבערגעריסען, האָט זיך ניקאָלאַי גענומען צו אנדרייס קליינעם זוהן און האָט איהם געלאַסטשעט און געפּרעגט, צו ער וויל זיין א הוזאַר. ער האָט איהם גענומען אויף דיא הענד און געדרייט איהם און אומגע־קוקט זיך אויף מאַרי'ן. זיא האָט נאָכגעקוקט מיט א גליקליכען ציטערדיגען בליק דאָס ליעבע אינגעל אויף דיא הענד ביי א ליעבענדען מענשען. ניקאָלאַי האָט בעמערקט דעם בליק און וויא פערשטעהענדיג זיין בעדייטונג, איז ער רויט געוואָרען פון פערגניגען און האָט פרייליך און גוטמוטהיג גענומען קוסען דאָס אינגעל.

צוליעב אבלות איז מארי ערגעץ ניט ניט ארויסגעפאָהרען און ניקאָלאַי האָט גערעכענט, אז עס איז ניט שעהן צו פאָהרען בעזוכען איהר ביי איהר טאַנטע. נאָר דיא גובערנאַטאָרשאַ האָט נישט אויפגעהערט שדכ'ענען, און איבערגעבענדיג מאַרין וואָס פאַר א הויכע מיינונג ניקאָלאַי האָט ווענען איהר און פערקעהרט איבערגע־בענדיג ניקאָלאַיען, וואָס מארי האָט געזאָגט וועגען איהם, האָט זיא געפאָדערט פון ניקאָלאַיען, אז ער זאָל זיך מיט איהר ערקלערען. און צוליעב דעם האָט זיא איינגעאָרדענט א בעגעגנים ביי ארכיערייי נאָך דער תפלה אין קירכע.

די שרעקליכע נייעס וועגען באָראָדינאָ'ר שלאַכט, וועגען דעם פיינד'ס אריינטרעטען אין מאָסקווע, האָט דערגרייכט וואָראָנעזש אין מיטען סעפּטעמבער. מאַרי האָט זיך פון דיא צייטונגען דערוואוסט, אז אַנדריי איז פערוואונדעט און האָט זיך געקליבען פאָהרען זוכען דעם ברודער.

ראָסטאָוו האָט זיך איצט גענומען איילען צו מאכען א סוף מיטן איינקויפען די פערד, אום צו קענען וואָס גיכער אוועקפאָהרען פון וואָראָנעזש, וואו ער האָט זיך פּלוצים דערפיהלט אומעדיג און עפּעס אונאָנגענעהם.

עטליכע טעג פאר זיין אָבפאָהרען האָט ניקאָלאַי בעקומען צוויי בריעף פון טראָאיצא. איין בריעף איז געווען פון דער גרעפין, דער צווייטער פון סאָניאַ'ן. דעם ערשטען בריעף האָט ער געעפענט סאָניאַ'ס. קוים האָט ער איבערגעלייענט עטליכע שורות, איז זיין געזיכט בלייך געוואָרען און די אויגען האָבען זיך געעפענט מיט שרעק און פרייד.

— ניין, דאָס איז אונמעגליך! האָט ער ארויסגערעדט אין דער הויך.

ער האָט איבערגעלעזען דעם בריעף איין מאָל, צוויי מאָל און ער האָט אויפגעהויבען דיא אקסלען, אויסגעשפּרייט דיא הענד און איז געבליבען שטעהען מיט אַן אָפענעם מויל.

אין דעם בריעף האָט איהם סאָניא געשריבען, אז דיא לעצטע אונגליקליכע אַנגעלעגענהייט ביי וועלכע די ראָסטאָוו'ס האָבען פערלאָרען זייער גאַנצען פערמעגען אין מאָסקווע, און דער גרעפין'ס וואונש, אז ניקאָלאַי זאָל חתונה האָבען מיט דער רייכער באָלקאָנסקאַיאַ, און זיין קאַלטקייט פאר דיא לעצטע צייט האָבען איהר בעוואָגען זיא זאָל זיך אָבזאָגען פון זיין פערשפּרעכונג און געבען איהם פאָלקאָמענע פרייהייט.

„מיר איז געווען זעהר שווער צו טראַכטען, אז איך קען זיין די אורזאַכע פון א שפּאַלטונג און קלעטענים אין דער פאַמיליע, וואָס האָט מיר געטהאָן אַזוי פיעל גוטעס", האָט זיא געשריבען, און מיין ליעבע האָט דעם איינציגען צוועק צו זעהן גליקליך יענע, וועמען איך האָב ליעב. און דאריבער בעט איך אייך, ניקאָלאַי, איהר זאָלט זיך רעכענען פריי און ניט קוקענדיג אויף דעם, זאָלט איהר וויסען, אז קיינער קען אייך אַזוי שטארק ניט ליעב האָבען, וויא אייער סאָניא".

דער צווייטער בריעף איז געווען פון דער גרעפין. אין דעם בריעף האָט זיא געשריעבען, אז מאָסקווע איז אָבגעברענט געוואָרען און זייער גאַנצער פערמעגען איז פערניכטעט געוואָרען. אויך האָט זיא געשריעבען, אז פירסט אַנדריי פאָהרט

א פערוואונדעטער צוזאמען מיט זיי. זיין לאגע איז געפעהרליך נאר דערפאר ווייל איז, אז ער האט מעהר האפנונג געזונד צו ווערען. סאניא און נאטאשא געהען ארום איהם.

מיט דיזען בריעף איז ניקאלאי אויפ'ן צווייטען טאג אוועקגעפאהרען צו מארי, און א דאנק דעם בריעף זיינען זיינע פערהעלטניסע מיט מארי געווארען זעהר נאהענט.

אויף מארגען האט ראסטאוו בעגלייט מארין ביז יאראסלאוול און אין עטליכע טעג ארום איז ער אוועקגעפאהרען צו זיין פאלק.

ג

אויף דער הויפטוואכט, וואוהין מען האט אריינגעפיהרט פיער'ן זיינען זיך דיא סאלדאטען אין דער אפיציער, וואס האבען איהם געפאנגענע, בעגאנגען מיט איהם פיינדליך, נאר צו דער זעלבער צייט מיט דרך ארץ. אין זייער האלטונג צו איהם האט זיך געפיהלט א צווייפעל, ווער אזוינס איז ער (צו איז ער ניט א וויכטיגע פערזאן) און א פריינדשאפט צוליעב דעם פרישען געשלעג, וואס זיי האבען געהאט מיט איהם.

נאר ווען דיא וואך האט זיך אויף מארגען געביטען, האט פיער שוין פאר זיי ניט געהאט יענעם זין, וואס ער האט געהאט, און מען האט איהם איבערגעזעצט צו דיא איבריגע פערדעכטיגע געפאנגענע.

אויף מארגען און אבענד האט זיך פיער דערוואוסט, אז דיא אלע געפאנגענע, צווישען העלכע ער געפינט זיך און וואהרשיינליך ער אויך וועלען פראצעסירט ווערען פאר אונטערצינדען. אויפ'ן דריטען טאג האט מען איהם צוזאמען מיט דיא איבריגע אוועקגעפיהרט אין א שטוב, וואו עס איז געזעסען א פראנצויזישער גענעראל מיט ווייסע וואנצען מיט צוויי פאלקאווניקעס און נאך אנדערע מיט שאלען אויף דיא הענד. פיער'ן און דיא איבריגע געפאנגענע האט מען געשטעלט די געוואוינליכע פראגעס. ווער איז ער? וואו איז ער געוועזען? וואס האט ער דארטען געטהאן? פראגעס וואס ריהרען דעם עצם. דעם תוך ניט אן און זיינען נאר געשטעלט אזוי, אז דיא אנטווארטע פון דיא אנגעקלאגטע זאלען פיהרען צום געווינשטען ציעל, דאס הייסט צו א בעשולדיגונג. וויא נאר ער האט אנגעהויבען צו ריידען עפעס אזעלכעס וואס האט ניט געקענט בעפריעדיגען דעם געווינשטען ציעל, האט מען איהם ניט געלאזט ריידען. אויסער דעם האט פיער געפיהלט דאס זעלבע וואס אלע אנגעקלאגטע פיהלען אין די געריכטען;

צו

וואס שטעלט מען זיי דיא פראגען ? אויף דער פראגע, וואס ער האט געטהאן, ווען מען האט איהם גענומען, האט ער געענטפערט מיט א טראנישען קול, אז ער האט געטראגען צו עלטערען א קינד, וואס ער האט ארויסגעראטעוועט פון פייער. פאר וואס האט ער זיך געשלאגען מיט די מאראדערען ? האט פיער געענטפערט, אז ער האט בעשיצט א פרויענצימער, אז דיא בעשיצונג פון א בעלעדיגטער פרויענצימער איז דיא פליכט פון יעדען מענשען, אז...... דא האט מען איהם אבגעשטעלט : דאס איז ניט געווען צו דער זאך. ווער איז ער ? האט מען איהם ווידערהאלט דיא ערשטע פראגע. ער האט ווידער געענטפערט, אז ער קען ניט זאגען.

— פערשרייבט, דאס איז ניט גוט, זעהר ניט גוט, האט געזאגט שטרענג דער גענעראל מיט ווייסע וואנסען.

אויפ'ן פיערטען טאג האט מען איהם און נאך דרייצעהן אנדערע אריבערגעפיהר אין א שייער. ווען ער איז דורך געגאנגען דיא גאסען, האט ער זיך געשטיקט פון רויך, וואס איז געשטאנען איבער דער גאנצער שטאדט. פיער האט דאמאלס ניט פערשטאנען דיא בעדייטונג פון דיא שרפות און ער האט מיט שרעק געקוקט אויף דיא ברענענדע שטאדט.

אין שייער איז ער אבגעזעסען נאך פיער טעג און פון דיא פראנצויזישע סאלדאטען האט ער זיך דערוואוסט, אז אלע געפאנגענע, וואס האלטען זיך דא אויף צו וואַרטען, יעדען טאג דעם דעקרעט פון דעם מארשאל. ווער איז דער מארשאל האט פיער ניט געקענט דערגעהן פון דיא סאלדאטען.

דיעזע ערסטע טעג ביז'ן 8טען סעפטעמבער, ווען מען האט דיא געפאנגענע געפיהרט צום צווייטען פערהער, זיינען געווען דיא שווערסטע פאר פיער'ן.

IV.

דעם 8טען סעפטעמבער איז אין שייער אריינגעקומען זעהר א וויכטינער אפיציער. דיזער אפיציער האט געהאלטען א צעטיל אין האנד און האט אויסגערופען די רוסישע אנרופענדיג פיער'ן : „דער וואס וויל ניט זאגען זיין נאמען". ער האט גלייכגילטיג בעקוקט אלע געפאנגענע און האט געהייסע אנטהאן זיי אביסעל שעהנער איידער מען וועט זיי פיהרען צום מארשאל. אין א שטונדע ארום איז אנגעקומען א ראטע סאלדאטען און מען האט אוועקגעפיהרט פיער'ן מיט נאך 13 געפאנגענע אין א גרויסע הויז מיט א גרויסען גארטען. דאס הויז האט בעלאנגט צו פירסט סטשעבאטאוו, וואו פיער פלעגט פריהער אריינקומען [illegible]

איצט איז דאָ געשטאַנען, וויא ער האָט זיך דערוואוסט פון דיא סאָלדאַטען דער מארשאל דאוואָו.

מען האָט זיי צו געפיהרט צום גאַנעק און אָנגעהויבען אריינצופיהרען זיי איינ־ציגווייז. פיער'ן האָט מען אריינגעפיהרט צום זעקסטען. מען האָט איהם אריינגע־פיהרט אין א לאַנגען און נידריגען קאבינעט, וואו ביי דער טהיר איז געשטאַנען אַן אדיוטאַנט.

דאַ וואו איז געזעסען אין עק צימער נעבען א טיש, מיט ברילען אויף דער נאָז. פיער איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו איהם. דאוואו האָט געקוקט עפעס אין א פאפיר און ניט אויפהויבענדיג דיא אויגען האָט ער שטיל געפרעגט:

— ווער זייט איהר?

פיער האָט געשוויגען. ער האָט ניט געענטפערט, ווייל ער האָט קיין כח ניט געהאַט אויסצוריידען א וואָרט. פאַר פיער'ן איז דאוואו ניט געווען איינ־פאַך א פראַנצויזישער גענעראַל, פאַר איהם איז דאוואו געווען דער בעוואוסטער גרויזאַמער מענש. קוקענדיג אויף זיין קאַלטע געזיכט, האָט פיער געפיהלט, אַז יע־דע סעקונדע שווייגען קען איהם קאָסטען דאָס לעבען; נאָר ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגען. זאָגען דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט ביים ערסטען פערהער, האָט ער זיך ניט ענטשלאָסען; ענטדעקען זיין אמת'ן נאָמען איז געווען געפעהרליך און מיאוס. נאָר איידער פיער האָט זיך געקענט ענטשליסען וואָס צו טהאָן, האָט דאוואו אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אויפגעהויבען דיא ברילען צום שטערן, האַלב פערמאַכט דיא אויגען און אוהם דורכדרינגליך אָנגעקוקט.

— איך קען דיעזען מענשען, האָט ער געזאָגט מיט א געמאָסטענעם, קאַלטען קול, וואהרשיינליך אום אָנצואוואַרפען א שרעק אויף פיער'ן. דיא קעלט, וואָס איז פריהער איבערגעלאָפען איבער פיער'ס רוקען, האָט איצט אָנגעכאַפּט זיין קאָפּ וויא מיט א פרעס.

— איהר האט מיך ניט געקענט קענען גענעראַל, איך האב אייך קיין מאָל ניט געזעהען.

— דאס איז א רוסישער שפּיאָן, האט דאוואו איבערגעשלאָגען, ווענדענדיג זיך צו א צווייטען גענעראַל, וואס איז דאָ געזעסען אין צימער און וועלכען פיער האט ניט בעמערקט. פיער האט אונערוואַרטעט אָנגעהויבען צו רעדען מיט א ציטער־דיגען קול.

— ניין, אייער עקסעלענץ, איהר האט מיך ניט געקענט קענען. איך בין אַן

אפיציער פון דיא אפאלטשענצעס און בין פון מאָסקווע ניט ארויסגעפאָהרען.

— אייער נאָמען? האט דאוואו ווידערהאָלט.

— בעזוכי.

— פון וואנען קען איך וויסען, אז איהר זאָגט ניט קיין ליגען?

— אייער עקסעלענץ! האָט פיער אויסגעשריען ניט מיט א בעליידיגטען זאָנדערן מיט א בעטענדען קול.

דאוואו האָט אויפגעהויבען דיא אויגען און האָט א קוק געטאָהן אויף פיערן. עטליכע סעקונדען האָבען זיי געקוקט איינער אויף'ן צווייטען, און דיעזער בליק האָט פיער'ן געראטעוועט. דיעזער בליק האָט טראָץ אלע בעדינגונגען פון קריעג און געריכט ארייגעבראכט צווישען דיא צוויי מענשען מענשליכע פערהעלטניסע. ביידע האָבען אין דיעזער מינוט דורכגעפיהלט פיעלע, פיעלע זאכען און האבען פערשטאנען אז זיי זיינען ביידע קינדער פון דער מענשהייט, אז זיי זיינען ברידער.

פריהער איז פיער געווען ניט מעהר וויא א געגענשטאנד, אזא און אזא נומער און דאוואו וואָלט מיט א רוהיגען געוויסען געהייסען איהם שיסען. נאָר איצט האָט ער אין איהם געזעהען א מענשען, אויף איין אויגענבליק האָט ער זיך פערטראכט.

— וואָס קען מיר דערוויזען, אז איהר זאָגט ניט קיין ליגען? האָט דאוואו געזאָגט קאלט.

פיער האָט זיך דערמאָנט אן זיין בעקאנטען פראנצויזישען קאפיטאן ראמבאל און האָט אנגערופען זיין פאָלק, זיין פאמיליע, דיא גאס, וואו עס איז געווען די הויז, אין וועלכע ער איז געשטאנען.

— איהר זאָגט ניט דאָס, וואָס רעדט איהר, האָט געזאָגט דאוואו.

פיער האט מיט א ציטערדיגען קול גענומען ברעגגען בעווייזע אז ער זאָגט דעם אמת.

נאָר אין דער צייט איז אריין דער אדיוטאנט און האָט עפּעס געמעלדעט דעם מארשאל.

דאוואָו איז דערפרייט געוואָרען פון דער נייעס, וואָס דער אדיוטאנט האָט איהם געבראכט און האָט זיך גענומען צושפיליען. וויא עס האָט געשיינט, האָט ער אין גאנצען פערגעסען אָן פיער'ן.

ווען דער אדיוטאנט האט איהם דערמאָנט וועגען דעם געפאנגענעם, האָט ער אָנגערוקט דיא ברעמען, האט א שאָקעל געטהאָ מיט'ן קאָפּ אין פיער'ס זייט און געהייסען איהם פיהרען. נאָר וואו האָט מען איהם געדארפט פיהרען, האָט פיער

ניט נעוואוסט.

ער האָט אָבגעקעהרט דעם קאָפּ און דערזעהען, אז דער אדיוטאנט פרעגט איהם עפּעס.

— יא, געוויס! האָט געזאָגט דאוואו, נאָר וואָס האָט דאָס „יא" בעדייטעט, האָט ער ניט געוואוסט.

פּיער האָט ניט געדענקט וויא לאנג ער איז געגאנגען און וואו ער איז געגאנגען. ניט הערענדיג קיין זאַך און ניט זעהענדיג וואָס עס טהוט זיך ארום איהם, מיט א פערטעמפּטען קאָפּ איז ער געגאנגען צוזאמען מיט דיא איבריגע, ביז אַלע זיינען געבליבען שטעהן, און ער האָט זיך אויך אָבגעשטעלט.

V.

פון פירסט סטשערבאַטאָוו'ס הויז האָט מען דיא געפאנגענע אוועקגעפיהרט אין א פעלד, וואו עס איז געשטאנען א סלופּ. הינטער'ן סלופּ. איז געוועזן אויסגעגראָבען א גרוב און דאָ האָט זיך צוזאמענגעקליבען א גרויסע מענגע מענשען. צווישען דער מענגע האָבען זיך געפונען ווענינ רוסישע, דאס רוב זיינען דאָ געוועזן סאָלדאַטען פון נאפּאָלעאָן'ס חיל, ניט אין דער רייהע. רעכטס און לינקס פון דעם סלופּ זיינען געשטאנען פראנצויזישע סאָלדאטען אין בלויע מונדירען מיט בלויע עפּאָלעטען.

דיא פערברעכער האָט מען אויסגעשטעלט נאָך א געוויסע אָרדנונג, וואָס איז געוועזן אין דעם צעטיל (פּיער איז געוועזן דער זעקסטער) און מען האָט זיי צוגעפיהרט צום סלופּ. עטליכע פויקען האָבען אָנגעהויבען צו קלאפּען פון ביידע זייטען, און פּיער האָט דערפיהלט, אז מיט דעם קלאנג האט זיך ביי איהם אָבגעריסען א שטיקעל נשמה. ער האָט פערלאָרען דיא פעהיגקייט צו דענקען. ער האט נאָר געקענט זעהען און הערען. ער האָט נאָר געהאט איין וואונש, אז דאָס שרעקליכעס וואָס דארף געשעהען, זאָל געשעהען וואָס גיכער. פּיער האָט זיך ארומגעקוקט אויף זיינע חברים און האט זיי בעטראכט.

צוויי ביים סאמע עק זיינען געוועזן אנטלאָפענע פון געפענגנים מיט געגאָלטע קעפּ. איינער איז געוועזן א הויכער און מאָגערער, דער צווייטער א שווארצער מיט א'ן איינגעפאַלטסנעטער נאָז. דער דריטער איז געוועזן א פּאנסטשעזניק פון א יאָהר 45 מיט שיווע האָר און האָט אויסגעזעהען אזוי וויא ער וואלט קיין תעניתים ניט געפאסט. דער פיערטער איז געוועזן א פויער מיט זעהר א שעהנע באָרד און שווארצע אויגען. דער פינפטער איז געוועזן א פאבריק־ארבייטער פון א יאָהר־

18, אויסגעדארט און געל.

פיער האט געהערט ווי דיא פראנצויזען האבען זיך בעראטהען וויא צו שיסען איינציגווייז אדער צו צוויי. „צו צוויי" האט געזאגט דער עלטסטער אפיציער און אין דיא רייהען פון די סאלדאטען איז פארגעקומען א בעוועגונג.

א פראנצויזישע בעאמטער אין א שאל איז צוגעגאנגען צו די פערברעכער און האט איבערגעלייענט זייער אורטהייל אין פראנצויזיש און רוסיש.

דערנאך זיינען צוגעגאנגען צוויי פאאר פראנצויזען צו דיא פערברעכער און האבען גענומען די צוויי אנטלאפענע פון געפענגניס און צוגעפיהרט זיי צום סלופ. די צוויי פערברעכער האבען זיך אבגעשטעלט נעבען סלופ. און איידער מען האט געבראכט דיא זעק האבען זיי זיך שטיל ארומגעקוקט, וויא אונטערגעשאסענע חיות אויפ'ן יעגער, ווען ער געהט צו זיי...... איינער האט זיך אלץ געצלמ'ט, דער צווייטער האט געקראצט דעם רוקען און געמאכט מיט דיא ליפען עפעס א בעוועגונג, וואס איז געווען עהנליך אויף א שמייכעל. דיא סאלדאטען האבען זיי אין דערגיך פערבונדען דיא אויגען, אריבערגעווארפען איבער זיי זעקלאך און צוגעבונדען צום סלופ.

12 סאלדאטען זיינען ארויסגעטראטען מיט דיא ביקסען און האבען זיך אבגעשטעלט 8 טריט פון סלופ. פיער האט זיך אבגעקעהרט, אום ניט צו זעהען וואס עס וועט זיין. פלוצים האט זיך דערהערט א קלאפ, וואס האט פיער'ן געשיינט העכער וויא דער שטארקסטער דונער, און פיער האט זיך אומגעקוקט. עס איז געשטאנען א רויך און דיא פראנצויזען מיט בלייכע געזיכטער און ציטערנדע הענד האבען עפעס געטהאן ביי דער גרוב. מען האט צוגעפיהרט אנדערע צוויי. דיא האבען אויך געקוקט מיט אזעלכע אויגען, וויא דיא פריהערדיגע צוויי און האבען וויא ניט פערשטאנען און ניט געגלויבט, וואס עס וועט זיין.

פיער האט געוואלט ניט קוקען אין זייער זייט און האט זיך ווידער אבגעקעהרט. נאר ווידער האט וויא א שרעקליכער דונער א זעץ געטהאן אין זיינע אויערען און גלייך מיט דעם קלאפ האט ער דערזעהן א רויך, עפעס בלוט און ווייער דיא צושראקענע געזיכטער פון דיא פראנצויזען, וואס האבען עפעס געטהאן ביים סלופ. פיער האט זיך ארומגעקוקט, שווער אטהעמענדיג, וויא פרעגענדיג: וואס איז דאס אזוינס? די זעלבע פראגע איז געווען אין אלע אויגען, מיט וועלבע ער האט זיך בעגעגענט.

אויף אלע געזיכטער, סיי רוסישע סיי פראנצויזישע, סיי ביי דיא סאלדאטען

סיי ביי דיא אָפיציערען האָט פיער געזעהן דעם זעלבען שרעק און קאמפף, וואָס ער האָט געפיהלט ביי זיך אין הארצען. „ווער זשע טהוט עס! זיי ליידען אלע אזוי ווי איך. ווער זשע איז עס? ווער?" איז איהם וויא א בליץ דורכגעלאָפען א געדאנק.

מען האָט ארויסגעריסען אנדערע שיסער און מען האָט גענומען דעם פינפטען פערברעכער, וואָס איז געשטאנען צוזאמען מיט פיער'ן. גענומען האָט מען איהם אליין. פיער האָט ניט פערשטאנען, אז ער איז גערעטעט, אז ער און דיא איבריגע זיינען נאָר געבראכט געוואָרען, אום זיי זאָלען זיין אנוועזענד ביי דער הינריכטונג. מיט א וואקסענדען שרעק האָט ער געקוקט, וואָס עס טהוט זיך. וויא נאָר מען האָט זיך צוגעריהרט צום פינפטען, איז ער מיט שרעק אָבגעשפרונגען און האָט זיך אנגעכאפט אן פיער'ן. פיער האָט זיך א צאפעל געטהאָן און האָט זיך פון איהם אויסגעריסען. דער פערברעכער האָט ניט געקענט געהען. מען האָט איהם גענומען אונטער דיא הענד און ער האָט עפּעס געשריען. ווען מען האָט איהם צוגעפיהרט צום סלופּ, איז ער פלוצים אנשווייגען געוואָרען. ער האָט וויא פלוצים פערשטאנען. וואָס האָט ער פערשטאנען, איז שווער צו זאָגען. צו ער האָט פערשטאנען, אז שרייען וועט ניט העלפען, אָדער אז עס איז אונמעגליך, אז איהם זאָלען ערמאָרדען מענשען, נאָר ער האָט זיך געשטעלט ביים סלופּ, ווארטענדיג, מען זאָל איהם צובינדען און האָט זיך ארומגעקוקט מיט בליסצענדע אויגען.

פיער האָט זיך איצט ניט געקענט אָבקעהרען. די נייגיערדע און עררעגונג האָט ביי איהם וויא ביי אלע אנדערע דערגרייכט ביז דער העכסטער שטופע. גראדע וויא דיא אנדערע האָט ער אויסגעוויזען רוהיג. ער האָט פערמאכט זיין כאלאט און גענומען קראצען דיא פיס איינעם אן דעם אנדערן. פיער האָט פון איהם ניט אראָבגענומען דיא אויגען און האָט ניט איבערגעלאָזט דיא מינדעסטע בעוועגונג זיינע.

וואהרשיינליך האָט זיך דערהערט א קאָמאנדע און וואהרשיינליך האָט זיך דערהערט א קלאפּ פון אכט ביקסען. נאָר פיעל פיער האָט זיך דערנאָך ניט געסטארעט צו דערמאָנען זיך, האָט ער אָבער ניט געהערט קיין שום קלאנג פון א שאָס. ער האָט נאָר געזעהען, אז דער פינפטער האָט זיך עפּעס אראָבגעלאָזט אויף שטריק, אז בלוט האָט זיך עפּעס געוויעזען אין צוויי פלעטצער און דיא שטריק האָבען זיך פערנאנדערגעלאָזט און ער האָט עפּעס אוננאטירליך אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און אנידערגעזעצט זיך. פיער איז צוגעלאָפען צום סלופּ. קיינער

האט איהם נים אבגעהאלטען. ארום דעם געשאסענעם האבען עפעס געטהאן צושראקענע, בלייכע מענשען. פיער האט געזעהען, וויא ביי א'ן אלטען פראנצויזישען סאלדאט מיט גרויסע וואנסען האט געציטערט דער קין־באק, ווען ער האט אבגעבונדען דיא שטריק.

עס איז געווען צו זעהען, אז זי האבען געפיהלט, אז זיי זיינען פערברעכער, וועלכע דארפען בעהאלטען וואס גיכער דיא שפורען פון זייער פערברעכען.

ווען פיער האט אריינגעקוקט אין גרוב און האט דערזעהן, וויא דער פאבריק־ארבייטער איז דארטען געלעגען מיט די קני פעררייסען, און איין אקסעל העכער פון דעם צווייטען. דער אקסעל האט נאך געצופט, נאר לאפעטעס ערד האבען זיך שוין געשאטען אויף איהם. איין סאלדאט האט בייז א געשריי געטהאן אויף פיער'ן אז ער זאל אוועקגעהן, נאר פיער האט איהם נים פערשטאנען און איז געבליבען שטעהן ביים סלופ.

ווען דיא גרוב איז געווען פערשאטען האט זיך דערהערט א קאמאנדע. פיער'ן האט מען אבגעפיהרט אויף זיין ארט און דיא סאלדאטען האבען גענומען מארשירען פערביי דעם סלופ.

פיער האט געקוקט מיט אונפערשטענדליכע אויגען אויף די סאלדאטען. די שיסער, זיינען געשטאנען פריהער אין א קרייז און זיינען איצט פארוויז אריין אין דיא ראטעס. א יונגער סאלדאט מיט א טוידט־בלייכען געזיכט, מיט'ן ביקס אראבגעלאזען איז נאך אלץ געשטאנען אויפ'ן זעלבען פלאץ, פון וואנען ער האט פריהער געשאסען. ער איז געפאלען פון דיא פיס וויא א שכור און האט געמוזט מאכען עטליכע טריט דא פאראויס און דא אהינטער אום איינצוהאלטען די גלייכגעוויכט פון זיין פאלענדען קערפער. אן אלטער סאלדאט, אן אונטעראפיציער איז ארויסגעלאפען פון זיין ראנד און א כאפענדיג דעם יונגען סאלדאט פאר'ן אקסעל, האט ער איהם אריינגעשלעפט אין ראטע. די מענגע האט גענומען צו געהן. אלע זיינען געגאנגען שטיל מיט אראבגעלאזטע קעפ.

— דאס וועט זיי אנלערנען זיי אונטערצוצינדען, האט געזאגט איינער פון דיא פראנצויזען.

פיער האט זיך אומגעקוקט אויף דעם, וועלכער האט עס געזאגט און האט דערזעהן, אז דאס איז געווען א סאלדאט, וועלכער האט געוואלט טרייסטען זיך מיט עפעס פאר דעם, וואס איז געשעהן, נאר ער האט נים געקענט. נים דערריידענדיג וואס ער האט אנגעהויבען, האט ער א מאך געטהאן מיט דער האנד און

איז אוועק ווייטער.

VI.

נאך דער חינריכטונג האט מען פיער'ן אבגעטהיילט פון די איבריגע אנגע־קלאגטע או; מען האט איהם פערשפארט איינעם אליין אין א קירכע.

אנטקעגען אבענד איז אין קירכע אריינגעקומען א'ן אונטער־אפיציר מיט צוויי סאלדאטען און האט ערקלערט פיער'ן, אז ער איז פערצייהעט און ער וועט איצט אריינטרעטען צו דיא געפאנגענע אין קריעגרוסישע סאלדאטען. ניט פערשטעהענ־דיג, וואס מען רעדט צו איהם, האט זיך פיער אויפגעהויבען און איז אוועק מיט דיא סאלדאטען. מען האט איהם געבראכט אין א באלאגאן, וואס איז געוועזן אויפגעבויט פון צוגעברענטע ברעטער. א מאן צוואנציג האבען איהם אין באלאגאן ארומגערינגעלט, פיער האט זיי אין דער פינסטער ניט געקענט זעהן און האט ניט פערשטאנען ווער זיי זיינען און וואס ווילען זיי פון איהם. ער האט געהערט דיא ווערטער, וואס מען האט צו איהם גערעדט, נאר ער האט ניט פערשטאנען זייער בע

פון דעם מאמענט אן, וואס פיער האט געזעהען דעם שרעקליכען מארד, וועלכען עס זיינען בעגאנגען מענשען, וואס האבען עס נישט געוואלט טאן, איז ביי איהם פון הארצען אויסגעריסען געווארען יענע ספראזינע, אויף וועלכע אלעס האט זיך געהאלטען און וואס האט יעדע זאך צוגעגעבען לעבען. איצט איז פון אלץ געווארען א קופע מיסט. ער האט איצט פערלארען דעם גלויבען אין מענשהייט, אין זיין זעעלע, אין גאט.

ארום איהם זיינען געשטאנען מענשען. מען האט איהם עפעס דערצעהלט, גע־געפרעגט עפעס אין דער נאך האט מען איהם ערגעץ אוועקגעפיהרט און ער האט זיך ענדליך דערזעהן אין א ווינקעל פון באלאגאן.

נעבע איהם איז געזעסען א קליין מענשעלע און האט זיך עפעס געפורעט אין דער פינסטער.

— האט איהר געהאט פיעל צרות אויסצושטעהן בארין ? הא ? האט זיך פלוצים צו איהם געווענדט דאס קליין מענשעלע. און אין זיין זינגענדער שטי־מע האט זיך געהערט אזוי פיעל צערטליבקייט און איינפאכקייט, אז פיער האט געוואלט ענטפערן, נאר זיין קינ-באק האט אנגעהויבען צו ציטערן און ער האט דערפיהלט טרעהרען.

— אח, מיין שפארבעריל, דאנה ניט, האט ער ווידער געזאגט מיט דער זעל־

ב.ר צערטליכקייט. דאנה ניט, פריינד! איין שעה ליידען און א גאנץ לעבען פריידען! אזוי איז עס, מיין ליעבער. דאס לעבען איז דא, א דאנק גאט, ניט שלעכט. מענשען זיינען פאראן גוטע און שלעכטע.

מיט דיא ווערטער האט ער זיך מיט א בוינזאמע בעוועגונג איבערגעבויגען איבער דיא קניע, האט זיך אויפגעהויבען און איז ערגעץ אוועקגעגאנגען.

ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט, האט ער זיך אנידערגעזעצט אויף'ן פריהערדיגען ארט און אין די הענד האט ער עפעס געהאלטען פערוויקעלט

— אט פערזוכט, בארין, האט ער געזאגט מיט א העפליכען טאן, דערלאנגענדיג פיער'ן עטליכע געבאקענע קארטאפעל.

פיער האט ניט געגעסען דעם גאנצען טאג און דער ריח פון דעם קארטאפעל האט איהם אויסגעוויזען זעהר אנגענעהם. ער האט בעדאנקט דעם קליינעם סאלדאט און האט גענומען עסען.

ווארט, האט דער סאלדאט געזאגט שמייכלענדיג, און האט גענומען א קארטאפעל. אט וויא מען דארף עס טהאן. ער האט בעקומען א צונויפגעלעגטען מעסעריל, האט צושניטען דעם קארטאפעל אויף דער האנד אין צוויי'ען, האט בעשאטען מיט זאלץ, וואס ער האט בעקומען פון א שיסעל און דערלאנגט פיער'ן.

— דיא קארטאפעל זיינען א'ן אנטיק. עסס.

פיער'ן האט ארויסגעוויזען, אז ער האט נאך קיין מאל ניט געגעסען א מאכל געשמאקער פון דעם.

— ניין מיר הארט ניט, האט פיער געזאגט, נאר פאר וואס האבען זיי געשאסען די אונגליקליכע!.... דער לעצטער איז קוים אלט געווען צוואנציג יאהר.

— טש.... טס ... האט געזאגט דער קליינער סאלדאט. וויא אזוי זייט איהר דאס בארין געבליבען אין מאסקווע?

— איך האב נישט געדענקט, אז זיי וועלען אזוי גיך אנקומען, האט פיער געענטפערט.

— וויא אזוי האבען זיי דיך גענומען, מיין שפארבעריל, פון שטוב?

— ניין איך בין געגאנגען זעהען א שרפה און דא האבען זיי מיך געכאפט און געמישפט אלס אונטערצינדער.

— וואו געריכט דארט איז אונגערעכטיגקייט, האט געזאגט דער קליינער סאלדאט.

— און דו ביזט שוין לאנג דא? האט פיער געפרעגט, קייענדיג דעם לעצטען קארטאפעל.

— יענעם זונטאג האט מען מיך גענומען פון האספיטאל אין מאסקווע.

— דו ביזט א סאלדאט?

— יא איך האב געליטען פון א קדחת. אונזערע זיינען געלעגען א מאן צוואנציג, און האבען גאר ניט גערעכענט אויף אזא סוף.

— דיר איז דא אומעדיג, ניט אמת? האט פיער געפרעגט.

— וויא זאל ניט זיין אומעדיג, שפארבעריל. מיין נאמען איז פלאטאן, די פא־מיליע קאראטאיעוו, האט ער געזאגט וויא עס שיינט אום צו מאכען פיערץ גרינגער אין זיין פערקעהר מיט איהם. מיין צונעמענים איז שפאר־בעריל. וויא זאל ניט זיין אומעדיג, שפארבעריל. מאסקווע איז די מאמע פון אלע שטעדט און וויא זאל ניט זיין אומעדיג צו קוקען אויף דעם. נאר דער ווארים קאכופעט דיא ברויט און ווערט אבער אליין פריהער דיא כפרה. אזוי האבען געזאגט דיא אלטע לייט.

— וואס, וואס האסטו איצט געזאגט? האט פיער געפרעגט.

— איך? האט קאראטאיעוו איבערגעפרעגט. איך רייד ניט פון מיין שכל זאנ־דערן פון גאט'ס דעקרעט, האט ער געזאגט, דענקענדיג, אז ער ווידערהאלט, וואס ער האט פריהער געזאגט.

זיי האבען נאך א היבשע צייט גערעט, ענדליך האט קאראטאיעוו געזאגט א נעבעט, האט זיך איינגעדרייט אין זיין ווינקעל און איז גלייך איינגעשלאפען.

פון דרויסען האבען אהער דערגרויכט וייטע קולות און א געוויין און פון דיא שפאלטען פון דעם באלאגאן האט זיך געזעהן א פייער; נאר אין באלאגאן איז גע־ווען שטיל און פינסטער. פיער האט לאנג ניט געקענט איינשלאפען און ער איז געלעגען מיט אפענע אויגען און האט זיך צוגעהערט צו קאראטאיעוו'ס כראפען, און דיא צושטערטע וועלט אין זיין זעעלע האט זיך ווידער גענומען בעוועגען.

I.

דערוויסענדיג זיך פון ניקא אז אנדריי געפינט זיך מיט זיינע עלטערן אין יאראסלאוול, האט מארי זיך אין א פאר טעג צונעקליבען צו דער רייזע און האט מיט זיך גענומען דעם פלימעניק, זיין לעהרער, בוריען און א פאר דיענער. ווען זיי זיינען אריינגעפאהרען אין שטאדט, האט זיא אוועקגעשיקט אויסגע־

פינען, וואו דיא ראַסטאַווס געפינען זיך.

— איך האָב אלץ אויסגעפונען, אייער עקסעלענץ, האָט געמעלדעט דער דיע־נער צוריקקעהרענדיג זיך. דיא ראַסטאַווס געפינען זיך ביים קופעץ בראָניקאָוו אין הויז. ניט ווייט.

— וואָס מאַכט דער פירסט? האָט מאַרי געפרעגט צושראָקען.

— זיין עקסעלענץ געפינט זיך צוזאַמען מיט זיי אין איין הויז.

„א דאנק גאָט, הייסט עס אז ער לעבט“ איז איהר איבערגעלאָפען א געדאנק און זיא האָט געפרעגט שטיל.

— וואָס מאַכט ער?

— מען זאָגט, אז ער איז אין דער זעלבער לאגע.

וואָס בעדייט אין דער זעלבער לאגע, האָט זיא ניט געפרעגט, זיא האָט נאָר א וואָרף געטהאָן א זייטיגען בליק אויף איהר זיבען־יאָהריגען פלימעניק, וועלכער איז געזעסען נעבען איהר און האָט זיך געפרייט פון דעם אנבליק פון דער שטאָדט. זיא האָט אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט איהם ניט אויפגעהויבען, ביז דיא קאַרעטע האָט זיך ניט אָבגעשטעלט.

דאס טהירעל פון דער קאַרעטע האָט זיך געעפענט. אויף'ן גאַנעק, פאַר וועל־כען דיא קאַרעטע האָט זיך אָבגעשטעלט, זיינען געשטאַנען מענשען און עפּעס א רויטע מיידעל מיט א לאנגען שווארצען צאָפּ, וועלכע האָט צו איהר געשמייכעלט מיט א געמאַכטען, פריקרען שמייכעל, וויא מאַרי'ן האָט אויסגעוויזען (דאָס איז גע־ווען סאָניא). מאַרי איז ארויפגעלאָפען אויף'ן גאַנעק און סאָניא האָט צו איהר געזאָגט: „אהער, אהער!!“ און אין פאָרהויז האָט זיא זיך בעגעגענט מיט א'ן אלטע פרוי, וועלכע איז איהר געשווינד געגאַנגען אנטקעגען. דאָס איז געווען די אלטע גרעפין. זיא האָט ארומגענומען מאַרי'ן און האָט איהר געקוסען.

— מיין קינד, איך קען אייך שוין לאנג און איך ליעב אייך האָט זיא גע־זאָגט.

ניט קוקענדיג אויף איהר ערגעגונג, האָט מאַרי פערשטאַנען, אז דאָס איז געווען דיא גרעפין און זיא דאַרף איהר עפּעס ענטפער'ן. זיא האָט ארויסגערעדט עטליכע העפליכע ווערטער אין פראנצויזיש און האָט געפרעגט וואָס מאַכט ער?

— דער דאָקטאָר זאָגט, אז עס איז קיין געפאַהר ניטאָ, האָט געזאָגט די גרעפין, נאָר אין דער זעלבער צייט ווען זיא האָט ארויסגערעדט דיא ווערטער, האָט זיא אליין אויפגעהויבען דיא אויגען אין דער הויך מיט א זיפץ

און דאס האט וויעדערשפראכען איהרע ווערטער.

— וואו איז ער? קען מען איהם זעהן? האט געפרעגט מארי.

— גלייך, גלייך, מיין פריינד. דאס איז זיין זוהן? האט געפרעגט דיא גרעפין, ווענדענדיג זיך צו ניקאלושקא'ן, וועלכער איז איצט אריינגעקומען מיט זיין ערציהער. עס וועט זיין גענוג פלאץ פאר אלעמען, דיא הויז איז א גרויסע.

דיא גרעפין האט אריינגעפיהרט מארי'ן אין גאסט־צימער. סאניא האט גערעדט מיט בוריען דיא גרעפין האט געלאסטשעט ניקאלושקא'ן. אין צימער איז אריינגעקומען דער אלטער גראף און האט בעגריסט מארי'ן. דער אלטער גראף האט זיך זעהר געענדערט פון דער צייט, וואס מארי האט איהם געזעהן דאס לעצטע מאל. דאמאלס איז ער געווען מונטהיג, פרייליך, זיכער, איצט האט ער אויסגעוויזען זעהר קלעגליך. רייזענדיג מיט מארי'ן, האט ער זיך יעדע מינוט ארומגעקוקט, וויא פרעגענדיג ביי אלעמען, צו טהוט ער, וואס מען דארף. נאכדעם וויא מאסקווע און זיינע גיטער זיינען פערניכטעט געווארען האט ער געפיהלט, אז ער האט שוין קיין פלאץ ניט אין לעבען.

— דאס איז מיין פלימעניצע, האט דער גראף פארגעשטעלט סאניא'ן פאר מארי'ן. איהר קענט זיך ניט?

מארי האט זיך אומגעווענדט צו איהם און ווינענדיג צו פערלעשען דאס פייערליכע געפיהל, וואס האט זיך אויפגעהויבען ביי איהר אין הארצען צו דער מיידעל, האט זיא איהר א קוש געטהאן.

— וואו איז ער? האט זיא וויעדער געפרעגט פיהלענדיג ביטער, וואס אלע ארום איהר זיינען ווייט פון דעם, וואס טהוט זיך ביי איהר אין הארצען.

— ער איז אונטען. נאטאשא איז ביי איהם, האט סאניא געענטפערט, ווערענדיג רויט. מען איז אוועק פרעגען. איך דענק, אז איהר זייט מיעד געווארען פון דער רייזע?

ביי מארי זיינען ארויסגעטראטען טרערען פון מערדרוס. זיא האט זיך אבגעווענדעט און האט געוואלט וויעדער פרעגען ביי דער גרעפין, וויא געהט מען אריין צו איהם, ערשט אין טהיר האבען זיך דערהערט פלינקע, גרינגע טריט. מארי האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהען נאטאשא'ן כמעט אריינלויפען אין שטוב, יענע נאטאשא, וועלכע איז א הער אזוי ניט געפעלען געווארן ביי זייער ערשטער בעגעגעניס אין מאסקווע.

[illegible] האט זיא א בליק געטהאן נאטאשא'ן אין געזיכט, האט זיא גלייך

פערשטאנען, אז דאס איז איהר אמת'עפריינדין. זיא האט זיך א וואך געטהאן איהר אנטקעגען און ארונטערהענדיג איהר, האט זיא זיך צואוויינט אויף איהר אכסעל.

— קומט, קומט צו איהם, מארי, האט געזאגט נאטאשא, אבפיהרענדיג איהר אין א צווייטען צימער.

מארי האט אויפגעהויבען דעם קאפ, אויסגעווישט דיא טרערען, און געווענדעט זיך צו נאטאשא'ן. זיא האט דערפיהלט, אז פון איהר וועט זיא אלץ אויסגעפינען.

— וואס.... האט זיא אנגעהויבען צו פרעגען, נאר פלוצים האט זיא זיך אבגעשטעלט. זיא האט דערפיהלט, אז מיט ווערטער קען מען ניט פרעגען און מען קען ניט ענטפערן. נאטאשא'ס געזיכט און אויגען האבען איהר געדארפט ענטפערן קלאר.

נאטאשא האט געקוקט אויף איהר, נאר, וויא עס האט געשיינט האט זיא זיך געשראקען און האט געצווייפעלט, צו זאל זיא זאגען אלץ, וואס זיא האט געוואוסט. זיא האט וויא געפיהלט, אז פון דיעזע שטראהלענדע אויגען, וואס דרינגען אריין אין דער טיעפענים פון הארצען, קען מען קיין זאך ניט פערבארגען. נאטאשא'ס ליפ האט פלוצים א ציטער געטהאן, א מאוס'ער קנייטש האט זיך געלעגט ארום איהר מויל און צוואויינענדיג זיך, האט זיא פערשטעלט דאס געזיכט מיט דיא הענד.

מארי האט אלץ פערשטאנען.

נאר דאך האט זיא געהאפט און האט געפרעגט מיט ווערטער, אין וועלכע זיא האט ניט געגלויבט.

— נאר וויא איז זיין וואונד? איבערהויפט וויא איז זיין צושטאנד?

— איהר.... איהר.... וועט זעהען, האט נאטאשא קוים געקענט אויסריידען.

דיא זיינען א ווייל געזעסען אונטען נעבען זיין צימער, אום זיי זאלען קענען צו איהם אריינגעהן מיט רוהיגע געזיכטער, אהן טרערען אין דיא אויגען. ווי איז געגאנגען זיין גאנצע קראנקהייט? ווען איז איהם געווארען ערגער? ווען האט דיעזעס פאסירט? האט מארי געפרעגט.

נאטאשא האט דערצעהלט, אז דיא ערסטע צייט איז געווען א געפאהר פון זיין פיעבערהאפטען צושטאנד, נאר ווען זיי זיינען אנגעקומען אין טראאיצא איז דאס אריבער, און דער דאקטאר האט נאר מורא געהאט פאר איין זאך, אז דיא בראנד זאל ניט צופאלען. ווען זיי זיינען אנגעקומען אין יאראסלאוול, איז ער אריין אין

א פיעבער. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז דער פיבער איז ניט געפעהרליך. נאָר מיט צוויי טעג צוריק איז מיט איהם געשעהן ד י ע ז ע ס.... זיא האָט זיך איינגעהאלטען פון וויינען. איך וויים ניט פאר וואָס. נאָר איהר וועט זעהן וויא ער איז געוואָרען.

— שוואכער געוואָרען? האָט מארי געפרעגט.

— ניט דאָס, ניט דאָס, נאָר ערגער וויא דאָס. איהר וועט זעהן. אך, מארי'ן ער איז צו גוט און ער קען ניט, ער קען ניט לעבען, ווייל....

VIII

ווען נאטאשא האָט געעפענט דיא טהיר פון אנדריי'ס צימער, דורכלאָזענדיג פריהער מארי'ן, האָט מארי געפיהלט, אז צום האלז טרעטען איהר צו טרערן. פיעל זיא האָט זיך ניט געסטארעט צו בערוהיגען זיך, האָט זיא אָבער געוואוסט, אז אָהן טרערען וועט זיא איהם ניט קענען זעהן.

מארי האָט פערשטאַנען, וואָס נאטאשא האָט געמיינט מיט דיא ווערטער: ווען דיעזעס איז געשעהען מיט צוויי טעג צוריק. זיא האָט פערשטאַנען, אז דאָס האָט בעדייטעט אז ער איז פלוצלינג ווייך געוואָרען, און דיעזע ווייכקייט איז א סימן פון טוידט. וואָס נעהנטער זיא איז צו איהם צוגעקומען און וואָס מעהר זי האָט דערקענט מיט איהרע קורצזיכטיגע אויגען די ציגען פון זיין געזיכט, האָבען איהר אלץ מעהר צוגעטראָטען טרערען צום האלז.

ער איז געלעגען אויף א סאָפע, ארומגעלעגט מיט קישענס אין א כאלאט אונטערגעשלאָגען מיט פוטער. ער איז געווען אויסגעמאָגערט און בלייך. אין איין האנד האָט ער געהאלטען א טיכעל און מיט דער צווייטער האָט ער שטיל געפיהרט איבער דיא וואָנסען. זיינע אויגען האָבען געקוקט אויף דיא אריינקומענדע.

בעגעגענדיך זיך מיט זיין בליק, האָט מארי איינגעהאלטען א ביסעל איהרע טריט און האָט דערפיהלט, אז דיא טרערען האָבען פלוצים אויסגעטריקענט.

— וואָס מאכסטו, מארי? וויא אזוי האָסטו זיך דערשלעפט אהער? האָט ער געפרעגט מיט א גלייכע און פרעמדער שטימע נאכהער וויא זיי האָבען זיך צוקוסט.

— און ניקאָלושקאַ'ן האָסטו אויך געבראכט? האָט ער געפרעגט מיט דערזעל

בער שטיממע.

— ווי פיהלסטו זיך איצט אין געזונד? האט מארי געפרעגט, וואונדערענדיג זיך אויף זיין פראגע.

— דאס, מיין פריינד, דארף מען פרעגען ביים דאקטאר, האט ער געזאגט, און, ווי עס האט געשיינט, אנטהועגדיג איבער זיך א כח צו ווייזען זיך צערטליך, האט ער געזאגט מיט א האלבען מויל:

— איך דאנק דיך, מיין פריינד, וואס דו ביזט געקומען צו פאהרען.

ער האט געשוויגען און מארי האט ניט געוואוסט וואס צו ריידען.

— זעלטזאם זויא דער שיקזאל האט אונז איצט צונויפגעפיהרט, האט אנדריי געזאגט, איבערריימענדיג די שטילקייט און ווייזענדיג אויף נאטאשאן. זיא פאסט מיך איצט אויף.

מארי האט אויף איהם געקוקט און האט ניט פערשטאנען, וואס ער רעדט. ער, דער צערטליכער איידעלער אנדריי, וויא קען ער אזוי ריידען אין דער אנוועזענהייט פון יענע, וועלכע ער האט אזוי געליעבט און וועלכע ליעבט איהם אזוי! ווען ער זאל האפען צו בלייבען לעבען, וואלט ער אזוי קאלט ניט גערעדט וועגען איהר:

דאס געשפרעך איז געווען קאלט, האט זיך ניט געקלעבט און איבערגעריסען זיך יעדע מינוט.

— מארי איז דורכגעפאהרען דורך ריאזאן, האט געזאגט נאטאשא. אנדריי האט ניט בעמערקט, אז זיא האט אנגערופען זיין שוועסטער מארי.

— אלזא, האט ער געזאגט.

— מען האט איהר דערצעהלט, אז גאנץ מאסקווע האט אבגעברענט, עס איז ניט געבליבען אפילו....

נאטאשא האט זיך איבערגעהאקט. זיא האט לענגער ניט געקענט ריידען. וויא עס האט געשיינט, האט ער איבער זיך אנגעטהאן א כח צו הערען, נאר ער האט ניט געקענט.

— יא, אבגעברענט, האט ער געזאגט. שאדע! און ער האט גענומען קוקען אין דער לופט, פיהרענדיג צערשטרייט מיט די פינגער איבער דיא וואנסען.

— או, רו, מארי, האסט זיך בעגעגענט מיט גראף ניקאלאי? האט פלוצים געפרעגט אנדריי, וועלענדיג, וויא עס האט געשיינט, צו פערשאפען זיי פערגניגען. ער האט געשריבען אהער, אז דו ביזט איהם זעהר געפעלען, האט ער פארטגע-

ועצט רוהיג און איינפאך, נים בעגרייפענדיג, וואס פאר א בעדייטונג זיינע ווער־טער האבען פאר לעבעדיגע מענשען. ווען דו זאלסט איהם אויך ליעב קריגען, וואלט געווען זעהר גוט.... אז איהר זאלט חתונה האבען.

מארי האט געהערט זיינע ווערטער נאר זיי האבען פאר איהר ניט געהאט קיין אנדער בעדייטונג אויסער דער, וואס זיי האבען בעוויזען, וויא ווייט ער איז איצט פון לעבען.

— וואס איז פאראן צו ריידען וועגען מיר! האט זיא געזאגט רוהיג און האט א קוק געטהאן אויף נאטאשאן. נאטאשא האט געפיהלט אויף זיך איהר בליק און האט אויף איהר ניט געקוקט. אלע האבען ווידער געשוויגען.

— אנדריי, דו ווילס... האט פלוצים מארי געזאגט מיט א'ן אויפגעציטערטען קול. דו ווילסט זעהן ניקאלושקא'ן. ער האט דיא גאנצע צייט ניט אויפגעהערט צו ריידען וועגען דיר.

אנדריי האט צום ערשטען מאל קוים א שמייבעל געטאן, נאר מארי האט גוט געקענט זיין געזיכט און האט מיט שרעק פערשטאנען, אז דאס איז ניט געווען קיין שמייבעל פון פרייד, ניט קיין שמייבעל פון צערטליכקייט צום זוהן, נאנדערן א שטילער און מילדער שפעטישער שמייבעל, וואס מארי וויל אנווענדען דעם לעצטען מיטעל נאך איהר מיינונג צו ברענגען איהם צו זיך.

— יא, איך וויל זעהר זעהן ניקאלושקא'ן. איז ער געזונד?

ווען מען האט אריינגעפיהרט צו אנדרייען ניקאלושקא'ן, וועלכער האט צושראקען געקוקט אויף'ן פאטער אבער האט ניט געוויינט, ווייל קיינער האט ניט געוויינט, האט אנדריי איהם א קוש געטאן און האט ניט געוואוסט וואס צו ריידען מיט איהם.

ווען מען האט ניקאלושקא'ן ארויסגעפיהרט, איז מארי נאך א מאל צוגעגאנ־גען צום ברודער, האט איהם א קוש געטהאן, און ניט קענענדיג זיך לענגער איינהאל־טען, האט זיא זיך צוואויינט.

אנדריי האט איהר דורכדרינגליך אנגעקוקט.

— דו וויינסט אויף ניקאלושקא'ן? האט ער געפרעגט.

מארי האט וויינענדיג צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ.

— מארי, דו ווייסט דעם עוואנגעל... האט אנדריי אנגעהויבען און האט זיך איבערגעהאקט אין מיטען ווארט.

— וואס האסטו געזאגט?

— נאר ניט. דא דארף מען נישט וויינען, האט ער געזאגט, קוקענדיג אויף איהר מיט זיין קאלטען בליק.

ווען מארי האט זיך צואווינט, האט ער פערשטאנען, אז זיא וויינט וואס ניר קאלושקא בלייבט אהן א פאטער. ער האט אנגעווענדעט אלע זיינע קרעפטען און געזוכט צוריקקעהרען זיך צום לעבען און שטעלען זיך אויף זייער שטאנדפונקט.

— „יא, זיי דארף עס אויסווייזען זעהר טרויעריג“, האט ער געטראכט. „אבער ,יא איינפאך דאס איז !“

„דיא פויגעלאך זייען ניט, שנידען ניט און דערפאטער פון הימעל בעזארגט ווי מיט שפייז“ האט ער געזאגט צו זיך אליין און האט עס אויך געוואלט זאגען דער שוועסטער. „נאר ניין, זיי וועלען עס ניט פערשטעהן. זיי קענען עס ניט פערשטעהען. זיי קענען ניט פערשטעהען דיא אלע געפיהלען און געדאנקען, וואס שיינען פאר זיי אזוי וויכטיג, זיינען גאר ניט נויטהיג. מיר קענען איינער דעם צווייטען ניט פערשטעהען !“ און ער איז אנשווייגען געווארען.

דער קליינער ניקאלושקא איז אלט געוועזן זיבען יאהר. ער האט קוים געקענט לייענען און האט קיין זאך ניט געוואוסט. ער האט פיעלעס איבערגע־לעבט נאך דיעזען טאג און האט ערווארבען קענטשאפט, ערפאהרענהייט דיא גאבע צו בעאבאכטען. נאר ווען ער וואלט דאמאלס בעזעסען דיעזע אלע פעהיג־קייטען וואס ער האט שפעטער ערווארבען, וואלט ער ניט געקענט פערשטעהען בעסער און טיעפער דיא בעדייטונג פון דער סצענע, וואס ער האט געזעהען צווי־שען דעם פאטער, מארי און נאטאשא׳ן וויא ער האט עס פערשטאנען איצט. ער האט אלץ פערשטאנען און ער איז ארויס פון פאטערס צימער, ניט ווייר נענדיג, האט שטיל א קוק געטהאן מיט זיינע פערקלערטע שיינע אויגען אויף נאטאשא׳ן, וועלכע איז ארויס גלייך נאך איהם: זיין פעררייסענע אויבערשטע ליפעל האט א ציטער געטהאן ער האט צוגעשפארט זיין קעפיל צו איהר און האט זיך צואווינט.

פון דעם טאג אן האט ער אויסגעווייכט זיין ערציהער דעסאל, האט אויסגע־ווייכט דיא גרעפין, וואס האט איהם געלאסצעט און איז געזעסען אנטוועדער איי־נער אליין, אדער איז ציטערדיג צוגעגאנגען צו מארי אדער צו נאטאשא׳ן, וועלכע, וויא עס האט געשיינט, האט ער ליעב געקריגען מעהר וויא זיין מוהמען און האט זיך צו זיי געלאסטשעט פערשעמט.

ווען מארי איז ארויס פון אנדריי'ס צימער, האט זי פאלשטענדיג פערשטאנען, וואס נאטאשא'ס געזיכט האט איהר געזאגט ביי זייער בעגעגעניס. זיא האט זיך מעהר ניט געטרייסט מיט דער האפנונג צו רעטען איהם דאס לעבען. זיא האט מעהר ניט געוויינט און האט אהן אויפהער געהאלטען אין בעטען צו גאט, ווע[ל]כעס אנוועזענהייט האט זיך איצט געפיהלט נעבען דעם שטארבענדען מענשען.

IX

פירסט אנדריי האט ניט נור געוואוסט אז ער וועט שטארבען, זאנדערן ער האט געפיהלט, אז ער שטארבט, אז ער איז א העלפט געשטארבען. ער האט גע־האט דאס בעוואוסטזיין, וויא ער ווערט פרעמד פון אלץ, וואס איז אירדישעס. ער האט אהן אייליגניס און אהן אונרוהיגקייט ערווארט וואס האט געדארפט קר־מען. דאס עווינע, פורכטבארע, אונבעקאנטע און ווייטע, וואס ער האט געפיהלט דאס גאנצע לעבען, איז איצט פאר איהם געווען גאנץ נאהענט און פאסט פערשטענדליך און פיהלבאר.

פריהער האט ער מורא געהאט פאר'ן טוידט. צוויי מאל האט ער שוין דורכ־געלעבט דאס געפיהל, איצט אבער האט ער עס שוין ניט פערשטאנען.

דאס ערשטע מאל האט ער דורכגעלעבט דאס געפיהל, ווען דיא גראנאטא האט זיך ארומגעדרייט נעבען איהם וויא א רעשיל און ער האט געקוקט אויף דיא קוסטען, אויפ'ן פעלד, אויפן הימעל, און האט געוואוסט, אז ארום איהם שפרינגט דער טויט. נאר ווען ער האט ערוואכט נאך דער פערוואונדונג, און אין זיין האר־צען האט זיך פערנאנדערגעלאזט א בלימעל פון עווינער פרייער ליעבע, וואס איז ניט אבהענגיג פון דיזען לעבען, האט ער שוין פאר'ן טוידט קיין מורא ניט געהאט און האט שוין וועגען דעם ניט געטראכט.

נאר נאך יענער נאכט, ווען צו איהם האט זיך געוויזען יענע, וועלכע ער האט געגארט און ווען ער האט צוגעפרעסט צו זיינע ליפען איהר האנד און שטילע טרערען פון פרייד האבען געררונען פון זיינע אויגען, האט זיך דיא ליעבע צו איין פרויענצימער אונבעמערקבאר פער'גנב'עט אין זיין הארצען און האט איהם ווידער צוגעבונדען צום לעבען. און פרייליכע און אונרוהיגע געדאנקען האבען איהם אנגע־הויבען צו בעזוכען. און דערמאנענדיג יעדע מינוט, ווען ער האט דערזעהן קוראגינען אונטער'ן מעסער פון דאקטאר, האט ער זיך שוין איצט מעהר ניט געקענט צו־ריקקעהרען צו יענעם געפיהל פון ליעבען דעם געגנער. איהם האט איצט געמר־טשעט דיא פראגע צו איז ער געבליבען לעבען. און ער האט ניט געוואגט צו פרע־

נען עס.

זיין קראנקהייט איז נעגאנגען מיט איהר פיזישען שטיינער. נאר דאס וואס נאטאשא האט אנגערופען: „דיזעס האט מיט איהם פאסירט“, איז געשעהן מיט צוויי טעג פאר מארי׳ס אנקומען. דאס איז געוועזען זיין לעצטער קאמפף צווישען לעבען און טוידט, אין וועלכען דער טוידט האט ערהאלטען א זיעג.

דאס איז געווען אבענד צייט. ער האט זיך געפונען וויא געוועהנליך נאך מיטאג אין א לייכטען פיבערהאפטען צושטאנד. און זיינע געדאנקען זיינען געווען זעהר קלאר. סאניא איז געזעסען ביים טיש. ער האט איינגעדרעמילט. פלוצים האט איהם ארומגעכאפט א געפיהל פון גליק.

—„אה, דאס איז זיא אריין!“ האט ער געטראכט.

און ווירקליך אויף סאניא׳ס פלאץ איז איצט געזעסען נאטאשא, וועלכע איז אריינגעקומען מיט זעהר שטילע טריט.

צייט זיא האט אנגעהויבען ארומצוגעהן ארום איהם, האט ער שטענדיג געפיהלט א פיזישע עמפפינדונג פון איהר נאהענטקייט. זיא איז געזעסען אין א פאטעל און האט געשטריקט א זאק. (זיא האט זיך אויסגעלערנט צו שטריקען זאקען צייט אנדריי האט א מאל געזאגט, אז קיינער קען אזוי ניט אומגעהען ארום א קראנקען, וויא דיא אלטע ניאניעס, וואס שטריקען זאקען, און דאס שטריקען פון זאקען ווירקט אויף איהם בערוהיגענד.) איהרע דינע פינגער זיינען פלינק געשפרונגען איבער׳ן זאק און איהר פערטראכטע געזיכט האט זיך איהם געזעהן אין פראפיל. זיא האט געמאכט א בעוועגונג, און דאס קניילבעל איז אראבגעפאלען פון איהר שויס. זיא האט א ציטער געטהאן, האט זיך אומגעקוקט אויף איהם, און פערשטעלענדיג דאס ליכט מיט דער האנד, האט זיא זיך פארזיכטיג געשווינד א בויג געטהאן, האט אויפגעהויבען דאס קניילבעל און אנידערגעזעצט זיך אויף איהר פריהערדיגען ארט.

ער האט געקוקט אויף איהר, ניט ריהרענדיג זיך פון ארט און האט געזעהען, אז זיא האט געדארפט נאך איהר בעוועגונג אבזיפצען זיך פון פולען הארצען, נאר זיא האט זיך ניט בעשלאסען צו טהאן עס און האט פארזיכטיג אבגעצויגען דעם אטהעם.

וועהרענד זיין קראנקהייט האט ער איהר א מאל געזאגט, אז ווען ער זאל בלייבען לעבען, וואלט ער געווען דאנקבאר דער וואונדע, פאר וואס זיא האט איהם ווידער צוגעפיהרט מיט איהר. נאר פון דאמאלס אן האבען זיי מעהר ניט

גערעדט וועגען דער צוקונפט.

„איז דאס מעגליך, אז אזוי זאל זיין?“ האט ער געטראכט, קוקענדיג אויף איהר און צוהערענדיג זיך צום לייכטען קלאנג פון דיא שטאלענע פראטקעס. איז דאס מעגליך, אז דער שיקזאל האט מיך דארום צונויפגעפיהרט מיט איהר, אום איך זאל שטארבען? איך האב איהר ליעבער מעהר וויא אלץ אין דער וועלט. און ער האט א קרעכץ געטהאן.

דערהערענדיג זיין קרעכץ, האט נאטאשא אנידערגעלעגט דיא זאך, האט זיך אנגעבויגען נעהענטער אין זיין זייט, און דערזעהענדיג זיינע שטראהלענדע אויגען, איז זיא צו איהם צוגעגאנגען מיט איהרע לייכטע טריט און האט זיך אנגעבויגען איבער איהם.

— איהר שלאפט?

— ניין, איך שלאף שוין לאנג ניט און קוק אויף אייך. איך האב דערפיהלט, ווען איהר זייט אריינגעקומען. קיינער קען מיר ניט געבען אזא ווייכע שטילקייט, וויא איהר. מיר ווילט זיך אזוי וויינען פון פרייד.

נאטאשא האט זיך צוגערוקט צו איהם נעהענטער. איהר געזיכט האט גע־שטראלט פון פרייד.

— נאטאשא איך האב אייך צופיעל ליעב! מעהר וויא אלץ אין דער וועלט.

— און איך? זיא האט זיך אויף אן אויגענבליק אבגעקעהרט. פאר וואס עפעס צופיעל?

— פאר וואס צופיעל? האט ער וויעדערהאלט. נו, וויא דענקט איהר וויא פיהלט איהר אין הארצען אין אייער הארצען וועל איך בלייבען לעבען? וויא ווייזט אייך אויס?

— איך בין זיכער. איך בין זיכער! האט נאטאשא כמעט אויסגעשריען, אנ־געהמענדיג איהם פאר ביידע הענד מיט א ליידענשאפטליכע בעוועגונג.

ער איז אנטשוויגען געווארען.

— וויא גוט דאס וואלט געווען! האט ער געזאגט און אנגעהמענדיג איהר האנד, האט ער איהר א קוש געטאן.

נאטאשא איז געווען גליקליך און ערר{ע}גט און זיא האט זיך גלייך דערמאנט, אז ער דארף האבען רוה און דאס קען איהם שאדען.

— דאך האט איהר ניט געשלאפען, האט זיא געזאגט, דערשטיקענדיג אין זיך איהר פרייד—סטארעט זיך איינצושלאפען. איך בעט אייך.

ער האט ארויסגעלאזט איהר האנד און זיא איז צוגעגאנגען צו איהר פריהער־דיגען ארט און האט זיך אנידערגעזעצט. צווי מאל האט זיא זיך אומגעקוקט אויף איהם, און ביידע מאל האט זיא בעגעגענט זיינע שטראהלענדע אויגען. זיא האט זיך געגעבען דאס ווארט אז ביז זיא וועט ניט דערשטריקען ביז א געוויסען ארט, וועט זיא זיך ניט אומקוקען.

און ווירקליך גלייך נאך דעם האט ער פערמאכט דיא אויגען און איז אנשלא־פען געווארען.

איינשלאפענדיג האט ער אלץ געטראכט וועגען דעם זעלבען וואס ער האט געטראכט פריהער דיא גאנצע צייט, וועגען לעבען און טויט. נאר מעהר וועגען טוידט. ער האט זיך געפיהלט נעהנטער אהין.

„ליעבע? וואס איז ליעבע? האט ער געקלערט.

„ליעבע שטערט דעם טוידט. ליעבע איז לעבען. אלץ, אלץ וואס איך פער־שטעה, פערשטעה איך נאר דארום, וויל איך ליעב. אלץ איז פערבונדען מיט ליעבע. ליעבע איז גאט, און שטארבען וויזט מיר אויס, הייסט א טהיילכיל ליעבע זאל זיך צוריקקעהרען צום אלגעמיינעם און עווינען קוואל“.

דיזע געדאנקען האבען איהם אויסגעוויזען בערוהיגענדע. נאר דאס זיינען געווען בלויז געדאנקען. עפעס איז אין זיי אבגעגאנגען, עפעס האבען זיי געקלונגען איינזיי־טיג־פערזענליך, אויסגעפילאזאפירט, עס האט געפעהלט אויגענשיינליכקייט, אויר־סער דעם איז דא געווען עפעס אונרוהיגעס און אונקלארהייט. ער איז איינגעשלא־פען.

ער האט געזעהן אין שלאף, אז ער ליעגט אין דעם זעלבען צימער, אין וועלכען ער איז געלעגען אין דער ווירקליכקייט, נאר ער איז ניט פערוואונדעט, זאנדערן געזונד. פיעלע פערשיעדענע פערזאנען, קליינליכע, גלייכגילטיגע קומען צו פירסט אנדריי. ער רעדט מיט זיי, דעבאטירט מיט זיי וועגען עפעס נארעשקייטען. זיי קלייבען זיך צו ערגעץ צו פאהרען. אנדריי געדענקט דונקעל, אז דאס איז גאר אונוויכטיג און אז ער האט עפעס וויכטיגערע זארגען, נאר ער רעדט ווייטער און רופט ארויס זייער בעוואונדערונג מיט פוסטע שארפזיניגע ווערטער. ביסלעכווייז, אונבעמערקבאר ווערען דיעזע פערזאנען פערשוואונדען און אלץ ווערט פערביטען מיט דער פראגע וועגען א פערמאכטער טהיר. ער הויבט זיך אויף און געהט צו דער טהיר, אום אראבצולאזען דעם פעררוקער און צו פערמאכען דיא טהיר. אלץ הענגט איצט אב אין דעם צו, ער וועט אוספייען אדער ניט אוספייען צו פערמא־

בען איהר. ער געהט, איילט זיך. דיא פיס ריהרען זיך ניט, און ער ווייס אז ער וועט ניט אויפהערען צו פערשפארען דיא טהיר. נאר דאך ווענדעט ער אן אלע זיינע קרעפטען. און א פיינליבער שרעק פאלט אויף איהם אן. און דיזער שרעק איז דער שרעק פאר'ן טוידט. נאר אין דער זעלבער צייט וויא ער פרוזשעט אונגעלומפערט, אונמעכטיג צו דער טהיר, רייסט זיך שוין יענעס שרעקליכער פון דער צווייטער זייט אין טהיר. עפעס ניט מענשליכעס — דער טוידט — רייסט זיך אין טהיר און מען דארף איהר פערהאלטען. ער כאפט זיך אן פאר דער טהיר, ווענדט אן אלע זיינע קרעפטען — פערשפארען איז שוין אונמעגליך — לכל הפחות צושפארען. נאר זיינע כחות זיינען שוואך און פון יענער זייט אבער שפארט דאס שרעקליכע מיט א גוואלדיגע מאכט, און דיא טהיר עפענט זיך און פערמאכט זיך ווידער.

פון דרויסען שפארט מען ווידער, זיינע קרעפטען געהען אויס, און ביידע האל-בע טהירען עפענען זיך שטיל, און דער טוידט איז אריינגעקומען. און אנדריי איז געשטארבען.

נאר אין דעם זעלבען אויגענבליק, וויא ער איז געשטארבען, האט זיך אנדריי דערמאנט אז ער שלאפט, און אין דעם זעלבען אויגענבליק, וויא ער איז געשטאר-בען, האט ער אנגעטהאן איבער זיך א כח און האט ערוואכט.

„יא, דאס איז געוועזען דער טוידט. איך בין געשטארבען, איך האב ערוואכט. יא טוידט-ערוואכונג" איז איהם פלוצלינג ליכטיג געווארען אין הארצען, און דער שלייער וואס האט פאר איהם פערשטעלט דאס אונבעוואוסטע, האט זיך פלוצים אויפגעהויבען פאר זיין גייסטיגען בליק.

ווען ער, אבגעגאסען מיט א קאלטען שוויים, האט זיך א ריהר געטהאן, אויף דער סאפע, איז נאטאשא צו איהם צוגעגאנגען, און האט איהם געפרעגט, וואס איהם איז. ער האט איהר ניט געענטפערט, און ניט פערשטעהענדיג, וואס זיא פרעגט, האט ער איהר אנגעקוקט מיט א זעלטזאמען בליק.

אט דאס איז דאס, וואס מיט איהם האט פאסירט צוויי טעג פאר מארי'ס אנקומען. פון דעם טאג אן האט דער דאקטאר געזאגט, אז זיין פיבער האט אנ-גענומען א שלעכטע ווענדונג. נאר נאטאשא האט זיך ניט אינטערעסירט מיט דעם, וואס דער דאקטאר האט געזאגט. זיא האט געזעהען דיא גייסטיגע צייכענס פון טוידט.

פון דעם טאג אן האט זיך פאר אנדרייען אנגעהויבען אן ערוואכונג פון לעבען

צתאמען מיט דעם ערוואכען פון שלאף.

זיינע לעצטע טעג און שטונדען זיינען אריבער געוואוינליך און איינפאך. און נאטאשא און מארי וואס זיינען פון איהם ניט אבגעטראטען האבען עס געפיהלט. זיי האבען ניט געוויינט און דיא לעצטע צייט זיינען זיי ניט ארומגעגאנגען ארום איהם, זאנדערן ארום די נאהענטסטע עראינערונג וועגען איהם, ארום זיין קערפער.

זיי האבען ביידע געזעהן וויא טיעפער און טיעפער לאנגזאם און רוהיג וויא ער רוקט זיך ערגעץ אוועק פון זיי, און זיי האבען ביידע געוואוסט, אז אזוי דארף זיין און אזוי איז גוט.

ווען מען האט איהם פאר'ן טוידט צוגעפיהרט זיין זוהן, האט ער איהם א קוש געטהאן און האט זיך אבגעקעהרט. נאר אבגעקעהרט האט ער זיך ניט דערפאר, וואס איהם איז געווען שווער אדער דאס הארץ האט איהם געריסען, זאנדערן, ווייל ער האט געמיינט, אז דאס איז אלץ, וואס מען פאדערט פון איהם. נאר ווען מען האט איהם געזאגט, אז ער זאל איהם בענטשען, האט ער איהם גע־בענשט און האט זיך ארומגעקוקט, וויא פרעגענדיג, צו דארף ער נישט נאך עפעס טהאן.

ווען זיין קערפער האט גענעבען דיא לעצטע עטליכע צופען, זיינען דערביי גע־ווען מארי און נאטאשא.

— געענדיגט ? האט מארי געפרעגט, ווען זיין סערפער איז געבליבען ליגען אונבעוועגט און האט גענומען ווערען קיהלער. נאטאשא איז צוגעגאנגען, האט א קוק געטהאן אויף זיינע טוידטע אויגען און פערמאכט זיי.

„וואוהין איז ער אוועק ? וואו איז ער איצט ?....“

X.

פיער וואכען זיינען אריבער צייט פיער איז געפאנגען געווארען. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דיא פראנצויזען האבען אנגעבאטען אריבערפיהרען איהם פון דעם באלאגאן, וואו ער האט זיך געפונען מיט דיא פראסטע סאלדאטען, צו דיא אפי־צירען, איז ער געבליבען אין דעם זעלבען באלאגאן.

פיער איז דא אזוי פיעל אבגעקומען, פיעל נאר א מענש קען איבערטראגען. נאר א דאנק דעם שטארקען בוי פון זיין סערפער און זיין געזונד און בעזאנ־דערס א דאנק דעם, וואס דיא דחקות איז צוגעקומען ביסלעכווייז, כמעט אונבע־מערקבאר, האט ער גיט נאר אריבערגעטראגען אלץ גרינג זאנדערן מיט פרייד. און גראדע אין דער צייט האט ער בעקומען יענע רוהינקייט, נאך וועלכע ער האט

געשטרעבט פריהער.

אלע זיינע פאנטאזיעס האבען זיך איצט געשטרעבט צו יענער צייט. ווען ער וועט זיין פריי. און דאך שפעטער און זיין גאנץ לעבען דערנאך האט ער מיט ענט־ציקונג גערעדט און געטראכט וועגען דעם מאנאט, וואס ער איז געווען געפאנגען, וועגען זיין גייסטיגע רוהיגקייט און אינערליכע פרייהייט, וואס ער האט געפיהלט אין דעם מאנאט.

דעם זעקסטען אקטאבער ביי נאכט האבען די פראנצויזען געמאכט די לעצטע הכנות ארויסצוטרעטען פון מאסקווע מען האט צובראכען די באלאגאנעס, איינגעפאקט די וועגען און די חיל האבען זיך בעוועגט.

זיבען אזייגער אין דער פריה זיינען פראנצוזישע סאלדאטען וועלכע האבען געדארפט בעגלייטען די געפאנגענע געשטאנען ארום די באלאגאנעס, פארטיג צום ארויסטרעטען, מיט די בקסען און ראנצעס

אין באלאגאן זיינען אלע געווען פארטיג, אנגעטהאן אונטערגעגארטעלט און האבען נאר געווארט אויף א בעפעהל ארויסצוטרעטען.

די געפאנגענע אפיציערען האט מען אבגעטהיילט פון די סאלדאטען און מען האט זיי געהייסען געהן פאראויס. אפיצירע צווישען וועלכע האט זיך געפינען פיער, זיינען געווען א מאן דרייסיג און פראסטע סאלדאטען א מאן דריי הונדערט.

געגאנגען איז מען זעהר גיך און אבגעשטעלט האט מען זיך נאר, ווען די זון האט געהאלטען ביים אונטערגעהן די וועגען האט מען צוגעריקט איינע צו דעם אנ־דערן און מען האט זיך גענומען צו גרייטען צו א נ בטלאגער. אלע האבען אויס־געוויזען ביין אונצופריעדען א לאנגע צייט האבען זיך געהערט פון אלע זייטען סוכות וידכעריי און געשלעג.

פון אפיציער ביז'ן לעצטען סאלדאט האט זיך אין יעדען בעמערקט עפעס א בעס אנטקעגען די געפאנגענע.

פיער האט אויסגעזופט א געקעכץ פון קארן מעהל געקאכט מיט פערדען פלייש און האט זיך אונטערהאלטען מיט די חברים.

ניט פיער און ניט די חברים האבען ניט גערעדט ניט וועגען דעם, וואס זיי האבען געזעהן אין מאסקווע, ניט וועגען דעם גראבען בענעהמען זיך פון די פראנ־צויזען, ניט וועגען דעם בעפעהל צו דער שיסען אויף די יעניגע, וואס וועלען ניט קענען געהן. וויא אויף צו להבעים זיינען אלע געפאנגענע געווען זעהר בע־לעבט און פרייליך.

די זון איז שוין לאנג אונטערגאנגען. אויפ'ן הימעל האבען זיך נעזעהען דא און דארט העלע שטערן, א רויטקייט פון דער אויפגעהענדער פולער לבנה האט בעגאָסען דעם ברעג הימעל. עס האט אָנגעהויבען צו ווערן ליכטיגער. דער אבענד האט זיך שוין באלד געענדיגט, נאָר די נאכט איז נאָך ניט געקומען. פיער איז אוועק פון זיינע חברים אפיצירען און האט גענומען געהען צווישען די אויפגעלעגטע פייערס צו דער צווייטער וועג, וואו, וויא מען האט איהם געזאָגט, זיינען געשטאנען די געפאנגענע סאָלדאטען. אויפ'ן וועג האט איהם א פראנצויזישער סאָלדאט, וואס איז געשטאנען אויף דער וואך, אָבגעשטעלט און געהייסען געהן צוריק.

פיער האט זיך צוריקגעקעהרט, נאָר ניט צו זיינע חברים, זאָנדערן צו א'ן אָבגעשפאנטען וואָגען וואו קיינער איז ניט געווען. ער האט אונטערגעלעגט אונטער זיך די פיס און אוועקגעזעצט זיך נעבען ראד אויף דער קאלטער ערד מיט א'ן אראָבגעזונקענעם קאָפּ. קיינער האט פיער, ניט געשטערט. פלוצים האט ער זיך צולאכט מיט זיין הילכיגען גוטהערציגען געלעכטער אזוי הויך, אז פון אלע זייטען האט מען זיך ארומגעקוקט אויף דעם זעלטזאמען און איינזאמען געלעכטער.

— חא־חא־חא! האט פיער געלאכט. און ער האט ארויסגערעדט אין דער הויך צו זיך אליין: דער סאלדאט האט מיר ניט געלאָזט געהן. מען האט מיך געכאפּט, איינגעשפּארט. מען האלט מיך געפאנגען, וועמען—מיך? מיך? מיין אונשטערבליכע זעלע! חא־חא־חא!.... חא־חא־חא! ...

עמיצער איז צו איהם צוגעגאנגען א קוק צו טהאָן, וואָס לאכט עס איין מענש אליין. פיער האט אויפגעהערט צו לאכען, האט זיך אויפגעהויבען, איז אָבגעטראָטען ווייטער פון דיא נייגעריגע אויגען און האט זיך ארומגעקוקט ארום זיך.

דער לאנגער וואָס האט פריהער אזוי גערוישט פון דיא אויפגעלעגטע פייערען און פון דיא געשפּרעכען, איז איצט שטיל געוואָרען. דיא רויטע פלאמען פון דיא פייערען האבען זיך גענומען אויסלעשען. דיא וועלדער און פעלדער, וואָס זיינען פריהער געווען פערשטעלט, האָבען זיך איצט געזעהען פון דערווייטענס. פיער האט א קוק געטהאָן אויפ'ן הימעל, אויף די ווייטע שטערן און האט געזאָגט צו זיך.

„און דאָס אלץ איז מיינס, דאָס אלץ זיצט אין מיר, דאָס אלץ בין איך. און דאָס האָבען זיי געכאפּט און איינגעשפּארט אין א באלאגאן, צוגעשלאָגען פון ברעטלאך!"

ער האט א שמייכעל געטהאָן און איז אוועק לעגען זיך שלאָפען צו זיינע

חברים.

XI

אנהויב אקטאבער איז צו קוטוזאוו'ן געקומען א שליח פון נא־פאלעאנען מיט א בריעף, אין וועלכען נאפאלעאן האט פארגעשלאגען מאכען א שלום. דער בריעף איז געוועזען געצייכענט פון מאסקווע, ווערענד אין דער ווירק־ליכקייט איז נאפאלעאן געוועזען אויף דער קאלוגער וועג ניט ווייט פון קוטוזאוו'ן. קוטוזאוו האט אויף דעם בריעף געענטפערט אז וועגען שלום איז גאר ניטא וואס צו ריידען.

גלייך נאך דעם איז אנגעקומען א נאכריכט, אז פראנצויזישע היל האבען זיך געזעהען ניט ווייט, און דיא רוסישע אפיצירען האבען אנגעהויבען צו פאדערן, אז מען זאל ווערען טהעטיג. קוטוזאוו האט ניט געדרעבענט פאר נייטיג צו מאכען אנ־גריפע אויף'ן פיינד.

קוטוזאוו, וויא אלע אלטע לייט, איז וועניג געשלאפען ביי נאכט. ער פלעגט אפט איינדרעמלען פלוצלונג ביי טאג. נאר ביי נאכט פלעגט ער דאס רוב ליגען ניטאויסגעטאן אין זיין בעט און טראכטען.

שוין א חודש צייט ווי איהם האט געמוטשעט דיא פראגע, וויא גרויס איז גע־וועזען דיא וואונד, וואס דיא פראנצויזען האבען געכאפט אין באראדינא. ער האט זעהר וועניג געגלויבט דיא נאכריכטען, וואס האבען צו איהם דערגרייכט וועגען דעם שונא.

דעם 11טען אקטאבער ביי נאכט איז ער געלעגען אנגעשפארט אן זיין האנד און האט געטראכט וועגען דער אונפערענטפערטער פראגע.

אין דעם צווייטען צימער האט זיך דערהערט א שטילער גערויש און טריט.

— העי, ווער איז דארטען? קומט אריין! עפעס נייעס? האט ער אויסגע־רופען.

ווערענד דער דיענער האט אנגעצונדען א ליכט, האט איהם געגעראל טאל דערצעהלט א נאכריכט, וואס א שליח האט געבראכט.

—ווער האט געבראכט דיא נאכריכט? האט קוטוזאוו געפרעגט מיט א קאלטע שטרענגקייט.

— עס קען אין דעם קיין צווייפעל ניט זיין, אייער עקסעלענץ.

— רוף אריין, רוף אריין דעם שליח.

קוטוזאוו איז געזעסען מיט איין פוס אראבגעהאנגען פון בעט, מיט'ן צווייטען

אונטערגעבויגען אונטער זיך.

— דערצעהל, דערצעהל, מיין פריינד, האט ער זיך געווענדט צום שליח באל־באוויטינאוו, פערמאכענדיג אויפ'ן הארצען די העמדה, וואס האט זיך אבגעדעקט. וואס פאר א נייעס האסטו געבראכט? הא? נאפאלעאן איז אוועק פון מאסקווע? איז דאס ריכטיג אזוי? הא?

באלכאוויטינאוו האט איהם איבערגעגעבען אלע איינצעלהייטען, וויא אזוי מען האט ערסט אויסגעפונען, אז די גאנצע פראנצויזישע ארמיע איז ארויס פון מאס־קווא און געפינט זיך איצט ניט ווייט פון דאנען. טאל האט עפעס אנגעהויבען צו ריידען, נאר קוטוזאוו האט איהם איבערגעשלאגען קוטזאוו האט עפעס געוואלט זאגען, נאר פלוצים האט זיך זיין געזיכט צונויפגעקנייטשט און ווענדענדיג זיך מיט'ן געזיכט צום ווינקעל, וואו עס זיינען געהאנגען דיא הייליגע בילדער און גע־זאגט מיט א ציטערדיגען קול:

— גאט, אונזער בעשעפער! דו האסט פערנומען אונ'ער געבעט. רוסלאנד איז גערעטעט! און ער האט זיך צואויינט

צייט קוטוזאוו האט בעקומען דיזע נאכריכט ביז'ן ענדע פון דעם קאמפף איז זיין גאנצע טהעטיגקייט בעשטאנען אין דעם איינצוהאלטען דורך זיין מאכט, לוסטיגקייט, געבעט זיינע חיל פון אומזיסטע אנגרייפע מיט'ן פיינד, וואס איז אליין פערניכטעט געווארען.

נאר פיעל קוטוזאוו האט זיך ניט געסטארעט אבצוהאלטען זיינע סאלדאטען פון אומזיסטע בלוטפערגיסונג, איז דאס אבער געוועזן אונמעגליך אויסצופיהרען.

דיא רוסישע סאלדאטען האבען נאכגעיאגט דעם שונא און האבען אויסגע־הרג'עט טויזענדער און האבען אליין אויך פערלארען טויזענדער מענשען.

I

אן אבטהיילונג פון דיא פראנצויזישע סאלדאטען האבען זיך אבגעשטעלט אויף איבער נאכט אין דארף שאמשעוו. דא האבען זיך געפונען דיא רוסישע געפאנגע־נע. פון די 330 רוסישע געפאנגענע וואס זיינען ארויס פון מאסקווע איז איצט פערבליבען ניט מעהר וויא א הונדערט. דיא איבעריגע זיינען אין וועג צוגעשטא־נען און מען האט זיי דערשאסען. אלע זיינען איצט געזעסען אין קופקעס ביי דיא צונויפגעלעגטע פייערען. פיער איז צוגעגאנגען צו א פייער, האט אבגענעסען זיין חלק פערדען־פלייש, האט זיך געלעגט מיט'ן רוקען צום פייער און איז גלייך איינגעשלאפען.

פאר מאג נאך איידער דיא זון איז אויפגעגאנגען האבען איהם אויפגעוועקט הויכע קולות און א שטארקע שיסעריי. פערביי פיער'ן זיינען דורכ־געלאפען פראנצויזען

— קאזאקען! האט איינער פון זיי אויסגעשריען און אין א מינוט ארום האט פיער'ן ארומגערינגעלט א מענגע רוסישע געזיכטער.

א לאנגע צייט האט פיער נים געקענט פערשטעהן, וואס דא קומט פאר. פון אלע זייטען האט ער געהערט פרייליכע קולות פון דיא חברים.

— ברידער, טייבעלאך מיינע! האבען געוויינט דיא אלטע געפאנגענע סאלדא־טען, ארומנעהמענדיג דיא קאזאקען און הוזארען. דיא קאזאקען און הוזארען האבען ארומגערינגעלט די געפאנגענע און האבען זיי אין דער גיך אנגעבאטען, דער קליי־דער, דער שיך, דער ברויט. פיער האט געוויינט, זיצענדיג אין מיטען און האט נים געקענט ארויסריידען קיין ווארט ער האט ארומגענומען דעם ערסטען סאל־דאט, וואס איז צו איהם צוגעקומען און האט איהם וויינענדיג געקוסט.

* * *

דאלאכאוו איז געשטאנען ביים טהויער פון אן איינגעפאלענעם הויז און האט דורכגעלאזען א מחנה פראנצויזען, ביי וועלכע מען האט צוגענומען דיא געוועהר. דיא פראנצויזען זיינען געווען ערשטענט און האבען גערעדט אין דער הויך, נאר דורכגעהענדיג פערביי דאלאכאוו'ן, וועלכער האט זיך לייכט געקלאפט מיט א נאהייקע איבער דיא שטיוועל און האט געקוקט אויף זיי מיט זיין קאלטען, גלעז־ערנעם בליק, וועלכער האט קיין גוטס נים פערשפראכען, זיינען זיי אנשווייגען געווארן. פון דער צווייטער זייט איז געשטאנען דאלאכאוו'ס א קאזאק און האט געצעהלט דיא געפאנגענע, פערצייכנענדיג יעדע הונדערט מיט קרייד אויף'ן טהויער.

דעם אנפאל האבען געמאכט דיא הוזארען און קאזאקען אונטער דער לייטונג פון דעניסאוו און דאלאכאוו. פעטיא ראסטאוו איז געווען מיט דעניסאוו'ן און גלייך ביי דער ערשטער שיסעריי האט איהם א קויל דערהרג'עט אויף'ן ארט.

דעניסאוו איז מיט א פינסטערע געזיכט, אהן א היטעל געגאנגען הינטער דיא קאזאקען, וועלכע האבען געטראגען פעטיאס קערפער צום פרישען קבר, וואס זיי האבען אויסגעגראבען אין א גארטען און האבען איהם בעערדיגט.

XIII

נאך אנדריי'ס טויט האבען זיך נאטאשא און מארי ביידע איינגעקארטשעט

נייסטיג און האָבען ניט געוואַנט אַ קוק צו טאָן דאָס לעבען אין געזיכט. זיי האָבען ביידע פאַרזיכטיג געהיט זייערע געעפענטע וואונדען פון אַ בעלעדיגענדע בעריה־

נאָר אַ ריינער אַבסאָלוטער טרויער איז אַזוי אונמעגליך וויא אַ ריינע אַבסאָ־לוטע פרייד. מאַרי אַלס אונאַבהענגינגע ווירטין, אַלס ערציהערסע פון איהר פלי־מעניק איז די ערסטע ארויסגערופען געוואָרען צום לעבען פון דער וועלט פון טרוי־ער, און וועלכער זיא האָט געלעבט דיא ערסטע צוויי וואָכען. זיא האָט בעקומען פון די קרובים בריעף אויף וועלכע זי האט געדאַרפט ענטפערן. דאָס צימער וואָס מען האָט אָבגעגעבען איהר פלימעניק איז געווען פייכט, און ער האָט אָנגעהויבען צו הוסטען. דער פערוואַלטער פון איהרע גיטער איז געקומען צו איהר מיט רעכ־נונגען וועגען זייערע געשעפטען און האָט געראַטהען, זיי זאָלען איבערפאָהרען אין מאָסקווע אין זייער הויז, וואָס איז געבליבען גאַנץ און האָט נאָר געפאָדערט אַ קליינעם רעמאָנט. דאָס לעבען האָט זיך מיט אַנדריי'ס טויט ניט אָבגעשטעלט און מען האָט געדאַרפט לעבען. וויא שווער עס איז פאַר איהר ניט געווען אַרויס־צורייסען זיך פו דער טרויערדינער וועלטיל און שיידען זיך מיט נאַטאַשאַ'ן, האָט דאָס לעבען אָבער געפאָדערט דאָס זייניגע און זיא האָט געמוזט נאָכגעבען דיא פאָדערונגען. זיא איז דורכגעגאַנגען אַלע חשבונות מיט'ן פערוואַלטער, האָט זיך בעראַטהען מיט דעסאַל'ן וועגען פלימעניק און האָט גענומען מאַכען הכנות אַריבערצופאָהרען אין מאָסקווע.

נאַטאַשאַ איז געבליעבען אַליין און צייט מאַרי האָט גענומען מאַכען דיא הכנות צום אָבפאָהרען, האָט זיא איהר אויסגעווייכט.

מאַרי האָט פאָרגעשלאָגען דער גרעפין, אַז זיא זאָל לאָזען נאַטאַשאַ'ן פאָהרען מיט איהר אין מאָסקווע, נאָר נאַטאַשאַ האָט דערפון ניט געוואָלט הערען.

ווען נאַטאַשאַ האָט דערפיהלט, אַז זיא בלייבט אַליין מיט איהר גרויסען צער, איז זיא דאָס רוב צייט געזעסען אַליין אין איהר צימער, צופענדיג עפעס מיט איהרע דינע פינגער און קוקענדיג מיט דיא אויגען אין דער לופט. די איינזאַמקייט האָט איהר אויסגעמאַטערט, נאָר דאָס איז געווען נויטיג פאַר איהר. ווען נאָר עמיצער איז צו איהר אריינגעקומען, האָבען איהרע אויגען אָנגענומען אַן אַנדער אויסדרוק און זי האָט זיך גענומען פאַר אַ בוך אָדער פאַר נייהען, וואַרטענדיג מיט אונגעדולד, יענער זאָל אַוועקגעהן.

XIV.

װען נאטאשא איז א מאָל אזוי געזעסען פערטראכט אין איהר צימער, צופענדיג דעם גאָרטעל פון איהר קלייד, איז אין איהר צימער אריינגעלאָפען דיא דיענסט מיט א צושראָקענע געזיכט און האָט אויסגעשריען:

— נעהט גיכער צום פאָטער אן אונגליק איז געשעהען. א בריעף װעגען פעטער איליאיטש!....

— װאָס פאר אן אונגליק קען דאָרטען זיין ביי זיי, האָט נאטאשא געזאָגט צו זיך אליין אונצופריעדען.

װען נאטאשא איז אריין אין זאַל, האָט זיא בעגעגענט דעם פאָטער, װיא ער נעהט ארויס פון דער גרעפענס צימער. זיין געזיכט איז געװען צוקנייטשט און נאס פון טרערען. װיא עס האָט געשיינט, איז ער ארויסגעלאָפען פון דער װייב'ס צימער אום ער זאָל זיך קענען אויסװיינען. דערזעהענדיג נאטאשאַן, האָט ער פערצװייפעלט א מאך געטהאָן מיט דיא הענד און האָט זיך צוכליפעט, קוים ארויסריידענדיג:

—פע....פעטיא...געה, געה, זיא.... רופט......און ער האָט זיך קוים צוגע־שלעפט צו א שטוהל, איז כמעט ארויפגעפאלען אויף איהם און האָט פערשטעלט דאָס געזיכט מיט דיא הענד.

נאטאשא האָט פלוצים דערפיהלט, װיא עפּעס א שרעקליכע זאך האָט איהר א זעץ געטהאָן אין הארצען. איהר האָט אויסגעװיזען, אז עפּעס רייסט זיך ביי איהר אָב, און אז זיא שטארבט. נאָר גלייך נאָכ'ן װייהטאָג האָט זיא דערפיהלט א בעפרייאונג פון דעם איסר פון לעבען, װאָס איז אויף איהר געלעגען. דערזעהענ־דיג דעם פאָטער און דערהערענדיג דער מוטער'ס שרעקליכע קולות האָט זיא גלייך פערגעסען זיך און איהר צער. זיא איז צוגעלאָפען צום פאָטער, נאָר ער האָט איהר אָנגעװיזען אויף דער טיהר, װאָס האָט געפיהרט אין דער מוטער'ס צימער. זיא איז מיט געשװינדע טריט אריין אין צימער און איז צוגעלאָפען צו דער מוטער.

דיא גרעפין איז געלעגען אויסגעצויגען אין א פאָטעל און האָט זיך געקלאַפּט מיט'ן קאָפּ אן דער װאנד. סאָניא און דיא דיענסטמיידלאך האָבען איהר געהאַלטען פאר דיא הענד.

— נאטאשא! נאטאשא! האָט געשריען דיא גרעפין. א ליגען, א ליגען! נא־טאשא! האָט זיא געשריען, אָבשטויסענדיג פון זיך סאָניא'ן און דיא מיידלאך. אװעק פון מיר! א ליגען! דערהרג'עט! חא-חא-חא!.... א ליגען!....

נאטאשא האט זיך מיט'ן קניע א ווקגעשטעלט אויפ'ן פאטעל, אנגעבויגען זיך איבער דער מוטער און מיט א'ן אונער ווארטעטע קראפט א שלעפ געטהאן צו זיך איהר געזיכט און צוגעטהוליעט זיך צו איהר.

—מאמעלעו.... טייבעלעו.... איך בין דא. מאמעלע, האט זי געשעפטשעט.

זיא האט ניט ארויסגעלאזט דיא מוטער פון דיא הענד, האט געהייסען דער־לאנגען וואסער, האט אויף איהר צוריסען דאס קלייד און ניט אויפגעהערט צו שעפטשען:

— מאמעלע.... נשמה'לע.... טייבעלע ...

די גרעפין האט איהר צוגעדריקט די האנד, פערמאכט די אויגען און איז אויף א רגע שטיל געווארען. פלוצים האט זיא זיך געשווינד א הויב געטהאן, האט זיך ווילד ארומגעקוקט און, דערזעהענדיג נאטאשא'ן, האט זיא איהר גענומען דריקען דעם קאפ מיט אלע כחות. דערנאך האט זי אומגעווענדעט צו זיך איהר געזיכט וואס האט זיך געקנייטשט פון וויהטאג און האט אויף איהר לאנג געקוקט.

— נאטאשא, דו האסט מיך ליעב? האט דיא גרעפין געזאגט שטיל, מיט א פערטרוילינען קול. נאטאשא, דו וועסט מיך ניט אבנארען. דו וועסט מיר זאגען דעם גאנצען אמת.

— טייבעלע.... מאמעלע.... האט נאטאשא ווידערהאלט.

און אין דעם מאכטלאזען קאמפף מיט דער ווירקליכקייט, ניט וועלענדיג גלוי־בען, אז זיא קען נאך לעבע ווען איהר ליעב קינד איז דערשאסען, האט זיך דיא גרעפין געפונען איהר רעטונג פון דער ווירקליכקייט אין דער וועלט פון וואהנזין.

נאטאשא האט ניט געדענקט, וויא אזוי איז אריבער דער טאג, דיא נאכט, דער קומענדער טאג, דיא קומענדע נאכט. זיא האט ניט געשלאפען און איז ניט אבגעטראטען פון דער מוטער. דיא דריטע נאכט איז דיא גרעפין שטיל געווארען אויף עטליכע מינוט, און נאטאשא האט אנגעשפארט דעם קאפ אין הענטיל פון פאטעל און פערמאכט דיא אויגען. דאס בעט האט א סקריפ געטהאן, נאטאשא האט געפענט דיא אויגען. דיא גרעפין איז געזעסען אויפ'ן בעט און האט גערעדט שטיל:

— וויא צופריעדען איך בין, וואס דוא ביזט צוריקגעקומען. דוא ביזט פערמא־טערט פון דעם וועג, דו ווילסט טהיי?

נאטאשא איז צו איהר צוגעגאנגען.

דוא ביזט אויסגעוואקסען און שענער געווארען. דוא ביזט שוין א מאן,

האט דיא גרעפין פארטגעזעצט, אננעהמענדיג נאטאשא'ן פאר דער האנד.

— מאמעלע, וואס רעדט איהר?

— נאטאשא, ער איז שוין ניטא, ניטא מעהר!

זיא האט ארומגענומען דיא טאכטער און דיא גרעפין האט צום ערשטען מאל אויסגעבראכען אין א געוויין.

XV.

מארי האט אבגעלעגט איהר רייזע. סאניא און דער גראף האבען געזוכט צו פערבייטען נאטאשא'ן, נאר זיי האבען ניט געקענט. זיי האבען געזעהען, אז נאר זיא אליין האט געקענט אבהאלטען דיא מוטער פון א וואהנזיננינער פערצווייפלונג. דריי וואכען נאך אנאנד איז נאטאשא ניט אבגעטראטען פון דער מוטער. זיא איז געשלאפען נעבען איהר אין א פאטעל, האט איהר געגעבען עסען און טרינקען און האט ניט אויפגעהערט צו ריידען מיט איהר. זיא האט גערעדט, ווייל איהר צארטער קול אליין האט בערוהיגט דער גרעפין.

דער גרעפינ'ס גייסטיגע וואונד האט זיך ניט געקענט פערהיילען. פעטיא'ס טוידט האט אבגעריסען א האלב לעבען איהרע. אין א חודש ארום נאך דער נאכריכט וועגען פעטיא'ס טוידט איז זיא פון א פרישע, מונטערע פופציג-יאהריגע פרוי געווארען א האלב-טוידטע זקנה, וואס האט שוין קיין אנטהייל ניט גענומען אין לעבען. נאר דיא זעלבע וואונד, וואס האט א העלפט דערשלאגען דיא גרעפין, האט נאטאשא'ן ארויסגערופען צום לעבען.

נאטאשא איז איינגעפאלען, בלייך געווארען און אזוי אבגעשוואכט פיזיש, אז אלע האבען שטענדיג גערעדט וועגען איהר געזונד, און דאס איז איהר געווען אנגענאהם. נאר אפט איז אויף איהר אנגעפאלען ניט נאר א שרעק פארן טוידט זאנדערן פאר א קראנקהייט, פאר א שוואכקייט און זיא וועט פערלירען איהר שעהנהייט, און זיא האט ניט ווילענדיג בעטראכט איהרע אויסגע־מאגערטע האנד אדער געקוקט אין דער פריה אין שפיגעל אויף איהר אויסגעצוי־גענעם קלעגליכע געזיכט. איהר האט אויסגעוויעזען, אז אזוי דארף זיין, און צו דער זעלבער צייט איז איהר געווארען שרעקליך און אומעריג.

א מאל איז זיא צו גיך ארויף אויף דיא טרעפ און זיא האט זיך זעהר פערמאטערט. באלד האט זיא אויסגעפונען א תירוץ, אז זיא דארף עפעס האבען אונטען, פון וואנען זי איז ווידער ארויפגעלאפען אויף דיא טרעפ, פרובענדיג איהרע כחות.

איהר וואונד האט גענומען פערלעבען און אין איהר נשמה האבען גענומען

שפראַצען נייע בלעטלאך וואס האבען ביסלעכווייז גענומען פערדעקען איהר צרה אזוי, אז באלד וועט מען שוין ניט קענען בעמערקען, אז זיא איז דארטען וואו געוועזען.

ענדע יאנואר איז מארי אבגעפאהרען אין מאסקווע, און דער אלטער גראף האט גע'פועל'ט אז נאטאשא זאל פאהרען מיט איהר און דארטען בעראטהען זיך מיט דאקטוירים.

XVI.

פיער האט דערפיהלט דיא יסורים, דחקות און נויט, וואס ער איז אויסגעשטאנען ערסט דאן, ווען די יסורים און דחקות האבען זיך געענדיגט. ער איז גלייך נאך זיין בעפרייאונג אוועקגעפאהרען אין ארעל און פון דארטען האט ער זיך געקליבען צו פאהרען אין קיעוו נאר אין צוויי טעג ארום איז ער קראנק געווארן און איז אבגעלעגען דריי חדשים.

דיא צייט פון זיין בעפרייאונג ביז דיא קראנקהייט האט ניט געמאכט אויף איהם כמעט קיין איינדרוק. ער האט עפעס געדענקט א מיאוס וועטער און אינערליכען פיזישען אומעט, א וויהטאג אין דיא פיס, און זייט; ער האט געדענקט דיא נייגיערדע פון דיא אפיצירען, גענעראלען, וועלכע האבען איהם אויסגעפרעגט, וואס מיט איהם איז געוועזען און וועלכע האבען איהם בעזאָרגט מיט עקיפאזשען און פערד. אין דעם טאג פון זיין בעפרייאונג האט ער געזעהן פעטיא'ס טויטען קערפער. אויך דאן האט ער זיך דערוואוסט, אז אנדריי האט נאך געלעבט א חודש צייט נאך דער באראדינאר שלאכט און איז ערשט ניט לאנג געשטארבען ביי דיא ראסטאוו'ס אין הויז. אין דעם זעלבען טאג האט איהם דעניסאוו דערצעהלט, אז עלען איז געשטארבען. פיער האט געפיהלט אז ער איז ניט אין שטאנד צו פערשטעהן די בעדייטונג פון דיזע אלע נאכריכטען. ער האט זיך געאיילט אוועק צופאהרען וואס גיכער פון דיא אלע ערטער, וואו מענשען האבען אויסגעקוילעט איינער דעם צווייטען, און אבזוכען ערגעץ א שטילען פלאץ, אום צו קענען בעטראכטען וואס ער האט געהערט. נאר וויא ער איז געקומען אין ארעל איז ער קראנק געווארען און ווען ער האט ערוואכט פון זיין קראנקהייט, האט ער דערזעהן נעבען זיך צוויי פון זיינע בעדיענטע, וואס זיינען געקומען פון מאסקווע, און דיא עלטערע קוזינע זיינע.

ווען ער האט אנגעהויבען צו קומען צו זיך, האב ער זיך מיט שוועריקייטע גענומען ביסלעכווייז אבגעוואוינען פון די איינדריקע פון דיא לעצטע חדשים איהם

איז געווען שווער צוגעוואוינען זיך צום געדאנק, אז מ׳זאָגען וועט איהם קיינער אין ערנעץ ניט טרייבען, אז זיין ווארעמע בעט וועט קיינער ניט אוועקנעהמען און אז ער וועט זיכער האָבען א מיטאג, טהיי און סאָפּיר. נאָר אין שלאָף האָט ער נאָך א לאַנגע צייט איבערגעלעבט דיא גרוילען פון פלען. אויך אזוי ביסלעכווייז האָט ער גענומען בעגרייפען דיא נאכריכטען וואָס ער האָט בעקומען גלייך נאָך זיין בעפרייאונג: אנדריי׳ס טוידט, זיין ווייב׳ס טוידט און די מפּלה פון דיא פראנצויזען.

פיער האָט זיך נאָך דער קראַנקהייט אומגעביטען. זיין אויסזעהן איז געבליבען דאָס זעלבע ווי פריהער, ער איז איצט אויך געוועזן אזוי פערטראַכט און האָט ניט געזעהן וואָס עס טהוט זיך פאר זיינע אויגען. נאָר פריהער האָט ער אויסגעזעהען צו זיין חנם א גוטער מענש אָבער אן אונגליקליכער, און דעריבער האָבען זיך מענשען פון איהם דערווייטערט; און איצט האָט א פריילעכער שמייכעל פון לעבען שטענדיג געשפּיעלט ארום מויל און אין דיא אויגען האָט זיך געלויכטען אנטהייל צו מענשען, און מענשען האָבען זיך געפיהלט אָנגענעהם אין זיין געגענוואַרט.

פריהער האָט ער פיעל גערעדט, האָט זיך געקאָכט און האָט ווייניג געהערט; איצט האָט ער זיך זעלטען געקאָכט און האָט געקענט אויסהערען אזוי, אז מענשען האָבען איהם מיט פערגניגען דערצעהלט זייערע פערבאָרגענסטע סודות.

XVIII.

ענדע יאנואר איז פיער אראָבגעקומען אין מאָסקווע און האָט זיך בעזעצט אין א זייטיגע שטיבעל, וואָס איז פערבליבען פון זיין פּאלאַץ. ער האָט זיך געקליבען צו פאָהרען אין פּעטערבורג או האָט גערעכענט צו שטעהן אין מאָסקווע א פּאָר טעג: דיא שטאָדט האָט איצט גענומען לעבען, און אלע האָבען געפייערט דעם זיעג.

ווענען דיא ראָסטאָווס האָט ער געהערט, אז זיי געפינען זיך איצט אין קאָסטראָמא, און נאטאשא איז איהם זעלטען אריין אין זינען. אויב ער האָט זיך יא דערמאָנט וועגען איהר, איז דאָס נאָר געווען ווי אן אנגענעהמע ערינערונג פון א ווייטער פערגאנגענהייט.

אויפ׳ן דריטען טאָג נאָך זיין קומען אין מאָסקווע האָט ער זיך דערוואוסט, אז מארי געפינט זיך אין מאָסקווע. אנדריי׳ס טוידט, זיינע לעצטע טעג האָבען פיער׳ן זעהר אינטערעסירט און נאָך דעם זעלבען אבענד איז ער אוועקגעפאָהרען צו איהר.

אין אלטער דיענער מיט אין ערנסטע געזיכט האָט איהם געמעלדעט, אז דיא

פירסטין נעהמט צו געסט נאר זונטאג.

פון דעסטוועגען געה און מעלד, פיעלייכט וועט זיא עמפפאנגען, האט געזאגט פיער.

אין עטליכע מינוט ארום איז ארויסגעקומען דער דיענער און דעסאל. דעסאל האט איהם איבערגעגעבען פון מאריי'ס נאמען, אז זיא איז זעהר צופריעדען איהם צו זעהען און בעט איהם ער זאל ארויף צו איהר אין איהרע צימערן.

אין צימער, וואוהין פיער איז אריינגעקומען, און וואס איז געוועזן בעלויכטעט מיט איין ליכט, איז געזעסען מארי און נאך עמיצער אין א שווארצע קלייד. ווער אזוינס דאס איז געוועזן האט ער נישט בעמערקט.

מארי האט זיך אויפגעהויבען און קומענדיג איהם אנטקעגען, האט זיא איהם אויסגעשטרעקט דיא האנד.

— יא, האט זיא געזאגט, אט וויא מיר בעגעגענען זיך. ער (דאס הייסט אנ־דריי) האט אפט גערעדט וועגען אייך די לעצטע טעג. איך האב זיך אזוי געפרייט, ווען איך האב זיך דערוואוסט, אז איהר זייט בעפרייט געווארען. דאס איז געוועזן דיא ערסטע פרייליכע נאכריכט, וואס מיר האבען בעקומען אין דעם פערלויף פון א לאנגע צייט.

מארי האט זיך אונרוהיג אומגעקוקט אויף איהר חברתא און האט עפעס גע־וואלט זאגען, נאר פיער האט איהר איבערגעשלאגען.

— שטעלט זיך פאר, אז איך האב וועגען איהם נאר נים געוואוסט, האט גע־זאגט פיער. איך האב גערעכענט, אז ער איז טוידט. אויסגעפונען האב איך שוין שפעטער, אז ער איז אריינגעפאלען צו דיא ראסטאוום...... וואס דאס שיקזאל קען מאכען!

פיער האט גערעדט גיך און בעלעבט. ביי זיינע לעצטע ווערטער האט זיך אויף מאריי'ס געזיכט געשטארקט דיא פערלעגענהייט. זיא איז מיט דיא אויגען איבערגעלאפען פון פיער'ס געזיכט איבער'ן געזיכט פון דער דאמע אין שווארצען.

— דערקענט איהר דען נים? האט זיא געפרעגט.

פיער האט א קוק געטהאן אויף די דאמע אין שווארצען: „דאס איז אונמעג־ליך, אז דאס זאל זיין זי. דאס איז נאר אן ערינערונג פון איהר", האט ער געזאגט צו זיך. נאר אין דער צייט האט מארי געזאגט:

א ט א ש א.

אויף נאטאשאס געזיכט האט זיך געוויזען זעהר א לייכטער שמייכעל און אויף

פיער'ן האט פלוצים א בלאז געטהאן מיט א לאנג פערגעסענעם גליק. ווען זיא האט א שמייכעל געטהאן, האט ער שוין מעהר ניט געצווייפעלט, דאס איז געווען נאטאשא און ער האט איהר געליעבט.

אין דער ערשטער מינוט האט ער ארויסגעוויזען פאר זיי און פאר זיך אליין זיין געהיימניס. ער איז רויט געווארען און האט געוואלט בעהאלטען זיין ערגענונג, נאר וואס מעהר ער האט עס געוואלט בעהאלטען האט ער עס אלץ מעהר ארויס געוויזען, אז ער ליעבט איהר.

פיער'ס פערלעגענהייט האט ביי נאטאשא'ן ניט ארויסגערופען קיין פערלעגענהייט, פערקעהרט, דאס האט איהר פערשאפט פערגניגען.

פיער איז זיך פערזעסען זעהר שפעט אין דער נאכט. זיי האבען גערעדט וועגען אנדריי'ס טוידט, פיער האט דער צעהלט זיינע ערפאהרונגען פון פלען און נאטאשא, וואס איז געווען זעהר שווייגענדיג צייט פון אנדריי'ס טוידט, האט איצט דערצעהלט אלע איינצעלהייטען פון איהר לעצטע בעגעגניס מיט אנדרייען, פון זיינע לעצטע טעג און פיער האט גענומען אבשיעד און איז אוועק.

XIX.

פיער האט ניט געקענט איינשלאפען דיא נאכט. ער האט ארומגעשפאצירט איבער'ן צימער אויף און אב, דא ציהענדיג מיט דיא אקסלען און דא שמייכלענדיג.

זיין רייזע אין פעטערבורג האט ער אבגעלעגט און אויף מארגען איז ער געפאהריין מיטאגען צו מארי.

נאטאשא'ן האט איצט אויסגעזעהן גראדע אזוי וויא ער האט איהר געקענט פון איהרע קינדערשע יאהרען. איהרע אויגען האבען געלויכטען מיט א פרייליכען פראגענדען שיין. איהר געזיכט האט געהאט א צערטליכען און שעלמישען אויסדרוק

פיער וואלט פערבלייבען דעם גאנצען אבענד, נאר מארי האט געדארפט פאהרען אין איהר קירכע און פיער איז מיטגעפאהרען.

אויף מארגען איז פיער געקומען פריה, האט דא געמיטאגט און איז אבגעזעסען דעם גאנצען אבענד. זייער געשפרעך איז איבערגעפליגען פון איין געגענשטאנד אויפ'ן צווייטע און האט זיך אפט איבערגעריסען. פיער איז זיך פערזעסען אזוי שפעט אז מארי און נאטאשא האבען זיך גענומען איבערקוקען. פיער האט געפיהלט אז ער דארף שוין געהן, נאר ער האט ניט געקענט אויפהייבען זיך. מארי האט זיך דיא ערשטע אויפגעהויבען און קלאגענדיג זיך אויף א קאפ

וועהטאג, האט זיא גענומען וועגענען זיך.

— אלזא פאהרט איהר מארגען אין פעטערבורג? האט זיא געזאגט.

— ניין, איך פאהר ניט, האט פיער געזאגט פערוואונדערט און ווי בעליידיגט. אין פעטערבורג? אה, יא, מארגען. נאר איך זעגען זיך נאך ניט. איך וועל פאר'ן פאהרען אריינקומען, האט ער געזאגט, רויט ווערענדיג און נאך אלץ ניט ריהרענדיג זיך פון ארט.

נאטאשא האט אי..ם געגעבען דיא האנד און איז ארויסגעגאנגען. נאר מארי אנשטאט אוועקצוגעהן, האט זיך ווידער א־ייגגעזעצט אין א פאטעל און האט מיט איהרע שטראהלענדע אויגע ארפמערקזאם א קוק געטהאן אויף איהם. איהר קאפוועהטאג איז, וויא עס האט געשיינט, אין גאנצען פערשוואונדען געווארען. זיא האט זיך אבגעזיפצעט, וויא צוגרייטענדיג זי: צו א לאנגען געשפרעך.

מיט נאטאשא'ס אוועקגעהן איז פיער'ס פערלעגענהייט פערשוואונדען געווארן. ער האט צוגערוקט א פאטעל צו איהרען און געזאגט מיט אן ערערנסטע בעלעבטערהייט:

— יא, איך האב מיט איך געוואלט ריידען. העלפט מיר דא אויס. וואס זאל איך טהאן? קען איך האפען? פריינד מיינער, הערט מיך אויס. איך וויים אלץ. איך וויים, אז איך בין ניט ווערטה צו האבען איהר; איך וויים, אז איצט איז אונמעגליך צו ריידען וועגען דעם. נאר איך וויל זיין איהרער א ברודער. ניין, ניט דאס, איך וויל ניט, איך קען נים.

ער האט זיך אבגעשטעלט אין מיטען ריידען און האט אויסגעווישט דאס געזיכט און דיא אויגען מיט דיא הענד.

— אט אזוי, האט ער פארטגעזעצט, אנטהוענדיג איבער זיך א כח און צו ריידען אזוי, אז דיא ווערטער זאלען זיך קלעפען. איך וויים ניט, פון וועלכע צייט אן איך ליעב איהר. נאר איהר אליין האב איך געליעבט מיין גאנץ לעבען און אהן איהר קען איך זיך דאס לעבען ניט פארשטעלען. ריידען איצט מיט איהר וועגען דעם קען איך זיך ניט בעשליסען, נאר דער געדאנק, אז זיא האט אפשר געקענט זיין מיינע און איך האב דורכגעלאזט דיא געלעגענהייט... די געלעגענהייט.... איז שרעקליך. זאגט מיר, קען איך האפען? זאגט מיר, וואס דארף איך טאן.

— איך דענק וועגען דעם, וואס איהר האט מיר געזאגט, האט געענטפערט מארי. איהר זייט גערעכט, אז איצט ריידען וועגען ליעבע... מארי האט זיך איבערגעהאקט. זיא האט זיך איבערגעהאקט דערפאר וויל זיא האט געוואלט זאגען, אז

איצט ריידען ווענען ליעבע קען מען ניט, נאר בעמערקט האט זיא שוין פון דריי טעג, אזז נאטאשא, וואס האט זיך פלוצים אזוי געענדערט, ווטט זיך ניט נאר ניט בעליידינען, ווען פיער זאל זיך איהר ערקלערן אין ליעבע, זאנדערן דאס איז דיא איינציגע זאך, וואס זיא ווינשט.

— ריידען מיט איהר איצט.... קען מען ניט, האט מארי דאך געזאגט ענדליך.

— נאר וואס זאל איך טהאן?

— לאזט דאס איבער צו מיר, האט געזאגט מארי. איך וויס....

פיער האט איהר געקוקט אין דיא אויגען.

— וואס, וואס?...... האט ער געפרעגט.

— איך וויס, אז זיא ליעבט ... זיא וועט אייך ליעבען.

זיא האט קוים ארויסגערעדט דיא ווערטער איז פיער אויפגעשפרונגען מיט א צושראקענע געזיכט און האט איהר אנגעכאפט פאר דער האנד.

— פאר וואס דענקט איהר אזוי! איהר דענקט, אז איך קען האפען? איהר דענקט?!....

— יא, איך דענק אזוי, האט מארי געזאגט שמייכלענדיג. שרייבט א בריעף צו איהרע עלטערן. וויטער פערלאזט זיך אויף מיר. איך וועל מיט איהר ריידען ווען עס וועט זיין א געלעגענהייט. און מיין הארץ פיהלט, אז אזוי וועט זיין.

— ניין, דאס איז אונמעגליך! וויא גליקליך איך בין! ניין, דאס איז אונמעגליך! האט פיער גערעדט, קוסענד מאריין אין דיא הענד.

— איהר פאהרט אין פעטערבורג. דאס וועט זיין בעסער. און איך וועל אייך אנשרייבען, האט זיא געזאגט.

— אין פעטערבורג? איך זאל פאהרען אין פעטערבורג? גוט, איך פאהר, נאר מארגען קען איך קומען צו אייך?

אויף מארגען איז פיער געקומען זענענען זיך. נאטאשא איז געוועזען אזוי בעלעבט וויא אין דיא פריהערינע פאר טעג, נאר איהרע אויגען האבען געשיינט מיט גליק.

„איז דאס מעגליך? ניין, דאס קען ניט זיין" האט ער געזאגט צו זיך ביי יעדער מינע איהרע, ביי יעדען ווארט און ביי יעדען בליק איהרען.

ווען ער האט גענומען איהר דינע אויסגעטאגערטע האנד ביים זענענען האט ער איהר געהאלטען אביסעל לענגער וויא געווענליך.

„איז דאס מעגליך, אז דיזע האנד, דער געזיכט, דיזע אויגען, דיזער גאנצער אוצר פון פרויען־רייץ, וועט בעלאנגען אויף אויביג צו מיר? ניין, דאס איז אונ־מעגליך.

— א גליקליכע רייזע, גראף, האט זיא געזאגט אין דער תויף. איך וויל אויף אייך זעהר ווארטען, האט זיא דערנאך געזאגט אין דער שטיל.

XX.

פון דעם ערסטען אבענד, וואס נאטאשא האט בעגעגענט פיער'ן אין מארי'ס הויז, האט אין איהר הארצען ערוואכט עפעס, וואס איז געווען טיעף בע־האלטען אינערוויינינ.

איהר געזיכט, איהר גאנג, איהר שטימע, אלץ האט זיך פלוצים געענדערט. דיא קראפט פון לעבען, פון האפנונג, פון גליק איז פלוצים ארויסגעשוואומען פון אויבען און האט געפאדערט א בעפרידיגונג. זיא האט וועניג גערעדט וועגען פיער'ן נאר ווען מארי האט דערמאנט וועגען איהם, האבען זיך איהרע אויגען, וואס זיינען געוועזען אזא צייט אויסגעלאשען ווידער אנ־געצונדען מיט א פייער און אויף דיא ליפען האט געשוועבט א זעלטזאמער שמייכעל.

ווען פיער האט געהאט זיין ערקלערונג מיט מארי אין דיא נאכט פאר זיין אבררייזען האט נאטאשא איהר בעגעגענט אויפ'ן שוועל.

— האט ער געזאגט? יא? האט ער געזאגט? האט זיא ווידערהאלט. איך האב געוואלט אונטערהערען פון הינטער דער טהיר, נאר איך האב געמאוסט, אז דו וועסט מיר זאגען.

דיא ערסטע מינוט האבען נאטאשא'ס ווערטער בעליידיגט מאריין. זיא האט זיך דערמאנט אן איהר ברודער און זיין ליעבע. נאר דערזעהענדיג איהר בליק, איהר ערעגונג, האט זיא געזאגט צו זיך: וואס קען זיא העלפען! זי קען אנדערש ניט" און האט מיט אן אומעדיגען און שטרענגען קול איבערגעגעבען איהר אלץ, וואס פיער האט געזאגט.

דערהערענדיג, אז פיער פאהרט מארגען אב אין פעטערבורג, האט נאטאשא אויסגערופען פערוואונדערט:

— אין פעטערבורג! נאר בעמערקענדיג מארי'ס טרויעריגען אויסדרוק פון גע־זיכט האט זיא פערשטאנען דיא אורזאכע און האט זיך צואויינט. מארי, האט זי געוויינט, לעהרען מיך ווי צו האנדלען דא איך האב מורא איך זאל דא ניט האנד־

לען עפעס שלעכט. וואס דו וועסט הייסען, וועל איך טהאן....

— דו האסט איהם ליעב?

— יא, האט נאטאשא אויסגעטורמעלט.

— אויב אזוי, וואס ווייגסטו, האט מארי געזאגט, שענקענדיג איהר דיא פריי־ליכקייט פאר דיזע טרערען.

— אח, וואס פאר א גליק דאס וועט זיין, ווען איך וועל זיין זיין ווייב און דו וועסט חתונה האבען מיט ניסאלאיען.

— נאטאשא, איך האב דיך געבעטען ניט צו ריידען וועגען דעם. זיי זיינען אנשווייגען געווארען.

— נאר פאר וואס איז ער אוועקגעפאהרען אין פעטערסבורג? האט נאטאשא פלוצים געפרעגט און האט אליין געאיילט צו ענטפערן. יא, יא, אזוי דארף זיין. ניט וואהר, מארי? אזוי דארף זיין....

עפּילאָג

I.

נאַטאַשאַ האָט חתונה געהאַט מיט פּיער בעזוכי אין דעם יאָהר 1813 און דאָס איז געווען די לעצטע פרייליכע עראייגניס אין דער אלטער פאַמיליע ראָסטאָוו. אין דעם זעלבען יאָהר איז געשטאָרבען דער אלטער גראף איליא אנדרעיעוויטש ראָסטאָוו און מיט זיין טוידט איז די פריהערדיגע הוידגעזינד צופאַלען געוואָרען

די עראייגניסע פון דעם לעצטען יאָהר: דאָס אנטלויפען פון מאָסקווע, די שרפות דאָרטען, אנדריי׳ס טוידט און נאַטאַשאַ׳ס פערצווייפלונג, פעטיא׳ס טוידט און דער גרעפינ׳ס צער, דאָס אלץ איז געפאַלען איין קלאַפּ נאָכ׳ן צווייטען אויף זיין אלטען קאָפּ.

נאַטאַשאַ׳ס חתונה האָט איהם א ווייַלע בעשעפטיגט מיט דער אויסערליכער זייט. ער האָט געגעבען דינערס, סאָפּערס און האָט זיך געוואָלט ווייזען פרייליך. נאָר זיין פרייליכקייט האָט זיך ניט אָנגעשטעקט, וויא פריהער, אין אנדערע, פארקערט האָט ארויסגערופען מיטלייד ביי די יעניגע, וואָס האָבען איהם געקענט און געליעבט.

נאָך נאַטאַשאַ׳ס אָבפאָהרען מיט׳ן מאַן איז ער שטיל געוואָרען און האָט זיך אָנגעהויבען צו קלאָגען, אַז איהם איז אומעדיג. אין עטליכע טעג ארום איז ער קראַנק געוואָרען און אריינגעלעגט זיך אין בעט. ער האָט גלייך געוואוסט, אַז ער וועט שוין פון בעט ניט אויפשטעהן. די גרעפין האָט פערבראַכט געבען זיין צוקאָפּענס צוויי וואָכען, ניט אויסטהוענדיג זיך. יעדעס מאָל וואָס זיא האָט

איהם נעגעבען רפואות, האט ער שטיל, כליפענדיג, געקוסט איהר האנד. דעם לעצטען טאג האט ער ביי איהר און ביים זוה אונטער דיא אויגען געבעטען אום פערצייהונג, פאר וואס ער האט געמאכט א תל פון דיא גיטער. אויסגעגאנגען איז ער שטיל, און אויף מארגען זיינען געקומען אלע בעקאנטע אבצוגעבען איהם דעם לעצטען חוב און אלע האבען געזאגט מיט איין לשון:

יא, וואס מען זאל ניט זאגען, א מענש איז ער געוועזען א דימענט. אזעלכע מענשען קען מען נאר היינט ניט בעגעגנען.... און ווער האט עס נישט זיינע שוואכע זייטען?....

ער איז געשטארבען גראדע אין דער צייט, ווען זיינע געשעפטען האבען זיך אזוי פערפלאנטערט, אז מען האט זיך שוין ניט געקענט פארשטעלען, מיט וואס וועט זיך עס ענדיגען, אז דאס זאל אנהאלטען נאך א יאהר.

ניקאלאי האט זיך געפונען אין פאריז מיט דיא רוסישע סאלדאטען ווען ער האט בעקומען דיא נאכריכט וועגען דעם פאטער'ס טוידט. ער האט גלייך געבעטען אום ענטלאסונג פון דיענסט און ניט דערווארטענדיג זיך אויף דעם איז ער אוועקגעפאהרען אין מאסקווע. אין א חודש ארום האט זיך ארויסגעוויעזען, אז דער אלטער גראף האט איבערגעלאזען חובות צוויי מאל אזוי פיעל, וויא זיינע גיטער זיינען ווערטה געוועזען.

דיא קרובים און פריינד האבען געראטהען ניקאלאיען, אז ער זאל זיך אבזאגען פון דער ירושה. נאר ניקאלאי האט אין דעם געזעהן א פארוואורף דעם הייליגען געדעכטניס פון זיין פאטער און ער האט פון דעם ניט געוואלט הערען און האט איבערגענומען דיא ירושה מיט דער פערפליכטונג צו בעצאהלען דיא חובות.

דיא קרעדיטארען זיינען איהם גלייך בעפאלען וויא ביהנען און מען האט איהם ניט געלאזט רוהען. זיינע אונטערנעהמונגען האבען איהם ניט געלונגען און די גיטער האט מען פערקויפט פון א אוקציאן און א העלפט חובות זיינען געבליבען ניט בעצאהלט. ער האט ביי פיער'ן געליהען דרייסיג טויזענד רובעל און האט בעצאהלט א טהייל חובות, וואס ער האט אנערקענט פאר געלד-חובות, און אום פאר דיא איבריגע ניט אריינצופאלען אין געפענגניס, איז ער וויעדער אריינגעטראטען אין דיענסט.

ער האט געוואלט צוריקקעהרען אין דער ארמיע, נאר דאס האט דיא מוטער ניט דערלאזט. זי האט איהם פון זיך ניט געוואלט אבלאזען און ער האט אויסגע־טהאן זיין מונדיר און האט אנגענומען א ציוויל־שטעלע אין מאסקווע און בעזעצט

זיך מיט דער מוטער און סאָניאַ׳ן אין א קליינע וואוינונג.

נאטאשא און פיער האָבען געוואוינט אין פעטערבורג און האָבען קיין אהנונג נים געהאט פון ניקאָלאַי׳ס לאגע.

II.

אנהויב ווינטער איז מארי אראָבגעקומען אין מאָסקווע. פון דיא קלאנגען וואס האָבען זיך געטראָגען איבער דער שטאָדט, האט זיא זיך דערוואוסט, אין וואס פאר א לאגע די ראסטאָווס געפינען זיך און ווי „דער זוהן האט זיך אויפגעאָפּפערט פאר דער מוטער". זיא האט גערעכענט פאר איהר חוב צו מאכען דיא ראסטאָווס א וויזיט, נאר דעמאָנענדיג זיך איהרע פערהעלטניסע מיט ניקאָלאַיען אין וואָראָנעזש, האט זיא דערפאר מורא געהאט. דאך איז זי אין עטליכע וואכען ארום נאך איהר קומען אין מאָסקווע אוועקגעפאָהרען צו דיא ראסטאָווס.

דער ערשטער האט איהר בעגעגענט ניקאָלאַי, ווייל מען האט געדארפט דורכגעהען דורך זיין צימער צו די גרעפין. ביים ערשטען בליק אויף איהר, האט ניקאָלאַי׳ס געזיכט אָנגענומען אַ׳ן אויסדרוק פון קאַלטקייט, טרוקענקייט און שטאָלץ אנשטאָט פריילינקייט, ווי מארי האט ערווארטעט. ניקאָלאַי האט געפרעגט, וואָס זיא מאכט, האט איהר בעגלייט צו דער מוטער אין צימער, איז דארטען געזעסען א מינוט פינף און ער איז ארויסגעגאנגען פון דארטען.

ווען זיא איז ארויסגעקומען פון דער גרעפינ׳ס צימער, האט איהר ניקאָלאַי ווידער בעגעגענט און בעגלייט איהר זעהר טרוקען צום פארצימער. ער האט קיין װארט נים געענטפערט אויף איהר בעמערקונג וועגען דער גרעפינ׳ס געזונד. וואס געהט דאס אייך אן? לאָזט מיך צורוה, האט גערעדט זיין בליק.

— וואס שלעפט זיא זיך דאָ ארום? וואס דארף זיא דאָ? איך קען נים ליידען דיזע דאמען און זייער ליעבענסווירדיגקייט, האט ער געזאָגט אין דער הויך אין סאָניא׳ס געגענווארט, נים קענענדיג לענגער איינהאלטען דעם פערדרוס, נאָכדעם וויא מארי׳ס קארעטע איז אָבגעפאָהרען פון זייער וואוינונג.

— אח, וויא קענט איהר עס אזוי רעדען, ניקאָלאַס, האט געזאָגט סאָניא קוים בעהאלטענדיג איהר פרייד. זיא איז אזא גוטע און דיא מאמא האט איהר אזוי ליעב!

ניקאָלאַי האט נאָר נים געענטפערט און האט מעהר נים געוואָלט רידען פון איהר. נאר פון דיזען בעזוך אָן האט דיא אלטע גרעפין עטליכע מאָל אין טאָג פערצווינען א געשפרעך וועגען איהר.

די גרעפין האט איהר געליבט און האט געפאָדערט, אז ניקאָלאי זאָל אריבער־פאָהרען צו איהר, האט אויסגעדריקט איהר וואונש צו זעהען איהר עפטער.

ניקאָלאי האט געזוכט צו פערשווייגען ווען דיא אלטע גרעפין האט גערעט ווע־גען מאריען. נאר זיין שווייגען האט איהר צורייצט.

זיא איז זעהר א ווירדיגע און פיינע מיידעל, האט דיא גרעפין ניט אויפגעהערט צו ריידע', און דו דארפסט אריבערפאָהרען צו איהר. דאָרטען קענסטו פאָרט זעהן עמיצען. אזוי דארף דאָך דיר זיין אומעדיג מיט אונז.

— אָבער איך וויל ניט, מוטער, האט ניקאָלאי געזאָגט.

— דאָ האָסטו געוואָלט זעהן און דאָ ניט. איך פערשטעה דיך ניט, ווירקליך, מיין ליעבער. דאָ איז דיר אומעדיג און דאָ ווילסטו קיינעם ניט זעהן.

— איך האָב נאָר קיין מאָל זיך ניט געקלאָגט אויף אומעטם.

— ווען איך זאָל דיך בעטען צו טאָן עפעס אונאנגענעהמעס, אָבער איך בעט דיך ניט מעהר וויא אבצוגעבען א וויזיט. דוכט זיך, דיא העפליכקייט אליין פאָדערט עס.... איך האָב דיך געבעטען און איצט מיש איך זיך מעהר ניט, ווען דו האָסט סודות פון דער מאמען.

— איך וויל אריבערפאָהרען, אז איהר ווילט.

— מיר איז אלץ איינס. איך וויל עס פאר דיר.

ניקאָלאי האט זיך געביסען די וואָנסען, האט אויסגעלעגט קאָרטען און געזוכט אָבצוציהען איהר אויפמערקזאמקייט אויף אן אנדער געגענשטאנד.

נאָר אויף מאָרגען און איבערמאָרגען און נאָך איבערמאָרגען האט זיך ווידער־האָלט דער זעלבער געשפרעך.

נאָך איהר בעזוך צו דיא ראָסטאָווס און נאָך דעם קאלטען עמפפאנג וואָס זי האט געהאט פון ניקאָלאיען, האט מארי צוגעגעבען זיך אליין, אז דיא איז געווען גערעכט, ווען זיא האט ניט געוואָלט פאָהרען צו דיא ראָסטאָווס.

— איבריגענס איך האָב עפעס אנדערס ניט ערוואַרט, האָט זיא געזאָגט צו זיך, רופענדיג איהר שטאָלץ צו הילף. איך האָב נאָר ניט צו טהאָן מיט איהם און האָב נאָר געוואָלט זעהן דיא אלטעטשקע, וועלכע איז געווען שטענדיג גוט צו מיר

נאָר זיא האט זיך ניט געקענט בערוהיגען מיט דיעזע רעכנונגען. א געפיהל עהנליך צו חרטה האט איהר געפלאגט. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי האט זיך שטייף ענטשלאָסען ניט צו פאָהרען מעהר צו דיא ראָסטאָווס און פערגעסען אלץ, האט זיא זיך אלץ געפיהלט אין אן אונבעשטימטען צושטאנד. און ווען איז

האָט זיך נעפרעגט. וואָס אזוינס פלאָגט איהר, האָט זי זיך געמיזט מודה זיין, אז דאָס זיינען איהרע פערהעלטניסע מיט ניקאָלאיען. זיין קאָלטער העפליכערער טאָן איז ניט נעקומען פון זיינע געפיהלען צו איהר (דאָס האָט זיא נעוואוסט), זאָנדערן דער טאָן האָט עפּעס פערשטעלט. וואָס אזוינס האָט עס פערשטעלט האָט זיא נעדאָרפט אויסנעפינען, און ביז זיא האָט עס ני סגעפונען, האָט זיא נעפיהלט אז זיא קען ניט זיין רוהיג.

און מיטען ווינטער איז זיא נעזעסען מיט איהר פלימעניק אין צימער און צו נעהערט וויא ער לערנט ווען מען איז איהר נעקומען מעלדען, אז ראָסטאָוו איז נעקומען, מיט א פעסטען בעשלוס ניט ארויסצואווייזען איהר געהיימניס האָט זיא נענומען איהר קאָמפּאַניאָנקע בוריען און צוזאַמען מיט איהר איז זיא ארויס אין זאַל-צימער.

ביים ערסטען בליק אויף ניקאָלאי'ס געזיכט האָט זיא דערזעהן, אז ער איז נאָר נעקומען אויס העפליכקייט און האָט זיך בעשלאָסען צו האַלטען זיך מיט איהם אין דעם זעלבען טאָן מיט וועלכען ער האָט זיך נעווענדעט צו איהר.

זיי האָבען גערעדט וועגען דער גרעפינס געזונד, וועגען בעקאַנטע, וועגען דיא לעצטע נייעס פון דעם קריעג, און ווען עס זיינען אריבער דיא צעהן מינוט וואָס דיא העפליכקייט פאָדערט, אז א גאַסט זאָל זיצען, האָט ער זיך אויפגעהויבען צו נעהמען אבשיעד.

מארי מיט בוריענ'ס הילף האָט אויסגעהאלטען דעם געשפרעך זעהר גוט; נאָר אין דער לעצטער מינוט, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען, איז זיא אזוי מיעד געוואָרען פון ריידען וועגען זאכען, וואָס האבען איהר ניט אינטערעסירט, און דער געדאַנק, פאר וואָס איז איהר געגעבען געוואָרען אזוי וועניג נחת אין לעבען, האט איהר אזוי בעשעפטיגט, אז זי האט ניט בעמערקט צוליעב איהר צערשטרייטקייט אז ער האָט זיך אויפגעהויבען.

ניקאָלאי האט אויף איהר א קוק געטאָן און וועלענדיג מאכען א מינע, אז ער בעמערקט ניט איהר פערטראכטקייט, האט ער געזאָגט א פּאָר ווערטער צו בוריען און האט ווידער א קוק געטהאָן אויף מאריין. זיא איז נאָך אלץ געזעסען אזוי אונבעוועגליך און אויף איהר צארטע געזיכט האָט זיך אָבגעטונקט איהר קימער. ער האָט פלוצים געקראָגען מיטלייד מיט איהר און ער האָט דונקעל געפיהלט, אז פיליכט איז ער דיא אורזאכע פון דעם קימער, וואָס שפּיעגעלט זיך אָב אויף איהר געזיכט. ער האָט איהר געוואָלט זאָגען עפּעס אנ

גענעהמעס, נאָר ער האָט ניט געפונע וואָס צו זאָגען.

— זייט געזונד! האָט ער געזאָגט.

זיא האָט זיך דערמאָנט, וואו זיא איז אין דער וועלט, איז רויט געוואָרען און האָט זיך שווער אָבגעזיפצעט.

— אַח, פערצייהעט, האָט זיא געזאָגט. איהר פאָהרט שוין אוועק? און דאָס קישעלע פאר דער גרעפין?

— ווארט, איך טראָג עס שוין אריין? האָט געזאָגט בוריען און איז ארויס פון צימער.

ביידע האָבען געשוויגען, ווארפענדיג זעלטען אַ בליק איינער אויף'ן צווייטען.

— יא, האָט ענדליך געזאָגט ניקאָליא מיט א טרויעריגען שמייכעל, עס ווייזט אויס, אז דאָס איז געווען ניט לאַנג, אָבער פיעל וואסער איז אוועקגערונען צייט דאמאָלס, ווען מיר האָבען זיך געזעהן דאָס ערסטע מאָל אין באָגוטשאראָווא. מיר זיינען אלע געוועזען דאמאלס אין אן אונגליק און פיעל וואָלט איך איצט געגעבען צוריקצוקעהרען יענע צייט, אָבער מען קען איהר שוין ניט צוריקקעהרען.

מארי האָט איהם דורכדרינגליך געקוקט אין דיא אויגען, ווען ער האָט עס גערעדט. זיא האָט וויא געזוכט צו פערשטעהן יענעם פערבאָרגענעם זינן פון זיינע ווערטער, וואס זאָל איהר ערקלערען זיינע געפיהלען צו איהר.

— יא, יא, האָט זיא געזאָגט, נאָר איהר האָט ניט וואס צו זשאַלעווען דיא פערגאַנגענהייט, גראַף. ווענדליג איך פערשטעה אייער איצטיגען לעבען, וועט איהר שטענדיג דערמאָנען מיט פערגניגען, ווייל דיא זעלבסט־אויפאָפּפערונג מיט וועלכע איהר לעבט איצט ...

— איך נעהם נישט אָן אייער קאָמפּלימענט, האָט ער איהר אין דער ניך איר־בערנעשלאָגען. אין געגענטהייל, איך הער ניט אויף צו מאַכען זיך פאָרווירפע. נאָר דאָס איז גאָר ניט קיין אינטערעסאַנטער געשפּרעך.

און ווידער האָט זיין בליק אָנגענומען דעם פריהערדיגען קאַלטען און טרוקע־נעם אויסדרוק. נאָר מארי האָט שוין ווידער אין איהם געפונען יענעם מענשען, וועלכען זיא האָט געקענט און געליעבט, און זי האָט איצט פאר זיך נאָר געזעהן יענעם מענשען.

— איך האָב געדיינקט, אז איהר וועט מיר עס ערלויבען צו זאָגען אייך, האָט געזאָגט מארי, מיר האָבען זיך אַזוי בעפריינדעט מיט אייך... און מיט אייער פאַ־מיליע און איך האָב געדיינקט אז איהר וועט ניט רעכענען פאר אונגעב [illegible]

אנטהייל נעהמען; נאָר איך האָב געהאט א טעות, האָט זיא געזאָגט און איהר קול האָט א ציטער געטאָן. איך ווייס ניט פאר וואָס נאָר פריהער זייט איהר געווען נאָר אנדערס און...

— עס זיינען פאראן טויזענדער אורזאכען פאר וואָס. איך דאנק אייך, האָט ער געזאָגט שטיל. עס איז שווער א מאָל.

— אזוי, אָט דאָס איז דיא אורזאכע! האָט זיא געזאָגט ביי זיך אין הארצען. ניין, ניט זיין פרייליכקייט, גוטען און אָפענעם בליק האָב איך אין איהם ליעב געקראָגען, ניט זיין שעהן אויסזעהען אליין איז מיר געפעלען געוואָרען; איך האָב בעגריפען זיין שטייפע און זעלבסטאויפאָפּפערענדע זעעלע. יא, ער איז יעצט אָרעם און איך בין רייך.... יא, נאָר דערפאר. יא, ווען דאָס זאָל ניט זיין......

און דערמאָנענדיג זיך זיין פריהערדיגע צערטליכקייט, און קוקענדיג אויף זיין גוטע און טרויעריגע געזיכט, האָט זיא פלוצים פערשטאַנען דיא אורזאכע פון זיין קאלטקייט.

—פאר וואָס, גראף, פאר וואָס? האָט האָט זי פלוצים כמעט ווי אויסגעשריען, צוקומענדיג ניט ווילענדיג צו איהם. זאָגט מיר, פאר וואָס. איהר דארפט זאָגען.

ער האָט געשוויגען.

— איך ווייס ניט, גראף, אייער „פאר וואָס“, האָט זיא פאָרטגעזעצט. נאָר מיר איז שווער, מיר...... איך זאָג עס אָפען. איהר ווילט פאר עפּעס רויבען מיך פון אייער פריהערדיגער פריינדשאפט און דאָס טהוט מיר וועה. טרערען זיינען ביי איהר ארויסגעטראָטען אין דיא אויגען. איך האָב געהאט אזוי ווייניג גליק אין מיין לעבען אז יעדער פערלוסט איז מיר שווער......פערצייהעט מיך, לעבט וואהל.

זיא האָט זיך פלוצים צוואוויינט און איז אוועק פון צימער.

—אום גאָטעס ווילען, ווארט, פירסטין! האָט ער אויסגעשריען, זוכענדיג איהר אבצוהאלטען. פירסטין!

זיא האָט זיך אומגעקוקט. עטליכע מינוט האָבען זיי שטיל אנגעקוקט איי־נער דעם צווייטען אין דיא אויגען, און דאָס וואָס פריהער איז געווען ווייט און אונמעגליך איז איצט געוואָרען מעגליך, נאָהענט און אונפערמיידליך.

* * *

אין הערבסט פון יאָהר 1813 האָט ניקאָלאַי חתונה געהאט מיט פירסטין מאַרי און זיי זיינען איבערגעפאָהרען צוזאַמען מיט זיין מוטער און סאָניא'ן אין דיא

בערג". .

אין פיער יאהר האט ער אויסגעצאהלט די איבריגע חובות, מיט ריהרענדיג זיין פרויס ניטער, און בעקומענדיג א קליינע ירושה נאכ'ן טוידט פון זיינע א קוזינע, האט ער אויך בעצאהלט דעם חוב פיער'ן.

נאך אין דריי יאהר ארום, אין 1820 האט ניקאלאי אזוי איינגעארדענט זיינע געשעפטען, אז ער האט צוגעקויפט נאך א קליינע גוט נעבען די קאהלע בערג און האט געפיהרט א פערהאנדלונג אויסצוקויפען זיין פאטער'ס גוט „אטראדנע" וואס איז געוועזן זיין הייסטער וואונש.

ניקאלאי האט זיך גענומען צו בעל הבת'ישקייט, ווייל ער וואט קיין אנדער ברירה ניט געהאט, נאר באלד האט ער זיך אין דעם אזוי אריינגעצויגען, אז ער האט דיזע בעשעפטיגונג ליעב געקריגען און האט דערצו אבגעגעבען זיין גאנצע צייט ער איז געווען א'ן איינפאכער בעל הבית און האט געלאכט פון דיא טהעארעטישע ביכער, וויא צו פיהרען א בעל הבתישקייט; ער האט זיך ניט צוגעקוקט צום פויער און צו זיינע דרכים און האט זיך פון איהם געלערנט, וואס גוט איז און וואס איז שלעכט און וואס מען דארף און וואס מען דארף ניט.

די איינציגע זאך, וואס איהם האט געפלאגט אין בעצוג צו זיין בעל הבתישען איז געווען זיין היציגקייט און דיא הוזארישע געוואוינהייט צו געבען די הענד פריי־הייט. דיא ערסטע צייט האט ער אין דעם ניט געזעהן קיין שלעכטעס, נאר אויף'ן צווייטען יאהר נאך דער חתונה האט זיך זיין בליק אויף דעם געענדערט.

א מאל זומער צייט האט ער געשיקט נאך'ן באגוטשאראוואר סטאראסטא, וועלכער האט פערביטען דעם פערשטארבענעם דראן און וועלכער האט זיך בע־שולדיגט אין פערשיעדענע שווינדלען און אין ניט טהאן וואס ער האט געדארפט. ניקאלאי איז ארויסגעקומען צו איהם אויף'ן גאנעק, און גלייך נאך דיא ערסטע פאאר ווערטער, וואס דער סטאראסטא האט געזאגט, האבען זיך דערהערט גע־שרייען און קלעפ. ווען ניקאלאי איז געקומען אהיים צו פריהשטיק, האט ער גע־נומען דערצעהלען זיין ווייב, וויא זיין געוואוינהייט איז געווען, וואס האט פאסירט דיזען פריהמארגען און צווישען איבריגען האט ער אויך דערצעהלט וועגען דעם באַ־גוטשאראוואר סטאראסטא. אין מארי'ן האבען זיך געביטען אלע קאלארען און מיט איינגעפרעסטע ליפען איז זיא געזעסען, ניט אויפהויבענדיג דעם קאפ און ניט ענטפערענדיג איהם קיין ווארט.

—אזא עזות'ניק! האט זייך ניקאלאי געקאכט ביי דער איין ערא'ינערונג וועגען

איהם. ווען ער זאָל שיר זאָגען, אז ער איז געוועזען שכור, ער האָט ניט געזעהן .... וואָס איז דיר געוואָרען, מארי? האָט ער געפרעגט פלוצים.

מארי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, נאָר זי האָט ווידער גענומט אראבלאָזען דיא אויגען און איינפרעסען דיא ליפּען.

— וואָס איז דיר? וואָס איז אזוינס, מיין פריינד?

מארי איז שטענדיג געוואָרען שעהנער יונג. זי האָט געוויינט זי. האָט קיין מאָל ניט געוויינט פון וויהטאָג אָדער פערדרוס, זאָנדערן פון קומער און מיטלייד און ווען זיא האָט געוויינט, זיינען איהרע שטראַהלענדע אויגען געווען פּראַכטפאָל.

וויא נאָר ניקאָלאַי האָט איהר אָנגענומען פאַר דער האַנד האָט זי זיך לענגער ניט געקענט איינהאַלטען און האָט זיך צוּוויינט.

— ניקאָלאַיס, איך האָב געזעהען .... ער איז טאַקע שולדיג, אָבער דוא, פאַר וואָס האָסטו? ניקאָלאַס!

און זיא האָט פערשטעלט דאָס געזיכט מיט דיא הענד.

ניקאָלאַי איז אנשוויגען געוואָרען, א רויטע פאַרב איז איהם אַריין אין געזיכט און אבגעוויזענדיג שטיל פון איהר, האָט ער גענומען געהן איבערן צימער. ער האָט פערשטאַנען דיא אורזאַכע פון איהר וויינען. נאָר וואָס אזוינס האָט ער געטהאָן? ער האָט דורכגעפּאַטשט א פויער, איז אזא שלעכטע זאַך? יעה, דאָס זיינען ווייבערשע געשיכטעס, האָט ער געזאָגט צו זיך, ניט קענענדיג איינשטימען מיט זיין פרוי אין א זאַך, וואָס איהם האָט געשיינט גאַנץ נאַטירליך. דאָך האָט ער זיך ניט געקענט ענטשליסען וויא אזוי צו ענטפערן אויף דער פראַגע, צו אזוי דאַרף זיין אָדער אזוי איז שלעכט. ער האָט נאָך א מאָל א קוק געטהאָן אויף איהר ליידענדע און ליעבענדע געזיכט און ער האָט פלוצים פערשטאַנען, אז זיא איז געווען גערעכט און ער האָט זיך שוין לאַנג פערשולדיגט געגען איהר.

— מארי, האָט ער געזאָגט שטיל צוגעהענדיג צו איהר. דאָס וועט מעהר קיין מאָל ניט זיין, איך גיב דיר מיין וואָרט. מעהר קיין מאָל ניט, האָט ער ווידערהאָלט מיט א קול, וואָס האָט א צטער געטהאָן, ווי א אינגעל, ווען ער בעט אום פערצייהונג.

פון מארי'ס אויגען האָבען גענומען פליסען טרערען נאָך עפּטער. זיא האָט אָנגענומען ניקאָלאַי'ס האַנד און א קוש געטהאָן איהר.

— ניקאָלאַס, ווען האָסטו עס צובראָכען דיין רינג? האָט זי געפרעגט, קוקענדיג אויף זיין האַנד, אום צו געבען דעם געשפּרעך אן אַנדער ווענדונג.

— היינט: אלץ צוליעב דעם. אח, מארי, דערמאן מיר ניט וועגען דעם. ער איז ווידער רויט געווארען. איך גיב דיר מיין עהרען ווארט, אז דאס וועט מעהר ניט זיין. און זאל דאס מיר זיין אן אנדענקונג אויף אויביג, האט ער געזאגט, ווייזענדיג אויפ'ן צובראכענעם רינג.

פון דאן אן ווען ער האט געהאט אן ערקלערונג מיט דיא סטאראסטאס אז די פערוואלטער פון זיינע גיטער און זיינע הענד האבען זיך גענומען צונויפדריקען אין קולאקעס און דאס בלוט האט איהם אריינגעשפארט אין געזיכט, האט ניקאלאי געדרייט דעם צובראכענעם רינג אויפ'ן פינגער און אראבגעלאזט די אויגען. דאך א מאל צוויי אין יאהר פלעגט ער זיך פערגעסען און דאן קומענדיג א היים האט ער זיך מודה געווען פאר'ן ווייב און ווידער פערשפראכען, אז דאס איז געווען דאס לעצטע מאל.

— מארי, דו האסט מיך, זיכער, האט ער גערעדט צו איהר, און איך בין דאס ווערט.

— דו נעה אוועק וואס גיכער, ווען דו דערפיהלסט, אז דו ביזט ניט אין שטאנד איינצוהאלטען זיך, האט מארי גערעדט טרויעריג, זוכענדיג צו טרייסטען איהר מאן.

ניקאלאי האט געלעבט מיט זיין ווייב אזוי גוט, אז אפילו סאניא און די אלטע גרעפין, וועלכע האבען פון אייפערזוכט געוואונשען, אז צווישען זיי זאל זיין עפעס א מיספערשטענדניס, האבען אבער ניט געפונען קיין אויסרייד צו מאכען פאר־ווירפע. אפט נאך דיא סאמע גליקליכסטע פער'אדען, פלעגט אויף זיי אנפאלען א געפיהל פון פרעמדקייט און פיינדליכקייט; דיעזעס געפיהל פלעגט זיך ווייזען מעהרסטענטהיילס ווען מארי האט געטראגען.

דעם 5טען דעצעמבער, א טאג פאר ניקאלאי'ס געבורטסטאג, זיינען אין די „קאהלע בערג" געווען געסט און מען האט זיך געריכט אויף מארגעדיגען יום טוב. צווישען דיא געסט איז דא געווען נאטאשא מיט איהרע קינדער, און ניקאלאי'ס אלטער פריינד, א'ן אויסגעצייכענטער גענעראל וואסילי פעדעראוויץ דעניסאוו.

נאטאשא מיט'ן מאן מיט דיא קינדער זיינען שוין דא געווען צו גאסט א פאר חדשים. פיער איז אבגעפאהרען אין פעטערסבורג אויף דריי וואכען, נאר עס זיינען שוין אוועק זיעבען און ער איז נאך אלץ ניט געקומען צוריק.

ניקאלאי איז געקומען צום מיטאג און האט זיך געזעצט צום טיש, וואס איז געווען געגרייט פאר צוואנציג פערזאן. וויא נאר ער האט זיך געזעצט אויף זיין

ארט האָט מארי פערשטאַנען פון דער בעוועגונג מיט וועלכע ער האט אראָבגענר מען דיא סאַלפעטסע און אין דער גיך אַבגעשטעלט דאָס גלאָז און גלעזעל, אז ער איז אין א שלעכטען מוטה, וויא עס טרעפט מיט איהם א מאָל פאר'ן זופּ. מארי האָט איהם שוין גוט געקענט, און ווען זיא איז אליין געווען אין א גוטען מוטה, האָט זיא רוהיג אַבגעוואַרט ביז נאָך'ן זופּ און דאַן אָנגעהויבען מיט איהם צו רעדען און געצוואונגען איהם מודה זיין זיך, אז ער האָט ניט פאר וואָס צו זיין אין כעס. נאָר היינט האָט זיא עס פערגעסען און האָט זיך דערפיהלט אונגליקליך, וואָס ער בלאָזט זיך אויף איהר גאר אָהן אַן אורזכע. זיא האָט איהם געפרעגט, וואו ער איז געוועזן. ער האָט געענטפערט. זיא האָט איהם ווידער געפרעגט, צו איז אלץ אין אָרדנונג און ער האָט זיך א קרים געטהאָן פון איהר אונגאַטירליכען טאָן.

„אזוי, האָב איך קיין טעות ניט גהאט", האָט זיא געזאָגט צו זיך; און פאר וואָס איז ער אויף מיר אין כעס ?"

דאָס געשפּרעך ביים טיש איז באַלד געוואָרען לעבעדיג, א דאַנק דעניסאָוו'ן, און מארי האָט ניט גערעדט מיט'ן מאַן. ווען מען האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש, האָט זיא געפרעגט איהר מאַן, פאר וואָס איז ער אין כעס אויף איהר.

— דו טראָגסט זיך שטענדיג ארום מיט מערקווירדיגע געדאַנקען. איך האָב אפילו ניט געדענקט צו זיין אין כעס, האָט ער געזאגט.

נאָר פון דעם וואָרט „שטענדיג" האָט זיא ארויסגעטראָגען: „יא, איך בין אין כעס, נאָר איך וועל דיר ניט זאָגען.

ער האָט זיך ענטשולדיגט פאר דיא געסט און איז אוועק צולעגען זיך אָב־רוהען.

„יא, האט מארי געטראַכט, מיט אַלעמען רעדט ער נאר ניט מיט מיר. איך ווייס אז איהם עקעלט פון מיר. איבערהויפּט ווען איך בין אין דער לאַגע". זיא האט א קוק געטהאָן אויף איהר גרויסען בויך און דערנאָך אין שפּיגעל אויף איהר געלבליכע און אויסגעמאָגערטע געזיכט.

אין איהר איז מיט א מאָל אלץ געוואָרען אונאַנגענעהם: דעניסאָוו'ס שרייען און לאַכען, נאטאשא'ס ריידען און איבערהויפּט דער בליק, וואָס סאָניא האָט אויף איהר א וואָרף געטהאָן.

זיצענדיג נאָך א ווײלע מיט דיא געסט און ניט פערשטעהענדיג קיין וואָרט וואָס זיי האָבען גערעדט, האָט זיא זיך שטיל אויפגעהויבען און איז אוועק אין קינדער־צימער.

דיא קינדער זיינען ארומגעפאָהרען אויף שטוהלען אין מאָסקווע און האָבען איהר איינגעלאַדען צו פאָהרען מיט זיי. זיא האָט זיך געזעצט, געשפּיעלט מיט זיי, נאָר דער געדאַנק וועגען מאַן, אז ער איז אין כעס אויף איהר אומזיסט, האָט איהר ניט אויפגעהערט צו ענגבערען. זיא האָט זיך אויפגעהויבען און טרעטענדיג שווער אויף דיא שפּיץ-פינגער, האט זיא זיך געלאָזט געהען צום ציממער, וואו ניקאָלאַי האָט זיך איצט צוגעלעגט.

„פיעלייכט שלאָפט ער ניט, איך וועל מיט איהם איבעררײדען", האט זיא געזאָגט צו זיך. אנדריושא, איהר עלטערער איינגעל האט איהר נאָכגעמאכט און איז איהר נאָכגעגאַנגען אויף דיא שפּיץ-פינגער. מארי האט עס ניט באַמערקט.

— ליעבע מארי, ער שלאָפט, דוכט זיך, האָט געזאָגט סאָניא, וועלכע זיא האָט איצט אָנגעטראָפען. אנדריושא קען איהם נאָך אויפוועקען.

מארי האט זיך אומגקוקט און האט דערזעהן הינטער זיך אנדריושא. זיא האט דערפיהלט, אז סאניא איז גערעכט און טאקע דערפאר האט זיא אויפגעפלאמט פון כעס און האט זיך קוים איינגעהאַלטען ניט צו זאָגען א גראָבען וואָרט זיא האט קיין זאך ניט געזאגט, האט נאר געמאכט א צייכען אנדריוש'ן, אז ער זאָל ניט מאכען קיין גערויש און איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר. זיא האָט געהערט זיין גלייכמעסיגען אטהעמען און האָט געזעהע פאר זיך זיין גלאַטען שעהנען שטערן, זיינע וואָנסען, דאָס גאנצע געזיכט, אויף וועלכע זיא פלעגט קוקען לאַנג אין דיא שטילע נאכט ווען ער פלעגט שלאָפען. ניקאָלאַי האָט זיך פלוצים א קעהר געטהאָן און האָט זיך דאביי אָבגעהוסט. אין דעם אויגענבליק האט אנדריושא אויסגעשריען פון הינטער דער טהיר:

— פאפא, דיא מאמא שטעהט דאָ!

מארי איז בלייך געוואָרען פון שרעק און האט אָנגעהויבען צו מאכען דעם זוהן צייכענס. ער איז אנשווייגען געוואָרען און א שרעקליכע מינוט פון שווייגען איז אריבער. זיא האָט געוואוסט, וויא ניקאָלאַי האָט פיינד, אז מען וועקט איהם. פלוצים האָט זיך ווידער דערהערט פון ניקאָלאַי'ס צימער א קרעכץ, א קעהר, און א אונצופריעדענער קול:

— א מינוט רוהען לאָזט מען ניט. דאָס ביזטו, מארי? פאר וואָס האָסטו איהם געבראַכט אהער?

— איך בין נאָר צוגעגאַנגען א קוק טהאָן, איך האָב ניט געזעהען.... ענטשולדיג....

ניקאָלאַי איז אנשוויגען געוואָרען. מארי איז אבגעטראָטען פון טהיר או אריינגעפיהרט אנדריושא'ן אין קינדער צימער. אין א מינוט פינף ארום האט זיך די דריי יעהריגע נאטאשא, מיט שווארצע אויגען, דעם פאָטער'ס ליעבלינג, דערוואוסט פון ברודער, אז דער פאָטער שלאָפט און די מוטער געפינט זיך אין א דאבי אינגען מער. זיא איז גלייך צוועקגעלאָפען צום פאָטער, האט מוטהיג א סקריפע געטאָן מיט דער טהיר, איז מיט ענערגישע טריט צוגעלאָפען צום פאָטער, וואָס איז געלעגען צו איהר מיט'ן רוקען, האט זיך אויפגעהויבען אויף די שפּיץ פינגער און האט איהם א קוס געטהאָן אין האנד, וואָס ער האט געהאלטען פער־לעגט אונטערן קאָפּ. ניקאָלאַי האט זיך אומגעקעהרט צו איהר מיט א גליקליכען שמייכעל אויף'ן געזיכט.

— נאטאשא! נאטאשא! האט זיך דערהערט פון הינטער דער טהיר מארי'ס צושראָקענער שעפטשען: דער פאפּא וויל שלאָפען.

— ניין, מאמא, ער וויל ניט שלאָפען, האט זיא געענטפערט מיט אן איבער־צייגטען קול. ער לאכט.

ניקאָלאַי האט אראָבגעלאָזט די פיס, האט זיך אויפגעהויבען און גענומען איהר צו זיך אויף די הענד.

— קום אריין, מאשא, האט ער געזאָגט צום ווייב.

מארי איז אריין אין צימער און האט זיך געזעצט נעבען מאַן.

— איך האב ניט געזעהען, ווי ער איז מיר נאָכגלאָפען, האט זיא זיך גענומען פערענטפערן.

ניקאָלאַי, האלטענדיג מיט איין האנד די טאָכטער, האט א קוק געטהאָן אויף'ן ווייב און בעמערקענדיג איהר אונשולדיגען אויסדרוק פון געזיכט, האט ער איהר ארומגענומען מיט דער צווייטער האנד און האט איהר א קוס געטהאָן אין די האָר.

— קען מען קושען די מאמא? האט ניקאָלאַי געפרעגט ביי נאטאשא.

נאטאשא האט פערשעמט געשמייכעלט.

— נאָך א מאָל! האט זיא געזאָגט מיט א בעפעהלענדע מינע, ווייזענדיג אויף דעם זעלבען אָרט, וואו ניקאָלאַי האט א קוס געטהאָן זיין ווייב.

— איך ווייס ניט, פאר וואָס דו דענקסט, אז איך בין ניט ביים מוטה, האט ניקאָלאַי געזאָגט, ענטפערנדיג אויף דער פראגע, וואָס איז געווען ביי זיין ווייב אין הארצען.

— דו קענסט זיך ניט פאַרשטעלען, וויא אונגליקליך איך פיהל זיך, וויא איינזאם, ווען דו ביזט אזוי. מיר ווייזט אלץ אויס....

— מארי, רייד ניט קיין נארישקייטען. וויא שעמסטו זיך ניט צו זאָגען, האָט ער געזאָגט פריילוך.

— מיר ווייזט אויס, אז דו קענסט מיך ניט ליעבען, אז איך בין אזוי מיאוס שטענדיג.... און נאך איצט.... אין דעם צושט......

— אך, וויא קאָמיש דו רעדסט. נאָר מאלווינס און נאָך אזעלכע האָט מען ליעב פאר וואָס זיי זיינען שעהן. אָבער דאָס ווייב ליעב איך דען? איך ליעב ניט; נאָר אזוי, איך ווייס ניט וויא צו זאָגען. אָהן דיר אָדער ווען צווישען אונז לויפט דורך א קאַץ, טויג איך אויף כפרות. וואָס, האב איך דען ליעב מיין פינגער? איך האָב איהם ניט ליעב און פרוב נאָר, שנייד איהם אָב......

— ניין, איך בין ניט אזוי, נאָר איך פערשטעה. ביזטו אויף מיר ניט אין כעס?

— שרעקליך אין כעס, האָט ער געזאָגט, שמייכעלדיג און אויפהייבענדיג זיך אין פעררייבטענדיג דיא האָר האָט ער גענומען געהן איבער'ן צימער.

—דו ווייסט, מארי וואָס איך טראַכט, האָט ער אָנגעהויבען, ווען דער שלום איז שוין געווען געמאַכט צווישען זיי. און ער האָט איהר דערצעהלט זיין פּלאַן, אז ער וועט איינרעדען פּיער'ן, ער זאָל ביי זיי בלייבען ביז פריהלינג.

מארי האָט איהם אויסגעהערט, האָט געמאַכט בעמערקונגען און האָט פון איהר זייט גענומען דענסען אויף'ן סול. איהרע געדאנקען זיינען געווען וועגען דיא קינדער.

— טען זעהט שוין אין איהר דיא פרוי, האָט זיא געזאָגט אין פראנצויזיש, ווייזענדיג אויף נאטאשא'ן. איהר בעשולדיגט אונז פרויען, פאר וואָס מיר זיינען ניט לאָגיש. זיא איז אונזער לאָגיק. איך זאָג, דער פאטער וויל שלאָפען, און זיא זאָגט: ניין, ער לאַכט. און זיא איז גערעכט.

— יא, יא, האָט געזאָגט ניקאָלאַי, און ארויפגעהמענדיג זיין טאָכטער אויף דער שטארקער האנד, האָט ער איהר ארויפגעזעצט אויף'ן אקסעל און אָנכאַפּענדיג איהר ביי דיא פיסלאך, האָט ער גענומען געהן מיט איהר איבער'ן צימער. דער פאָטער און טאָכטער האָבען ביידע גלייך געהאַט גליקליכע געזיכטער.

— דו ווייסט, דו קענסט זיין אונגערעכט. דוא האָסט איהר צופיעל ליעב, האָט מארי געזאָגט אין פראנצויזיש.

— יא. נאָר וואָס זאָל איך טהאָן? איך סטאָרע זיך ניט ארויסצואווייזען עס.

אין דער צייט האט זיך דערהערט א גערויש, וויא עמיצער איז צוגעפאָהרען.

— דאָס מוז זיין פיער, איך וועל געהען אויסנעפינען, האט מארי געזאָגט און איז ארויס פון צימטער.

— דאָס איז ער, ער! האט זיא געזאָגט, צוריקקעהרענדיג, איצט האט נאַטאשא אָבגעלעבט. דו האָסט געדאַרפט זעהען איהר שמחה און וואָס זיא האָט איהם נעגעבען פאר וואָס ער האָט פערשפעטיגט.

* : *

נאַטאשא האָט חתונה געהאט אין פריהלינג פון יאָהר 1813 און ביז 1820 האָט זיא געהאט דריי טעכטער און א זוהן. זיא איז אונטער דער צייט פולער און ברייטער געוואָרען און עס איז אין איהר איצט שווער געווען צו דערקענען דיא אמאָליגע דינע און ריהרעוודינע נאַטאשא'ן. איהרע געזיכטס-ציגע האָבען איצט געהאט דעם אויסדרוק פון רוהיגע ווייכקייט און קלאָרהייט. אין דער געזיכט האָט זיך ניט געזעהען, וויא א מאָל, דאס אונאויפהערליכע פייער פון בעלעבטקייט, וואָס איז געווען איהר גאַנצער רייץ. איצט האָט זיך נאָר געזעהען איהר געזיכט און קערפער און דיא זעעלע האָט מען גאָר ניט געזעהען.

צייט איהר חתונה האָט זיא געוואָהנט מיט איהר מאַן אין מאָסקווע, אין פעטערסבורג, אין זייער גוט הינטער מאָסקווע און ביי דער מוטער, דאָס הייסט ביי ניקאָלאַיען. אין געזעלשאפט האָט מען דיא יונגע גרעפין בעזוכאיא געזעהען זעלטען, און דיא וואָס האָבען איהר געזעהען, זיינען געבליעבען אונצופריעדען. מען קען ניט זאָגען, אז זיא האָט ליעב געהאט איינזאַמקייט, נאָר טראָגען, האָבען און קאָרמענען קינדער און נעהמען אנטהייל אין יעדער מינוט פון איהר מאַן'ס לעבען, האָט זיא ניט געקענט בעפריעדיגען. דאָס אלץ, ניט אָבזאָגענדיג זיך פון דער וועלט. אלע, וואָס האָבען איהר געקענט, האָבען געקוקט אויף איהר וויא אויף א בייזען וואונדער. נאָר דיא איין אלטע גרעפין האָט זיך געוואונדערט, וואָס דיא וועלט וואונדערט זיך אויף נאַטאשא'ן. זיא האָט געזאָגט, אז זיא האָט אלע מאָל געוואוסט, אז נאַטאשא וועט זיין אן אויסגעצייכענטע ווייב און מוטער.

— זיא טרייבט נאָר צו וויט איהר ליעבע צום מאַן און צו דיא קינדער, האָט געזאָגט דיא אלטע גרעפין, און דאָס איז שוין נאַרעש.

זיא האָט זיך ניט געהאַלטען ביי דעם גאָלדערנעם כלל, וואָס קלוגע מענשען, בעזאָנדערס פראַנצויזען פרעדיגען, אז א מיידעל, האָבענדיג חתונה, דאַרף זיך ניט אָבלאָזען, דאַרף ניט צוואַרפען איהרע טאלאַנטען און דאַרף אזוי רייצען דעם

מאַן וויא זיא האט פריהער געריייצט אנדערע. נאַטאַשאַ האט גלייך נאָך דער חתונה אַוועקגעוואָרפען אלע חן'דלאַך, האט אַוועקגעוואָרפען איהר זינגען, דאָס איז געוועז א שטארקער חן. נאַטאַשאַ האָט איצט ניט געזאָרגט וועגען איהרע מאַנערען, האָט ניט געזאָרגט, אז איהרע ווערטער זאָלען זיין דעליקאַט און האט ניט געזוכט צו ווייזען זיך דעם מאַן אין איהרע שעהנסטע פארבען. זיא האָט געפיהלט, אַז יענע חן'דלאַך, וועלכע דער אינסטינקט האט איהר אויסגעלערנט צו ברויכען פריהער, וועלען איצט שיינען זעהר נארעש אין דיא אויגען פון איהר מאַן.

דער איינציגער געגענשטאַנד, צו וועלכען זיא האָט זיך איבערגעגעבען, איז געוועז דיא הויז-געזינדה, דאָס הייסט דער מאַן וועלכען מען האָט געדאַרפט האַלטען אזוי אז ער זאָל אין גאַנצען בעלאַנגען איהר, און דיא קינדער, וועלכע מען האָט געדאַרפט טראָגען, האָבען, קאָרמענען און ערציהען.

דיא ריידערייען און דעבאַטען וועגען פרויען-רעכטע, וועגען דיא פערהעלט-ניסע פון מאַן צום ווייב, וועגען פרייהייט, צוואָר זיי האָבען דאַמאָלס ניט געהייסען פראַגען זיינען זיי דאַמאָלס געוועזען פונקט אַזעלכע וויא איצט, נור דיעזע פראַגען האָבען איהר ניט נאָר ניט אינטערעסירט זאָנדערען זיא האָט זיי גאָר ניט פערשטאַנען.

דיא מיינונג פון בעקאַנטע איז געוועזען, אז נאַטאַשאַ האלט איהר מאַן אונטערן פאַנטאָפעל. גלייך נאָך דער חתונה האָט זיא ארויסגעזאָגט איהרע פאָדערונגען. דיא פאָדערונגען זיינען בעשטאַנען אין דעם, אז יעדע מינוט פון זיין לעבען בעלאַנגט צו איהר און צום הויז. פיער האָט זיך פערוואונדערט פון דיא פאָדערונגען נאָר ער האָט זיך אונטערגעגעבען.

זיין אונטערגעגעבענהייט איז בעשטאַנען אין דעם, אז ער האָט ניט געוואַגט צו ריידען מיט א שמייכעל מיט קיין פרוי, צו פאָהרען אין קלוב גלאַט אזוי, אויסצוגעבען געלד אומזיסט און אוועקצופאָהרען אויף א לאַנגע צייט פון דער היים, סיידען צוליעב געשעפט. אין דעם רעכנונג איז אויך אריינגעגאַנגען זיינע רייזען צוליעב זיין בעשעפטיגונג מיט וויסענשאַפט, אין וואָס זיא האָט גאָר ניט פערשטאַנען, נאָר וואָס זיא האָט גערעכענט פאַר זייער וויכטיג. דערפאַר האָט ער געהאַט רעכט צו פיהרען דיא הויז וויא ער האט געוואָלט. ווען ער האט געשריעבען אָדער געלייענט, זיינען אלע געגאַנגען אויף דיא שפּיץ פינגער. ער האט נאָר געדאַרפט ארויסווייזען, אז ער וויל עפּעס, און דאס איז גלייך בעשאַפען געוואָרען.

זיינענדיג צו גאסט ביי דיא ראָסטאָווס, האָט פּיער בעקומען א בריעף פון א געזעלשאפט, צו וועלכע ער האָט בעלאַנגט, און מען האָט איהם געבעטען ער זאָל קומען אין פעטערסבורג, וויל עס דארפען פערהאנדעלט ווערען וויכטיגע פראגען.

ווען נאטאשא האָט איבערגעלייענט דעם בריעף, האָט זיא איהם אליין אָנגע־באָטען, ער זאָל פאָהרען, נאָר ניט זאמען זיך מעהר וויא פיער וואָכען. נאָר וויא דער משך האָט זיך געענדיגט און ער איז ניט געקומען, און צוויי וואָכען זיינען אריבער נאָכדעם, האָט זיא ניט געקענט איינרוהען.

קיינער האָט איהר ניט געקענט אזוי בערוהיגען, וויא איהר קינד, וואָס איז איצט אלט געוועזען דריי חדשים. און אין דיא צוויי וואָכען האָט זיא זיך אזוי פיעל געוועגדעט צום קינד נאָך בערוהיגונג, אז זיא האָט עס איבערגעקאָרמעט און עס איז קראנק געוואָרען.

זיא האָט געזויגען דאס קינד, ווען פּיער איז צוגעפאָהרען צום הויז, און דיא ניאַניא איז אריינגעקומען אָנזאָגען איהר.

— געקומען? האָט זיא געפרעגט שעפּטשענדיג, אום ניט אויפצואוועקען דאָס קינד.

— געקומען, האָט דיא ניאַניא געענטפערט שטיל.

דאָס בלוט האָט אריינגעשפּארט נאטאשא׳ן אין געזיכט און האָט געמאכט א בעוועגונג. נאָר דאָס קינד האָט געעפענט דיא אויגלאך און א קוק געטהאָן, וויא פרעגענדיג: „ביזטו דאָ?” און האָט ווידער פערמאכט דיא אויגלאך און גענומען שמאָצקען מיט דיא ליפּען.

נאטאשא האָט שטיל אָבגענומען פון איהם דיא ברוסט און האָט זיך געלאָזען געהן מיט שנעלע טריט צו דער טהיר. נאָר ביי דער טהיר האָט זיא זיך אָבגע־שטעלט, וויא דערפיהלענדיג א פאָרוואורף, פאר וואָס זיא איז אזוי גיך אוועק פון דעם קינד, און האָט זיך אומגעקוקט.

— געהט, געהט, זייט רוהיג, האָט געזאָגט דיא ניאַניא שמייכלענדיג.

נאטאשא איז מיט לייכטע טריט ארויסגעלאָפען אין פאָרהויז.

דעניסאָוו איז גראד יעצט ארויס פון זאאל מיט א פּיפּקע אין מויל און האָט צום ערסטען מאָל דערקענט. א העלע, פריילּיכע ליכט האָט אצט געשטראָמט פון איהר געזיכט.

— געקומען! האָט זיא צו איהם אויסגעשריען, לויפענדיג, און דעניסאָוו האָט דערפיהלט, אז ער איז מלא שמחה, וואָס פּיער איז געקומען, חגם ער האָט איהם

ניט זעהר ליעב געהאט.

אין פארהויז איז געשטאנען פיער און מען האט פון איהם אראבגעצויגען דעם פוטער. נאטאשא איז צו איהם צוגעלאפען, האט איהם ארומגענומען, צודריקענדיג שטייף צום בוזים און דערנאך ארייננעקוקט איהם אין געזיכט, וואס האט אויסגעזעהן גליקליך און צופריעדען.

און פלוצים האט זיא זיך דערמאנט אלץ, וואס זיא האט אויסגעליטען אין דיא צוויי וואכען און זיא האט זיך אויף איהם ארויפגעווארפען מיט א מבול פארווירפע און בייזע ווערטער.

— איך האב ניט געקענט קומען פריהער, אויף מיינע נאמנות. נאר וואס מאכט פעטיא?

— איצט איז ער נישקשה. נאר וויא האסטו עס קיין הארץ ניט געהאט. ווען דו זאלסט ויסען, וויא איך האב געליטען אהן דיר....

אין א פאאר מינוט איז שוין דער שטורם אריבער, און נאטאשא'ס געזיכט האט געשיינט מיט גליק.

מיט פיער'ס קומען האבען זיך אלע געפרייט. דיא בעדיענטע האבען זיך געפרייט, ווייל זיי האבען געוואוסט, אז איצט וועט גראף ראסטאוו ניט נעהען יעדען טאג בעקוקען דיא ווירטהשאפט און ער וועט זיין פרייליכער און בעסער און וויעדער וועלען זיי קריעגען רייכע מתנות.

דיא קינדער און גובערנאנטקעס האבען זיך געפרייט, ווייל קיינער האט זיי ניט געקענט מאכען אזוי פרייליך וויא ער און ער האט געוויס געבראכט אלעמען מתנות.

ניקאלענקא, וועלכער איז איצט געוועזען א פופצעהן־יעהריגער בלייכער, קרענקליכער איינגעל, מיט בלאנדע געקרייזעלטע האאר און פראכטפאלע אויגען, האט זיך געפרייט דערפאר, ווייל ער איז געוועזען ענטציקט פון און ליידענשאפטליך פערליעבט אין דעם אנקעל פיער, וויא ער האט איהם גערופען. קיינער האט איהם ניט איינגעגעבען קיין בעזאנדערע ליעבע צו פיער'ן. מארי האט אנגעווענדעט אלע קרעפטען, אז ניקאלענקא זאל ליעבען איהר מאן אזוי, וויא זיא ליעבט איהם; ניקאלענקא האט איהם געליעבט, נאר געליעבט האט ער איהם מיט א קוים בעמערקבארען שאטען פון פעראכטונג. פיער'ן אבער האט ער פערגעטערט. ער האט ניט געוואלט זיין קיין הוזאר, וויא ניקאלאי, זאנדערען א געלעהרטער, קלוגער און גוטער וויא פיער. אין פיער'ס געגענווארט האט זיין געזיכט שטענדיג

געשיינט און דיא קאָלאָרען פלעגען זיך אין איהם בייטען און אטהעם האט איהם פערבעהלט, ווען פיער האָט זיך געווענדעט צו איהם. ער האָט ניט דורכגעלאָזט קיין וואָרט פון דעם, וואָס פיער האָט גערעדט און נאָכהער האָט ער מיט זיך אליין איבערגעדענקט יעדעס וואָרט. פיער׳ס פערגאַנגענהייט ביז׳ן יאָהר 1812, זיינע בעגעבענהייטען אין מאָסקווע און אין פלען, זיין ליעבע צו נאטאשא (וועלכע ער האָט בעזאָנדערס ליעב געהאט) און דיא הויפט זאך זיין פריינדשאפט מיט זיין פאָטער (וועלכען ער האָט ניט געדענקט) דאָס אלץ האָט געמאכט פיער׳ן אין זיינע אויגען פאר א העלד און א הייליגקייט.

דיא געסט זיינען געוועזען צופריעדען מיט פיער׳ס קומען, ווייל מיט איהם איז דאָס געזעלשאפט געוואָרען לעבעדיגער.

דיא שטובינע זיינען געוועזען צופריעדען, ווייל ווען ער איז געוועזען, איז געוועזען לעבעדיגער און פרייליכער.

פיער האָט עס אלץ געפיהלט און האָט געזעהען צו געבען יעדען איינעם וואָס האָט געוואָלט.

(ענדע)

געקליבענע שריפטען

פון דעם גרעסטען דייטשען דיכטער

י. וו. געטהע

אין פיער פראכטפאלע בענדער.

ענטהאלטען פאלגענדע ווערקע:

1. געטהע'ס ביאגראפיע.
2. ווערטהער'ס ליידען.
3. דאס מערכען.
4. פאוסט.
5. עגמאנט.
6. די משוגעת פון א פער־ליעבטען.
7. די וועטטע.
8. געטץ פון בערליכענגען מיט דער אייזערנער האנד.
9. קלאוויגא.
10. דער בירגער גענעראל.
11. די אויפגערעגטע.

געטהע'ס ווערק זיינען די פערל פון דער וועלט־ליטעראטור. עס איז כמעט ניטא א שפראך אין וועלכער עס זאל ניט זיין איבערזעצט געטהע'ס ווערק און עס איז אויך ניטא איין ציוויליזירטער מענש, וואס זאל ניט האבען געלעזען געטהע'ס ווערק.

געטהע'ס גרויסקייט ליעגט אין דעם, וואס זיינע טיפען און בילדער זיינען פול מיט פילאזאפישע געדאנקען און ערהאבענע אידעען.

געטהע האט געהאט בכח אריינצודרינגען אין די טיעפעניש פון דער מענשליכער נשמה און מאהלען אזעלכע בילדער, וועלכע זאלען מאכען א גרויסען איינפלוס אויף דער מענשליכער געזעלשאפט.

די 4 בענדער געקליבענע שריפטען פון י. געטהע

וועלכע מיר האבען יעצט ארויסגעגעבען אין אידיש, זיינען די בעסטע, וועלכע זיינען ארויס פון זיין פעדער און וועלכע האבען צו זייער צייט, ווען זיי זיינען געשריבען, אויפגעשטורעמט די גאנצע וועלט.

פרייז בלויז 4 דאלאר

(פארטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.